KARL MARX
DAS KAPITAL

דאָס קאַפּיטאַל

קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע

פון

קאַרל מאַרקס

י״ שטער באַנד.

פראגרעסיווער ארבייטער
יונגער קלוב

איבערגעזעצט נאך ק. קאוטסקי׳ס דייטשע פאָלקסאויסגאַבע.
פון דר. י. א. מעריסאָן.

ארויסגעגעבען פון דער
קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט.
ניו יאָרק, 1917.

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/daskapital0000karl_p7f0

אינהאַלט

זייט

פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — — 6

פאָרוואָרט פונ׳ם איבערזעצער — — — — — — — — — — 7

קארל מארקס: א ביאָגראַפישע סקיצע — — — — — — — — 22

פאָרוואָרט פונ׳ם פערפאַסער צו דער ערשטער אויפלאַגע — — 33

נאָכוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע — — — — — — — 39

ערשטער אָבטייל

סחורה און געלד.

ערשטער קאַפּיטעל: סחורה — — — — — — — — — — 55

1. די צוויי פאַקטאָרען פון סחורה: געברויך־ווערטה און ווערטה — — — — — — — — — — — — 55

2. דער טאָפּעלט־כאַראַקטער פון דער ארבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין סחורות — — — — — — — — 64

3. די ווערטה־פאָרם אָדער דער טויש־ווערטה — — — — 74

4. דער פעטיש־כאַראַקטער פון סחורה און זיין סוד — 108

צווייטער קאַפּיטעל: דער פּראָצעס פון אויסטויש — — — 129

דריטער קאַפּיטעל: דאָס געלד אָדער די צירקולאַציע פון סחורות — — — — — — — — — — — — 143

1. די מאָס פון ווערטהען — — — — — — — — — — 143

2. דער צירקולאַציאָנס־מיטעל — — — — — — — — 157

3. געלד — — — — — — — — — — — — — — 196

זייט

אכטער קאפיטעל: דער ארבייטס־טאָג — — — — — — — — — — 350

1. די גרעניצען פון ארבייטס־טאָג — — — — — — — — — 350

2. דער אונגעזעטיגטער הונגער נאָך מעהר־ארבייט. פאבריקאנט און באָיאר — — — — — — — — — 356

3. ענגלישע אינדוסטריע צווייגען, וואָס האָבען ניט קיין געזעצליכע גרעניצען פון עקספּלואטאציע — — 368

4. טאָג־ און נאכט־ארבייט. דער סיסטעם פון איין רייה נאָך דער אנדערער — — — — — — — — — — 388

5. דער קאמף פאר א נאָרמאַלען ארבייטס־טאָג. צוואנג־געזעצען צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאָג פון מיטען 14טען ביז'ן סוף 17טען יאָהרהונדערט — 400

6. דער קאמף פאר א נאָרמאַלען ארבייטס־טאָג. די ענג־לישע פאבריק־געזעצגעבונג פון 1833 ביז 1864 — — 422

7. דער קאמף פאר א נאָרמאַלען ארבייטס־טאָג. די צו־ריק־ווירקונג פון דער ענגלישער געזעצגעבונג אויף אנדערע לענדער — — — — — — — — — 453

נײנטער קאפיטעל: די ראטע און מאסע פון דעם מעהר־ווערטה — — — — — — — — — — — — — 462

צווייטער אבטייל
די פערוואנדלונג פון געלד אין קאפיטאל.

פערטער קאפיטעל: די פערוואנדלונג פון געלד אין קאפיטאל 223

1. די אלגעמיינע פארמולע פון קאפיטאל — — — — — 223
2. די ווידערשפרוכען פון דער אלגעמיינער פארמולע — 237
3. קויף און פערקויף פון דער ארבייטס־קראפט — — 253

דריטער אבטייל
די פראדוקציאן פון דעם אבסאלוטען מעהרווערטה.

פינפטער קאפיטעל: דער ארבייט־פראצעס און דער פער־ווערטונג־פראצעס — — — — — — — — — — — 270

1. דער ארבייט־פראצעס אדער די פראדוקציאן פון גע־ברויך־ווערטהען — — — — — — — — — — — — — 270
2. דער פערווערטונג־פראצעס אדער די פראדוקציאן פון מעהרווערטה — — — — — — — — — — — — — 281

זעקסטער קאפיטעל: בעשטענדיגער קאפיטאל און פערענ־דערליכער קאפיטאל — — — — — — — — — 304

זיעבעטער קאפיטעל: די ראטע פון דעם מעהרווערטה — — 322

1. דער גראד־עקספלואטאציע פון דער ארבייט־קראפט 223
2. דער אויסדרוק פונ'ם ווערטה פון פראדוקט אין פראָ־פארציאנעלע טיילען פון פראדוקט — — — — — 335
3. סיניאר'ס „לעצטע שטונדע" — — — — — — — — — 340
4. דער מעהר־פראדוקט — — — — — — — — — — — 348

פאָרוואָרט פונ׳ם איבערזעצער.

די איבערזעצונג פון מארקס׳ „קאפיטאל״, די גרעסטע אונ־טערנעהמונג, וואָס די יונגע וויסענשאפטליכע ליטעראטור אין אידיש האָט ביז איצט געוואגט דורכצופיהרן, איז, פערשטעהט זיך, געוועזן פערבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען. אויב וויסענשאפט בכלל איז שווער איבערצוגעבען אין א שפראך, וואָס האלט נאָך אין ווערן—ווען דער שרייבער מוז ניט נאָר צוגרייטען דעם אינהאלט, נאָר אין א גרויסען טייל אויך שאפען בעת מעשה די כלים, וואו אריינצוגיסען דעם אינהאלט—איז אָט די ספּעציעלע וויסענשאפט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכע האָט צוליעב איהר טרוקענקייט און טונקעלער פערוויקעלטקייט פערדיענט דעם נאָמען „די אומעטיגע וויסענשאפט״, אודאי שווער איבערצוגעבען אין אונזער אמביציעזער אָבער בלוט־ארימער פאָלקס־שפּראך.

אָט די שוועריגקייטען ווערן אָבער נאָך פערפיעלפאכט, ווען מען האָט אין זין, אז „קאפּיטאל״ איז ניט סתם פּאָליטישע עקאָנאָמיע און מארקס איז ניט בלויז א געניאלער פערפאסער. פּאָליטישע עקאָנאָמיע אלס א וויסענשאפטליכער געגענשטאנד מעג בעצם זיין טרוקען, פערוויקעלט און ניט אנציהענד, זי איז אָבער ניט קיין הייליגקייט און מען מעג, אויב מען קאָן נאָר, זי מאכען ווייכער, קלאָרער און אינטערעסאנטער. סתם א פערפאסער, אפילו א געניאלער, איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש, וועלכען מיר דארפען נאָר זוכען צו פערשטעהן; און אויב זיין שפראך איז שווער איינצובייסען און זיינע אויסדרוק־פאָרמען זיינען פערוויקעלטע, גיט מען זיך אן עצה: מען נעהמט ארויס דעם תמצית און מען גיט עס איבער מיט אייגענע ווערטער. ניט אזוי אָבער מיט „דאָס קאפּיטאל״ פון קארל מארקס.

„דאָס קאפּיטאל״ איז אן ענטפּלעקונג פון א גרויסער וואהר־הייט. ווערטה־טעאָריען, פאָרשונגען איבער די פונקציעס פון געלד, די פּראָדוקציאָן פון סחורות און די פערטיילונג פון רייכטימער זיינען פּאָליטישע עקאָנאָמיע: די לעהרע וועגען דער פערוואנד־לונג פון געלד אין קאפּיטאל און די ענטשטעהונג פון מעהרווערטה

פון די אַרויסגעבער.

דער ערשטער באַנד פון „קאַפּיטאַל” פערנעהמט אַן ערך 1300 זייטען אין דעם פאָרמאַט פון אונזערע אויסגאַבען, און מיר זיינען געווען געצוואונגען אויס מאַטעריעלע און טעכנישע גרונדען איינצוטיילען דאָס גאַנצע ווערק אין דריי כמעט גלייכע טיילען. גליקליכערווייז שטערט ניט אָט די איינטיילונג די איינהייט פונ׳ם בוך. די דריי אָבטיילען, וואָס געהען אַריין אין אָט דעם ערשטען טייל, ענטהאַלטען „סחורה און געלד”, „די פערוואַנדלונג פון געלד אין קאַפּיטאַל” און „די פּראָדוקציאָן פון אבסאָלוטען מעהרווערטה”. דער צווייטער טייל וועט ענטהאַלטען דעם פערטען אָבטייל, „די פּראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהרווערטה”, דעם פינפטען אָבטייל „די פּראָדוקציאָן פון דעם אבסאָלוטען און רעלאַטיווען מעהרווערטה און דעם זעקסטען אָבטייל „דער ארבייטס־לוין”. דער דריטער טייל וועט ענטהאַלטען דעם זיבעטען אָבטייל „דער פּראָצעס פון קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג”. יעדער טייל איז כמעט אַ גאַנצער ענין פאַר זיך און דער כלל „אין מוקדם ומאוחר בתורה” קאָן טרעפליך אָנגעווענדעט ווערן אויף אָט דעם ווערק.

מיר דאַנקען אַלע פריינד פון דער קראַפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט פאַר זייער ביזאַהעריגער שטיצע און האָפען, אַז זיי וועלען מיט נאָך מעהר ענערגיע אונז העלפען דורכפיהרן אָט די גרויסאַרטיגע אונטערנעהמונג.

דער פערוואַלטונגס־ראַטה.

טרוקענע זאַץ־פאָרמען. פאַר דעם, וואָס איז ניט בעהאַווענט אין די וויסענשאַפטליכע אויסדרוקען, קאָנען אפשר אַזוינע זאַצען קלינגען גאַנץ פרעמד אָדער גאָר אונפערשטענדליך, אָבער זיי קלינגען וואהרשיינליך ניט וועניגער פרעמד און אונפערשטענדליך אויך אין אָריגינאַל פאַר דעם ניט־וויסענשאַפטליכען דייטשען לעזער. אַבסטראַקט־וויסענשאַפטליכע פאָרמען קלינגען אייגענטליך גלייך אין אַלע שפּראַכען. געוויס האָט אידיש דערצו נאָך דעם חסרון, וואָס פיעלע בעגריפס־ווערטער, וועלכע זיינען שוין געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכען אַלטעגליכע אומגאַנגס־ווערטער, מוזען אין איהר נאָכאַנאַנד ערשט ווערן איינגעפיהרט, און ווי יעדער נייער איינפיהר, מוזען זיי לכתחילה קלינגען פרעמד. בעהאַנדלען אָבער אַ וויסענשאַפטליכען ענין און ניט געברויכען אָדער איינפיהרן די נויטיגע בעגריפס־ווערטער, איז פונקט אַזוי מעגליך, ווי בויען למשל אַ טעלעסקאָפּ מיט די הוילע צעהן פינגער אָדער אפילו מיט די פערשפּיצטע שטיינדלעך פון דעם פרימיטיווען האַנדהווערקער. מען קאָן ניט שרייבען קיין וויסענשאַפט אין אַן איינפאַכען מאַמע־לשון.

דאָך וויל איך האָפען, אַז דער לעזער וועט ניט האָבען צופיעל אורזאַכען מתרעם צו זיין אויף דעם אידיש פון אָט דער איבערזעצונג. ווי ווייט איך האָב געקאָנט, האָב איך געזוכט אויפצוהאַלטען דעם גייסט פון דער שפּראַך אין יעדען זאַץ־בוי, און דאָס איז דאָך אייגענטליך דער עיקר; הגם מיר וועט ניט וואונדערן, אויב דער אויפמערקזאַמער קריטיקער, וועט אפשר וואו־ניט־וואו ענטדעקען אַן אויסמיידליכען גערמאַניזם. די גרעסטע אויסזעצונג פון אויבען־אויף וועט מסתמא געמאַכט ווערן אַנטקעגען די פיעלע, זעהר פיעלע פרעמד־ווערטער, וועלכע ווערן בענוצט דערהויפּט אין די ערשטע קאַפּיטלען. זייער צאָהל אָבער וועט זיך אַרויסווייזען אין אַ פערקעהרטער פּראָפּאָרציע צו דער אינטעליגענץ פון דעם לעזער. וואָס מעהר אינטעליגענט דער לעזער איז, אַלץ אַ קלענערע צאָהל וועט ער בעטראַכטען פאַר פרעמד־ווערטער, וואָס וועניגער אינטעליגענט, אַלץ מעהר ווערטער וועלען זיין פאַר איהם פרעמדע.

בכלל טיילען זיך איין די געברויכטע פרעמד־ווערטער אין צוויי סאָרטען. איין סאָרט איז אַזעלכער, וואָס מען קאָן אָהן

איז אָבער מעהר ווי דאָס—עס איז די אָפּענבאַרונג פון דער תורה פון סאָציאַליזם. דאָס קאַפּיטאַל בעהאַנדעלט ניט נאָר די גע־זעצען פון דער סחורה־פּראָדוקציאָן ווי זיי זיינען, נאָר עס פּאַסט זיי אום אין זייער פּראָצעס פון ווערן; עס ענטדעקט די געזעצען פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג; עס שאַפט אַ וועלט־אַנשויאונג און ווערט געקרוינט אַלס די ביבעל פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט...

קאַרל מאַרקס איז דער נביא פון אַ גרויסער צוקונפט. ער איז דער וויסענשאַפטליכער בעגרינדער פון דעם סאָציאַליזם; דער געזעץ־ערפינדער פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג; דער וועג־ווייזער פון פּראָלעטאַריאַט און דער מורה דרך פון זיין בע־וועגונג. אויף זיין וואָרט, זיינעם אָן אויסדרוק בויט מען תלי תלים של הלכות, און זיין נאָמען גופא איז געוואָרן אַ שטה, אַ שטרענגע שוהלע.

מיט אַזאַ בוך שפּיעלט מען זיך ניט און מיט אַזאַ פּערפאַסער נעהמט מען זיך קיין פריייהייטען ניט.

די געוועהנליכע פּינקטליכקייט און טרייהייט צום אָריגינאַל איז דעריבער פאַר אָט דער ארבייט ניט געוועזן גענוג. זעהר אָפט האָבען געמוזט בענוצט ווערן גענוי דיזעלבינגע אויסדרוקען ווי דער פּערפאַסער האָט זיי געברויכט, ווייל די קלענסטע ענדערונג וואָלט געקאָנט ארויסרופען אַ חשד אויף דער ריכטיגקייט פון דער אי־בערזעצונג. דעם איבערזעצער'ס פעסטער כלל: „גיב איבער דעם פּערפאַסער'ס זין אַזוי גענוי ווי דו פערשטעהסט, אין זיינע איי־גענע ווערטער אויב מעגליך, אין אַנדערע ווערטער אויב דו מוזט, אָבער שטענדיג אין דעם בעסטען אידיש, וואָס דו קאָנסט"—האָט אין דעם פאַל געמוזט מאָדיפיצירט ווערן אין דעם שטרענגערן רעגעל: גיב איבער אונטער אַלע אומשטענדען ניט נאָר דעם זין, נאָר אויך די פאָרם מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, אין אַ פליסיגען אידיש אויב מעגליך, אין בלויז אַ פערשטענדליכען אידיש, אויב דו מוזט.

עס פערשטעהט זיך, אַז האַלטענדיג זיך אָן דעם ספּעציעלען שטרענגערן כלל און ניט נעהמענדיג זיך די ערלויבניש מסביר צו זיין דעם ענין אפילו אין די שווערסטע פּלעצער און אין די טיעפ־סטע אויספיהרונגען, מוזען אָפּטמאָל פּאָרקומען אונגעוועהנליך־

שפּראַך בעצייכענט נאָר די ערשיינונגען פון דער אויבערפלעך. הויבט מען אָבער אָן גראָבען טיעף, שטויסט מען זיך אָן אויף בעגריפען, פאַר וועלכע עס פעהלען ווערטער אין דעם מאַמע־לשון. כדי זיי צו בעצייכענען, מוז מען ענטוועדער ערפינדען נייע ווער־טער, אָדער מען מוז נעהמען ווערטער פון אַנאַנדער שפּראַך, דאָס רוב פון לאַטיין אָדער גריכיש, און זיי געבען אַ בעזונדערן זין, וואָס שטימט ניט אינגאַנצען מיט זייער אורשפּרינגליכען זין, און דעריבער קאָן עס ניט גענוי איבערגעגעבען ווערן דורך אַ פּשוט׳ע איבערזעצונג.... אַזוינע ווערטער טאָרען נאַטירליך ניט ארויס־געוואָרפען ווערן. און איך האָב געדענקט, אַז עס איז ניט רעכט ארויסצו־וואַרפען אפילו אַזוינע פרעמד־ווערטער, וועלכע מען קאָן יאָ פערבייטען אויף דייטשע, אויב זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מאַרקסישען אויסדרוק־אופן און זיינען שוין געוואָרן אַ פעסטער בעשטאַנד־טייל פון דעם שפּראַך־אוצר פון דער מאַרקסיס־טישער ליטעראַטור.... כדי צו מאַכען אַזוינע ווערטער לייכטער פערשטענדליך, האָב איך צוגעגעבען, דאָרט וואו דאָס וואָרט קומט פאַר צום ערשטען מאָל, דאָס נעהענטסטע דייטשע וואָרט, און עס איינגעשלאָסען אין עקיגע קלאַמערן.... וואו איך האָב מורא געהאַט, אַז די צוגעשטעלטע פערטייטשונג וועט אומזיסט שטערן און אָבהאַלטען דעם פלוס פון דער ערקלערונג פון אַ געדאַנק, האָב איך די טייטש־ווערטער בעסער גאָר אויסגעלאָזט.״

גענוי דיזעלביגע מאָטיווען און אויסרעכענונגען האָבען מיך געלייטעט אין דעם געברויך פון אַזוינע פרעמד־ווערטער אין דער אידישער איבערזעצונג, אָנווענדענדיג אויך די אייגענע מעטאָדע פון צושטעלען טייטש־ווערטער אין בעזונדערע עקיגע קלאַמערן. נאָר מיר איז עס אויסגעקומען צו טהאָן אָפטער, צוליעב די גרע־סערע נויטען פון דעם דורכשניטליכען אידישען לעזער, ווי אויך אין די פעלען, וואו אַ פרעמד־וואָרט איז שוין אַן אַלטער תושב אין דייטש און נאָך נאָר אַ יונגער גר אין אידיש. פערקעהרט ווידער, וואו אַ געוועהנליך דייטשיש וואָרט איז געווען שווער איבערצוגעבען גענוי אין אידיש, האָב איך געברויכט דאָס נע־הענטסטע אידישע וואָרט לויט׳ן זין נאָך און איינגערינגעלט דאָס אָריגינעלע דייטשע וואָרט אין רונדע קלאַמערן, כדי עס זאָל קיין טעות ניט קאָנען זיין אין דעם ווירקליכען זין פון וואָרט.

איהם לחלוטין ניט אויסקומען. דאָס זיינען די טעכנישע אויס־דרוקען פון דער געגעבענער וויסענשאפט, די ספּעציעלע געצייג, אזוי צו זאָגען, פון דער בעשטימטער קאָפּ־ארבייט. יעדער האנד־ווערקער האָט זיינע געצייג און האָט פאר זיי בעשטימטע נעמען, אזוי האָט אויך יעדער וויסענשאפטליכער דענקער זיינע אויסדרו־קען פאר די בעשטימטע בעגריפען, מיט וועלכע ער אָפּערירט. מען קאָן ניט דענקען און שרייבען איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין קיין שפּראך ניט אָהן די ווערטער צ.ב.ש. „רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם", „עקוויוואלענט", „קוואליטאטיוו", „קוואנטיטאטיוו" א.אז.וו., פונקט ווי מען קאָן ניט רעדען אָדער שרייבען וועגען שוסטעריי, ניט געברויכענדיג אזעלכע משונה׳דיגע פרעמד־ווערטער ווי „קאפּול", „דראטווע" א.אז.וו. און אזוי ווי עס וואָלט קיין זין ניט געהאט, שרייבענדיג וועגען שוסטעריי, אויסצומיידען דאָס וואָרט „קאפּול" און בעשרייבען עס יעדעס מאָל אלס אזא מין שטיק האָלץ, וואָס האָט די פאָרם און מאָס פון פוס, און אויף וועלכען עס ציהט זיך אָן דער לעדער פון שוך; אזוי האָט אויך קיין זין ניט צו בעשרייבען יעדעס מאָל דעם בעגריף, וואָס ווערט איבערגעגעבען אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע דורך דעם אויסדרוק „עקוויוואלענט" וכדומה.

דער אנדער סאָרט נעהמט אריין אלע אלגעמיין־ליטעראַרישע פרעמד־ווערטער, וועלכע די געלעהרטע שרייבער אין אלע שפּראַ־כען בענוצען אזוי אָפט, אז זיי זיינען כמעט געוואָרן אינטערנאַ־ציאָנאַלע אומגאנגס־ווערטער אין וויסענשאפטליכע און פילאָזאָ־פישע ווערק. אַ טייל פון אָט די פרעמד־ווערטער קאָן פערביטען ווערן אויף איינפאכע ווערטער פון דער פאָלקס־שפּראך, און דאָרט וואו עס שאָדט ניט דער גענויקייט און שארפקייט פון דעם גע־דאנק, איז אודאי נויטיג צו געברויכען גיכער אַ לייכטען וואָרט איידער אַ שווערן. עס זיינען אָבער צווישען די אויך פאראן אַ גרויסע צאָהל, וועלכע מען קאָן ניט און מען דאַרף ניט פערבייטען אויף די גרינגערע ווערטער פון דער פאָלקס־שפּראך. אין זיין פאָררעדע צו דער דייטשער פאָלקס־אויסגאבע פון „קאפּיטאל" שרייבט קאָוטסקי וועגען דעם פונקט ווי פאָלגט:

„יעדע וויסענשאפט נויטיגט זיך אין לויף פון איהר פאָרט־שריט צו שאפען אַן אייגענע שפּראך. די געוועהנליכע אומגאַנגס־

עס וועט דערמאָנט ווערן שפּעטער. אין די דאָזיגע אויסגאַבען האָט ענגעלס אַריינגענומען די אַלע פערבעסערונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון מאַרקס׳ן אַליין אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג, ווי אויך אַנדערע ענדערונגען, וועלכע ער האָט געפונען צווישען מאַרקס׳עס נאָטיצען אויף די גליונות פון זיין האַנד־עקזעמפּלאַר פון דער צווייטער אויסגאַבע. וועגען די דאָזיגע ענדערונגען שרייבט ענגעלס אין זיין פאָרוואָרט צו דער דריטער אויפלאַגע ווי פאָלגט:

„מאַרקס האָט אין אָנפאַנג בדעה געהאַט אינגאַנצען איבער־צואַרבייטען דעם טעקסט פון ערשטען באַנד: איינינע טעאָרע־טישע פונקטען איבערגעבען בולט׳ער, צוגעבען נייע פונקטען און פערפאָלשטענדיגען דעם געשיכטליכען און סטאַטיסטישען מאַטע־ריאַל ביז צו דער לעצטער צייט. דער צושטאַנד אָבער פון זיין געזונד און די נויט צו ענדיגען די רעדאַקציע פון צווייטען באַנד האָבען איהם געשטערט זיך צו נעהמען פאַר דער דאָזיגער אַרבייט. ער האָט זיך געמוזט בענוגענען מיט די נויטיגסטע ענדערונגען און צושטעלען נאָר די הוספות, וועלכע די פראַנצויזישע אויס־גאַבע, וואָס איז דערווייליע ערשיענען, האָט שוין ענטהאַלטען.

אין דעם נאַכלאַס [די כתבים וואָס זיינען געבליבען נאָך זיין טויט] האָט זיך געפונען אַ דייטשער עקזעמפּלאַר, וועלכען ער האָט ערטערווייז קאָרעגירט און וואו ער האָט אָנגעוויזען אויף די פערבעסערונגען פון דער פראַנצויזישער אויסגאַבע, ווי אויך אַ פראַנצויזישער עקזעמפּלאַר, אין וועלכען ער האָט גענוי אָנגע־צייכענט די שטעלען, מיט וועלכע מען דאַרף זיך בענוצען. די דאָזיגע ענדערונגען און הוספות זיינען דערהויפּט געמאַכט געוואָרן אין לעצטען טייל פונ׳ם בוך, אין דעם אָבטייל: „דער אקומו־לאַציאָנס־פּראָצעס פונ׳ם קאַפּיטאַל“. דער טעקסט אין דעם אָב־טייל איז דאָס רוב געבליבען ווי ער איז לכתחילה אָנגעשריבען געוואָרן, בעת די ערשטע אָבטיילען זיינען פון אָנפאַנג אָן גרינד־ליכער איבערגעאַרבייט געוואָרן. דער סטיל איז דעריבער געווען לעבעדיגער, מעהר פון איין גוס, ער איז אָבער געווען אויך מעהר נאַכלעסיג, פול מיט אנגליציזמען און ערטערווייז ניט דייטליך.

בנוגע דעם סטיל האָט מאַרקס אַליין גרינדליך רעווידירט מעהרערע אונטער־אָבטיילען, און האָט מיר דערמיט, ווי אויך

איך וויל אויך בעמערקען, אז די איבערזעצונג פון די צאָהל־רייכע פוס־נאָטען איז בעזאָרגט געוואָרן פונקט מיט דערזעלביגער טרייהייט ווי דער טעקסט, און די אַלע רעפערענצען צו דער אומפאנגרייכער עקאָנאָמישער ליטעראַטור פון מעהרערע שפראַכען זיינען גענוי אָנגעגעבען געוואָרן ווי זיי געפינען זיך אין אָריגינאַל. פאַר דעם אַלגעמיינעם לעזער וועלען פיעלע פון זיי אפשר זיין וועניג־וואָס אינטערעסאַנט, די פאָלשטענדיגקייט אָבער פון דעם בוך פאָדערט, עס זאָל קיין וואָרט און קיין אות ניט פעהלען פון דעם מייסטער׳ס ווערק, און די וואָס ווילען זיך טיעפער גריבלען אין קאַפּיטאַל זאָלען קאָנען מיט דערזעלביגער זיכערקייט זיך פערלאָזען אויף דער אידישער איבערזעצונג, ווי אויף יעדער אַנדער אויסגאַבע אין וועלכער עס איז אַנדער שפּראַך.

וואָס איז נוגע דעם טעקסט גופא, האָט אָט די אידישע איבערזעצונג אַ גרויסען יתרון איבער אַלע פריהערדיגע אויסגאַבען און איבערזעצונגען פון קאַפּיטאַל. אידיש האָט געוואַרט לאַנג גענוג איף דעם גרעסטען ווערק פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, דערפאַר האָט זי זיך דערוואַרט אויף קאַוטסקי׳ס פאָלקס־אויסגאַבע, וואָס איז ערשיענען ערשט אין 1914, נאָך וועלכער אָט די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן. אין פרט פון פּינקטליכקייט און ריינקייט פון פעהלערן האָט די קאַוטסקי אויסגאַבע אונפערגלייכליכע מעלות, דען די גענויע ריכטיגקייט אין טעקסט פון דער „ביבעל פון פראָלעטאַריאַט“, אַזוי ווי דער קרי וכתיב פון תורת משה, מוז זיין פון דער העכסטער וויכטיגקייט.

* * *

„דאָס קאַפּיטאַל“ איז דורכגעגאַנגען איינינע רעוויזיעס אין פערשיידענע אויסגאַבען, אין אַלעמען פינף דייטשע און איין פראַנצויזישע. אין דער צווייטער דייטשער אויסגאַבע האָט נאָך מאַרקס אַליין געמאַכט בעדייטענדע ענדערונגען; אַזוי אויך אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג, וועלכע איז ערשיענען אין העפטען און איז געגאַנגען דריי יאָהר—פון 1872 ביז 1875. די נעקסטע דריי דייטשע אויסגאַבען זיינען ערשיענען נאָך מאַרקס׳עס טויט און זיינען רעדיזשירט געוואָרן פון פריעדריך ענגעלס, ווי אויך די ענגלישע איבערזעצונג, אין וועלכער וויכטיגע אויסבעסערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין די ענגלישע ציטאַטען, ווי

וועלכע האָט פערגרעסערט דעם וויסענשאַפטליכען ווערטה פון דייטשען אָריגינאַל גופא. אָבער אויסער דעם האָט ער אויך גענומען אין בעטראַכט די לייכטערע פערשטענדליכקייט פון דער פראַנצויזישער איבערזעצונג.

„מארקס האָט גערעכענט—שרייבט קאוטסקי— אז צווישען די פראַנצויזישע ארבייטער וועט ער געפינען וועניגער געדולדיגע לעזער איידער צווישען די דייטשען, און האָט דעריבער געזוכט צו מאכען גרינגער פאר זיי דעם געדאנק אין אייניגע ערטער. איך האָב מיך געפיהלט בערעכטיגט צו בענוצען אזוינע שטעלען אויך ביים צונויפשטעלען דעם דייטשישען טעקסט, וואָרים מיין אויפגאַבע איז צו מאכען דאָס בוך מעהר פערשטענדליך אויף ווי ווייט דאָס איז מעגליך, ניט אָנריהרענדיג די טיעפקייט און דעם כאראקטער פון דעם ווערק."

פאר דער פערטער דייטשער אויסגאַבע האָט ענגעלס זיך בענוצט א חוץ מיט דער פראַנצויזישער איבערזעצונג אויך מיט דער ענגלישער. אין דער ענגלישער אויסגאַבע האָט מארקס'עס טאָכטער, עלינאָר מארקס־אַוועלינג, פערגליכען אַלע ציטאַטען פון ענגלישע פערפאסער און פון די ענגלישע בלוי־ביכער, וועלכע מארקס האָט איבערזעצט אין דייטש, און זיי איבערגעגעבען לויט זייער אָריגינעלען טעקסט, אנשטאַט צוריק צו איבערזעצען זיי פון דייטש אין ענגליש, וואָס עס וואָלט אין בעסטען פאַל ניט געקאָנט שטימען מיט די אָריגינעלע אויסדרוקען פון די ציטירטע ענגלישע פערפאסער. אין זיין פאָררעדע צו דער פערטער אויס־גאָבע בעמערקט ענגעלס וועגען דעם ווי פאָלגט:

„עס האָבען זיך דערביי ארויסגעפונען פערשיידענע קליינע ניט־פינקטליכקייטען, ווי אויך א גרויסע צאָהל דרוקפעהלערן, און אָפטמאָל ניט גאָר א גליקליך־געוועהלטעס איבערזעצונגס־וואָרט. אייניגע שטעלען זיינען געוועזן ציטירט פון די אַלטע פאַריזער העפטען, פון די יאָהרען 1843-45, ווען מארקס האָט נאָך ניט פערשטאַנען קיין ענגליש און האָט די ענגלישע עקאָנאָמען גע־לעזען אין פראַנצויזישער איבערזעצונג, אזוי אז די טאָפּעלטע איבערזעצונג האָט אָפט געקלונגען גאַנץ אנדערש ווי אין אָריגי־נאַל.... פערגלייכט מען אָבער די פערטע מיט די פאָריגע אויס־גאַבען, קאָן מען זיך איבערצייגען, אז אָט דער גאַנצער מיהזאַמער

דורך פיעלע מינדליכע אַנדייטונגען, געגעבען די מאָס ווי ווייט איך מעג געהן אין דער ארבייט פון ארויסוואַרפען די ענגלישע טעכנישע אויסדרוקען און אנדערע אנגליציזמען. אין אָט דער דריטער אויפלאַגע איז אַלזאָ קיין וואָרט ניט געענדערט געוואָרן, ווענען וועלכען איך וויים ניט בעשטימט, אז דער פּערפאסער אליין וואָלט עס געענדערט.״

די הוספות אין דער פראנצויזישער אויסגאבע זיינען זעהר וויכטיגע און מארקס אליין האָט זיי צוגעגעבען אַ גרויסע בע־דייטונג, ווי מען קאָן עס זעהן פון זיין נאָכוואָרט צו דער דאָזיגער אויסגאבע, אונטער׳ן נאָמען „אַ וואונק צום לעזער״:

„הערר זש. ראָי האָט זיך אונטערגענומען צו מאכען די איבערזעצונג אזוי גענוי, און אפילו אזוי ווערטליך, ווי נאָר מעגליך. ער האָט זיין אויפגאבע ערפילט געוויסענהאפט. אָבער גראָד אָט די געוויסענהאפטיגקייט און געטרייקייט האָט מיך בעוואָגען אָפּט־מאָל צו ענדערן אַן אויסדרוק, כדי צו מאכען איהם לייכטער פער־שטענדליך פאַר׳ן לעזער. די ענדערונגען האָבען צייטענווייז גע־מוזט געמאכט ווערן אין איילעניש, ווייל דאָס בוך איז ערשיענען אין העפטען; זיי האָבען ניט געקאָנט דורכגעפיהרט ווערן מיט דערזעלביגער גענויער אויפפאסונג און דעריבער איז דער סטיל ניט ארויסגעקומען גלייכמעסיג. און אזוי ווי איך האָב זיך שוין איינ־מאָל גענומען פאַר דער ארבייט פון רעווידירן, האָב איך זיך גע־פיהלט גענויטיגט צו מאכען ענדערונגען אין טעקסט, פון דער צווייטער דייטשער אויסגאבע, גופא: פעראיינפאכען איינינע שלוס־אויספיהרונגען, אנדערע פערפאָלשטענדיגען, צושטעלען היס־טאָרישע און סטאטיסטישע הוספות, צוגעבען קריטישע בעמער־קונגען א.אז.וו. די פראנצויזישע אויסגאבע מעג האָבען איהרע ליטערארישע חסרונות, זי פערמאָגט אָבער אַ בעזונדערן וויסענ־שאפטליכען ווערטה אין פערגלייך מיט׳ן אָריגינאַל, און דאַרף דעריבער בענוצט ווערן אפילו פון די, וועלכע קאָנען לעזען דאָס בוך אין דייטש.״

קאוטסקי האָט נאטירליך זיך בענוצט מיט די אַלע אויסבע־סערונגען, וואָס מארקס האָט געמאכט אין דער פראנצויזישער איבערזעצונג, וועלכע קאָן בעטראכט ווערן מעהר ווי אַן איינפאכע איבערזעצונג, נאָר ווי איינע פון די וויכטיגסטע נייע אויסגאבען,

הויפטונג אזא תנאי, וועלכער נעהמט אוועק דעם גאנצען שפּיץ פון מארקס'עס קריטיק. איך האָב דעריבער אויסגעלאָזט די ציטאטע גאָר אינגאנצען פון אָט דער אויסגאבע, איבערהויפּט אזוי ווי עס האָט נאָך אויסער דעם קיין נויטיגען צוזאמענהאנג ניט מיט דעם עיקר הענין."

אָט די מעשה מיט מארקס'עס אומזיסטער בעמערקונג אויף א ניט־ריכטיג ציטירטען זאץ פון מילל האָט נאָך מיין מיינונג ניט געדארפט אויסגעלאָזט ווערן פון טעקסט, ערשטענס צוליעב איהר היסטאָרישען אינטערעס, און צווייטענס צוליעב די נוצען, וואָס מיר קאָנען אָפּט ציהען פון די פעהלערן פון גרויסע מענשען— עס פערשטעהט זיך, איבערגעבענדיג למען האמת אין א הערה דעם ריכטיגען נוסח פון מילל'ס זאץ און אָנווייזענדיג אויף מארקס'עס טעות. און איך ברענג עס אריין דאָ אין דער פאָררעדע, א חוץ אלס אילוסטראציע פון די נאָך־געבליבענע טעות'ן אין דער פער־טער אויסגאבע, טאקע אויך צוליעב דעם דערמאָנטען טעם, ד.ה. אין די אינטערעסען פון היסטאָרישער פּינקטליכקייט.

א חוץ אזוינע אויטאָר'שע גרייזען האָט קאָוטסקי געפונען אין דער לעצטער, דער פינפטער, אויסגאבע א גרויסע צאָהל פשוט'ע דרוק־פעהלער, וועלכע שטערן דעם זין און מאכען אָפּט־מאָל דעם זאץ גאנץ אונפערשטענדליך. ער ברענגט אלס בייי־שפּיעל גאנצע 30 אזוינע דרוק־פעהלערן, צווישען וועלכע עס גע־פינען זיך: האָפנונגסלאָזע אנשטאט האָפנונגספאָלע, וואַ־רען־בעציהונגען אנשטאט ווערקעל־בעציהונגען, מעהרהייט אנשטאט מעהראַרבייט, ארבייטס־קראַפט אנשטאט אר־בייטס־צייט, נאטירליכע אנשטאט אוננאטירליכע, א.אז.וו. אינגאַנצען האָט ער אָנגעצעהלט 150 זין־שטערענדע דרוק־פעהלערן, און ער קאָווירט נאָך ניט פאַר דער פאָלשטענ־דיגקייט פון דער דאָזיגער צאָהל.

נאָך א פערדיענסט פון אָט דער קאָוטסקי'ס אויסגאבע איז דאָס, וואָס זי איז אויסגערייניגט פון די פיעלע אנגליציזמען— ד.ה. ווערטער און זאץ־ווענדונגען, וואָס נעהמען זיך פון ענגליש— וועלכע זיינען נאָך געבליבען אין דער לעצטער דייטשער אויסגאבע. קאָוטסקי ערקלערט זייער אורשפּרונג ווי פאָלגט:

„אין דער צייט, בעת ער האָט געשריבען „דאָס קאַפּיטאל",

ריינינגונגס־פראָצעס האָט פונדעסטוועגען ניט געענדערט קיין וועזענטליכען פונקט פונ'ם בוך."

דער דאָזיגער ריינינגונגס־פּראָצעס איז אודאי געווען העכסט ניצליך, ער איז אָבער, ווי עס שטעלט זיך ארויס, ניט געגאַנגען ווייט גענוג און קאוטסקי האָט נאָך געפונען אַ רעכט ביסעל וואָס צו ריינינגען. איין ביישפּיעל צווישען אנדערע איז כדאי דאָ צו ברענגען. מארקס ציטירט אַ זאַץ פון דזשאהן סטוארט מילל און מאַכט וועגען איהם אַ פערניכטענדע בעמערקונג. ענגעלס נעהמט די ציטאַטע פון דער פראַנצויזישער איבערזעצונג און גיט עס איבער אין דייטש ווי פאָלגט:

[מילל זאָגט:] „איך זעצע איבעראל דען געגענווערטיגען שטאנד דער דינגע פאָראוים, דער ביז אויף ווענינגע אויסנאַהמען איבעראַל הערשט, דאס הייסט, דאס דער קאפּיטאַליסט אַלע פאָרשיסע מאַכט, די בעצאַהלונג דעם ארבייטער'ס אינבעגריפען."

[מארקס' בעמערקונג דערצו:] „זעלטזאַמע אָפּטישע טוישונג, איבראַל איינען צושטאַנד צו זעהן, דער ביז יעצט נור אויסנאַהמסווייזע אויף דעם ערדבאַל הערשט."

„די איבערזעצונגען זיינען געווים פאַלקאָם קאָרעקט—ווייזט אָן קאוטסקי—אָבער ענגעלס וואָלט זיי ניט אָנגעשריבען, ווען ער וואָלט מילל'ס זאַץ גענומען פון ענגלישען אָריגינאל אנשטאַט פון דער פראַנצויזישער איבערזעצונג. מילל, אין „פּרינסיפּאלס אוו פּאליטיקאַל עקאָנאָמיע", לאָנדאָן 1860, ז. 253, זאָגט:

"I assume throughout the State of things which, where the laborers and the capitalists are separate classes, prevails, with few exceptions, universally, etc."

דאָס הייסט: איך זעצע איבעראַל דען שטאַנד דער דינגע פאָראוים, דער דאָרט, וואו אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען פערשיעדענע קלאַססען בילדען, ביז אויף ווענינגע אויסנאהמען, אלגעמיין הערשט א.אז.וו."

מאַרקס האָט מסתמא פערזעהן אָט דעם אונטערגעשטריכענעם זאַץ, ווען ער האָט געמאַכט דעם אויסצוג פון מילל'ס ווערק פאַר זיינע פראַנצויזשע העפטען. מילל ברענגט אריין אין זיין בע־

אַזוי צום ביישפּיעל געפינט זיך נאָך אין דער פּערטער אויס־גאַבע, ז. 139, וואו עס רעדט זיך וועגען בענטהאַמ'ס לעהרע, דער זאַץ „יעדער פיר זיך און קיינער פיר דער אַנדערן קעהרט" —דאָס וואָרט „קעהרט" נעהמט זיך פון דעם ענגלישען "Care," וואָס מיינט זאָרגען, איז אָבער פאַר דעם דייטשען לעזער אינ־גאַנצען אונפערשטענדליך. אויף ז. 219 נאָטע 91 שטעהט „די נערוווענקראַפט פערליערט איהרען טאָן", אין ענגליש "Tone," וואָס מיינט איהר „שפּאַנקראַפט"; און אַזוי ווייטער. אַ קאָמי־שער טעות איז אַרויסגעקומען אין דער פראַנצויזישער איבערזע־צונג דורך אַ שעדליכען אַנגליציזם, וואָס האָט זיך געפונען אין דייטשען טעקסט. אויף ז. 221 ווערט דער ענגלישער זאַץ "Slept on the floor (of the furnace)" איבערזעצט: געשלאָ־פען אויף דעם פלור; און אַזוי ווי „פלור" מיינט אין ניעדער־דייטש „פעלד", האָט דער פראַנצויז איבערזעצט: "J'ai dormi dans le Champs" איך האָב געשלאָפען אויפ'ן פרייען פעלד... אין איינינע פלעצער געברויכט מאַרקס דאָס וואָרט „אונטער־געהן", ניט אין זיין דייטשען זין, נאָר אין דעם ענגלישען זין פון וואָרט undergo, וואָס מיינט „דורכמאַכען".

פערגלייכענדיג די איבערזעצונג פון די ענגלישע ציטאַטען מיט זייער אָריגינאַל, ווי זיי ווערן געגעבען אין דער ענגלישער אויסגאַבע, האָב איך בעמערקט דאָ און דאָרט איינינע אונפּינקט־ליכקייטען, וועלכע ענדערן אָבער ניט אין קיין פאַל דעם זין פון די ציטירטע פערפאַסער, און האָב זיי דעריבער געלאָזט ווי מאַרקס האָט זיי איבערגעגעבען. בלויז אין צוויי־דריי שטעלען (ז. 392) האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם אָריגי־נעלען ענגלישען טעקסט אין פוס־נאָטען, ווייל די איבערזעצונג אין מאַרקס'עס טעקסט איז בלי ספק עטוואָס פערווירט.

איך וויל אויך בעמערקען, אַז אַלע מאַטעמאַטישע פאָרמולען זיינען איבערגעגעבען געוואָרן, ווי זיי געפינען זיך אין דער קאַוטסקי אויסגאַבע, מיט דער איינציגער נאַטירליכער ענדערונג, וואָס איך האָב בענוצט אידישע אַנשטאַט לאַטיינישע בעצייכענונג־בוכשטאַ־בען. דערביי מוז איך אויסדרוקען מיין דאַנקבאַרקייט דעם „בחור" הזעצער, וועלכער האָט ניט געשפּאָרט קיין מיה בייצוקומען די אַלע טעכנישע שוועריגקייטען, וואָס זיינען געוועזען פערבונדען מיט

האָט מארקס בענוצט ענגליש פונקט אזוי געלויפיג ווי דייטש. די קינדער אין הויז האָבען גערעדט ענגליש און אזוי איז ענגליש געוואָרן די שפראַך פון טעגליכען פערקעהר אויך פאר מארקס׳ן. אויף דעם אופן איז די ענגלישע שפראַך אונבעוואוסטזיניג איהם נעהענטער געלעגען אין קאָפּ איידער דייטש. דערצו האָט ער פאָרגעצויגען אין מאנכע זאכען דעם געברויך פון ענגליש אפילו בעוואוסטזיניג. בעת ער האָט געמאכט זיינע פאָרשונגען איז ענגלאַנד געווען דאָס איינציגע לאנד, וואָס האָט אויפגעוויזען אַן ענטוויקעלטען קאַפּיטאַליזם און אַן ענטוויקלונג פון דער טעאָריע פון קאַפּיטאַליזם. די מאטעריאַלען ווי אויך די טערמינאָלאָגיע פון דער וויסענשאפט זיינען כמעט אויסשליסליך געווען ענגלישע. אויסער דעם, אזוי ווי ער האָט בעהערשט אין א גלייכער מאָס די דריי גרויסע וועסט־אייראָפּעאישע שפראַכען (דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש) פלעגט ער אין א געגעבענעם מאָמענט בענוצען די שפראַך, וועלכע האָט אמבעסטען געפּאַסט צו זיין צוועק און געגעבען זיין געדאַנק דעם גענויעסטען, פיינסטען אָדער קרעפטיגסטען אויסדרוק. שרייבענדיג דייטש, פלעגט ער אָפטמאָל געברויכען א פראַנצויזישע אָדער בעסער אַן ענגלישע ווענדונג, ניט אויס פערגעסליכקייט אָדער מחמת א פערזעהען, נאָר בכיון, כדי צו פערשטאַרקען די ווירקונג פון זיינע ווערטער. זיינע אנגליציזמען זיינען געוואָרן א וועזענטליכער טייל פון זיין סטיל; אָהן זיי וואָלט ער ניט דערגרייכט אזא שאַרפע און טרעפענדע אייגענאַרטיגקייט. אָבער ניט אַלע זיינע אנגליציזמען זיינען געווען פון אָט דעם סאָרט; עס זיינען געווען אויך אזוינע, וואָס מען האָט ניט נאָר געקאָנט אויסקומען אָהן זיי, נאָר מען האָט געזעהן, אַז זיי זיינען שעדליך, ווייל זיי קאָנען ארויסרופען מיספערשטענדנישען ביי די לעזער, וועלכע זיינען ניט בעקאַנט מיט דער ענגלישער שפראַך.״

מארקס אַליין האָט שוין אָנגעפאַנגען אויסצורייניגען די שעדליכע אַנגליציזמען נאָך דער ערשיינונג פון דער צווייטער אויסגאַבע, און ענגעלס האָט פאָרטגעזעצט די ארבייט אין די ווייטערדיגע אויסגאַבען. אָבער ענגעלס האָט זיך אויך אַזויפיעל איינגעלעבט מיט דער ענגלישער שפראַך, אַז ער האָט א סך אַזוינע פרעמדע אויסדרוקען אַליין ניט בעמערקט.

פערטען קאפיטעל „די פערוואנדלונג פון געלד אין קאפיטאל", איז נאָר שווערליך אין פאָרם, אָבער ניט אין אינהאלט; בעת די איבעריגע קאפיטלען, מיט ווענִיגע אויסנאהמען, לעזען זיך כמעט גאָר לייכט. איבעריגענס האָט מארקס אליין, וועלכער האָט געזוכט צו מאכען זיין ווערק וואָס מעהר צוגענגליך פאַר דעם ארבייטער'ס פערשטאנד, געפיהלט די שווערקייט פון דער אויפגאבע און דערמאָנט די לעזער אין זיין פאָררעדע צו דער פראנצויזישער איבערזעצונג, אז —

„עס איז ניטאָ קיין ברייטע, אויסגעטראָטענע גאָס צו דער וויסענשאַפט, און נאָר יענע מעגען דערוואַרטען צו גרייכען איהרע ליכט-פולע שפּיצען, וועלכע שרעקען זיך ניט אָב פאַר דער שווערער מיה צו קלעטערן אויף איהרע משופּע'דיגע שטעגען."

דר. י. א. מעריסאָן.

ניו יאָרק, סעפּטעמבער 1917.

דעם אויפזעצען פון די דאָזיגע פאָרמולען אין אידיש, ווי אויך מיט אנדערע פונקטען פון דער זעצער־קונסט, וואָס נאָר מבינים וועלען קאָנען ריכטיג אָבשאצען.

ווארפענדיג צו־לעצט אן אָבשיידס־בליק אויף דער ארבייט פון אריינברענגען אָט דעם גרויסען ווערק אין דער אידישער ליטעראטור, ווערט דער אָנזיכט א ווייל פערשטעלט פון דעם שאָטען פון אונזערע סאָציאליסטישע דרדקי מלמדים און בראָשורען־פּאָפולאריזאטאָרס, וועלכע קאָנען ניט איינזעהן ניט די מעגליכקייט, ניט די ניצליכקייט פון מארקס' „קאפּיטאל" אין אידיש. עס איז די אלטע טענה: דער איד, וואָס איז אינטעליגענט גענוג צו פערשטעהן „קאפּיטאל", איז אויך געבילדעט גענוג צו לעזען עס אין אנאנדער שפּראך, און דער וואָס קאָן עס ניט לעזען אין אנאנדער שפּראך, וועט עס אויך ניט פערשטעהן אין אידיש. אָבער א חוץ וואָס די דאָזיגע טענה איז אלעמאָל געוועזן די שעדליכסטע שטערונג פון דער ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור, האָט זי אין דעם היינטיגען צושטאנד פון דער אידישער קולטור־בעוועגונג פערלאָרן אפילו איהר אויבער־פלעכליכע בערעכטיגונג. איצט ווען אפילו דאָ אין אַמעריקא וואקסט אויס א אידישע סאָציאליסטישע בעוועגונג אויף דעם אָרט פון די פריהערדיגע „אידיש־שפּרעכענדע" סאָציאליסטישע גרופּען; ווען אין רוסלאנד עפענט זיך אויף אזא ברייטע פעלד פאר אידישער קולטור און סאָציאליסטישער טהעטיגקייט: איצט קאָן שוין מעהר קיין פראגע ניט זיין וועגען דער ניצליכקייט און נויטיגקייט פון אריינברענגען די אלגעמיינע גייסטיגע אוצרות פון דער מענשהייט אין דער אידישער ליטעראטור.

עס איז אמת, אז די געדולד פון דעם לעזער—און ניט נאָר פון דעם געוועהנליכען ארבייטער־לעזער, נאָר אפילו אויך פון דעם אינטעליגענט—וועט אָפט מוזען אויסהאלטען זעהר א שווערע פּראָבע איידער ער וועט זיך קאָנען קלאָר מאכען די טיעפע חקירות פון „קאפּיטאל". אָבער ווירקליך שווער איז אייגענטליך נאָר דער ערשטער אָבטייל פונ'ם בוך—די ערשטע דריי קאַפּיטלען, וועלכע ענטוויקלען דעם פּערפאסער'ס ווערטה־טעאָריע און די פונקציעס פון געלד. דער צווייטער אָבטייל, וואָס ענטהאלט דעם

דענטען אין די אוניווערזיטעטען האָט זיך אין יענער צייט אָנגעפאַנגען אַ ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, עס איז אָבער ניט בעקאַנט, אַז מאַרקס זאָל האָבען גענומען אַ וועלכען עס איז אנטייל אין דער דאָזיגער סטודענטען-בעוועגונג. ווי עס איז צו זעהן פון זיינע בערלינער בריעף צו זיין פאָטער—דער איינציגער קוואַל פון די מאַגערע ידיעות, וואָס מיר האָבען וועגען זיין סטודענטישען לעבען—איז ער געוועזען שטאַרק פּערטאָן אין לערנען און בויען פילאָסאָפישע טעאָריען. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שאַרפען קאָפּ און גרויסער בעלעזענקייט, און איז געוואָרן אַ אינטימער חבר פון ברונאָ בויער, דעם בעריהמטען ביבעל-קריטיקער, און קאַרל קאָפּפען, דעם היסטאָריקער—ביידע פיעל עלטער פאַר איהם און שוין לאַנג ניט מעהר קיין סטודענטען.

ער האָט דורכגעמאַכט זיין עקזאַמען אין יענא, אין 1841, און בעקומען דעם טיטול דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע. לכתחילה האָט מאַרקס ניט געקאָנט בעשליסען, צי ער זאָל זיך אָבגעבען צו פילאָזאָפישע פאָרשונגען, אָדער זיך אויסוועהלען אַ פּראַקטישע טהעטיגקייט. זיין פריינד ברונאָ בויער האָט איהם דאַן געשריבען: „עס וואָלט געוועזען אַן אונזין פאַר דיר זיך אויסצוקלייבען אַ פּראַקטישע קאַריערע. די טעאָריע איז אין היינטיגער צייט די שטאַרקסטע פּראַקטיקע, און מיר קאָנען אפילו זיך ניט פאָר-שטעלען, וואָס פאַר אַ וויכטיגע פּראַקטישע בעדייטונג זי וועט נאָך געווינען אין דער צוקונפט.” מאַרקס האָט בעשלאָסען צו פאָלגען זיין פריינד'ס עצה און זוכען צו ווערן אַ דאָצענט פון פילאָסאָפיע אין באָננער אוני-ווערזיטעט.

אין יענער צייט איז די פילאָסאָפיע געווען ענג פערבונדען מיט פראַגען פון רעליגיע. די יונגע ראַדיקאַלע שטרעמונג האָט געפיהרט איהר קאַמף אַנטקעגען דער אַלטער אָרדנונג דורך פילאָזאָפישער קריטיק פון איהרע אידעאָלאָגישע יסודות; ד.ה. זי האָט געזוכט צו צערשטערן די אונפעהלבאַרקייט פון דער רעליגיעזער סאַנקציע פון דער דאָזיגער אַרדנונג. די רעגירונג האָט פאָלגליך געהאַט אַן אויג אויף די פּראָפע-סאָרען און די פּאָליציי האָט זיך גלייך אַריינגעמישט, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען אַ פרייער ווינטעל פון דער קאַפעדרע פון אוני-ווערזיטעט. ברונאָ בויער'ס לעקציעס האָבען ניט געשמעקט דער רע-גירונג און זי האָט איהם גלייך אַרויסגעזעצט פון באָננער אוני-ווערזיטעט. אַט דער פאַל מיט זיין נאָהענטסטען פריינד האָט מאַרקס'ן געעפענט די אויגען און ער האָט אויפגעגעבען אַלע געדאַנקען וועגען

קאַרל מאַרקס

אַ ביאָגראַפּישע סקיצע.

קאַרל מאַרקס איז געבוירן געוואָרן דעם 5טען מאַי 1818 אין דער אַלטער שטאָדט טריער פון דער רהיינישער פּראָווינץ. ער שטאַמט אָב פון אַן אַלטער און בכבוד'ער אידישער פאַמיליע, „געקנאַטען” פון רבנים און גדולי הדור אין אַ דירעקטען יחוס, וואָס גרייכט צוריק ביז דעם 16טען יאָהרהונדערט. זיי אַלע האָבען געטראָגען דעם פאַמיליע־נאָמען מרדכי, נאָר קאַרל מאַרקס'עס זיידע האָט איבערגעביטען דעם נאָמען אויף מארקס.

קאַרל'ס פאָטער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָבגעבראָכען די אַלטע טראַדיציעס פון זיין רבנישער פאַמיליע, האָט שטודירט וועלטליכע למודים און איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. ער איז געווען אַ פריידענקער און אַ גרויסער אַנהענגער פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען פון 18טען י.ה. קאַרל'ס מוטער האָט אָבגעשטאַמט פון אונגאַרישע אידען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין האָלאַנד אין 17טען י.ה.

עטליכע יאָהר איידער קאַרל איז געבוירן געוואָרן איז די רהיינישע פּראָווינץ ווידער איבערגעגאַנגען צו פּרייסען (אין 1815), און דער גראָבער און בייזוויליגער אַנטיסעמיטיזם פון דער דייטשער רעגירונג פון יענער צייט האָט אָבגענומען פון די אידען אַלע מענשליכע בירגער־רעכט, וואָס זיי האָבען געגאָסען אונטער דעם קאָדעקס נאַפּאָלעאָן, און געטריבען טויזענדער אידישע פאַמיליען אין שמד. קאַרל'ס פאָטער, וועלכער איז געווען אַ בעוואוסטער אַדוואָקאַט און אַ נאָטאַריוס אין געריכט, האָט אונטער די אומשטענדען ניט געקאָנט אַנהאַלטען זיין פּראָפעסיאָן און האָט זיך גע'שמד'ט מיט זיין פרוי און קינדער ווען קאַרל איז אַלט געווען 6 יאָהר.

אין 1835 האָט דער יונגער מאַרקס געענדיגט דאָס גימנאַזיום אין זיין געבורט־שטאָדט און איז דעמזעלבען יאָהר אריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט פון באָנן אַלס שילער פון יורידישען פאַקולטעט. נאָך אַ קורצער צייט איז ער אַנגעקומען אין בערלינער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט אויך פילאָסאָפיע און געשיכטע צווישען די סטו־

און אין די פערפאָלגונגען נישט מעהר ווי די קנאה-שנאה מצד דעם קריסטליכען האַנדעל, און קומט צום שלוס, אַז די אידישע פראַגע וועט נישט געלייזט ווערן ביז וואַנען די מענשליכע געזעלשאַפט וועט זיך נישט בעפרייען פון דעם גייסט פון האַנדעל. „דעם אידען׳ס געזעלשאַפטליכע עמאַנציפּאַציע—ענדיגט ער—איז דער געזעלשאַפט׳ס עמאַנציפּאַציע פון דעם אידען.“

אין פּאַריז איז מאַרקס בעקאַנט געוואָרן מיט פריעדריך ענגעלס, מיט וועלכען ער האָט געשלאָסען אַ בונד פון פריינדשאַפט און מיטאַרבייטער-שאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביז׳ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען. ער האָט זיך אונטער דער צייט אָבגעגעבען איבערהויפּט מיט דעם שטודיום פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און דעם פראַנצויזישען סאָציאַליזם, האָט אָבער אויך נישט פערנאַכלעסיגט זיין שטענדיגען קאַמף (מיט׳ן פעדער) אַנטקעגען דעם פּרייסישען אַבסאָלוטיזם. צוזאַמען מיט ענגעלס האָט ער מיטגעאַרבייט אין דער רעוואָלוציאָנערער דייטשער צייטונג „פאָרווערטס“, וואָס איז ערשיענען אין פּאַריז אין יענער צייט, און וועלכע האָט אָפען געפּרעדיגט דעם טעראָריסטישען קאַמף פאַר דייטשלאַנד. דעם ערשטען יאַנואַר 1845 איז די צייטונג אונטערדריקט געוואָרן, אויפ׳ן פערלאַנג פון דער פּרייסישער רעגירונג, און אַלע נעהענטערע מיטאַרבייטער פון דער צייטונג, צווישען זיי אויך מאַרקס, האָבען בעקומען אַ בעפעהל פון דעם בעקאַנטען מיניסטער גיזאָ צו פערלאָזען פּאַריז אין 24 שטונדען. מאַרקס איז דאַן אַוועקגעפאָהרן אין ברוסעל.

אין פּאַריז איז מאַרקס בעפריינדעט געוואָרן מיט פּרודאָן׳ען און פלעגט אָפט פערברענגען מיט איהם אין לאַנגע און היציגע דיסקוסיאָנען איבער כאַציאַל-עקאָנאָמישע פראַגען. נאָך פריהער האָט ער זעהר פיעל געהאַלטען פון איהם און האָט פּרודאָן׳ס „וואָס איז אייגענטום“ אָנגערופען „דער וויסענשאַפטליכער מאַניפעסט פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט“. עס איז קיין צווייפעל נישט, אַז פּרודאָן האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף מאַרקס׳ן אין דער ענטוויקלונג פון זיין ווערטה-טעאָריע. עס איז אפילו אַ סברא, אַז דער גרויסער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישען אַרבייט און אַרבייטס-קראַפט, וואָס שטעהט אין צענטער פון מאַרקס׳עס ערקלערונג פון מעהרווערטה, איז צוערשט ענטדעקט געוואָרן פון פּרו-דאָן׳ען און נאָר שאַרפער ענטוויקעלט געוואָרן פון מאַרקס׳ן. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט מאַרקס׳ן שפּעטער, ווען ער האָט זיך אין זיין מאַ-טעריאַליסטישער אנשויאונג געשטעלט אויף דעם [illegible]-געגענזאַטצן

אַ פּראָפעסאָרשער קאַריערע. ער האָט דאַן בעשלאָסען זיך אַרייַנצו-וואַרפען אין דעם איינציגען פעלד, אויף וועלכען עס איז נאָך מעגליך געווען. אין דעם דאמאָלסטדיגען דייטשלאַנד, צו פיהרען אַן ערנסטען פּאָליטישען קאַמף—אין דעם פעלד פון דער פּובליציסטיק.

גראַד יעמאָלט האָט די מעהר-ליבעראַלע בורזשואַזיע פון דער רהייני-שער פּראָווינץ בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אין קעלן אַ נייע טעגליכע צייטונג, אין אָפּאָזיציע צו דעם הערשענדען אַבסאָלוטיזם, אונטער דעם נאָמען „די רהיינישע צייטונג״. אַלס מיטאַרבייטער זיינען צוגעצויגען געוואָרן בויער, מאַרקס, שטירנער, קאָפּפּען, העסס און אַנדערע און די צייטונג איז ערשיענען אין יאַנואַר 1842. איהר פּראָגראַם איז בעשטאַנען אין די פאָדערונגען פון אַן אַלגעמיינעם וואַהל-רעכט, פרייהייט פון דער פּרעסע א.אַז.וו., אַ פּראָגרעסיווען איינקונפט-שטייער, אָבשאַפונג פון שטייערן אויף נויטיגע לעבענסמיטלען א.ד.ג. מאַרקס׳עס ערשטע אַר-טיקלען וועגען פרייער פּרעסע האָבען געצויגען אַלעמענס אויפמערק-זאַמקייט אויף איהם. אַרנאָלד רוגע האָט וועגען זיי געשריבען: „עס-וואָס טיעפערעס וועגען פרייער פּרעסע איז קיינמאָל נאָך ניט געשריבען געוואָרן און קאָן ניט געשריבען ווערן.״ מאַרקס האָט שנעל פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ צווישען די גלענצענדע מיטאַרבייטער פון דער נייער צייטונג, און אין הערבסט פון דעמזעלבען יאָהר איז ער געוואָרן דער הויפּט-רעדאַקטאָר. זיין רעדאַקציע אָבער האָט געהאַט אויסצושטעהן אַ שטענדיגען קאַמף מיט דער צענזור, און ענדליך, אין מאַרץ 1843, האָט די רעגירונג אינגאַנצען אונטערדריקט די „רהיינישע צייטונג.״

אין דעמזעלבען יאָהר האָט מאַרקס געהייראַטעט זיין יוגענד-חבר׳טע, צו וועלכער ער איז געווען פער׳קנס׳ט נאָך איידער ער איז אַריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט,—זשעניע וועסטפאַלען, די טאָכטער פון אַ הויכען רעגירונגס-בעאַמטען אין זיין געבורט-שטאָדט טריער. נאָכדעם ווי די „רהיינישע צייטונג״ איז פערמאַכט געוואָרן איז ער אַוועקגעפאָהרען מיט זיין פרוי אין אויסלאַנד, און נאָך אַ קורצער רייזע האָט ער זיך בעזעצט אין פּאַריז. צוזאַמען מיט אַרנאָלד רוגע האָט ער אין פּאַריז אַרויסגע-געבען „די דייטש-פראַנצויזישע יאהרביכער״, דאָס ערשטע ביכעל פון וועלכע איז ערשיענען אין 1844. צווישען זיינע אַנדערע אַרטיקלען אין די דאָזיגע „יאהרביכער״ געפינט זיך אַ גרעסערע אָבהאַנדלונג איבער „די יודען-פראַגע״. מאַרקס בעהאַנדעלט די פראַגע אָביעקטיוו. ער זעהט אין דעם אידישען פאָלק בלויז דעם פערקערפּערטען גייסט פון האַנדעל

פון אַנפיהרן די אַרבייטער-בעוועגונג, און ווייטלינג האָט אין פערלויף פון דעם שטורמדיגען ויכוח איהם גיפטיג בעמערקט, אַז עס איז נאָך אַ פראַגע, ווער עס ברענגט די אַרבייטער גרעסערע נוצען, ער אָדער די העררען, וואָס זיצען אין אויסלאַנד און קלערן אויס טעאָריען—האָט מאַרקס מיט גרוים כעס אויסגעשריען: „אונוויסענהייט און עם-הארצות האָבען קיינמאָל קיינעם ניט געהאָלפען און קיין שום נוצען ניט געבראַכט.“

אין דעם ערך וואָס די סאָציאַלע בעוועגונג איז געוואַקסען אין דייטשלאַנד און שאַרפער געמאַכט דעם קאַמף צווישען דעם פאָלק און דער רעגירונג, איז אַלץ גרעסער געוואָרן דער שטראָם פון פאָליטישע עמיגראַנטען, וואָס זיינען אנטלאָפען אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך, בעלגיען און ענגלאַנד. די דייטשע עמיגראַנטען האָבען אין אויסלאַנד אָרגאַניזירט אונצעהליגע געזעלשאַפטען, וואָס זייער ציעל איז געווען די פאָליטישע בעפרייאונג פון דייטשלאַנד דורך די פערשיידענסטע מיטלען און וועגען. שוין אין 1833 האָבען דייטשע עמיגראַנטען געגרינדעט אין פאַריז דעם „דייטשען בונד דער געעכטעטען“, וועלכער האָט געצעהלט עטליכע הונדערט מיטגליעדער, מעהרסטענס בעלי מלאכות, און האָט אַרויסגעגעבען אַן אייגענעם אָרגאַן „דער געעכטעטע“. די געזעלשאַפט איז לויט די יעמאָלטדיגע פאָליטישע אומשטענדען, פערשטעהט זיך, געווען אַ געהיימע און איהר ציעל איז געווען „צו בעפרייען דייטשלאַנד פון דעם יאָך פון דער שענדליכער קנעכטשאַפט און איינפיהרן אַזאַ אָרדנונג, וואָס זאָל ניט לאָזען קיין מעגליכקייט ווידער אַריינצופאַלען אין קנעכטשאַפט.“ עטליכע יאָהר שפּעטער איז דער דאָזיגער בונד צופאַלען געוואָרן און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואַקסען „דער בונד דער גערעכטען“, וועלכער האָט געצעהלט ביז אַ טויזענד מיטגליעדער און איז געווען איינגעטיילט אין קליינע גרופּען, וואָס האָבען געהייסען „קאָמונען“. אָט די אָרגאַניזאַציע האָט בעקומען איהרע לאָזונגען און פּרינציפּען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער „געזעלשאַפט פון די יאָהרעסצייטען“, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער פיהרערשאַפט פון באַרבעס און בלאַנקי. דעם 12טען מאַי 1839 האָט די „געזעלשאַפט פון די יאָהרעסצייטען“ געמאַכט אַן אויפשטאַנד אין פאַריז און דער „בונד דער גערעכטען“ איז צוגעשטאַנען צו איהר. דער אויפשטאַנד איז שנעל אונטערדריקט געוואָרן און די פיהרער פונ׳ם „בונד דער גערעכטען“ האָבען געמוזט ענטלויפען פון פאַריז. ווייטלינג, וועלכער איז געווען אַ טהעטיגער מיטגליעד פונ׳ם בונד, איז ענטלאָפען אין דער שווייץ, וואו ער האָט געגרינדעט אַ נייעם

פּאַליוס צו פּרודאָן'ס געזעלשאַפטליכען אידעאַליזם, אַרויסצוטרעטען געגען זיין פריהערדיגען פריינד און לעהרער.

אין די יאָהרען צווישען 1845 און 1848, וואָס ער האָט פערבראַכט אין ברוסעל, האָט ער אָבגעשניטען מיט אַלע אוטאָפּיסטישע פאָרמען פון דעם דאמאָלסטדיגען סאָציאַליזם און געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר זיין וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. אין דער צייט האָט ער אָנגעשריבען (אין פראַנצויזיש) זיין ווערק „די אַרמוטה פון דער פילאָזאָפיע" אַלס פּאָלעמיק אַנטקעגען פּרודאָן'ס בוך „די פילאָזאָפיע פון דער אַרמוטה". אין אַט דעם ווערק האָט מאַרקס שוין פאָלשטענדיג ענטוויקעלט זיין מאַטעריאַליסטישע אנשויאונג איבער דער געשיכטע. „די געזעלשאַפטליכע פערהעלטענישען—שרייבט דאָ מאַרקס—זיינען ענג פערבונדען מיט די פּראָדוקטיווע קרעפטען. פערשאַפענדיג זיך נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען, בייטען די מענשען איבער זייערע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, און איבערבייטענדיג זייערע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, די מיטלען צו בעזאָרגען זייער חיונה, בייטען זיי איבער אַלע זייערע געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען. דיזעלבע מענשען, וועלכע בויען געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען, צוגעפּאַסטע צו דעם אופן פון זייער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, שאַפען אויך פּרינציפּען, אידעען און קאַטעגאָריען, וואָס פּאַסען צו זייערע געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען."

אַזוי איז ער אויך איצט אַרויסגעטראָטען אַנטקעגען דער ליידענשאַפטליכער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדא, וואָס ווילהעלם ווייטלינג האָט אין יענער צייט אָנגעפיהרט אין דייטשלאַנד. אין 1844 איז מאַרקס געוועזען בעגייסטערט פון ווייטלינג, דעם איינפאַכען שניידער-אַרבייטער און מאַלאַנטפולען אַגיטאַטאָר, און האָט וועגען איהם געשריבען: „וואו האָבען די פילאָסאָפען און שריפטשטעלער פון דער בורזשואַזיע געשאַפען אויף'ן פעלד פון פּאָזיטיווער עמאַנציפּאַציע אַ ווערק, וואָס קאָן זיך פערגלייכען מיט ווייטלינג'ס „גאַראַנטיען פון האַרמאָניע און פרייהייט"? פערגלייכט די אַרימזעליגע קליינליכע מיטעלמעסיגקייט פון דער דייטשער ליטעראַטור מיט אַט דעם גלענצענדען ליטעראַרישען דעביוט פון אַ דייטשען אַרבייטער. . . ." איצט, אין 1846, ווען מאַרקס האָט אַליין קלערער און בעשטימטער אויסגעאַרבייט זיין מעאָריע פון וויסענשאַפטליכען פּראָלעטאַרישען סאָציאַליזם, איז דער אונטערשייד צווישען איהם און ווייטלינג'ס פּראָפּאַגאַנדא געוואָרען אַליין שאַרפער. — ווען ווייטלינג איז געקומען צו איהם אין ברוסעל, זיך אויסטענה'ן וועגען זייערע פערשיידענע מעטאָדען

בעלגיען. צום גליק האָט אַ מיטגליעד פון דער רעוואָלוציאָנערער רע-גירונג געשיקט מאַרקס׳ן אַן איינלאַדונג צו קומען אין פּאַריז, וועלכע ער האָט, פערשטעהט זיך, גלייך אָנגענומען מיט פרייד. אין פּאַריז איז מאַרקס נאַטירליך ניט געזעסען מיט פערלעגטע הענד; דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דעם „קאָמוניסטען-בונד״ איז אַריבערגעטראָגען געוואָרן אין פּאַריז און אונטער מאַרקס׳ דירעקציע האָט ער געזוכט צו ווירקען אויף דער דייטשער בעוועגונג. אַ קורצע צייט שפּעטער, דעם 18טען מאַרץ, האָט אויך אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין בערלין, און מאַרקס איז גלייך אַוועקגעפאָהרען אין דייטשלאַנד.

צו יענער צייט האָט נאָך אין דייטשלאַנד קיין אָרגאַניזירטע סאָציאַ-ליסטישע פּאַרטיי ניט עקזיסטירט, און מאַרקס האָט איינגעזעהן אַז דער קאַמף דאַרף דערווייליגע געפיהרט ווערן פאַר דער ראַדיקאַלער דעמאָקראַטיע אַנטקעגען דעם אַבסאָלוטיזם. די נעקסטע שטופע אין דער געזעלשאַפט-ליכער ענטוויקלונג איז נאָך זיין מיינונג געווען דאָס אויפשטייגען פון דער בורזשואַזיע און דער וואוקס פון דער גרויס-אינדוסטריע, וועלכע וועט נויטיגערווייז אַרויסרופען אין לעבען אַן אַרבייטער-פּראָלעטאַריאַט. וואָס וועט דאַן מיט אָרגאַניזירטע כחות אָנפיהרן זיין קלאַסען-קאַמף אַנטקעגען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. ער איז דעריבער געפאָהרען דירעקט אין קעלן, די הויפּטשטאָדט פון דער רהיינישער פּראָווינץ, וואו די בורזשואַזיע איז געווען ענטוויקעלט אַם שטאַרקסטען, און האָט אַרויס-געגעבען „די נייע רהיינישע צייטונג״, מיט דער מיטווירקונג פון ענגעלס, ווילהעלם וואָלף, פרייליגראַטה און אַנדערע.

„די „נייע רהיינישע צייטונג״—שרייבט ענגעלס—איז געווען די איינ-ציגע צייטונג אין דער גאַנצער דעמאָקראַטישער בעוועגונג פון יענער צייט, וואָס האָט פערטיידיגט דעם שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די רהיינישע ליבעראַלען זיינען מיט אַמאָל געוואָרן רעאַקציאָנערען און פערביסענע פיינד פון דער צייטונג; וואָס דאָס קריעגס-געריכט פון קעלן האָט אָבגעשטעלט די צייטונג פאַר אַ לענ-גערער צייט אין הערבסט פון יאָהר 1848; וואָס דער פראַנקפורטער יוסטיץ-דעפּאַרטאַמענט האָט פער׳מסר׳ט אַרטיקעל נאָך אַרטיקעל פאַר דעם שטאַאטס-פּראָקוראָר און געפאָדערט געזעצליכע פערפאָלגונג—איז די צייטונג זיך רוהיג אָנגעגאַנגען, געווינענדיג אַלץ אַ גרעסערע רעפּוטאַציע און צירקו-לאַציע, וואָס ווילדער עס זיינען געוואָרן די אַטאַקעס פון דער רעגירונג און דער בורזשואַזיע. ווען דער פּרייסישער קו׳ד׳עטאַ איז פאָרגעקומען

בונד; אַנדערע פיהרער זיינען ענטלאָפען אין לאָנדאָן און האָבען דאָרט ווידער אויפגעשטעלט דעם צופאַלענעם בונד. אין 1843 איז ווייטלינג אַרעסטירט געוואָרען אין דער שווייץ, און די גאַנצע טהעטיגקייט פון דעם געוועזענעם בונד דער געראַכטען האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער לאָנ־דאָנער אָרגאַניזאַציע.

די ציעלען און מעטאָדען פון דעם בונד אין לאָנדאָן זיינען ביי דער צייט נאָך געוועזען הויפטזעכליך געהיים-פערשווערערישע, און מאַרקס און ענגעלס, וועלכע זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו ווערן מיטגליעדער פונ׳ם בונד אין דעם יאָהר 1843, האָבען זיך ענטזאָגט אַריינצוטרעטען אין איהם מחמת אָט דעם גרונד. אין די נעקסטע עטליכע יאָהר אָבער, אַ דאַנק דעם איינפלוס פון דער ענגלישער טשאַרטיסטישער בעוועגונג און דער מעהר-ענטוויקעלטער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג פון די ענגלישע אַר־בייטער, האָט דער „בונד דער געראַכטען“ אַלץ מעהר זיך געשטעלט אויף אַ רעאַלען באַזיס, און ווען ער האָט, אין יאָהר 1847, געשיקט אַ ספּע־ציעלען שליח צו מאַרקס׳ן אין בריסעל און ענגעלס׳ן אין פּאַריז איינ־צולאַדען זיי צו נעהמען אַ פיהרענדען אנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע, האָבען זייביידע גערן אָנגענומען די איינלאַדונג. אונטער מאַרקס׳עס לייטונג האָט זיך אין בריסעל געגרינדעט אַ צווייג פון דעם בונד. דער ערשטער קאָנגרעס פונ׳ם „בונד דער געראַכטען“ האָט שטאַטגעפונען אין לאָנדאָן, אין זומער פון 1847טען יאָהר, אויף וועלכען ענגעלס איז גע־קומען צו פאָהרען אַלס דעלעגאַט פון דעם פּאַריזער צווייג פונ׳ם בונד. דער בונד איז גרינדליך רעאָרגאַניזירט געוואָרען און האָט אפילו געענדערט זיין נאָמען אויף דעם נייעם נאָמען: „דער בונד דער קאָמוניסטען“. אויפ׳ן צווייטען צוזאַמענפאָהר פון דעם קאָמוניסטען-בונד, וואָס איז פאָרגעקומען סוף 1847, איז מאַרקס געקומען צופאָהרען פון בריסעל און האָט גרינדליך ערקלערט זיין גאַנצע סאָציאַליסטישע טעאָריע אין אַ רעפעראַט, וואָס ער האָט געלעזען פאַר די דעלעגאַטען. דער קאָנגרעס האָט בעאויפטראַגט מאַרקס׳ן אויסצואַרבייטען אַ מאַניפעסט, און אַזוי איז ערשיענען אין פעברואַר 1848 אין נאָמען פון קאָמוניסטען-פערבאַנד דער בעריהמטער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“ פון מאַרקס און ענגעלס.

אין פעברואַר 1848 האָט אין פּאַריז אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע. די דייטשע עמיגראַנטען אין בריסעל האָבען זי היציג בעגריסט. די רעגירונג איז גלייך אַרויסגעפאַלען אויף די פרעמדע „בונטאָוושטשיקעס“. מאַרקס איז אַרעסטירט געוואָרען און באַלד אַרויסגעשיקט געוואָרען פון

אבהענגיקער אַרבייטער-בעוועגונג אין די פערשיידענע ציוויליזירטע לענ-
דער. דער טרייד-יוניאָניזם אין ענגלאַנד איז געווען געבויט אויף קאָנ-
סערוואַטיווע פּרינציפּען און האָט ניט געקאָנט מעהר צופּריעדען שטעלען
די פּראָגרעסיווע אַרבייטער. אין פראַנקרייך האָט וויעדער אָנגעהויבען
צו זידען דאָס אַלטע רעוואָלוציאָנערע בלוט. און אויך אין דייטשלאַנד,
אַ דאַנק לאַסאַל׳ס גלענצענדער אַגיטאַציע, האָבען די אַרבייטער אָנגעהויבען
איינצוזעהן די נויטען פון אָרגאַניזאַציע און די ראַטהזאַמקייט צו
פּרובירען בויען אַן אונאבהענגיקע פּאָליטישע פּאַרטיי. מאַרקס האָט גע-
גלויבט, אַז איצט איז געקומען די צייט צו אָרגאַניזירען אַ פערבאַנד, וואָס
זאָל אַרומנעהמען די אַרבייטער-בעוועגונג פון די פערשיידענע לענדער,
בעטאָנענדיג איהר אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער, און וואָס זאָל מאַכען
מעגליך אַ געמיינשאַפטליכע, פעראייניגטע טהעטיגקייט.

סוף אַפּריל 1863 איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין לאָנדאָן אַ סימפּאַטיע-
פערזאַמלונג פאַר פּוילען, וועלכע רוסלאַנד האָט דאמאָלט, מיט דער הילף
פון פּרייסען, וויעדער דערטרונקען אין בלוט. עס זיינען איינגעלאַדען
געוואָרען פערטרעטער פון פערשיידענע פעלקער און עס איז בעשלאָסען
געוואָרען צו אָרגאַניזירען אַן אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער פערבאַנד.
אַ יאָהר און אַ האַלב שפּעטער, דעם 28טען סעפּטעמבער 1864, איז אָבגע-
האַלטען געוואָרען אין לאָנדאָן דער היסטאָרישער מיטינג אין סט. דזשיימס
האָלל, וואו די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן איז געגרינדעט
געוואָרען. מאַרקס האָט רעדיזשירט די פּרינציפּען-ערקלערונג, דעם פּראָגראַם
און די קאָנסטיטוציע פון דער נייער אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער קאָנגרעס פון „אינטערנאַציאָנאַל״ איז אָבגעהאַלטען גע-
וואָרען אין זשענעווא דעם 3טען סעפּטעמבער 1866, מיט 60 דעלעגאַטען.
מאַרקס איז יעמאָלט געווען זעהר פערנומען צוגרייטענדיג צום דרוק דעם
ערשטען באַנד פון „קאַפּיטאַל״, וועלכער איז ערשיענען דעם נעקסטען
יאָהר, און האָט פּערזענליך ניט געקאָנט אנוועזענד זיין אויפ׳ן קאָנגרעס.
דער גענעראַל-ראַטה פונ׳ם „אינטערנאַציאָנאַל״ האָט זיך געפונען אין
לאָנדאָן און מאַרקס איז געווען דער גענעראַל סעקרעטער, ביז אויף דעם
האַאַג׳ער קאָנגרעס אין 1873, ווען, לויט אַ רעזאָלוציע, וואָס איז אַריינ-
געבראַכט געוואָרען פון מאַרקס און ענגעלס, איז דער גענעראַל-ראַטה
אַריבערגעפיהרט געוואָרען נאָך ניו יאָרק, וואו ער האָט שטילערהייט
אויסגעהויכט זיין נשמה.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו בעשרייבען די זעהר אינטערעסאַנטע גע-

אין נאָוועמבער 1848, האָט די „נייע רהיינישע ציטונג" אויפגערופען דאָס פאָלק אין יעדער נומער נים צו צאָהלען קיין שטייערן און ענטפערן מיט געוואַלט אַנטקעגען דער געוואַלט פון דער רעגירונג. צולעצט, נאָכ-דעם ווי די מאַי רעוואָלוציע אין דרעזדען און דער אויפשטאַנד אין באַדען איז אונטערדריקט געוואָרן, האָט די רעגירונג זיך געפיהלט שטאַרק גענוג צו פערמאַכען די ציטונג אינגאַנצען."

מאַרקס איז דאַן אויסגעוויזען געוואָרן פון פרייסען און ער איז אַוועקגעפאָהרען אין פאַריז. נאָך דעם יוני אויפשטאַנד (1849) האָט די פראַנצויזישע רעגירונג פערבאָטען מאַרקס'ן צו פערבלייבען אין פראַנק-רייך, און ער איז אַוועקגעפאָהרען אין לאָנדאָן, וואו ער איז שוין פער-בליבען וואוינען די איבעריגע צייט פון זיין לעבען.

אין 1850 האָט ער פרובירט אַרויסגעבען די „נייע רהיינישע ציטונג" אַלס אַן אונפעריאָדישען זשורנאַל אין לאָנדאָן; די אומשטענדען זיינען אָבער געווען אונגינסטיג און דער זשורנאַל איז באַלד אונטערגעגאַנגען. נאָך דעם קו'ד'עטאַ פון דעצעמבער 1852 האָט מאַרקס אָנגעשריבען זיין „אַכטצעהנטען ברומער פון לואי באָנאַפּאַרט"—אַ גלענצענדען היסטאָרישען מאָנאָגראַף, וואָס איז ערשיענען אין דעם זשורנאַל „די רעוואָלוציאָן", וועלכען זיין פריינד ווײדעמייער האָט אַרויסגעגעבען אין באָסטאָן.

נאָך דעם קאָמוניסטען-פּראָצעס אין קעלן (נאָוועמבער 1852), ווען די אָנגעקלאָגטע זיינען פעראורטיילט געוואָרן, האָט דער „קאָמוניסטען-בונד" זיך אויפגעלייזט, און מאַרקס האָט זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען מיט זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און זשורנאַליסטישער אַרבייט. אַ לענגערע צייט האָט ער רעגעלמעסיג געשריבען פאַר דער „ניו יאָרק טריביון" צוויי אַרטיקלען אַ וואָך איבער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגען, (פאַר וועלכע ער האָט געקריגען גאַנצע 10 טאָלער אַ וואָך האָנאָראַר, און דאָס איז געווען אַ לענגערע צייט זיין איינציגער מקור פון חיונה. זעהר אָפט, ווען די פאַר טאָלער פון אַמעריקא זיינען נים אָנגעקומען אין צייט, פלעגט דער פערפאַסער פון „קאַפּיטאַל" אַליין טראָגען צום „פעטער" די אַלטע זילבערנע לעפעל, וואָס זיין ווייב האָט איתם געבראַכט אין נדן). אין 1859 איז ערשיענען זיין ערשטעס גרויס ווערק „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע", אין וועלכען ער האָט צום ערשטען מאָל ענט-וויקעלט זיין ווערטה-טעאָריע.

אונטערדעסען זיינען די אומשטענדען געוואָרן גינסטיג פאַר אַן אונ-

פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע

דער ערשטער באַנד פון אָט דעם ווערק, וואָס איך גיב איבער דעם פובליקום, איז א פאָרטזעצונג פון מיין בוך „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע”, וואָס איז ערשיענען אין 1859. פאַר דער לאַנגער פויזע צווישען דעם אָנפאַנג און דער פאָרטזעצונג איז שולדיג א לאַנגיעהריגע קראַנקהייט, וועלכע האָט איינינע מאָל אונטערבראָכען מיין ארבייט.

דער אינהאַלט פון יענעם פריהערדיגען בוך איז צוזאַמענגע־פאַסט אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון אָט דעם באַנד. דאָס איז געטאָן געוואָרן ניט נאָר צוליעב דעם צוזאַמענהאַנג און דער פאָלשטענדיגקייט. די דאַרשטעלונג פון דעם ענין איז פערבעסערט. אַזוי ווייט ווי די אומשטענדען פון דער זאַך האָבען עס דערלאָזט, זיינען פיעל פונקטען דאָ מעהר ענטוויקעלט, וועלכע זיינען דאָרטען נאָר געווען אָנגעדייטעט, בעת פערקעהרט, וואָס עס איז דאָרטען געווען אויספיהרליך ענטוויקעלט, איז דאָ נאָר אָנגעדייטעט. די אָבטיילען וועגען דער ווערטה־טעאָריע און געלד־טעאָריע פאַלען איצט נאַטירליך איינגאַנצען ארויס. דער לעזער פון דעם פריהער־דיגען בוך וועט פונדעסטוועגען געפינען נייע קוועלען פאַר דער געשיכטע פון יענע טעאָריען אין די נאָטען צום ערשטען קאַפּיטעל.

יעדער אָנפאַנג איז שווער, איז ריכטיג פאַר יעדער וויסענ־שאַפט. דער ערשטער קאַפּיטעל, איבערהויפט דער אָבטייל, וואו עס געפינט זיך דער אַנאַליז פון סחורה, וועט דעריבער זיין דער שווערסטער צו פערשטעהן. וואָס געהערט די אַנאַליזען פון דעם עצם ווערטה און דער גרויס פון ווערטה, האָב איך זיי ווי ווייט מעגליך פּאָפּולאַריזירט.* די ווערטה־פאָרם, וואָס די געלד־פאָרם

---

* דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזען צו זיין זעהר נויטיג, איינזעהענדיג אַז אפילו לאַסאַל'ס שריפטען אַנטקעגען שולצע־דעליטש—דער אָבטייל, וואו ער דער־קלערט, אַז ער גיט איבער „די גייסטיגע קווינט־עסענץ” פון מיינע אויפקלערונגען איבער די דאָזיגע טהעמאַס—ענטהאַלט גאַנץ וויכטיגע טעות'ן. אגב אורחא: ווען פערדינאַנד לאַסאַל האָט ענטליהען פון מיינע שריפטען כמעט ווערטערליך, און ניט אָנגעבענדיג די קוועלען, אַלע אַלגעמיינע טעאָרעטישע זאַצען פון זיינע עקאָ־נאָמישע ווערק, צ.ב.ש. וועגען דעם היסטאָרישען כאַראַקטער פון קאַפּיטאַל, וועגען

שיכטע פון דעם גרויסען „אינטערנאַציאָנאַל״, וועלכע איז אויף יעדען שריט פערבונדען מיט מאַרקס׳עס טהעטיגקייט. די חלוקים צווישען די פערשיידענע ריכטונגען, נאָך מעהר איידער די פערפאָלגונגען פון דער רעאַקציע, וואָס האָט אַריינגעטראָטען אין אייראָפּא נאָך דעם פאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע אין 1871, איז שולדיג אין דעם אונטערגאַנג פון דער גראַנדיעזער היסטאָרישער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע. ווי די מעשה איז, האָט מאַרקס איצט ווידער געקאָנט זיך אינגאַנצען אָבגעבען מיט זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען און כמעט דערענדיגען דעם צווייטען און דריטען באַנד פון זיין „קאַפּיטאַל״.

די אָנגעשטרענגטע אַרבייט האָט רואינירט זיין געזונד. נאָך אין די 70-גער יאָהרען האָט ער געמוזט פאָהרן זיך קורירן אין קאַרלסבאַד און אין דרום-פראַנקרייך. דעם שווערסטען קלאַפּ אָבער האָט ער געליטען אין 1881, ווען זיין הייס-געליעבטע פרוי איז נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט געשטאָרבען. ער האָט דאַן געמאַכט אַ רייזע נאָך אַלזשיר און דרום-פראַנקרייך אין דער האָפנונג צו פערבעסערן זיין געזונד, אָבער די האָפנונג איז ניט פערווירקליכט געוואָרן. דאַן איז געקומען דער לעצטער קלאַפּ: זיין בעליעבטע טאָכטער זשעני, לאָנגע׳ס פרוי, איז פּלוצלונג געשטאָרבען נאָך אַ קורצער קראַנקהייט. דעם נעקסטען ווינטער איז ער קראַנק געוואָרן אויף לונגען-ענטציגדונג, און נאָכדעם ווי עס האָט אויסגעוויזען אַז ער בעסערט זיך, איז ער שטילערהייט, זיצענדיג אין זיין שטוהל, געשטאָרבען דעם 14טען מאַרץ 1883.

י. א. מ.

סישער באַדען איז לעת עתה ענגלאַנד. דאָס איז דער גרונד פאַר־וואָס ענגלאַנד דיענט אַלס די הויפּט־אילוסטראַציע פון מיינע טעאָ־רעטישע ענטוויקלונגען. זאָל אָבער דער דייטשער לעזער נעהמען קוועטשען מיט די פּלייצעס אויף דעם צושטאַנד פון די ענגלישע אינדוסטריע־ און אגריקולטור־ארבייטער, אָדער זאָל ער וועלען זיך אָפּטימיסטיש טרייסטען, אז אין דייטשלאַנד האַלט עס נאָך ווייט ניט אזוי שמאָל, דאַן מוז איך איהם זאָגען: דע טע פאַבולא נאַר־ראַטור—דאָס איז ד י י ן געשיכטע, וואָס איך דערצעהל דאָ!

אין עצם האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען דעם העכערן אָדער נידעריגערן ענטוויקלונג־גראַד פון די געזעלשאַפטליכע געגענזאַצען, וואָס נעהמען זיך פון די נאַטור־געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. עס האַנדעלט זיך וועגען די דאָזיגע געזעצען גופא, וועגען אָט די טענדענצען, וואָס ווירקען און זעצען זיך דורך מיט אַן אייזערנער נויטוועדיגקייט. דאָס לאַנד, וואָס איז אינדוסטריעל מעהר ענטוויקעלט, צייגט דעם לאַנד, וואָס איז וועניגער ענטוויקעלט, נאָר דאָס בילד פון זיין אייגענער צוקונפט.

אָבער לאָמיר דאָס לאָזען אָן א זייט. וואו די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן איז ביי אונז [אין דייטשלאַנד] פאָלשטענדיג איינגע־פיהרט, צום ביישפּיעל אין די ריכטיגע פאַבריקען, זיינען די צו־שטענדען א סך ערגער ווי אין ענגלאַנד, ווייל עס פעהלט דאָ דאָס געגען־געוויכט פון די פאַבריק־געזעצען. אין אַלע אַנדערע געביטען ליידען מיר, ווי די איבעריגע לענדער פון מערב־אייראָפּא, ניט נאָר פון דער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ־דוקציאָן, נאָר אויך פון דעם, וואָס זי איז ניט גענוג ענטוויקעלט. צוזאַמען מיט די נייע צרות דריקט אונז א גאַנצע רייה גע'ירשנ'טע צרות, וועלכע נעהמען זיך פון דעם, וואָס עס זשיפּען נאָך אַלטע, אָבגעלעבטע פּראָדוקציאָנס־אופנים, מיט זייער כאַליאַסטרע פון פערעלטערטע געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע שייכות'ן. מיר ליידען ניט נאָר פון די לעבעדיגע, נאָר אויך פון די טויטע. „לע מאָר סעזי לע וויף"—דער טויטער כאַפּט דעם לעבעדיגען און זעצט איהם אויף זיין אָרט!

אין פערגלייך מיט דער ענגלישער, האָט די סאָציאַלע סטאַ־טיסטיק פון דייטשלאַנד און די איבעריגע לענדער פון מערב־איי־ראָפּא זעהר אַן עלענדען אויסזעהן. דאָך הויבט זי אויף דעם

איז איהר פערטיגע געשטאַלט, איז זעהר עלעמענטאַר און איינפאַך. פונדעסטוועגען האָט דער מענשליכער גייסט מעהר ווי צוויי טויזענד יאָהר אומזיסט געזוכט זי צו דערגרונטעווען, בעת פון דער אַנדער זייט איז איהם דער אַנאַליז פון פיעל טיעפערע און קאָמפּליצירטערע פאָרמען געלונגען ווענינגסטענס קרוב לאמת. ווארום? ווייל עס איז לייכטער צו שטודירן דעם ענטוויקעלטען קערפּער איידער די איינצעלנע צעל פון קערפּער. אַחוץ דעם, אין דעם אַנאַליז פון עקאָנאָמישע פאָרמען קאָן מען זיך ניט בענוצען, ניט מיט דעם מיקראָסקאָפּ, ניט מיט כעמישע רעאַגענטען. די קראַפט פון אַב־סטראַקציע מוז דיענען אנשטאַט זיי ביידען. אָבער די סחורה־פאָרם פון דעם ארבייט־פּראָדוקט, אָדער די ווערטה־פאָרם פון סחורה, איז די עקאָנאָמישע צעל־פאָרם פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. פאַר דעם אונגעבילדעטען ווייזט זיך אויס, ווי דער גאַנצער אַנאַליז וואָלט בעשטאַנען פון פּלפּולים איבער קליינינקייטען. פאַקטיש האַנדעלט זיך טאַקע וועגען קליינינקייטען, אָבער וועגען דעמזעלבען סאָרט ווי די, וואָס די מיקראָסקאָפּישע אַנאַטאָמיע בעהאַנדעלט.

מיט דער אויסנאַהם פון דעם אָבטייל וועגען דער ווערטה־פאָרם, וועט מען דעריבער זיך ניט קאָנען בעקלאָגען, אז דאָס בוך איז שווער צו פערשטעהן. איך שטעל זיך נאַטירליך פאָר אזוינע לעזער, וועלכע ווילען לערנען עפּעס נייעס און פאָלגליך אויך אַליין דענקען.

דער פיזיקער בעאָבאַכטעט די נאַטור־פּראָצעסען ענטוועדער דאָרט, וואו זיי בעווייזען זיך אין זייער קלאָרסטער פאָרם און זיינען וואָס ווענינגער פערשטעלט פון שטערענדע איינפלוסען, אָדער ער מאַכט וואו מעגליך עקספּערימענטען אונטער אזוינע בעדינגונגען, וועלכע פערזיכערן דעם פאָרגאַנג פון דעם פּראָצעס אין זיין ריינער פאָרם. וואָס איך האָב אויסצופאָרשען אין אָט דעם ווערק, איז דעם קאַפּיטאַליסטישען אופן פון פּראָדוקציאָן און די פּראָדוקציאָן־און פערקעהר־שייכות׳ן, וואָס פּאַסען זיך צו איהם. זייער קלאַ־

דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די פערהעלטניסען פון דער פּראָדוקציאָן און דעם אופן פון פּראָדוקציאָן א.אז.וו. א.אז.וו. אפילו ביז צו דער טערמינאָלאָגיע, וואָס איך האָב געשאַפען—איז דאָס מסתמא געטאָן געוואָרן צוליעב פּראָפּאַגאַנדאַ־אויסרעכע־נונגען. איך רעד נאַטירליך ניט וועגען זיינע איינצעל־אויספיהרונגען און אָנ־ווענדונגען פון די דאָזיגע זאַצען, מיט וועלכע איך האָב גאָרנישט צו טהאָן.

פון דער ענגלישער פאַבריק־געזעצגעבונג. איין פאָלק זאָל און קאָן לערנען פון די אַנדערע. אפילו ווען אַ געזעלשאַפט איז שוין אַרויף אויפ'ן וועג צו ענטדעקען דעם נאַטור־געזעץ פון איהר בעוועגונג— און דער לעצטער ענד־צוועק פון אָט דעם ווערק איז אויפצודעקען דעם עקאָנאָמישען בעוועגונגס־געזעץ פון דער מאָדערנער געזעל־שאַפט—קאָן זי ניט אַריבערשפּרינגען און אַוועקמאַכען דורך דע־קרעטען די נאַטורמעסיגע פאַזען פון איהר ענטוויקלונג. זי קאָן אָבער אָבקירצען און מילדערן די געבורט־וועהען.

איין וואָרט, כדי צו פערמיידען מעגליכע מיספערשטענדנישען. די געשטאַלטען פון דעם קאַפּיטאַליסט און גרונד־אייגענטימער האָב איך בשום אופן ניט געצייכענט אין ראָזיגע פאַרבען. אָבער עס האַנדעלט זיך דאָ ווענען פּערזאָנען נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי זיי זיינען די פּערזאָניפיקאַציעס פון עקאָנאָמישע קאַטעגאָריען, די טרעגער פון בעשטימטע קלאַסען־פערהעלטנישען און קלאַסען־אינ־טערעסען. מיין שטאַנדפּונקט, וועלכער פאַסט אויף די ענטוויקלונג פון דעם עקאָנאָמישען געבוי פון דער געזעלשאַפט ווי אַ נאַטור־געשיכטליכען פּראָצעס, קאָן פיעל ווענינער ווי יעדער אַנדערער פעראַנטוואָרטליך מאַכען דעם איינצעלנעם פאַר פערהעלטנישען, פון וועלכע ער בלייבט געזעלשאַפטליך אַלעמאָל אַ פּראָדוקט, וויפיעל ער זאָל זיך ניט דערהויבען איבער זיי סוביעקטיוו.

די פרייע וויסענשאַפטליכע פאָרשונג בעגעגענט אויף דעם געביט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ניט נאָר דיזעלבע פיינד ווי אויף אַלע אַנדערע געביטען. דער אייגענטימליכער כאַראַקטער פון דעם מאַטעריאַל, וואָס זי בעהאַנדעלט, רופט אַרויס אַנטקעגען איהר די גוואַלטיגסטע, געמיינסטע און פיינדליכסטע ליידענשאַפטען פון דער מענשליכער ברוסט, די פוריען פון פּריוואַט־אינטערעסען. די ענגלישע הויך־קירך, צום ביישפּיעל, וועט גיכער מוחל זיין דעם אַנגריף אויף 38 פון איהרע 39 אַני מאמינ'ס, איידער אויף $1/39$ פון איהרע הכנסות. היינטיגען טאָג איז אפילו דער אַטעאיזם אַליין אַן עבירה קלה („קולפּאַ לעוויס"—אַ לייכטע זינד), אין פערגלייך מיט דער קריטיק פון די טראַדיציאָנעלע אייגענטום־פערהעלטנישען. פונדעסטוועגען מערקט זיך שוין דאָ אויך אַ פאָרטשריט. איך קאָן אָנווייזען צ.ב.ש. אויף דעם בלויבוך: “Correspondence with her Majesty's Missions abroad,

שלייער אקוראט גענוג, צו קאָנען כאפען א קוק אויף דעם מעדוזא־קאָפּ, וואָס שטעקט הינטער איהם. מיר וואָלטען זיך דערשרעקען פאר אונזערע אייגענע צושטענדען, ווען אונזערע רעגירונגען און פארלאמענטען וואָלטען אנגעשטעלט, ווי אין ענגלאנד, אונטערזוכונגס־קאָמיסיעס פון די עקאָנאָמישע פערהעלטנישען; ווען די רא־זינע קאָמיסיעס וואָלטען געווען בעזאָרגט מיט דערזעלביגער פּאָלקא־מענער מאכט ווי אין ענגלאנד אויסצופאָרשען דעם אמת; ווען עס וואָלט געלונגען צו געפינען פאר דעם צוועק פּונקט אזוינע זאכ־פערשטענדיגע, אונפּארטייאישע מענשען, וואָס זיינען קיינעם נים נושא פּנים, ווי די פאבריק־אינספּעקטאָרען פון ענגלאנד, אזוינע ראָקטוירים בעריכט־ערשטאטער וועגען „פּובליק העלטה" [עפענט־ליכע געזונדהייט], אזוינע אונטערזוכונג־קאָמיסארען וועגען דער עקספּלואטאציע פון פרויען און קינדער, וועגען די צושטענדען פון די וואוינונגען און דערנעהרונג א.אז.וו. פּערסעאוס האָט געטראָגען א כשוף־היטעל, כדי די מאָנסטערס, וואָס ער האָט פערפאָלגט, זאָלען איהם נים זעהן. מיר ציהען די כשוף־היטעל טיעף אריבער די אויגען און אויערן, כדי צו קאָנען זיך איינרעדען, אז עס זיינען גאָר קיין מאָנסטערס נימאָ.

מיר טאָרן זיך וועגען דעם נים נארן. אזוי ווי דער אמע־ריקאנער אונאבהענגינקייט־קריעג פון 18טען י.ה. האָט געקלונגען די שטורם־גלאָק פאר דעם אייראָפּעאישען מיטעל־קלאס, אזוי האָט דער אמעריקאנער בירגער־קריעג פון 19טען י.ה. זי געקלונגען פאר דעם אייראָפּעאישען ארבייטער־קלאס. אין ענגלאנד קאָן מען דעם פּראָצעס פון איבערקעהרעניש אָנטאפּען מיט די הענד. ווי נאָר ער וועט גרייכען א געוויסען הויך־פּונקט, וועט ער מוזען צוריק ווירקען אויפ'ן קאָנטינענט. דאָרט וועט ער אָנגעהמען מעהר ברוטאלע אָדער מעהר הומאנע פאָרמען, לויט נאָך דעם ענטוויק־לונגס־גראד פון דעם ארבייטער־קלאס גופא. זייערע אייגענע וויכ־טיגסטע אינטערעסען, נים צו רעדען וועגען העכערע מאָטיווען, דיקטירן דעריבער די איצט־הערשענדע קלאסען אבצוראמען, אויף ווי ווייט מען קאָן עס קאָנטראָלירן דורכ'ן געזעץ, אלע הינדערנישען, וועלכע שטערן די ענטוויקלונג פון דעם ארבייטער־קלאס. איך האָב צוליעב דעם טעם, אחוץ אנדערע, אָבגעגעבען אזויפיעל פּלאַץ אין אָט דעם באנד פאר דער געשיכטע, די פּרטים און רעזולטאטען

נאָכוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע.

איך מוז קודם אָנווייזען די לעזער פון דער ערשטער אויסגאַבע אויף די ענדערונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער צוויי־טער אויסגאַבע. די קלערערע איינטיילונג פונ'ם בוך וואַרפט זיך גלייך אין אויג. די צוגעגעבענע נאָטען ווערן אומעטום בעצייכענט אַלס נאָטען צו דער צווייטער אויסגאַבע. וואָס איז נוגע דעם טעקסט גופא איז דאָס וויכטיגסטע ווי פאָלגט:

קאַפּיטעל I, 1 די אַרויסדרינגונג פונ'ם ווערטה דורך אַן אַנאַליז פון די גלייכונגען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס יעדער טויש־ווערטה, איז דורכגעפיהרט געוואָרן אויף אַ שטרענגערן וויסענ־שאַפטליכען אופן; אַזוי אויך איז אוועקגעשטעלט געוואָרן מעהר אויסדריקליך דער צוזאַמענהאַנג צווישען דער ווערטה־סובסטאַנץ און דער בעשטימונג פון דער ווערטה־גרויס דורך דער געזעלשאַפט־ליך־נויטווענדיגער אַרבייט־צייט, וואָס איז אין דער ערשטער אויס־גאַבע נאָר אָנגעדייטעט געוואָרן. קאַפּיטעל I, 3 (די ווערטה־פאָרם) איז איינגאַנצען איבערגעאַרבייט: די דאָפּעלטע דאַרשטע־לונג פון דער ערשטער אויסגאַבע האָט עס שוין לכתחילה געמאַכט נויטיג. — פערבייגעהענדיג וויל איך בעמערקען, אַז יענע דאָ־פּעלטע דאַרשטעלונג האָט צו פערדאַנקען מיין פריינד דר. ל. קוגעלמאַן פון האַנאָווער. איך בין געוועזען ביי איהם צו גאַסט אין פריהלינג פון 1867, ווען די ערשטע קאָרעקטור־בויגענס זיינען אָנגעקומען פון האַמבורג, און ער האָט מיך איבערצייגט, אַז פאַר דעם רוב לעזער איז נויטיג אַ פולערע און מעהר דידאַקטישע אויס־טייטשונג פון דער ווערטה־פאָרם. — דער לעצטער אָבטייל פון דעם ערשטען קאַפּיטעל: „דער פעטיש־כאַראַקטער פון דער סחורה א.אז.וו.” איז גרעסטענטיילס געענדערט. קאַפּיטעל III, 1 (די מאָס פון ווערטהען) איז גענוי רעווידירט געוואָרן, ווייל דער דאָ־זיגער אָבטייל, אָנווייזענדיג אויף דער שוין געגעבענער ערקלערונג אין „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע”, איז בעהאַנדעלט געוואָרן נאַכלעסיג אין דער ערשטער אויסגאַבע. קאַפּיטעל VII ספּעציעל טייל 2, איז בעדייטענד איבערגעאַרבייט געוואָרן.

עס איז איבעריג אַריינצוגעהן אין פּרטים וועגען די ענדערונ־

regarding Industrial questions and Trades-Unions." וואָס איז ערשיענען אין די לעצטע וואָכען. די אויסלענדישע פערטרעטער פון דער ענגלישער קרוין זאָגען זיך ארויס אין פשוט'ע דבורים, אז אין דייטשלאנד, פראנקרייך, קורץ אין אלע ציוויליזירטע לענדער פון אייראָפּעאישען קאָנטינענט, לאָזט זיך פונקט אזוי פיהלען אן אומוואנדלונג פון די בעשטעהענדע פערהעלטנישען צווישען קאפּיטאל און ארבייט, און איז פונקט אזוי אונפערמיידליך, ווי אין ענגלאנד. אין דערזעלביגער צייט ערקלערט אויף יענער זייט אטלאנטישען ים, הערר ווייד, דער וויצע פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען, אין עפענטליכע פערזאמלונגען: נאָך דער אָבשאפונג פון דער שקלאפעריי טרעט ארויף אויפ'ן טאגעס אָרדנונג די אומוואנדלונג פון די פערהעלטנישען פון קאפּיטאל און גרונד־אייגענטום! דאָס זיינען צייכענס פון דער צייט, וועלכע לאָזען זיך ניט פערשטעקען הינטער פּורפּור־מאנטלען אָדער שווארצע קיטלען. זיי בעדייטען ניט, אז מאָרגען וועלען געשעהן נסים. זיי בעווייזען, אז אפילו אין די הערשענדע קלאסען הויבט אָן שפּראָצען דער געדאנק, אז די איצטיגע געזעלשאפט איז ניט קיין פעסטער קריסטאָל, נאָר אן אָרגאניזם, וואָס לאָזט זיך אומוואנדלען און געפינט זיך שטענדיג אין דעם פּראָצעס פון אומוואנדלונג.

דער צווייטער באנד פון אָט דעם ווערק וועט בעהאנדלען דעם צירקולאציאָנס־פּראָצעס פון קאפּיטאל און די געשטאלטונגען פון דעם קאפּיטאליסטישען פּראָצעס איננאנצען גענומען; דער לעצטער און דריטער באנד וועט בעהאנדלען די געשיכטע פון דער עקאָנאָמישער טעאָריע.

יעדער אורטייל פון א וויסענשאפטליכער קריטיק איז מיר ווילקאָמען. וואָס געהערט די פּאָראורטיילען פון דער אזוי גערופענער עפענטליכער מיינונג, צו וועלכער איך האָב קיינמאָל קיין קאָנצעסיעס ניט געמאכט, האלט איך זיך ווי פריהער ביי דעם שפּרוך פון דעם גרויסען פלאָרענטינער:

Segui il tuo corso, e lascia dir le genti!

געה זיך דיין וועג און לאָז די לייט רעדען!

קארל מארקס.

לאָנדאָן, 25טען יולי, 1867.

ליכקייט האָט זיך פערוואנדעלט אונטער זייערע הענד אין א זאמ־לונג פון דאָגמען, וואָס זיינען אויסגעטייטשט געוואָרן פון זיי אין דעם זין פון דער קליינבירגערליכער וועלט, וואָס האָט זיי ארומגע־רינגעלט, און ממילא—שלעכט אויסגעטייטשט. דעם געפיהל פון וויסענשאפטליכער אונמאכט, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט איינגאנצען אונטערדריקען, און דעם אונהיימליכען געוויסען, וואָס מען מוז שפּיעלען די ראָליע פון לעהרער אויף א פאקטיש פרעמדען געביט, האָט מען געזוכט צו פערשטעקען אונטער דעם פּוץ פון ליטעראריש־היסטאָרישער געלעהרזאמקייט, אָדער דורך א צומיש פון א פרעמ־דען מאטעריאל, געבאָרגט פון די אזוי גערופענע „קאמעראל"־וויסענשאפטען—א מיש־מאש פון קענטענישען, וואָס יעדער האָפ־נונג־פולער קאנדידאט פון דער דייטשער ביוראָקראטיע מוז אויס־האלטען זייער העלישען פייער.

זינט 1848 האָט זיך די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציאָן ראשיג ענטוויקעלט אין דייטשלאנד, און ביי היינטיגען טאָג האלט זי שוין אין פולען בליהען פון שווינדעל און ספּעקולאציע. אָבער דער מזל איז נאָך אלץ געבליבען אונפריינדליך צו אונזערע פאך־לייט. כל זמן זיי האָבען געקאָנט זיך אָבגעבען אָהן פּאָראורטיילען מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האָבען געפעהלט אין דער דייטשער ווירקליכקייט די מאָדערנע עקאָנאָמישע פערהעלטענישען. אזוי באלד ווי אָט די פערהעלטענישען זיינען אריינגעטראָטען אין לעבען, איז עס געשעהן אונטער אזוינע אומשטענדען, וועלכע דערלאָזען ניט מעהר קיין אונפּארטייאישען שטודיום אין די גרעניצען פון דעם בורזשואזען שטאנדפּונקט. אזוי ווייט ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז א בורזשואזע, ד.ה. אויף ווי ווייט זי פאסט אויף די קאפּיטאליסטישע אָרדנונג ניט ווי א געשיכטליך פּאָראיבער־געהענדע ענטוויקלונג־שטופע, נאָר ווי אן אבסאָלוטע און לעצטע געשטאלט פון דער געזעלשאפטליכער פּראָדוקציאָן, קאָן זי בלייבען א וויסענשאפט נאָר אזוי לאנג, ווי דער קלאסען־קאמפּף בלייבט אונבעמערקט אָדער ווייזט זיך נאָר ארויס אין פעראיינצעלטע ערשיינונגען.

לאָמיר נעהמען ענגלאנד. איהר קלאסישע פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע פאלט אויס אין דער פּעריאָדע פון דעם אונענטוויקעלטען קלאסען־קאמפּף. איהר לעצטער גרויסער רעפּרעזענטאנט, ריקארדאָ,

גען אין טעקסט, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן ערטערווייז נאָר בנוגע דעם סטיל. אַזעלכע ענדערונגען קאָן מען טרעפען דורכ'ן גאנצען בוך. נאָך אַלעם דעם געפין איך איצט, איבערקוקענדיג די פראנצויזישע איבערזעצונג, וואָס איז ערשיענען אין פאריז, אז איינינגע טיילען פון דייטשען אָריגינאל וואָלטען געפאָדערט אין איין פאל א מעהר גרינדליכע אומארבייטונג, אין אנאנדער פלאץ א גרעסערע סטיליסטישע קלאָרקייט, אָדער א גענויערע בעזייטיגונג פון צופעליגע פערזעהונגען. עס איז דערצו קיין צייט נים געוועזן, וואָרים איך האָב געקריגען די ידיעה, אז דאָס בוך איז אויספערקויפט, אין הערבסט 1871, ווען איך בין געוועזן פערנומען מיט אנדערע נוטיגע ארבייט, און דאָס דרוקען פון דער צווייטער אויסגאבע האָט שוין געדארפט זיך אָנהויבען אין יאנואר 1872.

די גוטע אויפנאהמע, וואָס „דאָס קאפיטאל" האָט שנעל געקראָגען אין ברייטע קרייזען פון דעם דייטשען ארבייטער־קלאס, איז דער בעסטער שכר פאר מיין ארבייט. א מאן,—דער וויענער פאבריקאנט, הערר מייער,—וועלכער שטעהט עקאָנאָמיש אויף דעם בורזשואזען שטאנדפונקט, האָט זעהר קלאָר ארויסגעבראכט דעם פאקט אין א בראָשור, וואָס ער האָט פערעפענטליכט בעת דעם דייטש־פראנצויזישען קריעג, אז דער גרויסער חוש פאר טעאָרעטישען דענקען, וואָס מען האלט אז דייטשלאנד האָט בירושה, האָט זיך אָבגעטאָן פון די אזוי גערופענע דייטשלאנד'ס געבילדעטע קלאסען און לעבט אויף פון דאָס ניי אין דעם ארבייטער־קלאס.

די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז אין דייטשלאנד פערבליבען ביז צו דער שטונדע אן אויסלענדישע וויסענשאפט. גוסטאוו פאָן גוליך האָט שוין אין 1830, אין די ערשטע צוויי בענדער פון זיין ווערק „געשיכטליכע דארשטעלונג דעם האנדעלס, דער געווערבע א.אז.וו.", אויפגעוויזען אין א גרויסען טייל די היסטאָרישע אומשטענדען, וועלכע האָבען ביי אונז געשטערט די ענטוויקלונג פון דעם קאפיטאליסטישען פראָדוקציאָנס אופן, און פאָלגליך אויך דעם אויפבוי פון דער מאָדערנער בירגערליכער געזעלשאפט. עס האָט געפעהלט, הייסט עס, דער לעבעריגער באָדען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. זי איז אימפּאָרטירט געוואָרן ווי פארטיגע סחורה פון ענגלאנד און פראנקרייך; איהרע דייטשע פּראָפעסאָרען זיינען געבליבען תלמידים. דער טעאָרעטישער אויסדרוק פון א פרעמדער ווירק־

דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל און דעם אַריסטאָקראַטישען גרונד־אייגענטום — אַ קאַמף, וועלכער האָט זיך אין פראַנקרייך פער־באָרגען הינטער דעם געגענזאַץ צווישען דעם פּאַרצעל־אייגענטום (קליין־גרונד בעזיץ) און דעם גרויסען גרונד־בעזיץ, בעת אין ענג־לאַנד איז ער אַרויסגעטראָטען אָפען זינט די קאָרן־געזעצען. די ליטעראַטור פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין ענגלאַנד אין אָט דער פּעריאָדע דערמאָנט אָן דעם פיזיאָקראַטיזם. מיט דעם יאָהר 1830 איז אַריינגעטראָטען דער קריזיס, וואָס האָט בעשטימט די זאַך־לאַגע איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

די בורזשואַזיע האָט אין פראַנקרייך און ענגלאַנד ערָאָבערט די פּאָליטישע מאַכט. פון דאַן אָן האָט דער קלאַסען־קאַמף אָנ־גענומען פּראַקטיש און טעאָרעטיש אַלץ מעהר אויסגעשפּראָכענע און דראָהענדע פאָרמען. ער האָט געקלונגען די טויטען־גלאָק פון דער וויסענשאַפטליכער בורזשואַזער עקאָנאָמיע. פאַר איהר איז איצט מעהר ניט געווען די פראַגע צי דער אָדער יענער טעאָרעם איז אמת, נאָר צי עס איז ניצליך פאַר'ן קאַפּיטאַל, צי שעדליך, צי עס איז בעקוועם אָדער אונבעקוועם, צי די פּאָליציי ערלויבט עס, צי ניט. אנשטאַט דער עהרליכער פאָרשונג איז איצט די פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע געוואָרן אַ בעצאָהלטע פּרייז־פּעכטעריי; אויף דעם אָרט פון דער פרייער וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג איז אויס־געוואַקסען דער זינדיגער געוויסען און די שלעכטע כונה פון דער אַפּאָלאָגעטיק, פון רעכטפּערטיגונג. פונדעסטוועגען האָבען אפילו די צודרינגליכע פּאַמפלעטען, וואָס די „אַנטי קאָרן־לאָ ליגע" מיט די פאַבריקאַנטען קאָבדען און ברייט בראָש האָבען אָנגעוואָרפען אַ וועלט, געהאַט, אויב ניט קיין וויסענשאַפטליכען אינטערעס, דאָך אַ היסטאָרישען אינטערעס דורך זייער פּאָלעמיק אַנטקעגען דער אַריסטאָקראַטיע פון גרונדאייגענטום. אָבער די פרייהאַנדעל־געזעצגעבונג, וואָס סער ראָבערט פּיעל האָט אָנגעפאַנגען, האָט אפילו אָט דעם לעצטען שפּיץ אַרויסגעצויגען פון דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע.

די רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אויפ'ן קאָנטינענט אין 1848-49, האָט צוריק געווירקט אויך אויף ענגלאַנד. מענשען, וועלכע האָבען נאָך געוואָלט אויפהאַלטען אַ וויסענשאַפטליכע בע־דייטונג און האָבען געוואָלט זיין עפּעס מעהר איידער פּשוט'ע סאָפיסטען און אונטערלעקער פון די הערשענדע קלאַסען, האָבען

נעהמט ענדליך דעם געגענזאץ פון די קלאסען־אינטערעסען—פון ארבייטס־לוין און פראפיט, פון דעם פראפיט און די גרונד־רענטע —בעוואוסטזיניג אלס דער אנהויב־פונקט פון זיינע פארשונגען, נאאיוו אויפפאסענדיג דעם דאזיגען געגענזאץ ווי א געזעלשאפטליכען נאטור־געזעץ. דערמיט אבער האט די בורזשואזע וויסענשאפט פון עקאנאמיע טאקע געגרייכט איהר גרעניץ, וועלכען זי האט ניט געקאנט אריבערטרעטען. נאך ביי ריקארדא'ס לעבען, און להיפך צו איהם, איז ארויסגעטראטען די קריטיק פון דער בורזשואזער עקאנאמיע אין דער פערזאן פון סיסמאנדי.*

די נעקסטע 10 יאהר נאכדעם—פון 1820 ביז 1830—צייכענען זיך אויס אין ענגלאנד מיט א וויסענשאפטליכער לעבעדיגקייט פון דער פאליטישער עקאנאמיע. דאס איז געווען די פעריאדע אי פון דער וואולגאריזירונג און אויסברייטונג פון ריקארדא'ס טעאריע, אי פון איהר קאמפף אנטקעגען דער אלטער שוהלע. עס זיינען פארגעקומען גלענצענדע טורנירען. וואס עס איז דאמאלסט אויפגעטאן געווארן איז אויפ'ן אייראפעאישען קאנטינענט ווייניג בעקאנט, אזוי ווי די פאלעמיק איז דאס רוב צושפרייט אין זשורנאל־ארטיקלען, צופעליגע שריפטען און בראשורען. דער אונפארטייאישער כאראקטער פון יענער פאלעמיק—הגם ריקארדא'ס טעאריע דיענט שוין אין אויסנאהם־פאלען ווי אן אנגריף־וואפען אנטקעגען דער בורזשואזער עקאנאמיע—דערקלערט זיך דורך די אומשטענדען פון יענער צייט. פון איין זייט איז די גרויס־אינדוסטריע גופא ערשט ארויסגעטראטען פון איהרע קינדער־יאהרען, ווי מען קאן עס זעהן פון דעם פאקט, וואס ערשט מיט דעם קריזיס פון 1825 הויבט זי אן דעם פעריאדישען קרייז־לויף פון איהר מאדערנעם לעבען. פון דער אנדער זייט איז דער קלאסען־קאמפף צווישען קאפיטאל און ארבייט פערשטופט געווארן אין הינטערגרונד, פאליטיש דורך דער מחלקה צווישען די רעגירונגען און פעאדאלען, וואס האבען זיך ארומגעקליבען ארום דער „הייליגער אליאנץ", און די פאלקס־מאסען, וואס זיינען געפיהרט געווארן פון דער בורזשואזיע; עקאנאמיש דורך די רייסערייען צווישען

* זעה מיין שריפט „צור קריטיק דער פאליטישען עקאנאמיע", 1טע אויפלאגע, בערלין 1859, ז. 39.

פון דער ראַזיגער עקאָנאָמיע. אַזוי ווייט ווי אַזאַ קריטיק פּערטרעט בכלל איין קלאַס, האָט זי נאָר געקאָנט פּערטרעטען דעם קלאַס, וועמעס היסטאָרישער בערוף איז צו רעוואָלוציאָנירן דעם קאַפּי־טאַליסטישען פּראָדוקציאָנס אופן און ענדליך אָבצושאַפען די קלאַ־סען—דעם פּראָלעטאַריאַט.

די געלעהרטע און ניט־געלעהרטע וואָרטפיהרער פון דער דייי־טשער בורזשואַזיע האָבען צוערשט פּרובירט טויטשווייגען „דאָס קאַפּיטאַל", ווי דאָס האָט זיי אָבגעגאָלטען מיט מיינע פריהערדיגע שריפטען. אַזוי באַלד ווי אָט די טאַקטיק האָט זיך שוין מעהר ניט געפּאַסט צו די אומשטענדען פון דער צייט, האָבען זיי, פּרע־טענדירענדיג אַז זיי קריטיזירן מיין בוך, געשריבען רעצעפּטען „צו בערוהיגען דעם בורזשואַזען בעוואוסטזיין". זיי האָבען אָבער גע־פונען אין דער אַרבייטער פּרעסע—זעה צ.ב.ש. יאָזעף דיעצגען'ס אַרטיקלען אין דעם „פאָלקסשטאַאַט"—שטאַרקערע געגנער, וועמען זיי זיינען נאָך ביז היינט שולדיג אַן ענטפער.*

אַן אויסגעצייכענטע רוסישע איבערזעצונג פון „קאַפּיטאַל" איז ערשיענען אין פּעטערבורג אין פריהלינג פון 1872. די אויפ־לאַגע פון 3000 עקזעמפּלאַרען איז איצט איינגאַנצען אויסגעגאַנגען.

* די פּלוידערזעק פון דער דייטשער וואולגאַר־עקאָנאָמיע האָבען געטאַדעלט דעם סטיל און די דאַרשטעלונג פון מיין בוך. קיינער קאָן ניט שטרענגער אור־טיילען וועגען די ליטעראַרישע חסרונות פון „קאַפּיטאַל", ווי איך אַליין. פונ־דעסטוועגען וויל איך דאָ איבערגעבען, פאַר דער בעלעהרונג פון די דאָזיגע הערען און זייער פּובליקום, אַן ענגלישען און אַ רוסישען אורטייל איבער דעם בוך. די „סאַטורדיי רעוויו", וועלכע איז דורכאויס פיינדליך צו מיינע אנזיכטען, זאָגט אין איהר בעמערקונג וועגען דער ערשטער דייטשער אויסגאַבע: די דאַר־שטעלונג „גיט אפילו צו די טרוקענסטע עקאָנאָמישע פראַגען אַ בעזונדער רייץ." די „סט. פּעטערבורגסקיע וויעדאָמאָסטי" בעמערקט אין איהר נומער פון 20טען אַפּריל 1872 צווישען אַנדערעס: „די דאַרשטעלונג, מיט דער אויסנאַהם פון איינינגע העכסט ספּעציעלע טיילען, צייכענט זיך אויס דורך אַלגעמיין־פערשטענד־ליכקייט, קלאַרקייט, און טראָץ דער וויסענשאַפטליכער הויך פון דעם ענין, דורך אונגעוועהנליכער לעבעדיגקייט. אין דער הינזיכט איז דער פּערפאַסער.... נאָר ניט גלייך צו דעם רוב דייטשע געלעהרטע... וועלכע שרייבען זייערע ביכער אין אַזאַ פערפינסטערטער און טרוקענער שפּראַך, אַז ביי דעם איינפאַכען שטערב־ליכען פּלאַצט דער קאָפּ". ביי די לעזער פון די היינטיגע דייטשע נאַציאָנאַל־ליבעראַלע פּראָפעסאָרישע ליטעראַטור פּלאַצט אָבער עפּעס אַנדערעס איידער דער קאָפּ.

געזוכט צו ברענגען די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון קאַפּיטאַל אין
איינקלאַנג מיט די טענות, װעלכע האָבען זיך שוין מעהר ניט
געלאָזט איגנאָרירן פון דעם פּראָלעטאריאַט. דערפון נעהמט זיך דער
בלאַסער סינקרעטיזם [די פּשרה צװישען געגענגעזעצטע אױפפאַ־
סונגען], װי דזשאָהן סטואַרט מילל פערטרעט איהם אמבעסטען.
דאָס איז א באַנקראָט־ערקלערונג פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמיע,
װעלכע דער גרױסער רוסישער געלעהרטער און קריטיקער, נ. טשער־
נישעװסקי, האָט שוין מייסטערהאַפט בעלויכטען אין זיין װערק
„שטריכען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע לױט מילל”.

אין דײטשלאַנד, הייסט עס, איז דער קאַפּיטאַליסטישער אופן
פון פּראָדוקציאָן צייטיג געװאָרן נאָכדעם װי זיין אַנטאַגאָניסטישער
כאַראַקטער האָט זיך שוין דורך היסטאָרישע קאַמפּען בעװיזען מיט
א גלאַנצפולער אין פראַנקרייך און ענגלאַנד; בעת דער דײטשער
פּראָלעטאַריאַט האָט שוין פערמאָגט א פיעל־פעסטערן טעאָרעטישען
קלאַסען־בעװאוסטזיין, איידער די דײטשע בורזשואַזיע. אזוי שנעל,
אלזאָ, װי עס האָט אױסגעזעהן, אז עס איז מעגליך געװאָרן אין
דײטשלאַנד א בורזשואזע װיסענשאַפט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע,
איז זי שוין װיעדער געװאָרן אונמעגליך.

אונטער אָט די אומשטענדען האָבען זיך איהרע װאָרטפיהרער
צוטיילט אין צװיי לאַגערען. פון איין זייט, די קלוגע, געשעפט־
מעסיגע, פּראַקטישע מענשען האָבען זיך גרופּירט ארום באַסטיא'ס
פאָהן—דעם פלאַכסטען און דעריבער דעם געלונגענסטען פערטרע־
טער פון דער װאולגאַר־עקאָנאָמישער אפּאָלאָגעטיק; פון דער אנ־
דער זייט, די װאָס זיינען געװוען שטאָלץ אויף דעם פּראָפעסאָרישען
כבוד פון זייער װיסענשאַפט, זיינען נאָכגעגאַנגען דזשאָהן סטואַרט
מילל אין דער בעמיהונג אױסצוגלייכען דאָס, װאָס קאָן ניט אױס־
געגליכען װערן. אזוי װי אין דער קלאַסישער צייט פון דער בור־
זשואַזער עקאָנאָמיע, אזוי אויך אין דער צייט פון איהר אונטערגאַנג,
זיינען די דײטשען געבליבען בלויז חדר־אינגלעך, נאָכבעטער און
נאָכטרעטער, קליינע קרעמערלעך פון דעם אױסלענדישען גרױס־
געשעפט.

די אייגענטימליכע היסטאָרישע ענטװיקלונג פון דער דײטשער
געזעלשאַפט האָט דעריבער דאָרט אױסגעשלאָסען יעדע אָריגינעלע
פאָרטבילדונג פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמיע, אחוץ—די קריטיק

דאַרשטעלונג, איז מאַרקס דער גרעסטער אידעאַל־פילאָזאָף, נאָר אין דעם דייטשען, ד. ה. אין דעם שלעכטען זין פון וואָרט. אין אמת'ן אָבער איז ער אונענדליך־מעהר רעאַליסט איידער אַלע זיינע פאָר־געננער אין דעם ענין פון עקאָנאָמישער קריטיק.... מען קאָן איהם בשום אופן ניט אָנרופען אַ אידעאַליסט." איך קאָן דעם הערךן פּערפאַסער בעסער ניט ענטפערן ווי דורך אייניגע אויסצוגען פון זיין אייגענער קריטיק, וועלכע קאָנען אַ חוץ דעם זיין אינטערעסאַנט פאַר אייניגע פון מיינע לעזער, וועלכע קאָנען זיך ניט בענוצען מיט דעם רוסישען אָריגינאַל.

נאָכדעם ווי ער ברענגט אַ ציטאַט פון מיין פאָררעדע „צו דער קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע", ז. IV ביז VII, וואו איך האָב דערקלערט די מאַטעריאַליסטישע גרונדלאַגע פון מיין מע־טאָדע, שרייבט דער הערר פערפאַסער ווי פאָלגט:—

„פאַר מאַרקס'ן איז נאָר איין זאַך וויכטיג: אויסצוגעפינען דאָס געזעץ פון די ערשיינונגען, מיט דער אונטערזוכונג פון וועלכע ער בעשעפטיגט זיך. און דערביי איז פאַר איהם וויכטיג ניט נאָר דאָס געזעץ, וואָס בעהערשט זיי, אַזוי ווייט ווי זיי האָבען אַ בע־שטימטע פאָרם און געפינען זיך אין דעם צוזאַמענהאַנג, וועלכען מען קאָן בעאָבאַכטען אין אַ געגעבענער צייט. פאַר איהם איז פריהער פאַר אַלץ נאָך וויכטיג דאָס געזעץ פון זייער פערענדערונג, פון זייער ענטוויקלונג, ד.ה. פון דעם איבערגאַנג פון איין פאָרם אין דער אַנדערער, פון איין אָרדנונג פונ'ם צוזאַמענהאַנג אין אַנ־אַנדער אָרדנונג. האָט ער איינמאָל ענטדעקט דעם דאָזיגען געזעץ, אונטערזוכט ער בפרטיות די פאָלגען, אין וועלכע דאָס געזעץ ווייזט זיך ארוים אין געזעלשאַפטליכען לעבען.... מחמת דעם זאָרגט זיך מאַרקס נאָר וועגען איין זאַך: נאָכצר־ווייזען דורך אַ גענויער וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג די נויטווענדיגקייט פון בעשטימ־טע אָרדנונגען פון די געזעלשאַפטליכ'ע שייכות'ן, און אַזוי עהרליך ווי מעגליך צו קאָנסטאַטירן די פאַקטען, וועלכע דיענען איהם פאַר דעם גרונד און שטיץ־פּונקט פון זיין פאָרשונג. דערצו איז פאָל־שטענדיג גענוג ווען ער בעווייזט, צוגלייך מיט דער נויטווענדיגקייט פון דער געגענווערטיגער אָרדנונג, די נויטווענדיגקייט פון אַנאַנדער אָרדנונג, אין וועלכע די ערשטע מוז אונפערמיידליך אריבערגעהן, גאַנץ גלייך צי די מענשען גלויבען עס אָדער ניט, צי זיי זיינען

שוין אין 1871 האט הערר נ. זיבער, פראפעסאר פון פאליטישער עקאנאמיע אין קיעווער אוניווערזיטעט, נאכגעוויזען אין זיין בוך „טעאריא צענאסטי אי קאפיטאלא ד. ריקארדא", אז מיין טעאריע פון ווערטה, געלד און קאפיטאל איז אין איהרע גרונדציגען א נויטווענדיגע ווייטערע ענטוויקלונג פון דער סמיטה־ריקארדא לעהרע. וואס עס איבעררואשט דעם מערב־אייראפּעער לעזענדיג דעם דאזיגען ווערטהפולען בוך, איז די קאנזעקווענטע דורכפיהרונג פון דעם ריין־טעארעטישען שטאנדפונקט.

די מעטאדע, וואס איז אנגעווענדעט געווארן אין „קאפיטאל", איז שלעכט פערשטאנען געווארן, ווי מען קאן עס זעהן פון די איינע די אנדערע ווידערשפרעכענדע אויפפאסונגען פון דעם בוך.

אזוי ווארפט מיר פאר די פאריזער „רעוויו פאזיטיוויסט" פון איין זייט, אז איך בעהאנדעל די עקאנאמיע מעטאפיזיש, און פון דער אנדער זייט—שטעלט זיך פאר!—אז איך בעשרענק זיך בלויז אויף א קריטישער צוגליעדערונג פון די פאקטען, אנשטאט צו פער־שרייבען רעצעפּטען (אפשר קאנטיסטישע?) פאר דער גארקיך פון דער צוקונפט. אנטקעגען דעם פארוואורף פון מעטאפיזיקע בע־מערקט פראפעסאר זיבער: „אויף ווי ווייט עס האנדעלט זיך וועגען דער אייגענטליכער טעאריע, איז מארקס'עס מעטאדע די דערוקטיווע מעטאדע פון דער גאנצער ענגלישער שוהלע, וואס איהרע חסרונות און מעלות געפינט מען ביי די בעסטע טעארע־טישע עקאנאמיסטען." הערר מ. בלאק—„די טעארעטיקער פון דעם סאציאליזם אין דייטשלאנד. אויסצוג פון „זשורנאל דע עקאנאמיסט" יולי און אויגוסט 1872—ענטדעקט, אז מיין מע־טאדע איז אנאליטיש, און זאגט צווישען אנדערעס: „דורך אט דעם ווערק שטעלט זיך הערר מארקס אין איין רייהע מיט די אויס־געצייכנעטסטע אנאליטישע קעפּ." די דייטשע רעצענזען־שרייבער שרייען נאטירליך אז עס איז העגעלשע סאפיסטיק. דער פּעטער־בורגער „וויעסטניק יעווראפי", אין אן ארטיקעל, וואס בעהאנדעלט אויסשליסליך די מעטאדע פון „קאפיטאל" (מאי־נומער 1872, ז. 427 ביז 436) געפינט, אז מיין פארשונגס־מעטאדע איז שטרענג רעאליסטיש, אבער די דארשטעלונג־מעטאדע איז אומגליקליכער־ווייזע דייטש־דיאלעקטיש. ער זאגט: „אויפ'ן ערשטען בליק, ווען מען זאל אורטיילען לויט דער אויסערליכער פארם פון דער

שטאַנען די נאַטור פון די עקאָנאָמישע געזעצן, ווען זיי האָבן זיי פערגליכען מיט די געזעצען פון דער פיזיק און כעמיע.... אַ טיעפערער אַנאַליז פון די ערשיינונגען האָט בעוויזען, אַז די סאָציאַלע אָרגאַניזמען אונטערשיידען זיך איינע פון די אַנדערע פונקט אַזוי גרינדליך ווי די באָטאַנישע און זאָאָלאָגישע אָרגאַ־ניזמען.... איין און דיזעלבע ערשיינונג קאָן בעהערשט ווערן פון גאָר אינגאַנצען פערשיידענע געזעצען מחמת דעם פערשיי־דענעם געבוי פון די דאָזיגע אָרגאַניזמען, דער פערשיידענאַרטיג־קייט פון זייערע איינצעלנע אָרגאַנען, דעם אונטערשייד פון די בעדינגונגען, אונטער וועלכע זיי פונקציאָנירן א.אז.וו. מארקס לייקענט צ.ב.ש., אַז דאָס בעפעלקערונגס־געזעץ איז גלייך פאַר אַלע צייטען און אַלע ערטער. ער בעהויפּטעט אין געגענטייל, אַז יעדע ענטוויקלונגס־שטופע האָט איהר אייגענעם בעפעלקערונגס־געזעץ.... מיט דער פערשיידענער ענטוויקלונג פון די פּראָדוק־טיוו־קרעפטען ענדערן זיך די פערהעלטנישען און די געזעצען וועלכע רעגולירען זיי. אַזוי ווי מארקס' ציעל איז צו דערפאָרשען און דערקלערן פון אָט דעם שטאַנדפונקט די קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפטס־אָרדנונג, פאָרמולירט ער נאָר שטרענג וויסענשאַפט־ליך דאָס ציעל, וואָס יעדע גענויע אונטערזוכונג פון עקאָנאָמישען לעבען מוז האָבען.... דער וויסענשאַפטליכער ווערטה פון אַזוינע פאָרשונגען ליעגט אין דער אויפקלערונג פון די בעזונדערע געזעצען, וועלכע רעגולירן די ענטשטעהונג, די עקזיסטענץ, די ענטוויקלונג, דעם טויט פון איין געגעבענעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, און זיין פערביטען ווערן דורך אַנאַנדערען, אַ העכערן אָרגאַניזם. און אָט דעם ווערטה האָט אין דער ווירקליכקייט מארקס'עס בוך.״

בעת דער פערפאַסער האָט אַזוי טרעפענד געשילדערט דאָס, וואָס ער רופט אָן מיין ווירקליכע מעטאָדע, און האַלט זיך אַזוי פריינדליך צו מיין פּערזענליכער אָנווענדונג פון דער דאָזיגער מע־טאָדע—וואָס דען האָט ער געשילדערט אויב ניט די דיאַלעקטישע מעטאָדע?

בעוויס מוז דער אופן פון דאַרשטעלונג זיך פאָרמעל אונטער־שיידען פון דעם אופן פון פאָרשונג. די פאָרשונג מוז בעקאַנט ווערן מיט׳ן מאַטעריאַל אין אַלע זיינע פּרטים, מוז אַנאַליזירן זיינע פערשיידענע ענטוויקלונגס־פאָרמען און מוז אויסזוכען זייער אינער־

בעוואוסטזיניג דערפון אָדער ניט. מארקס בעטראַכט די געזעל־
שאַפטליכע בעוועגונג ווי א נאַטור־היסטאָרישען פּראָצעס, וואָס
ווערט געפיהרט פון געזעצען, וועלכע זיינען ניט נאָר ניט־אָבהענגיג
פון דעם ווילען, דעם בעוואוסטזיין און דער אָבזיכט פון די מענשען,
נאָר אדרבא פערקעהרט, וועלכע בעשטימען זייער ווילען, בעוואוסט־
זיין און אָבזיכטען.... אויב דער בעוואוסטזיניגער עלעמענט
שפּיעלט אין דער קולטור־געשיכטע אזא אונטערגעאָרדענטע ראָליע,
דאַן פערשטעהט זיך פון זיך אליין, אז די קריטיק, וואָס איהר
געגענשטאַנד איז די קולטור גופא, קאָן ווענינער ווי אלץ האָבען
אלס איהר גרונדלאַגע א וועלכע עס איז פאָרם אָדער א וועלכען
עס איז רעזולטאַט פון בעוואוסטזיין. דאָס הייסט, דער פּונקט
פון וועלכען די קריטיק נעהמט ארויס, קאָן ניט זיין א אידעע, נאָר
אַן אויסערליכע ערשיינונג. די קריטיק וועט בעשטעהן אין דער
פערגלייכונג און קעגענאיבערשטעלונג פון א פאַקט, ניט מיט א
אידעע, נאָר מיט אנאַנדער פאַקט. פאַר איהר איז נאָר וויכטיג,
אז ביידע פאַקטען זאָלען אונטערזוכט ווערן אזוי גענוי ווי מעגליך
און זאָלעןווירקליך פאָרשטעלען מיט זיך פערשיידענע שטופען פון
ענטוויקלונג; און מעהר ווי אלץ איז אָבער וויכטיג, עס זאָל ניט
ווענינער גענוי אויסגעפאָרשט ווערן די אָרדנונג, דער כסדר'דיגער
גאַנג און די פערבינדונג, אין וועלכע עס בעווייזען זיך די דאָזיגע
שטופען פון ענטוויקלונג. איינער קאָן אָבער פרעגען: ס'טייטש,
די אלגעמיינע געזעצען פון עקאָנאָמישען לעבען זיינען דאָך איינע
און דיזעלבע, גאַנץ גלייך צי מען ווענדעט זיי אָן אויף דער געגענ־
וואַרט אָדער אויף דער פערגאַנגענהייט? אָבער דאָס איז גראָד,
וואָס מארקס לייקענט אָב. אזעלכע אלגעמיינע געזעצען עקזיס־
טירן פאַר איהם ניט. נאָך זיין מיינונג נאָך בעזיצט פערקעהרט
יעדע היסטאָרישע פעריאָדע איהרע אייגענע געזעצען.... אזוי
באלד ווי דאָס לעבען האָט אריבערגעלעבט א געגעבענע ענטוויק־
לונגס־פעריאָדע, איז אריבערגעטראָטען פון איין געגעבענעם סטאַ־
דיום אין אנאַנדערן, הויבט עס שוין אָן געפיהרט צו ווערן פון
אנדערע געזעצען. מיט איין וואָרט, דאָס עקאָנאָמישע לעבען
שטעלט פאַר אונז פאַר אין דעם פאַל אַן ערשיינונג, וועלכע איז
פאָלשטענדיג צוגעגליכען צו די ערשיינונגען אויף אנדערע געביטען
פון דער ביאָלאָגיע.... די אלטע עקאָנאָמען האָבען ניט פער־

וואָרן די דייטשע מאָדע, ווייל זי האָט אויסגעזעהן צו פערהערליכען און לויטער מאכען דעם עקזיסטירענדען צושטאנד. אין איהר ראַציאָנאַלער געשטאַלט איז זי פאר דער בורזשואזיע און איהרע דאָקטרינאָרען־אידעאָלאָגען אַן ערגערניש און אַ שרעק, ווייל זי נעהמט אריין אין דעם פּאָזיטיווען פערשטענדעניס פון דעם עקזיסטירענדען צושטאנד אויך דאָס פערשטענדעניס פון זיין נעגאציע, פון זיין נויטווענדיגען אונטערגאנג; ווייל זי בעטראכט יעדע היסטאָריש־געוואָרענע פאָרם אין פלוס פון בעוועגונג און פאַסט איהר דעריבער אויף אויך פון איהר פערגעננגליכער זייט; ווייל זי לאָזט זיך פון קיין זאך ניט אימפּאָנירן און איז בעצם קריטיש און רעוואָלוציאָנער.

די ווידערשפּרוך־פולע בעוועגונג פון דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאפט לאָזט זיך דעם פּראַקטישען בורזשוא אמשטארקסטען פיהלען אין די שוואנקונגען פון דעם פּעריאָדישען קרייז־לויף, דורך וועלכען די מאָדערנע אינדוסטריע לויפט דורך, און וואָס זיין העכסטער פונקט איז דער אלגעמיינער קריזיס. דער דאָזיגער קריזיס האלט שוין ווידער אין אָנקומען, אָבוואָהל ער געפינט זיך נאָך אין זיינע פאָר־שטופען; און ער וועט ארומכאפּען אזא ברייטען געביט און וועט זיין אזוי אינטענסיוו אין זיין ווירקונג, אז ער וועט אריינפּויקען דיאלעקטיק אפילו אין די קעפּ פון די אויפגעקומענע מוצלחים פון דער נייער הייליגער דייטש־פּרייסישער אימפּעריע.

לאָנדאָן, 24טען יאַנואַר, 1873.

קאַרל מאַרקס.

ליכען צוזאַמענבונד. ערשט נאָכדעם ווען די ארבייט איז דורכ־געפיהרט, קאָן די ווירקליכע בעוועגונג דארגעשטעלט ווערן ווי עס פּאַסט דערצו. ווען דאָס געלינגט און דאָס לעבען פון דעם מאַ־טעריאַל שפּיעגעלט זיך אידעעל ווידער אָב, דאַן קאָן עס אויסזעהן, ווי מען וואָלט דאָ געהאַט צו טהאָן מיט א קאָנסטרוקציע א פּריאָרי.

לויט איהר גרונדלאַגע נאָך איז מיין דיאַלעקטישע מעטאָדע ניט נאָר פערשיידען פון דער העגעל'שער מעטאָדע, נאָר זי איז איהר דירעקטער היפך. פאַר העגעל'ן איז דער פּראָצעס פון דענקען, וועלכען ער פערוואַנדעלט אפילו אונטער דעם נאָמען אידעע אין א זעלבסטשטענדיגען סוביעקט, דער דעמיאורג, דער שעפער, פון דאָס ווירקליכע, וואָס בילדעט נאָר זיין אויסערליכע ערשיינונג. ביי מיר איז, פערקעהרט, דאָס אידעעלע נישט מעהר ווי דאָס מאַטע־ריעלע, וואָס איז איבערגעזעצט און איבערגעמאַכט געוואָרן אין דעם מענשענ'ס קאָפּ.

די מיסטיפיצירענדע זייט פון דער העגעל'שער דיאַלעקטיק האָב איך קריטיזירט מיט אַן ערך דרייסיג יאָהר צוריק, אין א צייט, ווען זי איז נאָך געווען שטאַרק אין מאָדע. אָבער גראָד אין דער צייט, ווען איך האָב אויסגעארבייט דעם ערשטען באַנד פון „קאַפּיטאַל", איז די קאַפּריזנע, העזה'דיגע און מיטעלמעסיגע עפּי־גאָנען [נאָכפאָלגער], וועלכע גיבען איצט דעם טאָן אין דער גע־בילדעטער דייטשלאַנד, געפעלען געוואָרן צו בעהאַנדלען העגעל'ן, ווי דער בראַווער מאָזעס מענדעלזאָן האָט אין לעסינג'ס צייט בע־האַנדעלט שפּינאָזא'ן — ווי א „טויטען הונד". איך האָב דעריבער זיך אָפען ערקלערט אַלס א תלמיד פון יענעם גרויסען דענקער און האָב אין דעם קאַפּיטעל איבער דער ווערטה־טעאָריע זאָגאַר קאָקעטירט אין איינינע שטעלען מיט זיין כאַראַקטעריסטישער טערמינאָלאָגיע. די מיסטיפיקאַציע, וואָס די דיאַלעקטיק ליידט אין העגעל'ס הענד, האָט אויף אַן אומפּאַסענדען און בעוואוסטזייניגען אופן פעסטגע־שטעלט איהרע אַלגעמיינע בעוועגונגס־פאָרמען. ביי העגעל'ן שטעהט די דיאַלעקטיק אויפ'ן קאָפּ. מען מוז זי אוועקשטעלען אויף די פיס, כדי צו געפינען דעם ראַציאָנאַלען קערן אין דער מיסטישער שאָל.

אין איהר מיסטיפיצירענדער פאָרם איז די דיאַלעקטיק גע־

ערשטער בוך.

דער פּראָדוקציאָן־פּראָצעס פונ'ם קאַפּיטאַל.

געווידמעט

מיין אונפערגעסליכען פריינד

דעם שארפזיניגען, געטרייען און ערעלען פארקעמפפער
פון פראָלעטאריאט

ווילהעלם וואָלף

געבוירן אין טארנוי דעם 21טען יוני 1809. געשטארבען אין דער פרעמד,
אין מאנטשעסטער, דעם 9טען מאַי 1864.

ערשטער קאַפּיטעל.

סחורה.

1. די צוויי פאַקטאָרען פון סחורה: געברויך־ווערטה און ווערטה (דער עצם ווערטה און די גרויס פון ווערטה).

דער רייכטום פון די געזעלשאַפטען, אין וועלכע עס הערשט דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוקציאָן, ווייזט זיך ארויס אלס אן „אונגעהויערע זאמלונג פון סחורות", [1] און די איינצעלנע סחורה אלס זיין עלעמענטארע פאָרם.[1] מיר מוזען דעריבער אָנפאנגען אונזער אונטערזוכונג מיט דעם אנאליז פון א סחורה.

אַ סחורה איז קודם אן אויסערליכער געגענשטאנד, א זאַך וואָס בעפריעדיגט דורך איהרע אייגענשאפטען וועלכע עס איז מענשליכע בעדערפעניסען. דער כאראקטער פון די דאָזיגע בעדערפענישען, צי זיי נעהמען זיך למשל פון מאָגען, צי פון דער פאנטאזיע, ברענגט קיין ענדערונג אין דעם פרט ניט אריין.[2] עס האנדעלט זיך דאָ אויך ניט אום דעם, ווי אזוי די זאַך בעפריעדיגט דאָס מענשליכע בעדערפעניש, צי דירעקט, אלס לעבענס־מיטעל, ד.ה. אלס געגענשטאַנד פון גענוס, אָדער אינדירעקט, אלס מיטעל פון פּראָדוקציאָן.

יעדע ניצליכע זאַך, ווי אייזען, פּאַפּיער א.ד.ג. קאָן בעטראַכט ווערן פון א צווייעדיגען שטאנדפונקט: לויט דער קוואַליטעט (איכות) און לויט דער קוואנטיטעט (כמות). יעדע זאַך אזוינע איז א גאנצעס, וואָס האָט פיעל אייגענשאפטען און קאָן דעריבער זיין ניצליך לויט איהרע פערשיידענע זייטען. די ענטדעקונג פון אָט די

---

[1] קאַרל מאַרקס: „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע". בערלין, 1859, ז. 3.

[2] „דאָס פערלאַנגען שליסט ממילא איין דאָס בעדערפעניש: עס איז דער אפּעטיט פונ'ם גייסט און פונקט אזוי נאַטירליך פאַר איהם, ווי הונגער איז נאַטירליך פאַר'ן קערפּער.... די מעהרסטע זאַכען בעקומען זייער ווערטה דורכ־דעם, וואָס זיי בעפריעדיגען די בעדערפענישען פונ'ם גייסט." (ניקאָלאַס באַרבאָן: א דיסקאָרס עטצ., לאָנדאָן 1696, ז. 2 און 3.)

ערשטער אָבטייל.

סחורה און געלד.

פון סחורות.[5] דער געברויך־ווערטה פערווירקליכט זיך נאָר אין דעם געברויך אָדער בענוצונג. געברויך־ווערטהען שטעלען צונויף דעם מאַטעריעלען אינהאַלט פון רייכטום, וואָס זיין געזעלשאַפט־ליכע פאָרם זאָל ניט זיין. אין דער געזעלשאַפטליכער פאָרם, וועלכע מיר וועלען דאָ בעטראַכטען, קומען זיי אין דערזעלבער צייט אויך פאָר אַלס די מאַטעריעלע טרעגער פון דעם—ט ו י ש־ו ו ע ר ט ה.

דער טוישווערטה בעווייזט זיך קודם ווי די קוואַנטיטאַטיווע שייכות, די פּראָפּאָרציע, אין וועלכער געברויך־ווערטהען פון איין סאָרט טוישען זיך אויף געברויך־ווערטהען פון אַנאַנדער סאָרט[6] — אַ צופעליגע שייכות, וועלכע בייט זיך שטענדיג מיט דער צייט און דעם אָרט. דער טוישווערטה שיינט דעריבער פאָרצושטעלען עפּעס, וואָס איז צופעליג און ריין רעלאַטיוו, און פאָלגליך קומט אויס, אַז אַ אימאַנענטער טוישווערטה, וואָס ליעגט אינערליך אין דער סחורה, איז אַ ווידערשפּרוך.[7] לאָמיר די זאַך נעהנטער בעטראַכטען.

אַ געוויסע סחורה, אַ פערטעל ווייץ צוםביישפּיעל, טוישט זיך אויס אויף אַנדערע סחורות אין די פערשיידענסטע שייכות'ן— צ.ב.ש. אויף 20 פונט שוהוואַקס, אָדער אויף 2 עלען זייד, אָדער אויף אַ האַלב אונץ גאָלד א.אז.וו.; פונדעסטוועגען בלייבט דער טוישווערטה פון דעם פערטעל ווייץ ניט פערענדערט, סיי ער דריקט זיך אויס אין שוהוואַקס, זייד אָדער גאָלד. ער מוז אַלזאָ האָבען אַ געוויסען תוך, וואָס לאָזט זיך אונטערשיידען פון אָט די אַלע פערשיידענע אויסדרוק־פאָרמען.

---

[5] אין דער בירגערליכער געזעלשאַפט הערשט די יורידישע השערה (פיקציאַ יורים), אַז יעדער מענש אַלס קויפער בעזיצט אַן ענציקלאָפּעדישע קענטעניש פון אַלערליי סחורות.

[6] „דער ווערטה בעשטעהט אין דער פערהעלטעניש, אין וועלכער איין זאַך ווערט אויסגעטוישט אויף אַנאַנדער זאַך, איין בעשטימטע סומע פון אַ פּראָדוקט אויף אַנאַנדער בעשטימטער סומע פון אַ פּראָדוקט." (לע טראָן: „דע ל'אינטערע סאָסיאַל." פיזיאָקראַט עדיסיאָן, פּאַריז 1846, ז. 889.)

[7] „קיין זאַך קאָן ניט האָבען קיין אינערליכען טוישווערטה." (נ. באַרבאָן. „דיסקאָרס" א.אז.וו., ז. 16), אָדער ווי באַטלער זאָגט:

"The Value of a thing
is just as much, as it will bring"

(* זאַך איז ווערטה אַזויפיל, וויפיל עס ברענגט אריין.

פערשיידענע זייטען און ממילא פון די פערשיידענע אופנים פון געברויך פון זאכען, איז די ארבייט פון דער געשיכטע [געשיכטליכע טהאט].[3] אזוי איז אויך די ערפינדונג פון געזעלשאפטליכע מאסען פאר דער קוואנטיטעט פון די ניצליכע זאכען. די פערשיידענהייט פון די מאסען פון סחורות שטאמט טיילווייז פון דער פערשיידענער נאטור פון די זאכען, וואס דארפען געמאסטען ווערן, און טיילווייז פון דעם אלגעמיינעם הסכם.

די ניצליכקייט פון א זאך, איהר אייגענשאפט צו בעפריעדיגען מענשליכע בעדערפנישען פון וועלכען עס איז סארט, מאכט איהר פאר א געברויך־ווערטה.[4] די דאזיגע ניצליכקייט אבער שוועבט ניט אין דער לופטען. אזוי ווי זי הענגט אב פון די אייגענשאפטען פון דעם סחורה־קערפער, עקזיסטירט זי ניט אהן איהם. דער סחורה־קערפער גופא, ווי אייזען, ווייץ, דימענט א.אז.וו. איז דעריבער א ג ע ב ר ו י ך ־ ו ו ע ר ט ה אדער א ג ו ט. דער דאזיגער כאראקטער זיינער הענגט ניט אב פון דעם, צי עס קאסט דעם מענשען א סך אדער וועניג ארבייט זיך אנצואייגנען זיינע געברויך־אייגענשאפטען. ווען מיר בעטראכטען די געברויך־ווערטהען, נעהמען מיר שטענדיג אן, אז מיר האבען צו טהאן מיט בעשטימטע קוואנטיטעטען פון זיי, ווי למשל טוצען זייגערס, עלען לייווענד, טאנען אייזען א.אז.וו. די געברויך־ווערטהען פון סחורות גיבען דעם מאטעריאל פאר א בעזונדערן שטודיום—די קענטעניש

---

[3] „זאכען האבען א אינערליכע פארטרעפליכקייט („ווערטיר", דאס ווארט, וואס בארבאן בענוצט, האט ביי איהם א ספעציפישע בעצייכענונג פאר „געברויך־ווערטה"), וועלכע איז אומעטום דיזעלבינע, פונקט ווי די אייגענשאפט פון דעם מאגנעט צוציהען אייזען" (דארט גופא, ז. 6). די אייגענשאפט פון דעם מאגנעט צוציהען אייזען איז ערשט דאן געווארן ניצליך, אזויבאלד ווי מען האט ענטדעקט דורך דער דאזיגער אייגענשאפט גופא די מאגנעטישע פאלאריטעט.

[4] „דער נאטירליכער ווערטה פון יעדער זאך בעשטעהט אין איהר פאסיגקייט צו בעפריעדיגען די נויטווענדיגע בעדערפענישען פון מענשליכען לעבען אדער צו דיענען זיין בעקוועמליכקייט." (דזשאהן לאקע: „סאם קאנסידערייששענס אן דהי קאנסעקווענס אוו דהי לאוערינג אוו אינטערעסט", 1691, אין „ווארקס" אויכגאבע, לאנדאן, 1777, באנד 2, ז. 28.) אין דעם 17טען יאהרהונדערט געפינען מיר נאך אפט ביי די ענגלישע שרייבער אז „ווארטה" ווערט בענוצט פאר געברויך־ווערטה און „וואליו" פאר טויש־ווערטה—וואס עס שטימט מיט דעם גייסט פון א שפראך, וועלכע האט ליעב אויסצודריקען די דירעקטע זאך מיט א גערמאניש ווארט און די רעפלעקטירטע זאך מיט א ראמאניש ווארט.

פון דעמזעלבען טויש־ווערטה.״[8] אלס געברויך־ווערטהען זיינען סחורות קודם כל פון פערשיידענע קוואליטעטען; אלס טויש־ווערטהען קאָנען זיי נאָר זיין פון פערשיידענע קוואנטיטעטען, און פאָלגליך ענטהאלטען זיי ניט קיין אטאָם געברויך־ווערטה.

לאָזט מען אויס פון חשבון דעם געברויך־ווערטה פון די סחורה־קערפּער, בלייבט זיי נאָר נאָך איין אייגענשאפט—וואָס זיי זיינען ארבייטס־פּראָדוקטען. אבער אויב אזוי, ווערט דער ארבייטס־פּראָדוקט שוין אויך פערוואנדעלט כמעט ביי אונז אויף די הענד. ווען מיר ציהען אָב אָדער לאָזען אויס פון איהם זיין געברויך־ווערטה, דאן ציהען מיר אויך אָב פון איהם זיינע קערפּערליכע בעשטאנד־טיילען און פאָרמען, וואָס מאכען איהם פאר א געברויך־ווערטה. עס איז דאן ניט מעהר א טיש, א הויז, שפּין־פאָדים אָדער עפּעס אנאנדער ניצליכע זאך. אלע זיינע אייגענשאפטען, וואָס מיר נעהמען אויף מיט אונזערע חושים, זיינען אויסגעלאָשען. עס איז שוין אויך ניט מעהר דער פּראָדוקט פון דער טישלער־ארבייט, אָדער פון דער בוי־ארבייט, אָדער פון דער שפּינעריי־ארבייט, אָדער פון עפּעס אנאנדער בעשטימטער פּראָדוקטיווער ארבייט. צוזאמען מיט דעם ניצליכען כאראקטער פון די ארבייטס־פּראָדוקטען, פערשווינדט דער ניצליכער כאראקטער פון די ארבייטען, וואָס זיינען פערקערפּערט אין זיי; עס פערשווינדען אלזאָ אויך די פערשיידענע קאָנקרעטע, בעשטימטע פאָרמען פון די דאָזיגע ארבייטען; זיי אונטערשיידען זיך ניט מעהר איינע פון די אנדערע, נאָר זיי ווערן אלע צוזאמען רעדוצירט צו איין סאָרט מענשליכער ארבייט—אבסטראקטע, סתם מענשליכע ארבייט.

לאָמיר איצט בעטראכטען, וואָס עס איז איבערגעבליבען פון די ארבייטס־פּראָדוקטען. עס איז גאָרניט איבערגעבליבען פון זיי אחוץ די זעלביגע רמיון׳דיגע זאכליכקייט,—א בלויזע פערגליווערונג פון ניט־אונטערשיידליכער מענשליכער ארבייט, ד.ה. פון אויסגעגעבענער מענשליכער ארבייטס־קראפט, אָהן א חלוק אין וועלכער פאָרם זי איז אויסגעגעבען געוואָרן. אלץ וואָס אָט די

[8] „.... בליי אָדער אייזען פאר 100 פונט סטערלינג האבען דעמזעלבען טויש־ווערטה ווי זילבער אָדער גאָלד פאר דעמזעלבען בעטרעף.״ דאָרט אויבען. ז. 53 און 7.

לאָמיר ווייטער נעהמען צוויי סחורות, צום ביישפּיעל ווייץ און אייזען. וואָס זייער אויסטויש־שייכות זאָל ניט זיין, לאָזט זיך עס שטענדיג איבערגעבען אין א גלייכונג, אין וועלכער א געוויסער סכום ווייץ ווערט געשטעלט גלייך צו א וועלכען עס איז סכום אייזען, צ.ב.ש. 1 פערטעל ווייץ איז גלייך צו 2 צענטנער אייזען. וואָס זאָגט אונז די דאָזיגע גלייכונג? אַז עס עקזיס־טירט עפּעס א געמיינזאמעס פון דערזעלבער גרויס אין צוויי פער־שיידענע זאכען—אין 1 פערטעל ווייץ און פונקט אזוי אויך אין 2 צענטנער אייזען.ביידע זיינען אַלזאָ גלייך צו א דריטען, וועלכער איז אַליין פאר זיך ניט דאָס איינע, ניט דאָס אנדערע. יעדערער פון דיביידע, ווי ווייט עס איז אַ טוישוווערטה, מוז, הייסט עס, זיך לאָזען רעדוצירן צו דעם דאָזיגען דריטען.

אַן איינפאכער געאָמעטרישער ביישפּיעל מאכט דאָס קלאָר. כדי צו בעשטימען און פערגלייכען דעם שטח פון אַלע גראד־ליניגע פיגורען, לייזט מען זיי אויף אין דרייעקען. אָבער דעם דרייעק גופא רעדוצירט מען צו אַן אויסדרוק, וואָס איז גאַנץ פער־שיידען פון זיין קענטיגער פיגור,—אויף דעם האַלבען פּראָדוקט פון זיין גרונד־ליניע מיט זיין הויך. אַזוי אויך מוז מען די טויש־ווערטהען פון סחורות רעדוצירן צו עפּעס א געמיינזאמעס, פון וואָס זיי שטעלען פאָר א מעהר אָדער ווענינער.

דאָס דאָזיגע געמיינזאמע עפּעס קאָן ניט זיין א געאָמעטרישע, פיזיקאַלישע, כעמישע אָדער אַנאַנדער נאַטירליכע אייגענשאַפט פון סחורות. זייערע קערפּערליכע אייגענשאַפטען קומען איבערהויפּט נאָר אין בעטראַכט, אויף ווי ווייט די דאָזיגע אייגענשאַפטען מאכען זיי פאַר נוצבאַרע זאכען, ד.ה. פאַר געברויך־ווערטהען. פון דער אַנדער זייט זעהט מען פון אויבען אויף, אַז דער טויש־ווערטה פון סחורות רעכענט זיך ניט מיט זייער ניצליכקייט. אין די גרעניצען פון דער אויסטויש־שייכות פון די סחורות גילט איין געברויך־ווערטה פונקט אַזוי־פיעל ווי יעדער אנדער געברויך־ווערטה, וויבאַלד ער געפינט זיך נאָר אין דער געהעריגער פּראָפּאָרציע. אָדער ווי דער אַלטער באַרבאָן זאָגט: „איין סאָרט סחורה איז אַזוי גוט ווי אַנאַנדער סאָרט, אויב זייער טוישוווערטה איז גלייך גרויס. עס איז דאָ ניטאָ קיין חלוק אָדער פערשיידענקייט צווישען זאכען

אַרבייטס־קראַפט. די גאַנצע אַרבייטס־קראַפט פון דער געזעל־
שאַפט, וועלכע שטעלט זיך פאָר אין דעם סך־הכל פון די ווערטהען
פון דער סחורה־וועלט, רעכענט זיך דאָ אַלס איין און דיזעלבינע
מענשליכע אַרבייטס־קראַפט, הגם זי בעשטעהט פון אונצעהליגע
אינדיווידועלע אַרבייטס־קרעפטען. יעדע פון אַט די אינדיווידועלע
אַרבייטס־קרעפטען איז דיזעלבע מענשליכע אַרבייטס־קראַפט ווי די
אַנדערע, אויף ווי ווייט זי האָט דעם כאַראַקטער פון אַ געזעל־
שאַפטליכער דורכשניט־אַרבייטסקראַפט און ווירקט ווי אַט אַזאַ
דורכשניט־אַרבייטסקראַפט; ד.ה. אויף ווי ווייט זי נעברויכט אין
דער פּראָדוקציאָן פון אַ סחורה נאָר די דורכשניטליך־נויטווענדיגע
אָדער די געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע אַרבייטס־צייט.
געזעלשאַפטליך נויטווענדיגע אַרבייטס־צייט איז די אַרבייטס־צייט,
וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן אַ וועלכען עס איז געברויך־ווערטה
אונטער די עקזיסטירענדע געזעלשאַפטליך־נאָרמאַלע פּראָדוקציאָנס־
בעדינגונגען און מיט דעם געזעלשאַפטליכען דורכשניט־גראַד פון
פעהיגקייט און אָנגעשטרענגטקייט (אינטעסיוויטעט) פון דער אַר־
בייט. נאָכדעם ווי עס איז איינגעפיהרט געוואָרן אין ענגלאַנד
דער דאַמף־וועבשטוהל צום ביישפּיעל, איז אפשר גענוג געווען
אַ העלפט אַזוי פיעל אַרבייט ווי פריהער, כדי אויסצואַרבייטען
אַ געוויסע סומע שפּין־פאָדים אין אַ געוועב. דער ענגלישער האַנד־
וועבער נעברויכט טאַקע פאַר דער דאָזיגער אויסאַרבייטונג די־
זעלבינע אַרבייטס־צייט ווי פריהער, אָבער דער פּראָדוקט פון זיין
אינדיווידועלער אַרבייטס־שטונדע שטעלט איצט פאָר נישט מעהר
ווי אַ האַלבע געזעלשאַפטליכע אַרבייטס־שטונדע, און איז דעריבער
געפאַלען אויף אַ העלפט פון זיין פריהערדיגען ווערטה.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז דאָס, וואָס בעשטימט די גרויס פון דעם
ווערטה פון אַ וועלכען עס איז אַרטיקעל (אַ געברויך־ווערטה), איז
דער סכום פון געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגער אַרבייט אָדער פון
געזעלשאַפטליך נויטווענדיגער אַרבייטס־צייט, וואָס פאָדערט זיך
איהם צו פּראָדוצירן.[*] די איינצעלנע סחורה גילט דאָ בכלל ווי

---

[*]נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. „דער ווערטה פון געברויך־אַרטיקלען,
ווען זיי ווערן אויסגעטוישט איינע אויף די אַנדערע, איז רעגולירט דורך דער
סומע אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך נויטיגערווייז און וואָס ווערט געוועהנליך

זאכען שטעלען נאך פאר מיט זיך איז, אז עס איז אויסגעגעבען געוואָרן מענשליכע ארבייט אויף זייער פראָדוקציאָן, אז אין זיי ליעגט אָנגעהויפט מענשליכע ארבייט. אַלס קריסטאַל־טיילכלעך פון אָט דער געזעלשאפטליכער סובסטאַנץ, וואָס איז געמיינשאפט־ליך פאר זיי אַלעמען, זיינען זיי ווערטהען — ס ח ו ר ה ־ ו ו ע ר ט ה ע ן.

אין עצם פון דער אויסטויש־שייכות פון די סחורות בעוויזט זיך אונז זייער טוישווערטה ווי עפּעס, וואָס איז דורכאויס אונ־אָבהענגיג פון זייערע געברויך־ווערטהען. לאָזט מען ווירקליך אויס (מען אבסטראהירט) דעם געברויך־ווערטה פון די ארבייטס־פראָ־דוקטען, בעקומט מען דאן דעם ווערטה, ווי ער איז אָקאָרשט דער־פינירט געוואָרן. דאָס געמיינזאמע, וואָס שטעלט זיך ארויס אין דער אויסטויש־שייכות אָדער אין דעם טוישווערטה פון א סחורה, איז אַלזאָ איהר ווערטה. מיר וועלען זעהען ווייטער אין אונזער אונטערזוכונג, אז דער טוישווערטה איז די נויטוועגדיגע פאָרם, אין וועלכער דער סחורה־ווערטה קאָן זיך אויסדריקען און ארויס־ווייזען; דערווייליגע אָבער מוזען מיר נאָך בעטראכטען דעם ווערטה אונאָבהענגיג פון אָט דער פאָרם זיינער.

אַ געברויך־ווערטה אָדער א גוט [א ניצליכער ארטיקעל] האָט, הייסט עס, נאָר א ווערטה דערפאר, ווייל עס איז פערקערפּערט אָדער מאטעריאַליזירט אין איהם אבסטראקט [סתם] מענשליכע ארבייט. ווי אָבער זאָל מען מעסטען די גרויס פון זיין ווערטה? דורך דעם סכום פון דער „ווערטה־שאפענדער סובסטאַנץ", פון דער ארבייט, וואָס ליעגט אין איהם. דער סכום אַליין פון דער ארבייט מעסט זיך מיט איהר צייט־דויער, און די ארבייט־צייט ווייעדער געפינט איהר מאָסשטאב אין בעשטימטע צייט־טיילען, ווי שטונדען, טעג א.אז.וו.

עס קאָן זיך אויסווייזען, אז אויב דער ווערטה פון א סחורה ווערט בעשטימט דורך דעם סכום ארבייט, וואָס איז אויסגעגעבען געוואָרן בעת איהר פראָדוקציאָן, איז וואָס פוילער און אונפעהיגער א מענש איז, אַלץ ווערטהפולער איז זיין סחורה, ווייל ער פער־ברויכט אויף איהר אַלץ מעהר צייט. די ארבייט אָבער, וועלכע מאכט אויס די סובסטאַנץ פון ווערטהען, איז די ג ל י י כ ע מענשליכע ארבייט, די פערוועגדונג פון דערזעלביגער מענשליכער

פון פּרימע מינען א.אז.וו. דימענטען קומען זעלטען פאָר אין דער אויבערשטער שיכט פון דער ערד, און עס קאָסט דעריבער דורכ־שניטליך פיעל ארבייט־צייט זיי צו געפינען. פאָלגליך שטעלען זיי פאָר א סך ארבייט אין א קליינעם אומפאנג. יאקאָב איז מסופק, צי גאָלד האָט ווען עס איז בעצאָהלט זיין פולען ווערטה. דאָס איז נאָך ריכטיגער בנוגע דימענטען. לויט עשוועגע'ס מיינונג האָט די גאנצע פּראָדוקציע פון די בראזיליאנער דימענט־מינען, פאר די 80 יאָהר ביז 1823, אפילו ניט רעאליזירט דעם פּרייז פון דער אָנדערהאלבען יאָהריגער דורכשניט פּראָדוקציע פון די בראַזיליאנער צוקער אָדער קאווע פּלאנטאציעס, הגם די דימענטען שטעלען פאָר א סך מעהר ארבייט און בכן מעהר ווערטה. ביי רייכערע מינען וואָלט דערזעלבער סכום ארבייט זיך פאָרגעשטעלט אין מעהר דימענטען און זייער ווערטה וואָלט געפאלען. ווען עס וואָלט געלונגען צו מאכען מיט ווייניג ארבייט דימענטען פון קויה־לען, וואָלט דער ווערטה פון דימענטען געווען ווייניגער ווי דער ווערטה פון ציעגעל. בכלל, וואָס גרעסער עס איז די פּראָדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, אלץ קלענער איז די ארבייט־צייט וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן אן ארטיקעל, אלץ קלענער איז די סומע ארבייט, וואָס איז קריסטאליזירט אין דעם ארטיקעל, און אלץ קלענער איז זיין ווערטה. פערקעהרט ווידער, וואָס קלענער עס איז די פּראָדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, אלץ גרעסער איז די ארבייט־צייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן אן ארטיקעל, און אלץ גרעסער איז זיין ווערטה. די גרויס פון דעם ווערטה פון א סחורה ענדערט זיך אלזאָ דירעקט ווי דער סכום ארבייט, וואָס איז אין איהר פערקערפּערט [א גרעסערע סומע ארבייט—א גרע־סערער ווערטה] און אין א אומגעקעהרטע פּראָפּאָרציע ווי די פּראָ־דוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, וואָס איז אריינגעטאָן אין איהר [א גרעסערע פּראָדוקטיוו־קראפט—א קלענערער ווערטה; א קלע־נערע פּראָדוקטיוו־קראפט—א גרעסערער ווערטה].

א זאך קאָן זיין א געברויך־ווערטה און ניט האָבען קיין ווערטה. דאָס איז דער פאל, ווען די נוצען פון דער זאך פאר'ן מענשען קומט ניט דורך ארבייט. אזוי זיינען לופט, ערד־באָדען, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט בעארבייט געוואָרן, נאטור־לאָנקעס, ווילד־גע־וואקסענער האָלץ א.אז.וו. א זאך קאָן זיין ניצליך און א פּראָדוקט

א דורכשניטס־עקזעמפלאר פון איהר מין.[10] סחורות, אין וועלכע עס ליעגען איינגעטאן גלייכע סכומ'ען ארבייט, אדער וועלכע קאנען פראדוצירט ווערן אין דערזעלביגער ארבייטס־צייט, זיינען דעריבער גלייך גרויס אין זייער ווערטה. דער ווערטה פון איין סחורה פערהאלט זיך צו דעם ווערטה פון יעדער אנדער סחורה, ווי די ארבייטס־צייט, וואס איז נויטווענדיג צו פראדוצירן די איינע, פערהאלט זיך צו דער נויטווענדיגער ארבייטס־צייט אויף צו פראדוצירן די אנדערע. „אלס ווערטהען זיינען אלע סחורות נאר בעשטימטע מאסען פון פערגליווערטער ארבייטס־צייט.”[11]

די גרויס פון דעם ווערטה פון א סחורה וואלט דעריבער געבליבען תמיד דיזעלבע (קאנסטאנט, בעשטענדיג גלייך), ווען די ארבייט־צייט, וואס פאדערט זיך זי צו פראדוצירן, וואלט תמיד געווען דיזעלביגע. די לעצטע [די ארבייט־צייט] אבער ענדערט זיך מיט יעדער ענדערונג אין דער פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט. די פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט ווערט בעשטימט דורך פערשיידענע אומשטענדען—צווישען אנדערע, דורך דעם דורכשניט־גראד פון דעם ארבייטער'ס פעהיגקייט, דעם ענטוויקלונגס־צושטאנד פון דער וויסענשאפט און איהר טעכנאלאגישער אנווענדבארקייט, דורך דער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע פון דעם פראדוקציאן־פראצעס, דורך דעם אומפאנג און ווירקונגס־פעהיגקייט פון די פראדוקציאנס־מיטלען און דורך נאטור־פערהעלטנישען. צום ביישפיעל, דערזעלבער סכום ארבייט גיט ארויס אין א גוטען יאהר 8 בושעל ווייץ, אין א שלעכטען יאהר—נאר 4 בושעל. דערזעלבער סכום ארבייט ברענגט ארויס מעהר מעטאל פון רייכע מינען איידער

פערברויכט, כדי זיי צו פראדוצירן.” (סאם טהאמס אז דהי אינטערעסט אוו מאני אין דזשענעראל עטצ., לאנדאן”, ז. 36). אט די מערקווירדיגע אנאנימע שריפט פון פאריגען יאהרהונדערט האט ניט קיין דאטום, ווען זי איז געדרוקט געווארן. לויט'ן אינהאלט אבער קאן מען זיך משער זיין אז זי איז ערשיענען אין דער צייט פון דזשארדזש דעם 2טען אז ערך אין יאהר 1789 אדער 1740.

[10] „אלע פראדוקטען פון דעמזעלבען סארט שטעלען אייגענטליך צונויף נאר איין מאסע, וואס איהר פרייז ווערט בעשטימט אין אלגעמיין, ניט קוקענדיג אויף די אומשטענדען פון דעם איינצעלפאל.” (לע טראן: „דע ל'אינטערע סאסיאל”, ז. 893

[11] קארל מארקס: „צור קריטיק דער פאליטישען עקאנאמיע”. ז. 6.

לאָמיר נעהמען צוויי סחורות, א שטיינער 1 ראָק און 10 עלען לייווענט, און לאָמיר זאָגען, אז דער ראָק האָט צוויי מאל דעם ווערטה פון די 10 עלען לייוועגט.

דער ראָק איז א געברויך־ווערטה, וואָס בעפריעדיגט א בעזונדערע בעדערפעניש. כדי איהם צו פּראָדוצירן פאָדערט זיך א פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט פון א בעשטימטען סאָרט. די דאָזיגע טהעטיגקייט איז בעשטימט דורך איהר צוועק, אופן פון מלאכה, געגענשטאנד, מיטעל און רעזולטאט. די ארבייט, וואָס איהר ניצליכקייט בעווייזט זיך אויף דעם אופן אין דעם געברויך־ווערטה פון איהר פּראָדוקט, אָדער אין דעם, וואָס איהר פּראָדוקט איז א געברויך־ווערטה, רופען מיר אָן בקיצור ניצליכע ארבייט. פון דעם שטאַנדפּונקט ווערט זי שטענדיג בעטראַכט בנוגע איהר נוץ־ווירקונג.

אזוי ווי דער ראָק און די לייוועגט זיינען קוואליטאטיוו פערשיידענע געברויך־ווערטהען, אזוי זיינען אויך די ארבייטען, וואָס ברענגען זיי ארויס, קוואליטאטיוו פערשיידען—שניידעריי און וועבעריי. ווען די ראָזיגע זאכען וואָלטען ניט געווען קוואליטאטיוו פערשיידענע געברויך־ווערטהען און בכן פּראָדוקטען פון קוואליטאטיורפערשיידענע ניצליכע ארבייטען, וואָלטען זיי איבערהויפּט ניט געקאָנט ארויסטרעטען אלס סחורות איינע קעגען די אנדערע. א ראָק ווערט ניט אויסגעטוישט אויף א ראָק, דערזעלבינער געברויך־ווערטה ווערט ניט אויסגעטוישט אויף א געברויך־ווערטה פון דעמזעלביגען סאָרט.

אין דעם סך־הכל (געזאמטהייט) פון פערשיידענארטיגע געברויך־ווערטהען אָדער סחורה־קערפּער בעווייזט זיך א סך־הכל פון פונקט אזוי־פיעלערליי פערשיידענע, לויט זייער גאטונג, סאָרט, פאמיליע און וואריעטעט, ניצליכע ארבייטען—א געזעלשאפטליכע טיילונג פון דער ארבייט. די טיילונג פון דער ארבייט איז דער עקזיסטענץ־בעדינגונג פאר דער פּראָדוקציאָן פון סחורות, הגם די פּראָדוקציאָן פון סחורות איז, פערקעהרט רעדענדיג, ניט דער עקזיסטענץ־בעדינגונג פאר דער געזעלשאפטליכער טיילונג פון דער ארבייט. אין דער אלט־אינדישער געמיינדע איז די ארבייט געזעלשאפטליך געטיילט, און דאָך זיינען די פּראָדוקטען ניט קיין סחורות. אָדער מען קאָן נעהמען א נעהנטערן ביישפּיעל: אין

פון מענשליכער אַרבייט, און דאָך ניט זיין קיין סחורה. דער וואָס בעפריעדיגט דורך זיין פּראָדוקט זיין אייגענע בעדערפעניש, שאַפט טאַקע אַ געברויך־ווערטה, אָבער ניט קיין סחורה. כדי צו פּראָדוצירן סחורה, מוז ער פּראָדוצירן ניט סתם אַ געברויך־ווערטה, נאָר אַ געברויך־ווערטה פאַר אַנדערע—אַ געזעלשאַפט־ליכען געברויך־ווערטה.*

ענדליך קאָן קיין זאַך ניט זיין אַ ווערטה, אויב עס איז ניט אַ געגענשטאַנד פון געברויך. אויב עס איז נוצלאָז, איז אויך די אַרבייט, וואָס ליעגט אין דעם, נוצלאָז; זי רעכענט זיך ניט ווי אַרבייט און שאַפט ניט דעריבער קיין ווערטה.

2. דער טאָפּעלט־כאַראַקטער פון דער אַרבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין סחורות.

לכתחילה האָט זיך אונז די סחורה פאָרגעשטעלט ווי אַ קאָמפּלעקציע פון צוויי זאַכען—געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אויך די אַרבייט, אויף וויפיעל זי איז אויסגעדריקט אין דעם ווערטה, האָט ניט מעהר די־זעלביגע סמנים, וועלכע געהערן איהר אַלס בעשאַפערין פון געברויך־ווערטהען. די דאָזיגע צווייפאַכיגע נאַטור פון דער אַרבייט, וואָס ליעגט אין סחורה, האָב איך קריטיש נאָכגעוויזען צום ערשטען מאָל.[12] אַזוי ווי אָט דער פּונקט איז דער שפּיץ, אַרום וועלכען עס דרעהט זיך דאָס פערשטענדניש פון דער פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע, דעריבער מוז ער דאָ קלערער בעלויכטען ווערן.

---

* ענגעלס בעמערקט דערצו: „און ניט נאָר פאַר אַנדערע גלאַט אַזוי. דער פּויער אין מיטעלאַלטער האָט פּראָדוצירט צינז־קאָרן פאַר'ן פעאָדאַלען פּריץ, צעהנט־קאָרן (מעשר) פאַר'ן גלח. אָבער ניט דער צינז־קאָרן און ניט דער צעהנט־קאָרן זיינען געוואָרן סחורה דורכדעם, וואָס זיי זיינען פּראָדוצירט געוואָרן פאַר אַנדערע. כדי צו ווערן אַ סחורה, מוז דער פּראָדוקט אַריבערגעהן צו דעם אַנדערן, פאַר וועמען ער דיענט פאַר אַ געברויך־ווערטה, דורך דעם אויסטויש.“ — ענגעלס האָט געהאַלטען אָט די בעמערקונג פאַר נויטיג, ווייל עס איז זעהר אָסט אַרויסגעקומען די מיספערשטענדניס, אַזוי ווי מאַרקס וואָלט געהאַלטען, אַז יעדער פּראָדוקט, וועלכער ווערט פערצעהרט פון אַנאַנדערן און ניט פון דעם וואָס האָט איהם פּראָדוצירט, איז אַ סחורה.—קאַרל קאַוטסקי.

[12] קאַרל מאַרקס: „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע“, ז. 12, 18 און ווייטער.

עקזיסטענץ, וואָס איז אונאָבהענגיג פון אַלע געזעלשאַפטס־פאָרמען; אַן אייביגע נאַטור־נויטווענדיגקייט דורכצופיהרן די שטאָף־וועקס־לונג צווישען דעם מענשען און דער נאַטור, ד.ה. אויפצוהאַלטען דאָס מענשליכע לעבען.

די געברויך־ווערטהען ראָק, לייוועגט א.אז.וו. קורץ, די סחורה־קערפּער, זיינען אַ פערבינדונג פון צוויי עלעמענטען—נאַטור־שטאָף און ארביים. ווען מען נעהמט אוועק דעם סך הכל פון אַלע פער־שיידענע ניצליכע ארבייטען, וואָס שטעקען אין דעם ראָק, לייוועגט א.אז.וו., בלייבט שטענדיג איבער אַ מאַטעריעלער אונטער־לאַגער, אַ שטאָפיגער אָבזאַץ, וועלכער איז פאַראַנען אין דער נאַטור, אָהן דעם מענשענ׳ס מיט־הילף. דער מענש קאָן נאָר אַנגעהן אין זיין שאַפען ווי די נאַטור גופא, דאָס הייסט ער קאָן נאָר ענדערן די פאָרמען פון די שטאָפען.[18] נאָך מעהר: אין אָט דער ארבייט גופא פון ענדערן די פאָרמען ווערט ער שטענדיג אונטערשטיצט פון נאַטור־קרעפטען. ארבייט איז אַלזאָ נימ דער איינציגער קוואַל פון די געברויך־ווערטהען, פון דעם מאַטעריעלען רייכטום, וואָס זי פּראָדוצירט. די ארבייט איז זיין פאָטער, ווי וויליאם פעטטי זאָגט, און די ערד איז זיין מוטער.

לאָמיר איצט אריבערגעהן פון דער סחורה, אויף וויפיעל זי

---

[18] „אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט, סיי זיי זיינען ארויסגערופען פון דעם מענשענ׳ס האַנד, סיי דורך די אַלגעמיינע נאַטור־געזעצען, שטעלען נימ פאָר קיין ווירקליכע ניי־שאַפונג, נאָר בלויז אַן אומגעשטאַלטונג פון שטאָף. צונויפשטעלען און פונאַנדערנעהמען, דאָס זיינען די איינציגע עלעמענטען, וועלכע דער מענש־ליכער גייסט געפינט אַלעמאָל, ווען ער צוגליעדערט די פאָרשטעלונג פון עפעס ארויסברענגען. און פונקט אַזוי האַלט עס מיט דעם ארויסברענגען פון ווערטה (וואַלאָרע, געברויך־ווערטה,—הגם דער שרייבער איז אין אָט דער פּאָלעמיק זיינער אַנטקעגען די פיזיאָקראַטען אַליין נימ קלאָר פון וועלכען סאָרט ווערטה ער רעדט דאָ) און רייכטום, ווען ערד, לופט און וואַסער ווערן פערוואַנדעלט אין גראָז אויפ׳ן פעלד, אָדער ווען דער קלעפּיגער אויספלוס פון אַ וואָרעם ווערט אונטער דעם מענשענ׳ס האַנט פערוואַנדעלט אין זייד, אָדער עטליכע שטיקלעך מעטאַל ווערן צונויפגעשטעלט אין אַ רעפּעטיר־זייגער.‟ (פּיעטראָ ווערי: „מע־דיטאַציאָני סוללאַ עקאָנאָמיאַ פּאָליטיקאַ‟ (צוערשט געדרוקט אין יאָהר 1773) אין דער אויסגאַבע פון די איטאַליענישע עקאָנאָמען פון קוסטאָדי, פּאַרטע מאָדערנאַ, באנד 15, ז. 22.)

יעדער פאבריק איז די ארבייט סיסטעמאטיש געטיילט, אָבער די טיילונג קומט ניט דערפון, וואָס די ארבייטער טוישען אויס צווישען זיך זייערע אינדיווידועלע פּראָדוקטען. נאָר אזוינע פּראָדוקטען קאָנען ארויסטרעטען אלס סחורות איינע קעגען די אנדערע, וועלכע ווערן געשאפען פון זעלבשטענדיגע און איינע פון די אנדערע ניט־אָבהענגיגע פּריוואט־ארבייטען.

מיר האָבען אלזאָ געזעהן, אז אין דעם געברויך־ווערטה פון יעדער סחורה שטעקט א בעשטימטע צוועקמעסיג־פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט אָדער ניצליכע ארבייט. געברויך־ווערטהען קאָנען ניט ארויסטרעטען איינע קעגען די אנדערע אלס סחורות, ווען עס שטעקען ניט אין זיי קיין קוואליטאטיוו־פערשיידענע ניצליכע ארבייטען. אין א געזעלשאפט, וואָס איהרע פּראָדוקטען נעהמען בכלל אָן די פאָרם פון סחורה, ד.ה. אין א געזעלשאפט פון סחורה־פּראָדוצירער, ענטוויקעלט זיך אָט דער קוואליטאטיווער אונטער־שייד פון ניצליכע ארבייטען, וועלכע ווערן בעטריבען אונאָבהענגיג איינע פון די אנדערע אלס פּריוואט־געשעפטען פון זעלבשטענדיגע פּראָדוצירער, אין א פיעל־גליעדערדיגען סיסטעם, אין א געזעל־שאפטליכער טיילונג פון דער ארבייט.

דעם ראָק איז איבעריגענס אלץ איינס, צי דער שניידער טראָגט איהם, צי דעם שניידער'ס א קונד. איןביידע פעלען ווירקט ער ווי א געברויך־ווערטה. פּונקט אזוי ווייניג ווערט אין עצם פער־ענדערט די שייכות צווישען דעם ראָק און דער ארבייט, וואָס פּראָדוצירט איהם, דורכדעם וואָס די שניידעריי איז געוואָרן א בעזונדער פּראָפעסיע, א זעלבשטענדיג גליעד פון דער געזעלשאפט־ליכער צוטיילונג פון דער ארבייט. אומעטום, וואו די קליידונג־בעדערפעניש האָט איהם דערצו געצוואונגען, האָט דער מענש טוי־זענדער יאָהרען נאָכאנאנד געשניידערט, איידער פון א מענשען איז געוואָרן א שניידער. אָבער ראָק און לייווענט ווי יעדער אנדער עלעמענט פון מאטעריעלען רייכטום, וואָס איז ניט קיין נאטור־פּראָדוקט, מוז אימער פערדאנקען זיין עקזיסטענץ א ספּעציעלער, צוועקמעסיג־פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט, וועלכע פּאַסט־צו בעזונ־דערע נאטור־שטאָפען צו די בעזונדערע מענשליכע בעדערפענישען. אלס בעשאפערין פון געברויך־ווערטהען, אלס ניצליכע ארבייט, איז דעריבער די ארבייט א נויטווענדיגער בעדינג פאר דעם מענשען'ס

ווי צו פערוועגדרען מענשליכע ארבייטס־קראפט. עס פערשטעהט זיך, די מענשליכע ארבייטס־קראפט גופא מוז זיין מעהר אדער וועניגער ענטוויקעלט, כדי זי זאל קאנען פערוועגדרעט ווערן אין דער אדער יענער פארם. דער ווערטה אבער פון סחורה שטעלט פאר סתם מענשליכע ארבייט, פערוועגדרונג פון מענשליכער ארבייט בכלל. פונקט אזוי ווי אין דער בירגערליכער געזעלשאפט שפיעלט א גענעראל אדער א באנקיער א גרויסע ראלע און דער סתם־מענש א גאנץ קנאפע ראלע,[14] אזוי שטעהט עס דא אויך מיט דער מענשליכער ארבייט. זי איז די פערוועגדרונג פון פשוט׳ער ארבייטס־קראפט, וועלכע יעדער געוועהנליכער מענש דורכשניטליך בעזיצט, אהן ספעציעלער ענטוויקלונג, אין זיין קערפערליכען ארגאניזם. אמת, אפילו די איינפאכע דורכשניטס־ארבייט בייט איהר כאראקטער אין פערשיידענע לענדער און פערשיידענע קולטור־עפאכען, זי האט אבער א געוויסען כאראקטער אין יעדער געזעלשאפט. קאמפליצירטערע ארבייט רעכענט זיך נאר ווי פערשטארקטע אדער ריכטיגער ווי פערפיעלפאכטע איינפאכע ארבייט, אזוי אז א קלענערער סכום קאמפליצירטערע ארבייט איז גלייך ווי א גרעסערער סכום איינפאכער ארבייט. די ערפאהרונג בעווייזט, אז אט די צוריקפיהרונג [פערגלייכונג] קומט שטענדיג פאר. א סחורה מעג זיין א פראדוקט פון דער קאמפליצירטער ארבייט, איהר ווערטה אבער שטעלט זי אויף דעמזעלבען משקל ווי א פראדוקט פון איינפאכער ארבייט, און בכן שטעלט זי נאר פאר א בעשטימטע סומע פון איינפאכער ארבייט[15] די פערשיידענע פראפארציעס, אין וועלכע פערשיידענע סארטען ארבייט ווערן צוריקגעפיהרט צו איינפאכער ארבייט אלס זייער מאסשטאב, ווערן פעסטגעשטעלט דורך א געזעלשאפטליכען פראצעס הינטערן רוקען פון די פראדוצירער, און עס ווייזט זיך זיי דעריבער אויס, ווי דאס וואלט בעשטימט געווארן על פי

[14] זעה העגעל: „פילאזאפיע דעם רעכטס", בערלין 1840 ז. 250 § 190.

[15] דער לעזער מוז זיך מערקען, אז דא רעדט זיך ניט וועגען דעם לוין אדער דעם ווערטה, וואס דער ארבייטער בעקומט א שטייגער פאר א טאג ארבייט, נאר וועגען דעם סחורה־ווערטה, אין וואס זיין ארבייטס־טאג איז פערקערפערט. אויף אט דער שטופע פון אונזער דארלעגונג עקזיסטירט איבערהויפט נאך ניט די קאטעגאריע פונ׳ם ארבייטס־לוין.

ווערט בעטראַכט אַלס גערבאָווִיך־געגענשטאַנד, צו דעם ו ו ע ר ט ה
פון סחורות.

לויט אונזער השערה האָט דער ראָק גאַכאַמאַל אַזױפיל דעם ווערטה ווי צעהן עלען לייוועגט. דאָס איז אָבער נאָר אַ קוואַנטיטאַטיווער אונטערשייד, וואָס אינטערעסירט אונז נאָך דערווייל ניט. מיר דערמאָנען דעריבער, אַז אויב דער ווערטה פון 1 ראָק איז גאַכאַמאָל אַזוי די גרויס ווי דער ווערטה פון 10 עלען לייוועגט, מוזען 20 עלען לייוועגט האָבען דיזעלבע ווערטה־גרויס פון 1 ראָק. אַלס ווערטהען זיינען ראָק און לייוועגט זאכען פון דערזעלביגער סובסטאַנץ, פון דעמזעלביגען עצם—אָביעקטיווע אויסדרוקען פון דעמזעלביגען מין ארביים. אָבער שניידעריי און וועבעריי זיינען קוואַליטאַטיוו פערשיידענע ארבייטען. עס זיינען אָבער פאַראַן געזעלשאַפט־צושטאַנדען, אין וועלכע דערזעלביגער מענש טהוט אַמאָל שניידעריי און אַמאָל וועבעריי, און בכן זיינען אָט דיביידע פערשיידענע ארבייטס־פאָרמען נישט מעהר ווי מאָדיפיקאַציעס פון דער ארבייט פון דעמזעלביגען אינדיווידום, און נאָך ניט קיין בעזונדערע פעסטע פונקציעס פון פערשיידענע אינדיווידומען; פונקט ווי דער ראָק, וואָס אונזער שניידער מאַכט היינט, און די הויזען, וואָס ער מאַכט מאָרגען, זעצען נאָר פאָראוים וואַריאַציעס פון דערזעלביגער אינדיווידועלער ארביים. מען זעהט טאַקע פון אויבען־אויף, אַז אין אונזער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט צוגעשטעלט, לויט ווי עס בייט זיך די ריכטונג פון דער ארבייט־נאָכפראַגע, אַ געוויסע סומע מענשליכער ארביים, אַמאָל אין דער פאָרם פון שניידעריי און אַמאָל אין דער פאָרם פון וועבעריי. אָט די פאָרם־וועקסלונג פון דער ארבייט קאָן אפשר ניט אָנגעהן אָהן געוויסע רייבונגען, אָבער אָנגעהן מוז זי.

לאָזט מען אוים די בעשטימטע פאָרם פון דער פּראָדוקטיווער טהעטיגקיים, און בכן דעם ניצליכען כאַראַקטער פון דער ארביים, דאַן בלייבט אין איהר דאָס איינציגע, וואָס זי איז אַ פערוועגדונג פון מענשליכער ארבייטער־קראַפט. שניידעריי און וועבעריי, הגם זיי זיינען קוואַליטאַטיוו פערשיידענע פּראָדוקטיווע טהעטיגקייטען, זיינען זיי ביידע פּראָדוקטיווע פערוועגדונגען פון מענשליכען מאַרך, מוסקולען, נערוועז, העגט א.אז.וו., און אין דעם זין זיינען זיי ביידע מענשליכע ארביים. דאָס זיינען נאָר צוויי פערשיידענע פאָרמען,

צו דער גרויס פֿונ׳ם ווערטה, רעכענט זי זיך נאָר קוואַנטיטאַטיוו, נאָכדעם ווי זי איז שוין צוריקגעפֿיהרט געוואָרן צו [סתם] מענש־ליכער ארבייט, אָהן וועלכער ניט־איז קוואַליטעט. דאָרטן [ביים געברויך־ווערטה] האַנדעלט זיך וועגען דעם „ווי״ און „וואָס״ פֿון דער ארבייט, דאָ [ביי דער גרויס פֿונ׳ם ווערטה] וועגען איהר „וויפֿיעל״, וויפֿיעל צייט זי האָט געדויערט. אַזוי ווי די גרויס פֿון דעם ווערטה פֿון אַ סחורה שטעלט נאָר פֿאָר דעם סכום ארבייט, וואָס ליעגט אין איהר, מוזען דעריבער אַלע סחורות, אין אַ גע־וויסער פּראָפּאָרציע, שטענדיג זיין גלייך גרויס אין ווערטה.

בלייבט די פּראָדוקטיוו־קראַפֿט פֿון אַלע ניצליכע ארבייטען, וואָס פֿאָדערן זיך צו פּראָדוצירן אַ ראָק, אומפֿערענדערט, ראַן שטייגט די ווערטה־סומע פֿון די רעק לויט זייער אייגענער קוואַנ־טיטעט. ווען 1 ראָק צ.ב.ש. שטעלט מיט זיך פֿאָר 3 ארבייטס־טעג, שטעלען 2 רעק פֿאָר 2×3=6 ארבייטס־טעג א.אז.וו. נעהמט אָבער אָן, אַז די נויטיגע ארבייט צו פּראָדוצירן אַ ראָק איז גע־שטיגען אויף נאָכאַמאָל אַזויפֿיעל, אָדער איז געפֿאַלען אויף אַ העלפֿט. אין ערשטען פֿאַל האָט איין ראָק אַזויפֿיעל ווערטה וויפֿיעל פֿריהער צוויי רעק, אין לעצטען פֿאַל האָבען צוויי רעק נאָר אַזויפֿיעל ווערטה וויפֿיעל פֿריהער איינער, הגם אין ביידע פֿעלען ברענגט איין ראָק דיזעלבע נוצען ווי פֿריהער, און די ניצ־ליכע ארבייט, וואָס ליעגט אין איהם, בלייבט אויך פֿון דערזעל־ביגער קוואַליטעט ווי פֿריהער. וואָס עס האָט זיך געענדערט, איז דער סכום ארבייט, וואָס ווערט פֿערוועגדעט צו פּראָדוצירן דעם ראָק.

אַ גרעסערע סומע געברויך־ווערטהען מאַכט אויס אַן און פֿאַר זיך אַ גרעסערן מאַטעריעלען רייכטום: צוויי רעק זיינען מעהר ווי איינער. מיט צוויי רעק קאָן מען בעקליידען צוויי מענשען, מיט איין ראָק—נאָר איין מענשען א.אז.וו. פֿונדעסטוועגען קאָן מיט דער געשטיגענער מאַסע פֿון מאַטעריעלען רייכטום געהן צו־זאַמען אַן ארונטערפֿאַל פֿון זיין ווערטה־סומע. אָט די געגענגע־זעצטע בעוועגונג נעהמט זיך פֿון דעם צווייפֿאַכיגען כאַראַקטער פֿון דער ארבייט. פּראָדוקטיוו־קראַפֿט איז נאַטירליך אַלעמאָל די פּראָדוקטיוו־קראַפֿט פֿון ניצליכער, קאָנקרעטער ארבייט, און זי בעצייכענט פּאַקטיש נאָר דעם ווירקונגס־גראַד פֿון אַ צוועקמעסיגער

מנהג. פון איינפאכקייט וועגן וועלען מיר פון איצט אָן בע־טראכטען יעדען סאָרט ארבייטס־קראפט דירעקט אלס איינפאכע ארבייטס־קראפט, און איינשפּאָרן זיך דורכדעם די טרחה פון מאכען יעדעס מאָל די דאָזיגע צוריקפיהרונג.

פונקט אלזאָ ווי אין די ווערטהען ראָק און לייוועגט ווערט דער אונטערשייד פון זייערע געברויך־ווערטהען ניט גענומען אין בעטראכט, אזוי ווערט אויך אין די ארבייטען, וועלכע זיינען פאַרגעשטעלט אין די דאָזיגע ווערטהען, ניט גענומען אין בעטראכט דער אונטערשייד אין זייערע ניצליכע פאָרמען, די שניידעריי און וועבעריי. אזוי ווי די געברויך־ווערטהען ראָק און לייוועגט זיינען פערבינדונגען פון צוועקמעסיגע פּראָדוקטיווע טהעטיגקייטען מיט טוך און וועב־פעדים, בעת דאגעגען די ווערטהען ראָק און לייוועגט זיינען בלויז פערגליווערונגען פון ניט־דיפערענצירטער ארביים, אזוי אויך ווערן גערעכענט די ארבייטען, וואָס זיינען פערקערפּערט אין די דאָזיגע ווערטהען, ניט דורך זייער פּראָדוקטיווער שייכות צו טוך און וועב־פעדים, נאָר בלויז אלס פערווענדונגען פון מענשליכער ארבייטס־קראפט. שאפענדע עלעמענטען פון די געברויך־ווערטהען ראָק און לייוועגט זיינען שניידעריי און וועבעריי גראָד דורך זייערע פערשיידענע קוואליטעטען; סובסטאנץ, גרונדלאגע פון דעם ווערטה פון ראָק און לייוועגט זיינען זיי נאָר, אויף וויפיעל זייער בעזונדער קוואליטעט ווערט ניט גענומען אין בעטראכט, אויף וויפיעל זיי בעזיצען ביידע א גלייכע קוואליטעט—די קוואליטעט פון מענש־ליכער ארבייט.

ראָק און לייוועגט זיינען אָבער ניט נאָר ווערטהען בכלל, נאָר ווערטהען פון א בעשטימטער גרויס, און לויט אונזער השערה איז דער ראָק ווערטה נאָכאמאָל אזויפיעל ווי 10 עלען לייוועגט. פון וואנען קומט די דאָזיגע פערשיידענקייט אין דער גרויס פון זייערע ווערטהען? דערפון,וואָס די 10 עלען לייוועגט ענטהאלטען נישט מעהר ווי א העלפט ארבייט איידער דער ראָק, אזוי אז כדי צו מאכען א ראָק, מוז די ארבייטס־קראפט אויסגעגעבען ווערן אין נאָכאמאָל אזויפיעל צייט, ווי אויף צו מאכען 10 עלען לייוועגט.

בעת, אלזאָ, בנוגע דעם געברויך־ווערטה רעכענט זיך די אר־בייט, וואָס ליעגט אין דער סחורה, נאָר קוואליטאטיוו, איז בנוגע

צוועק, און אין אַט דער אייגנשאַפט פון קאָנקרעטער, ניצליכער אַרבייט, שאַפט זי געברויך־ווערטהען.[16]

---

[1] נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. כּדי צו באַווייזן, אַז „די אַרבייט אַליין איז די ענדגילטיגע און רעאַלע מאָס, מיט וועלכער דער ווערטה פון אַלע סחורות, אין אַלע צייטן, קאָן אָבגעשאַצט און פערגליכן ווערן", זאָגט אַדאַם סמיטה: „גלייכע סומען אַרבייט מוזן אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער האָבן פאַר דעם אַרבייטער דעמזעלבן ווערטה. אין זיין נאָרמאַלן צושטאַנד פון געזונט, קראַפט און טהעטיגקייט, און ביי דעם דורכשניטליכן גראַד פון געשיקטקייט, וואָס ער קאָן באַזיצן, מוז ער אַלעמאַל אָוועקגעבן דיזעלבע פּראָפּאָרציע פון זיין רוה, זיין פרייהייט און זיין גליק." („וועלטה און ניישאַנס", באַנד 1, קאַפּיטעל 5).

פון איין זייט פערבייט דאָ (ניט אומעטום) אַדאַם סמיטה די בעשטימונג פון ווערטה דורך דער סומע אַרבייט, וואָס איז פערוועגדעט געוואָרן אין דער פּראָדוקציאָן פון דער סחורה, מיט דער בעשטימונג פון די סחורה־ווערטהען דורך דעם ווערטה פון דער אַרבייט, און ער זוכט דעריבער צו באַווייזן, אַז גלייכע סומען אַרבייט האָבן שטענדיג דעמזעלבן ווערטה. פון דער אַנדער זייט פיהלט ער, אַז די אַרבייט, אויף וויפיעל זי איז פאַרגעשטעלט אין דעם ווערטה פון די סחורות, גילט נאָר אַלס אַ פערוועגדונג פון אַרבייטס־קראַפט, ער פאַסט אָבער אויף די דאָזיגע פערוועגדונג בלויז אַלס אָפּפערונג פון רוה, פרייהייט און גליק, און ניט אויך אַלס אַ נאָרמאַלע טהעטיגקייט פון לעבעדיגע מענשען. על כל פנים האָט ער דעם מאָדערנעם לוין־אַרבייטער פאַר די אויגען. פיעל טרעפענדער זאָגט דער אַנאָנימער פאָרגענגער פון אַדאַם סמיטה (וועלכער איז ציטירט געוואָרען אין נאָטע 9): „איינער האָט פערוועגדעט אַ וואָך צייט אויף צו שאַפען אַ געגענשטאַנד פון געברויך.... ווען ווער עס איז גיט איהם אַנאַנדער געגענשטאַנד אין אויסטויש, קאָן ער ניט האָבן קיין בעסערן מאָס־שטאָב, ווי וועלכען אָבצושאַצען וואָס איז ווירקליך גלייך אין ווערטה, אַ חוץ די אויסרעכענונג, וועלכער געגענשטאַנד עס קאָסט איהם פּונקט אַזויפיעל אַרבייט (לייבאָר) און צייט. פאַקטיש קומט עס אויס, אַז די אַרבייט, וואָס איין מענש האָט אַריינגעלעגט אין זיין פּראָדוקט אין פערלויף פון אַ בעשטימטער צייט, ווערט אויסגעטוישט אויף דער אַרבייט, וואָס דער אַנדערער האָט פערוועגדעט אין לויף פון פּונקט אַזויפיעל צייט אויף אַנאַנדער געגענשטאַנד." („סאָם טהאָטס אָן דהי אינטערעסט אָוו מאָני עטצ.", ז. 39) [ענגעלס בעמערקט דערצו אין אַ פוס־נאָטע צו דער ענגלישער איבערזעצונג: „די ענגלישע שפּראַך האָט די מעלה, וואָס זי בעזיצט צוויי פערשיידענע בעצייכענונגען פאַר אַט די צוויי פערשיידענע זייטען פון דער אַרבייט. די אַרבייט, וואָס שאַפט געברויך־ווערטהען און רעכענט זיך קוואַליטאַטיוו הייסט „וואָרק" אין נעגענזאַץ צו „לייבאָר"; די אַרבייט, וועלכע שאַפט ווערטה און ווערט געמאָסטען נאָר קוואַנטיטאַטיוו, הייסט „לייבאָר" אין געגענזאַץ צו „וואָרק."—ס.]

פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט אין א געגעבענער צייט. די ניצליכע ארבייט ווערט דעריבער א רייכערע אָדער אָרימערע פּראָדוקטען־קוואל אין א דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דעם שטייגען אָדער פאַלען פון איהר פּראָדוקטיוו־קראַפט. פון דער אנדער זייט האָט די ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פאַר־זיך אליין גאָר ניט צו טהאָן מיט דער ארבייט, וואָס איז פאַרגעשטעלט אין ווערטה. אַזוי ווי די פּראָדוקטיוו־קראַפט געהערט דער קאָנקרעטער ניצליכער פאָרם פון דער ארבייט, קאָן זי, פערשטעהט זיך, ניט מעהר בע־ריהרן די ארבייט, אַזויבאַלד ווי מען רעכענט זיך ניט מיט איהר קאָנקרעטער ניצליכער פאָרם. דיזעלבע ארבייט גיט דעריבער ארויס אין דיזעלבע צייט־פּעריאָדען תמיד דיזעלביגע סומען ווערטה, ווי־פיעל די פּראָדוקטיוו־קראַפט זאָל זיך ניט ענדערן. אָבער זי שאַפט אין דערזעלביגער צייט־פּעריאָדע פערשיידענע סומען געברויך־ווערטהען: מעהר, ווען די פּראָדוקטיוו־קראַפט שטייגט, ווייניגער, ווען זי פאַלט. דיזעלביגע ענדערונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט, וועלכע פערמעהרט די פרוכטבארקייט פון דער ארבייט און פאָלגליך די מאַסע געברויך־ווערטהען, וואָס זי ליווערט, פערקלענערט אַלזאָ די גרויס פון דעם ווערטה פון דער דאָזיגער פערמעהרטער מאַסע, ווען זי [די ענדערונג] פערקירצט די סומע ארבייטס־צייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן די דאָזיגע מאַסע געברויך־ווערטהען. און פּונקט אַזוי אין דעם אומגעקעהרטען פאַל [די ענדערונג, וואָס פערמינדערט די מאַסע געברויך־ווערטהען, פערמעהרט דעם ווערטה פון דער דאָזיגער מאַסע, ווען זי פערגרעסערט די סומע ארבייטס־צייט, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן די דאָזיגע געברויך־ווערטהען].

אַלערליי ארבייט איז פון איין זייט א פערווענדונג פון מענש־ליכער ארבייטס־קראַפט אין דעם פיזיאָלאָגישען זין, און אין אָט דער אייגענשאַפט פון גלייך־מענשליכער אָדער אבסטראַקט־מענש־ליכער ארבייט בילדעט זי דעם ווערטה פון סחורות. פון דער אנדער זייט איז יעדע ארבייט א פערווענדונג פון מענשליכע ארבייטס־קראַפט אין א ספּעציעלער פאָרם פאַר א בעשטימטע

קלערן די ענטוויקלונג פון דעם ווערטה־אויסדרוק, וואס ליעגט אין דער ווערטה־שייכות פון סחורות, פון זיין איינפאכסטער, כמעט־אונמערקליכער געשטאלט, ביז צו דער גלענצענדער געלד־פארם. דערמיט וועט אין דערזעלביגער צייט אויך פערשווינדען דאס געלד־רעטעניש.

די איינפאכסטע ווערטה־שייכות איז, פערשטעהט זיך, די ווערטה־שייכות פון איין סחורה צו א וועלכער עס איז אנדער איינציגער סחורה פון א פערשיידענעם סארט. די ווערטה־שייכות צווישען צוויי סחורות גיט אונז דעריבער דעם איינפאכסטען אויפ־דרוק פון דעם ווערטה פון איין סחורה.

A. איינפאכע, איינצעלנע אדער צופעליגע ווערטה־פארם.

x סחורה A = y סחורה B (20 עלען לייוועגט איז גלייך צו 1 ראק) אדער:

x סחורה A איז ווערטה y סחורה B. (20 עלען לייוועגט זיינען ווערטה 1 ראק).

1. דיביידע פאלוסען פון דעם ווערטה־אויסדרוק: רעלא־טיווע ווערטה־פארם און עקוויוואלענט־פארם.

דער סוד פון אלע ווערטה־פארמען ליעגט אין אט דער איינ־פאכער ווערטה־פארם. איהר אנאליז, צוגליעדערונג, איז דעריבער די אייגענטליכע שוועריגקייט.

צוויי פערשיידענארטיגע סחורות A און B (אין אונזער ביי־שפיעל, לייוועגט און ראק) שפיעלען דא קלאר צוויי פערשיידענע ראליען. די לייוועגט דריקט אויס איהר ווערטה אין דעם ראק, דער ראק דיענט אלס מאטעריאל פאר אט דעם ווערטה־אויסדרוק. די ערשטע סחורה שפיעלט אן אקטיווע ראליע, די צווייטע—א פאסיווע. דער ווערטה פון דער ערשטער סחורה ווערט פארגע־שטעלט אלס רעלאטיווער ווערטה, אדער זי געפינט זיך איז רע־לאטיוועד ווערטה־פארם. די צווייטע סחורה פונקציאנירט אלס עקוויוואלענט (גלייכווערטיג), אדער געפינט זיך אין עקוויוואלענט־פארם.

די רעלאטיווע ווערטהפארם און די עקוויוואלענט־פארם זיינען

3. די ווערטה־פאָרם אָדער דער טויש־ווערטה.

סחורות קומען אויף דער וועלט אין דער פאָרם פון געברויך־ווערטהען אָדער סחורה־קערפּער, ווי אייזען, לייווענט, ווייץ א.אז.וו. דאָס איז זייער פּראָסטע נאַטוראַל־פאָרם. זיי זיינען אָבער סחורות נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען צווייפאַכיג, אַי געברויך־זאַכען, אַי אין דערזעלבער צייט ווערטה־טרעגער. זיי ווייזען זיך ארויס דע־ריבער אַלס סחורות, אָדער בעזיצען די פאָרם פון סחורות, נאָר אין דעם ערך וואָס זיי בעזיצען די טאָפּעלטע פאָרם—נ א ט ו ר א ל־ פ אָ ר ם און ו ו ע ר ט ה ־ פ אָ ר ם.

די ווערטה־ממשות פון סחורות אונטערשיידט זיך דערמיט פון פאַלסטאַף׳ס פריינדין, מאַדאַם „קוויקלי״, וואָס מען וויים נ י ט וואו זי צו געפינען. פונקט להיפך צו דער זינליך־גראָבער ממשות פון די סחורה־קערפּער, קומט קיין אַטאָם נאַטור־שטאָף ניט אריין אין זייער ווערטה־ממשות. מען מעג דרעהען און ווענדען אַן איינצעלנע סחורה ווי מען וויל, אַלס ווערטה־זאַך קאָן מען איהר ממשות ניט תופס זיין. האַלטען מיר אָבער אין זינען, אַז די סחורות האָבען נאָר אַ ווערטה־ממשות, אויף וויפיעל זיי זיינען אויסדרוקען פון דערזעלבער געזעלשאַפטליכער איינהייט, דער מענש־ליכער ארבייט, אַז איהר ווערטה־ממשות איז, אַלזאָ, ריין געזעל־שאַפטליך,—דאַן פערשטעהט זיך שוין פון זיך אַליין, אַז זי קאָן זיך נאָר ארויסווייזען אין ד ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע ר ש י י כ ו ת פון סחורה צו סחורה. מיר האָבען פאַקטיש אָנגע־פאַנגען פון טויש־ווערטה, אָדער פון דער אויסטויש־שייכות פון סחורות, כדי אויסצוגעפינען זייער ווערטה, וואָס ליעגט אין דערין בעהאַלטען. מיר מוזען איצטער זיך אומקעהרען צו אָט דער ער־שיינונג־פאָרם פון ווערטה.

יעדער איינער וויים, אויב ער ווייס אפילו מעהר גאָרנישט, אַז סחורות האָבען אַ געמיינזאַמע ווערטה־פאָרם, וועלכע שטעהט אין אַ העכסט־אויפפאַלענדען קאָנטראַסט צו די אַלערליי נאַטוראַל־פאָרמען פון זייערע געברויך־ווערטהען—די געלד־פאָרם. דאָ אָבער ליעגט פאַר אונז אַן אויפגאַבע, וועלכע די בורזשואַזע עקאָנאָמיע האָט אַפילו ניט פּרובירט אויפצונעהמען, און דאָס איז, צו בע־ווייזען ווי אזוי די דאָזיגע געלד־פאָרם איז ענטשטאַנען—צו דער־

צו זי איז די סחורה, וואס א י ה ר ווערטה ווערט אויסגעדריקט, אדער זי איז די סחורה, דורך וועלכער דער ווערטה ווערט אויסגעדריקט.

2. די רעלאטיווע ווערטה־פארם.

א) דער תוך פון דער רעלאטיווער ווערטה־פארם.

כדי ארויסצוגעפינען ווי אזוי דער איינפאכער ווערטה־אויסדרוק פון א סחורה ליעגט בעהאלטען אין דער ווערטה־שייכות פון צוויי סחורות, מוז מען קודם די ווערטה־שייכות בעטראכטען אונאבהענגיק פון איהר קוואנטיטאטיווער זייט. געוועהנליך בעהאנדעלט מען די זאך פונקט פערקעהרט און מען זעהט אין דער ווערטה־שייכות בלויז די פראפארציע, אין וועלכער בעשטימטע סומען פון צוויי סארטען סחורות רעכענען זיך גלייך איינע צו די אנדערע. מען פערגעסט, אז די גרויס־פונקטען פון פערשיידענע זאכען קאנען ערשט דאן פערגליכען ווערן קוואנטיטאטיוו, ווען זיי ווערן רעדוצירט צו דערזעלביגער איינהייט [ארויסגעבראכט צו איין מאס־שטאב]. נאר אלס אויסדרוקען פון דערזעלביגער איינהייט האבען זיי דיזעלבע נאמען־בעצייכענונג און לאזען זיך מעסטען מיט דערזעלביגער מאס [זייגען קאמענזוראבלע גרויסען][17]

סיי 20 עלען לייוועגט זייגען גלייך 1 ראק אדער 20 רעק, אדער א וועלכע עס איז אנדער סומע רעק, ד.ה. סיי א געוויסע סומע לייוועגט איז ווערטה א סך רעק אדער ווייניג רעק—יעדע פראפארציע שליסט שטענדיג איין, אז לייוועגט און רעק אלס ווערטהען פון א געוויסער גרויס זייגען אויסדרוקען פון דערזעל־

---

[17] די עטליכע עקאנאמען, וועלכע האבען, ווי ס. ביילי, זיך בעשעפטיגט מיט דעם אנאליז פון דער ווערטה־פארם. האבען ניט געקאנט קומען צו קיין רעזולטאט, איינמאל דערפאר, ווייל זיי פערוועקסלען ווערטה־פארם און ווערטה: און צווייטענס, אזוי ווי זיי שטעהען אונטער דעם רויהען איינפלוס פונ'ם פראקטישען בורזשוא, האבען זיי לכתחילה אין זין נישט מעהר ווי די קוואנטיטאטיווע זייט פון יענער פראגע: „די פערפיגונג איבער גרויסען סומען... מאכט אויס דעם יוערטה." (מאני אנד איטס וויסיסטיודס", לאנדאן 1837 פון ס. ביילי.)

אינטים־פערבונדענע, איינער פון דעם אנדערן אָבהענגענדע, אונצער־שיידליכע מאָמענטען, אָבער אין דערזעלביגער צייט אויך איינער דעם אנדערן אויסשליסענדע אָדער אנטקעגען־געזעצטע עקסטרעמען, דאָס הייסט פּאָליוסען פון דעמזעלבען ווערטה־אויסדרוק. זיי פערטיילען זיך שטענדיג אויף די פערשיידענע סחורות, וועלכע ווערן געשטעלט אין א שייכות איינע צו די אנדערע דורך אָט דעם ווערטה־אויסדרוק. איך קאָן ניט אויסדריקען צ.ב.ש. דעם ווערטה פון לייוועגט אין לייוועגט. 20 עלען לייוועגט=20 עלען לייוועגט איז ניט קיין ווערטה־אויסדרוק. אַזא פערגלייכונג זאָגט אדרבא פערקעהרט, אז 20 עלען לייוועגט זיינען ניט קיין אנדער זאַך ווי נאָר 20 עלען לייוועגט,—א בעשטימטער סכום פון דעם געברויך־אַרטיקעל לייוועגט. דער ווערטה פון דער לייוועגט קאָן אלזא אויסגעדריקט ווערן נאָר רעלאַטיוו, דאָס הייסט אין אַנאַנדער סחורה. די רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם פון דער לייוועגט איז דעריבער משער, אז א וועלכע עס איז אנדער סחורה געפינט זיך לגבי איהר אין דער עקוויוואלענט־פאָרם. פון דער אנדער זייט קאָן ניט די דאָזיגע אנדערע סחורה, וועלכע פיגורירט אלס עקוויוואלענט, זיך געפינען אין דערזעלבער צייט אין דער רעלאַטיווער ווערטה־פאָרם. זי דריקט ניט אויס איהר ווערטה; זי דיענט נאָר אלס מאַטעריאַל פאַר דעם ווערטה־אויסדרוק פון דער אנדער סחורה.

גאַנץ געווים שליסט איין דער אויסדרוק: 20 עלען לייוועגט=1 ראָק, אָדער 20 עלען לייוועגט זיינען ווערטה 1 ראָק, אויך די פערקעהרטע שייכות: 1 ראָק=20 עלען לייוועגט, אָדער 1 ראָק איז ווערטה 20 עלען לייוועגט. אָבער דאָן מוז איך דאָך איבערדרעהען די פערגלייכונג, כדי אויסצודריקען רעלאַטיוו דעם ווערטה פון דעם ראָק, און אַזויבאַלד ווי איך טהו דאָס, ווערט די לייוועגט דער עקוויוואלענט אנשטאָט דעם ראָק. דיזעלבע סחורה קאָן אלזאָ אין דעמזעלבען ווערטה־אויסדרוק ניט ארויסטרעטען איןביידע פאָרמען אין דערזעלבער צייט. זיי שליסען זיך אדרבא פּאָלאַריש אויס, אַזוי ווי די ביידע ערד־פּונקטען פון איין ליניע.

די פראַגע, אלזאָ, צי א סחורה געפינט זיך אין דער רעלאַטיווער ווערטה־פאָרם, אָדער אין דער אנטקעגען־געזעצטער עקוויוואלענט־פאָרם, העננט אינגאַנצען אָב פון איהר צופעליגען פּלאַץ אין דעם ווערטה־אויסדרוק; דאָס הייסט, עס העננט אָב פון דעם,

זאַך גלייך צו דער לייוועגט, שטעלען מיר גלייך די אַרבייט, וואָס שטעקט אין איהם, צו דער אַרבייט, וואָס שטעקט אין איהר. אמת טאַקע, אַז די שניידעריי, וואָס מאַכט דעם ראָק, איז אַ קאָנקרעטע אַרבייט פון אַ פערשיידענעם סאָרט איידער די וועבעריי, וועלכע מאַכט די לייוועגט. אָבער די גלייכשטעלונג מיט דער וועבעריי רעדוצירט פאַקטיש די שניידעריי צו דאָס, וואָס איז ווירקליך גלייך אין די ביידע סאָרטען אַרבייט,—צו זייער געמיינזאַמען כאַראַקטער אַלס מענשליכע אַרבייט. אָט, אַזוי אַרום דריקט זיך אויס דער פאַקט, אַז די וועבעריי, ווי ווייט זי וועבט ווערטהען, האָט אויך ניט קיינע סמנים, וואָס זאָלען איהר אונטערשיידען פון דער שניי־דעריי; איז, הייסט עס, אויך אַבסטראַקטע מענשליכע אַרבייט. נאָר דער אויסדרוק פון עקוויוואַלענץ צווישען פערשיידענאַרטיגע סחורות ברענגט אַרויס פאַר'ן ליכט דעם ספּעציפישען כאַראַקטער פון דער ווערטה־שאַפענדער אַרבייט, דערמיט וואָס ער רעדוצירט די פערשיידענע סאָרטען אַרבייט, וועלכע זיינען פערקערפּערט אין די פערשיידענע סאָרטען סחורות, פאַקטיש צו זייער געמיינזאַמער איינגענשאַפט—צו מענשליכער אַרבייט בכלל.*[17]

דאָס איז נאָך אָבער ניט גענוג אויסצודריקען דערמיט דעם ספּע־ציפישען כאַראַקטער פון דער אַרבייט, פון וועלכער עס בעשטעהט דער ווערטה פון דער לייוועגט. מענשליכע אַרבייטס־קראַפט אין אַ פליסיגען צושטאַנד, אָדער מענשליכע אַרבייט [בכלל], שאַפט ווערטה, אָבער איז אַליין ניט קיין ווערטה. זי ווערט ווערטה אין

---

* [17] נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. איינער פון די ערשטע עקאָנאָמען, וועלכער האָט נאָך וויליאַם פּעטטי איינגעזעהן די נאַטור פון ווערטה, דער בעריהמטער בענדזשאַמין פראַנקלין זאָגט: „חיות ווי מסחר בכלל איז נישט מעהר ווי דער אויסטויש פון איין אַרבייט אויף אַנאַנדער אַרבייט, ווערט דע־ריבער דער ווערטה פון אַלע זאַכען אַבגעשאַצט אַם ריכטיגסטען אין אַרבייט.” („וואָרקס אָוו ב. פראַנקלין”, ביי ספּאַרקס, באָסטאָן 1836, באַנד II, ז. 267.) פראַנקלין פיהלט ניט, אַז דערמיט וואָס ער שאַצט אָב דעם ווערטה פון אַלע זאַכען „אין אַרבייט”, לאָזט ער אויס פון בעטראַכט יעדען אונטערשייד אין די סאָרטען אַרבייט, וואָס ווערן אויסגעטוישט, און רעדוצירט זיי אויף דעם אופן צו איין און דערזעלביגער מענשליכער אַרבייט. ניט וויסענדיג, פונדעסטוועגען זאָגט ער עס. ער רעדט צו ערשט פון „דער איין אַרבייט”, דאַן „פון דער אַנדער אַרבייט”, צולעצט פון „אַרבייט” אָהן ווייטערע בעצייכענונג, אַלס דער עצם פון דעם ווערטה פון אַלע זאַכען.

ביגער איינהייט, זאכען פון רעמזועלבען כאראקטער. לייוועגט=ראק איז דער יסוד פון דער גלייכונג.

אָבער די צוויי קוואליטאַטיוו־גלייכגעזעצטע סחורות שפּיעלען ניט דיזעלבע ראָליע. עס ווערט נאָר אויסגעדריקט דער ווערטה פון דער לייוועגט. און ווי אזוי ? דורך איהר בעציהונג אויף דעם ראָק אלס איהר „עקוויוואלענט”, אָדער אלס א זאך, וואָס קאָן ווערן אויסגעטוישט אויף איהר. אין אָט דער שייכות גילט דער ראָק אלס עקזיסטענץ־פאָרם פון ווערטה, אלס ווערטה־זאך, וואָרים נאָר אלס אזעלכער איז ער דאָסזעלבע, וואָס די לייוועגט. פון דער אנדער זייט קומט דאס אייגענע ווערטהזיין פון דער לייוועגט ארויס פאר'ן שיין, אָדער עס בעקומט א זעלבשטענדיגען אויסדרוק, וואָרים נאָר אלס ווערטה האָט זי א שייכות צו דעם ראָק, ווי צו עפּעס, וואָס איז גלייך־ווערטהיג אָדער וואָס לאָזט זיך אויסטוישען אויף איהר. מען קאָן עס דערקלערן מיט א משל פון כעמיע. פּוטער־זויערס איז א פערשיידענע זאך פון פּראָפּיל־פאָרמאט. ביידע אָבער בעשטעהען פון דיזעלבע כעמישע סובסטאנצען—קויהלען־שטאָף (C), וואסער־שטאָף (H), און זויער־שטאָף (O), און טאקע אין דערזעלבינער פּראָצענטיגער קאָמפּאָזיציע—$C_4 H_8 O_2$. וואָלט דאָס פּוטער־זויערס גלייכגעשטעלט געוואָרן צו פּראָפּיל־פאָרמאט, וואָלט עס געמיינט, ערשטענס, אז דער פּראָפּיל־פאָרמאט איז אין אָט דער שייכות בלויז אן עקזיסטענץ־פאָרם פון $C_4 H_8 O_2$, און צווייטענס וואָלטען מיר דערמיט געזאָגט, אז דאָס פּוטער־זויערס בעשטעהט אויך פון $C_4 H_8 O_2$. דורך אָט דער פערגלייכונג פון פּראָפּיל־פאָרמאט מיט פּוטער־זויערס וואָלט אלזאָ נאָר אויסגעדריקט געוואָרן זייער כעמישע סובסטאנץ אין דעם אונטערשייד פון זייער פיזישער פאָרם.

ווען מיר זאָגען : אלס ווערטהען זייגען סחורות בלויזע פער־גליווערונגען פון מענשליכער ארבייט, רעדוצירט זיי אונזער אנאליז צו דער אבסטראקציע ווערטה, ער גיט זיי אָבער ניט קיין אנדער ווערטה־פאָרם, וואָס איז פערשיידען פון זייערע נאטוראל־פאָרמען. אין דער ווערטה־שייכות פון איין סחורה צו אנאנדערער איז עס אנדערש. איהר ווערטה־כאראקטער טרעט דאָ ארויס דורך איהר־איינענער בעציהונג צו דער אנדער סחורה.

דערמיט צ.ב.ש. וואָס מיר שטעלען דעם ראָק אלס ווערטה־

יעסטעט, אוואו די מאיעסטעט נעהמט ניט אָן אין דערזעלבער ציים פאַר א די לייבליכע געשטאַלט פון ב,—און דעריבער בייטען זיך די געזיכטציגען, די האָר און נאָך אנדערע זאכען מיט יעדען נייען הערשער פון לאַנד.

אין דער ווערטה־שייכות, וואו דער ראָק איז דער עקוויוואַלענט פון דער לייוועגט, רעכענט זיך אַלזאָ די פאָרם פון ראָק אַלס די ווערטה־פאָרם. דער ווערטה פון דער סחורה לייוועגט ווערט דע־ריבער אויסגעדריקט אין דעם קערפּער פון דער סחורה ראָק—דער ווערטה פון איין סחורה דריקט זיך אויס אין דעם געברויך־ווערטה פון דער אנדער סחורה. אַלס געברויך־ווערטה איז די לייוועגט בחוש א פערשיידענע זאך פון דעם ראָק, אַלס ווערטה איז זי „דעם ראָק׳ס גלייכען״ און זעהט דעריבער אויס ווי א ראָק. אַט אזוי בעקומט זי א ווערטה־פאָרם, וואָס איז פערשיידען פון איהר נאַ־טוראַל־פאָרם. איהר זיין א ווערטה ווייזט זיך ארויס אין איהר זיין גלייך מיט דעם ראָק, אזוי ווי די שעפּסענע נאַטור פון א קריסט, ווייזט זיך ארויס אין זיין גלייכהייט מיט גאָט׳ס לעמעלע.

מיר זעהען, אז אַלץ וואָס דער אנאַליז פון סחורה־ווערטה האָט אונז פריהער געזאָגט, זאָגט אונז די לייוועגט אליין, אזוי־באַלד ווי זי טרעט אריין אין אומגאַנג מיט אנאַנדער סחורה, דעם ראָק. אָבער זי פערראָט נאָר איהרע געדאַנקען אין דער איינציגער שפּראַך וואָס זי קען, אין דער סחורה־שפּראַך. כדי צו זאָגען, אז די ארבייט, אין איהר אבסטראַקטער אייגענשאַפט פון [סתם] מענשליכער ארבייט, שאַפט איהר אייגענעם ווערטה, זאָגט זי, אז דער ראָק, אויף ווי ווייט ער גילט גלייך ווי זי, ווי ווייט, הייסט עס, ער איז א ווערטה, בעשטעהט פון דערזעלביגער ארבייט ווי די לייוועגט. כדי אונז צו זאָגען, אז איהר געהויבענע ווערטה־ממשות איז פערשיידען פון איהר שטייף־פלאַקסענעם קערפּער, זאָגט זי, אז ווערטה זעהט אויס ווי א ראָק, און בכן איז זי גופא, אַלס ווערטה־זאך, גלייך צו דעם ראָק ווי צוויי טראָפּען וואסער. אגב קאָן מען בעמערקען, אז די סחורה־שפּראַך האָט א חוץ דעם העברעאישען נאָך א סך אנדערע מעהר אָדער ווייניגער קאָרעקטע דיאַלעקטען. דאָס דייטשע וואָרט „ווערטהזיין״ צ.ב.ש. דריקט ניט אויס אזוי שאַרף ווי דער ראָמאַנישער ווערב valere, valer, valoir אז די גלייכשטעלונג פון דער סחורה א צו דער סחורה ב איז דער

א פערגליווערטען צושטאנד, ווען זי איז פערקערפּערט אין דער פאָרם פון עפּעס א געגענשטאנד. כדי אויסצודריקען דעם לייוועגט־ווערטה אלס א פערגליווערונג פון מענשליכער ארבייט, מוז ער אויסגעדריקט ווערן ווי א „געגענשטענדליכקייט" [אָביעקטיוויע ממשות], וועלכע איז מאטעריעל פערשיידען פון דער לייוועגט גופא און איז אין דערזעלבער צייט געמיינשאפטליך אי מיט איהר, אי מיט אנדערע סחורות. דערמיט איז די אויפגאבע שוין כמעט געלייזט.

אין דער ווערטה שייכות צו לייוועגט רעכענט זיך דער ראָק קוואליטאטיוו אלס איהר גלייכען, אלס א זאך פון דערזעלביגער נאטור, ווייל עס איז א ווערטה. ער גילט דאָ דעריבער ווי א זאך, אין וועלכער עס בעווייזט זיך ווערטה, אָדער וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר ווערטה אין איהר אויבענאויפיגער נאטוראל־פאָרם. אין אמת'ן אָבער איז דער ראָק, דער קערפּער פון דער סחורה ראָק, נישט מעהר ווי א געברויך־ווערטה. א ראָק דריקט אויס פונקט אזוי וועניג ווערטה, ווי די ערשטע, בעסטע שטיק לייוועגט. דאָס בעווייזט נאָר, אז ער האָט מעהר בעדייטונג אין דער ווערטה־שייכות צו דער לייוועגט, איידער אויסער איהר—פונקט ווי מאנכער מענש האָט א סך מעהר בעדייטונג אין א ראָק מיט גאלאָנען, איידער אויסער איהם.

אין דער פּראָדוקציאָן פון דעם ראָק איז פאקטיש אויסגעגעבען געוואָרן מענשליכע ארביימס־קראפט אין דער פאָרם פון שניידעריי. עס איז, הייסט עס, אָנגעזאמעלט אין איהם מענשליכע ארבייט. פון אָט דעם שטאנדפּונקט איז דער ראָק א „טרעגער פון ווערטה", הגם אָט די אייגענשאפט זיינע זעהט זיך ניט דורך, אפילו ווען ער ווערט צוטראָגען אויף פּעדים. און אין דער ווערטה־שייכות צו לייוועגט ווערט ער בעטראכט נאָר פון אָט דער זייט, נאָר אלס פערקערפּערטער ווערטה, אלס א ווערטה־קערפּער. ער מעג זיך זיין פערשפּילעט אויף אלע קנעפּלעך, דערקענט די לייוועגט אין איהם די שעהנע ווערטה־זעעלע, א קרובה פון איין משפחה. פונ־דעסטוועגען אָבער קאָן דער ראָק לגבי איהר ניט פאָרשטעלען מיט זיך קיין ווערטה אוואו דער ווערטה נעהמט אין דערזעלבער צייט פאר איהר ניט אָן די פאָרם פון א ראָק. אזוי קאָן זיך דער אינ־דיווידיום א ניט פערהאלטען צום אינדיווידיום ב ווי צו א מאַ־

בעשטימטער סכום פון דעם ווערטה־קערפּער אָדער פון דעם עקוויוואלענט, צ.ב.ש. 1 ראָק.

די גלייכונג: „20 עלען לייוועגט=1 ראָק, אָדער: 20 עלען לייוועגט איז ווערטה 1 ראָק״ זעצט פאָראויס, אז אין 1 ראָק שטעקט פונקט אזויפיעל ווערטה־סובסטאַנץ ווי אין 20 עלען לייוועגט; אז ביידע סחורה־סומען קאָסטען פאָלגליך פונקט אזויפיעל ארבייט אָדער פונקט אזא גרויסע ארבייטס־צייט. די נויטיגע ארבייטס־צייט צו פּראָדוצירן 20 עלען לייוועגט אָדער 1 ראָק בייט זיך אָבער מיט יעדער ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער וועבעריי אָדער פון דער שניידעריי. מיר דאַרפען איצטער גענויער אונטערזוכען דעם איינפלוס פון אזוינע ענדערונגען אויף דעם רעלאַטיווען אויסדרוק פון דער גרויס פונ׳ם ווערטה.

I דער ווערטה פון לייוועגט בייט זיך,[19] בעת דער ווערטה פון ראָק בלייבט דערזעלביגער (קאָנסטאַנט).—ווען עס פערטאָפּעלט זיך די נויטיגע צייט צו פּראָדוצירן די לייוועגט, לאָמיר זאָגען מחמת דער באָדען וואו עס וואַקסט דער פלאַקס ווערט אַלץ וועניגער פרוכטבאַר, פערטאָפּעלט זיך איהר ווערטה. אַנשטאַט 20 עלען לייוועגט=1 ראָק, וואָלטען מיר געהאַט 20 עלען לייוועגט=2 רעק, היות ווי 1 ראָק ענטהאַלט איצטער א העלפט ארבייטס־צייט איידער 20 עלען לייוועגט. פערקעהרט, פאַלט ארונטער די נויטיגע ארבייטס־צייט צו פּראָדוצירן די לייוועגט אויף א העלפט, לאָמיר זאָגען צוליעב פערבעסערטע וועב־שטוהלען, דאַן פאַלט דער ווערטה פון לייוועגט אויף א העלפט. בכן איז איצטער: 20 עלען לייוועגט=½ ראָק. דער רעלאַטיווער ווערטה פון סחורה א, ד.ה. איהר ווערטה, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דער סחורה ב, שטייגט און פאַלט דירעקט ווי דער ווערטה פון דער סחורה א, ווען דער ווערטה פון דער סחורה ב בלייבט דערזעלביגער.

II דער ווערטה פון דער לייוועגט בלייבט קאָנסטאַנט, בעת דער ווערטה פון ראָק בייט זיך.—אויב אונטער די אומשטענדען פערטאָפּעלט זיך די ארבייטס־צייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן

[19] דער אויסדרוק „ווערטה״, דא ווי ערטערוויייז שוין פריהער, ווערט גע־ברויכט אין דעם זין פון ווערטה, וואָס איז בעשטימט קוואַנטיטאַטיוו, אַלזא פאַר דער גרויס פון ווערטה.

סחורה א׳ס אייגענער אופן ווי אויסצודריקען איהר ווערטה. Paris vaut bien une messe! („פאריז איז זיכער ווערטה מען זאל פון איהרטוועגען אבריכטען א קירכען־דיענסט.״)

דורך דער ווערטה־שייכות ווערט אלזא די נאטוראל־פארם פון דער סחורה ב די ווערטה־פארם פון דער סחורה א, אדער דער קערפער פון דער סחורה ב ווערט דער ווערטה־שפיגעל פון דער סחורה א.[18] דערמיט וואס די סחורה א בעציהט זיך צו דער סחורה ב ווי א ווערטה־קערפער, ווי די מאטעריע־שטאף פון מענש־ליכער ארבייט, מאכט זי דעם געברויך־ווערטה ב פאר דעם מא־טעריאל פון איהר אייגענעם ווערטה־אויסדרוק. דער ווערטה פון דער סחורה א, אט אזוי אויסגעדריקט אין דעם געברויך־ווערטה פון דער סחורה ב, בעזיצט די פארם פון רעלאטיווען ווערטה.

ב) קוואנטיטאטיווע בעשטימטקייט פון דער רעלאטיווער ווערטה־פארם.

יעדע סחורה, וועמעס ווערטה עס דארף אויסגעדריקט ווערן, איז א געברויך־געגענשטאנד פון א געוויסען געגעבענעם סכום: 15 שעפעל ווייץ, 100 פונט קאווע א.אז.וו. אט דער געגעבענער סכום פון סחורה ענטהאלט א בעשטימטען סכום פון מענשליכער ארבייט. די ווערטה־פארם מוז אלזא אויסדריקען ניט נאר ווערטה בכלל, נאר אויך א קוואנטיטאטיור־בעשטימטען ווערטה אדער די גרויס פון ווערטה. אין דער ווערטה־שייכות פון סחורה א צו סחורה ב, פון דער לייווענט צו דעם ראק, ווערט דעריבער דער מין סחורה ראק ניט נאר קוואליטאטיוו גלייכגעשטעלט צו דער לייווענט אלס א ווערטה־קערפער בכלל, זאנדערן צו א בעשטימטען סכום לייוועגט: צו 20 עלען לייוועגט צ.ב.ש. ווערט גלייכגעשטעלט א

[18] אין א געוויסען זין פאסירט עס מיט׳ן מענשען ווי מיט דער סחורה. אזוי ווי ער קומט ניט אויף דער וועלט מיט א שפיגעל אין האנד, און אויך ניט ווי א פילאזאף פון פיכטע׳ס שיטה: „איך בין איך״, געפינט דער מענש צוערשט זיין שפיגעל נאר אין אנאנדער מענשען. ערשט דורך דער בעציהונג צו דעם מענשען שמעון ווי צו זיין גלייכען, בעציהט זיך דער מענש ראובן צו זיך אליין אלס מענש. דערמיט אבער איז ביי איהם טאקע פעררעכענט דער שמעון מיט די ביינער, אין זיין שמעון׳ישער לייבליכער פערזאן אלס די ערשיינונגס־פארם פון דעם מין מענש.

קאָנען גלייכצייטיג זיך ענדערן אין דערזעלביגער ריכטונג אָבער ניט אין דעמזעלביגען גראַד, אָדער אין א געגענגעזעצטער ריכטונג, א.אז.וו. דער איינפלוס פון אלע אזוינע מעגליכע קאָמבינאַציעס אויף דעם רעלאַטיווען ווערטה פון א סחורה, קאָן איינפאַך ארויס־געבראַכט ווערן אָנווענדענדיג די פעלען I, II און III.

די ווירקליכע ענדערונגען פון דער גרויס פון ווערטה ווערן אלזאָ ניט אָבגעשפּיעגעלט קלאָר און פאָלשטענדיג, ניט אין זייער רעלאַטיווען אויסדרוק און ניט אין דער גרויס פון דעם רעלאַטיווען ווערטה. דער רעלאַטיווער ווערטה פון א סחורה קאָן זיך בייטען, הגם איהר ווערטה בלייבט קאָנסטאַנט [אומפערענדערט]. איהר רעלאַטיווער ווערטה קאָן בלייבען קאָנסטאַנט, הגם איהר ווערטה בייט זיך; און ענדליך מוזען די גלייכצייטיגע ענדערונגען אין דער גרויס פון איהר ווערטה און אין דעם רעלאַטיווען אויסדרוק פון דער דאָזיגער ווערטה־גרויס בשום אופן ניט שטימען איינע מיט דער אַנדערער.[20]

[20] נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. אָט די ניט־שטימונג צווישען דער ווערטה־גרויס און איהר רעלאַטיווען אויסדרוק איז אויסגענוצט געוואָרן פון דער וואולגאַרער עקאָנאָמיע אויף איהר געוועהנליכען שאַרפזיניגען שטייגער. צום ביישפּיעל—„גיט איהר איינמאָל צו אז א פאַלט, ווייל ב, מיט וועלכען עס ווערט אויסגעטוישט, שטייגט, הגם עס איז אין דערזעלביגער צייט ניט פערווענדעט געוואָרן וועניגער ארבייט אויף דער סחורה א, דאַן פאַלט אייער אַלגעמיינער ווערטה־פּרינציפּ ארונטער צו דער ערד.... ווען ער (ריקאַרדאָ) האָט פורח געווען, אז ווען א שטייגט אין ווערטה רעלאַטיוו צו ב, פאַלט ב אין ווערטה רעלאַטיוו צו א, האָט ער אָבגעשניטען דעם באָדען, אויף וועלכען ער האָט אויפגעשטעלט זיין גרויסען כלל, אז דער ווערטה פון א סחורה ווערט שטענדיג בעשטימט דורך דער סומע ארבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין איהר. וואָרים אויב אַן ענדערונג אין די קאָסטען פון א ענדערט ניט נאָר זיין אייגענעם ווערטה בשייכות צו ב, אויף וועלכען ער ווערט אויסגעטוישט, נאָר ער ענדערט אויך דעם ווערטה פון ב רעלאַטיוו צום ווערטה פון א, הגם עס איז קיין ענדערונג ניט פאָרגעקומען אין דער סומע ארבייט, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט צו פּראָדוצירען די סחורה ב, דאַן פאַלט ניט נאָר ארונטער די לעהרע, וואָס פער־זיכערט אונז, אז די סומע ארבייט וואָס ווערט פערווענדעט אויף אַן ארטיקעל רעגולירט זיין ווערטה, נאָר עס פאַלט אויך ארונטער די לעהרע אז די פּראָ־דוקציאָנס־קאָסטען פון אַן ארטיקעל רעגולירען זיין ווערטה.“ (דזש. בראָדהווירסט: „פּאָליטיקאַל עקאָנאָמיע“, לאָנדאָן 1842, ז. 11, 14.)

הערר בראָדהווירסט האָט פונקט אזוי גוט געקאָנט זאָגען: מהוט נאָר א קוק

דעם ראק, לאמיר זאגען מחמת די וואל־נערעטעניש האט זיך נים איינגעגעבען, דאן האבען מיר אנשטאט 20 עלען לייוועגט=1 ראק, איצטער: 20 עלען לייוונט=½ ראק. פערקעהרט, פאלט דער ווערטה פון ראק אויף א העלפט, דאן איז 20 עלען לייוונט=2 רעק. אלזא, ווען דער ווערטה פון סחורה א בלייבט דערזעלביגער, פאלט איהר רעלאטיווער ווערטה, וואס דריקט זיך אויס אין דער סחורה ב, אין א פערקעהרטער פראפארציע צו דער ווערטה־ענדע־רונג פון סחורה ב.

פערגלייכט מען די פערשיידענע פעלען אין I און II, זעהען מיר, אז דיזעלביגע ענדערונג אין דער גרוים פון דעם רעלאטיוועו ווערטה קאן ארויסקומען פון גאנץ נעגענגעזעצטע אורזאכען. אזוי ווערט פון דער גלייכונג 20 עלען לייוונט=1 ראק אין איין פאל די גלייכונג 20 עלען לייוונט=2 רעק, ענטוועדער ווייל דער ווערטה פון לייוונט האט זיך פערטאפעלט, אדער ווייל דער ווערטה פון רעק איז געפאלען אויף העלפט; און אין צווייטען פאל איז גע־ווארן די גלייכונג 20 עלען לייוונט=½ ראק, ענטוועדער ווייל דער ווערטה פון לייוונט איז געזונקען אויף א העלפט, אדער ווייל דער ווערטה פון ראק איז געשטיגען נאך אמאל אזויפיעל.

III די נויטיגע סכום'ען ארבייטס־צייט צו פראדוצירן די לייוונט און דעם ראק קאנען זיך גלייכצייטיג ענדערן אין דער־זעלבער ריכטונג און אין דערזעלבער פראפארציע.—אין דעם פאל בלייבט ווי פריהער 20 עלען לייוונט=1 ראק, וויפיעל זייערע ווערטהען זאלען נים האבען פערענדערט געווארן. מען ענטדעקט זייער ווערטה־ענדערונג, אזויבאלד ווי מען פערגלייכט זיי מיט א דריטער סחורה, וועמעס ווערטה עס איז געבליבען דיזעלביגע. ווען די ווערטהען פון אלע סחורות וואלטען געשטיגען אדער גע־פאלען גלייכצייטיג און אין דערזעלביגער פראפארציע, דאן וואלטען זייערע רעלאטיווע ווערטהען געבליבען אומפערענדערט. זייער ווירקליכע ווערטה־ענדערונג וואלט מען ארויסגעזעהן פון דעם, וואס אין דערזעלביגער ארבייטס־צייט ווערן איצטער ארויס־געגעבען א גרעסערע אדער א קלענערע סומע סחורות איידער פריהער.

IV די ארבייט־צייטען, וואס זיינען נויטווענדיג צו פרא־דוצירן אי די לייוונט, אי דעם ראק, און בכן זייערע ווערטהען,

זיין ווערטה־פאָרם. אָבער וויבאַלד דער מין סחורה, וואָס הייסט ראָק, פערנעהמט אין דעם ווערטה־אויסדרוק דאָס פּלאַץ פון א עקוויוואַלענט, קריגט זיין ווערטה־גרויס קיין אויסדרוק ניט אַלס ווערטה־גרויס; ער פיגורירט ריכטיגער אין דער ווערטה־גלייכונג נאָר ווי א בעשטימטער סכום פון א געוויסער זאַך.

צום ביישפּיעל: 40 עלען לייוועגט זיינען „ווערטה"—וואָס? 2 רעק. ווייל דער סאָרט־סחורה ראָק שפּיעלט דאָ די ראָלע פון א עקוויוואַלענט, ווייל דער געברויך־ווערטה ראָק פיגורירט לגבי דער לייוועגט אַלס ווערטה־קערפּער, איז דעריבער א בעשטימטע צאָהל רעק גענוג אויסצודריקען א בעשטימטען ווערטה־סכום לייוועגט. צוויי רעק קאָנען דעריבער אויסדריקען די ווערטה־גרויס פון 40 עלען לייוועגט, זיי קאָנען אָבער קיינמאָל ניט אויסדריקען זייער אייגענע ווערטה־גרויס, ד.ה. די ווערטה־גרויס פון רעק. די אויבערפלעכליכע אויפפאַסונג פון אָט דעם פאַקט, אַז דער עקוויוואַלענט אין דער ווערטה־גלייכונג בעזיצט אַלעמאָל נאָר די פאָרם פון אַן איינפאַכען סכום פון א זאַך, פון א געברויך־ווערטה, האָט פערפיהרט ביילי'ן, ווי אויך פיעלע עקאָנאָמען פאַר איהם און נאָך איהם, צו זעהן אין דעם ווערטה־אויסדרוק נישט מעהר ווי א קוואַנטיטאַטיווע שייכות. די עקוויוואַלענט־פאָרם פון א סחורה, ריכטיגער געזאָגט, ענטהאַלט ניט קיין קוואַנטיטאַטיווע ווערטה־בעשטימונג.

די ע ר ש ט ע א י י ג ע נ ט י מ ל י כ ק י י ט, וואָס מיר דערזעהען, בעטראַכטענדיג די ע ק ו י ו ו א ל ע נ ט ־ פ אָ ר ם, איז אָט די: דער געברויך־ווערטה ווערט די ערשיינונג־פאָרם פון זיין געגענטייל, דעם ווערטה.

די נאַטוראַל־פאָרם פון דער סחורה ווערט איהר ווערטה־פאָרם. אָבער מערקט אייך, אָט דער קוויד־פּראָ־קוואָ [די ענדערונג פון איינס אויף דאָס אַנדערע] קומט פאָר ביי א סחורה ב (ראָק אָדער ווייץ אָדער אייזען א.אז.וו.) נאָר אינערהאַלב דער ווערטה־שייכות, אין וועלכער א וואָסערע עס איז אַנדער סחורה א (לייוועגט א.אז.וו.) טרעט צו איהר אריין, און נאָר אין די גרעניצען פון דער דאָזיגער שייכות. אַזוי ווי קיין סחורה קאָן זיך ניט בעציהען אויף זיך גופא אַלס עקוויוואַלענט, און קאָן ניט אָט אַזוי מאַכען איהר אייגענע נאַטוראַל־הויט פאַר דעם אויסדרוק פון איהר אייגענעם ווערטה,

3. די עקוויוואלענט־פארם.

מיר האבען געזעהן, אז דערמיט וואס א סחורה א (די לייוועגט) דריקט אויס איהר ווערטה אין דעם געברויך־ווערטה פון א פער־שיידענארטיגער סחורה ב (דעם ראק), דריקט זי ארויף אויף דער אנדער סחורה גופא אן אייגענטימליכע ווערטה־פארם—די פארם פון אן עקוויוואלענט. די סחורה לייוועגט ברענגט ארויס פאר'ן ליכט איהר אייגענעם ווערטה־זיין דורכדעם, וואס דער ראק גלייכט זיך צו איהר, הגם ער האט ניט אנגענומען קיין ווערטה־פארם, וואס איז פערשיידען פון זיין קערפערליכער פארם. די לייוועגט דריקט אלזא פאקטיש אויס איהר אייגענעם ווערטה־זיין דורכדעם, וואס דער ראק לאזט זיך דירעקט אויסטוישען אויף איהר. די עקוויוואלענט־פארם פון א סחורה איז דעריבער די פארם פון איהר דירעקטער מעגליכקייט צו ווערן אויסגעטוישט אויף אנאנדער סחורה.

ווען א סארט סחורה, ווי רעק, דיענט ווי אן עקוויוואלענט צו אנאנדער סארט סחורה, דהיינו לייוועגט, און ווען די רעק בע־קומען פאלגליך די כאראקטעריסטישע אייגענשאפט, וואס זיי גע־פינען זיך אין א פארם, וועלכע לאזט זיך דירעקט אויסטוישען אויף לייוועגט, גיט עס נאך אונז בשום אופן ניט די פראפארציע, אין וועלכער רעק און לייוועגט לאזען זיך אויסטוישען. אזוי ווי די ווערטה־גרויס פון דער לייוועגט איז בעוואוסט, הענגט די דא־זיגע פראפארציע אב פון דער ווערטה־גרויס פון די רעק. סיי דער ראק ווערט אויסגעדריקט אלס עקוויוואלענט און די לייוועגט אלס רעלאטיווער ווערטה, סיי אומגעקעהרט: די לייוועגט אלס עקוויי־וואלענט און דער ראק אלס רעלאטיווער ווערטה—די ווערטה־גרויס פון דעם ראק בלייבט אלץ בעשטימט דורך דער ארבייט־צייט, וואס איז נויטיג פאר זיין פראדוקציאן, אלזא אונאבהענגיק פון

אויף די ברוך־צאהלען (תשבורות) 10/20, 10/50, 10/1000, א.אז.וו. די צאהל 10 בלייבט אומפערענדערט, און פונדעסטוועגען ווערט איהר פראפארציאנעלע גרויס, איהר גרויס רעלאטיוו צו די צאהלען 20, 50, 100, שטענדיג קלענער. בכן פאלט ארונטער דער גרויסער פרינציפ, אז די גרויס פון א גאנצער צאהל, למשל 10, ווערט „רעגולירט” דורך דעם מספר פון די איינציגע, וואס געפינען זיך אין איהר.

שווערקייט; בעת אין דעם ווערטה־אויסדרוק פון דער לייוועגט פערטרעט דער ראָק אַ אונגאַטירליכע אייגענשאַפט פון ביידע זאַכען: זייער ווערטה, עפּעס וואָס איז ריין געזעלשאַפטליך.

בעת די רעלאַטיווע פאָרם פון דעם ווערטה פון אַ סחורה, צ.ב.ש. פון דער לייוועגט, דריקט אויס איהר ווערטה־זיין אַלס עפּעס, וואָס איז אינגאַנצען פערשיידען פון איהר קערפּער און זיינע אייגענשאַפטען, דהינו אַלס עפּעס וואָס איז גלייך צו אַ ראָק, דייטעט אָבער אָן אָט דער אויסדרוק גופא, אַז עס ליעגט אין איהם פערבאָרגען אַ געזעלשאַפטליכע שייכות. ביי דער עקוויוואַלענט־פאָרם איז עס אַקוראַט פערקעהרט. די פאָרם בעשטעהט פונקט אין דעריין, וואָס אַ סחורה־קערפּער, ווי דער ראָק, די זאַך ווי זי שטעהט און געהט, דריקט אויס ווערטה, הייסט עס, אַז זי בעזיצט ווערטה־פאָרם פון דער נאַטור אַליין. אמת, אַז דאָס גילט נאָר אין די גרעניצען פון דער ווערטה־שייכות, אין וועלכער די לייוועגט־סחורה בעציהט זיך צו דער ראָק־סחורה ווי אַן עקוויוואַלענט.[21] אַזוי ווי אָבער די אייגענשאַפטען פון אַ זאַך שטאַמען ניט אָב פון זיין שייכות צו אַנדערע זאַכען, נאָר נישט מעהר, זיי ווייזען זיך אַרויס אין אַזוינע שייכות'ן, קומט אויס, אַז דער ראָק בעזיצט זיין עקוויוואַלענט־פאָרם, זיין אייגענשאַפט פון דירעקטער אויסטוישבאַרקייט, פונקט אַזויפיעל פון דער נאַטור, ווי זיין אייגענשאַפט צו זיין שווער אָדער צו האַלטען וואַרעם. דערפון נעהמט זיך דער רעטזעלהאַפטער כאַראַקטער פון דער עק־וויוואַלענט־פאָרם, וועלכע דער בורזשואַזנער פּאָליטישער עקאָנאָם דערזעהט ערשט דעמאָלט, ווען זי טרעט שוין אַרויס איהם אנט־קעגען אַ פאַרטיגע אין דער געשטאַלט פון געלד. דאַן זוכט ער אָוועקצו'פּשט'לען דעם מיסטישען כאַראַקטער פון גאָלד און זילבער, אַריינפיהרענדיג אָנשטאַט זיי ווענינער גלענצענדע סחורות און אויסרעכענענדיג מיט אַ שטענדיג נייער צופריעדענשטעלונג דעם קאַטאַלאָג פון דעם גאַנצען מין סחורות, וועלכער האָט אין זיין צייט געשפּיעלט די ראָליע פון אַ סחורה־עקוויוואַלענט. ער האָט

[21] עס איז איבערהויפּט אַ מאָדנע זאַך מיט אָט די שייכות־אויסדרוקען [די העגעל'שע רעפלעקסיאָנס־קאַטעגאָריען]. דער דאָזיגער מענש, צ.ב.ש. איז קעניג, נאָר ווייל אַנדערע מענשען פערהאַלטען זיך צו איהם ווי אונטערטאַנען. זיי, פערקעהרט, גלויבען, אַז זיי זיינען אונטערטאַנען, ווייל ער איז קעניג.

מוז זי זיך בעציהען אויף אַנאַנדער סחורה אלס איהר עקוויוואַלענט, אָדער זי מוז מאַכען די נאַטוראַל־הויט פון אַנאַנדער סחורה פאַר איהר אייגענער ווערטה־פאָרם.

דער ביישפּיעל פון א מאָס, וואָס מיר ווענדען אָן אויף סחורות אלס מאַטעריעלע קערפּער, ד.ה. אלס געברויך־ווערטהען, וועט אונז קלאָר מאַכען דעם פּונקט. א היטעל צוקער, אַזוי ווי עס איז א קערפּער, איז שווער און האָט געוויכט; מיר קאָנען אָבער דאָס געוויכט פון א היטעל צוקער ניט דערזעהן און ניט אָנטאַפּען. מיר נעהמען דאַן פערשיידענע שטיקער אייזען, וואָס זייער געוויכט איז בעשטימט געוואָרן פון פריהער. די קערפּערליכע פאָרם פון אייזען, פאַר זיך בעטראַכט, איז פּונקט אַזוי ווייניג אַן ערשיינונג־פאָרם פון שווערקייט, ווי די קערפּערליכע פאָרם פון דעם היטעל צוקער. פונ־דעסטוועגען, כדי אויסצודריקען דאָס היטעל צוקער אלס א שווער־קייט, שטעלען מיר איהם אין א געוויכט־שייכות צו דעם אייזען. אין אָט דער שייכות גילט דאָס אייזען ווי א קערפּער, וואָס שטעלט ניט פאָר קיין אנדער זאַך א חוץ שווערקייט. סכום׳ען אייזען דיענען דע־ריבער פאַר א געוויכט־מאָס פון צוקער, און שטעלען פאָר לגבי דעם צוקער־קערפּער בלויז די געשטאַלט פון שווערקייט, די ערשיי־נונגס־פאָרם פון שווערקייט. אָט די ראָליע שפּיעלט דאָס אייזען נאָר אין די גרעניצען פון אָט דער שייכות, אין וועלכער עס טרעט צו איהם אריין דער צוקער אָדער א וואָסער עס איז אַנדער קערפּער, וועמעס געוויכט מען וויל אויסגעפינען. וואָלטען זיי ביידע ניט געווען שווער, וואָלטען זיי ניט געקאָנט אריינטרעטען אין אָט דער שייכות, און איין זאַך וואָלט דעריבער ניט געקאָנט דיענען פאַר דעם אויסדרוק פון דער אַנדערער׳ס שווערקייט. ווען מיר לעגען זיי ביידען אויפ׳ן וואָגשאָל, זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט, אַז זיי זיינען ביידע דאָסזעלבע אלס שווערקייט און דעריבער האָבען זיי אין בעשטימטע פּראָפּאָרציעס אויך דאָסזעלבע געוויכט. אַזוי ווי דער אייזען־קערפּער אלס א מאָס פון געוויכט פערטרעט לגבי דעם היטעל צוקער נאָר שווערקייט, אַזוי פערטרעט איז אונזער ווערטה־אויסדרוק דער ראָק־קערפּער לגבי דעם לייווענט נאָר ווערטה.

דאָ אָבער ענדיגט זיך די אַנאַלאָגיע. אין דעם געוויכט־אויס־דרוק פון היטעל צוקער פערטרעט דאָס אייזען א נאַטור־אייגענ־שאַפט, וואָס געפינט זיך גלייך אין ביידע קערפּערס, זייער געוויכט־

ווענט, אלס די ממשות'דיגע פערווירקליכונגס־פאָרם פון אבסטראקט מענשליכער ארבייט.

עס איז אלזאָ א *צווייטע אייגענטימליכקייט* פון דער עקוויוואלענט־פאָרם, וואָס *קאָנקרעטע* ארבייט ווערט די פאָרם, אין וועלכער איהר געגענטייל, די *אבסטראקטע* מענשליכע ארבייט, ווייזט זיך ארויס.

אזוי ווי אָבער אָט די קאָנקרעטע ארבייט, די שניידעריי, פיגורירט בלויז ווי אן אויסדרוק פון ניט־דיפערענצירטער מענשליכער ארבייט, בעזיצט זי די פאָרם פון גלייכהייט מיט אנדערע ארבייט, מיט דער ארבייט, וואָס שטעקט אין דער לייוועגט; און פאָלגליך, ניט אכטענדיג וואָס זי איז פריוואט־ארבייט, ווי יעדע אנדערע סחורה־פראָדוצירענדע ארבייט, האָט זי א דירעקט געזעלשאפטליכע פאָרם. דעריבער טאקע שטעלט זי זיך פאָר אין א פראָדוקט, וועלכער לאָזט זיך דירעקט אויסטוישען אויף אנאנדער סחורה. אלזאָ האָבען מיר א *דריטע אייגענטימליכקייט* פון דער עקוויוואלענט־פאָרם, וואָס פריוואט־ארבייט נעהמט אָן די פאָרם פון איהר געגענטייל—פון ארבייט, וואָס איז דירעקט געזעלשאפטליך אין פאָרם.

די צוויי לעצטע אייגענטימליכקייטען פון דער עקוויוואלענט־פאָרם ווערן נאָך מעהר בעגרייפליך, ווען מיר געהען צוריק אין אונזער פאָרשונג צו דעם גרויסען דענקער, וועלכער איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט אנאליזירט אַזוי פיעל געדאנק־פאָרמען, געזעלשאפט־פאָרמען און נאטור־פאָרמען. דאָס איז אַריסטאָטעל.

ערשטענס זאָגט ער קלאָר ארויס, אז די געלד־פאָרם פון סחורות איז נאָר די ווייטער־ענטוויקעלטע געשטאלט פון דער איינפאכער ווערטה־פאָרם; דאָס הייסט פון דעם אויסדרוק פון דעם ווערטה פון איין סחורה אין א וועלכער עס איז אנדער סחורה. ווארים ער זאָגט:

„5 קישענס=1 הויז" „אונטערשיידט זיך ניט" פון:
„5 קישענס=אזוי און אזויפיעל געלד."

ווייטער זעהט ער איין, אז די ווערטה־שייכות, אין וועלכער עס שטעקט אָט דער ווערטה־אויסדרוק, מאכט פון איהר זייט נויטיג, אז דאָס הויז זאָל קוואליטאטיוו גלייכגעשטעלט ווערן צו די קישענס, און אז אָהן אזא עצם־גלייכהייט וואָלטען אָט די בחוש־

קיין השגה ניט, אַז דער איינפאַכסטער ווערטה־אויסדרוק, ווי 20 עלען לייוועגט=1 ראָק, גיט אונז שוין צו די מעגליכקייט פּותר זיין דאָס רעטעניש פון דער עקוויוואַלענט־פאָרם.

דער קערפּער פון דער סחורה, וועלכע דיענט אַלס אַן עקוויוואַלענט, פיגורירט שטענדיג ווי די פערקערפּערונג פון אבסטראַקט מענשליכער ארבייט, און איז שטענדיג דער פּראָדוקט פון אַ בעשטימטער, ניצליכער, קאָנקרעטער ארבייט. אָט די קאָנקרעטע ארבייט ווערט דעריבער דער מיטעל אויסצודריקען אבסטראַקט מענשליכע ארבייט. אויב דער ראָק צ.ב.ש. גילט נישט מעהר ווי בלויז אַ פערווירקליכונג פון אבסטראַקט מענשליכער ארבייט, אַזוי גילט די שניידעריי, וועלכע פערווירקליכט זיך פאַקטיש אין איהם, בלויז אַלס די פאָרם פון דער דאָזיגער פערקווירקליכונג. אין דעם ווערטה־אויסדרוק פון דער לייוועגט בעשטעהט די ניצליכקייט פון דער שניידעריי, ניט אין דעם, וואָס זי מאַכט קליידער (און קליידער מאַכען לייטען), נאָר אין דעם, וואָס זי מאַכט אַ געגענשטאַנד [קערפּער], אויף וועלכען מען זעהט אָן אַז ער איז אַ ווערטה,— הייסט עס אַ פערגליווערונג פון ארבייט, וועלכע אונטערשיידט זיך לגמרי ניט פון דער ארבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין דעם ווערטה פון דער לייוועגט. כדי צו מאַכען אָט אַזאַ ווערטה־שפּיעגעל, מוז די שניידעריי גופא קיין אנדער זאַך ניט אָבשפּיעגלען אַ חוץ איהר אבסטראַקטע אייגענשאַפט, וואָס זי איז מענשליכע ארבייט [בכלל].

אין דער פאָרם פון שניידעריי, ווי אין דער פאָרם פון וועבעריי, ווערט אויסגעגעבען מענשליכע ארבייטסקראַפט. ביידע בעזיצען דעריבער די אַלגעמיינע אייגענשאַפט פון מענשליכער ארבייט, און אין בעשטימטע פעלען, צ.ב.ש. ביי דער פּראָדוקציאָן פון ווערטה, קאָנען זיי דעריבער בעטראַכט ווערן נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט אַליין. דאָס אַלעס איז גאָרניט מיסטעריעז. אָבער איז דעם ווערטה־אויסדרוק פון סחורה ווערט די זאַך פערדרעהט. כדי צ.ב.ש. אויסצודריקען, אַז דאָס וועבען שאַפט דעם ווערטה פון לייוועגט ניט אין זיין קאָנקרעטער פאָרם אַלס וועבען, נאָר אין זיין אַלגעמיינער אייגענשאַפט אַלס מענשליכע ארבייט, ווערט אוועקגעשטעלט אנטקעגענאיבער איהם די שניידעריי, די קאָנקרעטע ארבייט, וועלכע פּראָדוצירט דעם עקוויוואַלענט פון ליי־

די שייכות צווישען מענשען אלס בעזיצער פון סחורות די הער־שענדע געזעלשאפטליכע שייכות. אריסטאטעל׳ס זשעניע צייגט זיך ארויס פונקט אין דעם, וואס ער האט ענטדעקט אין דעם אויסדרוק פונ׳ם ווערטה פון סחורות א שייכות פון גלייכהייט. נאר די היסטארישע גרעניצען פון דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער האט געלעבט, האבען איהם געהינדערט ארויסצוגעפינען אין וואס „אויף אן אמת׳ן" די דאזיגע גלייכהייט־שייכות בעשטעהט.

4. די איינפאכע ווערטה־פארם בעטראכט אלס גאנצעס.

די איינפאכע ווערטה־פארם פון א סחורה ליעגט אין איהר ווערטה־שייכות צו א פערשיידענארטיגער סחורה אדער אין איהר אויסטויש־שייכות מיט דער דאזיגער סחורה. דער ווערטה פון דער סחורה א ווערט אויסגעדריקט קוואליטאטיוו דורך דער דירעקטער אויסטוישבארקייט פון דער סחורה ב אויף דער סחורה א. קוואנטי־טאטיוו ווערט ער אויסגעדריקט דורך דער אויסטוישבארקייט פון א בעשטימטען סכום פון דער סחורה ב אויף א געגעבענעם סכום פון דער סחורה א. אין אנדערע ווערטער: דער ווערטה פון א סחורה בעקומט א זעלבשטענדיגען אויסדרוק דורכדעם, וואס ער ווערט פארגעשטעלט ווי א „טוישווערטה". ווען מיר האבען אין אנהויב פון קאפיטעל געזאגט, אין דעם סדר ווי עס רעדט זיך, אז א סחורה איז א געברויך־ווערטה און א טויש־ווערטה, איז דאס, גענוי גערעדט, געווען פאלש. א סחורה איז א געברויך־ווערטה אדער א געברויך־געגענשטאנד און א „ווערטה". זי ווייזט זיך ארויס אלס די דאזיגע טאפעלטע זאך, וואס זי איז, אזוי באלד ווי איהר ווערטה נעהמט אן אן אייגענע ערשיינונג־פארם, א פערשיידענע פון איהר נאטוראל־פארם, נעמליך—די פארם פון טויש־ווערטה. זי בעזיצט קיינמאל ניט אט די פארם, ווען מען בעטראכט זי איזאלירט, אליין פאר זיך, זאנדערן שטענדיג נאר ווען מען בעטראכט זי אין א ווערטה־שייכות אדער אויסטויש־שייכות צו אנאנדער סחורה פון א פערשיידענעם סארט. איינמאל אבער, אז מען ווייס דאס, טהוט יענער אופן פון אויסדרוק קיין שאדען ניט, נאר ער דיענט ווי א קצור הלשון.

אונזער אנאליז האט בעוויזען, אז די ווערטה־פארם אדער דער ווערטה־אויסדרוק פון סחורה נעהמט זיך פון דער נאטור פון ווערטה,

פערשיידענע זאכען ניט געקאָנט האָבען א שייכות איינע צו די אנדערע אלס קאָמענזוראבלע קוואנטיטעטען. „דער אויסטויש", זאָגט ער, „קאָן ניט זיין אָהן די גלייכהייט, די גלייכהייט אָבער קאָן ניט זיין אָהן די קאָמענזוראביליטעט" [די אייגענשאפט פון לאָזען זיך מעסטען איינע אויף די אנדערע]. דאָ אָבער בלייבט ער שטעהן און וואַרפט אוועק דעם ווייטערן אנאליז פון דער ווערטה־פאָרם. „עס איז אָבער אויף אַן אמת אוממעגליך, אז אזוינע פערשיידענארטיגע זאכען זאָלען קאָנען זיין קאָמענזוראבעל", דאָס הייסט זאָלען זיין קוואליטאטיוו גלייך. אָט די גלייכשטעלונג קאָן נאָר זיין עטוואָס, וואָס איז פרעמד צו דער אמת'ער נאטור פון די זאכען, פאָלגליך נאָר „א העלף־מיטעל פאר פּראקטישע צוועקען".

אַריסטאָטעל זאָגט אונז אלזאָ אליין, וואָס עס האָט אָבגעשטעלט זיין ווייטערן אנאליז—עס האָט געפעהלט דער בעגריף פון ווערטה. וואָס איז דאָס גלייכע, ד.ה. די געמיינשאפטליכע סובסטאנץ, וואָס שטעלט פאָר אין דעם ווערטה־אויסדרוק פון קישענס די גלייכונג א הויז פאר קישענס? אזא זאך „קאָן באמת ניט עקזיסטירן", זאָגט אַריסטאָטעל. ווארום? דאָס הויז שטעלט פאָר עטוואָס גלייכעס לגבי די קישענס, אויף ווי ווייט עס שטעלט פאָר וואָס עס איזווירקליך גלייך אי ביי די קישענס, אי ביי דעם הויז. און דאָס איז—מענשליכע ארבייט.

אז אין דער פאָרם פון די סחורה־ווערטהען זיינען אלע ארבייטען אויסגעדריקט אלס גלייכע מענשליכע ארבייט און בכן אלס עטוואָס וואָס רעכענט זיך גלייך, האָט אָבער אַריסטאָטעל ניט געקאָנט איינזעהן אין דער ווערטה־פאָרם גופא, ווייל די גריכישע געזעלשאפט האָט זיך געהאלטען אויף דער שקלאווען־ארבייט, און די אונגלייכהייט פון די מענשען און זייערע ארבייטס־קרעפטען זיינען דעריבער געווען איהר נאטור־באזיס. דער סוד פון דעם ווערטה־אויסדרוק—די גלייכהייט און די גלייכע גילטיגקייט פון אַלע ארבייטען, אויף וויפיעל און ווייל זיי זיינען מענשליכע ארבייטען איבערהויפּט—קאָן אויפגעדעקט ווערן נאָר דאַן, ווען דער בעגריף פון מענשליכער גלייכהייט האָט שוין בעקומען די פעסטקייט פון א פאָלקס פאָראורטייל. דאָס איז אָבער נאָר מעגליך אין א געזעלשאפט, אין וועלכער די אלגעמיינע פאָרם פון ארבייטס־פּראָדוקטען נעהמט אָן די פאָרם פון סחורה, און פאָלגליך איז אויך

א י ן ו ו א ס דער ווערטה ווערט אויסגעדריקט, פיגורירט דירעקט נאר אלס טוישווערטה. די איינפאכע ווערטה־פארם פון א סחורה איז אלזא די איינפאכע פארם, אין וועלכער עס ערשיינט דער גענענזאץ, וואס ליעגט אין דער סחורה צווישען געברויך־ווערטה און ווערטה.

דער ארבייטס־פראדוקט איז אין אלע געזעלשאפטליכע צושטענדען א געברויך־געגענשטאנד, אבער נאר איין היסטאריש־בעשטימטע ענטוויקלונגס־עפאכע פערוואנדעלט דעם ארבייטס־פראדוקט אין א סחורה—די עפאכע, וועלכע שטעלט ארויס די ארבייט, וואס איז פערוועדעט געווארן אין דער פראדוקציאן פון א געברויך־זאך, אלס איהר „געגענשטענדליכע" אייגענשאפט, ד.ה. אלס איהר ווערטה. דערפון פאלגט, אז די איינפאכע ווערטה־פארם פון סחורה איז אין דערזעלבער צייט די איינפאכע סחורה־פארם פון דעם ארבייטס־פראדוקט, און אויך אז די ענטוויקלונג פון דער סחורה־פארם קומט פאר אין איין צייט מיט דער ענטוויקלונג פון דער ווערטה־פארם.

שוין פון דעם ערשטען בליק קאן מען זעהן די אונפאלקאמענהייט פון דער איינפאכער ווערטה־פארם, פון דער דאזיגער זריעה־קערענדל־פארם, וועלכע מוז ערשט דורכגעהן א רייה מעטאמארפאזען [פערוואנדלונגען], איידער זי קאן צייטיג ווערן אלס פרייז־פארם.

דער אויסדרוק אין א וועלכער עס איז סחורה ב אונטערשיידט דעם ווערטה פון סחורה א נאר פון איהר אייגענעם געברויך־ווערטה, און פאלגליך שטעלט ער זי אויך אין א אויסטויש־שייכות נאר מיט א וועלכען עס איז איינצעלנעם סארט סחורה, וואס איז פערשיידען פון איהר; דער אויסדרוק שטעלט אבער ניט ארויס איהר קוואליטאטיווע גלייכהייט און קוואנטיטאטיווע פראפארציאנאליטעט מיט אלע אנדערע סחורות. צו דער איינפאכער רעלאטיווער פארם פון איין סחורה פאסט זיך די איינצעלנע עקוויוואלענט־פארם פון אנ־אנדער סחורה. אין דעם רעלאטיווען ווערטה־אויסדרוק פון דער לייווענט, נעהמט אויף דעם אופן אן דער ראק נאר די פארם פון א עקוויוואלענט אדער פון דירעקטער אויסטוישבארקייט בנוגע צו אט דעם איינצעלנעם מין סחורה, די לייווענט.

פונדעסטוועגען געהט די איינצעלנע ווערטה־פארם פון זיך אליין איבער אין א פאלשטענדיגערע פארם. אמת טאקע, אז דער

ניט פערקעהרט, אז ווערטה און די גרויס פון ווערטה נעהמט זיך פון זייער אויסדרוק־אופן אלס טוישווערטה. אט דאס אבער איז גראד די איינבילדונג אי פון די מערקאנטיליסטען און זייערע מאדערנע אויפוואַרעמער, ווי פעררייער, גאַנילה א.אז.וו., אי פון זייערע אנטיפאדען [וואס שטעהען אויפ'ן געגענגעזעצטען פונקט], די מאַדערנע פריי־האנדעל קאמי־וואיאזשארען, ווי באסטיא און זיינע חברים. די מערקאנטיליסטען לעגען דאס הויפטגעוויכט אויף דער קוואליטאטיווער זייט פון דעם ווערטה־אויסדרוק, פאלגליך אויף דער עקוויוואלענט־פארם פון סחורה, וועלכע געפינט איהר פארטיגע געשטאלט אין דעם געלד; די מאדערנע פריי־האנדעל־פעדלער דא־געגען, וועלכע מוזען ארויס'פטר'ן זייער סחורה אום יעדען פרייז, לעגען דאס הויפטגעוויכט אויף דער קוואנטיטאטיווער זייט פון דער רעלאטיווער ווערטה־פארם. פאר זיי עקזיסטירט דעריבער ניט קיין ווערטה אדער ווערטה־גרויס פון סחורה, אחוץ אין איהר אויסדרוק דורך דער שייכות פון אויסטויש, ד.ה. נאר אין דעם צעטעל פון טעגליכען פרייז־קוראנט. דער שאטלאנדער מאקליוד, וועלכער האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע אויסצופוצען אויף א העכסט געלעהרטען אופן די פערוויררטע פארשטעלונגען פון „לאמבארד סטריט",* בילדעט א געלונגענעם סינטעז צווישען די אבערגלויביגע מערקאנטיליסטען און די אויפגעקלערטע פריי־האנדעל־פעדלער.

די גענויערע בעטראכטונג פון דעם ווערטה־אויסדרוק פון דער סחורה א, וואס ליעגט אין דער ווערטה־שייכות צו דער סחורה ב, האט אונז געצייגט, אז אין דער דאזיגער שייכות פיגורירט די נא־טוראל־פארם פון דער סחורה א נאר אלס געשטאלט פון געברויך־ווערטה, און די נאטוראל־פארם פון דער סחורה ב נאר אלס ווערטה־פארם אדער ווערטה־געשטאלט. דער אינערליכער, אין דער סחורה פערבארגענער געגענזאץ צווישען געברויך־ווערטה און ווערטה. ווערט אלזא קלאר־געשטעלט דורך אן אויסערליכען געגענזאץ, ד.ה. דורך דער שייכות פון צוויי־ערליי סחורות, וואו איין סחורה, ו ו ע מ ע ס ווערטה עס דארף אויסגעדריקט ווערן, פיגורירט דירעקט נאר אלס געברויך־ווערטה, און די אנדער סחורה דאגעגען,

---

* די גאס אין לאנדאן, וואו די באנקען געפינען זיך, ווי „וואל סטריט" אין ניו־יארק. — איבערזעצער.

זיך ערשט אַרויס דער ראַזינער ווערטה באמת אלס א פערגליוועהונג פון נים־דיפערענצירטער מענשליכער ארבייט. ווארים די ארבייט, וואָס בעשאפט איהם, איז איצטער אויסדריקליך קלאָר געשטעלט אלס ארבייט, וואָס רעכענט זיך גלייך ווי יעדע אנדערע מענשליכע ארבייט, וואָס פאר א נאַטוראַל־פאָרם זי זאָל נים בעזיצען, און עס איז דעריבער קיין נפקא מינא נים, צי זי פערווירקליכט זיך אין א ראָק אָדער ווייץ אָדער אייזען אָדער גאָלד א.אז.וו. דורך איהר ווערטה־פאָרם שטעהט אויך איצטער די לייוועגט אין א געזעלשאַפטליכער שייכות שוין ניט מעהר נאָר צו איין איינצעלנעם מין סחורה, זאָנדערן צו דער גאנצער וועלט פון סחורות. אַלס סחורה איז זי א בירגער פון דער ראַזינער וועלט. אין דערזעלבינגער צייט ליעגט אין דער ענדלאָזער רייהע פון זיינע אויסדרוקען, אז בנוגע דעם ווערטה פון א סחורה, איז עס גאַנץ גלייכגילטיג אונטער וועלכער בעזונדערער פאָרם פון געברויך־ווערטה ער ווייזט זיך ארויס.

אין דער ערשטער פאָרם: 20 עלען לייוועגט=1 ראָק, האָט עס געקאָנט זיין א צופעליגער פאַקט, וואָס אָט די צוויי סחורות לאָזען זיך אויסטוישען לויט א בעשטימטער קוואנטיטאַטיווער שייכות. אין דער צווייטער פאָרם, פערקעהרט, זעהט זיך גלייך דורך דער הינטערגרונד, וואָס בעשטימט זי און וועלכער איז אין עצם פער־שיידען פון דער צופעליגער ערשיינונג. דער ווערטה פון דער

שייכות אין דעם אויסטויש; מיר קאָנען דעריבער רעדען וועגען איהם ווי איהר... קאָרן־ווערטה אָדער טוך־ווערטה, לויט דער סחורה, מיט וועלכער זי ווערט פערגליכען: און אָט אזוי זיינען טויזענדערליי פערשיידענע ווערטהען, אזויפיעל וויפיעל סחורות עס זיינען פאַראַן, און זיי אלע זיינען אויך א גלייכען אופן ווירקליך און אויך א גלייכען אופן נאָמינעל." A critical Dissertation on the Nature, Measure and Causes of Value: Chiefly in reference to the Writings of Mr. Ricardo and his followers. By the Author of „Essays on the Formation etc. of Opinions," London, 1825, p. 39.

ס. ביילי דער פערפאַסער פון אָט דער אַנאָנימער שריפט, וועלכע האָט אין איהר צייט געמאַכט א גרויסען טומעל אין ענגלאַנד, האָט געמיינט, אז אַנווייזענדיג אויף די פערשיידענע רעלאטיווע אויסדרוקען פון דעמזעלבינען סחורה־ווערטה, האָט ער פערניכטעט יעדע בעגריף־בעשטימונג פון ווערטה. אז ער האָט אבער, טראָץ זיין איינגענער בעשרענקטקייט, אנגעטאַפּט וואונדיגע שטעלען אין ריקאַרדאָ'ס טהעאָריע, בעווייזט די אויפגערייצטקייט מיט וועלכער די ריקאַרדאָ'שע שולע האָט איהם אַנגעגריפען: צ.ב.ש. אין דער „וועסטמינסטער רעוויו".

ווערטה פון דער איין סחורה א ווערט דורך דער פאָרם אויסגעדריקט אין נאָר איין סחורה פון אנאנדער סאָרט. פון וואָס פאר א סאָרט אָבער די דאָזיגע צווייטע סחורה איז, צי עס איז א ראָק, אָדער אייזען, אָדער ווייץ א.אז.וו. איז אינגאנצען גלייכגילטיג. הייסט עס, אז לויט נאָכדעם ווי זי, די סחורה א, טרעט אריין אין א ווערטה־שייכות צו דעם אָדער יענעם סאָרט סחורה, בעקומט זיך פאר איין און דערזעלביגער סחורה פערשיידענע איינפאכע אויסדרוקען פון ווערטה.[22] די צאָהל פון איהרע מעגליכע ווערטה־אויסדרוקען איז נאָר בעשרענקט דורך דער צאָהל פון די מינים סחורות, וואָס זיינען פערשיידען פון איהר. איהר פעראיינצעלטער ווערטה־אויסדרוק פערוואנדעלט זיך דעריבער אין א רייה, וואָס קאָן נאָכאנאנד ווערן לענגער, פון פערשיידענע איינפאכע אויסדרוקען פון איהר ווערטה.

B. טאָטאַלע אָדער אויסגעברייטערטע ווערטה־פאָרם.

z סחורה A = u סחורה B, אָדער = v סחורה C, אָדער = w סחורה D, אָדער = x סחורה E, אָדער = א.אז.וו. 20 עלען לייווענט איז גלייך צו איין ראָק אדער 10 פונט טהעע אדער 40 פונט קאפע אדער 1 פערטעל ווייץ אָדער 2 אונצען גאָלד אדער ½ טאָן אייזען אדער צו=א.אז.וו.

1. די אויסגעברייטערטע רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם.

דער ווערטה פון א סחורה, פון לייוועגט צום ביישפּיעל, איז איצטער אויסגעדריקט אין אָהן־א־צאָהל אנדערע עלעמענטען פון דער סחורה־וועלט. יעדער אנדער סחורה־קערפּער ווערט איצטער דער שפּיעגעל פון דעם ווערטה פון לייוועגט.[23] אַט אזוי ווייזט

---

[22] צום ביישפּיעל ביי האָמער ווערט דער ווערטה פון איין זאך אויסגעדריקט אין א רייה פערשיידענע זאכען.

[23] מען קאָן דעריבער רעדען וועגען דעם ראָק־ווערטה פון לייוועגט, ווען מען דריקט אויס איהר ווערטה אין רעק, וועגען איהר קאָרן־ווערטה, ווען מען דריקט איהם אויס אין קאָרן א.אז.וו. יעדער אויסדרוק אזעלכער זאָגט אונז, אז דער ווערטה, וואָס ווייזט זיך אין די געברויך־ווערטהען ראָק, קאָרן א.אז.וו. איז דאָס איהר ווערטה. „דער ווערטה פון יעדער סחורה ברענגט צום אויסדרוק איהר

רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם פון יעדער סחורה אַן ענדלאָזע רייהע פון ווערטה־אויסדרוקען, וואָס איז פערשיידען פון דער רעלאַטיווער ווערטה־פאָרם פון יעדער אַנדער סחורה.—די חסרונות פון דער אויסגעברייטעטער רעלאַטיווער ווערטה־פאָרם שפּיעגלען זיך וויעדער אָב אין דער עקוויוואַלענט־פאָרם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו איהר. אַזוי ווי די נאַטוראַל־פאָרם פון יעדען איינצעלנעם סאָרט סחורה איז דאָ איין בעזונדערע עקוויוואַלענט־פאָרם צווישען אונצעהליגע אַנדערע בעזונדערע עקוויוואַלענט־פאָרמען, האָבען מיר בכלל נישט מעהר ווי בעשרענקטע עקוויוואַלענט־פאָרמען, פון וועלכע יעדע איינע שליסט אויס די אַנדערע. אַזוי אויך איז דער בעשטימטער, קאָנקרעטער, ניצליכער סאָרט ארבייט, וואָס ליעגט אין יעדען בעזונדערן סחורה־עקוויוואַלענט, נאָר אַ בעזונדער סאָרט ארבייט, און בכן ניט קיין פאָלשטענדיגע ערשיינונג־פאָרם פון מענשליכער ארבייט בכלל. אמת, די דאָזיגע ארבייט בעקומט איהר פאָלשטענדיגע אָדער טאָטאַלע ערשיינונג־פאָרם אין דעם גאַנצען קרייז פון יענע בעזונדערע ערשיינונג־פאָרמען. אָבער אויף דעם אופן האָט זי דאָך ניט קיין איינהייטליכע ערשיינונג־פאָרם.

די אויסגעברייטערטע רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם בעשטעהט נאָך אַלעמען נאָר פון אַ סומע איינפאַכע רעלאַטיווע ווערטה־אויסדרוקען אָדער פון גלייכונגען פון דער ערשטער פאָרם, דהיינו:

20 עלען לייווענט=1 ראָק,

20 עלען לייווענט=10 פונט טהעע א.אז.וו.

יעדע פון אָט די גלייכונגען ענטהאַלט אָבער אויך אומגעקעהרט דיזעלבע גלייכונג:

1 ראָק=20 עלען לייוועגט,

10 פונט טהעע=20 עלען לייוועגט א.אז.וו.

דער פאַקט איז, אז ווען אַ מענש בייט אויס זיין לייוועגט אויף פיעלע אַנדערע סחורות און דריקט אויף דעם אופן אויס איהר ווערטה אין אַ גאַנצער רייהע אַנדערע סחורות, מוזען דאָך יענע אַנדערע סחורה־בעזיצער אויסבייטען זייערע סחורות אויף אָט דער לייוועגט, און פאָלגליך אויסדריקען דעם ווערטה פון זייערע סחורות אין אָט דערזעלביגער דריטער סחורה, די לייוועגט.—ווען מיר קעהרען, אַלזאָ, אום די סעריע: 20 עלען לייוועגט=1 ראָק אָדער=10 פונט טהעע, אָדער=א.אז.וו., דאָס הייסט, מיר דריקען אויס

לייווענט בלייבט אומפערענדערט אין גרויס, סיי ער דריקט זיך אויס אין ראָק אָדער קאַווע אָדער אייזען אָדער אין אַהן־א־צאַהל פערשיידענע סחורות, וואָס געהערן צו די פערשיידענסטע בעזיצער. די צופעליגע שייכות צווישען צוויי אינדיווידועלע סחורה־בעזיצער פאַלט אַוועק. עס ווערט קלאָר, אז ניט דער אויסטויש רעגולירט די גרויס פון דעם ווערטה פון דער סחורה, נאָר פערקעהרט, די גרויס פון דעם ווערטה פון דער סחורה רעגולירט איהר שייכות פון אויסטויש.

2. די בעזונדערע עקוויוואַלענט־פאָרם.

יעדע סחורה, דהינו א ראָק, טהעע, ווייץ, אייזען א.אז.וו. גילט אין דעם אויסדרוק פון דעם ווערטה פון דער לייווענט ווי אַן עקוויוואַלענט און ממילא ווי א ווערטה־קערפּער. די בעשטימטע נאַטוראַל־פאָרם פון יעדער איינער פון אָט די סחורות איז איצט א בעזונדערע עקוויוואַלענט־פאָרם צווישען א סך אנדערע. אויפ׳ן זעלבען אופן רעכענען זיך איצטער די פערשיידענערליי בעשטימטע, קאָנקרעטע, ניצליכע סאָרטען ארבייט, וואָס זיינען פערקערפּערט אין אָט די סחורה־זאכען, אלס פּונקט אזויפיעל פערשיידענע פער־ווירקליכונגס־פאָרמען אָדער ערשיינונגס־פאָרמען פון מענשליכער ארבייט בכלל.

3. די חסרונות פון דער טאָטאַלער אָדער אויסגעברייטעטער ווערטה־פאָרם.

ערשטענס איז דער רעלאַטיווער ווערטה־אויסדרוק פון דער סחורה ניט פערענדיגט, ווייל די סעריע, וואָס שטעלט איהם פאָר, ענדיגט זיך קיינמאָל ניט. די קייט, אין וועלכער איין ווערטה־גלייכונג בינדט זיך צו דער אנדערער, קאָן תמיד ווערן פערלענגערט דורך יעדען נייעם סאָרט סחורה, וואָס קומט ארויס און ליווערט דעם מאַטעריאַל פאַר א נייעם ווערטה־אויסדרוק. צווייטענס, בילדעט זי א פּיעל־קאָלירטע מאָזאיק פון פאַנאַנדערפאַלענדע און פערשיידענאַרטיגע ווערטה־אויסדרוקען. און לעצטענס, אויב דער רעלאַטיווער ווערטה פון יעדער סחורה, ווי דאָס מוז פּאַסירען, ווערט אויסגעדריקט אין אָט דער אויסגעברייטעטער פאָרם, דאַן איז די

די צווייטע פאָרם אונטערשיידט דעם ווערטה פון א סחורה פון איהר אייגענעם געברויך־ווערטה פאָלשטענדיגער איידער די ערשטע, וואָרים דער ווערטה פון דעם ראָק צ.ב.ש. טרעט דאָ ארויס אין אלע מעגליכע פאָרמען אנטקעגען זיין נאַטוראל־פאָרם: ער ווערט אָוועקגעשטעלט גלייך צו לייווענט, צו אייזען, צו טהעע א.אז.וו., קורץ צו יעדער אנדער זאך, נאָר ניט צו זיך אליין, צום ראָק. פון דער אנדער זייט איז דאָ יעדער געמיינזאמער ווערטה־אויסדרוק פון סחורות דירעקט אויסגעשלאָסען, וואָרים אין דעם ווערטה־אויסדרוק פון יעדער סחורה בעווייזען זיך איצט אלע אנ־דערע סחורות נאָר אין דער פאָרם פון עקוויוואלענטען. די אויס־געברייטערטע ווערטה־פאָרם קומט פאַקטיש פאָר דאָס ערשטע מאָל, אזוי באלד ווי אַן ארבייטס־פּראָדוקט, למשל פיה, ווערט שוין ניט מעהר אויסנאהמסווייז, נאָר געוועהנהייטסמעסיג אויסגעטוישט אויף פערשיידענע אנדערע סחורות.

די ניי־געוואונענע פאָרם C דריקט אויס די ווערטהען פון דער גאַנצער סחורה־וועלט אין איין און דעמזעלביגען אָבגעזונ־דערטען סאָרט סחורה, צום ביישפּיעל אין לייוועגט, און שטעלט אויף דעם אופן פאָר די ווערטהען פון אלע סחורות דורך זייער גלייכהייט מיט לייוועגט. אלס לייוועגט־גלייך אונטערשיידט זיך איצט דער ווערטה פון יעדער סחורה ניט נאָר פון איהר אייגענעם געברויך־ווערטה, זאָנדערן פון אלע אנדערע געברויך־ווערטהען, און טאקע דורכדעם ווערט ער אויסגעדריקט אלס עטוואָס, וואָס איז געמיינשאַפטליך פאַר אלע סחורות. פאָלגליך פיהרט נאָר אָט די פאָרם ווירקליך איין א שייכות צווישען די סחורות אלס ווערטהען, אָדער לאָזט זיי ארויסטרעטען אלס טויש־ווערטהען איינע פאַר די אנדערע.

די ביידע פריהערדיגע פאָרמען דריקען אויס דעם ווערטה פון יעדער איין סחורה, סיי אין א איינציגער סחורה פון א פערשיי־דענעם סאָרט, סיי אין א סעריע פון א סך סחורות, וואָס זיינען פערשיידען פון איהר. אין ביידע פעלען איז עס אזוי צו זאָגען דער פּריוואַט עסק פון יעדער איינצעלנער סחורה זיך צו געבען א ווערטה־פאָרם, און זי פּועל׳ט עס אָהן דער מיט־הילף פון די אנדערע סחורות. די דאָזיגע אנדערע שפּיעלען לגבי איהר די בלויז פּאסיווע ראָליע פון עקוויוואלענטען. די אלגעמיינע ווערטה־

די פערקעהרטע שייכות, וואס ליעגט שוין ממילא אין דער סעריע, בעקומען מיר:

C. די אַלגעמיינע ווערטה־פאָרם.

1 ראָק
10 פונט טהעע
20 פונט קאַווע
½ טאָן אייזען
1 פערטעל ווייץ
2 אונצען גאָלד
איקס סחורה א א.אז.וו.

} =20 עלען לייוונט.

1. פערענדערטער כאראקטער פון דער ווערטה־פאָרם.

די סחורות דריקען איצט אויס זייערע ווערטהען ערשטענס, א י נ פ א ך, ווייל אין איין־איינציגער סחורה; און צווייטענס, א י נ ה י י ט ל י ך, ווייל אין איין און דערזעלביגער סחורה. זייער ווערטה־פאָרם איז איינפאַך און געמיינשאַפטליך, דעריבער— אַלגעמיין.

די פאָרמען **A** (איינפאכע ווערטה־פאָרם) און **B** (אויסגע־ברייטערטע ווערטה־פאָרם) האָבען ביידע נאָר נעגרייכט דעם פונקט אויסצודריקען דעם ווערטה פון א סחורה אלס עטוואָס, וואָס אונ־טערשיידט זיך פון איהר אייגענעם געברויך־ווערטה אָדער איהר סחורה־קערפער.

די ערשטע פאָרם האָט געגעבען ווערטה־גלייכונגען ווי: 1 ראָק=20 עלען לייוונט; 10 פונט טהעע=½ טאָן אייזען א.ז.וו. דער ווערטה פון ראָק איז אויסגעדריקט אלס גלייך צו לייוונט, דער ווערטה פון טהעע—אלס גלייך צו אייזען א.אזוו. אָבער דאָס ראָזיגע, וואָס איז גלייך צו לייוונט און וואָס איז גלייך צו אייזען— די ווערטה־אויסדרוקען פון ראָק און טהעע—זיינען פונקט אזוי פערשיידען ווי לייוונט און אייזען. אָט די פאָרם, ווי מען קאָן גאַנץ קלאָר זעהן, קומט נאָר פאָר אין די ערשטע אָנפאַנגען, ווען די אַרבייט־פּראָדוקטען ווערען פערוואַנדעלט אין סחורות דורך א צופעליגען אויסטויש, וואָס פלעגט זיך מאַכען ביי געלעגענהייט,

די וועבעריי, די ארבייט פון פריוואטע מענשען, וועלכע פראָדוצירט לייווענט, געפינט זיך אין דערזעלביגער צייט אין אן אלגעמיין־געזעלשאפטליכער פאָרם, אין דער פאָרם פון גלייכהייט מיט אלע אנדערע ארבייטען. די אָהן־א־צאָהל גלייכונגען, פון וועלכע די אלגעמיינע ווערטה־פאָרם בעשטעהט, שטעלען כסדר גלייך די ארבייט, וואָס איז פערווירקליכט אין דער לייוועגט, צו דער ארבייט וואָס ליעגט אין יעדער אנדער סחורה, און מאכען דורכדעם די וועבעריי פאר דער אלגעמיינער ערשיינונגס־פאָרם פון מענשליכער ארבייט בכלל. אויף דעם אופן איז די ארבייט, וואָס איז פער־קערפערט אין דעם ווערטה פון סחורות, ניט פאָרגעשטעלט נאָר נעגאטיוו אלס ארבייט, פון וועלכער עס ווערט אוועקגענומען אלע קאָנקרעטע פאָרמען און ניצליכע אייגענשאפטען פון די ווירקליכע ארבייטען. דאָ טרעט אויסדריקליך ארויס איהר אייגענע פאָזיטיווע נאטור. זי, די אלגעמיינע ווערטה־פאָרם, איז די רעדוצירונג פון אלע ווירקליכע ארבייטען צו דעם פאר זיי אלעמען געמיינשאפט־ליכען כאראקטער פון מענשליכער ארבייט, צו דער פערווענדונג פון מענשליכער ארבייטס־קראפט.

די אלגעמיינע ווערטה־פאָרם, וועלכע שטעלט פאָר אלע ארבייט־פראָדוקטען ווי בלויזע פערגליווערונגען פון ניט־דיפערענצירטער מענשליכער ארבייט, צייגט דורך איהר אייגענעם בנין, אז זי איז דער געזעלשאפטליכער אויסדרוק פון דער סחורה־וועלט. אָט אזוי מאכט זי קלאָר, אז אין דער דאָזיגער וועלט פון סחורות בילדעט דער אלגעמיין מענשליכער כאראקטער פון דער ארבייט זייער ספעציפיש־געזעלשאפטליכען כאראקטער.

2. די שייכות צווישען דער ענטוויקלונג פון רעלאטיווער ווערטה־פאָרם און עקוויוואלענט־פאָרם.

צו דעם ענטוויקלונג־גראד פון דער רעלאטיווער ווערטה־פאָרם פאסט דער ענטוויקלונג־גראד פון דער עקוויוואלענט־פאָרם. אָבער—און דאָס מוז מען זיך גוט מערקען—די ענטוויקלונג פון דער עק־וויוואלענט־פאָרם איז נאָר אן אויסדרוק און א רעזולטאט פון דער ענטוויקלונג פון דער רעלאטיווער ווערטה־פאָרם.

די איינפאכע אָדער פעראיינצעלטע רעלאטיווע ווערטה־פאָרם

פאָרם, פערקעהרט, ענטשטעהט נאָר אלס דאָס געמיינשאַפטליכע ווערק פון דער גאַנצער סחורה־וועלט. איין סחורה געווינט נאָר דערפאַר אין אַלגעמיינעם ווערטה־אויסדרוק, ווייל אַלע אַנדערע סחורות דריקען אויס אין דערזעלביגער צייט זייער ווערטה אין דעמזעלביגען עקוויוואַלענט, און יעדער ניי־אַנגעקומענער מין סחורה מוז דאָס נאָכמאַכען. עס ווערט אויף דעם אופן קלאָר, אז היות ווי דער עצם־ווערטה פון סחורות איז בלויז דער „געזעלשאַפטליכער קיום" פון די דאָזיגע זאַכען, קאָן ער אויך אויסגעדריקט ווערען נאָר דורך זייער אַלזייטיגער געזעלשאַפטליכער בעציהונג, און בכן מוז זייער ווערטה־פאָרם זיין אַ געזעלשאַפטליך גילטיגע פאָרם.

אין דער פאָרם פון לייווענט־גלייכע ערשיינען איצט אַלע סחורות ניט נאָר אלס קוואַליטאַטיוו גלייכע, אלס ווערטהען בכלל, נאָר אין דערזעלביגער צייט אויך אלס ווערטהען, וואָס זייער גרויס קאָן זיך פערגלייכען קוואַנטיטאַטיוו. אָבשפּיעגלענדיג די גרויס פון זייערע ווערטהען אין איין און דעמזעלביגען מאַטעריאַל, אין לייווענט, שפּיעגלען די דאָזיגע ווערטה־מאָסען אויך אָב איינע די אַנדערע. צום ביישפּיעל, 10 פונט טהעע=20 עלען לייווענט, און 40 פונט קאַווע=20 עלען לייווענט. אַלזאָ: 10 פונט טהעע=40 פונט קאַווע. אָדער: אין 1 פונט קאַווע שטעקט נאָר אַ פערטעל ווערטה־שטאָף, ארבייט, ווי אין 1 פונט טהעע.

די אַלגעמיינע רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם פון דער סחורה־וועלט דריקט ארויף אויף דער עקוויוואַלענט־סחורה, וואָס איז אויסגעשלאָסען פון די איבעריגע—דהינו אויף דער לייווענט—דעם כאַראַקטער פון אַן אַ ל ג ע מ י י נ ע ם עקוויוואַלענט. די נאַטוראַל־פאָרם פון דער לייווענט איז געוואָרען די געמיינשאַפטליכע ווערטה־געשטאַלט פון דער דאָזיגער וועלט, און זי לאָזט זיך דעריבער דירעקט אויסטוישען אויף אַלע אַנדערע סחורות. איהר קערפּער־פאָרם גילט אלס די קענטיגע פערקערפּערונג, די אַלגעמיינע געזעלשאַפטליכע פערפּופּונג * פון יעדען סאָרט מענשליכער ארבייט.

* [זיין אין צושטאַנד פון אַ פּופּע, אַ קוקאַלקע,—די מיטעלסטע שטופע, די איינגעשלאָפענע אָדער פערגליווערטע פאָרם פון ווערימל, איידער עס קומט פון איהם ארויס דער שמעטערלינג. — איבערזעצער].

אין איינציגער אויסנאַהם, זיינען אויסגעשלאָסען פון דער אַלגע־מיינער עקוויוואַלענט־פאָרם. איין סחורה, די לייוונט, געפינט זיך דעריבער אין דער פאָרם פון דירעקטער אויסטוישבאַרקייט מיט אַלע אַנדערע סחורות, אָדער אין דירעקטער געזעלשאַפטליכער פאָרם, ווייל, און אויף אַזוי ווייט ווי, אַלע אַנדערע סחורות געפינען זיך ניט אין דער דאָזיגער פאָרם.[24]

פון דער אַנדער זייט איז די סחורה, וועלכע פיגורירט אַלס דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט, אויסגעשלאָסען פון דער איינהייט־ליכער און פאָלגליך אַלגעמיינער רעלאַטיווער ווערטה־פאָרם פון דער סחורה־וועלט. ווען די לייוונט, דאָס הייסט, וועלכע עס איז סחורה, וואָס געפינט זיך אין דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט־פאָרם, זאָל אין דערזעלבער צייט אויך נעהמען אַנטייל אין דער אַלגעמיינער רעלאַטיווער ווערטה־פאָרם, דאַן וואָלט זי געמוזט דיענען פאַר אַן עקוויוואַלענט צו זיך אַליין. מיר וואָלטען דאַן בעקומען: 20 עלען

---

[24]מען זעהט עס פאַקטיש בשום אופן ניט אַן, אַז אַט די פאָרם פון אַלגעמיינער דירעקטער אויסטוישבאַרקייט איז אַ געגענזעצליכע סחורה־פאָרם, וואָס איז פּונקט אַזוי ענג פערבונדען מיט דער פאָרם פון ניט־דירעקטער אויסטוישבאַרסייט, ווי דער פּאָזיטיווער פּאָליוס פון אַ מאַגנעט איז פערבונדען מיט דעם נעגאַטיווען פּאָ־ליוס. מען מעג זיך דעריבער פאָרשטעלען, אַז מען וואָלט געקאָנט אַרויפדריקען דעם שטעמפּעל פון דירעקטער אויסטוישבאַרקייט אויף אַלע סחורות גלייך, אַזוי גוט ווי מען מעג זיך פאָרשטעלען למשל, אַז מען וואָלט געקאָנט פון אַלע קאַטויליקען מאַכען פּויפּסטען. פאַר דעם קליינבירגער, וועלכער זעהט אין דער סחורה־פּראָ־דוקציאָן דעם העכסטען שפּיץ פון מענשליכער פרייהייט און אינדיווידועלער אונאָבהענגיקייט, וואָלט נאַטירליך געווען זעהר ווינשענסווערטה, עס זאָל אָבגע־שאַפט ווערן די אונבעקוועמליכקייט, וואָס איז פערבונדען מיט דער דאָזיגער פאָרם פון ניט־דירעקטער אויסטוישבאַרקייט פון סחורות. פּרודאָן׳ס סאָציאַליזם איז אַן אויסמאָלונג פון דער דאָזיגער פיליסטער־אוטאָפּיע—אַ פאָרם פון סאָציאַליזם, וועלכער, ווי איך האָב אַנדערשוואו בעוויזען, האָט אפילו ניט דאָס פערדיענסט פון אָריגינאַליטעט, נאָר איז אַ לאַנגע צייט פאַר איהם פיעל בעסער אַנטוויקעלט געוואָרן פון גריי, ברייי און אַנדערע. עס שטערט פונדעסטוועגען ניט היינטיגע צייטען דער דאָזיגער חכמה צו פּאַראַדירן אין געוויסע קרייזען אונטער דעם נאָמען פון „וויסענשאַפט". קיינמאָל האָט אַ שוהלע זיך ניט אַרומגעוואָרפען מיט דעם וואָרט „וויסענשאַפט", ווי פּרודאָן׳ס שוהלע, וואָרים

„וואו בעגריפען פעהלען,
דאָ שטעלט צור רעכטען צייט איין וואָרט זיך איין."

פון א סחורה מאכט אנאנדער סחורה פאר אן איינצעלנעם עקוױ־וואלענט. די אויסגעברייטערטע פאָרם פון רעלאטיװען װערטה— אָט דער אויסדרוק פון דעם װערטה פון איין סחורה אין אלע אנ־דערע סחורות—שטעמפּעלט ארויף אויף די דאָזיגע אנדערע סחורות די פאָרם פון פערשיידענארטיגע בעזונדערע עקוױװאלענטען. לעצ־טענס בעקומט איין בעזונדערער סאָרט סחורה די פאָרם פון אן אלגעמיינעם עקוױװאלענט, װייל אלע אנדערע סחורות מאכען די דאָזיגע בעזונדערע סחורה פאר דעם מאטעריאל פון זייער איינ־הייטליכער, אלגעמיינער װערטה־פאָרם.

אין דעמזעלבען גראד אָבער, אין װעלכען די װערטה־פאָרם ענטװיקעלט זיך איבערהויפּט, ענטװיקעלט זיך אויך דער געגענזאץ צװישען איהרעביידע פּאָליוסען—די רעלאטיװע װערטה־פאָרם און די עקוױװאלענט־פאָרם.

שוין די ערשטע פאָרם—20 עלען לייװענט=1 ראָק—ענט־האלט דעם דאָזיגען געגענזאץ, אָבער נאָך ניט פעסט. יעדע פון די ביידע סחורה־עקסטרעמען, לייװענט און ראָק,—עס װענדט זיך נאָר װי מען לעזט די גלייכונג, פאָרװערטס אָדער ריקװערטס,—געפינט זיך אין א גלייכער מאָס באלד אין דער רעלאטיװער װערטה־פאָרם, באלד אין דער עקוױװאלענט־פאָרם. דאָ איז נאָך שװער צו האלטען פעסט דעם פּאָלארישען געגענזאץ.

אין דער פאָרם B קאָן שטענדיג נאָר איין סחורה־סאָרט פאָלשטענדיג אויסברייטערן זיין רעלאטיװען װערטה, און ער אליין בעזיצט די אויסגעברייטערטע רעלאטיװע װערטה־פאָרם נאָר דער־פאַר, װייל די אלע אנדערע סחורות געפינען זיך לגבי איהם אין דער עקוױװאלענט־פאָרם, און נאָר אויף אזוי װייט, װי זיי געפינען זיך אין דער דאָזיגער פאָרם. דאָ קאָן מען שוין ניט מעהר איבער־שטעלען די צװיי זייטען פון דער װערטה־גלייכונג—למשל, 20 עלען לייװענט=1 ראָק אָדער=10 פונט טהעע אָדער=1 פערטעל װייץ א.אז.װ.—ניט איבערענדערנדיג זייער גאנצען כאראקטער און ניט פערװאנדלענדיג זיי פון דער טאָטאלער װערטה־פאָרם אין דער אלגעמיינער װערטה־פאָרם.

די לעצטע פאָרם, די פאָרם C, גיט ענדליך דער סחורה־װעלט אן אלגעמיין־געזעלשאפטליכע רעלאטיװע װערטה־פאָרם, װייל, און אזוי װייט װי, אלע סחורות, װאָס קעהרען זיך אן מיט איהר, מיט

פאָרם C געמיינשאַפטליך זייער ווערטה אין לייווענט, האָט איין בעשטימטע סחורה היסטאָריש עראָבערט דעם דאָזיגען פּריווי־לעגירטען פּלאַץ, און דאָס איז—גאָלד. ווען מיר שטעלען דעריבער אוועק אין פאָרם C די סחורה גאָלד אויף דעם פּלאַץ פון דער סחורה לייווענט, בעקומען מיר:

D. געלד־פאָרם.

20 עלען לייווענט
1 ראָק
10 פונט טהעע
40 פונט קאַווע
1 פערטעל ווייץ
½ טאָן אייזען
איקס סחורה א
}=2 אונצען גאָלד.

ביי דעם איבערגאַנג פון פאָרם A צו פאָרם B און פון פאָרם B צו פאָרם C קומען פאָר גרינדליכע פערענדערונגען. די פאָרם D פערקעהרט, אונטערשיידט זיך מיט גאָרנישט פון פאָרם C, א חוץ וואָס אנשטאַט די לייווענט, בעזיצט איצטער גאָלד די אַלגעמיינע עקוויוואַלענט־פאָרם. גאָלד בלייבט אין פאָרם D, וואָס די לייווענט איז געווען אין פאָרם C—אַן אַלגעמיינער עקוויוואַלענט. דער פאָרטשריט בעשטעהט נאָר אין דעם, וואָס די פאָרם פון דירעקטער, אַלגעמיינער אויסטוישבאַרקייט, אָדער די אַלגעמיינע עקוויוואַלענט־פאָרם, איז איצט דורך געזעלשאַפטליכער געוועהנהייט ענדגילטיג צונויפגעוואַקסען מיט דער ספּעציפישער נאַטוראַל־פאָרם פון דער סחורה גאָלד.

גאָלד טרעט איצט אַרויס לגבי די אַנדערע סחורות אַלס געלד, נאָר דערפאַר ווייל עס איז שוין פריהער געשטאַנען לגבי זיי אַלס א סחורה. אַזוי ווי אַלע אַנדערע סחורות, האָט עס אויך פונקציאָנירט אַלס אַן עקוויוואַלענט—סיי אַלס אַן איינפאַכער עקוויוואַלענט אין פעראיינצעלטע אַקטען פון אויסטויש, סיי אַלס א בעזונדערער עקוויוואַלענט נעבען אַנדערע סחורה־עקוויוואַלענטען. ביסלעכווייז האָט עס אָנגעהויבען פאָנקציאָנירן, אין ענגערע אָדער ברייטערע

לייווענט=20 עלען לייווענט—אַ טויטאָלאָגיע,* וועלכע דריקט ניט אויס, ניט דעם ווערטה, ניט די גרויס פון ווערטה. כדי אויסצו־דריקען דעם רעלאַטיווען ווערטה פון דעם אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט, מוזען מיר דוקא איבערדרעהען די פאָרם C. דער עקוויוואַלענט בעזיצט ניט אינאיינעם מיט די אַנדערע סחורות אַ געמיינשאַפט־ליכע רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם, זאָנדערן זיין ווערטה דריקט זיך אויס רעלאַטיוו אין דער ענדלאָזער סעריע פון אַלע אַנדערע סחורה־זאַכען. אַס אַזוי בעווייזט זיך איצטער די אויסגעברייטערטע רע־לאַטיווע ווערטה־פאָרם, אָדער די פאָרם B, אַלס די ספּעציפישע רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם פון דער עקוויוואַלענט־סחורה.

דער איבערגאַנג פון דער אַלגעמיינער ווערטה־פאָרם צו דער געלד־פאָרם.

די אַלגעמיינע עקוויוואַלענט־פאָרם איז אַ פאָרם פון ווערטה בכלל. יעדע סחורה, הייסט עס, קאָן זי אָננעהמען. פון דער אַנדער זייט, אויב אַ סחורה געפינט זיך נאָר אין דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט פאָרם (פאָרם C), איז דאָס דערפאַר, און אויף אַזוי ווייט ווי זי ווערט אַלס עקוויוואַלענט, אויסגעשלאָסען דורך אַלע אַנדערע סחורות. און ערשט פון יענעם אויגענבליק אָן, ווען די דאָזיגע אויסשליסונג האָט זיך ענדגילטיג בעשרענקט אויף איין ספּעציפישען, בעזונדערן סחורה־סאָרט, האָט די איינהייטליכע רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם פון דער סחורה־וועלט געוואונען אָן אָב־יעקטיווע פעסטקייט און אָן אַלגעמיין־געזעלשאַפטליכע גילטיגקייט.

דער ספּעציפישער מין סחורה, וואָס די עקוויוואַלענט־פאָרם איז געזעלשאַפטליך צונויפגעוואַקסען מיט זיין נאַטוראַל־פאָרם, ווערט איצט די געלד־סחורה, אָדער פונקציאָנירט אַלס געלד. דאָס ווערט איהר ספּעציפיש־געזעלשאַפטליכע פונקציע, און פאָלגליך איהר געזעלשאַפטליכע מאָנאָפּאָל, צו שפּיעלען אין דער סחורה־וועלט די ראָליע פון דעם אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט. צווישען די סחורות, וועלכע פיגורירען אין דער פאָרם B אַלס בעזונדערע עקוויוואַלענטען פון דער לייווענט, און וועלכע דריקען אויס אין

---

* טויטאָלאָגיע איז די נוצלאָזע ווידערהאָלונג פון אַ געדאַנק אין אַנדערע ווערטער, וועלכע האָבען דיזעלבע בעדייטונג. — דער איבערזעצער.

מענשליכער ארבייט. עס איז קלאָר בחוש, אז דער מענש ענדערט דורך זיין טהעטיגקייט די פאָרמען פון די נאטור־שטאָפען אויף אזא אופן, ווי עס איז פאר איהם ניצליך. די פאָרם פון האָלץ צ.ב.ש. ווערט פערענדערט, ווען מען מאכט פון איהם א טיש. אזוי באלד אָבער ווי ער טרעט ארויס אלס סחורה, פערוואנדעלט ער זיך אין עפּעס, וואָס איז למעלה מן החושים. ניט נאָר שטעהט ער מיט די פיס אויפ'ן באָדען, נאָר ער שטעלט זיך לגבי אלע אנדערע סחורות אויפ'ן קאָפּ, און ברעננט ארויס פון זיין הילצערנעם קאָפּ משונה'דיגע פאנטאזיעס, א סך מעהר וואונדערליך, ווי ווען ער וואָלט פון הוילער הוים אָנגעהויבען צו טאנצען.[25]

דער סודות'דיגער כאראקטער פון סחורה נעהמט זיך אלזאָ ניט פון איהר געברויך־ווערטה. ער שטאמט פונקט אזוי ווענינ אָב פון דעם אינהאלט פון די ווערטה־בעשטימונגען. ווארים ערשטענס, ווי פערשיידען די ניצליכע ארבייטען אָדער פּראָדוקטיווע טהעטיגקייטען זאָלען ניט זיין, איז עס א פיזיאָלאָגישע וואַרהייט, אז זיי זיינען פונקציעס פון דעם מענשליכען אָרגאניזם, און אז יעדע פונקציע אזוינע, וואָס עס זאָל ניט זיין איהר אינהאלט און איהר פאָרם, איז בעצם א פערוועגדונג פון מענשליכען געהירן, פון נערוועז, מוסקולען א.אז.וו. צווייטענס, דאָס וואָס ליענט אין גרונד פון דער בעשטימונג פון דער גרויס פון ווערטה, דהיינו די צייט, וואָס די דאָזיגע פערוועגדונג האָט געדויערט, אָדער די ק ו ו א נ ט י ט ע ט פון דער ארבייט, לאָזט זיך דאָך פשוט מיט די חושים אונטערשיידען פון דער קוואליטעט פון דער ארבייט. די ארבייטס־צייט, וואָס די פּראָדוקציאָן פון לעבענס־מיטעל קאָסט, האָט אין אלע געזעלשאפטליכע צושטאנדען געמוזט אינטערעסירן דעם מענשען, הגם ניט אין דערזעלבער מאָס אויף די פערשיידענע שטופען פון ענטוויקלונג.[26] און ענדליך, אזוי באלד ווי מענשען

---

[25] מען קאָן זיך ערמאנערן, אז כינא און די טישען האָבען אָנגעפאנגען צו טאנצען, ווען די גאנצע איבעריגע וועלט האָט געשיינט צו שטעהן שטיל—כדי אויפצרוועקען די אנדערע.

[26] ביי די אלטע גערמאנען האָט זיך גערעכענט די גרויס פון א מארג לאנד לויט דער ארבייט, וואָס מען האָט געקאָנט אויפטאָן אין א טאָג, און דעריבער האָט דער מארג געהייסען טאגווערק (אויך טאגוואננע,—זשורנאלע אדער זשורנאלים, טעררא זשורנאלים, זשארנאלים אדער דיארנאלים). מאנגוועדק, מאננפּ־

קרייזען, אלס אן אלגעמיינער עקוויוואלענט. אזוי באלד ווי עס האָט ערָאבערט די מאָנאָפּאָל אויף אָט דעם פּלאַץ אין דעם ווערטה־אויסדרוק פון דער סחורה־וועלט, ווערט עס א געלד־סחורה, און ערשט פון אָט דעם אויגענבליק אָן, ווען עס איז שוין געוואָרן א געלד־סחורה, אונטערשיידט זיך פאָרם D פון פאָרם C, אָדער די אלגעמיינע ווערטה־פאָרם איז פערוואנדעלט אין דער געלד־פאָרם.

דער איינפאכער רעלאטיווער ווערטה־אויסדרוק פון א סחורה, צ.ב.ש. פון לייוועגט, אין אנאנדער סחורה, וועלכע פונקציאָנירט שוין אלס געלד סחורה, צ.ב.ש. אין גאָלד, איז די פּרייז־פאָרם פון דער ראָזיגער סחורה. די פּרייז־פאָרם פון דער לייוועגט איז דעריבער:

20 עלען לייוועגט=2 אונצען גאָלד,

אָדער אויב דער מינץ־נאָמען פון 2 אונצען גאָלד איז 2 פונט סטערלינג, איז

20 עלען לייוועגט=2 פונט סטערלינג.

די שוועריגקייט אין מאכען זיך א בעגריף פון דער געלד־פאָרם בעשטעהט נאָר אין קאָנען קלאָר בעגרייפען די אלגעמיינע עקוויוואלענט־פאָרם, און ממילא, הייסט עס, די אלגעמיינע ווערטה־פאָרם איבערהויפּט, די פאָרם C. וויעדער די פאָרם C איז ארויס־געדרונגען פון פאָרם B, די אויסגעברייטערטע פאָרם, און איהר אור־עלעמענט, פון וואָס זי בעשטעהט, איז די פאָרם A, 20 עלען לייוועגט=1 ראָק, אָדער x סחורה א= y סחורה ב. די איינפאכע סחורה־פאָרם איז דעריבער דאָס זריעה־קערענדל פון דער געלד־פאָרם.

4. דער פעטיש־כאראקטער פון סחורה און זיין סוד.

אויפ'ן ערשטען בליק איז א סחורה דאכט זיך א זעלבסטפער־שטענדליכע, גאנץ פשוט'ע זאך. איהר אנאליז בעווייזט, אז זי איז א זעהר פערפלאָנטערטע זאך, פול מיט מעטאפיזישע פּלפּולים און טעאָלאָגישע חריפות. אזוי ווייט ווי זי איז א געברויך־ווערטה, שטעקען אין איהר ניט קיין סודות, סיי איך בעטראכט זי פון דעם שטאנדפונקט, וואָס זי בעפריעדיגט מיט איהרע אייגענשאפטען מענשליכע בעדערפעניסען, סיי פון דעם שטאנדפונקט, אז זי בעקומט ערשט די דאָזיגע אייגענשאפטען אלס א פּראָדוקט פון

זעהען ווערט ווירקליך דאָס ליכט געוואָרפען פון איין זאַך, דעם אויסערן געגענשטאַנד, אויף אַנאַנדער זאַך, דעם אויג. עס איז אַ פיזישע שייכות צווישען פיזישע זאַכען. פערקעהרט, די סחורה־פאָרם און די ווערטה־שייכות פון די אַרבייט־פּראָדוקטען, אין וועלכער זי, די סחורה־פאָרם, שטעלט זיך פאָר, האָט מיט איהר פיזישער נאַטור און מיט די מאַטעריעלע בעציהונגען וואָס שטאַמען פון דעם, לחלוטין גאָרנישט צו טהאָן. דאָ איז עס נאָר אַ בעשטימטע געזעלשאַפטליכע שייכות צווישען די מענשען גופא, וועלכע נעהמט אָן פאַר זיי די פאַנטאַסטישע פאָרם פון אַ שייכות צווישען זאַכען. כדי אַלזאָ צו געפינען אַ ריכטיגע אַנאַלאָגיע, מוזען מיר אַ פליה טהאָן אין די נעבעלדיגע מקומות פון דער רעליגיעזער וועלט. דאָ, אין דער דאָזיגער וועלט, קומען פאָר די פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען קאָפּ ווי זעלבשטענדיגע געשטאַלטען, וואָס זיינען בעגאַבט מיט אַן אייגען לעבען און געפינען זיך אין אַ שייכות אי צווישען זיך, אי מיט די מענשען. אַזוי קומט אויך פאָר אין דער סחורה־וועלט מיט די פּראָדוקטען פון די מענשליכע הענט. אָט דאָס רוף איך אָן דעם פעטישיזם, וואָס קלעבט זיך אָן צו די אַרבייט־פּראָדוקטען, ווי נאָר זיי ווערן פּראָדוצירט אַלס סחורות, און וועלכער קאָן דעריבער זיך נים אָבריסען פון דער סחורה־פּראָדוקציאָן.

אָט דער פעטיש־כאַראַקטער פון דער סחורה־וועלט שטאַמט אָב, ווי דער פריהערדיגער אַנאַליז האָט שוין געצייגט, פון דעם אייגענטימליכען געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער פון דער אַרבייט, וועלכע פּראָדוצירט סחורות.

געברויך־זאַכען ווערן בכלל סחורות, נאָר וועיל זיי זיינען פּראָדוקטען פון פּריוואַט־אַרבייטען, וואָס ווערן בעטריבען אונאָבהענגיג איינע פון די אַנדערע. דער קאָמפּלעקס [סך הכל] פון אָט די פּריוואַט־אַרבייטען שטעלט צונויף די געזעלשאַפטליכע קאָלעקטיוו־אַרבייט. אַזוי ווי די פּראָדוצירער טרעטען אריין אין געזעלשאַפטליכער בעריהרונג ערשט דורך דעם אויסטויש פון זייערע אַרבייט־פּראָדוקטען, ווייזען זיך ארוים די ספּעציפיש־געזעלשאַפטליכע כאַראַקטערען פון זייערע פּריוואַט־אַרבייטען אויך ערשט אין די גרעניצען פון דעם דאָזיגען אויסטויש. אין אַנדערע ווערטער, די אַרבייטען פון די פּריוואַט־מענשען פערנעהמען פאַקטיש אַ פּלאַץ אַלס גליעדער פון דער געזעלשאַפטליכער קאָלעקטיוו־אַרבייט

אַרבייטען אויף וועלכען עס איז אופן איינע פאַר די אַנדערע, בעקומט זייער אַרבייט אויך אַ געזעלשאַפטליכע פאָרם.

פון וואַנען, אַלזאָ, שטאַמט דער סודות׳דיגער כאַראַקטער פון דעם אַרבייט־פּראָדוקט, אַזוי שנעל ווי ער נעהמט אָן די פאָרם פון סחורה? הפּנים אַז פון דער דאָזיגער פאָרם גופא. די גלייכהייט פון אַלערליי מענשליכע אַרבייטען ציינט זיך אַרויס אָביעקטיוו דורכדעם, וואָס אַלע אַרבייט־פּראָדוקטען זיינען גלייך ווערטה־זאַכען; די מאָס פון דער פערוועגדונג פון מענשליכער אַרבייט־קראַפט, לויט דער צייט וואָס זי האָט געדויערט, נעהמט אָן די פאָרם פון דער ווערטה־גרויס פון די אַרבייט־פּראָדוקטען; און ענדליך, די נעגענזייטיגע בעציהונגען פון די פּראָדוצירער, אין וועלכע די געזעלשאַפטליכע בעשטימונגען פון זייערע אַרבייטען רעאַליזירן זיך, בעקומען די פאָרם פון אַ געזעלשאַפטליכער שייכות פון די אַרבייט־פּראָדוקטען.

די סודות׳דיגקייט פון דער סחורה־פאָרם בעשטעהט, הייסט עס, פּשוט אין דעם, וואָס זי שפּיגעלט אָב פאַר די מענשען די געזעלשאַפטליכע כאַראַקטערען פון זייער אייגענער אַרבייט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אָביעקטיווע כאַראַקטערען פון די אַרבייט־פּראָדוקטען גופא, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען געזעלשאַפטליכע נאַטור־אייגענשאַפטען פון די דאָזיגע זאַכען; און בכן ווערט אויך פאַרגעשטעלט די געזעלשאַפטליכע שייכות פון די פּראָדוצירער צו דעם סך־הכל פון זייערע פּראָדוקטען אַלס אַ געזעלשאַפטליכע שייכות פון זאַכען, וואָס עקזיסטירט אויסער זיי, די פּראָדוצירער. דורך אָט דעם „קוויד פּראָ קוואָ” [ענדערונג פון בעגריפען] ווערן די אַרבייט־פּראָדוקטען סחורות, למעלה מן החושים׳דיגע אָדער געזעל־שאַפטליכע זאַכען. אויפ׳ן זעלבען אופן שטעלט זיך פאָר דער ליכט־איינדרוק פון אַ זאַך אויף דעם זעה־נערוו, ניט ווי אַ סוב־יעקטיווער רייץ פון דעם זעה־נערוו גופא, נאָר ווי אַן אָביעקטיווע פאָרם פון אַ זאַך, וואָס שטעהט פון דרויסען פון אויג. אָבער ביים

קראַפט, מאַנכסמאַל א.אַז.וו. זעה מאורער: „איינלייטונג צור געשיכטע דער מאַרקהאָף—א.אַז.וו. פערפאַסונג”, מינכען 1859, ז. 129. דער נאָמען „זשורנאַל” פאַר אַ פלאַך־מאָס לאַנד, אַז ערד אַ מאָרגן, ווערט נאָך געברויכט אין איינינע טיילען פון פראַנקרייך.

פּראָגרעסיווער ארבייטער
יוגענד קלוב

כאַראַקטער פון די פּריוואַט־ארבייטען נאָר אין די פאָרמען, אין וועלכע די דאָזיגע ארבייטען ווייזען זיך ארויס אין פּראַקטישען פערקעהר ביים אויסטויש פון פּראָדוקטען: דעם געזעלשאַפטליך־ניצליכען כאַראַקטער פון זייערע פּריוואַט־ארבייטען—אין דער פאָרם, וואָס דער ארבייט־פּראָדוקט מוז זיין ניצליך, און דוקא ניצליך פאַר אנדערע; דעם געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער פון גלייכהייט פון די פערשיידענאַרטיגע ארבייטען—אין דער פאָרם פון דעם געמיינזאַמען ווערטה־כאַראַקטער פון אָט די מאַטעריעל־פערשיידענע זאַכען, פון די ארבייט־פּראָדוקטען.

מענשען ברענגען אלזאָ זייערע ארבייט־פּראָדוקטען אין שייכות איינע מיט די אנדערע, ניט דערפאַר ווייל זיי זעהען אין די דאָזיגע זאַכען בלויז די מאַטעריעלע כלים פון גלייכאַרטיגער מענשליכער ארבייט. פערקעהרט: דורכדעם וואָס זיי שטעלען זייערע פערשיידענאַרטיגע פּראָדוקטען, אין אויסטויש איינע אויף די אנדערע, גלייך אלס ווערטהען, שטעלען זיי דערמיט זייערע פערשיידענע ארבייטען גלייך איינע מיט די אנדערע אלס מענשליכע ארבייט. זיי ווייסען דאָס ניט, אָבער זיי טהוען עס. עס שטעהט, הייסט עס, ביי דעם ווערטה אויף'ן שטערן ניט אָנגעשריבען וואָס ער איז. אדרבא, דער ווערטה פערוואַנדעלט יעדען ארבייט־פּראָדוקט אין א געזעלשאַפטליכען היעראָגליף. שפּעטער זוכען די מענשען אויפצורעקען דעם זין פון די היעראָגליפען, צו דערגעהן דעם סוד פון זייער אייגענעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט; וואָרים די בעשטימונג, אז געברויך־זאַכען זיינען ווערטהען, איז פּונקט אזוי גוט זייערער א געזעלשאַפטליכער פּראָדוקט, ווי די שפּראַך איז א געזעלשאַפטליכער פּראָדוקט. די לעצטענס געמאַכטע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונג, אז די ארבייט־פּראָדוקטען, אין דעם ערך וואָס זיי זיינען ווערטהען, זיינען בלויז מאַטעריעלע אויסדרוקען פון דער מענשליכער ארבייט, וואָס איז פערוועגדעט געוואָרן אין זייער פּראָדוקציאָן, בעצייכענט געוויס אן עפּאָכע אין דער ענטוויקלונג־

---

[27] נאַטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. ווען גאַליאַני זאָגט דעריבער, אז דער ווערטה איז א שייכות צווישען צוויי פּערזאָנען, האָט ער געדאַרפט צו דעם מוסיף זיין: א שייכות, וואָס איז פערשטעקט אונטער א זאַכליכען צודעק. (גאַליאַני, „דעלאַ מאָנעטאַ", ז. 220, ב. 122 פון קוסטאָדי'ס זאַמלונג, פּאַרטאַ מאָדערנאַ, מילאַן 1801).

ערשט דורך די שייכות׳ן, וואָס דער אויסטויש פיהרט אריין צווישען די ארבייט־פּראָדוקטען, און אינדירעקט, דורך זיי, צווישען די פּראָדוצירער. פאַר די לעצטע, די פּראָדוצירער, ערשיינען דעריבער די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען פון זייערע פּריוואַט־ארבייטען אלס דאָס, וואָס זיי זיינען ווירקליך, דאָס הייסט, ניט ווי דירעקטע געזעלשאַפטליכע שייכות׳ן פון די פּערזאָנען און זייערע ארבייטען גופא, נאָר ריכטינער ווי זאַכליכע שייכות׳ן פון פּערזאָנען און געזעלשאַפטליכע שייכות׳ן פון זאַכען.

ערשט אין זייער אויסטויש בעקומען די ארבייט־פּראָדוקטען א געזעלשאַפטליך־גלייכען שטאַנד אלס ווערטהען, אָבגעזונדערט פון זייערע מאַטעריעל־פערשיידענע פאָרמען אלס געברויך־זאַכען. אָט די שפּאַלטונג פון דעם ארבייט־פּראָדוקט אין א ניצליכער זאַך און א ווערטה־זאַך בעווייזט זיך פּראַקטיש נאָר דאַן, ווען דער אויסטויש האָט שוין געוואונען אזא ברייטע אויסשפּרייטונג און וויכטינקייט, אז ניצליכע זאַכען ווערן פּראָדוצירט פאַר׳ן אויסטויש און זייער כאַראַקטער אלס ווערטהען ווערט שוין בעת זייער פּראָדוקציאָן גופא גענומען אין בעטראַכט. פון אָט דעם אויגענבליק אָן בעקומען די פּריוואַט־ארבייטען פון די פּראָדוצירער פאַקטיש א טאָפּעלטען געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער. פון איין זייט מוזען זיי, אלס בעשטימטע ניצליכע ארבייטען, בעפריעדיגען א בעשטימטע געזעלשאַפטליכע בעדערפעניש און אָט אזוי פערנעהמען זייער פּלאַץ אלס גליעדער פון דער קאָלעקטיוו־ארבייט, פון דעם נאַטור־אויסגעוואַקסענעם סיסטעם פון דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט. פון דער אנדער זייט בעפריעדיגען זיי די פיעל־פאַכיגע בעדערפענישען פון זייערע אייגענע פּראָדוצירער נאָר אויף אזויפיעל, אויף וויפיעל יעדע בעזונדערע ניצליכע פּריוואַט־ארבייט קאָן ווערן אויסגעטוישט אויף יעדער אנדער ניצליכער פּריוואַט־ארבייט, הייסט עס, אויף וויפיעל זי גילט גלייך ווי זי. די גלייכהייט אין יעדער בעציהונג פון פערשיידענע ארבייטען קאָן בעשטעהן נאָר אין אן אבסטראַהירונג פון זייערע ווירקליכע אונגלייכהייטען, ד.ה. אין דעם, וואָס מען רעדוצירט זיי צו דעם געמיינשאַפטליכען כאַראַקטער, וואָס זיי אלע בעזיצען אלס פערוועגדונג פון מענשליכער ארבייט־קראַפט—פון אבסטראַקטער מענשליכער ארבייט. דער מוח פון די פּראָדוצירער שפּיעגעלט אָב דעם טאָפּעלטען געזעלשאַפטליכען

טריבען אונאָבהענגיק איינע פון די אנדערע, אָבער הענגען דאָך אָב אויף אַלע זייטען איינע פון די אנדערע אלס נאַטור־געוואקסענע גליעדער פון דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט, ווערן נאָכאנאַנד רעדוצירט צו זייער געזעלשאַפטליך־פּראָפּאָרציאָ־נעלער מאָס. און דאָס איז אזוי דערפאר, ווייל אין די אלע צו־פעליגע און שטענדיג זיך בייטענדע אויסטויש־שייכות'ן צווישען די פּראָדוקטען זעצט זיך מיט געוואלט דורך די ארבייט־צייט, וואָס איז געזעלשאַפטליך נויטיג זיי צו פּראָדוצירן, ווי א רעגולירענדעס נאַטור־געזעץ—א שטייגער ווי דאָס געזעץ פון גראַוויטאַציאָן, ווען דאָס הויז פאַלט אונז איין איבער'ן קאָפּ.[28] די בעשטימונג פון דער גרויס פון ווערטה דורך דער ארבייט־צייט איז דעריבער א סוד, וואָס ליעגט בעהאַלטען אונטער די ערשיינענדע בעוועגונגען פון די רעלאַטיווע ווערטהען פון די סחורות. די ענטדעקונג פון דעם סוד שאַפט אָב דעם אויסזעהן פון צופעליגקייט אין דער בעשטימונג פון דער גרויס פון די ווערטהען פון די ארבייט־פּראָדוקטען, זי שאַפט אָבער בשום אופן ניט אָב די פאָרם, אין וועלכער די דאָזיגע בעשטימונג קומט פאָר.

דאָס נאָכדענקען וועגען די פאָרמען פון מענשליכען לעבען, און ממילא אויך דער וויסענשאַפטליכער אנאַליז פון די דאָזיגע פאָרמען, פערנעהמט זיך בכלל אויף א וועג, וואָס איז דירעקט ענטגעגענגעזעצט צו דעם וועג פון זייער ווירקליכער ענטוויקלונג. עס פאנגט זיך אָן פּאָסט פעסטום [לאחר המעשה], און בכן מיט די פאַרטיגע רעזולטאַטען פון דעם ענטוויקלונגס־פּראָצעס. די פאָרמען, וועלכע שטעמפּלען ארבייט־פּראָדוקטען אלס סחורות און זיינען דעריבער א פאָר־שטופע פון דער צירקולאַציע פון סחורות, בעזיצען שוין כמעט די פעסטקייט פון נאַטור־פאָרמען פון געזעל־שאַפטליכען לעבען, איידער די מענשען זוכען נאָך צו דערקלערן זיך,—ניט דעם היסטאָרישען כאַראַקטער פון די דאָזיגע פאָרמען, וועלכע זיי האַלטען כמעט פאַר אייביגע, נאָר זייער תוך. אַט אזוי

[28] „וואָס זאָלען מיר דענקען פון א געזעץ, וואָס קאָן זיך נאָר דורכזעצען דורך פּעריאָדישע רעוואָלוציאָנען? עס איז מעהר גאָרניט ווי א נאַטור־געזעץ, וואָס רוהט אויף דער בעוואוסטלאָזיגקייט פון די בעטייליגטע." (פריעדריך ענגעלס: „אומריסע צו איינער קריטיק דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע.")

נעשיכטע פון דער מענשהייט, זי צוטרייבט אָבער בשום אופן ניט דעם אָביעקטיווען איינדרוק פון דעם ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע ן כאראקטער פון דער ארבייט. וואָס עס איז גילטיג נאָר פאר אָט דער ספעציעלער פאָרם פון פראָדוקציאָן, די סחורה־פראָדוקציאָן— דהינו אז דער ספעציפיש געזעלשאפטליכער כאראקטער פון די פריוואט־ארבייטען, וואָס זיינען אונאָבהענגיק איינע פון די אנ־דערע, בעשטעהט אין זייער גלייכהייט אלס מענשליכע ארבייט און נעהמט אָן די פאָרם פון דעם ווערטה־כאראקטער פון די ארבייט־פראָדוקטען—דאָס ערשיינט פאר די וואָס זיינען פער־נומען אין די פערהעלטענישען פון דער סחורה־פראָדוקציאָן, פונקט אזוי ענדגילטיג, ווי אז די וויסענשאפטליכע פאנאנדערטיילונג פון דער לופט אויף איהרע עלעמענטען, לאָזט פונדעסטוועגען די לופט־פאָרם בעשטעהן אלס א פיזישע קערפער־פאָרם.

וואָס די פראָדוקטען־אויסטוישער אינטערעסירט פראקטיש פריהער פאר אלץ, איז די פראגע, וויפיעל פרעמדע פראָדוקטען זיי קריגען פאר דעם אייגענעם פראָדוקט, און אין וועלכע פראָפּאָר־ציעס זיי ווערן אויסגעטוישט. ווי נאָר די דאָזיגע פראָפּאָרציעס האָבען בעקומען א געוויסע געוועהנהייטמעסיגע בעשטענדיגקייט, זעהען זיי אויס פונקט ווי זיי וואָלטען זיך גענומען פון דער נאטור גופא פון די ארבייט־פראָדוקטען; אזוי צ.ב.ש. ווערט אָנגענומען, אז 1 טאָן אייזען און 2 אונצען גאָלד האָבען א גלייכען ווערטה. פונקט ווי דער פאקט, אז 1 פונט גאָלד און 1 פונט אייזען זיינען, טראָץ זייערע פערשיידענע פיזישע און כעמישע אייגענשאפטען, גלייך שווער. אין דער ווירקליכקייט ווערט דער ווערטה־כאראקטער פון די ארבייט־פראָדוקטען ערשט פערפעסטיגט דורכדעם, וואָס זיי ווייזען זיך פראקטיש ארויס אלס ווערטהען פון א בעשטימטער גרויס. די דאָזיגע ווערטהען בייטען זיך שטענדיג, אונאָבהענגיג פון דעם ווילען, אויסרעכענונג און טהאָן פון די אויסטוישער. אין זייערע אויגען נעהמט אָן זייער אייגענע געזעלשאפטליכע בע־וועגונג די פאָרם פון א בעוועגונג פון זאכען, אונטער וועמענס קאָנ־טראָל זיי שטעהען, אנשטאָט זי צו קאָנטראָלירן. עס פאָדערט זיך א פאָלשטענדיג־ענטוויקעלטע סחורה־פראָדוקציאָן, איידער עס קאָן פון דער ערפאהרונג אליין ארויסוואקסען די וויסענשאפטליכע אי־בערצייגונג, אז די אלערליי פריוואט־ארבייטען, וואָס ווערן בע־

ווי בעשיידען ער איז ניט פון צו־הויז אויס, מוז ער דאך בעפריע־ דיגען פערשיידענארטיגע בעדערפעניששען און מוז דעריבער טהאן אלערליי סארטען ניצליכע ארבייט, דהינו מאכען ווערקצייג, פאב־ ריצירן מעבעל, צוימען ווילדע ציגען, כאפען פיש, געהן אויף געיעג א.אז.וו. וועגען דאוונען און דערגלייכען רעדען מיר דא ניט, היות ווי אונזער ראבינזאן האט דערפון פערגעניגען און בעטראכט אזוינע טהעטיגקייטען אלס אן ערהאלונג. טראץ דער פערשיידענהייט פון זיינע פראדוקטיווע פונקציעס, ווייס ער, אז זיי זיינען נאר פער־ שיידענע טהעטיגקייט־פארמען פון דעמזעלבען ראבינזאן, הייסט עס, אז זיי זיינען נאר פערשיידענע אופנים פון מענשליכער ארבייט. די נויט אליין צווינגט איהם איינצוטיילען גענוי זיין צייט צווישען זיינע פערשיידענע פונקציעס. אויב איין ארבייט פערנעהמט מעהר פלאץ, אנאנדערע ווייניגער אין דעם סך הכל פון זיין טהעטיגקייט, העננט עס אב פון דער גרעסערער אדער קלענערער שווערקייט, וואס ער האט בייצוקומען, כדי צו דערגרייכען די ניצליכע פאלגען, וועלכע ער בעצוועקט. דאס לערנט אונזער פריינד ראבינזאן פון ערפאהרונג, און אזוי ווי ער האט געראטעוועט פון שיפברוך א זייגער, א קאנטא־בוך און טינט און פעדער, הויבט ער באלד אן, אלס עכטער ענגלענדער, צו פיהרען א בוך וועגען זיך אליין. זיין אינווענטאר ענטהאלט א פערצייכענונג פון די געברויך־זאכען, וועלכע ער בעזיצט, די פערשיידענע מלאכות, וואס זיינען נויטיג פאר זייער פרדוקציאן, און ענדליך די ארבייט־צייט, וואס די בעשטימטע סומען פון אט די פערשיידענע פראדוקטען קאסטען איהם דורכשניטליך. אלע בעציהונגען צווישען ראבינזאנ׳ען און די זאכען, וואס שטעלען צונויף זיין אליין־געשאפענעם רייכטום, זיינען דא אזוי איינפאך און קלאר, אז אפילו הער מ. ווירטה וועט זיי קאנען פערשטעהן אהן א בעזונדערע גייסטיגע אנשטרענ־

געלעגענהייט פאלט ער אריין אין דעם אנאכראניזם, וואס ער לאזט די דאזיגע פרימיטיווע פישער און יעגער מאכען זייערע חשבונות וועגען די קאסטען פון זייערע ארבייטס־אינסטרומענטען לויט די פרייז־טאבעלען, וואס זיינען געברויכט געוואָרן אויף דער לאנדאנער בערזע אין יאהר 1817. די „פאראלעלאגראמען פון הערר אווען" זעהט אויס, איז געווען די איינציגע געזעלשאפטס־פארם א חוץ די בורזשואזע פארם, מיט וועלכער ער איז געווען בעקאנט. (קארל מארקס: „צור קריטיק עטצ. ז. 38, 39.)

איז עס געווען נאָר דער אַנאַליז פון די פּרייזען פון סחורות, וואָס האָט געפיהרט צו דער בעשטימונג פון דער גרויס פון ווערטה, נאָר דער געמיינשאַפטליכער געלד־אויסדרוק פון סחורות, וואָס האָט געפיהרט צו דער פעסטשטעלונג פון זייער ווערטה־כאַראַקטער. עס איז אָבער גראָד אָט די פאַרטיגע פאָרם—די געלד־פאָרם—פון דער סחורה־וועלט, וועלכע פערדעקט פאַקטיש אַנשטאָט אויפצודעקען דעם געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער פון די פּריוואַט־אַרבייטען, און ממילא די געזעלשאַפטליכע שייכות׳ן פון די פּריוואַט־פּראָדוצירער. ווען איך זאָג, אַז רעק, שטיוועל א.אַז.וו. שטעהען אין אַ שייכות צו לייווענט אַלס די אַלגעמיינע פערקערפּערונג פון אַבסטראַקטער מענשליכער אַרבייט, וואַרפט זיך דער אונזין פון דעם אויסדרוק אין די אויגען. אָבער ווען די פּראָדוצירער פון רעק, שטיוועל א.אַז.וו. שטעלען די דאָזיגע סחורות אין שייכות צו לייווענט—אָדער צו גאָלד און זילבער, וואָס איז אייגענטליך דיזעלביגע זאַך—אַלס צו אַן אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט, דריקען זיי אויס די שייכות פון זייערע פּריוואַט־אַרבייטען צו דער געזעלשאַפטליכער קאָלעקטיוו־אַרבייט פונקט אין דערזעלביגער אונזיניגער פאָרם.

די גרונד־בעגריפען [קאַטעגאָריען] פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמיע בעשטעהען אַקוראַט פון אָט אַזוינע פאָרמען. זיי זיינען געזעלשאַפטליך־גילטיגע, פאָלגליך אָביעקטיווע, געדאַנקען־פאָרמען, וואָס דריקען אויס די שייכות׳ן פון אָט דעם היסטאָריש בעשטימטען געזעלשאַפטליכען אופן פון פּראָדוקציאָן — די פּראָדוקציאָן פון סחורות. דער גאַנצער מיסטיציזם פון דער סחורה־וועלט. דער גאַנצער כשוף און שדים־שפּיעל, וואָס רינגעלט אַרום די אַרבייט־פּראָדוקטען, ווען זיי נעהמען אָן די פאָרם פון סחורה־פּראָדוקציאָן, פערשווינדט דעריבער אין מאָמענט, ווי נאָר מיר געהען אַריבער צו אַנדערע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען.

אַזוי ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט ליעב ראָבינזאָן־קרוזאָ־מעשיות,[29] איז זאָל ראָבינזאָן ערשיינען פאַר אונז אויף זיין אינזעל.

---

[29] אפילו ריקאַרדאָ קאָן זיך ניט בעגעהן אָהן אַ ראָבינזאָניאַדע. „דעם פּרימיטיווען פישער און פּרימיטיווען יעגער לאָזט ער גלייך, אַלס בעזיצער פון סחורה, אויסטוישען זייערע פיש און ווילדרויב, לויט דער פּראָפּאָרציע פון אַרבייט־צייט, וואָס איז פערקערפּערט אין די דאָזיגע טויש־ווערטהען. ביי דער

געשיכטע פון אלע קולטור־פעלקער.[80] מיר האבען א נעהנטערן ביישפיעל אין די פאטריארכאלישע אינדוסטריען פון א פויערים־פאמיליע, וועלכע פראדוצירט פאר דעם אייגענעם געברויך תבואה, פיה, וואלענס, לייוועגט, קליידער א.אז.וו. אט די פערשיידענע ארטיקלען טרעטען ארויס לגבי דער פאמיליע אלס פערשיידענע פראדוקטען פון איהר ארבייט, אבער בשייכות צו זיך אליין טרעטען זיי ניט ארויס אלס סחורות. די פערשיידענע ארבייטען, וועלכע די דאזיגע פראדוקטען שאפען: ערד־ארבייט, פיה־צוכט, שפינען, וועבען, שניידעריי א.אז.וו. זיינען אין זייער נאטוראל־פארם גע־זעלשאפטליכע פונקציעס, ווארים זיי זיינען פונקציעס פון דער פאמיליע, וועלכע האט איהר אייגענע פון־זיך ענטוויקעלטע צו־טיילונג דער ארבייט, אזוי גוט ווי די סחורה־פראדוקציאן. די פאנאנדערטיילונג פון דער ארבייט אין דער פאמיליע און די רע־גולירונג פון דער ארבייט־צייט פון די איינצעלנע מיטגליעדער הענגען אב פון די אונטערשיידען פון עלטער און געשלעכט, אזוי גוט ווי פון די נאטור־אומשטענדען, וואס ענדערן זיך מיט די צייטען פון יאהר. די פערוועגדונג פון די אינדיווידועלע ארבייט־כחות, וואס ווערן געמאסטען לויט זייער צייט־דויער, קומען דא אבער בעצם פאר אלס א געזעלשאפטליכע בעשטימונג פון די דאזיגע ארבייטען, ווארים די אינדיווידועלע ארבייט־כחות ווירקען דא פון גרונד אויס אלס ארגאנען פון דער קאלעקטיווער ארבייט־קראפט פון דער פאמיליע.

---

[80] „די לעצטע צייט האט זיך פערשפרייט א לעכערליכער פאראורטייל, אז די פארם פון דעם פרימיטיווען קאמונאל־אייגענטום איז א ספעציפיש סלאווישע אדער גאר אן אויסשליסליך רוסישע פארם. זי איז די פרימיטיווע פארם, וועלכע מיר קאנען געפינען ביי די רוימער, גערמאנען און קעלטען, און ביז היינטיגען טאג געפינען זיך נאך פיעלע ביישפיעלען פון דער דאזיגער פארם, הגם טיילווייז אין א חרוב׳ן צושטאנד, אין אינדיען. א גענויער שטודיום פון די אזיאטישע, ספעציעל פון די אינדישע קאמונאלע אייגענטום־פארמען, וואלט בעוויזען ווי פון די פערשיידענע פארמען פון פרימיטיווען קאמונאל־אייגענטום האבען זיך ענטוויקעלט פערשיידענע פארמען פון זיין אונטערגאנג. אזוי צום ביישפיעל קאן מען ארויספיהרען די פערשיידענע אריגינאל־טיפען פון רוימישען און גערמאנישען פריוואט־אייגענטום פון די פערשיידענע פארמען פון דעם אינדישען קאמונאל־אייגענטום.” (קארל מארקס: „צור קריטיק דער פאליטישען עקאנאמיע” ז. 10.)

גונג. און דאָך ענטהאַלטען אָט די בעציהונגען אַלע גרונד־בעשטימונגען פון ווערטה.

לאָמיר זיך איצטער אַריבערקלייבען פון ראָבינזאָן'ס ליכטיגען אינזעל אין דעם פינסטערן אייראָפּעאישען מיטעלאַלטער. אנשטאָט דעם אונאָבהענגיקען מאַן געפינען מיר דאָ יעדען איינעם אָבהענגיק — לייבאייגענע און פּריצים, וואַסאַלען און באַראָנען, עולם'שע מענשען און גלחים. פּערזענליכע אָבהענגיקייט כאַראַקטעריזירט דאָ פּונקט אַזויפיעל די געזעלשאַפטליכע פערהעלטענישען פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, ווי די אַנדערע ספערען פון לעבען, וועלכע זיינען געבויט אויפ'ן באַזיס פון דער דאָזיגער פּראָדוקציאָן. אָבער טאַקע דעריבער ווייל פּערזענליכע אָבהענגיקייט שטעלט צונויף די געגעבענע געזעלשאַפטליכע גרונדלאַגע, זיינען די אַרבייטען און פּראָדוקטען ניט געצוואונגען אָנצונעהמען אַ פאַנטאַסטישע געשטאַלט, וואָס איז פערשיידען פון זייער ווירקליכקייט. זיי נעהמען אָן אין די געזעלשאַפטליכע פערהאַנדלונגען די פאָרם פון נאַטוראַל־דיענסטען און נאַטוראַל־לייסטונגען. די נאַטוראַל־פאָרם פון דער אַרבייט, איהר בעזונדערקייט און ניט איהר אַלגעמיינהייט, ווי אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף סחורה־פּראָדוקציאָן, איז דאָ איהר דירעקטע געזעלשאַפטליכע פאָרם. די צוואַנג־אַרבייט ווערט פּונקט אַזוי געמאָסטען אין צייט, ווי די סחורה־פּראָדוצירענדע אַרבייט; אָבער יעדער לייבאייגענער ווייס, אַז עס איז אַ בעשטימטע סומע פון זיין פּערזענליכער אַרבייטס־קראַפט, וואָס ער גיט אָב אין דיענסט פון זיין הארן. די מעשר וואָס ער דאַרף ברענגען דעם גלח איז מעהר ממשות'דיגקלאָר איידער דעם גלח'ס ברכה. וואָס פאַר אַ מייגונג מען זאָל דעריבער ניט האָבען וועגען די כאַראַקטער־מאַסקען, אין וועלכע די מענשען טרעטען דאָ אַרויס, די געזעלשאַפטליכע פערהעלטענישען צווישען די פּערזאָנען און זייערע אַרבייטען בעווייזען זיך יעדענפאַלס אַלס זייערע אייגענע פּערזענליכע פערהעלטענישען, און זיינען ניט פערקליידט אין דער פאָרם פון געזעלשאַפטליכע פערהעלטענישען צווישען זאַכען, צווישען אַרבייט־פּראָדוקטען.

כדי צו בעטראַכטען געמיינזאַמע אַרבייט, ד.ה. דירעקט פערגעזעלשאַפטליכע אַרבייט, דאַרפען מיר ניט געהן ווייט צוריק צו דער נאַטור־פאָרם, וועלכע מיר טרעפען אָן אויפ'ן שוועל פון דער

דוקציאָן־שייכות בעשטעהט אין פערהאַלטען זיך צו זייערע פּראָ־
דוקטען ווי צו סחורות, ד.ה. צו ווערטהען, און צו בעטראַכטען אין
אָט דער פשוט'ער פאָרם די בעציהונג פון זייערע פּריוואַט־ארבייטען
איינע צו די אנדערע ווי אַ בעציהונג פון גלייכער ארבייט—פאַר
אַזאַ געזעלשאַפט איז דער קריסטענטום מיט זיין קולט פון דעם
אַבסטראַקטען מענשען, ספּעציעל אין זיין בירגערליכער ענטוויקלונג,
אין דעם פּראָטעסטאַנטיזם, דעאיזים א.אז.וו. די הערסט־פּאַסינע
פאָרם פון רעליגיאָן. אין די אַלט־אזיאַטישע און אנדערע אַלטער־
טימליכע אופנים פון פּראָדוקציאָן שפּיעלט די פערוואַנדלונג פון
פּראָדוקטען אין סחורות, און בכן דער קיום פון מענשען אלס אַ
סחורה־פּראָדוצירער, אַ נידעריגערע ראָליע, וועלכע ווערט אָבער
מעהר בעדייטענד, וואָס מעהר די דאָזיגע געזעלשאַפטען דערנעהנ־
טערן זיך צו זייער אונטערגאַנג. אייגענטליכע האַנדעלס־פעלקער
עקזיסטירן נאָר אין די צווישען־רוימען (אינטערמונדיען) פון דער
אַלטער וועלט, ווי עפּיקור'ס געטער, אָדער ווי די אידען אין די
שפּאַלטען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. יענע אַלטע געזעל־
שאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־אָרגאַניזמען זיינען ניט אָן ערך איינ־
פאַכער און קלערער איידער דער בירגערליכער; אָבער זיי זיינען
געבויט ענטוועדער אויף דער אונרייפקייט פון דעם אינדיווידועלען
מענשען, וועלכער האָט זיך נאָך ניט אָבגעריסען פון דעם נאָפּעל־
שנור פון נאַטירליכען מין־צובונד צו אנדערע מענשען, אָדער אויף
די דירעקטע שייכות'ן פון הערשאַפט און קנעכטשאַפט. דער תנאי
פון זייער עקזיסטענץ איז אַ נידעריגע ענטוויקלונגס־שטופע פון די
פּראָדוקטיווע קרעפטען פון דער ארבייט און, ווי עס געהט דערמיט,
איינגעצוימטע שייכות'ן פון מענשען אין די גרעניצען פון זייער
מאַטעריעלען חיונה־שאַפענדען פּראָצעס, ווי ממילא אויך איינע
צו די אנדערע און צו דער נאַטור. אָט די ווירקליכע איינ־
געצוימטקייט שפּיעגעלט זיך ווידער אָב אידעעל אין די אַלטע
נאַטור־ און פאָלקס־רעליגיאָנען. דער רעליגיעזער אָבשיין פון דער
ווירקליכער וועלט קאָן אויף אַלע אופנים פערשווינדען נאָר דאַן,
ווען די שייכות'ן פון דעם פּראַקטישען טעגליכען לעבען וועלען
פאָרשטעלען פאַר'ן מענשען טאָג־טעגליך קלאָרע און פערנינפטיגע
בעציהונגען צו זיינע מיטמענשען און צו דער נאַטור. די געשטאַלט
פון געזעלשאַפטליכען לעבענס־פּראָצעס, דאָס הייסט פון דעם מאַ־

לאָמיר זיך צולעצט, פאַר אַן אָבוועקסלונג, פאָרשטעלען אַ פעראיין פון פרייע מענשען, וועלכע ארבייטען מיט געמיינשאפט־ליכע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פערווענדען זייערע פיעלע אינ־דיווידועלע ארבייטס־קרעפטען בעוואוסטזיניג אלס איין געזעל־שאפטליכע ארבייטס־קראפט. אַלע כאראקטער־שטריכען פון ראָ־בינזאָן קרוזאָ׳ס ארבייט ווידערהאָלען זיך דאָ, נאָר געזעלשאפטליך אנשטאָט אינדיווידועל. ראָבינזאָן׳ס פּראָדוקטען זיינען אַלע געוועזן אויסשליסליך זיין אייגענער פּערזענליכער פּראָדוקט, און דעריבער דירעקטע געברויך־זאכען פאַר איהם. דער קאָלעקטיוו־פּראָדוקט פון דעם פעראיין איז אַ געזעלשאפטליכער פּראָדוקט. איין טייל פון דעם דאָזיגען פּראָדוקט דיענט ווידער אלס פּראָדוקציאָנס־מיטעל. דער טייל בלייבט געזעלשאפטליך. אָבער אנאַדער טייל ווערט פערצעהרט פון די פעראיין־מיטגליעדער אלס לעבענס־מיטעל. דער טייל מוז דעריבער פערטיילט ווערן צווישען זיי. דער אופן פון דער דאָזיגער פערטיילונג וועט זיך בייטען לויט דעם בעזונדערן אופן פון דעם געזעלשאפטליכען פּראָדוקציאָנס־אָרגאניזם און לויט דעם צוגעפּאסטען געשיכטליכען ענטוויקלונגס־גראַד פון די פּראָדוצירער. מיר ווילען זיך משער זיין, אָבער נאָר אלס פאראלעל מיט דער סחורה־פּראָדוקציאָן, אז דער חלק פון יעדען פּראָדוצירער אין די לעבענס־מיטלען ווערט בעשטימט דורך זיין ארבייטס־צייט. די ארבייט־צייט וואָלט אויף דעם אופן שפּיעלען אַ טאָפּעלטע ראָליע. איהר געזעלשאפטליך־פּלאנמעסיגע איינטיילונג רעגולירט די ריכ־טיגע פּראָפּאָרציע צווישען די פערשיידענע ארבייטען, וואָס דארפען געטאָן ווערן, און די פערשיידענע בעדערפענישען. פון דער אנדער זייט דיענט די ארבייט־צייט אלס אַ מאָס פון יעדען פּראָדוצירער׳ס חלק אין דער קהל׳שער ארבייט און דעריבער אויך פון זיין חלק אין דעם קהל׳שען פּראָדוקט, וואָס איז בעשטימט פאַר דעם אינ־דיווידועלען פערברויך. די געזעלשאפטליכע בעציהונגען פון די מענשען צו זייערע ארבייטען און זייערע ארבייטס־פּראָדוקטען זיינען דאָ קלאָר און פשוט בנוגע דער פּראָדוקציאָן, אזוי גוט ווי בנוגע דער דיסטריבוציאָן [פערטיילונג].

די רעליגיעזע וועלט איז ניט מעהר ווי דער אָבגלאנץ (רע־פלעקס) פון דער ווירקליכער וועלט. פאַר אַ געזעלשאפט פון סחורה־פּראָדוצירער, וואו זייער אלגעמיינע געזעלשאפטליכע פּראָ־

און האט ענטדעקט דעם אינהאלט, וואס ליעגט בעהאלטען אין די דאזיגע פארמען. זי האט אבער קיינמאל אפילו די פראגע ניט געשטעלט, ווארום נעהמט אט דער אינהאלט אן יענע פארם, ווארום די ארבייט שטעלט זיך פאר אין דעם ו ו ע ר ט ה פון אן ארבייטס־פראדוקט און די מאס פון ארבייט, לויט איהר צייט־דויער, אין דער גרויס פון דעם ווערטה?[32] פארמולען, אויף

מענשליכער ארבייט. ריקארדא צ.ב.ש. ערקלערט זיך איינפערשטאנדען מיט דעסטוט דע טראסי, וועלכער זאגט: „אזוי ווי עס איז זיכער אז אונזערע פיזישע און מאראלע פעהיגקייטען זיינען אליין אונזערע ערשטע רייכטימער, אזוי איז די אנווענדונג פון די דאזיגע פעהיגקייטען, יעדוועדער סארט ארבייט, אונזער איינציגער אורשפרינגליכער אוצר, און דורך אט דער אנווענדונג ווערען געשאפען די אלע זאכען, וועלכע מיר רופען אן רייכטום.... אויסער דעם איז זיכער, אז אט די אלע זאכען רעפרעזענטירען נאר די ארבייט, וועלכע האט זיי געשאפען, און אויב זיי האבען א ווערטה, אדער ווען זיי האבען אפילו צוויי פערשיידענע ווערטהען, קאנען זיי ארויסברענגען די דאזיגע ווערטהען נאר פון דער ארבייט, פון וועלכער זיי נעהמען זיך.” (ריקארדא, „דהי פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמיע, 3טע אויסגאבע, לאנדאן 1821.) מיר ווילען נאר אנ־ ווייזען, אז ריקארדא האט זיין אייגענעם טיעפערן זין אריינגעלעגט אין דעסטוט'ס ווערטער. דעסטוט זאגט טאקע פון איין זייט, אז אלע זאכען, וועלכע שטעלען צונויף רייכטום, „רעפרעזענטירען די ארבייט, וואס האט זיי געשאפען” פון דער אנדער זייט אבער זאגט ער, אז זיי בעקומען זייערע „צוויי פערשיידענע ווערטהען” (געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה פון „דעם ווערטה פון דער ארבייט.” דערמיט פאלט ער אריין אין דער פלאכקייט פון דער ווולגארער עקאנאמיע, וועלכע זעצט פאראויס דעם ווערטה פון איין סחורה (אין דעם פאל פון ארבייט), כדי דורכדעם צו בעשטימען הינטער־ארום דעם ווערטה פון אנדערע סחורות. ריקארדא לעזט איהם אזוי ווי ער וואלט געזאגט, אז ארבייט (ניט דער ו ו ע ר ט ה פון ארבייט) איז פערקערפערט אין דעם געברויך־ווערטה, אזוי גוט ווי אין דעם טויש־ווערטה. ער, ריקארדא, אליין אבער האלט אזוי ווענינ פון דעם צווייפאכיגען כאראקטער פון דער ארבייט, וועלכע האט א צווייפאכינע פערקערפערונג, אז ער גיט אב דעם גאנצען קאפיטעל: „ווערטה און רייכטום, זייערע אונטערשיידענדע אייגענטימליכקייטען” אויף ארומצושלאגען זיך מיט די אויבערפלעכליכקייטען פון א זש. ב. סעי. צום סוף איז ער דעריבער טאקע גאנץ ערשטוינט, וואס אבוואויל דעסטוט שטימט מיט איהם איין מכח דער ארבייט אלס די קוואל פון ווערטה, האלט ער פון דער אנדער זייט מיט סעי בנוגע דעם בעגריף פון ווערטה.

[32] עס איז איינער פון די גרונד־חסרונות פון דער קלאסישער פאליטישער עקאנאמיע, וואס עס איז איהר קיינמאל ניט געלונגען ארויסצוגעפינען פון דעם אנאליז פון סחורת, און ספעציעל פון דעם סחורה־ווערטה, די פארם פון ווערטה,

טעריעלען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, ציהט ארונטער איהר מיסטישען נעבעל־שלייער נאָר דאַן, ווען זי שטעהט ווי א פּראָדוקט פון פרייע, געזעלשאַפטליך־פעראייניגטע מענשען און אונטער זייער בעוואוסט־זיניגען, פּלאַנמעסיגען קאָנטראָל. דערצו אָבער פאָדערט זיך א מאַ־טעריעלע גרונדלאַגע פון דער געזעלשאַפט, אָדער א גאַנצע רייה פון מאַטעריעלע עקזיסטענץ־בעדינגונגען, וועלכע זיינען אַליין ווידער א נאַטור־געוואַקסענער פּראָדוקט פון א לאַנגער און פּיינליכער ענט־וויקלונגס־געשיכטע.

די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט, אמת טאַקע, אנאַליזירט, ווען אפילו ניט־פּאָלקאָמען,[81] דעם ווערטה און די גרויס פון ווערטה,

---

[81] ווי עס איז שוין אויבען בעמערקט געוואָרן (ז. 79), זאַגט בענ. פראַנקלין „היות ווי מסחר בכלל איז נישט מעהר ווי דער אויסטויש פון איין ארבייט אויף אַנאַנדער ארבייט, ווערט דעריבער דער ווערטה פון אַלע זאַכען אבגעשאַצט אַם ריכטיגסטען אין אַרבייט.״ ביי פראַנקלין קומט אויס פּונקט אזוי נאַטירליך, אז זאַכען האָבען א ווערטה, ווי אז זיי בעזיצען שווערקייט. פון זיין שטאַנד־פּונקט האַנדעלט זיך פּשוט וועגען דעם, אויסצוגעפינען ווי אזוי דער דאָזיגער ווערטה קאָן אבגעמאָסטען ווערען אזוי גענוי ווי מעגליך. ער בעמערקט ניט צומאָל, אז מיט דער בעהויפּטונג, „מען שאַצט דעם ווערטה פון אַלע זאַכען אַם ריכטיגסטען אין אַרבייט״, לאָזט ער אויס פון בעטראַכט דעם אונטערשייד פון די אויסגעטוישטע אַרבייטען און רעדוצירט זיי צו גלייכע מענשליכע אַרבייט. זאָנסט וואָלט ער געמוזט זאָגען: אזוי ווי דער אויסטויש פון שיך און שטיוועל אויף טישען איז מעהר גאָרנישט ווי דער אויסטויש פון שוסטער־אַרבייט אויף טישלער־אַרבייט, מעסט מען דורך דער טישלער־אַרבייט אַם גענויעסטען דעם ווערטה פון שטיוועל! דערמיט וואָס ער געברויכט דאָס וואָרט „אַרבייט״ בכלל, אַבסטראַהירט ער [ער נעהמט ניט אין אנבעטראַכט] דעם ניצליכקייט־כאַראַקטער און די קאָנקרעטע פאָרם פון די פערשיידענע אַרבייטען.

אז ריקאַרדאָ׳ס אנאַליז געהט ניט ווייט גענוג—און זיינער איז שוין דער בעסטער—וועט מען ארויסזעהן אין דעם 3טען און 4טען בוך פון אָט דעם ווערק. וואָס איז נוגע דעם ווערטה בכלל, אונטערשיידט די קלאַסישע פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע אינערגעץ ניט אויסדריקליך און מיט א קלאָרען בעוואוסטזיין די אַרבייט ווי זי שטעלט זיך ארויס אין ווערטה, פון דערזעלביגער אַרבייט אויף ווי ווייט זי שטעלט זיך ארויס אין דעם געברויך־ווערטה פון איהר פּראָדוקט. פּראַקטיש מאַכט זי נאַטירליך דעם אונטערשייד, וואָרים איין מאָל בעטראַכט זי די אַרבייט קוואַנטיטאַטיוו, אַנאַנדערסטמאָל קוואַליטאַטיוו. אָבער עס פעלט איהר גאָרניט איין, אז ווען דער אונטערשייד פון פערשיידענע אַרבייטען ווערט בעטראַכט בלויז קאַוונטיטאַטיוו, ווערט דערמיט פאָראויסגעזעצט איהר קוואַליטאַטיווע איינהייט אָדער גלייכהייט און ווערט אַלזאָ רעדוצירט צו אַבסטראַקט

זיין פאַר פונקט אזא זעלבסטפערשטענדליכע נויטווענדיגקייט, ווי די פּראָדוקטיווע ארבייט גופא. די פאַר־בורזשואזנע פאָרמען פון דעם געזעלשאפטליכען פּראָדוקציאָנס־אָרגאַניזם ווערן דעריבער בע־האנדעלט פון דער בורזשואזיע אַזוי ווי די פאָר־קריסטליכע רעליגיאָנען פון די קירכען־פאַטערס.[38]

[38] „די עקאָנאָמען האנדלען אויף א זאנדערבארען אופן. פאַר זיי עקזיס־טירן נאָר צוויי סאָרטען אינסטיטוציעס, קינסטליכע און נאַטירליכע. די אינ־סטיטוציעס פון פעאָדאליזם זיינען קינסטליכע אינסטיטוציעס, די אינסטיטוציעס פון דער בורזשואזיע זיינען נאַטירליכע. אין דעריין זיינען זיי גלייך ווי די טעאָלאָגען, וועלכע אונטערשיידען אויך צוויי סאָרטען רעליגיאָנען. יעדע רע־ליגיאָן, וואָס איז ניט זייערע, איז אַן ערפינדונג פון מענשען, בעת זייער איינענע רעליגיאָן איז אַן אנטפּלעקונג פון גאָט.... הייסט עס, ס'איז אמאָל געווען א געשיכטע, אבער זי איז שוין מעהר ניטאָ. (קאַרל מאַרקס, „דאָס עלענד דער פילאָזאָפיע”, דייטשע איבערזעצונג, 1892, ז. 104)—באמת קאָמיש איז הערר באַסטיאַ, וועלכער בילדעט זיך איין, אַז די אַלטע גריכען און רוימער האָבען געלעבט נאָר פון רויב. ווען מען לעבט אבער פיעלע יאָהרהונדערטען נאָכאַנאַנד פון רויב מוז דאָך שטענדיג זיין וואָס צו רויבען אָדער דער געגענ־שטאַנד פון רויב מוז זיך נאָכאַנאַנד רעפּראָדוצירן. עס קומט דעריבער אויס, אַז די גריכען און רוימער האָבען אויך געמוזט האָבען א פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, הייסט עס אַן עקאָנאָמיע, וועלכע האָט פונקט אַזוי אויסגעמאַכט די מאַטעריעלע גרונדלאַגע פון זייער וועלט, ווי די בירגערליכע עקאָנאָמיע מאַכט אויס די גרונדלאַגע פון דער היינטיגער וועלט. אָדער מיינט אפשר באַסטיאַ, אַז א פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָס רוהט אויף דער שקלאַווען־ארבייט, רוהט אויף א רויב־סיסטעם? דאַן שטעלט ער זיך אויף א געפעהרליכען באָדען. ווען א ריעזען־דענקער ווי אַריסטאָטעל האָט געהאַט א טעות אין זיין אָבשעצונג פון דער שקלאַווען־ארבייט, וואָרום זאָל א קאַרליק־עקאָנאָם ווי באַסטיאַ האָבען רעכט אין זיין אָבשעצונג פון דער לוין־ארבייט? — איך נעהם מיר דאָ די געלעגענהייט קורץ אָבצוענטפערן אויף אַן איינגעווענדונג, וואָס א דייטשע צייטונג אין אמעריקאַ האָט מיר געמאַכט, בעת עס איז ערשיענען מיין בוך „צור קריטיק דער פּאָלי־טישען עקאָנאָמיע” אין 1859. זי זאָגט: מיין מיינונג, אַז דער בעשטימטער אופן פון פּראָדוקציאָן און די פּראָדוקציאָנס־פערהעלטעניסען, וואָס זיינען יעדעס־מאָל צוגעפּאַסט צו איהם, אין קורצען—אַז „די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט איז דער רעאַלער באַזיס, אויף וועלכען עס בויט זיך אויף א יוריסטישער און פּאָליטישער בנין (איבערבוי) און צו וועלכען עס זיינען צוגעפּאַסט בעשטימטע געזעלשאַפטליכע פאָרמען פון בעוואוסטזיין [פון דענקען];” אַז „דער אופן פון פּראָדוקציאָן פון דעם מאַטעריעלען לעבען בעשטימט (גיט די בעדינגונגן) דעם סאָציאַלען, פּאָליטישען און גייסטיגען לעבענס־פּראָצעס איבערהויפּט”—אַז דאָס אַלעס איז טאַקע ריכטיג פאַר דער היינטיגער וועלט,

וועלכע עס שטעהט אויפגעשריבען אויפ'ן שטערן, אז זיי געהערן צו אַ געזעלשאַפט־צושטאַנד, אין וועלכען דער פּראָדוקציאָנס־פּראָ־צעס בעהערשט די מענשען און דער מענש בעהערשט נאָך ניט דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, גילטען אין זייער בורזשואזנעם בעוואוסט־

וואָס מאַכט איהם פאַר אַ טויש־ווערטה. גראַד איהרע בעסטע פערטרעטער, ווי אַדאַם סמיטה און ריקאַרדאָ, בעהאַנדלען די ווערטה־פאָרם ווי עפּעס וואָס איז גאַנץ גלייכגילטיג, אָדער אויסערליך פון דער נאַטור פון דער סחורה גופא. דער גרונד דערפון איז ניט דאָס אַליין, וואָס זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז פערנומען מיט דעם אַנאַליז פון דער גרויס פון ווערטה. ער ליעגט טיעפער. די ווערטה־פאָרם פון דעם אַרבייטס־פּראָדוקט איז די אַבסטראַקטעסטע אָבער אויך די אַלגעמיינסטע פאָרם פון דעם בורזשואזנעם אופן פון פּראָדוקציאָן, וועלכע שטעמפּעלט איהר אַלס אַ בעזונדער סאָרט געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן און גיט איהר דערמיט אַ ספּעציעלען געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער. ווען מען קוקט אויף איהר דעריבער ווי אויף אַן אייביגער נאַטור־פאָרם פון דער געזעלשאַפט־ליכער פּראָדוקציאָן, פערזעהט מען נויטינערווייז דאָס ספּעציפישע פון דער ווערטה־פאָרם און ממילא אויך פון דער סחורה־פאָרם, און פון איהרע ווייטערע ענטוויקלונגען, די געלד־פאָרם, קאַפּיטאַל־פאָרם א.אז.וו. מען געפינט דעריבער ביי די עקאָנאָמען, וועלכע שטימען דורכאויס איין, אז די אַרבייטס־צייט איז די מאָס פון דער גרויס פון ווערטה, די משונה'דיגסטע און העכסט ווידער־שפּרעכענדיגע פאָרשטעלונגען וועגען געלד, ד.ה. וועגען דער פאַרטיגער געשטאַלט פון דעם אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט. דאָס ווייזט זיך אַרויס זעהר אויפפאַלענד צ.ב.ש. ביי דער בעהאַנדלונג פון דעם באַנקוועזען, וואו מען קאָן ווייט ניט געהן מיט די געוועהנליכע דעפיניציעס פון געלד. אין נעגענזאַץ איז דעריבער אויפגעשטאַנען אַ פון דאָס ניי אויפגעריכטער מערקאַנטיל סיסטעם (גאַנילה א.אז.וו.), וועלכער זעהט אין דעם ווערטה נישט מעהר ווי אַ געזעלשאַפטליכע פאָרם, אָדער ריכטיגער נאָר אַ שיין פון איהר אָהן אַ סובסטאַנץ. — איך וויל דאָ בעמערקען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אז אונטער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פערשטעה איך די גאַנצע עקאָנאָמיע זינט וו. פּעטטי, וועלכע האָט אויסגעפאָרשט דעם אינערליכען צוזאַמענהאַנג פון די בורזשואזע פּראָדוקציאָנס־פערהעלטענישען, אין געגענזאַץ צו דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע, וועלכע דרעהט זיך נאָר אַרום דעם כלומר'שטען צוזאַמענהאַנג און קייעט נאָר איבער יעדעס מאָל ווידער דעם מאַטעריאַל, וואָס די וויסענשאַפטליכע עקאָנאָמיע האָט שוין לאַנג צוגעשטעלט, כדי צו געבען פערשטענדיגע ערקלערונגען פון די גרעבסטע ער־שיינונגען פאַר דעם הויזליכען געברויך פון דער בורזשואזיע, אַזוי צו זאָגען; אין אַלעם איבעריגען בעשרענקט זי זיך אויף דעם, וואָס זי סיסטעמאַטיזירט די אויסגעדראָשענע און זעלבסט־געפעליגע פאָרשטעלונגען פון די בורזשואזנע פּראָדוקציאָנס־אַגענטען וועגען זייער אייגענער בעסטער וועלט, איז טרקדע אויף יעדער קליינינקייט און פּראָקלאַמירט זיי אַלס אייביגע וואַרהייטען.

פאָרם פון נאַטור־זאַכען, וועלכע האָבען זאָנדערבאַרע געזעלשאַפט־ליכע אייגענשאַפטען. און די מאָדערנע עקאָנאָמיע, וועלכע קוקט אַזוי גדלות'דיג פון אויבען אַרונטער אויף דעם מאָנעטאַר־סיסטעם— קאָן מען דען ניט א י ה ר פעטישיזם אָנטאַפּען מיט די הענד, ווי נאָר זי בעהאַנדעלט דאָס קאַפּיטאַל? ווי לאַנג איז עס גאָר זינט די עקאָנאָמיע האָט פערוואָרפען די פיזיאָקראַטישע אילוזיע, אַז די גרונד־רענטע וואַקסט אַרויס פון דער ערד און ניט פון דער געזעלשאַפט?

כדי אָבער ניט צו פערכאַפּען אַפריהער, וועלען מיר זיך בעגנוגענען מיט נאָך איין ביישפּיעל, בנוגע צו דער סחורה־פאָרם גופא. ווען סחורות וואָלטען געקאָנט רעדען, וואָלטען זיי געזאָגט: דעם מענשען, קאָן זיין, אינטערעסירט אונזער געברויך־ווערטה. אונז אָבער אַלס זאַכען געהט ער ניט אָן. וואָס עס געהערט יאָ צו אונז אַלס זאַכען, איז אונזער ווערטה. אונזער אייגענער פער־קעהר אַלס סחורה־זאַכען בעווייזט דאָס. מיר האָבען א שייכות איינע צו די אַנדערע נאָר אַלס טויש־ווערטהען. איצט לאָמיר הערען ווי דער עקאָנאָם רעדט פון דער סחורה־הארץ אַרויס: „ווערטה (טויש־ווערטה) איז די אייגענשאַפט פון זאַכען, רייכטום (געברויך־ווערטה) איז די אייגענשאַפט פון מענשען. ווערטה אין אָט דעם זין שליסט נויטיגערווייז איין דעם אויסטויש, רייכטום—ניט.״ [84] „רייכטום איז אַן אייגענטימליכקייט פון מענשען, ווערטה—אַן אייגענטימליכקייט פון סחורות. אַ מענש אָדער א געמיינדע איז רייך; א פּערל אָדער א דימענט איז ווערטהפול.... אַ פּערל אָדער א דימענט האָט ווערטה אַלס פּערל אָדער דימענט.״ [85] קיין בעמיקער האָט נאָך ביזאהער ניט געפונען קיין טוישווערטה אין א פּערל אָדער א דימענט. די עקאָנאָמישע ענטדעקער פון דער דאָזיגער כעמישער סובסטאַנץ, וועלכע מאַכען א בעזונדער אָנשפּרוך אויף קריטישער טיעפקייט, געפינען אָבער אַז דער געברויך־ווערטה פון זאַכען איז אָבהענגיק פון זייערע זאַכליכע אייגענשאַפטען, בעת פערקעהרט, זייער ווערטה איז א טייל פון זיי אַלס זאַכען. וואָס

---

84 "Observations on some verbal disputes in Political Economy, particularly relating to Value and to Supply and Demand." London 1821, p. 17.

85 S. Bailey: A Critical Dissertation on the Nature etc. of Value, p. 165.

אויף ווי ווייט איין טייל עקאָנאָמען ווערט פערפיהרט פון דעם פעטישיזם, וואָס ליעגט אין דער סחורה־וועלט, אָדער פון דעם אָביעקטיווען שיין פון די געזעלשאַפטליכע כאַראַקטער־שטריכען פון דער ארבייט, בעווייזט צווישען אנדערע דער לאַנגוויילּיגער און צונגעגעסענער ויכוח וועגען דער ראָליע פון דער נאַטור אין דער שאַפונג פון טויש־ווערטה. אַזוי ווי טויש־ווערטה איז אַ בעשטימטע געזעלשאַפטליכע מאַנער אויסצודריקען די סומע ארבייט, וואָס איז פערוואַנדעט געוואָרן אויף אַ זאַך, קאָן ער ניט ענטהאַלטען מעהר נאַטור־שטאָף ווי למשל דער וועקסעל־קורס.

אַזוי ווי די סחורה־פאָרם איז די אַלגעמיינסטע און אונענט־וויקעלטסטע פאָרם פון דער בורזשואזנער פּראָדוקציאָן—וואָס דע־ריבער טרעט זי טאַקע ארויס גאַנץ פריה, הגם ניט אויף דעמ־זעלבען הערשענדען און בכן כאַראַקטעריסטישען אופן ווי היינט צו טאָג—זעהט זיך נאָך איהר פעטיש־כאַראַקטער פערהעלטנים־מעסיג לייכט דורך. ביי מעהר קאָנקרעטע פאָרמען פערשווינדט אפילו אָט דער אויסזעהן פון איינפאַכקייט. פון וואַנען האָבען זיך גענומען די אילוזיעס פון דעם מאָנעטאַר־סיסטעם? דערפון וואָס ער האָט אין גאָלד און זילבער אַלס געלד ניט געזעהן דעם אויסדרוק פון אַ געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָנס־שייכות, נאָר אַ

וואו די מאַטעריעלע אינטערעסען האָבען די אויבער־האַנד, אָבער עס איז ניט ריכטיג, ניט פאַר דעם מיטעלאַלטער, וואו דער קאַטהאָליציזם האָט געהערשט און ניט פאַר אַטהען און רוים, וואו די פּאָליטיק איז געווען די הערשענדע מאַכט. ערשטענס איז עס מאָדנע, וואָס עס פעלט איין מענשען זיך משער צו זיין, אַז אָט די אויסגעדראָשענע פראַזען וועגען דעם מיטעל־אַלטער און דער אַלטער וועלט זיינען פאַר וועמען עס איז נאָך געבליבען אונבעקאַנט. אַזויפיעל איז אָבער קלאָר, אַז דער מיטעלאַלטער האָט ניט געקאָנט לעבען פון דעם קאַטהאָליציזם און די אַלטע וועלט — פון דער פּאָליטיק. פערקעהרט, די אַרט און ווייזע ווי זיי האָבען בעזאָרגט זייער חיונה דערקלערט וואָרום דאָרט האָט די הויפּטראָליע געשפּיעלט דער קאַטהאָליציזם און דאָ די פּאָליטיק. איבעריגענס, פאָדערט זיך גאָר ניט קיין גרויסע בע־קאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון דער רוימישער רעפּובליק, צ.ב.ש., כדי צו וויסען, אַז די געשיכטע פון לאַנד־אייגענטום איז איהר געהיימע געשיכטע. פון דער אַנדער זייט האָט שוין דאָן קיכאָט געקראָגען זיין שטראָף פאַר דעם טעות, וואָס ער האָט געמיינט, אַז די וואַנדערענדע ריטערשאַפט קאָן זיך גלייך פערטראָגען מיט אַלע עקאָנאָמישע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער פּראָצעס פון אויסטויש.

די סחורות קאָנען אליין ניט געהן אין מארק און קאָנען אליין זיך ניט אויסטוישען. מיר מוזען דעריבער אויפזוכען זייערע היטער, די בעזיצער פון די סחורות. סחורות זיינען זאכען און קאָנען דעריבער זיך ניט שטעלען אנטקעגען דעם מענשען. אויב זיי זיינען ניט מרוצה, קאָן ער געברויכען געוואלט; אין אנדערע ווערטער, ער קאָן זיי נעהמען.[87] כדי צו שטעלען די דאָזיגע זאכען אין א שייכות איינע צו די אנדערע אלס סחורות, מוזען די היטער פון די סחורות זיך פערהאלטען איינע צו די אנדערע ווי פּערזאָנען, וואָס זייער ווילען ליעגט אין יענע זאכען, און יעדער איינער, זיך שיידענדיג מיט זיין אייגענער סחורה ווערט דער באַלעבאָס פון דער פרעמדער סחורה נאָר מיט דעם ווילען פון דעם אנדערן, ד.ה. נאָר דורך אן אקט פון ווילען, וואָס געפינט זיך געמיינשאפטליך ביי ביידען. זיי מוזען זיך, הייסט עס, געגענזייטיג אָנערקענען אלס פריוואט־אייגענטימער. אָט די יורידישע שייכות, וואָס דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון א קאָנטראקט, סיי עס איז געזעצליך ענטוויקעלט אָדער ניט, איז א שייכות צווישען ווילענס, אין וועלכער עס שפּיגעלט זיך אָב די עקאָנאָמישע שייכות. דער אינהאלט פון אָט דער יורידישער אָדער ווילען־שייכות ווערט בעשטימט דורך דער עקאָנאָמישער שייכות גופא.[38] די פּערזאָנען

---

[87] אינ'ם 12טען י.ה., וועלכער שמ'ט אזוי מיט זיין פרומקייט, פלעגען אפט פאָרקומען צווישען די דאָזיגע סחורות זעהר צאַרטע זאכען. א פראַנצויזישער דיכטער פון יענער צייט רעכענט אויס צווישען די סחורות, וואָס האָבען זיך איינגעפונען אויפ'ן מארק פון לאנדיט, ווי קליידונג־שטאָפען, לעדער, אַקערבוי־אינסטרומענטען, פעל א.אז.וו. אויך—פרעהליכע מיידלעך.

[38] פּרודאָן שעפּט זיין אידעאל פון אייביגער גערעכטיגקייט פון די יורי־דישע שייכות'ן, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו דער סחורה־פּראָדוקציאָן: וואָס דורכדעם, אגב אורחא בעמערקט, ווערט אויך געליפערט פאַר אלע שפּיזבירגער דער זעהר טרייסטענדער בעווייז, אז די פאָרם פון דער סחורה־פּראָדוקציאָן

עס פערפעסטיגט זיי אין אַט דער מיינונג, איז דער זאָנדערבארער אומשטאַנד, וואָס דער געברויך־ווערטה פון זאכען רעאַליזירט זיך פאַר'ן מענשען אָהן דעם אויסטויש, ד.ה. אין א דירעקטער שייכות צווישען זאך און מענש, בעת איהר ווערטה רעאַליזירט זיך, פערקעהרט, נאָר אין אויסטויש, דאָס הייסט, אין א געזעלשאַפטליכען פּראָצעס. ווער דערמאָנט זיך דאָ ניט אָן אונזער גוטען פריינד דאָגבעררי (אין שעקספּיר'ס „פיעל ליארם איבער גאָרנישט"). וועלכער לערנט דעם נאַכטוועכטער סיקאָל: „זיין א מענש מיט א גוטען אויסזעהן איז א מתנה פון די אומשטענדען, אָבער קענען לעזען און שרייבען—דאָס קומט פון דער נאַטור."[36]

[36] דער פערפאַסער פון די „אבזערוויישאַנס" און ס. ביילי בעשולדיגען ריקאַרדא'ן, אז ער האָט דעם טוישווערטה פערוואַנדעלט פון א רעלאַטיווער זאך אין עפּעס אבסאָלוטעס. דער פאַקט איז פערקעהרט. ער האָט רעדוצירט דאָס אויסזעהן פון רעלאַטיוויטעט, וואָס אַט די זאכען, דימענטען און פּערעל צ.ב.ש., בעזיצען, צו דער ריכטיגער שייכות, וואָס ליעגט פערבאָרגען הינטער דעם דאָזיגען אויסזעהן, צו זייער שייכות אַלס אויסדרוקען פון מענשליכער ארבייט. ווען די ריקאַרדיאַנער האָבען אבגעענטפערט ביילי'ן גראָב אָבער ניט איבערציינענד, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבען ביי ריקאַרדא'ן גופא ניט געקאָנט געפינען קיין דערקלערונג וועגען דעם אינערליכען צוזאַמענהאַנג צווישען ווערטה און ווערטה־פאָרם אָדער טויש־ווערטה.

זי ארויס׳פטר׳ן פאר סחורות, וואס ער קאן הנאה האבען פון זייער געברויך־ווערטה. אלע סחורות זיינען ניט געברויך־ווערטהען פאר זייערע בעזיצער, יא געברויך־ווערטהען פאר זייערע ניט־בעזיצער. פאלגליך מוזען זיי בייטען הענד אויף אלע זייטען. אבער דאס דאזיגע הענד־בייטען איז וואס מאכט זייער אויסטויש, און אט דער אויסטויש זייערער שטעלט זיי אין שייכות איינע צו די אנדערע אלס ווערטהען און רעאליזירט זיי אלס ווערטהען. דערפון קומט אויס, אז סחורות מוזען זיך רעאליזירן אלס ווערטהען, איידער זיי קאנען זיך רעאליזירן אלס געברויך־ווערטהען.

פון דער אנדער זייט מוזען זיי זיך ארויסווייזען אלס געברויך־ווערטהען, איידער זיי קאנען זיך רעאליזירן אלס ווערטהען. ווארים די מענשליכע ארבייט, וואס איז אויף זיי אויסגעגעבען געווארן, רעכענט זיך נאר, אויף ווי ווייט עס איז אויסגעגעבען געווארן אין א פארם, וואס איז ניצליך פאר אנדערע. צי עס א י ז אבער ניצליך פאר אנדערע, צי איהר פראדוקט, הייסט עס, בעפריעדיגט פרעמדע בעדערפענישען—דאס קאן נאר איהר אויסטויש בעווייזען.

יעדער בעזיצער פון סחורה וויל אויסגעבען זיין סחורה נאר פאר אזא אנדערער, וואס איהר געברויך־ווערטה בעפריעדיגט זיין בעדערפעניש. אין דעם ערך איז דער אויסטויש פאר איהם נאר אן אינדיווידועלער פראצעס. פון דער אנדער זייט וויל ער זיין סחורה רעאליזירן אלס ווערטה, ער וויל זי, הייסט עס, רעאליזירן אין א וועלכער עס איז אנדערער סחורה פון דעמזעלבען ווערטה, סיי זיין אייגענע סחורה האט פאר דעם בעזיצער פון דער אנדער סחורה א געברויך־ווערטה, סיי ניט. פון דעם שטאנדפונקט איז דער אויסטויש פאר איהם אן אלגעמיין־געזעלשאפטליכער פראצעס. אבער דערזעלביגער פראצעס קאן אין דערזעלביגער צייט ניט זיין פאר אלע סחורה־בעזיצער אי נאר אינדיווידועל, אי נאר אלגעמיין־געזעלשאפטליך.

דעם סאנדאל אויף עפעס וואס עס פעהלט איהם, למשל אויף עסענווארג, בענוצט דעם סאנדאל אלס א סאנדאל. אבער ניט אין זיין נאטירליכען געברויך־אופן. ווארים ער איז ניט געמאכט געווארן צוליב דעם אויסטויש.״ (אריסטאטעל: „די רעפובליקא״, בוך 1, קאפיטעל 9.)

עקזיסטירן דאָ איינע פאַר די אַנדערע נאָר אַלס פערטרעטער פון סחורה און דעריבער אַלס סחורה־בעזיצער. אין דעם ווייטערן גאַנג פון אונזער פאָרשונג וועלען מיר געפינען בכלל, אַז די עקאָנאָמישע כאַראַקטער־מאַסקען פון די פּערזאָנען זיינען נישט מעהר ווי פּער־זאָניפיקאַציעס פון די עקאָנאָמישע שייכות׳ן, און זיי טרעטען אַרויס איינע אַנטקעגען די אַנדערע אַלס זייערע טרעגער.

וואָס עס אונטערשיידט ספּעציעל דעם סחורה־בעזיצער פון דער סחורה, איז דער אומשטאַנד, וואָס פאַר איהר גילט יעדער אַנדער סחורה־קערפּער נאָר ווי אַ פאָרם, אין וועלכער עס בעווייזט זיך איהר אייגענער ווערטה. ווי אַ געבוירענער אויסגלייכער און ציניקער, איז זי שטענדיג גרייט צו בייטען מיט יעדער אַנדער סחורה, מעג יענע זיין נאָך מעהר אָבשטויסענד אפילו ווי מאַרי־טאָרנע, ניט נאָר די נשמה, נאָר אפילו אויך איהר גוף. דאָס, וואָס עס פעהלט דער סחורה דער חוש פאַר דאָס קאָנקרעטע, איז ממלא דער סחורה־בעזיצער דורך זיינע אייגענע פינף און מעהר חושים. זיין סחורה האָט ניט פאַר זיינע חושים קיין דירעקטען געברויך־ווערטה. זאָנסט וואָלט ער זי ניט געפיהרט אויפ׳ן מאַרק. זי האָט אַ געברויך־ווערטה פאַר אַנדערע. פאַר איהם האָט זי דירעקט נאָר ד ע ם געברויך־ווערטה, וואָס זי טראָגט אין זיך אַ טויש־ווערטה און קאָן במילא זיין אַ טויש־מיטעל.[39] דעריבער וויל ער

איז פּונקט אַזוי אייביג, ווי די גערעכטיגקייט. דאַן וויל ער, פערקעהרט וויעדער, די ווירקליכע סחורה־פּראָדוקציאָן און דעם ווירקליכען רעכט־סיסטעם וואָס איז צוגעפּאַסט צו איהר, איבערמאַכען לויט אָט דעם אידעאַל. וואָס וואָלט מען געדענקט פון אַ כעמיקער, וועלכער וואָלט אַנשטאַט צו שטודירן די ווירקליכע געזעצען פון שטאָף־וועקסעל און אויף זייער באַזיס לייזען בעשטימטע אויפגאַבען, געוואָלט איבערמאַכען דעם שטאָף־וועקסעל דורך די אייביגע אידעען פון „נאַ־טירליכקייט" און „פערוואַנדשאַפט"? צי ווייס מען אַ שטיינער וואָס „וואַכער" איז, ווען מען זאָגט, אַז ער ווידערשפּרעכט די „אייביגע גערעכטיגקייט" און די „אייביגע יושר׳דיגקייט" און די „אייביגע געגענזייטיגקייט" און אַנדערע „אייביגע וואַרהייטען", מעהר וויפיעל די קירכען־פאַטערס האָבען געוואוסט, ווען זיי האָבען געזאָגט, אַז ער ווידערשפּרעכט די „אייביגע גנאַד", דעם „אייביגען גלויבען" און דעם „אייביגען ווילען גאָטעס"?

39 „וואָרים צוויי־פאַכיג איז דער געברויך פון יעדען „גוט".... איינער איז אייגענטימליך צו דער זאַך אַלס אַזעלכע, דער אַנדערער איז ניט: ווי אַ סאַנדאַל (אַ שוך) וואָס דיענט צום טראָגען און קאָן אויך אויסגעטוישט ווערן. ביידע זיינען געברויך־ווערטהען פון דעם סאַנדאַל, וואָרים אפילו דער, וואָס טוישט אוים

אויסטויש־פּראָצעס, אין וועלכען ארבייט־פּראָדוקטען פון פערשיי־דענע סאָרטען ווערן פראקטיש אויסגעגליכען איינע מיט די אנדערע און אויף דעם אופן פאקטיש פערוואנדעלט אין סחורות. די היס־טאָרישע אויסברייטונג און פערטיעפונג פונ'ם אויסטויש ענטוויקעלט דעם געגענזאץ פון געברויך־ווערטה און ווערטה, וואָס ליעגט פערבאָרגען אין דער סחורה־נאטור. די נויט פון דעם קאָמערציעלען פערקעהר צו געבען דעם דאָזיגען געגענזאץ אַן אויסערליכען אויס־דרוק טרייבט איינצופיהרן אַ זעלבשטענדיגע פאָרם פון סחורה־ווערטה, און זי רוהט ניט און ראסט ניט ביז דער צוועק איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל דערגרייכט דורך דער פערטאָפּלונג פון דער סחורה אין סחורה און געלד. אין דעמזעלבען ערך, אלזאַ, וואָס עס קומט פאָר די פערוואנדלונג פון ארבייט־פּראָדוקטען אין סחורות, ווערט דורכגעפיהרט די פערוואנדלונג פון סחורה אין געלד.[40]

דער דירעקטער אויסטויש פון פּראָדוקטען האָט אין איין פּרט די פאָרם פון דעם איינפאכען ווערטה־אויסדרוק, אָבער אין אַנ־אַנדער פּרט האָט ער זי נאָך ניט. יענע פאָרם איז געווען x סחורה $A = y$ סחורה B. די פאָרם פון דעם דירעקטען פּראָדוקטען־אויסטויש איז: x געברויך־זאך $A = y$ געברויך־זאך B.[41] די זאכען A און B זיינען דאָ ניט קיין סחורות איידער דעם אויס־טויש, נאָר זיי ווערן סחורות ערשט דורך איהם. דער ערשטער אופן, אויף וועלכען אַ געברויך־זאך קאָן ווערן אַ טויש־ווערטה, איז ווען זי עקזיסטירט אלס אַ ניט־געברויך־ווערטה, און דאָס איז, ווען זי איז אַן איבערפליסיגער טייל פון עפּעס אַ געברויך־ווערטה,

---

[40] פון דעם קאן מען אורטיילן ווי פיפיג דער קליינבירגערליכער סאָציאַ־ליזם איז, וועלכער וויל פעראייביגען די פּראָדוקציאָן פון סחורות און אין דערזעלבער צייט אבשאפען „דעם געגענזאץ פון געלד און סחורה", דאָס הייסט, דאָס געלד גופא, ווארים עס עקזיסטירט דאך נאָר אין אַט דעם געגענזאץ. פּונקט אַזוי גוט וואלט מען געקאָנט אבשאפען דעם פּויפּסט און לאָזען בלייבען דעם קאטויליציזם. מעהר וועגען דעם ענין קאָן מען געפינען אין מיין בוך „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע", ז. 61 א.וו.

[41] כל זמן אפילו צוויי פערשיידענע זאכען ווערן נאָר ניט אויסגעטוישט, נאָר ווי מיר געפינען עס אָפט ביי די ווילדע, אַ כאאָטישע מאַסע פון זאכען ווערט אַנגעבאָטען אלס עקוויוואלענט פאַר עפּעס אַ דריטער זאַך, שטעהט נאָך דער דירעקטער פּראָדוקציאָנס־אויסטויש גופא ערשט אויף זיין פאָרשטופע.

קוקען מיר זיך נעהענטער צו, זעהען מיר, אַז פּאַר יעדען סחורה־בעזיצער גילט יעדע פרעמדע סחורה אלס אַ ספּעציעלער עקוויוואַלענט פון זיין סחורה, און פאָלגליך איז זיין אייגענע סחורה אַן אַלגעמיינער עקוויוואַלענט פון אַלע אַנדערע סחורות. אַזוי ווי אָבער אַלע סחורה־בעזיצער טהוען דאָסזעלבינע, איז קיין סחורה ניט קיין אַלגעמיינער עקוויוואַלענט, און בכן בעזיצען אויך ניט די סחורות קיין אַלגעמיינע רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם, אין וועלכער זיי זאָלען זיך שטעלען גלייך אַלס ווערטהען און זיך פערגלייכען אין דעו־ גרויס פון זייערע ווערטהען. זיי שטעהען איבערהויפּט ניט איינע לגבי די אַנדערע אלס סחורות, זאָנדערן נאָר אַלס פּראָ־דוקטען אָדער געברויך־ווערטהען.

אין זייער פערלעגענהייט דענקען אונזערע סחורה־בעזיצער ווי פאַוסט: „אים אנפאנג וואר די טהאט.״ איידער זיי האָבען נערעכנעט, האָבען זיי שוין געהאַנדעלט. די געזעצען פון דער סחורה־נאַטור פערווירקליכען זיך אין דעם נאַטור־אינסטינקט פון די סחורה־בעזיצער. זיי קאָנען ברענגען זייערע סחורות אין בעציהונג איינע מיט די אנדערע אלס ווערטהען, און פאָלגליך אַלס סחורות, נאָר ווען זיי ברענגען זיי אין שייכות איינע לגבי די אַנדערע מיט אַ וועלכער עס איז אַנדער סחורה אַלס אַלגעמיינער עקוויוואַלענט. דאָס האָבען מיר געזעהן פון דעם אַנאַליז פון סחורה. אָבער נאָר אַ געזעלשאַפטליכע טהאַט קאָן מאַכען אַ בעשטימטע סחורה פּאַר אַן אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט. דער געזעלשאַפטליכער אַקט פון אַלע אַנדערע סחורות טיילט דעריבער אוים איין בעשטימטע סחורה, אין וועלכער זיי שטעלען אַלע אַרויס זייערע ווערטהען. דורכדעם ווערט די נאַטוראַל־פאָרם פון דער דאָזיגער סחורה די געזעלשאַפט־ליך־גילטיגע עקוויוואַלענט־פאָרם. צו זיין דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט ווערט דורך אָט דעם געזעלשאַפטליכען פּראָצעס די ספּעציפיש־געזעלשאַפטליכע פונקציע פון דער אויסגעטיילטער סחורה. אָט אַזוי ווערט זי — געלט. „די דאָזיגע האָבען איין מיינונג און זיי גיבען זייער כח און מאַכט דער חיה. און קיינער זאָל ניט קאָנען קויפען אָדער פערקויפען, ווער עס האָט ניט דעם שטעמפּעל מיט דעם נאָמען פון דער חיה אָדער מיט דעם גמטריא פון זיין נאָמען.״ (ענטפּלעקונגען פון יאָהאַן).

דער געלד־קריסטאַל איז אַ נויטווענדיגער פּראָדוקט פון דעם

אין דעם דירעקטען פּראָדוקטען־אויסטויש איז יעדע סחורה דירעקט א טויש־מיטעל פאר איהר בעזיצער און אן עקוויוואלענט פאר איהר ניט־בעזיצער, אָבער נאָר אזוי ווייט, ווי זי איז פאר איהם א געברויך־ווערטה. אויף דער שטופע בעקומט נאָך ניט דער טויש־ארטיקעל קיין ווערטה־פאָרם, וועלכע איז ניט אָבהענגיק פון זיין אייגענעם געברויך־ווערטה אָדער פון די אינדיווידועלע בעדערפעניסען פון די אויסטוישער. די נויטווענדיגקייט פון אזא ווערטה־פאָרם ענטוויקעלט זיך מיט דער וואקסענדער צאָהל און פערשיידענקייט פון די סחורות, וואָס טרעטען אריין אין דעם אויס־טויש־פּראָצעס. די אויפגאבע וואקסט אויס צוזאמען מיט די מיטלען פון איהר לייזונג. עס קומט קיינמאָל ניט פאָר קיין מסחר־פערקעהר, דורך וועלכען סחורה־בעזיצער טוישען אויס און פער־גלייכען זייערע אייגענע ארטיקלען אויף פערשיידענע אנדערע אר־טיקלען, אוואו פערשיידענע סחורות פון פערשיידענע סחורה־בע־זיצער ווערן ניט אויסגעטוישט און פערגליכען אלס ווערטה אין דעם דאָזיגען מסחר־פערקעהר מיט איין און דעמזעלביגען דריטען סאָרט סחורה. אזא דריטע סחורה, דערמיט וואָס זי ווערט אן עקוויוואלענט פאר פערשיידענע אנדערע סחורות, בעקומט דירעקט, הגם בלויז אין ענגע גרעניצען, אן אלגעמיינע אָדער געזעלשאפט־ליכע עקוויוואלענט־פאָרם. אָט די אלגעמיינע עקוויוואלענט־פאָרם ענטשטעהט און פערגעהט מיט דעם מאָמענטאנעם געזעלשאפט־ליכען קאָנטאקט, וועלכער האָט זי ארויסגערופען אין לעבען. וויי־לענווייז דריקט זי זיך אמאָל אויס אין איין סחורה, אמאָל אין אנאנדערער. מיט דער ענטוויקלונג אָבער פון דעם סחורה־אויס־טויש בעהעפט זי זיך פעסט צו ספּעציעלע סאָרטען סחורות אויס־שליסליך, אָדער זי קריסטאליזירט זיך אין דער געלד־פאָרם. דער סאָרט סחורה, צו וועלכען זי קלעבט זיך אָן, איז פון אָנפאנג א צופעליגע זאך. דאָך זיינען, בכלל גענומען, פאראן צוויי אומשטענ־דען, וואָס ענטשיידען די זאך. די געלד־פאָרם קלעבט זיך אָן ענטוועדער צו די וויכטיגסטע טויש־ארטיקלען פון דער פרעמד, וועלכע זיינען פאקטיש נאטירליכע ערשיינונג־פאָרמען פון דעם טויש־ווערטה פון די היימישע פּראָדוקטען, אָדער צו דעם געברויך־ארטיקעל, וועלכער מאכט אויס דעם הויפּט־עלעמענט פון דעם היי־מישען בעזיצטום, וואָס לאָזט זיך אָבשפּאָרן פאר פרעמדע, ווי

וועלכען זיין בעזיצער בענוצט פאר זיינע דירעקטע נויטען. זאכען אַן און פאר זיך זיינען דעם מענשען פרעמדע, און קאָנען דעריבער ווערן פערפרעמדט [אריבערגעהן אין פרעמדע הענד]. כדי דאָס דאָזיגע פערפרעמדט ווערן זאָל זיין געגענזייטיג, דארפען די מענשען בשתיקה זיך שטעלען איינע לגבי די אנדערע אלס פריוואט־אייגענ־טימער פון די דאָזיגע זאכען, און במילא אלס פערזאָנען, וואָס זיינען אונאָבהענגיג איינע פון די אנדערע. אזא שייכות פון גע־גענזייטיגער פרעמדקייט [אָדער אונאָבהענגיקייט] עקזיסטירט אָבער ניט פאר די מיטגליעדער פון א פרימיטיווער קאָמונאַל־געזעלשאַפט, סיי זי האָט די פאָרם פון א פאטריארכאַלישער פאמיליע, סיי פון אַן אלט־אינדישער געמיינדע, אָדער פון א אינקא־שטאַאט [אין פערו] א.אז.וו. דער סחורה־אויסטויש פאנגט זיך אָן, וואו די קאָמונאַל־געמיינדען ענדיגען זיך—ביי די פונקטען, וואו זיי קומען אין בעריהרונג מיט פרעמדע קאָמונאַל־געמיינדען אָדער מיט די מיטגליעדער פון פרעמדע געמיינדען. אזוי באלד אָבער ווי זאכען ווערן איינמאָל סחורות אין דעם אויסווערטיגען לעבען פון די געמיינדען, ווערן זיי שוין דאָס אייגענע צוריקווירקענדיג אויך אין דעם אינערליכען געמיינשאַפט־לעבען. די פּראָפּאָרציע, אין וועלכער זיי טוישען זיך אויס, איז פון אָנפאנג א גאנץ צופעליגע. אויס־טוישבאר זיינען זיי דורך דעם געגענזייטיגען ווילען פון זייערע בעזיצער, צו לאָזען זיי אריבערגעהן אין פרעמדע הענד. דערווייליע פערפעסטיגט זיך ביסלעכווייז אלץ מעהר די בעדערפעניש פאר פרעמדע געברויך־זאכען. די שטענדיגע ווידערהאָלונג פון דעם אויסטויש מאכט איהם פאר א רעגעלמעסיגען געזעלשאַפטליכען פּראָצעס. מיט דער צייט מוז דעריבער לכל הפחות איין טייל פון די ארבייט־פּראָדוקטען אבזיכטליך פּראָדוצירט ווערן לשם אויסטויש. פון דעם אויגענבליק אָן פערפעסטיגט זיך פון איין זייט דער חלוק צווישען דער ניצליכקייט פון א זאך פאר דעם דירעקטען בעדארף און איהר ניצליכקייט פאר דעם צוועק פון אויסטויש. איהר געברויך־ווערטה שיידט זיך אָב פון איהר טויש־ווערטה. פון דער אנדער זייט ווערט די קוואנטיטאַטיווע שייכות, ד.ה. די פּראָפּאָרציע, אין וועלכער זיי טוישען זיך אויס, אָבהענגיג פון זייער פּראָדוקציאָן גופא. די געוואוינהייט שטעמפּעלט זיי אלס ווערטהען פון א בעשטימטער גרויס.

פערקערפערונג פון אבסטראקטער, ד.ה. גלייכער מענשליכער ארבייט, קאן זיין נאר אזא מאטעריאל, וואס אלע עקזעמפלארען פון איהם בעזיצען דיזעלבינע גלייכפארמיגע קוואליטעט. פון דער אנדער זייט, אזוי ווי דער אונטערשייד צווישען די פערשיידענע גרויסען פון ווערטהען איז א ריין קוואנטיטאטיווער, מוז אויך די געלד־סחורה זיין בכח ארויסצו־ווייזען ריין־קוואנטיטאטיווע אונטערשיידען, ד.ה. זי מוז זיך לאזען טיילען ווי מען וויל און מוז קאנען צוריק צוזאמענגעשטעלט ווערן פון איהרע טיילען. גאלד און זילבער בעזיצען גראד אט די אייגענשאפטען פון דער נאטור.

דער געברויך־ווערטה פון דער געלד־סחורה פערטאפעלט זיך. א חוץ איהר ספעציעלען געברויך־ווערטה אלס סחורה, ווי צ.ב.ש. גאלד דיענט צו פערפלאמבירן געלעכערטע צייהן אדער אלס רויה־מאטעריאל פון לוקסוס־ארטיקלען, בעקומט זי נאך א פארמאלען געברויך־ווערטה, וואס נעהמט זיך פון איהרע ספעציפישע געזעלשאפטליכע פונקציאנען.

אזוי ווי אלע אנדערע סחורות זיינען נאר בעזונדערע עקוויוואלענטען פון דעם געלד און דאס געלד איז זייער אלגעמיינער עקוויוואלענט, פערהאלטען זיי זיך אלס בעזונדערע סחורות צום געלד ווי צו אן אלגעמיינע סחורה [44]

מיר האבען געזעהן, אז די געלד־פארם איז נאר דער אב־גלאנץ פון די בעציהונגען פון אלע אנדערע סחורות, וואס האלט זיך פעסט אן איין בעשטימטער סחורה. אז געלד איז א סחורה, [45]

---

[44] „דאס געלד איז די אלגעמיינע סחורה.“ (ווערי, „מעדיטאציאני סוללא עקאנאמיא פאליטיקא“, ז. 16.)

[45] „זילבער און גאלד פאר זיך, וועלכע מיר קאנען בעצייכענען מיט דעם אלגעמיינעם נאמען ערעל־מעטאלען, זיינען.... סחורות....., וואס שטייגען אדער פאלען אין ווערטה. מען קאן דאן רעכענען, אז דער ערעל־מעטאל האט א העכערן ווערטה, ווען א קלענערעס געוויכט פון איהם ווערט אויסגעטוישט אויף א גרעסערער מאסע פון די לאנדווירטשאפטליכע אדער אינדוסטריעלע פראדוקטען פון א לאנד א.ז.וו. („א דיסקארס און דחי דזשענעראל נאשיאנס און מאני עטצ.“ ביי א מערטשאנט, לאנדאן 1695, ז. 7.) „ווען אפילו גאלד און זילבער, געמינצט אדער ניט געמינצט, ווערן געברויכט אלס א מאסשטאב פאר אלע אנדערע זאכען, זיינען זיי פונדעסטוועגען ניט ווייניגער א סחורה, ווי ווין, אויל, טאבאק, קליידער אדער צייג.“ (א דיסקארס קאנסערנינג טרייד עטצ.“ לאנדאן, 1690 ז. 2) „אלס פערמעגען און רייכטום פונ'ם קיניגרייך

צ.ב.ש. פיה. נאָמאַדען־פעלקער ענטוויקלען פריהער איידער אַנ־דערע די געלד־פאָרם, ווייל גאָר זייער האָב און גוטס געפינט זיך אין אַ בעוועגליכער און דעריבער אין אַ דירעקטער איבערגעבליכער פאָרם, און אויך ווייל זייער אופן פון לעבען ברענגט זיי שטענדיג אין בעריהרונג מיט פרעמדע געמיינדען און רופט דעריבער ארויס דעם אויסטויש פון פראָדוקטען. מענשען האָבען אָפט געמאַכט דעם מענשען אליין, אין דער פאָרם פון אַ שקלאַף, פאַר דעם אור־שפּרינגליכען געלד־מאַטעריאַל, אָבער קיינמאָל ניט דעם גרונד און באָדען. אַזאַ אידעע האָט נאָר געקאָנט ארויסקומען אין דער שוין ענטוויקעלטער בורזשואַזנער געזעלשאַפט. זי דאַטירט פון דעם לעצטען דריטעל פון 17טען יאָהרהונדערט, און די ערשטע פּראָבע זי דורכצופיהרען אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב איז ערשט גע־מאַכט געוואָרן אַ הונדערט יאָהר שפּעטער, אין דער פראַנצויזישער בירגערליכער רעוואָלוציע.

אין דעם זעלבען ערך, וואָס דער סחורה־אויסטויש צערדייסט זיינע בלויז לאָקאַלע בענדער און דער ווערטה פון סחורות ברייטערט זיך פאָלגליך אויס אין דער פערקערפערונג פון מענשליכער ארבייט בכלל, נעהמט די געלד־פאָרם אריבער אויף אַזוינע סחורות, וועלכע זיינען פון דער נאַטור צוגעפּאַסט פאַר דער געזעלשאַפטליכער פונקציע פון אַן אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט,—אויף די עדעלע מע־טאַלען.

דער זאַץ: „הגם גאָלד און זילבער זיינען פון דער נאַטור ניט קיין געלד, איז אָבער געלד פון דער נאַטור גאָלד און זילבער", [42] צייגט די צוגעפּאַסטקייט פון זייערע פיזישע אייגענשאַפטען צו די פונקציעס פון געלד.[43] ביזאהער אָבער ווייסען מיר נאָר פון איין פונקציע פון געלד, צו דיענען אַלס די ערשיינונג־פאָרם פון דעם סחורה־ווערטה אָדער אַלס דער מאַטעריאַל, אין וועלכען די גרויס פונ'ם ווערטה פון סחורות דריקען זיך געזעלשאַפטליך אויס. אַ ריכטיג־פּאַסענדע ערשיינונג־פאָרם פון ווערטה אָדער פון דער

---

[42] קאַרל מאַרקס. „צור קריטיק דער פּאָלאַטישען עקאָנאָמיע", ז. 135. „די ווערטהפולע מעטאַלען.... זיינען פון דער נאַטור אויס געלד."

[43] וועגען מעהר איינצעלהייטען פון דעם ענין זעה מיין אָפּאַרשט דער־מאָנטען ווערק, דעם קאַפּיטעל „די עדעלע מעטאַלען".

שאַפטליכע כאַראַקטערן, וואָס די זאַכען נעהמען אָן, אָדער די מאַטעריעלע כאַראַקטערן, וואָס די געזעלשאַפטליכע בעשטימונגען פון דער אַרבייט נעהמען אָן אויפ'ן יסוד פון אַ בעשטימטען אופן פון פּראָדוקציאָן, פאַר בלויזע צייכענס, דערקלערט מען זיי דערמיט אין דערזעלביגער צייט פאַר אייגענווילליגע פּראָדוקטען פון דעם מענשען'ס נאָכדענקען, וואָס זיינען סאַנקציאָנירט דורך דער אַזוי־צו־זאָגען אַלגעמיינער צושטימונג פון דער מענשהייט. דאָס איז געווען די בעליעבטע אויפקלערונגס־מעטאָדע פון 18טען י.ה., כדי אַראָבצורייסען וועניגסטענס פאַר דער ווייַלע דעם שלייער פון פרעמדקייט פון די רעטזעלהאַפטע געשטאַלטען פון די מענשליכע שייכות'ן, וועמעס ענטשטעהונגס־פּראָצעס מען האָט נאָך ניט גע־

זי.״ (מאָנטעסקיו, „עספּרי דע לואַ״, לאָנדאָן ב. II, ז. 2) „דאָס געלד איז ניט בלויז אַ צייכען, וואָרים עס איז אַליין רייכטום; עס פערטרעט ניט די ווערטהען, עס איז אַליין אַ ווערטה״ (לע טראָן, „דע ל'אינטערע סאָסיאַל״, ז. 910) „בעטראַכט מען דעם בעגריף פון ווערטה, דאַן קוקט מען אויף דער זאַך אַליין נאָר ווי אויף אַ צייכען, און זי גילט ניט פאַר דאָס וואָס זי איז, נאָר פאַר דאָס, וואָס זי איז ווערטה״ (העגעל, „פילאָסאָפיע דעם רעכטעס״, ז. 100.) אַ צייט פריהער פאַר די עקאָנאָמען האָבען די יוריסטען אַריינגעבראַכט די אידעע, אַז געלד איז בלויז אַ צייכען און דער ווערטה פון די עדעלע מעטאַלען איז נאָר אַן איינגעבילדעטער. זיי האָבען עס געטאָן אין זייער לאַקייען־דיענסט צו דער קעניגליכער מאַכט, שטיצענדיג זייער רעכט צו פעלשען די מינץ אין דער גאַנצער צייט פון מיטעלאַלטער אויף די טראַדיציעס פון דער רוימישער אימ־פּעריע און די געלד־בעגריפען פון די פּאַנדעקטען [דער שלחן ערוך פון רוימישען ציוויל־געזעץ]. קיינער קאָן ניט און טאָר ניט שטעלען אין ספק״, זאָגט זייער בעפאָלגטער שילער פיליפּ פאָן וואַלאַי [אַלס קעניג פון פראַנקרייך פיליפּ דער זעקסטער] אין אַ דעקרעט פון יאָהר 1346, „אַז אונז און אונזער קעניגליכער מאַיעסטעט אַליין געהערט.... דאָס געשעפט, די גיסונג, דער צושטאַנד, דער פּאָררעטה און יעדע פעראָרדנונג פון די מינצען צו לאָזען זיי אין צירקולאַציע און צו בעשטימען זייער ווערטה, ווי עס געפעלט אונז און ווי מיר האַלטען פאַר גוט.״ עס איז געווען אַ רוימיש געזעץ־דאָגמע אַז דער קייזער דעקרעטירט דעם ווערטה פון געלד. עס איז געווען אויסדריקליך פערבאָטען צו בעהאַנדלען דאָס געלד ווי אַ סחורה. „עס זאָל קיינעם ניט ערלויבט זיין צו האַנדלען מיט געלד, וואָרים דאָס וואָס עס איז בעשטימט פאַר דעם עפענטליכען געברויך, טאָר ניט ווערן קיין סחורה.״ אַ גוטע אויפקלערונג וועגען דעם פּונקט קאָן מען געפינען ביי ג. פ. פּאַגניני, אין קוסטאָדי'ס זאַמלונג, פּאַרטע מאָדערנאַ, באַנד II. ספּעציעל אין דעם צווייטען טייל פון דעם ווערק פּאָלעמיזירט פּאַגניני אַנטקעגען די הערען יוריסטען.

איז דעריבער נאָר אַן ענטדעקונג פאַר די, וועלכע פאַנגען אָן פון זיין פאַרטיגער געשטאַלט, כדי צו אַנאַליזירן די סחורה דערנאָך. דער אויסטויש־פּראָצעס גיט דער סחורה, וועלכע ער פערוואַנדעלט אין געלד, ניט איהר ווערטה, נאָר איהר בעזונדערע ווערטה־פאָרם. דאָס צונויפמישען פון אָט דיביידע בעזונדערע בעגריפען האָט געפיהרט דערצו, מען זאָל האַלטען דעם ווערטה פון גאָלד און זילבער פאַר איין איינבילדונג.[46] דער פאַקט וויעדער, וואָס פאַר בעשטימטע פונקציעס קאָן אַנשטאָט דעם געלד בענוצט ווערן בלויזע צייכענס פון איהם, האָט געפיהרט צו דעם אַנדער טעות, אַז געלד איז בלויז אַ צייכען. פון דער אַנדער זייט איז אין דעם טעות געלעגען דער געדאַנק, אַז די געלד־פאָרם פון אַ זאַך איז דער זאַך אַליין פרעמד און אויסערליך, און עס איז ניט מעהר ווי אַ פאָרם, אין וועלכער עס ווייזען זיך אַרויס די מענשליכע שייכות׳ן, וואָס שטעקען הינטער דעם. אין דעם זין וואָלט מען געקאָנט זאָגען, אַז יעדע סחורה איז נישט מעהר ווי אַ צייכען, אַ סימבאָל, ווייל אויף וויפיעל זי איז אַ ווערטה, איז זי נישט מעהר ווי די מאַטע־ריעלע שאָהל פון דער מענשליכער אַרבייט, וואָס איז אויף איהר אויסגעגעבען געוואָרן.[47] אויב אָבער מען דערקלערט די געזעל־

(ענגלאַנדס) קאָן מען אין ריכטיגען זין ניט בעטראַכטען דאָס גאָלד אַליין, אויך קאָן מען נים אוועקנעהמען פון גאָלד און זילבער זייער כאַראַקטער אַלס סחורות.״ (דהי איסט אינדיע טרייד״, לאָנדאָן 1677, ז. 4.)

[46] „גאָלד און זילבער האָבען זייער ווערטה אַלס מעטאַלען, נאָך איידער זיי זיינען געוואָרן געלד.״ (גאַליאַני, „דעללא מאָנעטאַ״.) לאָקע זאָגט: די אַלגעמיינע איינשטימונג פון די מענשען האָט צוגעגעבען דעם זילבער, מחמת זיינע מעלות וואָס מאַכען איהם פּאַסיג אַלס געלד, אַן איינגעבילדעטען ווערטה.״ לאָו, פערקעהרט, זאָגט: ווי אַזוי וואָלטען פערשיידענע פעלקער געקאָנט אַ וועלכער עס איז זאַך געבען אַן איינגעבילדעטען ווערט.... אָדער ווי אַזוי וואָלט אָט דער אײנגעבילדעטער ווערטה זיך געקאָנט אויפהאַלטען? ווי ווייניג אָבער ער האָט אַליין פערשטאַנען וועגען דער זאַך, קאָן מען זעהן פון דאָס, וואָס ער זאָגט ווייטער: דאָס זילבער טוישט זיך אויס לויט דעם געברויך־ווערטה, וואָס ער האָט, הייסט עס, לויט זיין ווירקליכען ווערטה, דורך זיין פונקציע אַלס געלד בעקומט עס אַ צוגעגעבענעם ווערטה.״ (זשאָן לאָו „קאָנסי־דעראַסיאָן סיר לע נומערער ע לע קאָממערס״.)

[47] „דאָס געלד איז דער צייכען פאַר סחורות״ (דע פאָרגאָנע „עלעמענט די קאָממערס״, 1766, ב II, ז. 143) „אַלס צייכען ווערט עס אַרויסגעצויגען פון די סחורות״ (דאָרט, ז. 155) „דאָס געלד איז אַ צייכען פאַר אַ זאַך און עס פערטרעט

גרייפען אז געלד איז סחורה, נאָר אויסצוגעפינען ווי אזוי, וואָרום און דורך וועלכע מעטאַלען א סחורה ווערט געלד.[49]

מיר האָבען שוין געזעהן, אין דעם איינפאַכסטען ווערטה־אויסדרוק, x סחורה A = y סחורה B, אז די זאַך, אין וועלכער די גרויס פון דעם ווערטה פון אַנאַנדער זאַך ווערט פאָרגעשטעלט, שיינט צו בעזיצען איהר עקוויוואַלענט־פאָרם אלס א געזעלשאַפט־ליכע נאַטור־אייגענשאַפט, אונאָבהענגיק פון דער דאָזיגער שייכות פון די אַנדערע סחורות צו איהר. מיר האָבען נאָכגעפאָלגט די בעפעסטיגונג פון אָט דעם פאַלשען שיין. ער ווערט פאָלשטענדיג, אזויבאַלד ווי די אַלגעמיינע עקוויוואַלענט־פאָרם ווערט צונויפגע־וואַקסען מיט דער נאַטוראַל־פאָרם פון א בעשטימטען סאָרט סחורה אָדער ווערט קריסטאַליזירט אין דער געלד־פאָרם. וואָס עס קומט פאָר איז ניט, אז א סחורה ווערט ערשט דעריבער געלד, ווייל די אַנדערע סחורות שטעלען אַלע פאָר זייערע ווערטהען אין איהר, נאָר פערקעהרט, זיי אַלע שטעלען פאָר זייערע ווערטהען אין איהר, ווייל זי איז געלד. די צווישען־טריט פון דעם פּראָצעס פערשווינדען אין דעם רעזולטאַט און לאָזען ניט איבער קיין שפור הינטער זיך. די סחורות געפינען זייער ווערטה־געשטאַלט פאַרטיג פאָרגעשטעלט

---

[49] נאָכדעם ווי דער הערר פּראָפעסאָר ראָשער קלערט אונז אויף, אז „די פאַלשע דעפיניציאָנען פון געלד לאָזען זיך איינטיילען אין צוויי הויפּט־גרופּען: אין אזוינע, וואָס האַלטען עס פאַר מעהר איידער א סחורה און אין אַנדערע, וואָס האַלטען עס פאַר וועניגער איידער א סחורה", גיט ער אונז א לאַנגען און פערפלאָנטערטען קאַטאַלאָג פון שריפטען איבער דעם עצם פון געלד, דורך וועלכען עס זעהט זיך ניט אז ער זאָל האָבען אפילו די קלענסטע אידעע פון דער ווירק־ליכער געשיכטע פון דער טעאָריע, און דאַן די פאָלגענדע מאָראַל: „איבעריגענס קאָן מען ניט לייקענען, אז די מייסטע נייערע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען האָבען ניט גענוג געהאַלטען אין אויג די אייגענטימליכקייטען, וועלכע אונטערשיידען דאָס געלד פון אַנדערע סחורות (אַלזאָ דאָך מעהר אָדער וועניגער אלס סחורה?) אויף אזוי ווייט איז די האַלב־מערקאַנטיליסטישע רעאַקציע פון גאַנילה א.א. ניט איינגאַנצען אונבעגרינדעט." (ווילהעלם ראָשער, די גרונדלאַגען דער נאַציאָ־נאַל־עקאָנאָמיע, 3טע אויפלאַגע, 1858, ז. 207 ביז 210). מעהר—וועניגער—ניט גענוג—אויף אזוי ווייט—ניט איינגאַנצען! וואָס פאַר א קלאָרע בעגריף־בעשטי־מונגען! און אזוינע עקלעקטישע פּראָפעסאָרישע קוואַטשעריי ניט הערר ראָשער עניוות׳דיג דעם נאָמען „די אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישע מעטאָדע" פון דער פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע! פאַר איין ענטדעקונג אבער מוז מען איהם געבען קרעדיט און דאָס איז, וואָס ער רופט אז דאָס געלד „איז אַנגענעהמע סחורה."

קאנט דערקלערן. אזוי ווי מען האט נאך ניט געוואוסט ווי אויס־צורעקענען דעם אורשפרונג און די ענטוויקלונג פון די רעטזעלהאפטע פארמען פון די געזעלשאפטליכע שייכות'ן, האט מען געזוכט אוועק־צונעהמען פון זיי דעם וואונדערבארען כאראקטער דורכדעם, וואס מען האט דערקלערט, אז זיי זיינען א מענשליכע ערפינדונג, ניט עפעס וואס איז פון הימעל ארונטערגעפאלען.

עס איז שוין פריהער בעמערקט געווארן, אז די עקוויוואלענט־פארם פון א סחורה שליסט ניט איין די קוואנטיטאטיווע בעשטי־מונג פון דער גרויס פון איהר ווערטה. ווען מען וויים, אז גאלד איז געלד און קאן פאלגליך דירעקט אויסגעטוישט ווערן אויף אלע אנדערע סחורות, ווייס מען נאך פונדעסטוועגען ניט, וויפיעל צ.ב.ש. 10 פונט גאלד איז ווערטה. אזוי ווי יעדע אנדערע סחורה, אזוי קאן דאס גאלד אויסדריקען די גרויס פון זיין אייגענעם ווערטה נאר רעלאטיוו אין אנדערע סחורות. זיין אייגענער ווערטה איז בעשטימט דורך דער ארבייט־צייט, וואס פארערט זיך צו זיין פראָ־דוקציאן, און דריקט זיך אויס אין דער סומע פון יעדער אנדער סחורה, אין וועלכער עס איז אריינגעטאן געווארן פונקט אזויפיעל ארבייט־צייט.[48] אט די בעשטימונג פון דער רעלאטיווער גרויס פון זיין ווערטה קומט פאר אויפ'ן ארט וואו עס ווערט פראדוצירט אין דירעקטען טויש־האנדעל. ווען עס טרעט אריין אין צירקולאציע אלס געלד, איז זיין ווערטה שוין א בעשטימטער. אין די לעצטע יאהר־צענדטען פונ'ם 17טען י.ה. איז שוין בעוויזען געווארן, אז געלד איז א סחורה, אבער דאס איז נאר געווען דער אנפאנג פון דעם געלד־אנאליז. די שוועריגקייט ליעגט ניט אין דעם, צו בע־

[48] „ווען א מענש קאן ברענגען אין לאנדאן אן אונץ זילבער פון די מינען פון פערו אין דערזעלבינער צייט, וואס עס דארף איהם נעהמען צו פראדוצירן א בושעל קארן, דאן איז איין זאך דער נאטירליכער פרייז פאר דער אנדער זאך; אויב אבער ער קאן אין נייע אדער לייכטערע מינען ארויסבעקומען צוויי אונצען זילבער אזוי גרינג ווי ער האט פריהער בעקומען איין אונץ, דאן וועט דער בושעל קארן זיין פונקט אזוי ביליג פאר דעם פרייז פון 10 שילינג, ווי ער איז געווען פריהער פאר 5 שילינג—ווען אלע אנדערע אומשטענדען בלייבען דיזעלבינע.‟ (וויליאם פעטטי, „א טריטיז און טאקסעס אנד קאנטריבושאנס‟, לאנדאן 1667, ז. 21.)

דריטער קאַפּיטעל.

דאָס געלד אָדער די צירקולאַציע פון סחורות.

1. די מאָס פון די ווערטהען.

כדי צו פעראיינפאַכען די זאַך, נעהם איך אומעטום אין דעם ווערק אָן גאָלד אלס די געלד־סחורה.

די ערשטע פונקציע פון גאָלד בעשטעהט דעריין, צו געבען דער סחורה־וועלט דעם מאַטעריאַל פאַר איהר אויסדרוק פון ווערטה, ד. ה. אויסצודריקען די סחורה־ווערטהען אלס איינגנאָמענדיגע גרויסען, וואָס זיינען קוואַליטאַטיוו גלייכע און קוואַנטיטאַטיוו פערגלייכבארע. אָט אזוי פונקציאָנירט עס אלס אַן אלגעמיינע מאָס פון ווערטהען, און נאָר דורך אָט דער פונקציע ווערט גאָלד, די ספּעציפישע עקוויוואַלענט־סחורה, צוערשט געלד.

עס איז ניט דאָס געלד, וואָס מאַכט די סחורות קאָמענזוראַבעל [מען זאָל זיי קאָנען מעסטען מיט דער זעלבער מאָס]. פערקעהרט, ווייל אלע סחורות זיינען אלס ווערטהען פערקערפּערטע מענשליכע ארבייט, און בכן אַן און פאַר זיך קאָמענזוראַבעל, קאָנען זיי מעסטען זייערע ווערטהען געמיינשאַפטליך אין דערזעלביגער ספּעציפישער סחורה און דורכדעם פערוואַנדלען די דאָזיגע סחורה אין איהר געמיינשאַפטליכער ווערטה־מאָס אָדער געלד. געלד אלס מאָס פון ווערטה איז די נויטווענדיגע פאָרם, אין וועלכער די אימאַנענטע ווערטה־מאָס פון סחורות, די אַרבייט־צייט, ווייזט זיך ארויס.[50]

---

[60] די פראַגע, ווארום דאָס געלד גופא שטעלט ניט פאַר מיט זיך דירעקט אַרבייט־צייט, אזוי אז א פּאַפּיר־נאָטע צ.ב.ש. זאָל פאָרשטעלען אז ערך צוויי אַרבייט־שטונדען, איז אין עצם דאָס אייגענע ווי די פראַגע, ווארום איז א געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף דעם יסוד פון סחורה־פּראָדוקציאָן, מוזען די אַרבייט־פּראָדוקטען אננעהמען די פאָרם פון סחורות? עס איז קלאָר, אז זייער אננעהמען די פאָרם פון סחורות שליסט ממילא איין זייער פערטאָפּלונג אין סחורה און געלד־סחורה. אָדער, ווארום קאָן ניט די פּריוואַט־אַרבייט קעהאַנדעלט

אין אַ סחורה־קערפּער, וועלכער עקזיסטירט אויסער און נעבען זיי. אָט די זאַכען, גאָלד און זילבער, ווי זיי קומען נאָר ארויס פון די אינגעווייד פון דער ערד, זיינען שוין גלייך די דירעקטע פערקערפּערונג פון אַלע מענשליכע ארבייטען. דערפון נעהמט זיך דער כשוף פון געלד. דער פאַקט, וואָס די מענשען פיהרן זיך אויף יעדערער ווי אַ בעזונדער אטאָם אין זייער געזעלשאַפטליכען פּראָצעס פון פּראָדוקציאָן, און דאָס וואָס זייערע שייכות׳ן איינע צו די אנדערע אין דער פּראָדוקציאָן נעהמען אָן אַ מאַטעריעלען כאַראַקטער, וועלכער איז אונאָבהענגיג פון זייער קאָנטראָל און פון זייערע בעוואוסטזיניגע אינדיווידועלע האַנדלונגען, בעווייזען זיך צוערשט אין דעם, וואָס זייערע ארבייט־פּראָדוקטען נעהמען אָן אין אַלגעמיין די פאָרם פון סחורות. דאָס רעטעניש פון דעם געלד־פעטיש איז דעריבער נישט מעהר ווי דאָס קלאָר־געוואָרענע, אויגען־בלענדענדע רעטעניש פון דעם סחורה־פעטיש.

דאָס געלד זיך בעציהען אויף זיך אליין, ווי אויף זיין אייגענעם עקוויוואלענט.

דער פרייז אָדער די געלד־פאָרם פון סחורות, אזוי ווי זייער ווערטה־פאָרם איבערהויפּט, איז א פאָרם וואָס אונטערשיידט זיך פון זייער ממשות׳דיגער, רעעלער קערפּער־פאָרם; עס איז אלזאָ א ריין אידעעלע אָדער פאָרגעשטעלטע פאָרם. דער ווערטה פון אייזען, לייוועגט, ווייץ א.אז.וו. עקזיסטירט, הגם ער זעהט זיך ניט אָן, אין די דאָזיגע זאכען גופא; ער ווערט פּאָר־געשטעלט דורך זייער גלייכהייט מיט גאָלד—א שייכות צו גאָלד, וועלכע טרייבט זיך ארום, אזוי צו זאָגען, נאָר ביי זיי אין קאָפּ. דער סחורה־היטער [דער בעל־הבית] מוז דעריבער ארייג־שטעקען זיין צונג זיי אין מויל, אָדער אָנהענגען אויף זיי פאפיר־צעטלעך, כדי צו לאָזען וויסען זייער פרייז פאר דער וועלט.[61] אַזוי ווי דער אויסדרוק פון די סחורה־ווערטהען אין גאָלד איז נאָר אידעעל [במחשבה], קאָן אָנגעווענדט ווערן פאר דער דאָזיגער אָפּע־ראציאָן אויך נאָר פאָרגעשטעלטעס אָדער אידעעלעס גאָלד. יעדער סחורה־הענדלער וויים, אז ער האָט נאָך לאנג ניט געמאכט זיין סחורה צו גאָלד, ווען ער האָט איהר ווערטה געגעבען די פאָרם פון א פרייז אָדער א פאָרגעשטעלטע גאָלד־פאָרם, און ער ווייס אויך,

[61] דער ווילדער אָדער דער האלב־ציוויליזירטער געברויכט זיין צונג אויף אנאנדער אופן. קאפּיטאַן פּאררי דערצעהלט צ.ב.ש. וועגען די איינוואוינער פון דעם מעריב ברעג פון באפפינ׳ס ביי, אז „אין דעם פאל (ביים פּראָדוקטען־אויסטויש) האָבען זיי עס בעלעקט (די סחורה, וואָס מען האָט זיי אָנגעבאָטען) צוויי מאל מיט דער צונג; דערמיט האָבען זיי, ווי עס שיינט, געגעבען צו פערשטעהן, אז דאָס געשעפט איז אָבגעשלאָסען צו זייער צופריעדענהייט.” אזוי אויך ביי די מזרח־עסקימאָזען, זיי בעלעקען יעדעסמאָל דאָס ארטיקעל, וואָס זיי נעהמען אָן אין אויסטויש. אויב די צונג דיענט אין די צפון־לענדער אלס דער ארגאַן פון אָנאייגענונג, איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער בויך גילט אין די דרום־לענדער אלס דער ארגאַן פון אָנגעזאַמעלטען רייכטום: דער קאפפער שעצט דעם רייכטום פון א מענשען נאָכ׳ן פעטען בויך. אז די קאפפערן פערשטעהן אַן עסק, קאָן מען זעהן פון דעם, וואָס בעת דער אָפיציעלער בריטישער געזונדהייטס־בעריכט פון 1864 בעקלאָגט דעם מאַנגעל אין פעט־פאָרמירענדע שפּייזען ביי א גרויסען טייל פון דעם ארבייטער־קלאַס, האָט אין דעמזעלבען יאָהר א דאָקטאָר הארוועי (ניט חלילה דער דאָקטאָר הארוועי, וואָס האָט ענטדעקט די צירקולאַציע פון בלוט) געמאכט א פערמעגען דורך מאַרקשרייערישע רעצעפּטען אויף אָבצו־שרייבען דעם איבערפליסיגען פעט פון דער בורזשואַזיע און דער אַריסטאָקראַטיע.

דער ווערטה־אויסדרוק פון א סחורה אין גאלד — x סחורה A = y געלד־סחורה — איז איהר געלד־פארם אדער איהר פרייז. א פערא־יינצעלטע גלייכונג, ווי 1 טאן אייזען = 2 אונצען גאלד, איז איצט גענוג כדי פארצושטעלען דעם ווערטה פון אייזען אויף א געזעלשאפטליך־גילטיגען אופן. עס איז ניט נויטיג מעהר, אז די גלייכונג זאל אויסגעשטעלט ווערן ווי א רינג אין א גאנצער קייט פון גלייכונגען, וואס דריקען אויס דעם ווערטה פון די אנדערע סחורות, ווארים די עקוויוואלענט־סחורה, דאס גאלד, האט שוין איצטער דעם כאראקטער פון געלד. די אלגעמיינע רעלאטיווע ווערטה־פארם פון סחורות האט דעריבער איצט ווידער די גע־שטאלט פון איהר אורשפרינגליכער איינפאכער אדער איינצעלנער רעלאטיווער ווערטה־פארם. פון דער אנדער זייט ווערט דער אויסגעברייטעטער רעלאטיווער ווערטה־אויסדרוק אדער די ענד־לאזע סעריע פון רעלאטיווע ווערטה־אויסדרוקען, א ספעציפיש רעלאטיווע ווערטה־פארם פון דער געלד־סחורה. אט די סעריע אבער איז איצט שוין געזעלשאפטליך אויסגעדריקט אין די סחורה־פרייזען. מען דארף נאר לעזען די נאטירונגען פון א פרייז־ליסט ריקווערטס, וועט מען געפינען די ווערט־גרויס פון געלד אויסגע־דריקט אין אלע מעגליכע סחורות. געלד אליין אבער האט ניט קיין פרייז. כדי צו נעהמען א טייל אין דער דאזיגער איינהייט־ליכער רעלאטיווער ווערטה־פארם פון די אנדערע סחורות, מוז

ווערן אלס איהר היפש, די דירעקטע געזעלשאפטליכע ארבייט? איך האב אנדערש־וואו אויספיהרליך אונטערזוכט דעם אויבערפלעכליכען אוטאפיזם פון „ארבייטס־געלד" אין א געזעלשאפט, וואס איז געבויט אויף סחורה פראדוקציאן. (צור קריטיק דער פאליטישען עקאנאמיע, ז. 61 א. וו.) דא וויל איך נאך בעמערקען, אז אוען'ס „ארבייטס־געלד" צ.ב.ש. איז פונקט אזוי ווייניג „געלד", ווי א שטיינער א טהעאטער־בילעט. אוען בויט דירעקט אויף דער השערה פון פערגעזעלשאפ־טעטע ארבייט, א פארם פון פראדוקציאן, וועלכע איז דיאמעטראל געגענגעזעצט צו דער סחורה־פראדוקציאן. דער ארבייטס־צערטיפיקאט קאנסטאטירט נאר דעם אינדיווידועלען אנטייל, וואס דער פראדוצירער האט גענומען אין דער קאלעקטיוו־ארבייט, און זיין אינדיווידועלען אנשפרוך אויף דעם טייל פון קאלעקטיווען פראדוקט, וואס איז בעשטימט פאר דעם פערברויך. עס פאלט אבער אוען'ען ניט איין משער צו זיין די סחורה־פראדוקציאן און אין דערזעלבער צייט צו וועלען זיך אויסדרעהען פון איהרע נויטווענדיגע בעדינגונגען דורך געלד־שפיעלערייען.

סחורות מיט בעשיטמטע פרייזען שטעלען זיך פאר אין דער פארם: א סחורה $A = x$ גאלד; ב סחורה $B = z$ גאלד; ג סחורה $C = y$ גאלד א.אז.וו., ווען א, ב, ג שטעלען פאר בע־שטימטע סומען פון די סחורות A, B, C און x, z, y בע־שטימטע סומען גאלד. די סחורה־ווערטהען ווערן דעריבער פער־וואנדעלט אין פארגעשטעלטע געלד־סומען פון פערשיידענער גרויס; הייסט עס, ווי משונה'דיג די פערשיידענהייט פון די סחורות זאל

פון זילבער, מאכט אויס אן אונפערענדערליכען ברוך־טייל פון א בעשטימטער מאסע גאלד. פון דער רעגירונג פון עדווארד דעם 3טען ביז דער צייט פון דזשארדזש דעם 2טען פערלויפט זיך די געשיכטע פון דעם ענגלישען געלד אין איין לאנגער רייה פון שטערונגען, וואס זיינען ארויסגערופען געווארן דורך דעם צוזאמענשטויס צווישען דער געזעצליכער פעסטשטעלונג פון דער ווערטה־שייכות פון גאלד און זילבער און זייערע ווירקליכע ווערטה־שוואנקונגען. אין איין צייט איז גאלד געשאצט געווארן צו־הויך, אנאנדערשט מאל זילבער. דער מעטאל, וואס איז צו־נידעריג געשאצט געווארן, איז צוריקגעצויגען געווארן פון צירקולאציע, איז איבערגעשמאלצען און עקספארטירט געווארן. די ווערטה־פראפארציע פוןביידע מעטאלען איז דאן ווידער געזעצליך געענדערט געווארן, אבער דער נייער נאמינאל־ווערטה איז באלד ווידער אריינגטראטען אין דעמזעלבען קאנפליקט מיט דער ווירקליכער ווערטה־פראפארציע, ווי דער אלטער. —

אין אונזער אייגענער צייט האט דער זעהר שוואכער און ניט לאנג דויערנ־דער ארונטערפאל אין ווערטה פון גאלד אין פערגלייך מיט זילבער, וואס איז געווען א פאלגע פון דער אינדיש־כינעזישער זילבער־נאכפראגע, ארויסגערופען דיזעלבע ערשיינונגען אויף א פיעל גרעסערן מאסשטאב אין פראנקרייך: זילבער איז עקספארטירט געווארן און פערטריבען פון דער צירקולאציע דורך גאלד. אין משך פון די יאהרען 1855—56 און 57 האט דער איבערשוס פון דעם אריינפיהר פון גאלד אין פראנקרייך איבער דעם ארויספיהר פון גאלד פון פראנקרייך בעטראפען 41,580,000 פונט סטערלינג, בעת דער איבערשוס פון דעם ארויספיהר פון זילבער איבער דעם אריינפיהר פון זילבער האט געגרייכט די סומע פון 14,704,000 פונט סט. דער פאקט איז, אז אין די לענדער וואו ביידע מעטאלען זיינען געזעצליכע ווערטה־מאסען, און ביידע מוזען דעריבער אנגענומען ווערן אין צאהלונג, נאר יעדערער קאן צאהלען ווי ער וויל, אין זילבער אדער אין גאלד, איז דער מעטאל, וואס איז געשטיגען אין ווערטה, אין העכערן קורס, און ווי יעדער אנדער סחורה מעסט ער זיין פרייז אין דעם איבער־געשאצטען מעטאל, וועלכער גילט אין דער ווירקליכקייט אלס דער איינציגער מאסשטאב פון ווערטה. אלע געשיכטליכע ערפאהרונגען אויף דעם געביעט בעווייזען איינפאך, אז וואו צוויי סחורות האבען געזעצליך די פונקציע פון א ווערטה־מאס, ערנעהמט פאקטיש דעם דאזיגען פלאץ אלעמאל נאר איינער פון זיי." (קארל מארקס, „צור קריטיק דער פאליטישען עקאנאמיע", ז. 52 און 53.)

אַז עס פאָדערט זיך ניט קיין ברעקעל ווירקליכעס גאָלד, כדי אָבּ־צושאַצען מיליאָנען־ווערטה סחורות אין דעם דאָזיגען מעטאַל. אין זיין פונקציע פון אַ מאָס פון ווערטה דיענט דאָס געלד דעריבער— נאָר אַלס פאָרגעשטעלטעס אָדער אידעעלעס געלד. אָט דער אומ־שטאַנד האָט מיטגעבראַכט די ווילדעסטע טעאָריען.[52] הגם אָבער דאָס געלד, וואָס פעררינכט די פונקציע פון אַ ווערטה־מאָס, איז נאָר פאָרגעשטעלטעס געלד, הענגט דער פּרייז אָב אינגאַנצען פון דעם רעעלען געלד־מאַטעריאַל. דער ווערטה, דאָס הייסט די סומע מענשליכער ארבייט, וואָס עס ליעגט צ.ב.ש. אין אַ טאָן אייזען, ווערט אויסגעדריקט אין אַ פאָרגעשטעלטער סומע פון דער געלד־סחורה, וועלכע ענטהאַלט אויך אַזויפיעל ארביים. לויט דעם אַלזאָ צי גאָלד, זילבער אָדער קופּער דיענט אַלס ווערטה־מאָס, וועט דער ווערטה פון דעם טאָן אייזען זיך אויסדריקען אין גאַנץ פערשיידענע פּרייזען, אָדער וועט ווערן פאָרגעשטעלט דורך גאַנץ פערשיידענע סומען פון גאָלד, זילבער אָדער קופּער.

אויב דעריבער צוויי פערשיידענע סחורות, דהיינו גאָלד און זילבער, דיענען אין דערזעלביגער צייט אַלס מאָסען פון ווערטה, האָבען דאַן אַלע סחורות צווייערליי פערשיידענע אויסדרוקען, אַ גאָלד־פּרייז און אַ זילבער־פּרייז. זיי עקזיסטירן רוהיג איינע נעבען די אַנדערע, כל זמן די ווערטה־פּראָפּאָרציע פון זילבער צו גאָלד בלייבט אומפערענדערט, צ.ב.ש. =15:1. יעדע פערענדערונג אָבער פון אָט דער ווערטה־פּראָפּאָרציע שטערט די שייכות צווישען די גאָלד־פּרייזען און די זילבער־פּרייזען פון די סחורות, און בעווייזט אויף דעם אופן פּאַקטיש, אַז אַ טאָפּעלטער מאָסשטאַב פון ווערטה ווידערשפּרעכט די פונקציע פון אַ מאָסשטאַב.[53]

---

[52] זעה קאַרל מאַרקס, „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע": „טעאָריען פאָן דער מאַסאיינהייט דעס געלדעס", ז. 53 א.וו.

[53] נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע.—„וואו נאָר גאָלד און זילבער בע־שטעהען געזעצליך אַלס געלד, ד.ה. אַלס ווערטה־מאָס איינע נעבען די אַנדערע, האָט מען שטענדיג פּרובירט, אָבער אָהן ערפאָלג, זיי ביידען צו בעהאַנדלען אַלס איינע און דיזעלביגע מאַטעריע. נעהמט מען אָן, אַז דיזעלבע ארבייט־צייט מוז אומפערענדערליך זיך פערקערפּערן אין דערזעלבינער פּראָפּאָרציע פון זילבער און גאָלד, דאַן נעהמט מען פּאַקטיש אָן, אַז זילבער און גאָלד זיינען דיזעלבינע מאַטעריע, און אַז אַ בעשטימטע מאַסע פון דעם וועניגער ווערטהפולען מעטאַל,

אין פרייזען, אין פארגעשטעלטע גאלד־סומען; אלס מאסשטאב פון פרייזען מעסט עס די דאזיגע גאלד־סומען. מיט דער מאס פון ווערטהען מעסטען זיך די סחורות אלס ווערטהען; דאגעגען, דער מאסשטאב פון פרייזען מעסט אויס פערשיידענע סומען געלד דורך איין סומע גאלד, ניט דעם ווערטה פון איין סומע גאלד דורך דעם געוויכט פון אנאנדער סומע גאלד. פאר דעם מאסשטאב פון פרייזען מוז פעסטגעשטעלט ווערן איין בעשטימטעס גאלד־געוויכט אלס א מאס־איינהייט. אין דעם פאל, ווי אין אלע אנדערע פעלען פון מאס־בעשטימונגען פון איינגאמענדיגע גרויסען, איז די פעסט־שטעלונג פון א אונפערענדערליכער מאס־איינהייט העכסט וויכטיג. דער מאסשטאב פון פרייזען ערפילט דעריבער זיין פונקציע אלץ בעסער, וואס וועניגער דיזעלביגע סומע גאלד אלס מאס־איינהייט איז אונטערווארפען צו פערענדערונגען. אבער אלס מאס פון ווערטה קאן גאלד דיענען נאר דעריבער, ווייל עס איז אליין א פראדוקט פון ארבייט און פאלגליך פאטענציעל פערענדערליך אין ווערטה.[66]

עס איז ערשטענס קלאר, אז אן ענדערונג אין דעם ווערטה פון גאלד קאן אויף קיין אופן ניט האבען קיין ווירקונג אויף זיין פונקציע אלס מאסשטאב פון פרייזען. ווי דער ווערטה פון גאלד זאל זיך ניט בייטען, די פערשיידענע סומען גאלד בלייבען שטענדיג אלץ אין דערזעלבינער ווערטה־פראפארציע איינע צו די אנדערע. דער ווערטה פון גאלד מעג פאלען אויף טויזענד פראצענט, וועלען אלץ 12 אונצען גאלד בעזיצען 12 מאל מעהר ווערטה איידער 1 אונץ גאלד; און ביי פרייזען האנדעלט זיך דאך נאר וועגען דער פראפארציע צווישען פערשיידענע סומען גאלד. אזוי ווי פון דער אנדער זייט ווידער, ווערט מיט דעם פאלען אדער שטייגען אין דעם ווערטה פון אן אונץ גאלד זיין געוויכט בשום אופן ניט פער־ענדערט, אזוי קאן אויך קיין ענדערונג ניט פארקומען אין זיינע אליקוואטע טיילען; און בכן דיענט דאס גאלד אלס פעסטגעזעצ־טער מאסשטאב פון פרייזען שטענדיג דעמזעלבען צוועק, וויפיעל זיין ווערטה זאל זיך ניט בייטען.

---

[66] ביי די ענגלישע שרייבער איז די טומלעניש בנוגע דער מאס פון ווערטהען און דעם מאסשטאב פון פרייזען אן אונבעשרייבליכע. די פונקציעס ווי אויך זייערע נעמען ווערן שטענדיג פערביטען.

ניט זיין, ווערן זיי אַלע אויסגעדריקט אין איינגאָמעגדיגע גרויסען, אין גאָלד־גרויסען. זיי פערגלייכען זיך און מעסטען זיך איינע מיט די אַנדערע אַלס אַזעלכע פערשיידענע גאָלד־סומען, און עס ענט־וויקעלט זיך טעכניש די נויטווענדיגקייט צו שטעלען זיי אין אַ שייכות מיט אַ געוויסער פעסטגעזעצטער סומע גאָלד, וואָס זאָל דיענען פאַר זיי ווי אַ מאָס־איינהייט. אָט די מאָס־איינהייט גופא ווערט שפּעטער ווייטער ענטוויקעלט אַלס דער מאָסשטאַב, דורך אַ ווייטערע איינטיילונג אין אַליקוואָטע * טיילען. נאָך איידער זיי ווערן געלד, בעזיצען שוין גאָלד, זילבער און קופּער אַזעלכע מאָסשטאַבען אין זייערע מעטאַל־געוויכטען; אַזוי צ.ב.ש. בעת 1 פונט דיענט ווי אַ מאָס־איינהייט, לאָזט ער זיך פון איין זייט אָבגעטיילט ווערן אין אונצען, און פון דער אַנדער זייט צוזאַמענ־געַחבור׳ט ווערן אין צענטנער.[54] אין אַלע מעטאַלישע צירקולאַ־ציעס זיינען דעריבער די נעמען פון דעם געלד־מאָסשטאַב אָדער פון דעם מאָסשטאַב פון די פּרייזען לכתחילה גענומען געוואָרן פון די פריהער־עקזיסטירענדע נעמען פון די געוויכט־מאָסשטאַבען.

אַלס מאָס פון ווערטהע און אַלס מאָסשטאַב פון פּרייז פעררכיט דאָס געלד צוויי גאַנץ פערשיידענע פונקציעס. עס איז אַ מאָס פון ווערטהע אַלס די געזעלשאַפטליכע פערקערפּערונג פון מענשליכער אַרבייט, און עס איז דער מאָסשטאַב פון פּרייז אַלס אַ פעסטגע־זעצטעס געוויכט פון מעטאַל. אַלס ווערטהע־מאָס דיענט עס צו פערוואַנדלען די ווערטהען פון די אַלערליי פערשיידענע סחורות

---

* „אַליקוואָטע״ טיילען מיינט אַזוינע טיילען פון אַ גאַנצעס, אין וועלכע דאָס גאַנצע צוטיילט זיך, ניט איבערלאַזענדיג קיינע אונטיילבאַרע חלקים, ווי צ.ב.ש. 2 און 3 זיינען אַליקוואָטע טיילען פון 6. — איבערזעצער.

[54] דער זאָנדערבאַרער אומשטאַנד, וואָס דער אונץ גאָלד, וועלכער דיענט אין ענגלאַנד אַלס די איינהייט פון דעם געלד־מאָסשטאַב, טיילט זיך ניט איין אין אַליקוואָטע טיילען (דער פונט סטערלינג איז ניט קיין אַליקוואָטער טייל פון דעם דאָזיגען מאָסשטאַב) ערקלערט זיך ווי פאָלגט: „אונזערע מינצען זיינען לכתחילה איינגעפיהרט געוואָרן נאָר פאַר דער בענוצונג פון זילבער, דעריבער קאָן אַ אונץ זילבער אַלעמאָל אויסגעמינצט ווערן אין אַ בעשטימטער, גענויע־רינגער צאָהל געלד־שטיקער; אַזוי ווי אָבער גאָלד איז איינגעפיהרט געוואָרן ערשט שפּעטער אַלס מינצען, ווען דער מינץ־באַזיס איז געווען צוגעפּאַסט צו זילבער, קאָן ניט אַ אונץ גאָלד אויסגעמינצט ווערן אין אַ אַליקוואָטע צאָהל געלד־שטיקער. (מאַקלאַרען, „היסטאָרי אָוו דהי קוררענסי״, לאָנדאָן 1858, ז. 16.)

פּרייזען בעשטימט דורך דעם חלוק צווישען זייער ענדערונג אין ווערטה און דער ווערטה־ענדערונג פון געלד, א.אז.וו.

לאָמיר זיך איצטער אומקעהרען צו דער בעטראַכטונג פון דער פּרייז־פאָרם.

מיר האָבען געזעהן, אז די על פּי מנהג אָנגענומענע נעמען פון דעם געוויכט־מאָסשטאָב און זיינע אונטעראָבטיילונגען זיינען אויך די אורשפּרינגליכע נעמען פון דעם געלד־מאָסשטאָב. ביס־לעכווייז ווערט די פערבינדונג צווישען די געלד־נעמען פון די מעטאַל־געוויכטען און די ווירקליכע געוויכטען, וואָס די דאָזיגע נעמען האָבען אורשפּרינגליך פאָרגעשטעלט, צעריסען מחמת פער־שיידענע טעמים, צווישען וועלכע די פאָלגענדע האָבען געהאַט א היסטאָריש־ענטשיידענדען איינפלוס: 1) די איינפיהרונג פון פרעמדע געלדער ביי מינדער־ענטוויקעלטע פעלקער; ווי צ.ב.ש. אין אלטען רוים האָבען זילבער און גאָלד־מטבעות פון אָנפאַנג צירקו־לירט אלס אויסלענדישע סחורות. די נעמען פון די פרעמדע מטבעות זיינען פערשיידען פון די היימישע געוויכט־נעמען. 2) מיט דער ענטוויקלונג פון רייכטום ווערט דער ווענינער־עדעלער מעטאַל ארויסגעשטופּט פון זיין פונקציע אלס ווערטה־מאָס דורך דעם מעהר־איידעלען—קופּער דורך זילבער, זילבער דורך גאָלד—עס מאכט ניט אויס, ציא אָט דער כסדר'דיגער גאַנג ווידערשפּרעכט די פּאָעטישע כראָנאָלאָגיעם.[56] דער נאָמען פונט צ.ב.ש. איז געווען דער געלד נאָמען פאַר א ווירקליכען פונט זילבער. ווען גאָלד האָט ארויסגעשטופּט דאָס זילבער אלס ווערטה־מאָס, איז דערזעלביגער נאָמען געבליבען הענגען, לויט דער ווערטה־פּראָפּאָרציע צווישען גאָלד און זילבער, אפשר ניט מעהר ווי אויף $^1/_{15}$ פונט. דער פונט אלס געלד־נאָמען און אלס געוועהנליכער געוויכט־נאָמען זיינען איצט געוואָרן צוויי פערשיידענע זאכען.[57] 3) די געלד־פעלשונג פון די קעניגע און פירשטען, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר הונדערטער

[56] איבעריגענס האָט אָט דער סדר ניט קיין אלגעמיינע היסטאָרישע גילטיגקייט.

[57] „יענע געלד־סאָרטען, וואָס זייערע נעמען זיינען איצטער נאָר אידעעל, זיינען ביי אלע פעלקער די עלטסטע. יעדערע האָט אמאָל געהאַט א רעאַלען כאַראַקטער (אָט די לעצטע בעמערקונג איז גאַנץ אָפּט ניט ריכטיג. מאַרקס) און טאַקע ווייל זיי האָבען געהאַט א רעאַלען כאַראַקטער, האָבען זיי געדינט אלס רעכען־געלד.” (גאַליאַני, „דעללא מאָנעטאַ”, ז. 153.)

די ווערטה־ענדערונג פון גאָלד שטערט אויך ניט זיין פונקציע אלס ווערטה־מאָס. די ענדערונג טרעפט אלע סחורות אין דער־זעלבער צייט, און דעריבער לאָזט ער, אונטער זאָנסט גלייכע פער־העלטעניסען, זייערע רעלאַטיווע ווערטהען צווישען זיך אומפער־ענדערט, אָבוואָהל זיי ווערען זיך איצט אלע אויסדריקען אין הע־כערע אָדער נידעריגערע גאָלד־פּרייזען ווי פריהער.*[55]

אזוי ווי ווען מען שאַצט דעם ווערטה פון איין סחורה אין דעם געברויך־ווערטה פון אַ װעלכער עס איז אַנדער סחורה, אזוי אויך ווען מיר שאַצען די סחורות אין גאָלד, זיינען מיר זיך נאָר משער, אַז די פּראָדוקציאָן פון אַ בעשטימטער סומע גאָלד קאָסט אין אַ בעשטימטער פעריאָדע אַ בעשטימטע סומע ארבייט. וואָס איז שייך די שוואַנקונגען פון די סחורה־פּרייזען בכלל, זיינען זיי אונטערוואָרפען די געזעצען פון דעם איינפאַכען רעלאַטיוועז ווערטה־אויסדרוק, וועלכע זיינען פריהער אויסגעאַרבייט געוואָרן.

די פּרייזען פון סחורות קאָנען אין אלגעמיין שטייגען, ענט־װעדער ווען זייערע ווערטהען שטייגען און דער געלד־ווערטה בלייבט דערזעלביגער; אָדער ווען די סחורה־ווערטהען בלייבען דיזעלביגע און דער געלד־ווערטה פאַלט. פערקעהרט, די סחורה־פּרייזען קאָנען פאַלען, ענטוועדער ווען זייער ווערטה איז געפאַלען און דער געלד־ווערטה בלייבט דערזעלביגער, אָדער ווען די סחורה־ווערטהען בליי־בען דיזעלביגע און דער גאָלד־ווערטה איז געשטיגען. עס איז דע־ריבער בשום אופן ניט געדרונגען, אַז אַ שטייגענדער גאָלד־ווערטה מוז ארויסרופען אַ פּראָפּאָרציאָנעלען פאַלען פון די סחורה־פּרייזען, און אַ פאַלענדער גאָלד־פּרייז מוז ארויסרופען אַ פּראָפּאָרציאָנעלען שטייגען פון די סחורה־פּרייזען. אַזאַ רעזולטאַט וואָלט נאָר געווען ריכטיג פאַר סחורות מיט אַ אומפערענדערטען ווערטה. אַזוינע סחורות צ.ב.ש., וואָס זייער ווערטה שטייגט גלייכמעסיג און גלייכ־צייטיג מיט דעם ווערטה פון געלד, האַלטען אָן דיזעלבע פּרייזען. שטייגט זייער ווערטה לאַנגזאַמער אָדער ראַשיגער איידער דער געלד־ווערטה, דאַן ווערט דאָס פאַלען אָדער דאָס שטייגען פון זייערע

*[55] „דאָס געלד קאַן זיך שטענדיג ענדערן אין זיין ווערטה, און פונדעסט־וועגען פונקט אַזוי גוט דיענען אלס מאַסשטאַב פון ווערטה, ווי ווען עס וואָלט געבליבען פאַלקאָם אונפערענדערט.” (בעילי „מאַני אַנד איטס וויסיסיטיודס”, לאָנדאָן, 1837, ז. 11.)

געלד־נעמען וואָס זיי זיינען ווערטה, און דאָס געלד דיענט אלס רעכען־געלד, ווען נאָר עס פּאָדערט זיך צו בעשטימען א זאַך אלס א ווערטה אין איהר געלד־פאָרם.[60]

דער נאָמען פון א זאַך האָט מיט איהר נאַטור גאָר ניט צו טהאָן. איך ווייס גאָרנישט ועגען א מענשען, ווען איך ווייס, אז זיין נאָמען איז יענקעל. פּונקט אזוי פערשווינדט אין דעם געלד־נאָמען פונט, טאלער, פראנק, א.אז.וו. יעדער שפּור פון ווערטה־שייכות. די טומלעניש איבער דעם געהיימען זין פון אָט די קאַבאליסטישע צייכענס איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס די געלד־נעמען דריקען אויס דעם ווערטה פון די סחורות און צוגלייך די אליקוואָטע טיילען פון דעם מעטאל־געוויכט, פון דעם געלד־מאָס־שטאַב.[61] פון דער אנדער זייט איז עס נויטווענדיג, אז דער ווערטה, אין אונטערשייד פון די פערשיידענארטיגע מאטעריעלע פאָרמען פון דער סחורה־וועלט, זאָל זיך ענטוויקלען צו אָט דער בעגריפלאָזער זאכליכער פאָרם, וועלכע איז אָבער אויך א ריין געזעלשאפטליכע פאָרם.[62]

---

[60] ווען מען האָט געפרעגט ביי אנאכארזיס, צו וואָס די העלענען (די גריכען) דארפען האָבען געלד, האָט ער געענטפערט: צום רעכענען. (אטהענאָעאוס: .דעיפנאָסאָפהיסטאַי, I, IV, 49 אויסגאַבע שווייגהויזער 1802.)

[61] „דערפאַר ווייל גאָלד אלס מאסשטאַב פון פרייזען ערשיינט אונטער דעמזעלבען רעכען־נאָמען ווי די סחורה־פרייזען, אלזא צ.ב.ש. אַן אונץ גאָלד, אזוי גוט ווי דער ווערטה פון א טאָן אייזען, ווערט אויסגעדריקט אין 3 פונט סטערלינג, 17 שילינג 10½ פענס, האָט מען אָט דעם רעכען־נאָמען פון גאָלד אָנגערופען זיין מינץ־פּרייז. דערפון איז ענטשטאַנען די מאָדנע פאָרשטעלונג, אזוי ווי דאָס גאָלד (אדער אויפ׳ן זעלבען אופן זילבער) וואָלט געשאַצט געוואָרן אין זיין איינענעם מאטעריאל, און אין אונטערשייד פון אלע אנדערע סחורות, ווערט זיין פּרייז בעשטימט פון דעם שטאַאט. מען האָט על פּי טעות געמיינט, אז די פעסטשטעלונג פון רעכען־נעמען פאַר בעשטימטע גאָלד־געוויכטען איז דיזעלבע זאַך, ווי פעסטשטעלען דעם ווערטה פון די דאָזיגע געוויכטען.“ (קאַרל מארקס, „צור קריטיק דער פּאָליט. עק.“, ז. 52.)

[62] פערגלייכט „טהעאָריען פאַן דער מאָסאייַנהייט דעם געלדעס“ אין „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע“ ז. 53 א.וו. די פאַנטאַזיעס וועגען העכערן אדער נידעריגער מאַכען דעם מינץ־פּרייז פון געלד, אריבערטראָגענדיג פאַר שטאַאט׳ס צוועקען אויף גרעסערע אדער קלענערע געוויכטען פון גאָלד אדער זילבער די געזעצליכע געלד־נעמען, וואָס זיינען שוין געזעצליך פעסטגעשטעלט געוואָרן פאַר בעשטימטע געוויכטען פון די דאָזיגע מעטאַלען, און אויף דעם אופן זאָל מען א שטייגער פון ¼ אונץ גאָלד אנשטאָט 10 שילינג אויסשלאָגען

יאָהרען, וועלכע האָט פון דעם אורשפּרינגליכען געוויכט פון די גאָלד־מטבעות פאַקטיש נאָר איבערגעלאָזט דעם נאָמען.[58]

אָט די היסטאָרישע פּראָצעסען מאַכען די אָבזונדערונג פון דעם געלד־נאָמען פון די מעטאַל־געוויכטען פון זייערע געוועהנליכע געוויכט־נעמען פאַר א פאָלקס־געוועהנהייט. אזוי ווי דער געלד־מאָסשטאַב איז פון איין זייט ריין קאָנוועַנציאָנעל און פון דער אנדער זייט נויטיגט ער זיך אין אן אלגעמיינער גילטיגקייט, ווערט ער לסוף געזעצליך רעגולירט. איין בעשטימטער געוויכט־טייל פון דעם עדעלען מעטאַל, צ.ב.ש. איין אונץ גאָלד, ווערט אָפיציעל צו־טיילט אין אליקוואָטע טיילען, וועלכע בעקומען לעגאַלע נעמען, ווי פונט, טאָלער, א.אז.וו. אזא אליקוואָטער טייל, וועלכער גילט דאַן אלס די אייגענטליכע מאָס־איינהייט פון געלד, ווערט ווידער צו־טיילט אין אנדערע אליקוואָטע טיילען מיט געזעצליכע נעמען, ווי שילינג, פּענני, א.אז.וו.[59] נאָכדעם, אזוי גוט ווי פריהער, בלייבען אלץ בעשטימטע מעטאַל־געוויכטען דער מאָסשטאַב פון מעטאַל־געלד. וואָס עס האָט זיך געענדערט, איז נאָר די איינטיילונג און די נאָמען־געבונג.

די פּרייזען אָדער די גאָלד־סומען, אין וועלכע די ווערטהען פון די סחורות זיינען אידעעל פערוואַנדעלט, ווערט איצט, הייסט עס, אויסגעדריקט אין די געלד־נעמען אָדער געזעצליך־גילטיגע רעכען־נעמען פון דעם געלד־מאָסשטאַב. אנשטאַט, הייסט עס, צו זאָגען: דאָס פערטעל ווייץ איז גלייך צו אן אונץ גאָלד, וועט מען זאָגען אין ענגלאַנד, ער איז גלייך צו 3 פונט סט., 17 שילינג, 10½ פּעננים. די סחורות דריקען אויף דעם אויפן אוים אין זייערע

---

[58] אָט אזוי בעצייכענט דער ענגלישער פונט וועניגער ווי א דריטעל פון זיין אורשפּרינגליכען געוויכט; דער שאָטישער פונט, איידער די פּיַראייניגונג, ניט מעהר ווי איין זעקס און דרייסיגסטעל; דער פראַנצויזישער ליוור איין פיער און זיבעציגסטעל; דער שפּאַנישער מאַראַוועדי וועניגער ווי איין טויזענדטעל, און דער פּאָרטוגעזישער רעי גאָר א פיעל קלענערע פּראָפּאָרציע.

[59] דאַוויד אורקהאַרט בעמערקט אין זיין בוך „פאַמיליאַר וואָרדס" וועגען דעם געוואַלט (!), וואָס היינט איז דער פונט סט., די איינהייט פון דעם ענגלישען געלד־מאַסשטאַב, גלייך צו אן ערך ¼ אונץ גאָלד: „דאָס הייסט פעלשען א מאָס, ניט אויפשטעלען א מאָסשטאַב." ער זעהט אין אָט דעם פאַלשען נאָמען פון דעם געוויכט פון גאָלד, ווי אין יעדער אַנדער זאַך, די פעלשענדע האַנד פון דער ציוויליזאַציע.

סט. אלס אויסדרוקען פון דער גרויס פון דעם ווערטה פון ווייץ צו־קליין אדער צו־גרויס, אבער זיי זיינען פונדעסטוועגען זיינע פרייזען, ווארים ערשטענס זיינען זיי זיין ווערטה־פארם, געלד, און צווייטענס זיינען זיי די עקספאנענטען פון זיין אויסטויש־פראפארציע מיט געלד. בלייבען די בעדינגונגען פון דער פראדוקציאן אדער די פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט דיזעלביגע, מוז אלץ איינס פערוואנדעט ווערן פונקט דיזעלביגע געזעלשאפטליכע ארבייט־צייט, כדי ווידער צו פראדוצירן דאס פערטעל ווייץ. אט דער אומשטאנד הענגט ניט אב, ניט פון דעם ווילען פון דעם ווייץ־פראדוצירער, ניט פון דעם ווילען פון די בעזיצער פון אנדערע סחורות.

די גרויס פונ'ם ווערטה פון א סחורה דריקט אלזא אויס א נויטווענדיגע שייכות—אזעלכע וואס ליעגט אין דער נאטור פון דעם פראצעס פון איהר שאפונג—צו דער געזעלשאפטליכער ארבייט־צייט. וויבאלד די גרויס פון ווערטה ווערט פערוואנדעלט אין פרייז, ערשיינט די דאזיגע נויטווענדיגע שייכות אלס אן אויסטויש־שייכות פון איין סחורה מיט דער געלד־סחורה, וואס עקזיסטירט אויסער איהר. אין אט דער שייכות אבער קאן זיך פונקט אזוי גוט אויסדריקען די גרויס פונ'ם ווערטה פון דער סחורה, ווי דער פלוס אדער מינוס, פאר וועלכען זי ווערט אונטער געוויסע אומשטענדען אוועקגעגעבען. די מעגליכקייט פון א קוואנטיטאטיווער סתירה (אינקאנגרוענץ) צווישען פרייז און ווערטה־גרויס, אדער די מעגליכקייט אז דער פרייז און די ווערטה־גרויס זאלען געהן אין פערשיידענע דרכים, ליעגט, הייסט עס, אין דער פרייז־פארם גופא. דאס איז ניט קיין חסרון פון אט דער פארם, נאר אדרבא, עס מאכט איהר פאר א ריכטיג־צוגעפאסטע פארם פאר אזא אופן פון פראדוקציאן, אין וועלכער דער רעגעל קאן זיך דורכזועצען אלס א בלינד־ווירקענדער דורכשניט־געזעץ פון רעגעללאזיגקייט.

די פרייז־פארם לאזט אבער צו ניט נאר די מעגליכקייט פון א קוואנטיטאטיווער סתירה צווישען דער ווערטה־גרויס און דעם פרייז, ד.ה. צווישען דער ווערטה־גרויס און איהר אייגענעם געלד־אויסדרוק, נאר זי קאן אויך בעהאלטען אין זיך א קוואליטאטיווען ווידערשפרוך, אזוי אז דער פרייז הערט איבערהויפט אויף צו זיין דער אויסדרוק פון ווערטה, הגם געלד איז נישט מעהר ווי די ווערטה־

דער פּרייז איז דער געלד־נאָמען פאַר דער אַרבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין דער סחורה. רעדען וועגען דער עקוויוואַלענץ פון דער סחורה און דעם סכום געלד, וואָס זיין נאָמען איז איהר פּרייז, איז דעריבער אַ טאַוטאָלאָגיע [כפל הדבר במלות שונות: די אייגענע זאַך איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל מיט אַנדערע ווערטער], [63] וואָרים דער רעלאַטיווער ווערטה־אויסדרוק פון אַ סחורה איז דאָך בכלל שטענדיג דער אויסדרוק פון דער עקוויוואַלענץ פון צוויי־ערליי סחורות. אָבער אויב דער פּרייז, אַלס עקספּאָנענט [אָנצייגער] פון דער גרויס פון דעם ווערטה פון אַ סחורה, איז דער עקספּאָנענט פון איהר אויסטויש־פּראָפּאָרציע מיט געלד, פאָלגט נאָך דערפון ניט פערקעהרט, אַז דער עקספּאָנענט פון איהר אויסטויש־פּראָפּאָרציע מיט געלד איז נויטיגערוויז אויך דער עקספּאָנענט פון דער גרויס פון איהר ווערטה. אָנגענומען, למשל, אַז געזעלשאַפט־ליך־נויטווענדיגע אַרבייט פון גלייכער גרויס איז פאַרגעשטעלט אין 1 פערטעל ווייץ און אין 2 פונט סטערלינג (אַן ערך ½ אונץ גאָלד). די 2 פונט סט. זיינען דער געלד־אויסדרוק פון דער גרויס פונ'ם ווערטה פון דעם פערטעל ווייץ, אָדער זיין פּרייז. אויב געוויסע אומשטענדען דערלאָזען, אַז דער פּרייז זאָל געהעכערט ווערן ביז 3 פונט סט., אָדער פערקעהרט, זיי צווינגען, דער פּרייז זאָל אַרונטערפאַלען ביז 1 פונט. סט., דאַן זיינען 1 פונט אָדער 3 פונט

---

40 שילינג—אַט די פאַנטאַזיעס, אויף ווי ווייט זיי בעצוועקען ניט קיין אומגע־לומפּערטע פינאַנץ־אָפּעראַציעס אַנטקעגען שטאַאַט'ס' אָדער פּריוואַט־קרעדיטאָרען, נאָר עקאָנאָמישע „וואונדער־רפואות”, זיינען אַזוי גרינדליך בעהאַנדעלט געוואָרען פון וויליאַם פּעטטי אין זיין בוך „קוואַנטולומקומק קאָנסערנינג מאָני: טו דהי לאָרד מאַרקיז אָוו האַליפאַקס, 1682”, אַז אפילו זיינע דירעקטע נאָכפאָלגער, סער דאַדלי נאָרטה און דזשאָהן לאָק, שוין ניט צו רעדען וועגען די שפּעטער־דיגע, האָבען זיינע געדאַנקען נאָר געקאָנט פערוואַסערן. „ווען דער רייכטום פון אַ נאַציאָן”, זאָגט ער צווישען אַנדערעס אין דעם דאָזיגען ווערק, ז. 36, וואָלט געקאָנט פערצעהנפאַכט ווערן דורך אַ קעניגליכער פּראָקלאַמאַציע, וואָלט עס געווען אַ וואונדער פאַר וואָס אונזערע רעגירונגען האָבען שוין לאַנג ניט אַרויסגעלאָזט אַזעלכע פּראָקלאַמאַציעס.”

[63] „סיידען מען זאָל וועלען זאָגען, אַז איין מיליאָן אין געלד איז ווערטה מעהר איידער דערזעלבער ווערטה אין סחורות” (לע טראָן, „דע ל'אינטערע סאָסיאַל”, ז. 922), וואָס דאָס איז אַלץ איינס ווי צו זאָגען, אַז „איין ווערטה איז ווערטה מעהר איידער אַ גלייכער ווערטה.”

געשטאַלט אָדער אַ פאַרגעשטעלטע גאָלד־געשטאַלט, אָבער זי קאָן ניט אין דערזעלבינגער צייט זיין אַ ווירקליך אייזען, אַ ווירקליך גאָלד. כדי איהר צו געבען אַ פּרייז, איז גענוג צו שטעלען זי גלייך מיט פאַרגעשטעלטען גאָלד. כדי אָבער זי זאָל קאָנען דיענען איהר בעזיצער אַלס אַן אַלגעמיינער עקוויוואַלענט, מוז זי איבערגעביטען ווערן אויף ווירקליכען גאָלד. ווען דער בעזיצער פון אייזען צ.ב.ש. וואָלט געקומען צו דעם בעזיצער פון אַנאַנדער סחורה, וואָס שטעהט צום פּעו קויפען, און איהם אָנגעוויזען אויף דעם פּרייז פון אייזען, וואָס איז אַ געלד־פאָרם, וואָלט איהם יענער געענטפערט ווי סט. פּעטער אין הימעל האָט געענטפערט דאַנטע'ן, בעת ער האָט איהם אויסגערעכענט די עיקרים פון דער אמונה: —

„.... וואויל די פּראָבע אויסגעהאַלטען
האָט די מינצע אין וואָג און ווערטה —
אָבער זאָג מיר, האָסטו זי אין בייטעל גרייט?"
געטליכע קאָמעדיע, III, 24, 83—85.

די פּרייז־פאָרם שליסט איין דעם זין, אַז סחורות קאָנען זיך אויסבייטען אויף געלד, אַז די נויטווענדיגקייט פון אַזאַ אויסבייט. פון דער אַנדער זייט פונקציאָנירט גאָלד אַלס אַ אידעעלע ווערטה־מאָס נאָר דערפאַר, ווייל אין דעם פּראָצעס פון אויסטויש האָט עס זיך שוין עטאַבעלירט אַלס געלד־סחורה. אין דער אידעעלער מאָס פון די ווערטהען לויערט דעריבער דאָס מזומן־געלד.

2. דער צירקולאַציאָנס־מיטעל.

א) די מעטאַמאָרפאָזע פון סחורות.

מיר האָבען פריהער געזעהן, אַז דער אויסטויש־פּראָצעס פון סחורות שליסט איין אין זיך ווידערשפּרעכענדע און איינע די אַנדערע אויסשליסענדע בעציהונגען. די ענטוויקלונג פון דעם דאָזיגען פּראָצעס, וועלכער ברענגט אַרויס דעם טאָפּעלטען כאַראַקטער פון דער סחורה אַלס געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה, און פיהרט אַריין די אָבזונדערונג פון די סחורות אין פּשוט'ע סחורות און געלד־סחורה, שאַפט ניט אָב די דאָזיגע ווידערשפּרוכען, זי גיט אונז אָבער די פאָרם, אין וועלכער זיי קאָנען זיך בעוועגען,

פאָרם פון סחורות. זאכען, וועלכע זיינען אן און פאר זיך ניט קיין סחורות, צ.ב.ש. א מענשענ'ס געוויסען, עהרע א.אז.וו. קאָנען פון זייערע בעזיצער אָנגעבאָטען ווערן צום פערקויף, און אויף דעם אופן בעקומען דורך זייער פרייז די פאָרם פון סחורה. א זאך קאָן דעריבער פאָרמעל האָבען א פרייז, ניט האָבענדיג קיין ווערטה. דער פרייז־אויסדרוק איז אין דעם פאל אימאגינער [וואָס ווערט פאָרגעשטעלט אין דמיון], ווי געוויסע גרויסען אין דער מאטהע־מאטיק. פון דער אנדער זייט קאָן אויך די אימאגינערע פרייז־פאָרם, ווי צ.ב.ש. דער פרייז פון אונקולטיווירטען באָדען, וועלכער האָט ניט קיין ווערטה, ווייל עס איז אין איהם ניט פערקערפערט קיין מענשליכע ארבייט, האָבען א דירעקטע אָדער אינדירעקטע ווירקליכע ווערטה־שייכות.

דער פרייז, ווי די רעלאַטיווע ווערטה־פאָרם בכלל, דריקט אויס דעם ווערטה פון א סחורה, צ.ב.ש. א טאָן אייזען, דורכדעם, וואָס א בעשטימטע סומע פון דעם עקוויוואלענט, צ.ב.ש. אן אונץ גאָלד, לאָזט זיך דירעקט אויסטוישען אויף אייזען; דאָס זאָגט אָבער בשום אופן ניט פערקעהרט, אז דאָס אייזען פון זיין זייט לאָזט זיך דירעקט אויסטוישען אויף גאָלד. כדי אלזאָ פראקטיש אויס־צואיבען די ווירקונג פון א טויש־ווערטה, מוז די סחורה אראָב־ציהען פון זיך איהר נאטירליכען חומר, זי מוז זיך פערוואנדלען פון פאָרגעשטעלטען גאָלד אין ווירקליכען גאָלד, ווען אפילו אָט די סובסטאנץ־טראנספאָרמירונג מעג איהר אָנקומען שווערער ווי דעם העגעליאנישען „בעגריף” דער איבערגאַנג פון דער נויטווענ־דיגקייט צו פרייהייט, אָדער ווי דעם ים־קרעבס דאָס איבערבייטען זיין שאָל, אָדער ווי דעם הייליגען הירשאָנימוס דאָס בעפרייען זיך פון דעם אלטען אדם.[46] נעבען איהר רעאלער געשטאלט (אייזען צ.ב.ש.) קאָן די סחורה בעזיצען אין פרייז א אידעעלע ווערטה־

---

[46] היראָנימוס האָט געמוזט שווער קעמפּפען ניט נאָר אין דער יוגענד מיט דעם פלייש פון גוף, ווי דאָס בעווייזט זיין קאמף אין דער וויסטעניש מיט שעהנע פרויען־בילדער, נאָר אויך אויף דער עלטער מיט דעם פלייש פון גייסט. „איך האָב געמיינט”, זאָגט ער צום ביישפּיעל, אז „איך בין אין גייסט פאר דעם ריכטער פון דער וועלט.”—„ווער ביזטו?” האָט א שטימע געפרעגט.—„איך בין א קריסט”. „דו ליגסט!” האָט געדונערט דער וועלט־ריכטער. „דו ביזט ניט מעהר ווי א נאָכפאָלגער פון ציצעראָן!”

זיינען. אין אט דעם פראצעס געפינען מיר פון איין זייט דאס גאלד און פון דער אנדער זייט אלע אנדערע ברויכבארע זאכען. אויף ביידע זייטען געפינען מיר סחורות, איינהייטען פון געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה. אבער אט די איינהייט פון אונטער־שיידען ווייזט זיך ארויס אויף יעדען פון די ביידע פאליוסען אין א פערקעהרטען וועג און ווייזט ארויס דורכדעם אין דערזעלבער צייט זייער געגענזייטיגע בעציהונג. די סחורה איז רעעל געברויך־ווערטה, איהר ווערטה־זיין ערשיינט נאר אידעעל אין דעם פרייז, וועלכער בעציהט זי אויף דאס גאלד, וואס שטעהט קעגענאיבער איהר, ווי אויף איהר רעעלער ווערטה־געשטאלט. פערקעהרט, דאס גאלד־מאטעריאל גילט נאר ווי א ווערטה־פערקערפערונג, ווי געלד. דאס גאלד איז דעריבער רעעל טוישווערטה. זיין געברויך־ווערטה ערשיינט נאר אידעעל, אין דער סעריע רעלאטיווע ווערטה־אויס־דרוקען, אין וועלכע עס בעציהט זיך אויף די סחורות, וואס שטעהען קעגענאיבער איהם, ווי אויף דעם קרייז פון זיינע רעעלע געברויך־געשטאלטען. אט די געגענגעזעצליכע פארמען פון סחורות זיינען דיווירקליכע פארמען, אין וועלכע זייער אויסטויש־פראצעס בע־וועגט זיך.

לאמיר איצט בעגלייטען וועלכען עס איז סחורה־בעזיצער, אונזער אלטען בעקאנטען לייווענט־וועבער, צום ביישפיעל, צו דער סצענע פון דעם אויסטויש־פראצעס, צום סחורה־מארק. זיין סחורה, 20 עלען לייוועגט, האט א בעשטימטען פרייז. איהר פרייז איז 2 פונט סטערלינג. ער טוישט זי אויס אויף 2 פונט סט. און, ווי א מענש פון אלטען שניט, טוישט ער ווידער אויס די 2 פונט סט. אויף א גאנג חומשים, וואס האט דעמזעלבען פרייז. די לייוועגט, וואס איז פאר איהם נישט מעהר ווי א סחורה, א טרעגער פון ווערטה, ווערט אויסגעגעבען פאר גאלד, וואס איז איהר ווערטה־געשטאלט, און ער שיידט זיך ווידער מיט אט דער געשטאלט פאר אנאנדער סחורה, די חומשים, וועלכע דארפען אלס געברויך־געגענשטאנד קומען צום וועבער אין הויז און בעפריעדיגען דארטן די גייסטיגע בעדערפענישען. דער אויסטויש־פראצעס ווערט אלזא פאלשטענדיג דורכגעפיהרט אין צוויי אנטקעגענגעזעצטע פערוואנד־לונגען, וואס ערגענצען איינע די אנדערע — א פערוואנדלונג פון סחורה אין געלד און א פערקעהרטע פערוואנדלונג פון געלד אין

דאָס איז בכלל די מעטאָדע, דורך וועלכער ווירקליכע ווידערשפּרו־כען ווערן געלייזט. עס איז צום ביישפּיעל אַ ווידערשפּרוך זיך פאַרצושטעלען, אז איין קערפּער פאַלט שטענדיג צו אַנאַנדער קער־פּער, און אַז ער פליהט פונקט אַזוי שטענדיג פון איהם אוועק. דער עלליפּס איז איינער פון די בעוועגונגס־פאָרמען, אין וועלכען דער דאָזיגער ווידערשפּרוך ווערט פערווירקליכט און אין דערזעל־בער צייט אויך געלייזט.

אַזוי ווייט ווי דער אויסטויש־פּראָצעס טראָגט אריבער סחורות פון די הענד, אין וועלכע זיי זיינען ניט־געברויך־ווערטהען, אין אַנדערע הענד, אין וועלכע זיי זיינען געברויך־ווערטהען, איז ער אַ געזעלשאַפטליכער שטאָף־איבערבייט. דער פּראָדוקט פון איין פאָרם פון ניצליכער ארבייט פערבייט דעם פּראָדוקט פון אַנאַנדער ניצליכער ארבייט. ווען די סחורה איז איינמאָל אָנגעקומען אויפ׳ן פּלאַץ, וואו זי דיענט אַלס גֶעברויך־ווערטה, פאַלט זי ארויס פון דעם קרייז פון אויסטויש אין דער ספערע פון קאָנזומציאָן אריין. אונז דאָ אינטערעסירט אָבער נאָר דער קרייז פון אויסטויש. מיר האָבען דאָ דעריבער צו בעטראַכטען דעם גאַנצען פּראָצעס פון דער פאָרמעלער זייט, ד.ה. נאָר די פאָרם־ענדערונג אָדער די מעטאַמאָר־פאָזע פון סחורות, וועלכע פערמיטעלט דעם געזעלשאַפטליכען שטאָף־איבערבייט.

די זעהר ניט־פאָלשטענדיגע אויפפאַסונג פון אָט דער פאָרם־ענדערונג, אָבגעזעהן פון דער אונקלאָרקייט בנוגע דעם ווערטה־בעגריף גופא, נעהמט זיך פון דעם אומשטאַנד, וואָס יעדע פאָרם־ענדערונג פון אַ סחורה קומט פאָר אין דעם אויסטויש פון צוויי־ערליי סחורות, פון אַ פּשוט׳ער סחורה און אַ געלד־סחורה. ווען מיר האַלטען זיך פעסט אָן דעם מאַטעריעלען פאַקט אַליין, דעם אויסטויש פון סחורה אויף גאָלד, פערזעהען מיר גראָד דאָס, וואָס מיר זאָלען זעהען—וואָס עס פּאַסירט מיט דער פאָרם פון דער סחורה. מען פערזעהט, אַז גאָלד אַלס בלויז אַ סחורה, איז ניט געלד, און אַז ווען אַנדערע סחורות דריקען אויס זייערע פּרייזען אין גאָלד, איז דאָס גאָלד נאָר די געלד־געשטאַלט פון די סחורות גופא.

די סחורות געהען ערשטענס אריין אין דעם אויסטויש־פּראָצעס ניט־פערגאָלדעט, ניט פערצוקערט, נאָר פּשוט ווי זיי

סחורה־בעזיצער אבער זעהר און זעהר. די געזעלשאפטליכע צו־טיילונג פון דער ארבייט מאכט זיין ארביים פונקט אזוי איינזיי־טיג, ווי זיינע בעדערפענישען פיעלזייטיג. דערפאר טאקע דיענט איהם זיין פראדוקט נאר ווי א טויש־ווערטה. דער פראדוקט קריגט אבער אן אלגעמיינע געזעלשאפטליך־גילטיגע עקוויוואלענט־פארם נאר אין דעם געלד, און דאס געלד געפינט זיך אין א פרעמדען'ס קעשענע. כדי דאס ארויסצושלעפען פון דארטען, מוז די סחורה קודם זיין א נעברויך־ווערטה פאר דעם וואס בעזיצט דאס געלד. צוליעב דעם איז נויטיג, אז די ארבייט, וואס איז אויסגעגעבען געווארן אויף איהר, זאל זיין אויסגעגעבען אין א געזעלשאפטליך־ניצליכער פארם, זאל זיין ווי א גליעד פון דער געזעלשאפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט. די צוטיילונג פון דער ארביים איז אבער א נאטור־געוואקסענער פראדוקציאנס־אר־גאניזם, וואס זיינע פעדים האבען זיך געוועבט און וועבען זיך ווייטער הינטער דעם רוקען פון די פראדוצירער. די סחורה, וואס ער האט צום אויסטוישען, איז אפשר נאר דער פראדוקט פון א נייעם סארט ארבייטס־אופן, וועלכער פרעטענדירט צו בעפריעדיגען א ניי־אויפגעקומענע בעדערפעניש, אדער זי וויל ערשט ארויסרופען א בעדערפעניש. א געוויסע שטיק ארבייט, וואס איז נעכטען נאך געווען איין פונקציע צווישען פיעל אנדערע פונקציעס פון איין און דעמזעלבען סחורה־פראדוצירער, האט זיך אפשר היינט אבגעריסען פון דעם דאזיגען צוזאמענהאנג, האט זיך פערזעלבשטענדיגט און שיקט דעריבער ארויס איהר טייל־פראדוקט ווי א זעלבשטענדיגע סחורה אויפ'ן מארק. די אומשטענדען קאנען זיין רייף פאר אזא שיידונג־פראצעס, אדער ניט. היינט בעפריעדיגט דער פראדוקט ז געזעלשאפטליכע בעדערפעניש; מארגען קאן אפשר א עהנליכער זין פראדוקט איהם ארויסשטופען אינגאנצען אדער טיילווייז פון ויין פלאץ. און ווען אפילו די ארבייט פון אונזער לייוועגט־וועבער איז אן אנערקענטער טייל פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט־צו־טיילונג, איז נאך דערמיט אויף קיין פאל ניט גאראנטירט דער געברויך־ווערטה גראד פון זיינע 20 עלען לייוועגט. אויב די געזעלשאפטליכע בעדערפעניש פאר לייוועגט—און די בעדערפעניש האט איהר מאס, ווי יעדע אנדער זאך—איז שוין געזעטיגט דורך אנדערע לייוועגט־וועבער, ווערט אונזער פריינד'ס פראדוקט איבער־

סחורה.[65] די פאזען פון דער סחורה־פערוואנדלונג זיינעןביידע גלייך האנדלונגען פון דעם סחורה־בעזיצער—פערקויף, אויסטויש פון סחורה אויף געלד; קויף, אויסטויש פון געלד אויף סחורה, און א איינהייט פוןביידע אקטען: פערקויפען כדי צו קויפען.

ווען דער לייוועגט־וועבער בעטראכט דעם ענד־רעזולטאט פון דעם גאנצען מסחר, געפינט ער, אז ער בעזיצט חומשים אנשטאט לייוועגט, אנשטאט זיין אורשפרינגליכע סחורה, אנאנדער סחורה פון דעמזעלבען ווערטה, אבער פון א פערשיידענער ניצליכקייט. אויף דעמזעלביגען אופן פערשאפט ער זיך זיינע אנדערע לעבענס־מיטלען און פראדוקציאנס־מיטלען. פון זיין שטאנדפונקט איז דער גאנצער פראצעס נאר פועל דעם אויסטויש פון זיין ארבייט־פראדוקט אויף א פרעמדען ארבייט־פראדוקט—אן אויסטויש פון פראדוקטען.

דער אויסטויש־פראצעס פון סחורה פיהרט זיך אלזא דורך אין דער פאלגענדער פארם־וועקסלונג:

סחורה—געלד—סחורה

ס—ג—ס.

לויט זייער מאטעריעלען אינהאלט איז די בעוועגונג ס—ס, דער אויסטויש פון סחורה אויף סחורה, א מאטעריעלער בייט פון געזעלשאפטליכער ארבייט; און ווען דער רעזולטאט איז דער־גרייכט, איז דער פראצעס געענדיגט.

ס—ג. די ערשטע פערוואנדלונג פון דער סחורה, אדער דער פערקויף. — דאס אריבערשפרינגען פונ׳ם סחורה־ווערטה אויס דעם סחורה־קערפער אין דעם געלד־קערפער איז, ווי איך האב עס אנדערשוואו אנגערופען, דער „סאלטא מארטאלע [דער שפרונג אויף טויט און אויף לעבען] פון דער סחורה. פאלט ער דורך, ווערט טאקע די סחורה אליין אפילו ניט געשעריגט, דער

---

[65] „נאך הערקליט׳ן ענטשטעהט אלעס דורך א פערוואנדלונג פון פייער, און פייער קומט ארויס פון אלעס, פונקט אזוי ווי דאס גאלד פערוואנדעלט זיך אין סחורות און די סחורות פערוואנדלען זיך ווידער אין גאלד.“ (פ. לאססאל, „די פילאזאפיע הערקליטאס דעם דונקעלן“, בערלין 1858, ב. 1, ז. 222). לאססאל׳ס נאטע צו אט דער שטעלע ז. 224, בעמערק. 3, בעטראכט דאס געלד ניט ריכטיג ווי בלויז א צייכען פון ווערטה.

געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע ארבייטס־צייט. דאָ קאָן מען זאָגען דאָס גלייכווערטיל: צוזאַמענגעפּאַנגען, צוזאַמענגעהאַנגען. די גאַנצע לייווענט, וואָס איז דאָ אויפ'ן מארק, רעכענט זיך נאָר ווי איין מסחר־ארטיקעל, און יעדעס שטיק רעכענט זיך נאָר ווי איין אַליקוואָטער טייל. און דער פאַקט איז, אַז דער ווערטה פון יעדען איינציגען על לייווענט איז טאַקע ניט מעהר ווי די מאַטעריאַליזירטע פאָרם פון דערזעלביגער געזעלשאַפטליך־בעשטימטער סומע פון גלייכער מענשליכער ארבייט.

מען זעהט, אַז די סחורה איז פערליעבט אין געלד, אָבער „די אמת'ע ליעבע לויפט ניט אָב אַזוי גלאַט.” די קוואַנטיטאַטיווע צוגליעדערונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־אָרגאַניזם, וועלכער שטעלט צונויף זיינע צעוואָרפענע גליעדער אין אַ סיסטעם פון צוטיילונג פון דער ארבייט, איז פּונקט אַזוי ספּאָנטאַן און צופעליג ווי די קוואַליטאַטיווע. אונזערע סחורה־בעזיצער געפינען דעריבער אויס, אַז דיזעלביגע צוטיילונג פון דער ארבייט, וועלכע מאַכט זיי פאַר אונאָבהענגיקע פּריוואַט־פּראָדוצירער, מאַכט אויך דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס און זייער שייכות צו דעם דאָזיגען פּראָצעס אונאָבהענגיק פון זיי גופא, און אַז די אונאָבהענגיקייט פון די פּערזאָנען איינע פון די אַנדערע ווערט באַלאַנסירט דורך אַ סיסטעם פון אַן אַלזייטיגער אָבהענגיקייט דורך די פּראָדוקטען.

די צוטיילונג פון דער ארבייט פערוואַנדעלט דעם ארבייטס־פּראָדוקט אין אַ סחורה, און מאַכט דורכדעם נויטיג, ער זאָל ווייטער פערוואַנדעלט ווערן אין געלד. אין דערזעלביגער צייט מאַכט זי די דורכפיהרונג פון דער דאָזיגער פערוואַנדלונג פאַר אַ צופעליגער זאַך. דאָ האָבען מיר נאָר צו בעטראַכטען די ערשיינונג אין איהר ריינער פאָרם, ד.ה. מיר נעהמען אָן איהר נאָרמאַלען גאַנג. איבעריגענס, אויב די פערוואַנדלונג קומט איבערהויפּט פאָר, ד.ה. אויב די סחורה איז ניט לחלוטין אונפערקויפליך, ווערט איהר פאָרם־איבערבייט שטענדיג פערווירקליכט, הגם דער עצם המעשה —דער פּרייז, וואָס בעקומט זיך—קאָן זיין אַבנאָרמאַל העכער אָדער נידעריגער איידער דער ווערטה.

איין סחורה־בעזיצער בעקומט געלד אנשטאַט זיין סחורה, דער אַנדערער—סחורה אנשטאַט זיין געלד. וואָס מען זעהט בחוש איז, אַז סחורה און געלד, 20 עלען לייוועגט און 2 פונט סט., האָבען

פליסיג, איבעריג און דערמיט נוצלאָז. אַ געשענקטען פערד קוקט מען ניט אין די ציינער, אָבער דער וועבער געהט ניט אין מארק צו געבען מתנות.

אָנגענומען אָבער, אַז זיין פּראָדוקט ווייזט זיך ארויס צו האָבען אַ געברויך־ווערטה, און זיין סחורה ציהט געלד. פרעגט זיך איצטער, וויפיעל געלד? דער ענטפער איז שוין טאַקע לכתחילה נעגעבען אין דעם פרייז פון דער סחורה, אין דעם עקס־פּאָנענט פון איהר ווערטה־גרויס. מיר רעדען ניט פון אַ מעגליכען ריין־סוביעקטיווען טעות אין חשבון, וואָס דער סחורה־בעזיצער קאָן מאַכען, וועלכער וועט אָבער אויפ'ן מארק אָביעקטיוו גלייך קאָרעגירט ווערן. מיר זיינען זיך משער, אַז ער האָט אויסגעגעבען אויף זיין פּראָדוקט ניט מעהר ווי דעם געזעלשאַפטליך־נויטווענ־דיגען דורכשניט פון ארבייטס־צייט. דער פרייז פון דער סחורה איז אַלזאָ נאָר דער געלד־נאָמען פאַר דער סומע געזעלשאַפטליכער ארבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין איהר. אָבער דער אַלט־מאָ־דישער אופן פון לייווענט־וועבעריי איז אָהן אונזער לייווענט־וועַ־בער'ס ערלויבניש און הינטער זיין רוקען געענדערט געוואָרן. וואָס נעכטען איז בלי ספק געוועזן געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע ארבייטס־צייט פאַר דער פּראָדוקציאָן פון איין על לייווענט, איז דאָס היינט שוין ניט מעהר, ווי דער געלד־בעזיצער סטאַרעט זיך צו בעווייזען דורך די פרייזען, וואָס אונזער פריינד'ס פערשיידענע קאָנקורענטען פערלאַנגען פאַר דערזעלבער סחורה. אויף זיין שלים־מזל זיינען פאַראַן אַ סך וועבער אויף דער וועלט.

מיר וועלען אָננעהמען צולעצט, אַז יעדעס שטיק לייווענט, וואָס איז פאַראַן אויפ'ן מארק, ענטהאַלט נאָר געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע ארבייטס־צייט. טראָץ דעם קאָן פונדעסטוועגען די גאַנצע סומע פון די דאָזיגע שטיקער לייווענט ענטהאַלטען איבער־פליסיג־אויסגעגעבענע ארבייטס־צייט. אויב דער מארק קאָן ניט פערצעהרען די גאַנצע סומע לייווענט פאַר דעם נאָרמאַל־פרייז פון 2 שילינג אַן על, איז דאָס אַ בעוויז, אַז עס איז אויסגעגעבען געוואָרן אַ צו־גרויסער טייל פון דער געזעלשאַפטליכער קאָלעקטיוו־ארבייט־צייט אין דער פאָרם פון לייווענט־וועבעריי. די ווירקונג איז דיזעלביגע, ווי ווען יעדער איינצעלנער לייווענט־וועבער וואָלט פערווענדעט אויף זיין אינדיווידועלען פּראָדוקט מעהר איידער די

פונקט. דער דאָזיגער פונקט ליעגט ביי זיין פּראָדוקציאָנס־קוואל, וואו ער טוישט זיך אויס אלס דירעקטער ארבייטס־פּראָדוקט אויף אַנאַנדער ארבייטס־פּראָדוקט פון דעמזעלבען ווערטה. פון דעם מאָמענט אָן אָבער שטעלט דאָס גאָלד שטענדיג פאָר די רעאַליזירטע סחורה־פּרייזען.[67] אָבגעזעהן פון דעם אויסטויש פון גאָלד אויף אַנאַנדער סחורה ביי זיין פּראָדוקציאָנס־קוואל, איז דאָס גאָלד אין האנד פון יעדען סחורה־בעזיצער די טראנספאָרמירטע געשטאַלט פון א סחורה, וואָס ער האָט אויסגעגעבען—א פּראָדוקט פון א פערקויף אָדער פון דער ערשטער מעטאַמאָרפאָזע ס—ג.[68]

דאָס גאָלד איז געוואָרן אידעעלעס געלד אָדער א מאָס פון ווערטהען, ווייל אַלע סחורות האָבען אין איהם געמאָסטען זייערע ווערטהען, און האָבען איהם אויף דעם אופן געמאכט פאר דעם פאַרגעשטעלטען געגענטייל פון זייערע געברויך־געשטאַלטען, ד.ה. פאָר זייער ווערטה־געשטאַלט. עס איז געוואָרן רעעלעס געלד, ווייל די סחורות דורך זייער אַלזייטיגען איבערגעהן פון האנד צו האנד האָבען עס געמאכט פאר זייער ווירקליך־פערוואנדעלטער געברויך־געשטאלט און במילא פאר זייער ווירקליכער ווערטה־גע־שטאַלט. אָנגעהמענדיג אָט די ווערטה־געשטאַלט, ווישט די סחורה אָב יעדען שפּור פון איהר נאַטירליכען געברויך־ווערטה און פון דעם בעזונדערן סאָרט ניצליכער ארבייט, וועמען זי האָט צו פערדאנקען איהר אורשפּרונג, כדי זיך צו פערוואנדלען אין דער גלייכפאָרמי־גער, געזעלשאפטליך־אנערקענטער פערקעפּערונג פון ניט־דיפערענ־צירטער מענשליכער ארבייט. אויפ'ן געלד זעהט זיך דעריבער ניט אָן וועלכע סחורה עס איז אין איהם פערוואנדעלט געוואָרן. איין סחורה אין איהר געלד־פאָרם זעהט פונקט אזוי אויס ווי די אנדערע. געלד קאָן דעריבער זיין בלאָטע, אָבוואָהל בלאָטע איז ניט קיין געלד.

מיר וועלען אָנגעהמען, אז די צוויי גאָלד־שטיקער, פאר וועלכע אונזער לייוועגט־וועבער האָט אָבגעגעבען זיין סחורה, זיינען די

[67] „דער פּרייז פון א סחורה קאָן נאָר בעצאָהלט ווערן מיט דעם פּרייז פון אַנאַנדער סחורה.“ (מערסער דע לא ריוויע, „ל'ארדער נאַטורעל א.א.וו., ז. 554.)

[68] „כדי צו קומען אין בעזיץ פון דעם דאָזיגען געלד. מוז מען אפּריהער עפּעס האָבען פערקויפט.“ (דאָרט גופא, ז. 543.)

זיך געביטען הענד אָדער פּלעצער, ד.ה. עס איז פאָרגעקומען אַן אויסטויש. אָבער אויף וואָס טוישט זיך אוים די סחורה? אויף איהר אייגענער אַלגעמיינער ווערטה־געשטאַלט. און אויף וואָס טוישט זיך אוים דאָס גאָלד? אויף איין ספּעציעלער געשטאַלט פון זיין געברויך־ווערטה. פאַרוואָס טרעט גאָלד אַרוים קעגענאיבער דער לייווענט ווי געלד? ווייל איהר פּרייז פון 2 פונט סט., אָדער איהר געלד־נאָמען, האָט איהר שוין געשטעלט אין בעציהונג צו גאָלד אַלס געלד. א סחורה ווארפט אראָב פון זיך איהר אור־שפּרינגליכע סחורה־פאָרם אזוי באַלד ווי זי ווערט אָבגעגעבען, ד.ה. אין דעם אויגענבליק, ווען איהר געברויך־ווערטה ציהט ווירק־ליך צו דאָס גאָלד, וואָס האָט פריהער עקזיסטירט אין איהר פּרייז נאָר ווי פאָרגעשטעלטעם גאָלד. די רעאַליזירונג פון פּרייז, אָדער פון דער בלויז אידעעלער ווערטה־פאָרם פון דער סחורה, איז דערי־בער אין דערזעלבער צייט אויך פערקעהרט א רעאַליזירונג פון דעם בלויז אידעעלען געברויך־ווערטה פון דעם געלד: די פערוואַנדלונג פון סחורה אין געלד איז צוגלייך א פערוואַנדלונג פון געלד אין סחורה. דער איין פּראָצעס איז אין גרונד גענומען א צווייזייטיגער פּראָצעס: פון דער זייט פון סחורה־בעזיצער איז דאָס פ ע ר ק ו י ף, פון דער אנטקעגענדיגער זייט פון דעם געלד־בעזיצער—ק ו י ף. אָדער, אין אנדערע ווערטער, פערקויף איז קויף: ס—ג איז צוגלייך ג—ס. [66]

ביזאהער האָבען מיר בעטראַכט די מענשען בלויז אין איין עקאָנאָמישער שייכות—אַלס בעזיצער פון סחורות; א שייכות, אין וועלכער זיי קאָנען זיך אָנאייגענען א פרעמדען פּראָדוקט נאָר דורכ־דעם, וואָס זיי פערפרעמדען זייער אייגענעם. אַנטקעגענאיבער איין סחורה־בעזיצער קאָן דעריבער דער אנדערער אַרויסטרעטען נאָר אַלס געלד־בעזיצער, ענטוועדער ווייל זיין ארבייט־פּראָדוקט בעזיצט פון נאַטור די פאָרם פון געלד, עס איז, הייסט עס, א געלד־מאַטעריאַל, גאָלד א.ד.גל., אָדער ווייל זיין אייגענע סחורה האָט שוין געביטען איהר הויט און האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך איהר אורשפּרינגליכע געברויך־פאָרם. כדי צו פונקציאָנירן אַלס געלד מוז, פערשטעהט זיך, דאָס גאָלד אריינטרעטען אין מארק ביי א וועלכען עס איז

---

[66] „יעדער פערקויף איז צוגלייך א קויף" (דר. קעניי, „דיאַלאָגען") אָדער ווי ער זאָגט אין זיין „מאַקסים זשענעראַל": „פערקויפען איז קויפען."

ניט קומען. אויב עס שטעלט פאַר פון איין זייט פערקויפטע סחורה, שטעלט עס פון דער אנדער זייט פאַר סחורות, וואָס קאָנען געקויפט ווערן.[70]

ג—ס, דער קויף איז אין דערזעלביגער צייט אַ פערקויף, ס.—ג; די לעצטע מעטאַמאָרפאָזע פון איין סחורה איז דעריבער צוגלייך די ערשטע מעטאַמאָרפאָזע פון אַנאַנדער סחורה. פאַר אונזער לייווענט־וועבער ענדיגט זיך דער לעבענס־לויף פון זיין סחורה מיט דעם גאַנג חומשים, פאַר וועלכען ער האָט צוריק־פערוואַנדעלט די 2 פונט סט. אָבער לאָמיר אָננעהמען, אז דער חומשים־פערקויפער האָט פערטאָן די 2 פונט סט., וואָס ער האָט געלייזט פון לייווענט־וועבער, אויף בראַנפען. ג—ס, די שלוס־פאַזע פון ס—ג—ס (לייווענט—געלד—חומשים), איז צוגלייך ס—ג, די ערשטע פאַזע פון ס—ג—ס (חומשים—געלד—בראַנפען). אַזוי ווי דער סחורה־פּראָדוצירער ליעפערט נאָר איין בעשטימטען פּראָדוקט, פערקויפט ער עס אָפט אין גרעסערע קוואַנטיטעטען, בעת זיינע פיעלפאַכיגע בעדערפענישען צווינגען איהם צו צעברעקלען נאָכאַנאַנד דעם רעאַליזירטען פּרייז אָדער די געלייזטע געלד־סומע אויף צאָהלרייכע קניות. איין פערקויף פאַלט אַלזאָ פונאַנדער אין פיעל קניות פון פערשיידענע סחורות. די שלוס־מעטאַמאָרפאָזע פון איין סחורה בילדעט אויף דעם אופן אַ סומע פון ערשטע מעטאַמאָרפאָזען פון אנדערע סחורות.

ווען מיר בעטראַכטען איצטער די גאַנצע מעטאַמאָרפאָזע פון אַ סחורה, צ.ב.ש. פון לייווענט, זעהען מיר ערשטענס, אז זי בע־שטעהט פון צוויי אַנטקעגענגעזעצטע און איינע די אנדערע ער־גענצענדע בעוועגונגען: ס—ג און ג—ס. אָט די צוויי אַנטקע־גענגעזעצטע וואַנדלונגען פון דער סחורה ווערען דורכגעפיהרט אין צוויי אַנטקעגענגעזעצטע געזעלשאַפטליכע פּראָצעסען מצד דעם סחורה־בעזיצער און שפּיעגלען זיך אָב אין צוויי אַנטקעגענגעזעצטע עקאָנאָמישע כאַראַקטערען פון דעם דאָזיגען סחורה־בעזיצער. אַלס

---

70 „אויב דאָס געלד, וואָס מיר האָבען אין האַנד, שטעלט פאַר די זאַכען, וועלכע מיר ווילען קויפען, שטעלט עס אין דערזעלבער צייט אויך פאַר די זאַכען, וועלכע מיר האָבען פאַר דעם געלד פערקויפט.” (מערסיע דע לא ריוויער, „ל׳אָרדער נאַטורעל א.אַז.וו.”, ז. 586).

פערוואנדעלטע געשטאלט פון א פערטעל ווייץ. דער פערקויף פון דער לייווענט, ס—ג, איז אין דערזעלביגער צייט איהר קויף, ג—ס. אָבער מיט דעם פ ע ר ק ו י ף פון דער לייוועגט פאנגט זיך אָן דער ערשטער אקט פון א פראָצעס, וואָס ענדיגט זיך מיט זיין געגענטייל, מיט דעם קויף פון די חומשים; פון דער אנדער זייט, מיט דעם ק ו י ף פון דער לייוועגט ענדיגט זיך א בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען מיט זיין געגענטייל, מיט דעם פער־קויף פון דעם ווייץ. ס—ג (לייוועגט—געלד), וועלכע איז די ערשטע פאזע פון ס—ג—ס (לייוועגט—געלד—חומשים), איז אין דערזעלביגער צייט ג—ס (געלד—לייוועגט), די לעצטע פאזע פון אנאנדער בעוועגונג ס—ג—ס (ווייץ—געלד—לייוועגט). די ער־שטע מעטאמאָרפאָזע פון א סחורה, איהר פערוואנדלונג פון דער סחורה־פאָרם אין געלד, איז שטענדיג אויך א צווייטע אנטקעגענ־געזעצטע מעטאמאָרפאָזע פון אנאנדער סחורה, איהר צוריק־פער־וואנדלונג פון דער געלד־פאָרם אין סחורה.[66]

ג—ס. די צווייטע אָדער שלוס־מעטאמאָרפאָזע פון סחורה: דער קויף. — מחמת געלד איז די פערוואנדעלטע געשטאלט פון אלע אנדערע סחורות אָדער דער פראָדוקט פון זייער אלגעמיינעם איבערגעהן פון האנד צו האנד, איז עס דעריבער די אבסאָלוט־איבערגעהנגליכע סחורה. עס לעזט אלע פרייזען ריק־ווערטס און שפיגעלט זיך אויף דעם אופן אָב אין אלע סחורה־קערפערס, וועלכע באַטען איהם אָן דעם מאטעריאל, וואָס מאכט איהם אליין ווערן א סחורה. אין דערזעלביגער צייט ווייזען אָן די פרייזען—די ליעבעס־אויגען, מיט וועלכע די סחורות ווינקען צו איהם—די גרעניצען פון זיין פערוואנדלונגס־פעהיגקייט, און דאָס איז, זיין אייגענע קוואנטיטעט. אזוי ווי די סחורה, ווערענדיג געלד, פערשווינדט אלס סחורה, זעהט מען אויף דעם געלד ניט אָן, ווי אזוי עס איז אריינגעפאלען אין די הענד פון זיין בעזיצער, אָדער וואָס פאר א סחורה עס איז פערוואנדעלט געוואָרן אין איהם. געלד האָט ניט קיין שלעכטען גערוך, פון וועלכען קוואל עס זאָל

---

[66] ווי שוין פריהער בעמערקט, איז דער גאלד אָדער זילבער פראָדוצירער אַן אויסנאהם צו דעם כלל, דען ער טוישט אוים זיין פראָדוקט ניט האבענדיג עס פריהער פערקויפט.

מעטאמארפאזע שטעלען צונויף א קרייז־לויף: סחורה־פארם, ארונ־טערציהונג פון דער סחורה־פארם, צוריקקעהר צו דער סחורה־פארם. יעדענפאלס ערשיינט דא די סחורה גופא אין צוויי נעגענגעזעצטע פארמען. ביים אנהויב־פונקט איז זי ניט קיין געברויך־ווערטה פאר איהר בעזיצער, ביים ענד־פונקט יא א געברויך־ווערטה. אזוי אויך ערשיינט דאס געלד אין דער ערשטער פאזע ווי א פעסטער ווערטה־קריסטאל, אין וועלכען די סחורה ווערט פערוואנדעלט, כדי דערנאך צורונען צו ווערן אלס א בלויזע עקוויוואלענט־פארם פון דער סחורה.

די צוויי מעטאמארפאזען, וואס שטעלען צונויף דעם קרייז־לויף פון א סחורה, זיינען אין דערזעלבער צייט די אומגעקעהרטע טיילווייזע־מעטאמארפאזען פון צוויי אנדערע סחורות. דיזעלבע סחורה (די לייווענט) עפענט אויף די סעריע פון איהרע אייגענע מעטאמארפאזען און שליסט די אלע מעטאמארפאזען פון אנאנדער סחורה (פון דעם ווייץ). בעת איהר ערשטער וואנדלונג, אין דעם פערקויף, שפיעלט זי די דאזיגע צוויי ראלען אין איהר אייגענער פערזאן. ווען זי ווערט אבער פערביטען אויף געלד און פערענדיגט איהר אייגענע צווייטע מעטאמארפאזע, פיהרט זי אין דערזעלבער צייט דורך די ערשטע מעטאמארפאזע פון א דריטער סחורה. דער קרייז־לויף אלזא, וואס יערע סחורה מאכט דורך אין דעם סדר פון איהרע מעטאמארפאזען, ווערט אריינגעדרעהט אין א פער־פלאנטערטען קנויל מיט די קרייזען פון אנדערע סחורות. דער סך־הכל פון דעם גאנצען פראצעס שטעלט צונויף די צירקולאציע פון סחורות.

די סחורה־צירקולאציע אונטערשיידט זיך פון דעם דירעקטען אויסטויש פון פראדוקטען ניט נאר אין פארם, נאר אויך אין עצם. מען דארף נאר ווארפען א בליק צוריק אויף דאס, וואס איז פאר־געקומען. דער לייוונט־וועבער האט פשוט און קלאר אויסגעטוישט לייווענט אויף דעם גאנג חומשים, זיין אייגענע סחורה אויף א פרעמדער. אבער דער דאזיגער פאקט איז נאר אמת בנוגע איהם אליין. דער מוכר ספרים, וועלכער האלט מעהר פון ביטערן טראַ־פען איידער פון זיסע מעשיות, האט פונקט אזוי וועניג געהאט בדעה אויסצובייטען זיינע חומשים אויף לייוונט, ווי דער לייוונט־וועבער האט געוואוסט, אז זיין לייוונט איז אויסגעביטען געווארן

אגענט פון דעם פערקויף ווערט ער א פערקויפער, אלס אגענט פון דער קניה—א קונה. אזוי ווי אָבער אין יעדער וואנדלונג פון א סחורה עקזיסטירן איהרעביידע פאָרמען, די סחורה־פאָרם און די געלד־פאָרם, אין דערזעלביגער צייט, נאָר אויף אנטקעגענגעזעצטע זייטען, אזוי אויך שטעהט אנטקעגען דעמזעלביגען סחורה־בעזיצער אלס פערקויפער אנאנדער קויפער און אלס קויפער אנאנדער פערקויפער. פּונקט ווי דיזעלביגע סחורה מאכט דורך איינע נאָך די אנדערע די צוויי אומגעקעהרטע וואנדלונגען—פון סחורה ווערט געלד און פון געלד סחורה—אזוי אויך בייט דערזעלביגער סחורה־בעזיצער די ראָליען פון פערקויפער און קויפער. די כאראקטערען פון קויפער און פערקויפער זיינען אלזאָ נים קיין פעסטע, נאָר בייטען זיך שטענדיג ביי דער פערזאָן, וואָס איז עוסק אין דער סחורה־צירקולאציע.

די גאנצע מעטאמאָרפאָזע פון א סחורה, אין איהר איינפאכ־סטער פאָרם, שליסט איין פיער עקסטרעמען און דריי „פערזאנע דראמאטים“, דריי האנדלענדע פערזאָנען. ערשטענס טרעט דאָס געלד ארויס קעגענאיבער דער סחורה, ווי איהר ווערטה־געשטאלט, וועלכע בעזיצט, אויף דער אנדער זייט, אין א פרעמדער קעשענע, א ממשות'דיג־הארטע ווירקליכקייט. א געלד־בעזיצער טרעט אָט אזוי ארויס קעגענאיבער א סחורה־בעזיצער. אזוי באלד ווי די סחורה ווערט פערוואנדעלט אין געלד, ווערט דאָס געלד איהר צייט־ווייליגע [וואָס פערשווינדט גלייך] עקוויוואלענט־פאָרם, און דער געברויך־ווערטה אָדער אינהאלט פון דער דאָזיגער עקוויוואלענט־פאָרם עקזיסטירט, אויף דער זייט, אין די קערפּער פון אנדערע סחורות. דאָס געלד אלס ענד־פונקט פון דער ערשטער סחורה־וואנדלונג איז אין דערזעלביגער צייט דער אָנפאנג־פונקט פון דער צווייטער וואנדלונג. אזוי ווערט דער פערקויפער אין דעם ער־שטען אקט א קויפער אין דעם צווייטען אקט, וואו א דריטער סחורה־בעזיצער טרעט קעגען איהם ארויס ווי א פערקויפער.[71]

די ביידע אומגעקעהרטע בעוועגונג־פאזען פון דער סחורה־

---

[71] „עס זיינען אלזא פאראן פיער ענד־פונקטען און דריי קאנטראהענטען, פון וועלכע איינער טרעט ארויס צוויי מאל.“ (לע טראָן, „דע ל'אינטערע סאָסיאל“, פאריז 1846, ז. 908.)

עס קאָן ניט זיין קינדישער איידער די דאָגמא, אז וויבאלד יעדער פערקויף איז א קויף און פערקעהרט, דעריבער מוז די ציר־קולאציע פון סחורות נויטיגערווייז איינשליסען א גלייכגעוויכט פון די מכירות און קניות. אויב דאָס בעדייט, אז די צאָהל פון די ווירקליך דורכגעפיהרטע מכירות איז גלייך צו דערזעלביגער צאָהל קניות, דאן איז עס א פשוט'ע טאוטאלאָגיע. אָבער דער מיין איז צו בעווייזען, אז יעדער פערקויפער ברענגט זיין אייגענעם קויפער מיט זיך אויפ'ן מארק. פערקויף און קויף זיינען איין און דער־זעלביגער (אידענטישער) אקט אלס א געגענזייטיגע בעציהונג צווישען צוויי פערזאָנען, דעם סחורה־בעזיצער און דעם געלד־בעזיצער, וועלכע זיינען אנטקעגענגעזעצט ווי די צוויי פּאָליוסען פון א מאגנעט. זיי שטעלען צונויף צוויי פּאָלאריש אנטקעגענ־געזעצטע אקטען אלס האנדלונגען פון איין און דערזעלבער פערזאָן. דער עצם איינהייט (אידענטיטעט) פון פערקויף און קויף שליסט דעריבער איין, אז די סחורה איז נוצלאָז, אויב נאָכדעם ווי זי איז אריינגעוואָרפען געוואָרן אין דעם אלכעמישען מיש־שיסעל פון דער צירקולאציע, קומט זי ניט ארויס צוריק אין געשטאלט פון געלד; ד.ה., אויב זי ווערט ניט פערקויפט פונ'ם סחורה־בעזיצער און ממילא ניט געקויפט פון דעם געלד־בעזיצער. די דאָזיגע איינהייט שליסט ווידער איין, אז דער פּראָצעס [פון אויסטויש], אויב ער געלינגט, מאכט אויס א רוה־פּונקט, אן אָבשטעל אין דעם לעבען פון דער סחורה, וועלכער געוועהרט א לענגערע אָדער קירצערע צייט. אזוי ווי די ערשטע מעטאמאָרפאָזע פון א סחורה איז אין דערזעלביגער צייט א פערקויף און א קויף, איז דער דאָזיגער טייל פונ'ם גאנצען פּראָצעס א זעלבשטענדיגער פּראָצעס פאר זיך. דער קויפער האָט די סחורה, דער פערקויפער האָט דאָס געלד, דאָס הייסט ער האָט א סחורה, וועלכע האלט איין א צירקולאציאָנס־פעהיגע פאָרם, סיי זי ערשיינט פריהער אָדער שפּעטער ווידער אויפ'ן מארק. קיינער קאָן ניט פערקויפען אוואו עס איז ניטאָ אנאנדערער וואָס זאָל קויפען. אָבער קיינער מוז ניט דירעקט קויפען, דערפאר ווייל ער אליין האָט פערקויפט. די צירקולאציע

פערזעהן פון די פּאָליטישע עקאָנאָמען, און דערהויפּט פון די וואולגארע פריי־הענדלער.

אויף ווייץ א.אז.וו. ב׳ס סחורה פערנעהמט דעם פּלאַץ פון א׳ס סחורה, אָבער א און ב טוישען ניט אוים זייערע סחורות געגענזייטיג. עס קאָן טאַקע פאַקטיש פּאָרקומען, אַז א און ב קויפען געגענזייטיג איינע פון די אנדערע, אָבער די אַלגעמיינע פערהעלטעניש פון דער סחורה־צירקולאַציע מאַכט בשום אופן ניט אַזא ספּעציעלע בעציהונג פאַר א נויטיגען תנאי. פון איין זייט זעהען מיר דאָ ווי דער סחורה־אויסטויש ברעכט דורך די אינדיווידועלע און לאָקאַלע גרעניצען פון דעם דירעקטען פּראָדוקטען־אויסטויש, און ענטוויקעלט דעם שטאָף־אויסבייט פון דער מענשליכער ארבייט. פון דער אנדער זייט ענטוויקעלט זיך א גאַנצער קרייז פון געזעלשאַפטליכע צוזאַמענהאַנגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען פון זיך און קאָנען ניט קאָנטראָלירט ווערן פון די בעטייליגטע פּערזאָנען. דער וועבער קאָן פערקויפען לייווענט נאָר דערפאַר, ווייל דער פויער האָט פערקויפט ווייץ, דער טרינקער קאָן פערקויפען די חומשים נאָר דערפאַר, ווייל דער וועבער האָט פערקויפט לייווענט, דער דעסטילאַטאָר קאָן פערקויפען דעם יין שרף, דערפאַר ווייל יענער האָט אפריהער פערקויפט די „מים חיים” א.א.וו.

דער פּראָצעס פון דער צירקולאַציע ווערט דעריבער ניט אויסגעלאָשען, ווי דער דירעקטער פּראָדוקטען־אויסטויש, ווען די געברויך־ווערטהען האָבען זיך געביטען הענט און פּלעצער. דאָס געלד פערשווינדט ניט בעת עס פאַלט שליסליך ארויס פון דעם מעטאַמאָרפאָזען־קרייז פון א סחורה. עס זעצט זיך נאָכאַנאַנד אָב אויף א נייער שטעלע אין דער צירקולאַציע, וואָס איז אָבגעראַמט געוואָרן פון די סחורות. צום ביישפּיעל, אין דער פּאָלשטענדיגער מעטאַמאָרפאָזע פון דער לייווענט: לייווענט—געלד—חומשים, פאַלט צוערשט די לייווענט ארויס פון דער צירקולאַציע, דאָס געלד פערנעהמט איהר פּלאַץ, דאַן פאַלט דער גאַנג חומשים ארויס פון דער צירקולאַציע, דאָס געלד פערנעהמט זיין פּלאַץ. ווען איין סחורה פּילט אויס דעם פּלאַץ פון אנאַנאַדער סחורה בלייבט די געלד־סחורה אין דערזעלבער צייט שטעקען אין האַנד פון א דריטער פּערזאָן. די צירקולאַציע שוויצט שטענדיג ארויס געלד. [72]

---

[72] קלאַר ווי אַט די ערשיינונג איז, ווערט זי פונדערסטוועגען דאַס רוב

נישען, וועלכע דאָ, אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע, עקזיסטירן נאָך גאָרנים.[78]

אַלס פערמיטלער פון דער סחורה־צירקולאַציע בעקומט דאָס געלד די פונקציע פון אַ צירקולאַציאָנס־מיטעל.

דער אומלויף פון געלד.

די פאָרם־ענדערונג, דורך וועלכער עס ווערט צו שטאַנד געבראַכט די שטאָף־ענדערונג פון די אַרבייט־פּראָדוקטען, ס—ג—ס, איז מחייב, אַז דערזעלבער ווערטה פאַנגט אָן דעם פּראָצעס אין דער פאָרם פון אַ סחורה, און קעהרט זיך צוריק צו דעמזעלבען פּונקט אויך אין דער פאָרם פון אַ סחורה. אָט די בעוועגונג פון סחורות איז דעריבער אַ קרייז־לויף. פון דער אַנדער זייט, שליסט דיזעלביגע פאָרם אויס דעם קרייז־לויף פון דעם געלד. איהר רעזולטאַט איז ניט די צוריקקעהרונג פון דעם געלד צו זיין אָנהויב־פּונקט, נאָר זיין בעשטענדיגע דערווייטערונג פון איהם. כל זמן

---

[78] זעה מיינע בעמערקונגען איבער דזשיימס מילל אין „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע", ז. 74 ביז 76. צוויי פּונקטען זיינען דאָ כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מעטאָדע פון דער עקאָנאָמישער אַפּאָלאָגעטיק [וואָס פערטיידיגט דאָס בעשטעהענדע]. ערשטענס די אידענטיפיצירונג פון סחורה־צירקולאַציע און דעם דירעקטען פּראָדוקטען־אויסטויש דורך דעם איינפאַכען וועג פון ניט נעהמען אין בעטראַכט זייערע אונטערשיידען. צווייטענס דאָס פּרובירן אַוועקלייקענען די ווידערשפּרוכען פון קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, דורכדעם וואָס מען רעדוצירט די שייכות'ן צווישען די פּערזאָנען, וואָס זיינען זיך עוסק אין דער פּראָדוקציאָן, צו די איינפאַכע שייכות'ן, וואָס קומען אַרויס דורך דער סחורה־צירקולאַציע. סחורה־פּראָדוקציאָן און סחורה־צירקולאַציע זיינען אָבער ערשיינונגען, וועלכע געהערן צו די פערשיידענסטע פּראָדוקציאָנס־אופנים, ווען אפילו אין אַ פערשיידענעם ערך און ווירקונג. אויב מיר זיינען בלויז בעקאַנט מיט די אַבסטראַקטע קאַטעגאָריען פון דער סחורה־צירקולאַציע, וועלכע זיינען געמיינשאַפטליך פאַר אָט די אַלע אופנים פון פּראָדוקציאָן, קאָנען מיר נאָך גאָר נישט ניט וויסען פון די ספּעציפישע חלוקים (דיפערענציאַ ספּעציפיקאַ) פון די דאָזיגע אופנים און קאָנען דעריבער ניט אַרויסגעבען ווענען זיי קיין אורטייל. אין קיין וויסענשאַפט מאַכט מען ניט אַזאַ גרויסען וועזען פון פּשוט'ע עלעמענטאַרע טרואיזמען, ווי אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. צום ביישפּיעל זש. ב. סעי שטעלט זיך אַוועק אַרויסצוגעבען זיין אורטייל וועגען די קריזיסען, ווייל ער ווייס—אַזאַ גרויסע זאַך!—אַז אַ סחורה איז אַ פּראָדוקט.

צעברעכט די צייטליכע, אָרטיגע און אינדיווידועלע צוימען פון דעם [דירעקטען] פּראָדוקטען־אויסטויש פּונקט דורכדעם, וואָס זי צעשפּאַלט די דירעקטע אידענטיטעט, וואָס געפינט זיך דאָרט, צווישען דעם אויסטויש פון דעם אייגענעם ארבייט־פּראָדוקט און דעם איינטויש פון דעם פרעמדען, אין דעם געגענזאַץ פון פערקויף און קויף. זאָגען אַז די זעלבשטענדיגע פּראָצעסען, וואָס טרעטען ארויס איינע אַנטקעגען די אַנדערע, בילדען אַ אינערליכע איינהייט, הייסט פּונקט דאָס אייגענע ווי צו זאָגען, אַז זייער אינערליכע איינהייט בעוועגט זיך אין אויסערליכע געגענזאַצען. ווען די אויסערליכע פערזעלבשטענדיגונג פון די אינערליך אונזעלבשטענדיגע, ווייל זיי זיינען איינע די אַנדערע ערגענצענדע [פּראָצעסען], געהט אָן ביז אַ געוויסען פּונקט, דאַן זעצט זיך דורך די איינהייט מיט געוואַלט דורך אַ—קריזיס.*

דער געגענזאַץ, וואָס ליעגט אין דער טבע פון סחורה, פון געברויך־ווערטה און ווערטה; פון דעם, וואָס פּריוואַט־ארבייט מוז זיך צוגלייך ארויסשטעלען אַלס דירעקט געזעלשאַפטליכע ארבייט; פון דעם, וואָס ספּעציעלע קאָנקרעטע ארבייט גילט אין דערזעלבינגער צייט נאָר ווי אבסטראַקט אַלגעמיינע ארבייט; פון דעם, וואָס די זאכען ווערן פּערזאָניפיצירט און די פּערזאָנען ווערן פאַרגעשטעלט דורך זאכען—אַט דער בטבע'דיגער (אימאַנענטער) ווידערשפּרוך בעקומט זיינע ענטוויקעלטע בעוועגונגס־פאָרמען אין די געגענזאַצען פון דער מעטאַמאָרפאָזע פון סחורות. די דאָזיגע פאָרמען שליסען דעריבער איין די מעגליכקייט, אָבער אויך ניט מעהר ווי די מעגליכקייט, פון קריזיסען. די ענטוויקלונג פון אַט דער מעגליכקייט ביז צו אַ ווירקליכקייט פאָדערט אַ גאַנצען קרייז פון פערהעלטע־

---

* אַט דער קורצער און שווערער זאַץ ווערט איבערגעגעבען אין דער ענגלישער איבערזעצונג (אונטער דער רעדאַקציע פון פריעדריך ענגעלס) ווי פאָלגט: —„אויב דער צייט־אבשטעל צווישען די צוויי ערגענצענדע פאַזען פון דער פאָלשטענדיגער מעטאַמאָרפאָזע פון אַ סחורה ווערט צו־גרויס, אויב די שפּאַלטונג צווישען דעם פערקויף און דעם קויף ווערט צו־דייטליך, דאַן זעצט זיך דורך די ענגע פערבינדונג וואָס צווישען זיי, זייער איינהייט, דורכדעם וואָס זי רופט ארויס—אַ קריזיס."

מיט אַנדערע. פּשוט'ע ווערטער גערעדט: אויב עס זיינען ניטאָ קיין קויפער אויף די פּראָדוצירטע סחורות, ווערט אַ קריזיס. — איבערזעצער.

ווי די זאך וואָלט געווען פערקעהרט. די ערשטע מעטאמאָרפאָזע פון דער סחורה לאָזט זיך אָנזעהן ניט נאָר ווי א בעוועגונג פון געלד, נאָר ווי איהר אייגענע בעוועגונג, אָבער איהר צווייטע מע־טאמאָרפאָזע לאָזט זיך אָנזעהן נאָר ווי א בעוועגונג פון געלד. אין דער ערשטער העלפט פון איהר צירקולאציע בייט זיך די סחורה פּלעצער מיט'ן געלד. צוגלייך דערמיט פאלט ארויס איהר געברויך־געשטאַלט פון דער צירקולאציע און געהט אריבער אין דער קאָנ־זומציאָן.[74] אויף איהר אָרט טרעט ארויס איהר ווערטה־געשטאלט אָדער די געלד־לארווע. די צווייטע העלפט פון איהר צירקולאציע לויפט זי ניט מעהר דורך אין איהר אייגענער נאטוראל־הויט, נאָר אין איהר גאָלד־הויט. די אָנגעהאלטענקייט פון דער בעוועגונג פאלט אויף דעם אופן אינגאנצען אויף דער זייט פון דעם געלד, און דיזעלבע בעוועגונג, וואָס מצד דער סחורה בעשטעהט פון צוויי אנטקעגענגעזעצטע פּראָצעסען, בעשטעהט אלס אייגענע בעוועגונג פון דעם געלד שטענדיג פון דעמזעלבינגען פּראָצעס—פון זיין שטענ־דיג זיך בייטען פּלעצער מיט אלץ אנדערע סחורות. דער רעזולטאט פון דער סחורה־צירקולאציע—דאָס, וואָס איין סחורה פערנעהמט דעם פּלאץ פון אנאנדער סחורה—ערשיינט דעריבער ניט ווי עס ווערט צושטאנד געבראכט דורך איהר אייגענער פאָרם־ענדערונג, נאָר דורך דער פונקציע פון'ם געלד אלס צירקולאציאָנס־מיטעל, וואָס מאכט צירקולירן די סחורות, וועלכע זיינען אן און פאר זיך בעוועגונגסלאָז, וואָס טראָגט זיי איבער פון די הענד וואו זיי זיינען ניט־געברויך־ווערטהען אין די הענד וואו זיי זיינען געברויך־ווער־טהען—און שטענדיג אין דער אנטקעגענגעזעצטער ריכטונג צו זיין אייגענעם לויף. דאָס געלד וואַרפט שטענדיג ארויס די סחורות פון דער ספּערע פון דער צירקולאציע, דורכדעם וואָס עס טרעט שטענדיג אריין אויף זייער אָרט אין דער צירקולאציע און דער־ווייטערט זיך דערמיט פון זיין אייגענעם אויסגאנג־פּונקט. הגם

[74] אפילו ווען די סחורה ווערט ווידער און ווידער פערקויפט—אין ערשיי־נונג, וואס דא פאר אונז עקזיסטירט נאך ניט—פאלט זי ארויס מיט דעם לעצטען דעפיניטיווען פערקויף פון דער ספערע פון דער צירקולאציע אין דער ספערע פון דער קאנזומציאן, כדי צו דיענען דארט אלס לעבענס־מיטעל אדער אלס מיטעל פון פראדוקציאן.

דער פערקויפער האלט פעסט דאס געלד, וואס איז די פערוואנ־דעלטע געשטאלט פון זיין סחורה, געפינט זיך די דאזיגע סחורה אין דער ערשטער פאזע פון איהר מעטאמארפאזע און האט נאר דורכגעמאכט די ערשטע העלפט פון איהר צירקולאציע. ווערט אבער דער פראצעס, פערקויפען כדי צו קויפען, פערפאלשטענדיגט, דערווייטערט זיך דאס געלד ווידער פון די הענד פון זיין ערשטען בעזיצער. געוויס, ווען דער לייוועגט־וועבער, נאכדעם ווי ער האט געקויפט די חומשים, פערקויפט ווידער לייוועגט פון דאס ניי, קעהרט זיך אום דאס געלד צוריק אין זיין האנד. אבער עס קעהרט זיך ניט אום דורך דער צירקולאציע פון די ערשטע 20 עלען לייוועגט, דורך וועלכער דאס דאזיגע געלד האט זיך דערווייטערט פון דעם לייוועגט־וועבער׳ס הענד אין די הענד פון דעם פערקויפער פון די חומשים. עס קעהרט זיך נאר צוריק דורך דער בענייאונג אדער ווידערהאלונג פון דעמזעלבען צירקולאציאנס־פראצעס פאר נייע סחורה, און ענדיגט זיך דא ווי פריהער מיט דעמזעלביגען רעזול־טאט. די בעוועגונג־פארם, וואס ווערט דירעקט געגעבען דעם געלד דורך דער סחורה־צירקולאציע, איז דעריבער זיין בעשטענדיגע דער־ווייטערונג פון דעם אנהויב־פונקט, זיין לויפען פון די הענד פון איין סחורה־בעזיצער אין די הענד פון אנאנדער סחורה־בעזיצער, דאס הייסט זיין אומלויף („קוירענסי" אין ענגליש, די גאנגבארקייט פון געלד).

דער אומלויף פונ׳ם געלד צייגט א שטענדיגע, מאנאטאנע ווידערהאלונג פון דעמזעלבען פראצעס. די סחורה שטעהט שטענ־דיג אויף דער זייט פון פערקויפער, דאס געלד, אלס קויפמיטעל,— שטענדיג אויף דער זייט פון קויפער. עס פונקציאנירט אלס קויפ־מיטעל דורכדעם, וואס עס רעאליזירט דעם פרייז פון דער סחורה. דורכדעם וואס עס רעאליזירט איהם, טראגט עס אריבער די סחורה פון דער האנד פונ׳ם פערקויפער אין דער האנד פון קויפער, בעת עס דערווייטערט זיך אליין אין דערזעלבער צייט פון דער האנד פונ׳ם קויפער אין דער האנד פון פערקויפער, כדי צו ווידערהאלען דעמזעלבען פראצעס מיט אנאנדער סחורה. אז אט די איינזיי־טיגע פארם פון דער געלד־בעוועגונג נעהמט זיך פון דער טאפעל־זייטיגער פארם־בעוועגונג פון דער סחורה, איז פערבארגען. די נאטור פון דער סחורה־צירקולאציע גופא מאכט דעם איינדרוק,

צווייטער פלאץ־איבערבייט דריקט שטענדיג אויס די צווייטע מע־טאמארפאזע פון דער סחורה, איהר צוריק־פארוואנדלונג פון געלד [אין סחורה]. אין דער פיעלמאליגער ווידערהאלונג פון דעם דאזיגען פלאץ־איבערבייט פון די געלד־שטיקער שפיגעלט זיך אב ניט נאר די סעריע מעטאמארפאזען פון אן איינציגער סחורה, נאר אויך די פערבינדונג צווישען די צאהללאזע מעטאמארפאזען פון דער סחורה־וועלט בכלל. איבעריגענס, פערשטעהט זיך פון זיך אליין, אז דאס אלעס געהט נאר אויף דער פארם פון איינפאכער סחורה־צירקו־לאציע, וועלכע עס ווערט דא בעטראכט.

יעדע סחורה, בעת זי שטעלט איהר ערשטען טריט אין דער צירקולאציע, בעת איהר ערשטען איבערבייט אין פארם, פאלט ארויס פון דער צירקולאציע, אין וועלכער עס טרעט שטענדיג אריין א נייע סחורה. פערקעהרט, דאס געלד אלס צירקולאציאנס־מיטעל וואוינט שטענדיג אין דער ספערע פון דער צירקולאציע און טרייבט זיך שטענדיג ארום אין איהר. עס שטעלט זיך אלזא די פראגע ווי־פיעל געלד די דאזיגע ספערע ציהט אין זיך שטענדיג אריין.

אין א לאנד קומען יעדען טאג פאר אין דערזעלבער צייט און פאלגליך איינע נעבען די אנדערע אין רוים, צאהלרייכע, איינזיי־טיגע סחורה־מעטאמארפאזען, אדער אין אנדערע ווערטער: בלויז מכירות פון איין זייט, בלויז קניות פון דער אנדער זייט. אין זייערע פרייזען זיינען די סחורות שוין אוועקגעשטעלט גלייך צו בעשטימטע פארגעשטעלטע געלד־סומען. אזוי ווי די דירעקטע צירקולאציאנס־פארם, וואס ווערט דא בעטראכט, שטעלט שטענדיג סחורה און געלד קערפערליך איינע אנטקעגען די אנדערע—איינע אויפ'ן פאליוס פונ'ם פערקויף, די אנדערע אויף דעם אנטקעגענ־דיגען פאליוס פון קויף—איז די נויטיגע מאסע פון צירקולאציאנס־מיטלען [פון געלד] שוין כמעט בעשטימט דורך דער פרייז־סומע פון די סחורות. פאקטיש שטעלט נאר דאס געלד פאר רעעל די געלד־סומע, וואס איז שוין אידעעל אויסגעדריקט אין דער פרייז־סומע פון די סחורות. די גלייכקייט פון די דאזיגע סומען פער־שטעהט זיך דעריבער פון זיך אליין. מיר ווייסען אבער, אז ווען די ווערטהען פון די סחורות בלייבען דיזעלביגע, בייטען זיך זייערע פרייזען לויט דעם ווערטה פון גאלד (דעם געלד־מאטעריאל) גופא. זיי שטייגען פערהעלטניסמעסיג, ווען ער פאלט, און פאלען, ווען

די געלד־בעוועגונג איז נישט מעהר ווי אן אויסדרוק פון דער סחורה־צירקולאציע, ערשיינט פונדעסטוועגען פערקעהרט די סחורה־צירקולאציע נאר ווי א רעזולטאט פון דער געלד־בעוועגונג. [75]

פון דער אנדער זייט האט דאס געלד נאר די פונקציע פון א צירקולאציאנס־מיטעל, ווייל עס איז דער פערזעלבשטענדיגטער ווערטה פון די סחורות. זיין בעוועגונג אלס צירקולאציאנס־מיטעל איז דעריבער פאקטיש נאר זייער אייגענע פארם־בעוועגונג. זי מוז זיך דעריבער טאקע אבשפיגלען בחוש אין דעם אומלויף פונ׳ם געלד. אזוי צ.ב.ש. בייט ערשטענס די לייוועגט איהר סחורה־פארם אויף איהר געלד־פארם. דער לעצטער עקסטרעם פון איהר ערשטער מעטאמארפאזע ס—ג, די געלד־פארם, ווערט דאן דער ערשטער עקסטרעם פון איהר לעצטער מעטאמארפאזע ג—ס, איהר צוריק־פערוואנדלונג אין דעם גאנג חומשים. אבער יעדערער פון אט די צוויי פארם־בייטען ווערט דורכגעפיהרט דורך אן אויסטויש צווישען סחורה און געלד, דורך זייער געגענזייטיגען בייטען זיך פון פלעצער. דיזעלבע געלד־שטיקער קומען אריין אין די הענד פונ׳ם פערקויפער אלס די אויסגעטאנענע געשטאלט פון דער סחורה, און פערלאזען זיי ווידער ווי א געשטאלט, וואס קאן אבסאלוט פערפרעמדט ווערן פון דער סחורה. זיי בייטען דעם פלאץ צוויי מאל. ערשטענס מיט דער לייוועגט און דערנאך מיט די חומשים. דיזעלבינע צוויי פונט סט., וועלכע האבען ביים פערקויף פון דער לייוועגט, אריינגעוואנדערט אין דעם לייוועגט־וועבער׳ס קעשענע פון דער קעשענע פון דעם פויער מיט די ווייץ, וואנדערן פון איהר ארויס ביי דעם קויף פון די חומשים. דיביידע אנטקעגענגעזעצטע פארם־בייטען פון דערזעלביגער סחורה שפיגלען זיך אט אזוי ווידער אב אין דעם צוויי־מאליגען פלעצער־בייט פונ׳ם געלד אין אן אנטקעגענגעזעצטער ריכטונג.

קומען דאגעגען פאר נאר איינזייטיגע סחורה־מעטאמארפאזען, בלויז מכירות אדער בלויז קניות, עס איז קיין חלוק ניט, דאן בייט דאסזעלביגע געלד ניט מעהר ווי איין מאל דעם פלאץ. זיין

[75] „עס (דאס געלד) האט ניט קיין אנדער בעוועגונג א חוץ די, וואס ווערט איהם געגעבען פון די פראדוקטען.״ (לע טראן, „דע ל׳אינטערע סאסיאל״, פאריז 1846, ז. 885.)

געשאצט אין דעם פערעלטערטען, שוין אילוזאָריש געוואָרענעם, ווערטה פון דער ווערטה־מאָס. אָבער דערוויילע שטעקט איין סחורה אָן די אנדערע דורך דער ווערטה־שייכות, וואָס זי האָט צו איהר; די גאָלד־ אָדער זילבער־פרייזען פון די סחורות גלייכען זיך ביסלעכווייז אויס אין די פראָפּאָרציעס, וואָס ווערן בעשטימט דורך זייערע ווערטהען גופא, ביז אלע סחורה־ווערטהען ווערן ענדליך געשאצט לויט דעם נייעם ווערטה פון דעם געלד־מעטאל. אָט דער אויסגלייכונג־פראָצעס געהט אָן צוזאמען מיט דער שטענ־דיגער פערמעהרונג פון די ערדלע מעטאלען, וועלכע שטראָמען אריין, כדי אוועקגעגעבען צו ווערן פאר די דירעקט אויף זיי אויס־געטוישטע סחורות. אויף וויפיעל דעריבער די נייע פרייזען פון סחורות ווערן אלגעמיין איינגעפיהרט, אָדער אויף וויפיעל זייערע ווערטהען ווערן געשאצט לויט דעם נייעם געפאלענעם און ביז א געוויסען פונקט ווייטער־פאלענדען ווערטה פון דעם מעטאל, אויף אזוויפיעל איז שוין פאראנען א פערמעהרטע מאסע פונ׳ם מעטאל, וועלכע איז נויטיג פאר דער רעאליזירונג פון די דאָזיגע נייע ווער־טהען. אָן איינזייטיגע בעטראכטונג פון די פאקטען, וועלכע זיינען איינגעטראָטען נאָך דער ענטדעקונג פון נייע גאָלד־ און זילבער־קוואלען, האָט אין 17טען און ספּעציעל אין 18טען י.ה. געפיהרט צו דעם פאלשען שלוס, אז די סחורה־פרייזען זיינען געשטיגען, ווייל א גרעסערע סומע גאָלד און זילבער האָט אנגעהויבען פונק־ציאָנירן אלס צירקולאציאָנס־מיטעל. אין דער ווייטערדיגער פאָר־שונג ווערט אָנגענומען דער ווערטה פון גאָלד ווי עטוואָס בע־שטימטעס, ווי ער איז פאקטיש בעשטימט אין דעם מאָמענט פון דער אָבשאצונג פונ׳ם פרייז.

לויט דער השערה, אלזאָ, ווערט די מאסע פון דעם צירקולאַ־ציאָנס־מיטעל בעשטימט דורך דער סומע פון די סחורה־פרייזען, וועלכע דארפען רעאליזירט ווערן. אויב מיר נעהמען ווייטער אָן, אז דער פרייז פון יעדען סאָרט סחורה איז בעשטימט, דאן הענגט גאנץ קלאָר אָב די פרייז־סומע פון די סחורות פון דער מאסע סחורות, וואָס געפינט זיך אין צירקולאציע. מען דארף זיך דאָך ניט פיעל ברעכען דעם קאָפּ צו בעגרייפען, אז אויב 1 פערטעל ווייץ קאָסט 2 פונט סט., וועלען 100 פערטעל ווייץ קאָסטען 200 פונט סט., 200 פערטעל, 400 פונט סט. א.אז.וו. און פאלגליך מוז

ער שטייגט. אויב די פּרייז־סומע פון די סחורות שטייגען אָדער פאַלען אויף אַזאַ אופן, מוז די מאַסע פון דאָס צירקולירענדע געלד שטייגען אָדער פאַלען אין דערזעלביגער מאָס. די ענדערונג אין דער מאַסע פון דעם צירקולאַציאָנס־מיטעל נעהמט זיך דאָ גאַנץ געוויס פון דעם געלד גופא, אָבער ניט פון זיין פונקציע אלס צירקולאַציאָנס־מיטעל, נאָר פון זיין פונקציע אלס מאָס פון ווערטה. פון אָנפאַנג בייט זיך דער פּרייז פון די סחורות אין דער פערקעהרטער ריכטונג ווי דער ווערטה פונ'ם געלד, און דערנאָך בייט זיך די מאַסע פון דעם צירקולאַציאָנס־מיטעל דירעקט ווי דער פּרייז פון די סחורות. עס וואָלט פּאַסירט פּונקט דיזעלבע ערשיינונג, ווען צ.ב.ש. עס איז ניט געפאַלען דער ווערטה פון גאָלד, נאָר זילבער האָט פערנומען זיין פּלאַץ אלס ווערטה־מאָס; אָדער פערקעהרט, ווען דער ווערטה פון זילבער איז ניט געשטיגען, נאָר גאָלד האָט עס אַרויסגעשטופּט פון דער פונקציע צו דיענען ווי אַ ווערטה־מאָס. אין דעם ערשטען פאַל וואָלט מעהר זילבער געמוזט צירקולירן איידער פריהער גאָלד, אין דעם אַנדער פאַל—וועניגער גאָלד איידער פריהער זילבער. איןביידע פעלען וואָלט זיך דער ווערטה פונ'ם געלד־מאַטעריאַל געהאַט פערענדערט, דאָס הייסט פון דער סחורה, וועלכע פונקציאָנירט אלס מאָס פון ווערטהען, בכן וואָלט זיך פערענדערט דער פּרייז־אויסדרוק פון די סחורה־ווערטהען, און פאָלגליך די מאַסע פון דעם צירקולירענדען געלד, וואָס דיענט פאַר דער רעאַליזירונג פון די פּרייזען.

מיר האָבען געזעהן, אַז די צירקולאַציאָנס־ספערע פון די סחורות האָט אַ לאָך, דורך וועלכער עס טרעט אין איהר אריין גאָלד (זילבער און בכלל געלד־מאַטעריאַל) אלס אַ סחורה פון אַ געגעבענעם ווערטה. דער דאָזיגער ווערטה איז אָנגענומען פון פריהער, בעת דאָס געלד טרעט אריין אין דער פונקציע פון אַ ווערטה־מאָס, און בכן ביי דער פּרייז־בעשטימונג. אויב עס זינקט צ.ב.ש. דער ווערטה פון דער ווערטה־מאָס גופא, ווייזט זיך עס ערשטענס אַרויס אין דעם פּרייז־איבערבייט פון די סחורות, וועלכע ווערן דירעקט אויסגעטוישט אויף די עדלע מעטאַלען ביי זייערע פּראָדוקציאָנס־קוואַלען, ווי אויף סחורות. אין וועניגער־ענטוויקעלטע צושטאַנדען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט ווערט טאַקע אַ גרויסער טייל פון די אַנדערע סחורות נאָך אַ לענגערע צייט

פאָרם־בייט פון דער סחורה, איהר בעוועגונג דורך צוויי אנטקעגענגעזעצטע צירקולאַציאָנס־סטאַדיען און די צונויפפלעכטונג פון די מעטאַמאָרפאָזען פון פערשיידענע סחורות.[76] די געגענזעצליכע און איינע די אנדערע ערגענצענדע פאַזען, דורך וועלכע דער דאָזיגער פּראָצעס פערלויפט, קאָנען ניט פאָרקומען רוימליך איינע נעבען די אנדערע, זאָנדערן נאָר צייטליך איינע נ אָ ך די אנדערע. צייט־טיילען מאַכען דעריבער אויס די מאָס פון זיין דויער, אָדער די צאָהל פון די אומלויפען פון דיזעלביגע געלד־שטיקער אין א געגעבענער צייט מעסט די געשווינדקייט פון דעם געלד־אומלויף. דער צירקולאַציאָנס־פּראָצעס פון יענע פיער סחורות דויערן צ.ב.ש. איין טאָג. אויף דעם אופן קומט אויס: די פּרייז־סומע, וואָס דאַרף רעאַליזירט ווערן, איז 8 פונט סט.; די צאָהל אומלויפען פון די־זעלבינע געלד־שטיקער אין דעם איין טאָג, איז 4, און די מאַסע פון צירקולירענדען געלד איז 2 פונט סט.

דאָס הייסט, פאַר א בעשטימטען טייל־צייט פון צירקולאַציאָנס־פּראָצעס איז די מאַסע פונ׳ם געלד, וואָס פונקציאָנירט אלס צירקולאַציאָנס־מיטעל, גלייך צו דער פּרייז־סומע פון די סחורות, געטיילט דורך די צאָהל אומלויפען פון איינגאָמענדיגע געלד־שטיקער. דאָס דאָזיגע געזעץ איז אַלגעמיין גילטיג.

דער צירקולאַציאָנס־פּראָצעס פון א לאַנד אין א בעשטימטער צייט־אָבטיילונג פאַסט אום פון איין זייט פיעלע צושפּליטערטע גלייכצייטיגע און רוימליך איינע נעבען די אנדערע פאָרקומענדע מכירות (און קניות), אָדער טייל־מעטאַמאָרפאָזען, וואו דיזעלביגע מטבעות בייטען נאָר איינמאָל זייער פּלאַץ אָדער פיהרען דורך נאָר איין אומלויף; פון דער אנדער זייט פאַסט ער אום פיעלע מעהר אָדער ווענינער גליעדער־רייכע מעטאַמאָרפאָזען־רייהען, טייל־ווייז איינע נעבען די אנדערע לויפענדיגע, טיילווייז איינע אין די אנדערע איינפלעכטענדיגע, וואו דיזעלביגע מטבעות מאַכען דורך

---

[76] „די פּראָדוקטען זיינען עס, וועלכע טרייבען דאָס געלד אין בעוועגונג און לאָזען עס צירקולירן. . . . די געשווינדקייט פון זיין אומלויף פערנעהמט דעם פּלאַץ פון זיין צאָהל. אין פאַל פון א נויט גליטשט ער זיך פון איין האַנד אין דער אנדערער. ניט אבשטעלענדיג זיך אויף איין רגע.״ (לע טראָן, „דע ל׳אינטערע סאָסיאַל״, פּאַריז 1846, ז. 915 און ווייטער.)

מיט דער מאָס פון ווייץ אויך וואקסען די מאָס פון געלד, וועלכע בייט זיך מיט איהם פּלעצער ביים פערקויף.

בעהמט מען אָן די סחורה־מאַסע אלס א בעשטימטע, העבט זיך אָדער פאלט די מאסע פון דעם צירקולירענדען געלד צוזאמען מיט די שוואנקונגען אין דעם פרייז פון די סחורות. זי שטייגט און פאלט, ווייל די סומע פרייזען פון די סחורות ווערט גרעסער אָדער קלענער אלס רעזולטאט פון זייער פרייזענדערונג. דערצו איז בשום אופן ניט נויטיג, אז די פרייזען פון אלע סחורות זאָלען גלייכצייטיג שטייגען אָדער פאלען. דאָס שטייגען אין פרייז פון א געוויסער צאָהל הויפּט־ארטיקלען אין איין פאל, אָדער זייער זינקען אין פרייז אין אנאנדער פאל, איז גענוג צו העבען אָדער ארונטער־ווארפען די פרייז־סומע, וואָס פאָדערט זיך צו רעאליזירן א ל ע צירקולירענדע סחורות—צו לאָזען, הייסט עס, אין צירקולאציע מעהר אָדער ווענינער געלד. צי די ענדערונג אין פרייז פון די סחורות שפּיגעלט אָב ווירקליכע ענדערונגען אין ווערטה, אָדער זיי זיינען בלויז שוואנקונגען פון די מארק־פּרייזען—די ווירקונג אויף דער מאסע פון די צירקולאציאָנס־מיטלען בלייבט דיזעלביגע.

אָנגענומען אז מיר האָבען א געוויסע צאָהל אָבגעזונדערטע, גלייכצייטיגע און בכן רוימליך איינע נעבען די אנדערע לויפענדע מכירות אָדער טייל־מעטאמאָרפאָזען, צ.ב.ש. פון א פערטעל ווייץ, 20 עלען לייוועגט, 1 גאנג חומשים, 4 גאלאָנען בראנפען. אויב דער פרייז פון יעדען ארטיקעל איז 2 פונט סט. און די פרייז־סומע, וואָס דארף רעאליזירט ווערן איז דעריבער 8 פונט סט., דאן מוז אין דער צירקולאציע אריינגעהן א געלד־מאסע פון 8 פונט סט. פערקעהרט אָבער, ווען דיזעלביגע סחורות שטעלען צונויף די גליע־דער פון אונזער בעקאנטער מעטאמאָרפאָזען־שורה: 1 פערטעל ווייץ—2 פונט סט.—20 עלען לייוועגט—2 פונט סט.—1 גאנג חומשים—2 פונט סט.—4 גאלאָנען בראנפען—2 פונט סט., דאן ברענגען דיזעלביגע 2 פונט סט. אין צירקולאציע אָט די אלע סחורות איינע נאָך דער אנדערער, און רעאליזירענדיג בסדר זייערע פרייזען, רעאליזירן זיי אלזאָ א פרייז־סומע פון 8 פונט סט., כדי ענדליך צו בלייבען ליגען אין די הענד פון דעם שענקער. זיי פיהרן דורך פיער אומלויפען. דער דאָזיגער וויעדערהאָלטער שנוי מקום פון דיזעלביגע געלד־שטיקער שטעלט פאָר דעם טאָפּעלטען

די פליסיגע איינהייט פון די אנטקעגנגעזעצטע און זיך ערגענ־צענדע פאזען—די פערוואנדלונג פון דער געברויך־געשטאלט אין ווערטה־געשטאלט און די צוריק־פערוואנדלונג פון ווערטה־געשטאלט אין געברויך־געשטאלט, אדער די איינהייט פון דיביידע פראצע־סען פון פערקויף און קויף. פערקעהרט, אין דער לאנגזאמקייט פון דעם געלד־אומלויף ערשיינט די טרענונג און געגענזעצליכע פערזעלבשטענדיגונג פון די דאזיגע פראצעסען, דאס אויפהערן פון דעם פארם־איבערבייט און במילא פון דעם שטאף־איבערבייט. פון וואנען דער אויפהער נעהמט זיך, קאן מען נאטירליך אין דער צירקולאציע גופא ניט איינזעהן. זי צייגט נאר ארוים בלויז דעם פאקט אליין. פאר דער פאפולערער אנשויאונג, וועלכע זעהט, אז מיט דעם לאנגזאמערן געלד־אומלויף ערשיינט און פערשווינדט דאס געלד אלץ זעלטענער אויף אלע פונקטען פון דער פעריפעריע פון דער צירקולאציע, איז גאנץ נאטירליך צו דערקלערן, אז די דאזיגע ערשיינונג נעהמט זיך פון דעם דוחק אין די מיטלען פון צירקולאציע.[77]

[77] „אזוי ווי געלד איז די געוועהנליכע מאס פון קויף און פערקויף, מיינט גלייך יעדער איינער, וואס האט עפעס צו פערקויפען און געפינט ניט קיין קונים, אז דער דוחק אין בארעס געלד אין קעניגרייך אדער אין לאנד איז די אורזאך דערפון, וואס זיין סחורה בלייבט ביי איהם ליעגען; און אזוי איז „דער דוחק אין געלד" די אלגעמיינע קלאגע. דאס איז אבער א גרויסער טעות. וואס דארפען באמת האבען אט די מענשען, וועלכע שרייען נאך מעהר געלד?... דער פארמער קלאגט זיך.... ער דענקט, אז ער וואלט געקאנט פערקויפען זיינע פראדוקטען פאר גוטע פרייזען, ווען עס וואלט נאר געווען מעהר געלד אין לאנד.... עס שיינט, אלזא, אז עס איז ניט געלד, וואס ער ברויכט, נאר א גוטען פרייז פאר זיין תבואה און זיין פיה, וועלכע ער וואלט פערקויפען, נאר ער קאן ניט.... פארוואס קאן ער ניט בעקומען א גוטען פרייז? ערשטענס, ענטווערער ווייל עס איז איבערהויפט פאראן אין לאנד צופיעל תבואה און פיה, אזוי אז די מעהרסטע, וואס קומען אויפ'ן מארק, האבען נויטיג צו פער־קויפען פונקט ווי ער און נאר ווענינ מענשען האבען נויטיג צו קויפען; אדער צווייטענס, דער ארויספיהר אין אנדערע לענדער דורך טראנספארט האט זיך אבגעהאלטען.... אדער דריטענס, עס איז געווארן קלענער דער קאנזום, ווי צ.ב.ש. ווען די בעפעלקערונג איז פערארימט געווארן און זי קאן ניט אויסגעבען אויף איהרע הצטרכות אזוויפיעל ווי פריהער. עס איז אלזא ניט די פערמעהרונג פון מזומן געלד, וואס עס וואלט געהאלפען דעם פערקויף פון דעם פארמער'ס פראדוקטען, נאר די בעזייטיגונג פון איינער פון די דריי אורזאכען, וועלכע דריקען אויף אן אמת ארונטער דעם מארק. דער סוחר און דער קרעמער ברויכען

מעהר אָדער ווענינער, צאָהלרייכע אומלויפען. די גאַנצע צאָהל אומלויפען פון אַלע איינגאָמענדיגע מטבעות, וואָס געפינען זיך אין צירקולאַציע, גיט אָבער די דורכשניט־צאָהל פון די אומלויפען פון אַ איינצעלנער מטבע אָדער די דורכשניט־געשווינדקייט פון דעם געלד־אומלויף. די געלד־מאַסע, וועלכע ווערט אין אָנפאַנג צ.ב.ש. פון דעם טעגליכען צירקולאַציאָנס־פּראָצעס אין איהם אריינ־געוואָרפען, ווערט נאַטירליך בעשטימט דורך דער פּרייז־סומע פון די גלייכצייטיג־ און רוימליך איינע נעבען די אַנדערע צירקולי־רענדע סחורות. אין דעם פּראָצעס אָבער ווערט איין מטבע אַזוי צו זאָגען פעראַנטוואָרטליך געמאַכט פאַר דער אַנדערער. אויב איינע פערגרעסערט איהר אומלויף־געשווינדקייט, ווערט די אַנדערע לאַנגזאַמער אָדער זי פליהט אינגאַנצען ארויס פון דער צירקולאַ־ציאָנס־ספערע—היות ווי די דאָזיגע ספערע קאָן איינשלינגען נאָר אַזאַ גאָלד־מאַסע, וועלכע איז גלייך צו דער פּרייז־סומע, וואָס דאַרף רעאַליזירט ווערן, גע׳כפל׳ט אויף דער דורכשניטליכער צאָהל אומ־לויפען פון איהר איינצעלנעם עלעמענט. פאָלגליך, אויב עס וואַקסט די צאָהל אומלויפען פון די מטבעות, ווערט זייער צירקולירענדע מאַסע קלענער. ווערט די צאָהל פון זייערע אומלויפען קלענער, וואַקסט זייער מאַסע. דערפאַר ווייל די מאַסע געלד, וועלכע קאָן פונקציאָנירן אַלס צירקולאַציאָנס־מיטעל, איז ביי אַ געוויסער דורכ־שניטס־געשווינדקייט אַ בעשטימטע, דאַרף מען נאָר צ.ב.ש. אריינ־וואַרפען אין דער צירקולאַציע אַ בעשטימטע סומע אַסיגנאַציעס, כדי צו קאָנען פון איהר ארויסציהען פּונקט אַזויפיעל גאָלד—אַ קונץ־שטיק, וואָס איז גוט בעקאַנט אַלע באַנקען.

אַזוי ווי אין דעם געלד־אומלויף בכלל ערשיינט נאָר דער צירקולאַציאָנס־פּראָצעס פון די סחורות—ד.ה. זייער קרייז־לויף דורך אַנטקעגענגעזעצטע מעטאַמאָרפאָזען—אַזוי אויך בעווייזט זיך אין דער געשווינדקייט פון דעם געלד־אומלויף די געשווינדקייט, מיט וועלכער די סחורות בייטען זייערע פאָרמען, דאָס שטענדיגע אריינפלעכטען זיך פון די מעטאַמאָרפאָזען־רייהען, די האַסטיגקייט פון דעם שטאָף־איבערבייט, דאָס שנעלע פערשווינדען פון די סחורות פון דער צירקולאַציאָנס־ספערע און דאָס פּונקט אַזאַ שנעלע אריינ־טרעטען פון אַנדערע סחורות צו פערנעהמען זייער פּלאַץ. אין דער געשווינדקייט פון דעם געלד־אומלויף ערשיינט, הייסט עס,

צוליעב א צוזאמענווירקונג פוןביידען. פון דער אנדער זייט קאן די מאסע פונ'ם צירקולאציאנס־מיטעל ווערן קלענער, ווען די צאהל סחורות ווערט קלענער אדער די געשווינדקייט פון זייער צירקו־לאציע ווערט גרעסער.

ביי אלגעמיין־שטייגענדע סחורה־פרייזען קאן די מאסע פונ'ם צירקולאציאנס־מיטעל בלייבען דיזעלביגע, ווען די מאסע פון די צירקולירענדע סחורות ווערט קלענער אין דערזעלבער פראפארציע, וואס איהר פרייז איז גרעסער געווארן; אדער ווען די אומלויף־געשווינדקייט פונ'ם געלד פערגרעסערט זיך פונקט אזוי שנעל, ווי די העכערונג פון די פרייזען, בעת די מאסע צירקולירענדע סחורות בלייבט דיזעלביגע. די מאסע פונ'ם צירקולאציאנס־מיטעל קאן פאלען, ווען די סחורה־מאסע ווערט שנעלער קלענער אדער די אומלויף־געשווינדקייט ווערט שנעלער גרעסער, איידער דאס שטיי־גען פון די פרייזען.

ביי אלגעמיין־פאלענדע סחורה־פרייזען קאן די מאסע פונ'ם צירקולאציאנס־מיטעל בלייבען דיזעלביגע, ווען די סחורה־מאסע וואקסט אין דעמזעלבען ערך וואס איהר פרייז פאלט, אדער די אומלויף־געשווינדקייט פונ'ם געלד ווערט קלענער אין דערזעלביגער פראפארציע ווי די פרייזען. פערקעהרט, די מאסע פונ'ם צירקו־לאציאנס־מיטעל קאן וואקסען, אויב די סחורה־מאסע ווערט שנע־לער גרעסער אדער איהר צירקולאציאנס־געשווינדקייט ווערט שנע־לער קלענער איידער דאס פאלען פון די סחורה־פרייזען.

די וואריאציעס פון די פערשיידענע פאקטארען קאנען זיך געגענזייטיג באלאנסירען אזוי, אז ניט קוקענדיג אויף זייער אלע־מאליגער אונבעשטענדיגקייט, בלייבט די אלגעמיינע סומע פון די סחורה־פרייזען, וואס דארף רעאליזירט ווערן, און בכן די צירקו־לירענדע געלד־מאסע, אלץ דיזעלביגע. מען געפינט דעריבער, דער־הויפט בעטראכטענדיג עטוואס לענגערע פעריאדען, א פיעל־בע־שטענדיגערן דורכשניט־גראד פון דער צירקולירענדער געלד־מאסע אין יעדען לאנד, איידער מען וואלט עס אין פלוג געקאנט דער־ווארטען—מיט דער אויסנאהם, פערשטעהט זיך, פון שטארקע שטע־רונגען, וועלכע קומען פעריאדיש דורך די פראדוקציאן־ און האנ־דעלס־קריזיסען, אדער זעלטענער פון א ענדערונג אין דעם ווערטה גופא.

דער גאַנצער סכום פון דעם געלד, וואָס פונקציאָנירט אין יעדער פעריאָדע אַלס צירקולאַציאָנס־מיטעל, ווערט בעשטימט פון איין זייט דורך דער סומע פרייזען פון אַלע צירקולירענדע סחורות, און פון דער אַנדער זייט פון דעם לאַנגזאַמערן אָדער שנעלערן פלוס פון זייערע אַנטקעגענגעזעצטע צירקולאַציאָנס־פּראָצעסען, פון וואָס עס הענגט אָב דער וויפעלטער טייל פון דער דאָזיגער פרייז־סומע קאָן רעאַליזירט ווערן דורך דיזעלביגע מטבעות. די פרייז־סומע פון סחורות הענגט אָבער אָב פונקט אַזויפיעל פון דער מאַסע [דעם סכום], ווי פון די פרייזען פון יעדען סאָרט סחורה. די דריי פאַקטאָרען: די פרייז־בעוועגונג, די צירקולירענדע מאַסע סחורות און ענדליך די אומלויף־געשווינדקייט פון דעם געלד, קאָנען זיך אָבער בייטען אין אַ פערשיידענער ריכטונג און אין פערשיידענע פּראָפּאָרציעס. די פרייז־סומע, וואָס דאַרף אַלזאָ רעאַליזירט ווערן, און ממילא די מאַסע פון די צירקולאַציאָנס־מיטלען, וואָס ווערט בעדינגט דורך איהר, מוזען דורכמאַכען זעהר צאָהלרייכע קאָמבינאַציעס. מיר וועלען דאָ אויסרעכענען נאָר די קאָמבינאַציעס, וועלכע זיינען געוועזען די וויכטיגסטע אין דער געשיכטע פון די סחורה־פרייזען.

ווען די סחורה־פרייזען בלייבען דיזעלביגע, קאָן די מאַסע [דער סכום] פונ׳ם צירקולאַציאָנס־מיטעל וואַקסען—מחמת די מאַסע [די צאָהל] פון די צירקולירענדע סחורות ווערט גרעסער, אָדער די אומלויף־געשווינדקייט פונ׳ם געלד ווערט קלענער, אָדער

געלד אויף דעם זעלבען אופן, ד.ה. עס פעהלט זיי אן אַבזאַץ פאַר די סחורות, מיט וועלכע זיי האַנדלען, ווייל די מערק זיינען שוואַך.... אַ פאָלק נעדייהט אם בעסטען, ווען די רייכטימער בייטען זיך העגד אם שנעלסטען.‟ (סער דאַדלעי נאָרטה, „דיסקאָרסעס אָפּאָן טרייד‟, לאָנדאָן, 1691, ז. 11—15 און ווייטער.) הערענשוואַנד׳ס שווינדעל־טעאָריען פיהרן אַלע צו דעם פונקט, אַז די ווידער־שפּרוכען, וועלכע שטאַמען פון דער נאַטור פון די סחורות און ווייזען זיך פאָלגליך אַרויס אין דער סחורה־צירקולאַציע, קאָנען אָבגעשאַפט ווערן פערמעהרענדיג דעם צירקולאַציאָנס־מיטעל. אויב אָבער פון איין זייט איז עס אַ פּאָפּולערע איינ־בילדונג, וואָס שרייבט צו דעם אָבשטעל אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציאָן און צירקולאַציאָן צו אַ דוחק אין צירקולאַציאָנס־מיטלען, פאָלגט בשום אופן ניט פון דעם אויף דער אַנדער זייט, אַז אַ ווירקליכער דוחק אין די צירקולאַציאָנס־מיטלען, ווי צ.ב.ש. ווען עס ווערט אָפיציעל געפּושערט מיט דעם „רעגולירן פון דאָס אומלויף־געלד‟, קאָן ניט אַרויסרופען אַזוינע אָבשטעלען.

אויסגעדריקט ווערן ווי פאלגט: ביי א געגעבענער סומע פון דעם ווערטה פון די סחורות און א געגעבענער דורכשניט־געשווינדקייט פון זייערע מעטאמארפאזען, הענגט אב דער סכום פון דעם אומ־לויפענדען געלד, אדער פון דעם געלד־מאטעריאל, פון זיין אייגענעם ווערטה. די אילוזיע, אז פערקעהרט די סחורה־פרייזען ווערן בע־שטימט דורך דער מאסע [דעם סכום] פון די צירקולאציאנס־מיטלען, און די לעצטע, פון איהר זייט, ווערט בעשטימט דורך דער מאסע פון דעם געלד־מאטעריאל, וואס געפינט זיך אין א לאנד,[79] נעהמט זיך ביי איהרע אורשפרינגליכע פערטרעטער פון דער משונה־דיגער היפאטעזע, אז די סחורות טרעטען לכתחילה אריין אין דעם צירקולאציאנס־פראצעס אהן א פרייז און דאס געלד אהן א ווערטה, און אז ערשט אין דעם דאזיגען פראצעס ווערט א בעשטימטער טייל פון דער סחורה־מאסע אויסגעטוישט אויף א בעשטימטען טייל פונ'ם מעטאל.[80]

האלט ער אפטמאל די קריטיקען איבער דער צוטיילונג פון דער ארבייט, וועלכע זיין לעהרער א. פערגוסאן האט געשריבען.

[79] „די פרייזען פון סחורות וועלען זיכער שטייגען ביי יעדער נאציאן, אזוי־באלד ווי עס ווערט פערמעהרט דאס גאלד און זילבער ביים פאלק; און פאלגליך, וואו דאס גאלד און זילבער ווערט ווייניגער ביי א נאציאן, מוזען די פרייזען ארונטערפאלען אין דעם ערד פון דעם ארונטערפאל פונ'ם געלד." (דזשייקאב וואנדערלינט, „מאני אנסערס אלל טהינגס", לאנדאן 1734, ז. 5.) א גענויע פערגלייכונג צווישען אט דעם בוך מיט היום'ס „עססיים" לאזט ביי מיר ניט איבער דעם קלענסטען ספק, אז היום האט געוואוסט פון וואנדערלינט'ס זאנסט וויכטיגע שריפט און האט עס בענוצט. די מיינונג, אז די מאסע פון די ציר־קולאציאנס־מיטלען בעשטימט די פרייזען, קאן מען געפינען אויך ביי בארבאן און נאך פיעל עלטערע שריפטשטעלער. „אונגעשטערטער האנדעל", זאגט וואנ־דערלינט, „קאן קיין שאדען ניט ברענגען, נאר אדרבא גרויסע נוצען.... ווארים אויב דורכדעם ווערט דאס מזומן־געלד פון דער נאציאן קלענער, וואס אייגענטליך די טאריפען און איינפוהר־פערבאטען זוכען ניט צו דערלאזען, וועלען יענע פעלקער, וועלכע קריגען אריין דאס מזומן־געלד, באלד אויסגעפינען, אז אלע פרייזען שטייגען.... פון דער אנדער זייט וועלען אונזערע מאנופאקטור־פראדוקטען און אלע אנדערע סחורות באלד אזוי־פיעל פאלען אין פרייז, אז דער האנדעלס־באלאנס וועט זיך ווידער נייגען צו אונזער גונסטען, און מיר וועלען דורכדעם צוריק אריינקריגען דאס געלד." (דארט גופא, ז. 44.)

[80] אז דער פרייז פון יעדען איינצעלנעם סארט סחורה מאכט אויס א טייל פון דער סומע פון די פרייזען פון אלע צירקולירענדע סחורות, איז זעלבסטפער־

דאָס געזעץ, אַז דער סכום פון די צירקולאַציאָנס־מיטלען ווערט בעשטימט דורך דער פּרייז־סומע פון די צירקולירענדע סחורות און דער דורכשניט־געשווינדקייט פון דעם געלד־אומלויף,[78] קאַן אויך

---

[78] „עס איז פאַראַן אַ בעשטימטע מאָס און פּראָפּאָרציע פון דעם געלד, וואָס פאָדערט זיך אָנצוטרייבען דעם האַנדעל פון אַ פאָלק, און מעהר אָדער ווענינער ווי דאָס וואָלט פאַר איהם געווען אַ שטערונג. פּונקט ווי עס איז פאַראַן אַ בעשטימטע פּראָפּאָרציע פון גראָשען־מטבעות, וואָס איז נויטיג אין אַ קליין קרעמעל, כדי צו געבען אויסנאַב פון זילבערנע מטבעות און אויסגלייכען אַזוינע חשבונות, וועלכע קאָנען ניט אויסגעגליכען ווערן מיט די קלענסטע זילבערנע מטבעות.... אַלזאָ, אַזוי ווי די פּראָפּאָרציע פון דער צאָהל גראָשען־מטבעות, וואָס פאָדערט זיך אין האַנדעל, הענגט אָב פון דער צאָהל פון די קונים, פון דעם ווי אָפט די קניות קומען פאַר, ווי אויך און דערהויפּט פון דעם ווערטה פון די קלענסטע זילבער־מטבעות, אַזוי איז אויך אויף דעמזעלבען אופן די פּראָפּאָרציע פון דעם מעטאַל־געלד (די געמינצטע גאָלד און זילבער), וואָס פאָדערט זיך אָנ־צופיהרען אונזער האַנדעל, אָבהענגיק פון דעם ווי אָפט די טויש־אַקטען קומען פאַר און ווי גרויס די איינצעלנע צאָהלונגען זיינען." (וויליאַם פּעטטי, „אַ טריטיז אָן טאַקסעס אַנד קאָנטריביושענס", לאָנדאָן, 1667, ז. 17.) היום'ס טעאָריע איז פערטיידיגט געוואָרן אַנטקעגען די אַטאַקען פון דזש. סטואַרט אַ.אַ. דורך אַ. יאַנג אין זיין „פּאָליטיקאַל אַריטהמעטיק", לאָנדאָן 1774, וואו עס געפינט זיך אַ ספּעציעלער קאַפּיטעל אונטער'ן נאָמען „פּרייסעס דעפּענד אָן קוואָנטיטי אָוו מאָני", ז. 122 און ווייטער. אין מיין בוך „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָ־נאָמיע", ז. 149, בעמערק איך: „אַדאַם סמיטה מאַכט אַוועק שטילערהייט די פראַגע וועגען דעם סכום פון די צירקולירענדע מטבעות דערמיט, וואָס ער בעהאַנדעלט דאָס געלד גאַנץ פאַלש אַלס אַ בלויזע סחורה." די בעמערקונג גילט נאָר אויף אַזוי ווייט ווי אַדאַם סמיטה בעהאַנדעלט דאָס געלד עקס אָפּיציאָ (ד.ה. פערפליכטעט דערצו דורך דעם פּלאַן פון זיין ווערק). ביי געלעגענהייט אָבער, ווי צ.ב.ש. אין זיין קריטיק פון די פריהערדיגע סיסטעמען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, זאָגט ער אַרויס די ריכטיגע מיינונג. „דער סכום פון געלד־מטבעות אין יעדען לאַנד איז רעגולירט דורך דעם ווערטה פון די סחורות, וואָס דאַרפען צירקולירט ווערען.... דער ווערטה פון די סחורות, וואָס ווערען יעהרליך גע־קויפט און פערקויפט אין יעדען לאַנד פאָדערט אַ געוויסען סכום געלד, כדי זיי צו צירקולירען און פערטיילען צווישען זייערע אייגענטליכע פערברויכער: מעהר ווי דאָס קאָן ניט פערווענדעט ווערען. דער קאַנאַל פון דער צירקולאַציע ציהט צו זיך נויטיגערווייזע אַ סומע, וואָס איז גענוג איהם אָנצופילען, אָבער מעהר ווי דאָס לאָזט ער ניט צו." („וועלטה אָוו ניישאָנס", בוך 4, קאַפּיטעל 1.)

אויף דעמזעלבען אופן פאַנגט אַדאַם סמיטה אָן זיין ווערק עקס אָפּיציאָ מיט אַ פערהערליכונג פון דער צוטיילונג פון דער אַרבייט. דערנאָך שפּעטער, אין דעם לעצטען בוך וועגען די קוואַלען פון די הכנסות פון'ם שטאַאַט, ווידער־

נאציאנאלע ספערען פון דער סחורה־צירקולאציע און זייער אלגע־מיינער ספערע פון וועלט־מארק.

גאלד־מטבעות און גאלד אין שטיקער אונטערשיידען זיך לכתחילה נאר דורך זייער געשטאלט, און גאלד קאן שטענדיג פער־וואנדעלט ווערן פון איין פארם אין דער אנדערער.[81] דער וועג

עקלעקטישער לאגיק, קעהרט זיך איין צו האלטען זיין פאטער׳ס, דזשיימס מילל׳ס מיינונג און אין דערזעלבער צייט אויך די נעגענגעזעצטע מיינונג. ווען מען פערגלייכט דעם טעקסט פון זיין בוך „פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמי" מיט דער פאררעדע (צו דער ערשטער אויסגאבע), וואו ער שטעלט זיך אליין ארויס פאר דעם אדאם סמיטה פון זיין צייט, ווייס מען ניט וואס צו בעוואונדערן מעהר, די נאאיוויטעט פון דעם מענשען אדער פון דעם פובליקום, וואס האט איהם געגלויבט אויף נאמנות און איהם טאקע געהאלטען פאר אן אדאם סמיטה, צו וועמען ער קאן זיך אזוי פערגלייכען, ווי למשל גענעראל וויליאמס פון קארס צו דעם הערצאג פון וועלינגטאן. די אריגינעלע פארשונגען פון העררן דזשאהן סטוארט מילל אויף דעם געביט פון פאליטישער עקאנאמיע, וועלכע זיינען ניט רייך, ניט אין אומפאנג, ניט אין אינהאלט, קאן מען געפינען אויסגעשטעלט אלעם מיט אנאנדער אין זיין קליין ביכעל „סאם אונסעטלד קוועסטיאנס אוו פאליטיקאל עקאנאמי", וואס איז ערשיענען אין 1844. לאק זאגט זיך דירעקט ארויס וועגען דעם צוזאמענהאנג צווישען דער ווערטהלאזיגקייט פון גאלד און זילבער און דער בעשטימונג פון זייער ווערטה דורך דער קוואנטיטעט. „אזוי ווי מען איז געקומען צו אן איינשטימונג אריינצולעגען אן איינגעבילדעטען ווערטה אין גאלד און זילבער... איז דער אינערליכער ווערטה, וואס ווערט בעטראכט אין די דאזיגע מעטאלען, מעהר נארנישט אחוץ זייער קוואנטיטעט." („סאם קאנסידערייישאנס אן דהי קאנסעקווענסעס אוו דהי לאוערינג אוו אינטע־רעסט" 1691, ווערק, אויסגאבע 1777, ב. II, ז. 15.)

[81] עס פערשטעהט זיך, אז עס ליעגט ניט אין מיין צוועק צו בעהאנדלען אזוינע פרטים ווי די אבצאהלונגען פאר אויסשלאגען מטבעות א.ד.ג. אנט־קעגען דעם ראמאנטישען טעלער־לעקער אדאם מיללער אבער, וועלכער בעוואונדערט די „גרויסארטיגע ליבעראליטעט", מיט וועלכער „די ענגלישע רעגירונג שלאגט אויס מטבעות אומענטגעלטליך" איז גענוג צו ברענגען דעם פאלגענדען אורטייל פון סער דודלעי נארטה:—„זילבער און גאלד האבען פונקט ווי אנדערע סחורות זייער עבע און פלוט. ווען עס קומען אן מאסען זילבער און גאלד פון שפאניען... ווערן זיי געבראכט אין דעם טאוער און אויסגעשלאגען אין מטבעות. א קורצע צייט דערנאך קומט פאר, אז מען דארף האבען גאלד און זילבער אין שטיקער פאר די צוועקען פון עקספארט. וויבאלד אבער אז קיין שטיקער זיינען ניטא, נאר עס איז אינגאנצען אויסגעשלאגען געווארן, איז וואס טהוט מען? מען מוז דאס ווידער צושמעלצען. דער איינגענטימער ליידט דערביי ניט קיין שאדען, ווארים די אויסשלאגונג קאסט איהם נארנישט. דאס פאלק אבער האט דערביי

ג) די מטבעות. די צייכענס פון ווערטה.

די מטבע־געשטאַלט פון געלד נעהמט זיך פון זיין פונקציע אלס צירקולאַציאָנס־מיטעל. דער געוויכט־טייל גאָלד, וואָס איז פאָרגעשטעלט אין דעם פּרייז אָדער געלד־נאָמען פון די סחורות, מוז ארויסטרעטען לגבי זיי אין דער צירקולאַציע ווי א גאָלד־שטיק אָדער מטבע פון דעמזעלבען נאָמען. דער עסק פון אויסשלאָגען מטבעות, אזוי גוט ווי די פעסטשטעלונג פון דעם מאַסשטאַב פון די פּרייזען, פאַלט אויס אויפ׳ן שטאַאט. אין די פערשיידענע נאַציאָנאַל־מונדירען, וואָס גאָלד און זילבער טראָגען אלס מטבעות, און וועלכע זיי טהוען אָבער אויס ווען זיי קומען אויפ׳ן וועלט־מאַרק, בעווייזט זיך די צושיידונג צווישען די אינערליכע אָדער

שטענדליך. ווי אזוי אבער געברויך־ווערטהען, וועלכע זיינען אונפערגלייכבאַר איינע מיט די אנדערע, זאָלען זיך אנולגע אויסטוישען אויף דער גאַנצער מאַסע גאָלד און זילבער, וואָס געפינט זיך אין א לאַנד, איז לגמרי אונבעגרייפליך. ווען מיר זאָלען פאַרשטעלען אין דמיון די גאַנצע סחורה־וועלט ווי איין־איינציגע קאָלעקטיוו־סחורה, פון וועלכער יעדע סחורה מאַכט אויס נאָר א בעשטימטען טייל, וועט זיך בעקומען דער פאָלגענדער שעהנער חשבון: די קאָלעקטיוו־סחורה איז גלייך צו א געוויסען געוויכט גאָלד. די איינצעלנע סחורה A איז א בע־שטימטער טייל פון דער קאָלעקטיוו־סחורה, זי איז דעריבער גלייך צו דעמזעל־בינען בעשטימטען טייל פון יענעם געוויכט גאָלד. דאָס קומט טאַקע בתמימות ארויס ביי מאָנטעסקיו. ער זאָגט: „ווען מען פערגלייכט די מאַסע גאָלד און זילבער, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט, מיט דער עקזיסטירענדער סומע סחורות, דאַן איז קלאָר, אז יעדער איינצעלנער פּראָדוקט און יעדע איינצעלנע סחורה קאָן פערגליכען ווערן מיט א בעשטימטען טייל פון דער מאַסע ערעל־מעטאַלען. לאָמיר אננעהמען, אז עס איז פאַראַן נאָר איין איינציגע סחורה אויף דער וועלט, אָדער אז נאָר איין איינציגע סחורה ווערט געבראַכט צום פערקויף, און אז זי לאָזט זיך טיילען אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע ווי דאָס געלד. דאַן וואָלט א בעשטימטער טייל פון דער סחורה געווען גלייך צו פונקט אזא טייל פון דעם געלד־אוצר, די העלפט פון דער קאָלעקטיוו־סחורה—צו א העלפט פון דעם געלד־אוצר א.אז.וו.... די בעשטימונג פון די פּרייזען פון סחורות העננט אין גרונד שטענדיג אָב פון דער פּראָפּאָרציע, אין וועלכער דער סך הכל פון די סחורות שטעהט צו דעם סך הכל פון די געלד־צייכענס.” (מאָנטעסקיו, „עספּרי דע לוא”, ווערק, לאָנדאָן 1767, ב. 3, ז. 12 און 13.) וועגען דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער דאָזיגער טעאָריע דורך ריקאַרדאָ און זיינע שילער דזשיימס מילל, לאָרד אָווערסטאָון א.א. זעה „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע”, ז. 140 ביז 146 און ז. 150. דזשאָהן סטואַרט מילל, מיט זיין געוועהנליכער

וואָס אין אָנפאַנג האָבן די נידעריגערע מעטאַלען געדיענט אַנ־שטאַט די איידעלערע—זילבער אַנשטאַט גאָלד, קופּער אַנשטאַט זילבער—פאַר אַ מאָס פון ווערטהען און האָבן צירקולירט אַלס געלד אין דער צייט ווען דער עדעלערער מעטאַל האָט זיי אַרונטער־געזעצט פון ביינקעל, דערקלערן היסטאָריש די ראָליע, וואָס קופּער־און זילבער־צייכענס פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די גאָלד־מטבעות. זיי פערנעהמען דעם פּלאַץ פון גאָלד אין די קרייזען פון סחורה־צירקולאַציע, וואו די מטבעות צירקולירן אַם שנעלסטען און נוצען זיך דעריבער אָב אַם שנעלסטען, ד.ה. וואו די קניות און מכירות ווידערהאָלען זיך אָהן אַן אויפהער אין די קלענסטע מאָסשטאַבען. כדי צו שטערן די דאָזיגע חברים זיי זאָלען זיך ניט איינזעצען פעסט אויף דעם אָרט פונ׳ם גאָלד גופא, ווערן געזעצליך בעשטימט די זעהר נידעריגע פּראָפּאָרציעס, אין וועלכע זיי מוזען אָנגענומען ווערן אין צאָהלונגען אַנשטאַט גאָלד. די בעזונדערע קרייזען, אין וועלכע עס לויפען אַרום פערשיידענע סאָרטען מטבעות, פאַלען נאַ־טירליך אַריין איינע אין די אַנדערע. די קליין־געלד בעוויזט זיך נעבען דעם גאָלד אויף צו צאָהלען נאָך קלענערע טיילען איידער די קלענסטע גאָלד־מטבע; דאָס גאָלד קומט שטענדיג אַריין אין דער העקער (ריטייל)־צירקולאַציע, עס ווערט אָבער פּונקט אַזוי שטענדיג אַרויסגעוואָרפען פון דאָרטן דורכדעם וואָס עס ווערט אויסגעוועק־סעלט אויף קליין־געלד.[82]

---

[82] „ווען דאָס זילבער־געלד שטייגט ניט אַריבער די סומע, וואָס איז נויטיג פאַר די קלענערע צאָהלונגען, קאָן עס זיך ניט אָנקלייבען אין אַזוינע סומען, וואָס זאָל זיין גענוג פאַר די גרויסע אָבצאָהלונגען.... דער געברויך פון גאָלד פאַר די גרויסע צאָהלונגען שליסט נויטיגערווייז אויך איין זיין געברויך אין דעם העקער־האַנדעל. די בעזיצער פון גאָלד־מטבעות בעצאָהלען מיט זיי אויך פאַר די קלענערע קניות און בעקומען צוזאַמען מיט דער געקויפטער סחורה דעם אויסגאָב פון פּרייז צוריק אין זילבער. אויף דעם אופן ווערט דער העקער־האַנדעל לויז פון איבעריגע זילבער, וואָס וואָלט איהם געמאַכט שווער; און עס ווערט צוריק אַריינגעגעבען אין דער אַלגעמיינער צירקולאַציע. ווען אָבער עס איז פאַראַן אַזויפיעל זילבער, אַז עס לאָזט זיך סלוק׳ן די קליינע צאָהלונגען ניט בענוצענדיג קיין גאָלד, בעקומט דער העקער־האַנדעל זילבער פאַר זיינע קליינע פערקויפונגען, און אַזוי מוז זיך נויטיגערווייז ביי איהם אָנקלייבען אַ סך זילבער אויף די הענד.“ (דייוויד בוכאַנאַן, „ענקווייערי אינטו טאַקסיישאַן אַנד קאָמער־שיאַל פּאָליסי און גרייט בריטיין“, עדינבורג, 1844, ז. 248, 249.)

פון דער מינט [דער אָרט וואו די מטבעות ווערן אויסגעגאָסען] איז אָבער אין דערזעלבער צייט דער גאַנג צום שמעלץ־טיגעל. דען אין זייער אומלויף רייבען זיך די געלד־מטבעות אָב, אייניגע מעהר, אנדערע וועניגער. דער גאָלד־טיטעל און די גאָלד־סובסטאַנץ, דער נאָמינעלער אינהאַלט און דער רעאַלער אינהאַלט הויבען אָן זייער פּראָצעס פון צושיידונג. גאָלד־מטבעות פון דעמזעלבען נאָמען ווערן פערשיידען אין זייער ווערטה, ווייל זיי זיינען ניט גלייך אין געוויכט. דאָס גאָלד אלס צירקולאַציאָנס־מיטעל וייכט אָב פון דעם גאָלד אלס מאָסשטאַב פון די פּרייזען און הערט דערמיט אויך אויף צו זיין א ווירקליכער עקוויוואַלענט פון די סחורות, וועמעס פּרייזען ער רעאַליזירט. די געשיכטע פון די מינצען פון מיטעל־אַלטער און פון דער נייער צייט ביז אין דעם 18טען י.ה. אריין איז די געשיכטע פון אָט אזוינע פערווירונגען. די נאַטירליכע טענדענץ פון דעם צירקולאַציאָנס־פּראָצעס צו פערוואַנדלען דעם גאָלד־עצם פון דער מטבע אין א גאָלד־דמיון, ד.ה. מאַכען פון די מטבעות בלויז א סימבאָל פון דעם אָפיציעלען מעטאַל־געוויכט, וואָס זיי דאַרפען ענטהאַלטען, איז אפילו אָנערקענט דורך די מאָדערנסטע געזעצען בנוגע דעם ערך פון מעטאַל־פערלוסט, וואָס מאַכט א גאָלד־מטבע פערלירן איהר קורס אָדער ווערן דעמאָנעטיזירט.

אויב דער געלד־אומלויף גופא טיילט אָב דעם רעאַלען אינ־האַלט פון דער מטבע פון איהר נאָמינעלען אינהאַלט—איהר עק־זיסטענץ אלס מעטאַל פון איהר פונקציאָנעלער עקזיסטענץ—האַלט ער דערמיט שוין אין זיך פערבאָרגען די מעגליכקייט צו פערבייטען דאָס מעטאַל־געלד אין זיין פונקציע פון מטבעות דורך צייכענס פון א וועלכען עס איז אנדער מאַטעריאַל אָדער פּשוט דורך סימ־באָלען. די טעכנישע שוועריגקייטען אויצוגיסען מטבעות פון גאַנץ קליינע געוויכט־טיילען פון גאָלד אָדער זילבער, און דער אומשטאַנד

א היזק, וואָרים עס מוז דאָך בעצאָהלען פאַר דער אומזיסטער ארבייט—[בדרך מליצה:] פאַר דעם פלעכטען פון שטרוי, וואָס מען ניט דערנאָך די עזלען צו פרעסען. ווען דער סוחר וואָלט געדאַרפט בעצאָהלען פאַר'ן אויסשלאָגען אין מטבעות (גאָרטה איז אליין געוועזען איינער פון די גרעסטע סוחרים אין טשאַרלס דעם צווייטענ'ס צייט), וואָלט ער ניט געשיקט זיין זילבער אין טאָוער אָהן א גוטען גרונד, און געמינצט געלד וואָלט שטענדיג געהאַט א העכערן ווערט איידער זילבער אין שטיקער." (גאָרטה, „דיסקאָרסעס אפּאָן טרייד". לאָנדאָן, 1691, ז. 18.)

פאפיער־צעטלעך, אויף וועלכע עס איז אויפגעדרוקט די געלד־נעמען 1 פונט סט., 5 פונט סט. א. אז.וו. ווערן פון דרויסען אריינגעוואָרפען אין דעם צירקולאציאָנס־פּראָצעס דורך דעם שטאאט. אזוי ווייט ווי זיי פערנעהמען ווירקליך דעם פלאץ פון א גלייכער גאָלד־סומע, שפיגלען זיך אָב אין זייער בעוועגונג גישט מעהר ווי די געזעצען פון דער געלד־צירקולאציע גופא. א ספעציפישער געזעץ פון דער פאפיער־געלד־צירקולאציע קאָן נאָר ארויסוואקסען פון דער פּראָפּאָרציע, אין וועלכער דאָס פאפיער־געלד פערטרעט גאָלד. און אזא געזעץ איז פשוט אָט דער: די אויסגאבע פון פאפיער־געלד דארף זיין בעשרענקט אויף אזא סומע, אין וועלכער דאָס גאָלד (אָדער זילבער), וואָס פאפיער שטעלט סימבאָליש פאָר, וואָלט ווירקליך געמוזט צירקולירן. אמת, דער סכום גאָלד, ועלכען די ספערע פון דער צירקולאציע קאָן איינזויגען אין זיך, שוואנקט כסדר, אמאָל אריבער און אמאָל ארונטער א געוויסען דורכשניטס־גראד. פונדעסטוועגען פאלט די מאסע פון דעם צירקולירענדען מיטעל קיינמאָל נים אונטער א געוויסען מינימום, וואָס ווערט פעסטגעשטעלט דורך ערפאהרונג, אין יעדען געגעבענעם לאנד. דער פאקט, וואָס אָט די מינימאל־מאסע בייט כסדר איהרע בעשטאנד־טיילען, ד.ה. וואָס זי בעשטעהט פון שטענדיג אנדערע מטבעות, ענדערט נאטירליך נאָרנישט אין פרט פון איהר אומפאנג אָדער אין דער בעשטענדיגקייט פון איהר אומלויף אין דער צירקולאציאָנס־ספערע. איהר פלאץ קאָן דעריבער פערנומען ווערן דורך פאפיער־סימבאָלען. פון דער אנדער זייט ווידער, אויב אלע קאנאלען פון דער צירקולאציע וואָלטען היינט אָנגעפילט געוואָרן מיט פאפיער־געלד אויף וויפיעל זיי קאָנען נאָר אין זיך אריינזויגען, וואָלטען זיי נעקאָנט מאָרגען זיין איבערפול אלס א פאָלגע פון די שוואנקונגען אין דער צירקולאציע פון סחורות. עס וואָלט דאן פערלאָרן געגאנגען יעדע מאָס. ווען דאָס פאפיער־

פון דעם „הויז אוו לארדס" (בנוגע באנק־געזעצען) ווי פאָלגט: יעדעס יאהר ווערט א פרישער קלאַס פון סאָווערענען (נים אין פאליטישען זין, נאָר אין דער בעדייטונג פון „סאָווערין", דער נאָמען פון א פונט סטערלינג) צו לייכט. דער קלאַס, וואָס געהט דורך איין יאהר ווי א פול־געוויכטיגער, פערלירט אזוי־פיעל דורך אבניצונג, אז דעם נעקסטען יאהר בוינט זיך ארונטער די וואגשאל אנטקעגען איהם." (הויז אוו לארדס קאָמיטע, 1848, נ. 429.)

דאָס געוויכט פונ׳ם מעטאַל אין די זילבער־ אָדער קופּער־צייכענס בעשטימט דאָס געזעץ ווי עס וויל. אין אומלויף ווערן זיי נאָך שנעלער אָבגענוצט ווי די גאָלד־מטבעות. זייער פונקציע אַלס מטבעות ווערט דעריבער פאַקטיש אינגאַנצען אונאָבהענגיק פון זייער געוויכט, ד.ה. פון יעדען ווערטה. דער מטבע־קיום פון גאָלד טיילט זיך פאָלשטענדיג אָב פון זיין עצם־ווערטה. זאַכען וואָס האָבען פערהעלטניסמעסיג גאָר קיין ווערטה ניט, דהינו פּאַפּיער־צעטלעך, קאָנען אָט אַזוי פונקציאָנירן אנשטאַט איהם אַלס מטבעות. אין די מעטאַלישע געלד־צייכענס איז נאָך דער ריין־סימבאָלישער כאַראַקטער אייניגערמאַסען פערדעקט. אין דעם פּאַפּיער־געלד טרעט ער אַרויס פון אויבען־אויף. ווי מען זעהט, איז נאָר דער ערשטער טריט שווער.

מיר האָבען דאָ אין אויג נאָר די שטאַאַטס־פּאַפּיער געלד מיט אַ נעצוואונגענעם קורס. דאָס וואַקסט אַרויס דירעקט פון דער מעטאַלישער צירקולאַציע. פערקעהרט, קרעדיט־געלד שטעלט פאָר אַזוינע פערהעלטענישען, וועלכע זיינען פאַר אונז דערווייל, פון שטאַנדפּונקט פון דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע, נאָך אינגאַנצען אונבעקאַנט. מען קאָן אָבער פערביינעהענדיג דאָ בעמערקען, אַז אַזוי ווי דאָס אייגענטליכע פּאַפּיער־געלד שטאַמט אָב פון דער פונקציע פון געלד אַלס צירקולאַציאָנס־מיטעל, אַזוי שטעקט דער נאַטירליכער וואָרצעל פון קרעדיט־געלד אין דער פונקציע פון געלד אַלס צאָהלונגס־מיטעל.[83]

[83] דער פינאַנץ־מאַנדאַרין וואַן־מאַאָ־אין האָט זיך ערלויבט דערלאַנגען דעם זון פון הימעל אַ פּראָיעקט, וועלכער האָט געהאַט דעם ציעל צו פערוואַנדלען אין אַ פערמאַסקירטער פאָרם די כינעזישע רייך־אַסיגנאַציעס אין אומגאַנגבאַרע באַנקנאָטען. אין דעם בעריכט פון דעם אַסיגנאַטען־קאָמיטעט פון אַפּריל 1854 קריגט ער געוואַשען דעם קאָפּ ווי עס דאַרף צו זיין. צי ער האָט אויך געקריגען די נויטיגע בעאַרבייטונג מיט די באַמבוס־שטעקענער ווערט ניט געמעלדעט. „דער קאָמיטעט״, ווערט געזאָגט צום סוף פון בעריכט, „האָט זיין פּראָיעקט אויפמערקזאַם בעטראַכט און געפינט, אַז אַלץ איז אין איהם לטובת פון די סוחרים און גאָרנישט לטובת פון דער מלוכה.״ (די ארבייטען פון דער קייזערליך־רוסישען געזאַנדשאַפט צו פּעקינג איבער כינאַ. אויס דעם רוסישען איבערזעצט פון דר. ק. אבעל און פ. א. מעקלענבורג. בערלין 1858, ב. 1, ז. 47.) וועגען דער שטענדיגער מעטאַל־פערלוסט פון די גאָלד־מטבעות דורך זייער אומלויף זאָגט אַ „גאָווערנאָר״ פון דער באַנק אוו ענגלאַנד, אַלס עדות פאַר אַ קאָמיטעט

עס פרעגט זיך סוף כל סוף, פאַרוואָס קאָן דער פּלאַץ פון גאָלד פערנומען ווערן דורך בלויזע צייכענס פון איהם אליין, וועלכע האָבען קיין ווערטה ניט? ווי מיר האָבען אָבער געזעהן, קאָן זיין פּלאַץ אַזוי פערנומען ווערן נאָר אויף וויפיעל עס ווערט אָבגעזונדערט און פערזעלבשטענדיגט אין זיין פונקציע צו דיענען אלס געלד־מטבעות אָדער אלס מיטעל פון צירקולאַציע. יאָ, די פערזעלבשטענדיגונג פון דער דאָזיגער פונקציע קומט טאַקע ניט פאָר בנוגע די איינצעלנע גאָלד־מטבעות, הגם זי בעווזט זיך אין דעם וויטער־צירקולירען פון די אָבגעריבענע גלאָד־שטיקער. בלויזע מטבעות אָדער צירקולאַציאָנס־מיטלען זיינען די גאָלד־שטיקער נאָר דאַן, כל זמן זיי געפינען זיך ווירקליך אין אומלויף. אָבער דאָס, וואָס גילט ניט פאַר די איינצעלנע גאָלד־מטבעות, גילט פאַר דער מינימאַל־סומע גאָלד, וואָס איהר פּלאַץ קאָן פערנומען ווערן פון פּאַפּיער־געלד. זי געפינט זיך שטענדיג אין דער צירקולאַציאָנס־ספערע, זי פונקציאָנירט נאָכאַנאַנד אלס צירקולאַציאָנס־מיטעל און עקזיסטירט דעריבער אויסשליסליך אלס טרעגער פון דער דאָזיגער פונקציע. איהר בעוועגונג שטעלט דעריבער נאָר פאָר די שטענדיגע ענדערונגען איינע אויף די אנדערע פון די אנטקעגענגעזעצטע פּראָצעסען פון דער סחורה־מעטאַמאָרפאָזע ס—ג—ס, אין וועלכער איהר ווערטה־געשטאַלט [די געלד־פאָרם] טרעט ארויס געגענאיבער דער סחורה, כדי צו פערשווינדען גלייך וויעדער. די זעלבשטענדיגע פאָרשטעלונג פון דעם טויש־ווערטה פון דער סחורה איז דאָ נישט מעהר ווי אַן איבערגעהענדער מאָמענט. באַלד ווערט איהר פּלאַץ פערנומען וויעדער פון אַנאַנדער סחורה. דעריבער איז די בלויז סימבאָלישע עקזיסטענץ פון געלד אויך גענוג אין אַ פּראָצעס, וועלכער דערווייטערט שטענדיג דאָס געלד פון איין האַנד אין דער אַנדערער. זיין פונקציאָנעלער קיום פערשלינגט אַזוי צו זאָגען זיין מאַטעריעלען קיום. אַזוי ווי דאָס געלד איז אַ פערשווינדענדע אָביעקטיווירטע אָבשפּיעגלונג פון די סחורה־פּרייזען, פונקציאָנירט

אין די געהעריגע גרעניצען." (פּוללאַרטאָז, „רעגולייישאַן אָוו קוירענסיעס", 2טע אויפלאַגע, לאָנדאָן 1845, ז. 24.) אלזאָ, וויבאַלד דער פּלאַץ פון דער געלד־סחורה קאָן פערנומען ווערן אין דער צירקולאַציע דורך בלויזע ווערטה־צייכענס, דאַרף מען זי גאָרניט האָבען פאַר אַ מאָס פון ווערטהען און אַ מאַסשטאַב פון פּרייזען!

נעלד טרעט אבער אריבער זיין מאס, ד.ה. די סומע פון גאלד־מטבעות פון דיזעלבע נעמען, וועלכע וואלט געקאנט צירקולירן, דאן וואלט עס פארגעשטעלט אין דער סחורה־וועלט—אבגעזעהן פון דער געפאהר פון אן אלגעמיינער דיסקרעדיטירונג—אלץ ניט מעהר איידער אזא סומע גאלד, וואס איז בעשטימט לויט די אי־מאנענטע געזעצען פון דער דאזיגער סחורה־וועלט, אלזא נאר אזוי־פיעל, וויפיעל עס קאן רעפרעזענטירט ווערן דורך פאפיער־געלד. אויב די מאסע פאפיער־צעטלעך וואלט צ.ב.ש. פארגעשטעלט אין נאמען 2 אונצען גאלד, ווען אין דער ווירקליכקייט פערנעהמט זי דעם פלאץ בלויז פון 1 אונץ, דאן וואלט פאקטיש 1 פונט סט. געווארן דער געלד־נאמען, לאמיר זאגען אן ערך פון $1/8$ אונץ אנ־שטאט פון $1/4$ אונץ גאלד. די ווירקונג איז דיזעלביגע ווי ווען עס וואלט געווארן א פערענדערונג אין דער פונקציע פון גאלד אלס א מאס פון פרייזען. דיזעלבע ווערטהען, וועלכע האבען זיך פריהער אויסגעדרוקט אין דעם פרייז פון 1 פונט סט., וואלטען זיך איצטער אויסגעדריקט אין דעם פרייז פון 2 פונט סטערלינג.

פאפיער־געלד איז א גאלד־צייכען אדער געלד־צייכען. זיין שייכות צו די ווערטהען פון סחורות בעשטעהט נאר דעריין, וואס זיי זיינען אויסגעדריקט אין דיזעלביגע גאלד־סומען, וועלכע ווערן סימבאליש פארגעשטעלט בחוש דורך דעם פאפיער. נאר אזוי ווייט ווי דאס פאפיער־געלד רעפרעזענטירט סכום'ען גאלד, וועלכע ענטהאלטען ווערטה ווי אלע אנדערע סחורות, איז עס א צייכען פון ווערטה.[84]

---

[84] ווי אונקלאר אפילו די בעסטע שרייבער ווענען דעם ענין געלד פאסען אויף די פערשיידענע פונקציעס פון געלד, בעווייזט צום ביישפיעל די פאלגענדע שטעלע ביי פוללארטאן: „אויף וויפיעל עס איז שייך דעם איגלאנדישען פער־קעהר, קאנען אלע נעלד־פונקציעס, וועלכע ווערן ערפילט בדרך כלל דורך גאלד־און זילבער מטבעות, מיט דערזעלביגער ווירקזאמקייט ערפילט ווערן דורך דעם אומלויף פון ניט־איינקאסירבארע נאטען, וועלכע האבען ניט קיין אנדער ווערטה אחוץ דעם קינסטליך־געמאכטען און קאנווענציאנעלען ווערטה, וואס דאס געזעץ גיט זיי. דאס איז א פאקט, וועלכער קאן נאך מיין מיינונג ניט אבגעלייקענט ווערן. אזא מין ווערטה וואלט געקאנט זיין גענוג פאר אלע בעדערפעגישען, וועלכע ווערן הייגט בעזארגט דורך פול־ווערטהיגע מטבעות: נאך מעהר, ער וואלט אפילו געקאנט איבערנעהמען די פונקציע פון א מאסשטאב פון ווערטהען און פרייזען. ווען די סומע פון אזוינע נאטען־אויסגאבעס וואלט נעהאלטען געווארן

פאַראַן איין פונקציע, וועלכע ער קאָן דורכפיהרן ענטוועדער אין זיין אייגענער פּערזאָן, אָדער דורך שטעל־פערטרעטער, און דאָס איז—וואו ער טרעט ארויס קעגענאיבער אלע אנדערע סחורות אין זייער פאָרם פון בלויז געברויך־ווערטהען אלס די איינציגע נענויע (אדעקוואטע) עקזיסטענץ־פאָרם פון זייער טויש־ווערטה, אָדער אלס די איינציגע ווערטה־געשטאלט. אין אָט די אלע פעלען זאָגען מיר, אז ער פונקציאָנירט אלס געלד אין דעם אייגענטליכען זין, אין גע־גענזאַץ צו זיינע פונקציעס אלס ווערטה־מאָס און אלס מטבעות.

א) קלייבען אוצרות.

דער אונאויפהערליכער קרייז־לויף פון די צוויי אנטקעגענגע־זעצטע סחורה־מעטאמאָרפאָזען, אָדער דער שטענדיגער אומבייט פון פערקויף און קויף, ווייזט זיך ארויס אין דעם רוהלאָזען אומלויף פון געלד, אָדער אין זיין פונקציע צו זיין דער „פּערפּעטואום מאָ־בילע” [אייביג־ווירקענדער מעכאניזם] פון דער צירקולאציע. ווי־באלד אָבער די מעטאמאָרפאָזען־רייה ווערט אָבגעשטעלט, וויבאלד נאָר דער פערקויף ווערט ניט ערגענצט דורך א דערנאָך־קומענדען קויף, ווערט דאָס געלד איממאָביליזירט אָדער פערוואנדעלט זיך, ווי בואגילבער זאָגט, פון א בעוועגליכען אין א אונבעוועגליכען, פון מטבעות אין געלד.

שוין גלייך מיט דער ערשטער ענטוויקלונג פון דער סחורה־צירקולאציע ענטוויקעלט זיך די נויטווענדיגקייט און די ליידענ־שאפט פעסט צו האלטען דעם פּראָדוקט פון דער ערשטער מעטא־מאָרפאָזע [דאָס געלד], די פערוואנדעלטע געשטאלט פון דער סחורה אָדער איהר גאָלד־פּופּע.[86] סחורה ווערט פערקויפט, ניט כדי צו קויפען סחורה, נאָר כדי צו פערבייטען די סחורה־פאָרם אויף דער געלד־פאָרם. פון בלויז א פערמיטלונג פאר דעם איבער־בייט פון שטאָפען ווערט דער דאָזיגער פאָרם־איבערבייט א צוועק

---

[86] „רייכטום אין געלד איז קיין אנדער זאך ניט... ווי נאָר רייכטום אין פּראָדוקטען, וועלכע זיינען פערוואנדעלט געוואָרן אין געלד.” (מערסיע דע לא ריוויע, 1טער טייל, ז. 557.) „א ווערטה־סומע וואָס איז אויסגעדריקט אין פּראָדוקטען, האָט נאָר געביטען די פאָרם.” (דאָרט גופא, ז. 486.)

עס נאָר ווי א צייכען פון זיך אליין און קאָן דעריבער אויך פערבּיטען ווערן דורך צייכענס.[85] דער צייכען פון געלד מוז אָבער האָבען זיין אייגענע אָביעקטיוו־געזעלשאַפטליכע גילטיגקייט, און דאָס בעקומט טאַקע דער פּאַפּיער־סימבאָל דורך דעם צוואַנג־קורס. אָט דער שטאַאַט־צוואַנג גילט נאָר אין דער אינערער ספערע פון דער צירקולאַציע, וואָס געפינט זיך אין די גרעניצען פון דער מלוכה, אָבער אויך נאָר דאָ לעזט זיך דאָס געלד פאָלשטענדיג אויף אין זיין פונקציע אלס צירקולאַציאָנס־מיטעל אָדער מטבעות, און פאָלגליך קאָן עס בעקומען אין דעם פּאַפּיער־געלד אַן אופן פון עקזיסטענץ, וואָס איז אויסערליך אָבגעזונדערט פון זיין מעטאַל־סובסטאַנץ און איז בלויז פונקציאָנעל.

3. געלד.

ביז אהער האָבען מיר בעטראַכט דעם עדעלען מעטאַל אין זיין טאָפּעלטער אייגענשאַפט—אלס ווערטה־מאָס און אלס צירקו־לאַציאָנס־מיטעל. די ערשטע פונקציע ערפילט ער אלס אידעעלעס, פאָרגעשטעלטעס געלד, אין דער צווייטער קאָן ער פערבּיטען ווערן דורך געלד־צייכענס. עס זיינען אָבער פאַראַן פונקציעס, אין וועלכע ער מוז ערשיינען אין זיין גאָלדענער (אָדער זילבערנער) קערפּער־ליכקייט, פאָלגליך אלס געלד־סחורה—הייסט עס, ניט בלויז אי־דעעל, ווי אין דער ווערטה־מאָס, און אויך ניט פערטרעטונגס־פעהיג, ווי אין דעם צירקולאַציאָנס־מיטעל. פון דער אנדער זייט איז

[85] דערפון, וואָס גאָלד און זילבער אלס מטבעות, אָדער אין דער אויסשליס־ליכער פונקציע אלס צירקולאַציאָנס־מיטלען, ווערן צייכענס פון זיך אליין, פיהרט ניקאָלאַס באַרבאָן ארויס דאָס רעכט פון די רעגירונגען „טו רייז מאָני“ [צו העכערן דעם ווערטה פון מטבעות], ד.ה. צום ביישפּיעל, א סכום זילבער, וואָס האָט געהייסען א גראָשען, צו געבען דעם נאָמען פון א גרעסערן סכום זילבער, ווי א טאַלער, און אויף דעם אופן צאָהלען די קרעדיטאָרען גראָשענס אנשטאָט טאַלערס. „געלד נוצט זיך אָב און ווערט לייכטער, ווען עס געהט דורך א סך הענד... ביים האַנדעל קוקט מען אויף דעם נאָמען, וואָס איז אויסגעשלאָגען אויף דער מטבע, ניט אויף דעם געוויכט פון זילבער.... די אויטאָריטעט פון דער רעגירונג איז עס, וואָס מאַכט דאָס שטיק מעטאַל זאָל זיין געלד.“ (נ. באַרבאָן, „א דיסקאָרס און קאָינינג דהי ניו מאָני לייטער עטצ.“, לאָנדאָן, 1696, זז. 29, 30, 45.)

האנד־משכון".[88] זיינע בערערפענישען בענייען זיך אהן אן אויפ־הער און נויטען צו קויפען נאכאנאנד פרעמדע סחורה, בעת די פראדוקציאן און דער פערקויף פון זיין אייגענער סחורה קאסטען צייט און הענגען אב פון צופאלען. כדי צו קויפען, ניט פערקוי־פענדיג, מוז ער אפריהער האבען פערקויפט ניט קויפענדיג. אט די אפעראציע, ווען זי זאל אויסגעפיהרט ווערן אויף אן אלגעמיי־נעם מאסשטאב, זעהט אוים צו ווידערשפרעכען זיך אליין. די עדלע מעטאלען אבער, אויפ'ן ארט וואו זיי ווערן פראדוצירט, טוישען זיך דירעקט אוים אויף אנדערע סחורות. עס קומט דא פאר א פערקויף (מצד די סחורה־בעזיצער) אהן א קויף (מצד די גאלד־ און זילבער־בעזיצער).[89] און די שפעטערדיגע מכירות, נאך וועלכע עס פאלגען ניט קיין קניות, פערמיטלען בלויז די ווייטערע פערטיילונג פון די עדלע מעטאלען צווישען אלע סחורה־בעזיצער. אט אזוי ענטשטעהען גאלד און זילבער אוצרות פון פערשיידענ־סטער גרוים אויף אלע פונקטען פון דעם פערקעהר. צוזאמען מיט דער מעגליכקייט פעסט צו האלטען די סחורה אלס טויש־ווערטה אדער דעם טויש־ווערטה אלס סחורה, דערוועקט זיך די תשוקה נאך גאלד. מיט דער פערברייטערונג פון דער סחורה־צירקולאציע וואקסט די מאכט פון דעם געלד, פון דער שטענדיג גרייטער, אב־סאלוט־געזעלשאפטליכער פארם פון רייכטום. „גאלד איז א וואונ־דערבארע זאך! דער וואס בעזיצט עס, איז דער הארר פון אלץ וואס ער וויל. דורך גאלד קאן מען אפילו די נשמות אריינקריגען אין גן ערן." (קאלומבוס, אין דעם בריעף פון יאמאיקא, אין יאהר 1503.)

אזוי ווי מען קאן אויפ'ן געלד ניט אנזעהן וואס עס איז אין איהם פערוואנדעלט געווארן, פערוואנדעלט זיך אלץ, סיי סחורה, סיי ניט קיין סחורה, אין געלד. אלץ לאזט זיך פערקויפען און קויפען. די צירקולאציע ווערט די גרויסע געזעלשאפטליכע מיש־

[88] „געלד איז א משכון." (דזשאהן בעללערס, „עססייס אבאוט דהי פור עטצ.", לאנדאן 1699, ז. 13.)

[89] א קניה אין דעם קאטעגארישען זין שליסט איין די השערה, אז גאלד און זילבער זיינען שוין די פערוואנדעלטע געשטאלט פון סחורות, אדער דער פראדוקט פון א פערקויף.

פאַר זיך. די פערפרעמדעטע געשטאַלט פון דער סחורה ווערט געשטערט צו פונקציאָנירן ווי איהר אבסאָלוט פערפרעמדליכע געשטאַלט אָדער ווי איהר בלויז־פערשווינדענדע געלד־פאָרם. דאָס געלד ווערט דערמיט פערשטיינערט אין אַן אוצר, און דער סחורה־פערקויפער ווערט אַן אוצר־קלייבער.

גראַד אין די אָנפאַנג־פעריאָדען פון דער סחורה־צירקולאַציע פערוואַנדעלט זיך נאָר דער איבערפלוס פון געברויך־ווערטהען אין געלד. גאָלד און זילבער ווערן אַט אזוי פון זיך אליין די געזעלשאַפטליכע אויסדרוקען פון דעם איבערפלוס אָדער פון רייכטום. אַט די נאַאיווע פאָרם פון אוצרות־קלייבען פעראייביגט זיך ביי פעלקער, וואו א פעסט־אָבגעשלאָסענער קרייז פון בעדערפענישען איז צוגעפאַסט צו דעם טראַדיציאָנעלען פראָדוקציאָנס־אופן, וואָס ארבייט נאָר פאַר׳ן זעלבסט־בעדאַרף. די צירקולאַציע איז קליין, די מענגע פון אוצרות איז גרויס. אזוי איז עס ביי די אזיאַטען, בעזונדערס ביי די אינדיער. וואַנדערלינט, וועלכער האָט זיך איינגעבילדעט, אז די סחורה־פרייזען אין א לאַנד זיינען בעשטימט דורך דער מאַסע פון גאָלד און זילבער, וואָס געפינט זיך אין יענעם לאַנד, פרעגט זיך, פאַרוואָס די אינדישע סחורות זיינען אזוי וואָלוועל? דער תירוץ איז, ווייל די אינדיער פערגראָבען דאָס געלד. פון 1602 ביז 1734, בעמערקט ער, האָבען זיי פערגראָבען 150 מיליאָן פונט סט. זילבער, וועלכע זיינען אורשפרינגליך געקומען נאָך אייראָפּא פון אמעריקא.[87] פון 1856 ביז 1866, אין 10 יאָהר הייסט עס, האָט ענגלאַנד עקספּאָרטירט נאָך אינדיע און כינא (דער מעטאַל, וואָס ווערט עקספּאָרטירט אין כינא, פליעסט אין גרעסטען טייל וויעדער אין אינדיע) 120 מיליאָן פונט סט. אין זילבער, וואָס איז פריהער אויסגעביטען געוואָרן אויף אַוסטראַליער גאָלד.

אין א מעהר ענטוויקעלטער פראָדוקציאָן פון סחורות מוז יעדער סחורה־פּראָדוצירער זיך בעזאָרגען מיט דעם „נערוואוס רערום” [דעם נערוו פון אלע זאכען], דעם „געזעלשאפטליכען

[87] „דורך אַט דעם אויפפיהר האלטען זיי די פרייזען פון אלע זייערע גיטער און סחורות אזוי נידעריג.” (וואַנדערלינט, „מאני אנסערס אלל טהינגס”. לאָנדאָן 1734, ז. 95—96.)

ריבער אנגעקלאגט ווי א צושטערער פון איהר עקאנאמישער און מאראלער ארדנונג.[92] די מאדערנע געזעלשאפט, וועלכע האט שוין אין איהרע קינדער־יאהרען ארויסגעצויגען פלוטוס'ן [דעם גאט פון רייכטום] פאר די האאר פון די אינגעווייד פון דער ערד,[93] בעגריסט אין דעם גאלד־זאמד די גלענצענדע פערקערפערונג פון איהר סאמע אייגענעם לעבענס־פרינציפ.

די סחורה אלס געברויך־ווערטה בעפריעדיגט א בעזונדערע בעדערפעניש און מאכט אויס א בעזונדערן עלעמענט פון מאטעריעלען רייכטום. אבער דער ווערטה פון דער סחורה מעסט דעם גראד פון איהר אנציהונגס־קראפט פאר אלע עלעמענטען פון מאטעריעלען רייכטום, פאלגליך מעסט ער דעם געזעלשאפטליכען רייכטום פון איהר בעזיצער. פאר דעם בארבאריש־איינפאכען סחורה־בעזיצער, און אפילו פאר דעם מערב־אייראפעאישען פויער, שיידט זיך ניט אונטער דער ווערטה פון דער ווערטה־פארם: די פערמעהרונג פון דעם גאלד־ און זילבער־אוצר איז דעריבער פאר איהם א פערמעהרונג פון ווערטה. אמת, דער ווערטה פון געלד בייט זיך, סיי מחמת עס ענדערט זיך זיין אייגענער ווערטה, סיי צוליעב אן ענדערונג אין דעם ווערטה פון די סחורות. אבער דאס שטערט ניט פון איין זייט דעם פונקט, אז 200 אונצען גאלד זאל אלץ ענטהאלטען מעהר ווערטה איידער 100 אונצען, 300 מעהר איידער 200 א.א.וו., און עס שטערט אויך ניט פון דער אנדער זייט, אז די מעטאלענע נאטוראל־פארם פון דער דאזיגער זאך זאל אלץ בלייבען די אלגעמיינע עקוויוואלענט־פארם פון אלע סחורות און די דירעקטע געזעלשאפטליכע פערקערפערונג פון אלע מענשליכע ארבייטען. דער

[92] דען קיין ערגערע זאך ווי געלד איז
פון מענשען'ס גייסט ניט אויסגעקלערט געווארן.
שטערט מאכט עס חרוב און פערטרייבט די מענשען
פון זייערע וואהנונגען. עס פערדרעהט דעם מענשען'ס שכל
מיט שלעכטע לעהרען, און דער גוטער טהוט נאך דעם רשע.
עס פערפיהרט די מענשען צו אל דאס בייז און מאכט זיי
בעקאנט מיט יעדער גאט־פערגעסענער טהאט.
(סאפאקלעס, אנטיגאנע, V, 295 ביז 301.)

[93] „די גייציגקייט האפט צו קאנען פלוטוס'ן אליין ארויסציהען פון אינעוועניג פון דער ערד." (אטהענעאוס, דעיפנאס").

שיסעל, אין וועלכער אלץ גיסט זיך אריין, כדי ווידער ארויסצו־קומען ווי א גאלד־קריסטאל. ניט צומאל די ביינער פון די הייליגע און נאך וועניגער די איידעלערע הייליגטימער, וואס שטעהען מחוץ דעם מענשליכען האנדעל, קאנען זיך שטעלען אנטקעגען דער ראזיגער אלכעמיע.[90] אזוי ווי אין דעם געלד איז אויסגעלאשען יעדער קוואליטאטיווער אונטערשייד פון סחורות, אזוי לעשט אויס דאס געלד פון זיין זייט, ווי א ראדיקאלער אויסגלייכער, אלע אונטערשיידען.[91] דאס געלד איז אבער אליין א סחורה, אן אויסערליכע זאך, וואס קאן ווערן יעדען איינעמס פריוואט אייגענטום. די געזעלשאפטליכע מאכט ווערט אויף דעם אופן א פריוואט־מאכט פון א פריוואט־פערזאן. די פארצייטיגע געזעלשאפט האט עס דע־

---

[90] הענריך דער 3טער, דער העכסט־קריסטליכער קעניג פון פראנקרייך, האט בערויבט די קלויסטערס א.ד.ג. פון זייערע רעליקוויען, כדי צו פערוואנדלען זיי אין זילבער. מען ווייס וואס פאר א ראליע עס האט געשפיעלט אין דער גריכישער געשיכטע די בערויבונג פון די דעלפישע טעמפעל־אוצרות דורך די פאקעאנער. די טעמפלען האבען ביי די אלטע פעלקער געדיענט פאר דעם וואוין־פלאץ פון דעם גאט פון סחורות. זיי זיינען געווען „הייליגע באנקען". די פעניציער, א האנדעלס־פאלק פאר עקסעלאנץ, האבען בעטראכט דאס געלד אלס די איבערגעטראגענע געשטאלט פון אלע זאכען. עס איז דעריבער געווען גאנץ נאטירליך, וואס די יונג־פרויען, וועלכע האבען זיך איבערגעגעבען צו די פרעמדע אין די פייערטעג פון דער געטין פון ליעבע, האבען געאפפערט צו דער געטין די געלד־שטיקער, וואס זיי האבען בעקומען אלס זייער לוין.

[91] גאלד! געלב, פינקלענדיג, קאסטבארעס גאלד....
'זוי פיעל דערפון מאכט שווארץ ווייס, העסליך שעהן,
שלעכט גוט, געמיין עדעל, פייג מוטהיג.
איהר געטער! פארוואס? ווארום אזוי, אה געטער?
עס וועט פון אייך דעם דיענער און דעם גלח רויב'ן,
די קיסן פון שמארקען מאן'ס צוקאפען רייסען:
דער געלער שקלאף, ער וועט
אמונות שאפען און צערשטערן, דעם רשע בענשן,
פון קרעץ א ציערונג מאכן, גנבים כבוד געבן,
געבוינגטע קניע, טיטולן און זעצן מיט סענאטארן.
ס'איז ער, וואס דער פערוועלקטער וויטווע ברייננגט א נייעם זיווג.
.... אהער, פערדאמטע ערד,
געמיינע הור פון מענשען־מין, דו
וואס רייצט דעם האס צווישען פעלקער־סטאדעס.....
(שעקספיער, „טימאן פון אטהען", אקט 4, סצענע 3.)

רייך" (דידרא). אויף דעם אופן ענטוויקעלט זיך פון איין זייט א שטענדיג־פערגרעסערטער מארק פאר גאלד און זילבער, אונאב־הענגיק פון זייערע געלד־פונקציעס, און פון דער אנדער זייט א בעהאלטענער קוואל פון געלד, פון וועלכען מען שעפט דערהויפט אין געזעלשאפטליכע שטורם־פעריאדען.

די אוצרות־זאמלונג ערפילט פערשיידענע פונקציעס אין דער עקאנאמיע פון דער מעטאלישער צירקולאציע. די נעהענטסטע פונקציע נעהמט זיך פון די בעדינגונגען, אונטער וועלכע דער אומלויף פון גאלד־ און זילבער־מטבעות איז אונטערווארפען. מיר האבען געזעהן, ווי צוזאמען מיט די שוואנקונגען אין אומפאנג, פרייזען און געשווינדקייט פון דער סחורה־צירקולאציע, קומט צו און פאלט אב אהן אן אויפהער די אומלויף־מאסע פונ'ם געלד. די דאזיגע מאסע מוז דעריבער זיין ביכולת זיך צונויפציהען און אויסשפרייטען. אין איין צייט מוז דאס געלד אין דער פארם פון מטבעות צוגעצויגען ווערן און אריינטרעטען אין דער צירקולאציע, אין אנאנדער צייט מוזען די מטבעות אלס געלד אבגעשטויסען ווערן און ארויסטרעטען פון דער צירקולאציע. כדי די געלד־מאסע, וואס איז אין ווירקליכען אומלויף, זאל קאנען ביז צו זאט אנפילען די ספערע פון דער צירקולאציע, מוז דער סכום פון גאלד און זילבער אין לאנד זיין גרעסער איידער די סומע, וואס איז פער־נומען אין דער פונקציע פון מטבעות. אט דער תנאי ווערט דער־פילט דורך דעם אוצר־פארם פון דעם געלד. די אויצרות־רעזער־וואארען דיענען אין דערזעלביגער צייט אי ווי אבפיהר־, אי ווי צופיהר־קאנאלען פון דעם צירקולירענדען געלד, וואס צוליעב דעם ווערן זיינע אומלויף־קאנאלען קיינמאל ניט איבערפילט.[96]

---

[96] „כדי צו קאנען אנפיהרן דעם געשעפטס־פערקעהר פון יעדען פאלק, איז נויטווענדיג צו האבען א בעשטימטע סומע מעטאל־געלד, וועלכע וויעגט זיך און שטעהט העכער אדער נידעריגער, ווי עס פאדערט זיך יעדעס מאל לויט די אומשטענדען.... די דאזיגע שוואנקונגען, די דאזיגע „עבבע און פלוט" פון געלד, פאסען זיך צו, אהן דער אריינמישונג פון דער רעגירונג, צו די זיך ענדע־רענדע סיטואציאנען.... די צוויי עמער ארבייטען ארויף און אראב: איז געלד וועניג, ווערן די מעטאל־שטיקער אויסגעגאסען אין מטבעות: זיינען מעטאל־שטיקער וועניג, ווערן מטבעות צושמאלצען." (סער ד. נארטה, „דיסקארסעס אפאן טרייד", לאנדאן 1691, ז. 22.) רזשאהן סטוארט מילל, א לאנגע צייט א

טריעב פון קלייבען אוצרות האָט לויט זיין נאַטור גאָר קיין מאָס ניט. קוואַליטאַטיוו אָדער לויט זיין פאָרם נאָך האָט דאָס געלד קיינע גרעניצען ניט, ד.ה. עס איז אַן אַלגעמיינער פערטרעטער פון מאַטעריעלען רייכטום, ווייל עס קאָן דירעקט אומגעביטען ווערן אויף יעדער אַנדער סחורה. אין דערזעלבער צייט אָבער איז יעדע ווירקליכע געלד־סומע קוואַנטיטאַטיוו בעשרענקט, און דעריבער האָט עס אַלס קויף־מיטעל נאָר אַ בעשרענקטע ווירקונג. אָט דער ווידער־שפּרוך צווישען דעם קוואַנטיטאַטיווען גרעניץ און דער קוואַליטאַטי־ווער גרעניצלאָזיגקייט פון געלד טרייבט דעם אוצר־קלייבער צו דער סיזיפוס־אַרבייט [די אַרבייט אָנצוהויבען ווידער פון דאָס ניי, ווי סיזיפוס מיט'ן שטיין, אַרויף און אַראָב בּאַרג] פון קלייבען און זאַמלען. עס געהט איהם ווי דעם וועלט־עראָבערער, וועלכער ער־אָבערט אַ נייע גרעניץ מיט יעדען לאַנד, וואָס ער נעהמט איין.

כדי איינצוהאַלטען דאָס גאָלד אַלס געלד און פאָלגליך אַלס עלעמענט פון אוצרות־זאַמלונג, טאָר מען עס ניט דערלאָזען צו צירקולירן אָדער אויפצולייזען זיך ווי אַ זאַך, מיט וואָס מען קאָן קויפען געניסמיטלען. דער אוצרות־זאַמלער אָפּפערט דעריבער צום גאָלד־געץ די תאוות פון זיין גוף. ער נעהמט אָן אין ערנסט דאָס עוואַנגעליום פון אָבזאָגען זיך. פון דער אַנדער זייט קאָן ער פון דער צירקולאַציע אָבציהען אין געלד נאָר דאָס, וואָס ער גיט איהר אין סחורה. וואָס מעהר ער פּראָדוצירט, אַלץ מעהר קאָן ער פער־קויפען. אַרבייטזאַמקייט, שפּאָרזאַמקייט און גייציגקייט זיינען דעריבער זיינע הויפּט מעשים טובים, פיעל פערקויפען, ווייניג קויפען—דער סך הכל פון זיין פּאָליטישער עקאָנאָמיע.[94]

נעבען דער דירעקטער גראָבער פאָרם פון גאָלד־אוצר קומט פאָר זיין עסטעטישע פאָרם—דער בעזיץ פון גאָלד־ און זילבער־סחורות. דער דאָזיגער בעזיץ וואַקסט מיט דעם רייכטום פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט. „זיינען מיר רייך אָדער שיינען מיר

[94] „די צאָהל פון די פערקויפער פון יעדער סחורה ווי ווייט מעגליך צו פערגרעסערן, די צאָהל קויפער ווי ווייט מעגליך צו פערקלענערן—דאָס זיינען די קרוקעס, אַרום וועלכע עס דרעהען זיך אַלע תקנות פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.“ (ווערי, „מעדיטאַציאָני סוללאַ עקאָנאָמיקאַ פּאָליטיקאַ“ פּאַרטאַ מאָדערנאַ, ב. 15, ז. 52.)

די בעדינגונגען פון זייער פּראָדוקציאָן. פון דער אנדער זייט ווערט די בענוצונג פון געוויסע סאָרטען סחורות, צום ביישפּיעל פון א הויז, פערקויפט אויף א בעשטימטער צייט. ערשט יעמאָלט ווען ס'איז אויסגעגאנגען דער טערמין, האָט דער קויפער ווירקליך בעקומען דעם געברויך־ווערטה פון דער סחורה. ער קויפט זי דעריבער איידער ער צאָהלט פאר איהר. איין סחורה־בעזיצער פערקויפט א פאראנענע סחורה, דער אנדערער קויפט [ניט מיט פאראנענע געלד,] נאָר בלויז אַלס רעפּרעזענטאנט פון געלד אָדער אַלס רעפּרעזענטאנט פון צוקינפטיגען געלד. דער פערקויפער ווערט א קרעדיטאָר, דער קויפער—א בעל חוב. אזוי ווי די מע־טאמאָרפאָזע פון דער סחורה אָדער די ענטוויקלונג פון איהר ווערטה־פאָרם האָט זיך דאָ פערענדערט, בעקומט אויך דאָס געלד אנאנדער פונקציע. עס ווערט א צאָהלונג־מיטעל.[96]

דער כאראקטער פון קרעדיטאָר אָדער בעל חוב נעהמט זיך דאָ פון דער איינפאכער סחורה־צירקולאציע. איהר פאָרם־פער־ענדערונג דריקט ארויף אָט דעם נייעם שטעמפּעל אויף דעם פער־קויפער און קויפער. פון אָנפאנג, אלזא, זיינען עס פונקט אזוינע פערשווינדענדע ־ראָליען, וואָס ווערן געשפּיעלט זיך אָבבייטענדיג פון דיזעלביגע צירקולאציאָנס־אגענטען, ווי די ראָליען פון פער־קויפער און קויפער. אָבער דער גענענזאַץ זעהט לכתחילה איצט אויס ווייניגער געמיטליך און איז פעהיג אויף א גרעסערער קריס־טאליזאציע.[97] דיזעלביגע כאראקטערען קאָנען אָבער אויך ארויס־קומען אונאָבהענגיק פון דער סחורה־צירקולאציע. דער קלאסען־קאמף פון דער אלטער וועלט, צום ביישפּיעל, בעוועגט זיך הויפּט־זעכליך אין דער פאָרם פון א קאמף צווישען קרעדיטאָרען און בעלי

[96] לוטהער מאכט א חלוק צווישען געלד אלס קויף־מיטעל און אלס צאָהלונג־מיטעל. „מאכעסט מיט איינען צווילינג אויס דעם שאדעוואכט, דאס איך היע ניכט בעצאלען אונד דארט ניכט קאופען קאנן.“ (מארטין לוטהער, „אן די פפארהעררן, ווידער דען וואוכער צו פרעדיגען“, וויטענבערג, 1540.)

[97] וועגען די בעציהונגען צווישען לוה און מלוה ביי די ענגלישע האנדעלס־לייט אין אָנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט: „דא אין ענגלאנד הערשט צווישען די סוחרים אזא גייסט פון גרויזאמקייט, וואס מען קאן ניט געפינען אין קיין אנדער קלאס פון דער געזעלשאפט און אין קיין אנדער לאנד אויף דער וועלט.“ An Essay on Credit and the Bankrupt Act. London, 1907, p. 2.

ב) צאהלונג־מיטלען.

אין דער דירעקטער פארם פון סחורה־צירקולאציע, וואס מיר האבען ביז אהער בעטראכט, איז דיזעלבינע ווערטה־גרויס אונז שטענדיג פארגעקומען אין א טאפעלטער געשטאלט—אלס סחורה אויף איין פאליוס, אלס גאלד אויף דעם אנטקעגענדיגען פאליוס. די סחורה־בעזיצער זיינען פאלגליך געקומען אין בעריהרונג נאר אלס רעפרעזענטאנטען פון געגענזייטיג פארהאנענע עקוויוואלענטען. מיט דער ענטוויקלונג פון דער סחורה־צירקולאציע ענטוויקלען זיך אבער אזוינע פערהעלטעניסען, דורך וועלכע די איבערגעבונג פון דער סחורה איז אבגעטיילט פון דער רעאליזירונג פון איהר פרייז דורך אן אבשטעל אין צייט. עס וועט זיין גענוג אנצודייטען דא אויף די איינפאכסטע פון די דאזיגע פערהעלטעניסען. איין סארט סחורה פאדערט א לענגערע צייט, דער אנדער סארט א קירצערע צייט צו ווערן פראדוצירט. די פראדוקציאן פון פערשיידענע סחורות העננט אב פון די פערשיידענע צייטען פון יאהר. איין סחורה ווערט געבארן אויף דעם פלאץ וואו איהר מארק איז, אנ־אנדער סחורה מוז פאהרן אויף א ווייטען מארק. איין סחורה־בעזיצער קאן דעריבער אויפטרעטען אלס פערקויפער פריהער איידער דער אנדערער אלס קויפער. ווען דיזעלבינע געשעפטען ווידערהאלען זיך שטענדיג צווישען דיזעלביגע פערזאנען, ווערן די בעדינגונגען פון דעם פערקויף פון די סחורות רעגולירט לויט

בעאמטער אין דער אסט־אינדישער קאמפאניע, בעשטעטיגט, אז אין אינדיע פונקציאנירט נאך אלץ די זילבער־ציערונג אלס א געלד־אוצר. די „זילבערנע ציערונג־זאכען ווערן געשיקט אין מינץ־קאמער, אזוי באלד ווי די צינזען־ראטע שטעהט הויך; זיי וואנדערן צוריק, ווי נאר די צינז־ראטע פאלט.” (דזש. סט. מילל'ס „עווידענס”—רעפארטס אן באנק אקטס, 1857, נ. 2084.) לויט א פאר־לאמענטארישען דאקומענט פון יאהר 1864 וועגען דעם גאלד און זילבער אימפארט און עקספארט אין אינדיען, האט אין 1863 דער אימפארט פון גאלד און זילבער איבערגעשטיגען דעם עקספארט אויף 19,367,764 פונט סט. אין די לעצטע אכט יאהר פאר 1864 האט דער איבערשוס פון דעם אימפארט איבער'ן עקספארט פון די עדעלע מעטאלען בעטראפען 109,652,917 פונט סט. אין משך פון דעם יאהר־הונדערט זיינען אין אינדיע אויסגעשלאגען געווארן מטבעות אויף א סומע ווייט אריבער 200 מיליאן פונט סטערלינג.

צו בעפריערדיגען א בעדערפעניש; דער אוצרות־זאמלער—כדי צו קאָנזערווירן די סחורה אין א געלד־פאָרם; דער פערשולדיגטער קויפער—כדי צו קאָנען צאָהלען. אויב ער צאָהלט ניט, ווערט זיין האָב און גוטס פערקויפט דורך צוואנג.

די פערוואנדלונג פון דער סחורה אין איהר ווערטה־געשטאלט, אין געלד, ווערט אלזאָ איצטער א געזעלשאפטליכע נויטווענדיג־קייט, וועלכע צווינגט זיך ארויף אויף דעם סחורה־פּראָדוצירער, אונאָבהענגיק פון זיינע בעדערפענישען און זיינע פערזענליכע געשמאקען. אָט די נויטווענדיגקייט קומט ארויס פון די פער־העלטענישען פון דעם צירקולאציאָנס־פּראָצעס גופא.

לאָמיר אָננעהמען, אז דער פויער קויפט ביים לייווענט־וועבער 20 עלען לייוועגט צום פּרייז פון 2 פונט סט., אָבער בעצאָהלט ניט. ער בעזיצט ניט די נויטיגע 2 פונט סט., וואָרים ער האָט נאָך ניט פערקויפט זיין ווייץ. דער פּרייז פון א פערטעלע ווייץ, לאָמיר זאָגען, איז אויך 2 פונט סט. דער פויער פערוואנדעלט זיין ווייץ אין לייוועגט, איידער ער האָט איהם פערוואנדעלט אין געלד. ער פיהרט אלזאָ דורך די צווייטע סחורה־מעטאמאָרפאָזע פריהער פאר דער ערשטער. דאן פערקויפט ער דעם ווייץ פאר די 2 פונט סט., וועלכע ער גיט אָב דעם וועבער צום אָבגעמאכטען טערמין. דאָסווירקליכע געלד דיענט ניט מעהר דעם פויער אלס פערמיטלער פון דעם אויסבייט פון ווייץ אויף לייוועגט. דאָס איז שוין געשעהן פריהער. דאָס געלד מאכט אויס פאר איהם ריכטיגער דעם אָבשלוס פון דעם מסחר, ווייל דאָס געלד איז די אבסאָלוטע פאָרם פון דעם ווערטה, וועלכען ער מוז ליפערן, די אלגעמיינע סחורה. וואָס איז שייך דעם וועבער, האָט זיין סחורה צירקולירט און רעאליזירט איהר פּרייז, אָבער נאָר אין א געזעצ־ליך־גילטיגער [פּריוואט־רעכטליכער] תביעה אויף געלד. זי האָט אריינגעטראָטען אין אנאנדערנס פערברויך, האָט זיך פערוואנדעלט אין א געברויך־ווערטה, פריהער איידער זי האָט זיך פערוואנדעלט אין געלד. די ערשטע מעטאמאָרפאָזע פון זיין לייוועגט איז אלזאָ אָבגעלעגט געוואָרן און ערשט שפּעטער דורכגעפיהרט געוואָרן, צום טערמין, ווען דעם פויער׳ס חוב איז געוואָרן פעליג.[98]

---

[98] מען קאָן זעהן פון דעם פאלגענדען ציטאט פון מיין בוך, וואָס איז

חובות, און ענדיגט זיך מיט דעם אונטערגאַנג פון דעם פלעביי־אישען בעל חוב, וועמעס פּלאַץ עס פערנעהמט דער שקלאַף. אין מיטעלאַלטער ענדיגט זיך דער קאַמף מיט דעם אונטערגאַנג פונ׳ם פעאָדאַלען בעל חוב, ועלכער האָט פערלאָרן זיין פּאָליטישע מאַכט צוזאַמען מיט׳ן עקאָנאָמישען באַזיס, אויף וועלכען זי איז געווען געבויט. אין גרונד אָבער שפּיעגעלט נאָר אָב די געלד־פאָרם — און די שייכות צווישען קרעדיטאָר און בעל חוב בעזיצט די פאָרם פון א געלד־שייכות — דעם געגענזאַץ פון טיעפערע עקאָנאָמישע לעבענס־בעדינגונגען.

לאָמיר זיך אומקעהרען צו דער ספערע פון דער סחורה־ציר־קולאַציע. די ערשיינונג פון די עקוויוואַלענטען סחורה און געלד אויף דיביידע פּאָליוסען פון דעם פערקויף־פּראָצעס האָט אויפ־געהערט צו זיין גלייכצייטיג. דאָס געלד פונקציאָנירט איצט ער־שטענס ווי א ווערטה־מאָס אין דער בעשטימונג פון דעם פּרייז פון דער פערקויפטער סחורה. איהר פּרייז, וואָס איז פעסטגעזעצט געוואָרן על פּי קאָנטראַקט, מעסט די התחייבות פון דעם קויפער, ד.ה. די געלד־סומע, וועלכע ער ווערט שולדיג אין א בעשטימטען צייט־טערמין. צווייטענס פונקציאָנירט עס ווי א אידעעלער קויפ־מיטעל. אָבוואויל עס עקזיסטירט נאָר אין דעם קויפער׳ס פער־שפּרעכען אָבצוצאָהלען געלד, מאַכט עס פונדעסטוועגען, אז די סחורה זאָל איבערגעהן פון האַנד אין האַנד. ערשט ווען דער צאָהלונג־טערמין ווערט פעליג, טרעט דער צאָהלונג־מיטעל וווירקליך אריין אין צירקולאַציע, ד.ה. געהט אריבער פון דעם קויפער׳ס האַנד אין דעם פערקויפער׳ס. דער צירקולאַציאָנס־מיטעל האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַן אוצר, ווייל דער צירקולאַציאָנס־פּראָצעס האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער ערשטער פאַזע; ד.ה. די פערוואַנ־דעלטע געשטאַלט פון דער סחורה [דאָס געלד] איז אָבגעצויגען געוואָרן פון דער צירקולאַציע. דער צאָהלונג־מיטעל טרעט איצט אריין אין דער צירקולאַציע, אָבער נאָכדעם ווי די סחורה איז שוין ארויסגעטראָטען פון איהר. דאָס געלד איז שוין ניט מעהר דער פערמיטלער פון דעם פּראָצעס. עס ברענגט איהם זעלבשטענדיג צו א שלום, אריינטרעטענדיג אלס די אַבסאָלוטע עקזיסטענץ־פאָרם פון טוישווערטה, אָדער אַלס די אַלגעמיינע סחורה. דער פער־קויפער האָט פערוואַנדעלט סחורה אין געלד, כדי דורך דעם געלד

פונ'ם אומלויף. פּערקעהרט, דאָס ברענגט אריין אַ נייע הויב־קראַפט אין דער עקאָנאָמיע פון די צאָהלונג־מיטלען. דערמיט וואָס די צאָהלונגען זיינען קאָנצענטרירט אין דעמזעלבען פּלאַץ, ענטוויקלען זיך אויף אַ נאַטירליכען אופן ספּעציעלע אנשטאַלטען און מעטאָדען פאַר זייער אויסגלייכונג. אַזוי צום ביישפּיעל האָבען זיך ענטוויקעלט אין מיטעלאַלטער די **Virements** אין ליאָן. די חובות, וואָס א איז שולדיג צו ב, ב צו ג, ג צו א א.אז.וו. דאַרפען נאָר אָוועקגעשטעלט ווערן איינע אנטקעגען די אַנדערע, כדי צו סלוק'ן זיך געגענזייטיג ביז אַ געוויסען ערך, ווי פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע קוואַנטיטעטען. אויף דעם אופן בלייבט נאָר אויסצוגלייכען איין שולד־באַלאַנס. וואָס מעהר מאַסענהאַפט עס איז די קאָנצענטראַציע פון די צאָהלונגען, אַלץ קלענער לפי ערך איז דער באַלאַנס, און בכן אויך אַלץ קלענער די מאַסע פון דעם צירקולירענדען צאָהלונגס־מיטעל.

די פונקציע פון געלד אַלס צאָהלונגס־מיטעל שליסט איין אַ דירעקטען ווידערשפּרוך. אַזוי ווייט ווי די צאָהלונגען באַלאַנסירן איינע די אַנדערע, פונקציאָנירט דאָס געלד נאָר אידעעל, אַלס רעכען־געלד אָדער מאָס פון די ווערטהען. אַזוי ווייט ווי עס האָט צו מאַכען ווירקליכע צאָהלונגען, טרעט עס ארויס ניט ווי אַ צירקולאַציאָנס־מיטעל, ניט ווי בלויז אַ פערשווינדענדע און פערמיטלענדע פאָרם פון דעם אויסבייט פון פּראָדוקטען, זאָנדערן ווי די אינדיווידועלע פערקערפּערונג פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט, ווי די זעלבשטענדיגע עקזיסטענץ־פאָרם פון דעם טויש־ווערטה, ווי אַן אבסאָלוטע [אוניווערזאַלע] סחורה. דער דאָזיגער ווידערשפּרוך קומט צום שפּיץ אין דעם מאָמענט פון די פּראָדוקציאָן־ און האַנדעל־קריזיסען, וואָס רופט זיך אָן געלד־קריזיס.[99] אַזאַ קריזיס

[99] דער געלד־קריזיס, וואָס ווערט בעטראַכט איז טעקסט ווי אַ בעזונדערע פאַזע פון יעדען אַלגעמיינעם פּראָדוקציאָן־ און האַנדעל־קריזיס, מוז אונטערשיידט ווערן פון דעם ספּעציעלען סאָרט קריזיס, וואָס מען רופט אויך געלד־קריזיס, וועלכער אָבער קאָן ארויסטרעטען זעלבשטענדיג און ווירקט נאָר כלאחר יד אויף דער אינדוסטריע און דעם האַנדעל. דאָס זיינען קריזיסען, וואָס דער צענטער פון זייער בעוועגונג איז דאָס געלד־קאַפּיטאַל, און פאָלגליך זיינען באַנק, בערזע און פינאַנץ זייער דירעקטע ספערע.

די התחייבות'ן, וואָס ווערן פעליג אין יערען בעשטימטען צייט־אָבטייל פון דעם צירקולאַציאָנס־פּראָצעס, רעפּרעזענטירן די פּרייז־סומע פון די סחורות, וועמעס פערקויף זי האָט ארויסגע־רופען. די געלד־מאַסע, וואָס איז נויטיג צו רעאַליזירן די דאָזיגע פּרייז־סומע, הענגט קודם אָב פון דער אומלויף־געשווינדקייט פון דעם צאָהלונג־מיטעל. זי ווערט בעשטימט דורך צוויי אומשטענ־דען: ערשטענס, דורך דער פערקעטלונג פון די שייכות'ן צווישען די קרעדיטאָרען און בעלי חובות, וואָס עס קומט אויס, אז א, ועלכער בעקומט געלד פון זיין בעל חוב ב, צאָהלט דערמיט אָב זיין קרעדיטאָר ג א.אז.וו.; צווייטענס, דורך דער צייט־לענג צווישען די פערשיידענע צאָהלונג־טערמינען. די קייט פון כסדר־דיגע צאָהלונגען, אָדער פערשפּעטיגטע ערשטע מעטאַמאָרפאָזען, איז גרינדליך פערשיידען פון דער פערפלעכטונג פון די מעטאַ־מאָרפאָזען־רייהען, וואָס זיינען פריהער בעטראַכט געוואָרן. אין אומלויף פון דעם צירקולאַציאָנס־מיטעל ווערט דער צוזאַמענהאַנג צווישען פערקויפער און קויפער ניט נאָר אויסגעדריקט. דער צוזאַמענהאַנג גופא ענטשטעהט ערשט אין דעם געלד־אומלויף און דורך איהם. די בעוועגונג פון דעם צאָהלונג־מיטעל דאַגעגען דריקט אויס א געזעלשאַפטליכען צוזאַמענהאַנג, וואָס איז געווען פערטיג שוין לאַנג פאַר איהר.

דער פאַקט, וואָס די מכירות און קניות קומען פאָר גלייכ־צייטיג און איינע נעבען די אנדערע, בעשרענקט דעם ערזאַץ [פּריי־שען צופלוס] פון דער מטבעות־מאַסע דורך דער געשווינדקייט

ערשיענען אין 1859, ווארום איך לאז אויס אין טעקסט די בעטראַכטונג פון א פערקעהרטער פאָרם:—„פערקעהרט, אין דעם פּראָצעס ג—ס קאָן דאָס געלד אויס־געגעבען ווערן ווי א ווירקליכער קויפמיטעל און דער פּרייז פון דער סחורה קאָן אויף דעם אופן רעאַליזירט ווערן, איידער דער געברויך־ווערטה פון'ם געלד ווערט רעאַליזירט אָדער די סחורה ווערט איבערגעגעבען. דאָס קומט צ.ב.ש. פאָר אין דער אלטעגליכער פאָרם פון פאָראויס־צאָהלונג. אָדער אין דער פאָרם, ווי די ענגלישע רעגירונג קויפט דעם אָפּיום פון די ריאָטען (לאַנד־פּעכטער) אין אינדיע.... אין די פעלען אבער ווירקט דאָס געלד אין דער שוין־בעקאַנטער פאָרם פון א קויפמיטעל.... קאַפּיטאַל ווערט נאַטירליך אויך אוואַנסירט אין דער פאָרם פון געלד... אָט דער שטאַנדפּונקט געהט אבער ניט אריין אין דעם האָריזאָנט פון דער איינפאַכער צירקולאַציע.״ („צור קריטיק עטצ.״, בערלין 1859, ז. 119 און 120).

ווען מיר בעטראַכטען דעם סך הכל פון דער סומע געלד, וואָס צירקולירט אין א געגעבענער פעריאָדע, געפינען מיר, אז ביי אַן אַנגעגעבענער אומלויף־געשווינדקייט פון די צירקולאַציע־ און צאָהלונג־מיטלען, איז עס גלייך צו דער סומע פון די סחורה־פרייזען, וואָס דארפען רעאַליזירט ווערן, פלוס די סומע פון די פעליגע צאָהלונגען, מינוס די צאָהלונגען וואָס באַלאַנסירן איינע די אַנדערע, און ענדליך מינוס די צאָהל קרייזען, אין וועלכע דיזעלביגע געלד־מטבע פונקציאָנירט אמאָל ווי א צירקולאַציאָנס־מיטעל און אמאָל ווי א צאָהלונג־מיטעל. צום ביישפּיעל, דער פּויער האָט פערקויפט זיין תבואה פאַר 2 פונט סט., וועלכע דיענען אויף דעם אופן אַלס צירקולאַציאָנס־מיטעל. ער בענוצט זיי צו דעקען א חוב, וואָס ווערט פעליג פאַר לייוונט, וועלכע דער וועבער האָט איהם גע־ליפערט. דיזעלביגע 2 פונט סט. פונקציאָנירן איצט אַלס צאָה־לונגס־מיטעל. דער וועבער קויפט איצט דערמיט א גאַנג חומשים פאַר מזומן—זיי פונקציאָנירן ווידער אַלס צירקולאַציאָנס־מיטעל, א.אז.וו.

פאַלגליך, אפילו ווען די פרייזען, די געשווינדקייט פונ'ם געלד־אומלויף און די עקאָנאָמיע פון די צאָהלונגען זיינען אַנגעגעבען, דעקען פונדעסטוועגען די אומלויפענדע געלד־מאַסע און די צירקו־לירענדע סחורה־מאַסע אין משך פון א פעריאָדע, למשל איין טאָג, ניט מעהר, איינע די אַנדערע. געלד, וואָס רעפּרעזענטירט סחורה, וועלכע איז שוין לאַנג אַרויסגעצויגען געוואָרן פון צירקולאַציע, איז נאָך אַלץ אין אומלויף. סחורות צירקולירן אַרום, פאַר וועלכע זייער געלד־עקוויוואַלענט וועט ערשט ערשיינען אין דער צוקונפט. פון דער אַנדער זייט ווידער, זיינען די קאָנטראַקטען צו צאָהלען,

באַנק־נאָטען, און געזאָגט דערביי מיט אָפענער שמחה, אז דאָס זיינען 600,000 פונט סט. אין נאָטען, וועלכע ער האָלט ביי זיך, כדי אַרויסצורופען א נויט אין געלד. נאָך 3 אוהר דעמזעלבען טאָג וועט ער זיי אַרויסלאָזען אויפ'ן מאַרק." („טהעאָרי אוו עקסטשיינדזש", לאָנדאָן 1864, ז. 81.) דער האַלב־אָפּיציעלער אָרגאַן „דהי אבזערווער" בעמערקט דעם 24טען אַפּריל 1864, ווי פאָלגט: זעהר זאָנדערבאַרע קלאַנגען געהען אַרום וועגען די מיטלען, וואָס ווערן אַנגעווענדט אַרויסצורופען א דוחק אין באַנק־נאָטען.... ווי שווער עס איז אַנצונעהמען, אז אזוינע שפּיצלעך זאָלען קאָנען אַנגעווענדט ווערן, זיינען אבער די בעריכטען וועגען זיי אזוי פערשפּרייט, אז זיי פערדיענען דערמאָנט צו ווערן.

קומט נאָר פאָר, וואו די ניט־אונטערבראָכענע קייט פון כסדר'דיגע צאָהלונגען און אַ קינסטליכער סיסטעם ווי זיי צו באַלאַנסירן זייַנען פאַלשטענדיג ענטוויקעלט. ווען עס מאַכען זיך מעהר אַלגעמיינע שטערונגען פון דעם דאָזיגען מעכאַניזם, קיין חלוק פון וואַנען זיי זאָלען זיך ניט נעהמען, ווערט דאָס געלד פּלוצלינג און דירעקט פערוואַנדעלט פון דער נאָר אידעעלער געשטאַלט פון רעכען־געלד אין הארטע מזומנים. די פּשוט'ע סחורות קאָנען איצט זיין פּלאַץ ניט פערנעהמען. דער געברויך־ווערטה פון דער סחורה פערלירט זיין ווערטה און דער ווערטה פון דער סחורה פערשווינדט אין געזיכט פון זיין אייגענער ווערטה־פאָרם. אָקאָרשט ערשט האָט דער בורזשוא, אַ פער'שכור'טער פון די גוטע צייטען, דערקלערט מיט גדלות, אז דאָס געלד איז אַ פוסטע איינבילדונג: „נאָר סחורה איז געלד". „נאָר געלד איז סחורה"! קלינגט עס איצטער אויפ'ן וועלט־מאַרק. ווי דער הירש לעכצט נאָך פרישען וואַסער, אזוי לעכצט זיין הארץ נאָך געלד, דעם איינציגען רייכטום.[100] אין דעם קריזיס וואַקסט אויס דער געגענזאַץ צווישען דער סחורה און איהר ווערטה־געשטאַלט, דאָס געלד, ביז צו אַן אבסאָלוטען ווידערשפּרוך. דאָ איז דעריבער קיין נפקא מינה ניט אין וואָסער פאָרם דאָס געלד בעוויזט זיך. דער געלד־הונגער בלייבט דערזעלביגער, סיי די צאָהלונגען מוזען געמאַכט ווערן אין גאָלד, סיי אין קרעדיט־געלד, למשל באַנק־נאָטען.[101]

---

[100] „דער דאָזיגער פּלוצימדינגער איבערגאַנג פון דעם קרעדיט־סיסטעם אין דעם מאָנעטאַר־סיסטעם גיט נאָך צו אַ טעאָרעטישען שרעק צו דער פּראַקטישער פּאַניק: און די צירקולאַציאָנס־אַגענטען שוידערן אין געזיכט פון דעם ניט־דורכדרינגליכען סוד פון זייערע אייגענע שייכות'ן." „צור קריטיק עטצ." ז. 126) „די אָרימע זיינען אַרבייטסלאָז, ווייל די רייכע האָבען ניט קיין געלד זיי צו בעשעפטיגען, אָבוואויל זיי בעזיצען דערמעזעלבינען גרונד און באָדען און דיזעלבינע אַרבייטס־קרעפטען ווי פריהער, כדי צו פּראָדוצירן לעבענסמיטעל און קליידער. אין דעריין אָבער בעשטעהט דער אמת'ער רייכטום פון אַ פאָלק, און ניט אין געלד." (דזשאהן בעללערס „פּראָפּאָזאלס פאָר רייזינג אַ קאָללעדזש און אינדוסטרי", לאָנדאָן 1696, ז. 3.)

[101] ווי אזוי אָזעלכע מאָמענטען ווערן אויסגענוצט פון די „אַמי דע קאָמערס"—די פריינד פון האַנדעל, קאָן מען זעהן פון דאָס פאָלגענדע: „ביי אַ געוויסער געלעגענהייט (1839) האָט אַן אַלטער גייציגער באַנקיער (אין סיטי) אויפגעעפענט דאָס טויש־קעסטעל פון זיין פּולט אין קאָנטאָר און געצייגט זיין פריינד פּעקלאָך

ווען די סחורה־פראדוקציאן האט געגרייכט א געוויסען גראד פון הויך און אומפאנג, כאפט ארום די פונקציע פון געלד אלס צאהלונג־מיטעל א ווייטערע ספערע איידער די סחורה־צירקולאציע. עס ווערט די אלגעמיינע סחורה פון אלערליי קאנטראקטען. [104] רענטען, שטייערן א.ז.וו. פערוואנדלען זיך פון נאטוראל־ליפערונגען אין געלד־צאהלונגען. וויפיעל די דאזיגע אומוואנדלונג הענגט אב פון דער אלגעמיינער געשטאלט פון פראדוקציאנס־פראצעס, בעווייזט צוםביישפיעל דער פאקט, וואס די רוימישע אימפעריע איז צוויי מאל דורכגעפאלען אין איהר פראבע אויפצומאהנען אלע שטייער־צאהלונגען אין געלד. די שרעקליך־עלענדע לאגע פון דעם פראנצויזישען לאנד־פאלק אונטער לודוויג דעם 14טען, וואס בואגילבער, מארשאל, וואבאן א.א. האבען אזוי שארף געבראנדמארקט, האט געהאט צו פערדאנקען נים נאר די הויכע שטייערן, נאר אויך דער פערוואנדלונג פון נאטוראל־שטייער אין געלד־שטייער. [105] פון

אייננאהמען.	פונט סט.	אויסגאבען	פונט סט.
וועקסלען פון באנקירען און סוחרים, צאהלבאר נאך דאטום	533,596	וועקסלען צאהלבאר נאך דאטום — — — —	302,674
טשעקס פון באנקירען און אנד. צאהלבאר גלייך — — — —	357,715	טשעקס אויף לאנדאנער באנקירען— — — —	663,672
לאנדבאנק נאטען — — — — —	9,627	נאטען פון באנק און ענגלאנד — — — —	22,743
נאטען פון באנק און ענגלאנד —	68,554	נאלד — — — — — —	9,427
נאלד — — — — — — — —	28,089	זילבער און קופער — —	1,484
זילבער און קופער — — — —	1,486		
פאסט־געלד אנווייזונגען— — —	933		
סך הכל — —	1,000,000	סך הכל — —	1,000,000

(רעפארט פראם דהי סעלעקט קאמיטע אן דהי באנק אקטס, יולי 1858, ז. 71.)

104 „דער כאראקטער פון דעם געשעפט־פערקעהר האט זיך אט אזוי געענדערט, אז אנשטאט דעם אויסטויש פון גיטער אויף גיטער, אדער ליפערן און אבנעהמען, איז איצטער פאראן נאר איין שייכות פון פערקויפען און בעצאהלען. אלערליי סארטען פון פערקעהר.... האבען זיך פאלגליך אויפגעלייזט אין ריינע געלד־געשעפטען.“ („אן עססיי אפאן פאבליק קרעדיט“, 3טע אויפלאגע, לאנדאן 1710 ז. 8.)

105 „דאס געלד איז געווארן דער הענקער פון אלצדינג.“ די פינאנץ־קונסט איז די „כעמישע שיסעל, אין וועלכער א שרעקליכע מאסע פון גיטער און סחורות

וואָס ווערן געשלאָסען יערען טאָג, און די צאָהלונגען, וואָס ווערן פעליג דעמזעלבען טאָג, סכום׳ען וואָס קאָנען לחלוטין ניט געמאָסטען ווערן איינע אויף די אנדערע (אינקאָמענזוראבל).[102]

דאָס קרעדיט־געלד שטאַמט דירעקט פון דער פונקציע פון געלד אלס צאָהלונגס־מיטעל, והראיה שטר־חובות פאַר פערקויפטע סחורות צירקולירן ווייעדער אַרום מיט׳ן צוועק אריבערצוטראָגען די חובות אויף אנדערע. פון דער אנדער זייט, אין דעם ערך וואָס דער קרעדיט־סיסטעם ווערט אויסגעשפרייט, שפּרייט זיך אויך אויס די פונקציע פון נאָלד אלס צאָהלונגס־מיטעל. אלס אַזעלכע בעקומט דאָס געלד אייגענע עקזיסטענץ־פאָרמען און פיהלט זיך ווי אין דער היים אין דער ספערע פון די גרויסע האנדעלס־געשעפטען, בעת די נאָלד און זילבער מטבעות ווערן פערשטופּט הויפּטזעכליך אין דער ספערע פון קליין־האנדעל.[103]

---

[102] „דער בעטראג פון די קניות און אבגעמאכטע קאנטראקטען, וואס קומען צושטאנד אין א געוויסען טאג, האבען קיין איינפלוס ניט אויף דעם סכום געלד, וואס איז יענעם זעלבען טאג אין צירקולאציע; אין דער גרעסטער צאהל פעלע דריקען זיי זיך ניכער אויס אין די פערשיידענערליי וועקסלען, אויסגעשטעלט אויף געלד־סומען, וועלכע וועלען ערשט אין שפעטערע צייטען זיין אין צירקולאציע. . . . די היינטיגע אויסגעשטעלטע וועקסלען און געעפענטע קרעדיטען מוזען ניט האבען קיין שום עהנליכקייט מיט די וועקסלען און קרעדיטען פון מארגען אדער איבער־מארגען סיי אין סך הכל, סיי אין הויך פון די איינצעלנע בעטראגען, אדער אין דעם צייט־משך; ניכער גלייבען זיך אויס די היינט־אויסגעשטעלטע וועקסלען און פערצייכענטע בורג־קרעדיטען ווען זיי ווערן פעליג מיט א מאסע התחייבות׳ן, וואס פערטיילען זיך דורך א גאנצער רייה פון פריהערדיגע טערמינען. אפט טרעפען זיך צוזאמען וועקסלען, וואס זיינען אויסגעשטעלט אויף 12, 6, 3 אדער 1 מאנאט, גראד אין איין בעשטימטען טאג און דערהויבען אויף דעם אופן די מאסע התחייבות׳ן, וואס ווערן פעליג דעם דאזיגען טאג.“ („דהי קוירענסי קוועסטשען רעוויוד עטצ. ביי א באנקער אין ענגלאנד“. עדינבורג 1845, ז. 29—30 און ווייטער.)

[103] אלס ביישפיעל ווי וועניג ווירקליכעס געלד עס גערט אריין אין די אייגענטליכע האנדעלס־אפעראציעס, ווערט דא געגעבען א טאבעלע פון איינעם פון די גרעסטע לאנדאָנער האנדעלס־הייזער (מאָרריסאן, דיללאן און קא.) וועגען זייגע יעהרליכע נאָלד־איינגאהמען און צאהלונגען. זייגע מסחרים, וועלכע האבען בע־טראפען אין יאהר 1856 פיעלע מיליאנען פונט סט., זיינען דא פערקלענערט לפי ערך פון 1 מיליאן: —

וועגען דער אומלויף־געשווינדקייט פון די צאָהלונג־מיטלען פאָלגט, אז די מאַסע פון די צאָהלונג־מיטלען, וואָס איז נויטיג פאר אַלע פעריאָדישע צאָהלונגען, פון וועלכען קוואַל זי זאָל זיך ניט נעהמען, שטעהט אין אַ דירעקטער * פּראָפּאָרציע צו דער לענג פון די צאָה־לונג־פּעריאָדען. [107]

געהאַט אין קאַסע. מיר האָבען געשיקט צו איין באַנק נאָך דעם אַנדערן באַרגען וויפיעל עס איז, מיר האָבען אָבער קיין איינע ניט געקאָנט קריגען, און פיעלע טראַנזאַקציעס האָבען נאָר געקאָנט פערצייכענט ווערן דורך „סליפּס און פּייפּער״ [ניט־פאָרמעלע באַנק־אַנווייזונגען]. אום 3 אוהר נאָכמיטאָג האָבען זיך אַלע נאָטען צוריקגעקעהרט אין די באַנקען, פון וועלכע זיי זיינען ארויסגעגעבען געוואָרן! עס איז געוועזען בלויז אַ איבערטראָג פון איין האַנד אין דער אַנדערער.״ הגם די עפעקטיווע דורכשניטס־צירקולאַציע פון באַנק־נאָטען אין שאָטלאַנד בעטרעפט ווייניגער ווי 3 מיליאָן פונט סט., פונדעסטוועגען ווערט אין די פערשיידענע צאָהלונג־טערמינען אין יאָהר יעדע נאָטע, וואָס די באַנקירען בעזיצען,—אַלעס און אַלעמען אומגעפעהר 1 מיליאָן פונט סט.—אַרויסגערופען אין אַקטיוויטעט. ביי אַט די געלעגענהייטען האָבען די נאָטען צו ערפילען איין איינציגע און ספּעציפישע פונקציע, און אַזויבאַלד ווי זי איז ערפילט, פליסען זיי צוריק אריין אין די באַנקען, פון וועלכע זיי זיינען ארויסגעגעבען געוואָרן. (זעה דזשאָהן פוללאַרטאָן, „רעגולייישאָן אָוו קוירענסים״, 2טע אויפלאַגע, לאָנדאָן 1845, ז. 86 נ.) אלס ערקלערונג דאַרף מען צולעגען, אַז אין דער צייט, ווען פוללאַרטאָן האָט געשריבען, זיינען אין שאָטלאַנד ניט ארויסגעגעבען געוואָרן פאַר די דעפּאָזיטען קיין טשעקס, נאָר נאָטען.

* אין אַלע אַנדערע אויסגאַבען פון „קאַפּיטאַל״ שטעהט אין אַ „פערקעהרטער״, וואָס עס איז זיכער אַ טעות אין פּשט, ווי קאַוטסקי מאַכט אויף דעם אויפמערקזאַם אין זיין איינלייטונג.

[107] אויף דער פראַגע, „צי דיזעלביגע 6 מיליאָן (גאָלד) וועלען זיין גענוג פאַר דער צירקולאַציע, אויב עס דאַרפען אומגעזעצט ווערן אין געשעפטס־פער־קעהר 40 מיליאָן יעהרליך״, ענטפערט פּעטטי אויף זיין געוועהנליך מייסטער־האַפטען אופן: „איך ענטפער מיט יאָ; וואָרים אויב דער אומזאַץ וועט געמאַכט ווערן אין אַזעלכע קליינע טערמינען, ד.ה. וועכענטליך, ווי אין דעם פערקעהר צווישען אָרימע האַנדווערקער און לויגאַרבייטער, ביי וועלכע יעדער שבת איז צאָהלטאָג, דאָן וועלען $^{40}/_{52}$ מיליאָנען זיין גענוג פאַר דעם בעדאַרף אין מזומן געלד פון אַ אומזאַץ פון 40 מיליאָן. ווען אָבער דער אומזאַץ קומט פערטעל־יעהרליך, ווי עס ווערן ביי אונז געצאָהלט די פּאַכט־צינזען [רענט] און שטייערן, דאַן זיינען נויטיג 10 מיליאָן. פאָלגליך, אויב מיר נעהמען אָן, אַז אין אַלגעמיין זיינען די אומזאַץ־צייטען צווישען 1 וואָך און 13 וואָכען, דאַן מוז מען נעהמען די מיטען־צאָהל און מאַכען אַ חבור פון 10 מיליאָן און $^{40}/_{52}$ מיליאָנען, און דערפון נעהמען אַ העלפט, וואָס עס מאַכט אויס אַן ערך 5½ מיליאָן. אַזאַ סומע וועט

דער אנדער זייט, אויב די נאַטוראַל־פאָרם פון דער גרונד־רענטע אין אַזיע, וואו עס איז אויך דער הויפּט־עלעמענט פון די שטאַאַט־שטייערן, רוהט אויף פּראָדוקציאָנס־פערהעלטענישען, וועלכע רע־פּראָדוצירן זיך מיט דער רעגעלמעסיגקייט פון נאַטור־פערהעלטעני־שען, איז, ווירקענדיג צוריק, האַלט אויף די דאָזיגע צאָהלונג־פאָרם די אַלטע פּראָדוקציאָן־פאָרם. זי דערקלערט איינעם פון די סודות פון דער זעלבסט־דערהאַלטונג פון דער טערקישער אימפּעריע. ווען דער אויסלענדישער האַנדעל, וואָס אייראָפּא האָט ארויפגעצוואונגען אויף יאַפּאַן, זאָל דאָרט מיטברענגען מיט זיך די פערוואַנדלונג פון נאַטוראַל־רענטע אויף אַ געלד־רענטע, דאַן איז אַ סוף צו דער מוסטערהאַפטער אגריקולטור פון יענעם לאַנד. איהרע ענגע עקאָ־נאָמישע עקזיסטענץ־בעדינגונגען וועלען זיך אויפלייזען.

אין יעדען לאַנד ווערן פעסטגעזעצט געוויסע אַלגעמיינע צאָה־לונג־טערמינען. זיי זיינען געבויט טיילווייז—אָבגעזעהן פון אַנ־דערע צירקעל־בעוועגונגען פון דער רעפּראָדוקציאָן—אויף די נאַטור־בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן, וואָס זיינען פערבונדען מיט דעם בייטען זיך פון די צייטען פון יאָהר. זיי רעגולירן אויך די צאָה־לונגען, וועלכע שטאַמען ניט אָב דירעקט פון דער סחורה־צירקו־לאַציע, ווי שטייערן, רענטען א.אז.וו. די געלד־מאַסע, וואָס פאַ־דערט זיך פאַר אָט די, איבער דער גאַנצער אויבערפלאַך פון דער געזעלשאַפט פערשפּרייטע, צאָהלונגען אין געוויסע טעג פון יאָהר, פעראורזאַכט פּעריאָדישע אָבער גאַנץ אויבערפלעכליכע שטערונגען אין דער עקאָנאָמיע פון די צאָהלונג־מיטלען.[106] פון דעם געזעץ

וערט פערוואַנדעלט אין דאַסף, כדי צו געווינען דעם דאָזיגען פּאַטאַלען אַבזאַץ (דאָס געלד) אויפ'ן דעק." „דאָס געלד ערקלערט קריעג דעם גאַנצען מענשען־געשלעכט." (בואַגילבער, „דיסערטאַציע איבער דער נאַטור פון רייכטום, פון געלד און אבצאָהלונגען", פּאַריז 1843, ב. 1, ז. 413.

[106] „אין וועדנעסדיי [די וואָך וואָס פאַנגט זיך אָן מיט'ן „ווייסען זונטאָג"; נאָך דער איצטיגער רעכענונג דער 15טער מאַי, לויט דעם אַלטען סטיל דער 26טער מאַי: אַ צאָהלונג־טערמין אין שאָטלאַנד. אין דייטש: „פינגסטמאָנטאָג.] פון יאָהר 1424", דערצעהלט מר. קרעיג דעם פּאַרלאַמענטאַרישען אונטערזוכונגס־קאָ־מיטעט פון 1826, „איז געווען אַזאַ אוננעהויערע נאָכפראַגע אויף באַנק־נאָטען אין עדינבורג, אַז אום 11 אוהר האָבען מיר שוין קיין איינציגע נאָטע מעהר ניט

דאס וועלט־געלד פונקציאנירט ווי אן אלגעמיינער צאהלונג־מיטעל, אן אלגעמיינער קויפמיטעל און אבסאלוט געזעלשאפטליכע

טישען עקאנאמיע", ז. 136. צוזאץ צו דער צווייטער אויסגאבע: סער ראבערט פיל האט אין זיין באנק־אקט פון 1844 געזוכט צו פערבעסערן די לאגע דורכדעם, וואס ער האט ערלויבט די באנק און ענגלאנד ארויסצוגעבען נאטען געגען זילבער־בוליאן [זילבער אין שטאבעס], בתנאי אבער אז דער זילבער־רעזערוו זאל קיינמאל ניט איבערשטייגען מעהר ווי ¼ פון דעם געלד־רעזערוו. דער זילבער־ווערטה ווערט דערביי געשאצט נאך זיין מארק־פרייז (אין געלד) אויף דער לאנדאנער מארק.

אין דער פערטער אויפלאגע בעמערקט דערצו ענגעלס ווי פאלגט: מיר געפינען זיך ווידער אין א עפאכע פון א שטארקער רעלאטיווער ווערטה־ענדערונג פון געלד און זילבער. אז ערך 25 יאהר צוריק איז די ווערטה־פראפארציע פון געלד צו זילבער געווען 15½ צו 1, איצט (אין יאהר 1890) איז עס אונגעפעהר 22 צו 1 און זילבער פאלט נאך אנטקעגען געלד נאכאנאנד. דאס איז אין גרונד א פועל יוצא פון אן איבערקעהרעניש אין דעם פראדוקציאנס־אופן פון דיביידע מעטאלען. פריהער האט מען בעקומען דאס געלד כמעט נאר אויסוואשענדיג די געלד־האלטיגע אלואוויאל־שיכטען, די פראדוקטען פון צופאלענע געלד־האלטיגע מינעראלען. איצט מויג שוין מעהר ניט אט די מעטאדע און זי איז פערשטופט געווארן אין הינטערגרונד דורך דער בעארבייטונג פון די געלד־האלטיגע קווארץ־ארערן גופא, וועלכע מען האט פריהער בעארביים נאר אין דער צווייטער ליניע, הגם די אלטע (דיאדאר III, 12 ביז 14) האבען שוין גוט געוואוסט וועגען דעם. פון דער אנדער זייט זיינען ניט נאר ענטדעקט געווארן נייע זילבער־לאגערן אין די מערב־אמעריקאנישע פעלזען־בערג, נאר א דאנק די אייזענבאהנען איז דער צוטרים צו זיי און צו די מעקסיקאנישע זילבער־גרובען געווארן פיעל לייכטער, מען האט געקאנט צופיהרען מאדערנע מאשינעריע און קויהלען, און דאס האט געמאכט מעגליך ארויסצוקריגען דעם זילבער אויפ'ן גרעסטען מאסשטאב און מיט ווייניגער קאסטען. עס איז אבער דא א גרויסער אונטערשייד אין דעם אופן ווי די ביידע מעטאלען קומען פאר אין די מינעראל־ארערן. דאס געלד איז מעהרסטענטייל ריין. אבער דערפאר צושפרייט אין גאר קליינע מאסען אין דעם קווארץ: די גאנצע מינעראל־מאסע מוז צופולווערט ווערן און דאס געלד אויסגעוואשען אדער ארויסגעצויגען ווערן דורך קוועקזילבער. אין א מיליאן גראם קווארץ געפינט זיך אפטמאל קוים פון 1 ביז 3 גראם, זעהר זעלטען פון 30 ביז 60 גראם געלד. זילבער קומט זעלטען ריין, דערפאר אבער אין בעזונדערע מינעראלען, פון וואנען מען קאן איהם לייכט ארויסנעהמען און וועלכע ענטהאלטען דאס רוב פון 40 ביז 90 פראצענט זילבער; אדער ער געפינט זיך אין קליינע סומען, געמישט מיט קופער, בליי א.אז.וו., וואס עס לוינט זיך צו בעארבייטען אויך פון זייערטוועגען. מען קאן זעהן דערפון אליין, אז בעת די ארביים צו פראדוצירן געלד האט זיך ניכער פערמעהרט, איז די ארביים צו פראדוצירן זילבער ענטשידען קלענער געווארן. דאס פאלען אין ווערטה פון זילבער ערקלערט

די ענטוויקלונג פון געלד אַלס צאָהלונג־מיטעל מאַכט עס זאָלען זיין געלד־אָנזאַמלונגען פאַר די צאָהל־טערמינען פון די שול־דיגע סומען. בעת די אוצר־זאַמלונג אַלס אַ זעלבשטענדיגע בע־רייכערונג־פאָרם פערשווינדט מיט דעם פאָרטשריט פון דער בור־זשואַזער געזעלשאַפט, וואַקסט זי אויס מיט דעמזעלביגען פאָרט־שריט פערקעהרט אין דער פאָרם פון רעזערורפאָרמען פון די צאָהלונג־מיטלען.

ג) וועלט־געלד.

ווען דאָס געלד טרעט ארויס פון דער אינערליכער ספערע פון צירקולאַציע, וואַרפט עס פון זיך ווידער אַראָב די אָנגעוואַקסענע לאָקאַלע פאָרמען, פון מאַסשטאַב פון פרייזען, פון מטבעות, קליינ־געלד און ווערטה־צייכענס, און פאַלט צוריק אריין אין דער אור־שפּרינגליכער פאָרם פון עדעלע מעטאַל־שטאַבעס. אין וועלט־האַנדעל וויקלען די סחורות פאַנאַנדער זייער ווערטה אין אַ אוּ־ניווערזעלען אויסדרוק. זייער זעלבשטענדיגע ווערטה־געשטאַלט [דאָס געלד] טרעט דאָ דעריבער גענען זיי ארויס טאַקע אויך ווי וועלט־געלד. ערשט אויפ׳ן וועלט־מאַרק פונקציאָנירט דאָס געלד אין זיין גאַנצען פערנעהם אַלס די סחורה, וואָס איהר נאַטוראַל־פאָרם איז צוגלייך די דירעקט־געזעלשאַפטליכע פערווירקליכונגס־פאָרם פון מענשליכער אַרבייט אין אַבסטראַקט. דער אופן פון זיין קיום ווערט צוגעפּאַסט (אַדעקוואַט) צו זיין בעגריף.

אין דער אינערליכער ספערע פון צירקולאַציע קאָן נאָר איין סחורה דיענען ווי אַ ווערטה־מאָס און דעריבער אַלס געלד. אויפ׳ן וועלט־מאַרק הערשט אַ טאָפּעלטע ווערטה־מאָס, גאָלד און זילבער.[108]

אַלזאָ זיין גענוג.״ (וויליאם פּעטטי, „פּאָליטיקאַל אַנאַטאָמי אָוו איירלאַנד״, 1672. לאָנדאָן אויסגאַבע 1691, ז. 13 און 14.)

[108] דערפון איז קלאָר די אונזיניגקייט פון יעדער געזעצגעבונג, וואָס שרייבט פאָר די נאַציאָנאַל־באַנקען צו רעזערווירן נאָר דעם דאָזיגען עדעלען מעטאַל, וועלכער פונקציאָנירט אַלס געלד אין אינלאַנד. די „ליעבע שטערונגען״ [Pleasant Difficulties], וואָס די באַנק אָוו ענגלאַנד האָט זיך אַליין געשאַפען, זיינען בעקאַנט. וועגען די גרויסע היסטאָרישע עפּאָכען פון די ענדערונגען אין דעם רעלאַטיווען ווערטה פון גאָלד און זילבער, זעה ק. מאַרקס „קריטיק דער פּאָלי־

נאציאנאלער קויפמיטעל הויפטזעכליך אזוי אפט, ווי דאס געוועהנ־ליכע גלייכגעוויכט אין דעם אויסטויש פון פראדוקטען צווישען די פערשיידענע נאציאנען ווערט פלוצלינג צושטערט. זיי דיענען ענדליך אלס אבסאלוט געזעלשאפטליכע פערקערפערונג פון רייכ־טום, וואו די פראגע איז ניט וועגען קויף אדער וועגען צאהלונג, נאר וועגען אריבערטראגען רייכטום פון איין לאנד אין דעם אנדערן, און וואו דאס דאזיגע אריבערטראגען אין דער פארם פון סחורה איז אויסגעשלאסען, ענטוועדער דורך ספעציעלע אומשטענדען פון סחורה־מארק, אדער ווייל דער צוועק פון איבערטראגען רייכטום גופא פאדערט עס זאל געשעהן אין דער פארם פון געלד.[110]

פונקט אזוי ווי יעדעס לאנד דארף האבען א רעזערוו־פאנד פאר זיין אינערליכע צירקולאציע, אזוי מוז עס אויך האבען אזא פאנד פאר דער צירקולאציע פון וועלט־מארק. די פונקציעס פון אוצרות נעהמען זיך אלזא טיילווייז פון דער פונקציע פונ׳ם געלד אלס אינלענדישער צירקולאציאנס־ און צאהלונג־מיטעל, און טייל־ווייז פון זיין פונקציע אלס וועלט־געלד.*[110] פאר דער לעצטער ראליע

וואס געלד ווערט עקספארטירט פונ׳ם לאנד. דער דאזיגער עקספארט איז גיכער די פאלגע פון דעם חלוק אינ׳ם ווערטה פון די איידעלע מעטאלען אין די פער־שיידענע לענדער.״ (נ בארבאן, „א דיסקארס אן קאינינג דהי ניו מאני לייטער.״ לאנדאן 1696, ז .59, .50) מאקקולאך אין „דהי ליטעראטור אוו פאליטיקאל עקאנאמי, א קלאסיפייד קאטאלאג, לאנדאן 1845״ לויבט בארבאן׳ען פאר אויס־כאפען אפריהער ריקארדא׳ס לעהרע, מיידט אבער קלוג אויס אפילו נאר צו דערמאנען די נאאיווע פארמען, אין וועלכע די אבסורדע השערות פון דעם „קוירענסי פרינסיפל״ ווערן אויסגעדריקט ביי בארבאן׳ען. די קריטיקלאזיגקייט און אפילו אונעהרליכקייט פון דעם דאזיגען קאטאלאג גרייכט דעם העכסטען פונקט אין די טיילען וועגען דער געשיכטע פון דער געלד־טעאריע, ווייל אין דעם טייל לעקט ער זיך מיט חניפות צו לארד אווערסטאון (עקס־באנקיער ללאיד), וועמען ער רופט אן „דער אמת׳ער פרינץ פון באנקיערען״.

[110] צום ביישפיעל אין פאל פון סובסידיען, געלד־אנלייהען אויף צו פיהרן קריעג אדער אויף צו מאכען מעגליך פאר די באנקען וויעדער אנפאנגען צו צאהלען אין מזומן א.אז.וו. קאן נאר די געלד־פארם פון ווערטה זיין נויטיג.

* [110] נאטע צו דער צווייטער אויסגאבע. — „איך וואלט זיך ניט געקאנט ווינשען צו האבען א מעהר איבערצייגענדען בעוועיז וועגען דער פעהיגקייט, וואס די מאשינעריע אנצוזאמלען אוצרות איז די מעטאל־געלד צאהלענדע לענדער בע־זיצען אויף נאכצוקומען יעדע פאדערונג פון אינטערנאציאנאלע אויסגלייכונגען, אהן וועלכער עס איז ממשות׳דיגער שטיצע פון דעם אלגעמיינעם צירקולאציאנס־

פּערקערפּערונג פון רייכטום איבערהויפּט (אין ענגליש: „יוניווערסאַל ווועלטה"). די פונקציע אַלס צאָהלונג־מיטעל, אויף אויסצוגלייכען די אינטערנאַציאָנאַלע באַלאַנסען, איז די הויפּט־פונקציע. דערפון נעהמט זיך דער לאָזונג פון דעם מערקאַנטיל־סיסטעם— האַנדעלס־באַלאַנס![109] גאָלד און זילבער דיענען ווי א אינטער־

זיך אַלזאָ גאַנץ נאַטירליך. דער דאָזיגער געפאַלענער ווערטה וואָלט זיך געהאַט אויסגעדריקט אין נאָך אַ גרעסערן פאַל אין פּרייז, ווען דער זילבער־פּרייז וואָלט אַפילו איצטער ניט אויפגעהאַלטען געוואָרן הויך מיט קינסטליכע מיטלען. די זילבער־אוצרות פון אַמעריקאַ זיינען אָבער ערשט נאָך ניט אינגאַנצען צוגענגליך, און עס זיינען פאַראַן אַלע אויסזיכטען, אַז דער זילבער־ווערטה וועט נאָך אַ לענגערע צייט פאַלען. דערצו מוז נאָך ביישטראָגען דער פאַקט, וואָס עס ווערט איצט בענוצט ווייניגער זילבער פאַר געברויך־ און לוקסוס־זאַכען צוליעב דעם געברויך פון פּלאַטירטע זאַכען, אַלומיניום א.אז.וו. דערפון איז קלאָר דער גאַנצער אוטאָפּיזם פון דער בימעטאַלישער פאַרשטעלונג, אַז אַן אינטערנאַציאָנאַלער צוואַנג־אַקט וועט דעם ווערטה פון זילבער ווידער אַרויפשרויפען צו דער אַלטער פּראָפּאָרציע פון 1 צו 15½. זיכער וועט זילבער אפילו אויפ'ן וועלט־מאַרק אַלץ מעהר און מעהר פערלירן זיין געלד־אייגענשאַפט." — אַט די ערוואַרטונג, וואָס ענגעלס האָט אַרויסגעזאָגט אין 1890, איז אַלץ מעהר מקוים געוואָרן, הגם די גאָלד־בעקומונג איז זינט יעמאָלט אויך רעוואָלוציאָנירט געוואָרן דורך דעם ציאַניד־פּראָצעס, און מען קאָן שוין מעהר ניט זאָגען, אַז „די אַרבייט צו בעקומען גאָלד איז פערמעהרט געוואָרן." די ווערטה־פּראָפּאָרציע צווישען זילבער און גאָלד, וואָס ענגעלס האָט אָנגעגעבען אַלס 1 צו 22, איז שוין אין 1902 געוואָרן 1 צו 39, איז ביז 1906 געפאַלען צו 30 און אין 1909 ווידער געשטיגען צו 39,7. — קאַוטסקי.

[109] די געגנער פון דעם מערקאַנטיל־סיסטעם, וואָס האָט בעטראַכט די אויסגלייכונג דורך גאָלד און זילבער פון דעם איבערגעוועגענעם האַנדעלס־באַלאַנס פאַר דעם צוועק פון וועלט־האַנדעל, האָבען פון זייער זייט אינגאַנצען פערזעהן די פונקציע פונ'ם וועלט־געלד. ווי אַזוי די פאַלשע אויפפאַסונג פון די געזעצען, וועלכע רעגולירן די מאַסע פון די צירקולאַציאָנס־מיטלען, שפּיעגלען זיך נאָר אָב אין דער פאַלשער אויפפאַסונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בעוועגונג פון די עדעלע מעטאַלען, האָב איך אויספיהרליך בעוויזען מיט אַ ביישפּיעל פון ריקאַרדאָ. („צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע", ז. 150.) זיין פאַלשע דאָגמע: „אַז אונגינסטיגער האַנדעלס־באַלאַנס איז שטענדיג נאָר די פאָלגע פון אַן איבערפולקייט פון צירקולאַציאָנס־מיטלען.... דער אַרויספיהר פון מזומן־געלד ווערט פעראורזאַכט דורך זיין געפאַלענעם ווערטה. ער איז ניט די ווירקונג, נאָר די אורזאַך פון אַן אונגינסטיגען באַלאַנס", (ריקאַרדאָ, „דהי היי פּרייס אָוו בולליאָן, עטצ." ז. 11, 12 און 14) געפינט מען שוין ביי באַרבאָן: „די אויסגלייכונג פון האַנדעלס־באַלאַנס, ווען דאָס קומט איבערהויפּט פאַר, איז ניט די אורזאַך דערפון,

הין און הער צווישען די פערשיידענע נאציאנאלע צירקולאציאנס־ספערען—א בעוועגונג, וועלכע געהט נאך די אונאויפהערליכע שוואנקונגען פון דעם וועקסעל־קורס.[112]

לענדער, אין וועלכע עס איז ענטוויקעלט די בורזשואזע פארם פון פראדוקציאן, בעשרענקען די אוצרות, וואס זיינען מאסענהאפט קאנצענטרירט אין די באנק־קאסעס, ביז אויף דעם מינימום, וואס פאדערט זיך פאר זייערע ספעציפישע פונקציעס.[113] ווען די דאזיגע אנזאמלונג פון אוצרות אין זייערע קאסעס איז בעמערקליך פולער איידער דער דורכשניט־גראד, צייגט עס מיט א געוויסער אויסנאהם ענטוועדער אן אבשטעל פון דער סחורה־צירקולאציע, אדער אן אונטערבראכענעם פלוס פון די סחורה־מעטאמארפאזען.[114]

---

[112] „די וועקסעל־קורסען שטייגען און פאלען יעדע וואך; אין א וועלכער עס איז צייט פון יאהר שטעהען זיי הויך קעגען א געוויסער נאציאן, און אין אנאנדער צייט שטעהען זיי הויך אויף דער פערקעהרטער זייט.” (נ. בארבאן, „א דיסקארס עטצ.”, ז. 39.)

[113] אט די פערשיידענע פונקציעס קאנען קומען אין א געפעהרליכען קאנפליקט צווישען זיך, אזויבאלד ווי עס קומט נאך צו די פונקציע צו דיענען ווי א פאנד אויף אויסצובייטען די באנק־נאטען.

[114] „וויפיעל עס איז פאראן מעהר געלד איידער עס פאדערט זיך אומבעדינגט פאר דעם אינלענדישען פערקעהר איז א טויטער זאפאס און ברענגט גיט קיין געווינס דעם לאנד וואס בעזיצט עס, אויסער אויף וויפיעל עס ווערט ארויסגעפיהרט אדער אריינגעפיהרט אין מסחר.” (דזשאהן בעללער, „עססייס אבאוט דהי פור”, לאנדאן 1669, ז. 12.) „וואס דארף מען טהאן ווען מיר האבען צופיעל אויסגעגאסענע געלד־מטבעות? מיר קאנען צושמעלצען די שווערסטע שטיקער און אויסארבייטען פון דעם ציערליכע טיש־געשיר, געפעס אדער כלים פון גאלד אדער זילבער, אדער מיר קאנען עס ארויספיהרען ווי א סחורה דארט וואו עס איז פאראן א נויט און א נאכפראגע אויף דעם, אדער מיר קאנען עס אויסלייהען אויף צינזען, וואו די צינז־ראטע איז הויך.” (פעטטי, „קוואנטולומקונגג”, 1682, ז. 39.) „געלד איז נאר דאס פעטס פון דעם שטאאטס־קערפער. צופיעל דערפון שטערט פונקט אזוי אפט זיין בעוועגליכקייט, ווי צו־ווענינג מאכט איהם קראנק. . . . אזוי ווי פעטס מאכט לייכט די בעוועגליכקייט פון די מוסקולען, שטעלט־צו דעם קערפער נאהרונג, ווען עס זיינען נימא קיין לעבענס־מיטלען, פילט אויס די גריבער און פערשענערט דעם גאנצען קערפער, אזוי מאכט דאס געלד לייכטער פאר'ן שטאאט זיך צו בעוועגען, עס ברענגט אריין לעבענסמיטלען פון אויסלאנד, ווען עס איז אין לאנד נימא גענוג, עס גלייכט אויס די קאנטאס... און פערשענערט דאס גאנצע; גאנץ געוויס—לענט ער צו איראניש צום סוף—פריהער פאר אלעמען די יעניגע, וועלכע האבען א רעכט ביסעל דערפון.” (וו. פעטטי. „פאליטיקאל אנאטאמיע אוו איירלאנד”, לאנדאן 1691, ז. 14.)

פאָרערט זיך די ווירקליכע געלד־סחורה, אמת׳ע גאָלד און זילבער. צוליעב דעם האָט דזשיימס סטוארט כאראקטעריזירט גאָלד און זילבער, אין אונטערשייד פון זייערע בלויז לאָקאלע שטעלפערטרעטער, אויסדריקליך אלס „מאני אוו דהי וואָרלד״—וועלט־געלד.

די בעוועגונג פון דעם שטראָם פון גאָלד און זילבער איז א טאָפּעלטע. פון איין זייט גיסט ער זיך פאנאנדער פון זיינע קוואלען איבער דעם גאנצען וועלט־מארק, פון וואנען די פערשיידענע נאציאָנאלע צירקולאציאָנס־ספערען ציהען איהם אָב אין א פערשיידענעם ערך, כדי איהם אריינצופיהרען אין זייערע אינערליכע אומלויף־קאנאלען, ממלא צו זיין דעם פלאץ פון די אָבגעריבענע גאָלד־ און זילבער־מטבעות, צו ליפערן דעם מאטעריאל פאר לוקסוס־ארטיקלען און צו פערגליווערן איהם אין אוצרות. [111] די דאָזיגע ערשטע בעוועגונג ווערט דורכגעפיהרט דורך א דירעקטען אויסטויש פון די נאציאָנאלע ארבייטען, וואָס זיינען רעאליזירט אין סחורות, מיט דער ארבייט פון די גאָלד און זילבער פראָדוצירענדע לענדער, וואָס איז רעאליזירט אין די עדעלע מעטאלען. פון דער אנדער זייט לויפען גאָלד און זילבער נאָכאנאנד

פאנד, איידער די לייכטקייט, מיט וועלכער פראנקרייך איז געווען אימשטאנד צוזאמענצוברענגען אין משך פון געגויע 27 מאנאט, אקארשט קומענדיג צו זיך נאך די קלעפ פון א פערניכטענדען איבערפאל פון פיינדליכע ארמעען, די סומע פון כמעט 20 מיליאָן פונט סט. אלס קריעגס־קאנטריבוציע צו די פערייניגטע מעכטע. דערצו האָט זי נאך א בעדייטענדען טייל געצאהלט אין מעטאל־געלד, און פונדעסטוועגען איז דער געלד־אומלויף אין אינלאנד ניט איינגעשרענקט אדער געשטערט געווארן אויף א מערקליכען אופן, און איהרע וועקסעל־קורסען האבען אפילו ניט געליטען קיינע שוואנקונגען, וואס זאלען ארויסרופען וועלכע עס איז אנגסטליכקייטען.״ (פוללארטאן, רעגוליישאן אוו קוירענסיס, 2טע אויסגאבע, לאנדאן 1845, ז. 191) צו דער 4טער אויפלאגע איז ענגעלס דערצו מוסיף: „מיר האבען נאך א מעהר שלאגענדען ביישפיעל אין דער לייכטקייט, מיט וועלכער דאסזעלבינע פראנקרייך, אין 30 מאנאט, פון 1871 ביז 1873, איז געווען אימשטאנד אוועקצוגעבען מעהר ווי א צעהנפאך גרעסערע קריעג־קאנטריבוציע, און אויך א בעדייטענדען טייל אין מעטאל־געלד.״

[111] „דאס געלד פערטיילט זיך צווישען די פעלקער אין דער פראפארציע פון זייער בעדארף.... שטענדיג צוגעצויגען דורך די סחורות.״ (לע טראָן, דע ל׳אינטערע סאָסיאל״, ז. 916) „די מינען, וועלכע גיבען נאכאנאנד ארויס גאלד און זילבער, ליפערן גענוג צו קאנען איינטיילען יעדען פאלק די דאזיגע נויטיגע מאס.״ (וואנדערלינט, „מאני אנסערס אלל טהינגס״, לאנדאן 1734, ז. 40.)

פערטער קאפיטעל.

די פערוואַנדלונג פון געלד אין קאַפּיטאַל.

1. די אַלגעמיינע פאָרמולע פון קאפיטאל.

די צירקולאציע פון סחורות איז דער אָנהויב־פּונקט פון קאַפּיטאַל. ער בעווייזט זיך נאָר דאָרטן, וואו די פּראָדוקציאָן פון סחורות, און אַן ענטוויקעלטע סחורה־צירקולאַציע—האַנדעל—האָבען דערגרייכט אַ געוויסע הויך פון ענטוויקלונג. דער וועלט־האַנדעל און דער וועלט־מאַרק האָבען אין 16טען י.ה. אויפגעעפענט די מאָדערנע לעבענס־געשיכטע פון'ם קאַפּיטאַל.

ווען מיר לאָזען אָן אַ זייט דעם מאַטעריעלען אינהאַלט פון דער סחורה־צירקולאַציע, דעם אויסטויש פון די פערשיידענע גע־ברויך־ווערטהען, און מיר בעטראַכטען נאָר די עקאָנאָמישע פאָרמען, וואָס דער דאָזיגער פּראָצעס בעשאַפט, געפינען מיר, אַז דאָס געלד שטעלט פאָר זיין לעצטען פּראָדוקט. דער דאָזיגער לעצטער פּראָ־דוקט פון דער סחורה־צירקולאַציע איז די ערשטע פאָרם, אין וועלכער דער קאַפּיטאַל ערשיינט.

היסטאָריש טרעט אומעטום דער קאַפּיטאַל אַרויס אַנטקעגענ־איבער דעם גרונד־אייגענטום צוערשט אין דער פאָרם פון געלד—אַלס געלד־פערמעגען, סוחר'ישער קאַפּיטאַל און וואוכער־קאַפּיטאַל.[1] מען דאַרף אָבער אפילו ניט נאָכזוכען די געשיכטע ווי אַזוי דער קאַפּיטאַל איז ענטשטאַנען, כדי איינצוזעהן, אַז דאָס געלד איז די ערשטע פאָרם פון זיין ערשיינונג. דיזעלבינע געשיכטע שפּיעלט זיך אָב טעגליך פאַר אונזערע אויגען. יעדער נייער קאַפּיטאַל

[1] דער געגענזאץ צווישען דער מאַכט פון גרונד־אייגענטום, וואָס האַלט זיך אויף פּערזענליכע בעציהונגען פון הערשאַפט און קנעכטשאַפט, און דער אונ־פּערזענליכער מאַכט פון געלד, איז קלאַר אויפגעפאַסט אין די צוויי פראַנצויזישע שפּריכווערטער: „ניל טער סאַן סינער" (ניטאַ קיין שטיק ערד אָהן אַ האַרר) און „ל'אַרזשאַן נ'אַ פּאַ דע מעטר" (געלד האָט ניט קיין האַררן).

צווייטער אבטייל.

די פערוואנדלונג פון געלד אין קאפיטאל.

וואָלט געווען פשוט אַן אונזין און אָהן אַן אינהאַלט, ווען מען וואָלט דורכדעם געוואָלט אויסטוישען איין געלד־ווערטה אויף דעמזעלבינען געלד־ווערטה, כדומה למשל 100 פונט סט. אויף 100 פונט סט. אַ סך איינפאַכער און זיכערער וואָלט שוין געווען די מעטאָדע פון דעם אוצר־קלייבער, וועלכער האַלט זיינע 100 פונט סט, פער־שלאָסען, אנשטאט זיי אויסצוזעצען צו די געפאהרען פון דער צירקולאַציע. פון דער אַנדער זייט, ווען דער סוחר פערקויפט די באַוועל, וואָס ער האָט געקויפט פאַר 100 פונט סט., און קריגט דערפאַר 110 פונט סט. אָדער ניט מעהר ווי 100 פונט סט., און אפילו אויב ער מוז עס אוועקגעבען פאַר 50 פונט סט., האָט זיין געלד אונטער אַלע אומשטענדען דורכגעמאַכט אַן איינגענטימליכע און אָריגינעלע בעוועגונג, דורכאויס פון אַנאַנדער סאָרט ווי אין דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע, צ.ב.ש. אין די הענד פונ'ם פויער, וועלכער פערקויפט קאָרן און קויפט פאַר דעם געלייזטען געלד קליידער. קודם, הייסט עס, מוז מען געבען אַ כאַראַקטע־ריסטיק פון די אונטערשיידען אין פאָרם צווישען דעם קרייזלויף ג—ס—ג און ס—ג—ס. דערמיט וועט זיך אויך ארויסווייזען דער אונטערשייד אין אינהאַלט, וואָס לויערט הינטער די דאָזיגע אונטערשיידען אין פאָרם.

לאָמיר קודם זעהן וואָס איז דאָ געמיינזאַמעס אין די דאָזיגעביידע פאָרמען.

ביידע קרייז־לויפען צעפאַלען זיך אויף דיזעלביגע צוויי גע־גענגעזעצטע פאַזען: ס—ג, פערקויף, און ג—ס, קויף. אין יע־דערער פון די ביידע פאַזען שטעהן דיזעלביגע צוויי זאַכליכע עלע־מענטען איינער קעגענאיבער דעם אַנדערן, סחורה און געלד, און אויך צוויי פערזאָנען אין דיזעלביגע עקאָנאָמישע כאַראַקטער־מאַס־קען, אַ קויפער און אַ פערקויפער. יעדער קרייז־לויף פון אָט די ביידע שטעלט מיט זיך פאָר די איינהייט פון דיזעלביגע קעגענגע־זעצטע פאַזען, און ביידע מאָל ווערט די דאָזיגע איינהייט דורכגע־פיהרט דורך דעם ארויסטרעטען פון דריי קאָנטראַהענטען, פון וועלכע איינער פערקויפט נאָר, דער אַנדערער קויפט נאָר, דער דריטער אָבער קויפט און פערקויפט.

דער חלוק אָבער, וואָס שיידט אָב די ביידע קרייז־לויפען ס—ג און ג—ס—ג גלייך פון אָנהויב, איז דער אומגעקעהרטער

בעטרעט אין ערשטער אינסטאַנציע די ביהנע, ד.ה. דעם מאַרק: דעם סחורה־מאַרק, דעם אַרבייט־מאַרק אָדער דעם געלד־מאַרק, אַלעמאָל אין דער פאָרם פון געלד—פון געלד, וועלכעס דאַרף זיך דורך בעשטימטע פּראָצעסן פערוואַנדלען אין קאַפּיטאַל.

געלד אַלס געלד און געלד אַלס קאַפּיטאַל אונטערשיידען זיך קודם נאָר דורך זייער פערשיידענער פאָרם פון צירקולאַציע.

די דירעקטע פאָרם פון דער סחורה־צירקולאַציע איז ס—ג—ס, די פערוואַנדלונג פון סחורה אין געלד און די צוריקפערוואַנדלונג פון געלד אין סחורה—פערקויפען כדי צו קויפען. נעבען אָט דער פאָרם געפינען מיר אָבער אַ צווייטע, ספּעציפיש אונטערשיידענע פאָרם, די פאָרם ג—ס—ג, די פערוואַנדלונג פון געלד אין סחורה און די צוריק־פערוואַנדלונג פון סחורה אין געלד—קויפען כדי צו פערקויפען. געלד, וואָס בעשרייבט אין זיין בעוועגונג אָט די לעצטע צירקולאַציע, פערוואַנדעלט זיך אין קאַפּיטאַל, ווערט קאַ־פּיטאַל און איז שוין לויט זיין בעשטימונג נאָך קאַפּיטאַל.

לאָמיר זיך נעהענטער צוקוקען צו דער צירקולאַציע ג—ס—ג. זי לויפט דורך, גלייך ווי די איינפאַכע סחורה־צירקולאַציע, צוויי אַנטקעגענגעזעצטע פאַזען. אין דער ערשטער פאַזע, ג—ס, קויף, ווערט דאָס געלד פערוואַנדעלט אין סחורה. אין דער צווייטער פאַזע, ס—ג, פערקויף, ווערט די סחורה צוריק־פערוואַנדעלט אין געלד. די איינהייט אָבער פון דיביידע פאַזען איז די גאַנצע בעוועגונג, וועלכע טוישט אויס געלד אויף סחורה און דיזעלביגע סחורה ווידער אויף געלד, קויפט סחורה כדי צו פערקויפען; אָדער, ניט קוקענדיג אויף די פאָרמעלע חלוקים צווישען קויף און פערקויף, קויפט מיט דעם געלד סחורה און מיט דער סחורה געלד.[2] דער רעזולטאַט, מיט וואָס דער גאַנצער פּראָצעס ענדיגט זיך, איז אַן אויסטויש פון געלד אויף געלד. ווען איך קויף פאַר 100 פונט סט. 2000 פונט באַוועל און פערקויף די 2000 פונט באַוועל ווידער פאַר 110 פונט סט., האָב איך סוף כל סוף אויסגעטוישט 100 פונט סט. אויף 110 פונט סט.—געלד אויף געלד.

עס איז דאָך קלאָר, אַז דער צירקולאַציאָנס־פּראָצעס ג—ס—ג

---

[2] „מיט געלד קויפט מען סחורה און מיט סחורה קויפט מען געלד". (מערסיע דע לא ריוויע, „ל'אָרדער נאַטורעל עטב.", ז. 543.)

זעלביגער מטבע פועל איהר ענדליכען איבערגאנג פון איין האנד אין דער אנדערער, אזוי איז דא דער צוויי־מאליגער פלעצער־אי־בערבייט פון דערזעלביגער סחורה פועל דעם צוריקגאנג פונ׳ם געלד צו זיין ערשטען אנהויב־פונקט.

דער צוריקגאנג פונ׳ם געלד צו זיין אנהויב־פונקט הענגט ניט אב פון דעם, צי די סחורה ווערט פערקויפט טייערער איידער זי איז געקויפט געווארן. דער אומשטאנד בעאיינפלוסט נאר די גרויס פון דער צוריקקעהרענדער סומע. די ערשיינונג גופא פון דעם צוריקגאנג קומט פאר אזויבאלד ווי די געקויפטע סחורה ווערט ווידער פערקויפט, ד.ה. וויבאלד נאר דער קרייז־לויף ג—ס—ג ווערט פאלשטענדיג דורכגעמאכט.

דער קרייז־לויף ס—ג—ס איז פאלשטענדיג דורכגעמאכט, אזויבאלד ווי דער פערקויף פון א סחורה ברענגט געלד, וואס דער קויף פון אנאנדער סחורה נעהמט עס ווידער אב. אויב עס פאלגט דעננאך א צוריקגאנג פונ׳ם געלד צו זיין אנהויב־פונקט, קאן עס נאר פאסירן דורך דער בענייאונג אדער ווידערהאלונג פון דעם גאנצען פראצעס. ווען איך פערקויף א פערטעלע קארן פאר 3 פונט סט. און קויף פאר די דאזיגע 3 פונט סט. קליידער, זיינען פאר מיר די 3 פונט סט. דעפיניטיוו אויסגעגעבען. איך האב מיט זיי מעהר גארנישט צו טהאן. זיי געהערן צו דעם קליידער־הענד־לער. פערקויף איך איצט נאך א פערטעלע קארן, פליסט געלד צוריק צו מיר, אבער ניט אלס א פאלגע פון דער ערשטער טראנס־אקציע, זאנדערן נאר אלס א פאלגע פון איהר ווידערהאלונג. דאס געלד דערווייטערט זיך ווידער פון מיר, אזויבאלד ווי איך דערפיהר די צווייטע טראנסאקציע צו איהר סוף און קויף פון דאס ניי. אין דער צירקולאציע ס—ג—ס האט, הייסט עס, דאס אויס־געבען פונ׳ם געלד גארנישט צו טהאן מיט זיין צוריק־פלוס. אין ג—ס—ג דאגעגען קומט דער צוריק־פלוס פונ׳ם געלד ווי א בעדינג פון דעם אופן פון זיין ווערן אויסגעגעבען גופא. אהן דעם דא־זיגען צוריק־פלוס האט די אפעראציע פערפעהלט איהר צוועק, אדער דער פראצעס איז אונטערבראכען געווארן און איז נאך ניט פערטיג, ווייל עס פעהלט זיין צווייטע פאזע, דער פערקויף, וואס ערגענצט און פערענדיגט דעם קויף.

דער קרייז־לויף ס—ג—ס געהט ארויס פון דעם עקסטרעם

סדר פון די געגענגעזעצטע צירקולאַציאָנס־פאַזען. די איינפאַכע סחורה־צירקולאַציע פאַנגט זיך אָן מיט דעם פערקויף און ענדיגט זיך מיט דעם קויף, די צירקולאַציע פון געלד אַלס קאַפּיטאַל הויבט אָן מיט דעם קויף און ענדיגט זיך מיט דעם פערקויף. דאָרט איז די סחורה דער אָנהויב און אויסלאָז־פּונקט פון דער בעוועגונג, דאָ איז עס דאָס געלד. אין דער ערשטער פאָרם איז דאָס געלד דער פערמיטלער פון גאַנצען פּראָצעס, אין דער אַנדער פאָרם איז פערקעהרט די סחורה דער פערמיטלער.

אין דער צירקולאַציע ס—ג—ס ווערט דאָס געלד ענדליך פערוואַנדעלט אין סחורה, וועלכע דיענט אַלס געברויך־ווערטה. דאָס געלד איז אַלזאָ אויסגעגעבען איינמאָל פאַר אַלע מאָל. אין דער פערקעהרטער פאָרם ג—ס—ג גיט דער קויפער אויס געלד, כדי אַלס פערקויפער אריינצונעהמען געלד. קויפענדיג די סחורה וואַרפט ער דאָס געלד אריין אין דער צירקולאַציע, כדי עס ארויסצונעהמען ווידער דורך דעם פערקויף פון דערזעלביגער סחורה. ער לאָזט דאָס געלד ארויס פון די הענד נאָר מיט דער פערבאָר־גענער כונה ווידער צו ווערן דער בעזיצער דערפון. דאָס געלד, הייסט עס, ווערט נאָר געגעבען אין אוואַנס.[8]

אין דער פאָרם ס—ג—ס בייט דיזעלביגע מטבע איהר אָרט צוויי מאָל. דער פערקויפער בעקומט עס פון'ם קויפער און צאָהלט עס אוועק צו אַנאַנדער פערקויפער. דער גאַנצער פּראָצעס, וואָס פאַנגט זיך אָן מיט דעם ארייננעהמען פון געלד פאַר סחורה, ענדיגט זיך מיט דעם אוועקגעבען פון געלד פאַר סחורה. עס איז פער־קעהרט אין דער פאָרם ג—ס—ג. ניט דיזעלביגע מטבע בייט דאָ צוויי מאָל איהר אָרט, נאָר דיזעלביגע סחורה. דער קויפער בע־קומט זי פון די הענד פון'ם פערקויפער און גיט זי אוועק אין די הענד פון אַנאַנדער קויפער. אַזוי ווי אין דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע איז דער צוויי־מאָליגער פּלעצער־איבערבייט פון דער־

[8] „ווען אַ זאַך ווערט געקויפט כדי ווידער פערקויפט צו ווערן, הייסט די סומע, וואָס ווערט פערווענדט דערויף, געלד געגעבען אין אוואַנס; ווען זי ווערט געקויפט ניט כדי פערקויפט צו ווערן, קאָן מען זאָגען, אַז זי איז אויסגעגעבען געוואָרן.“ (דזשיימס סטואַרט, ווערק, 1801, ב. 1, ז. 274.)

אונטערשיידען פון אנאנדער געלד־סומע איבערהויפּט נאָר דורך זייער גרויס. דער אינהאלט פון דעם פּראָצעס ג—ס—ג בעשטעהט דעריבער ניט אין א קוואליטאטיווען אונטערשייד פון זיינע עקסטרעמען, וואָרים זיי זיינען דאָך ביידע געלד, נאָר אין א קוואנטיטאטיווער פערשיידענהייט. דער רעזולטאט פון דעם פּראָצעס איז, אז עס ווערט צום סוף ארויסגענומען פון דער צירקולאציע מעהר געלד, איידער עס איז אין אָנפאנג אין איהר אריינגעטאָן געוואָרן. די באוועל, וואָס איז געקויפט געוואָרן פאר 100 פונט סט., ווערט צ.ב.ש. ווידער פערקויפט פאר 100+10 פונט סט. אָדער 110 פונט סט. די פאָלשטענדיגע פאָרם פון דעם דאָזיגען פּראָצעס איז דעריבער ג—ס—ג׳, וואו ג=ג+Δג, ד.ה. עס איז גלייך צו דער אורשפּרינגליך אוואנסירטער סומע פּלוס עפּעס א צו־וואקס. אָט דעם צו־וואקס אָדער די הוספה אריבער דעם אורשפּרינגליכען ווערטה רוף איך אָן — מ ע ה ר ו ו ע ר ט ה. דער אורשפּרינגליך־אוואנסירטער ווערטה בלייבט דעריבער ניט נאָר

פּאַרטייל (פאַר דעם מסחר?) נעהמט זיך אַקוראט פון אָט דער פערשיידענהייט. אויסטוישען א פונט ברויט אויף אַ פונט ברויט, וואָלט ניט געבראכט דעם קלענסטען פּאַרטייל... דערפון נעהמט זיך דער פּאַרטייל־האַפטער קאנטראסט צווישען האנדעל און שפּיעלען, וואָס איז נאָר אן אויסטויש פון געלד אויף געלד." (טה. קאַרבעט, „אן אינקוויירי אינטו דהי קאָזעס אנד מאָודס אוו דהי וועלטה אוו אינדיווידואלס", לאָנדאָן 1841, ז. 5.) אבוואָהל קאַרבעט זעהט ניט, אז ג—ג, אויסטוישען געלד אויף געלד איז די כאראקטעריסטישע צירקולאציאָנס־פאָרם ניט נאָר פון דעם האנדעל־קאַפּיטאל, נאָר פון יעדען קאַפּיטאל, גיט ער ווענגסטענס צו, אז אָט די פאָרם פון איין סאָרט האנדעל, פון דער ספּעקולאציע, האָט געמיינשאַפטליכעס מיט שפּיעלען [געמבלינג]; אבער דאַן קומט מאַקקולאָך און געפינט, אז בכלל קויפען כדי צו פערקויפען איז ספּעקולירן, און בכן פאַלט אוועק דער אונטערשייד צווישען ספּעקולאציע און האנדעל. „יעדער געשעפט, וואו ווער עס איז קויפט א פּראָדוקט כדי איהם ווידער צו פערקויפען, איז אין דער ווירקליכקייט א ספּעקולאציע." (מאַקקולאָך, „א דיקשיאָנארי פּראַקטיקאל עטצ. אוו קאָמערס", לאָנדאָן 1847, ז. 1058.) פיעל נאאיווער איז פּונטאַ, דער פינדאר פון דער אמסטערדאמער בערזע, וועלכער זאָגט: „דער האנדעל איז א שפּיעל (דעם זאַץ האָט ער גענומען פון לאָק) און פון בעטלער קאָן מען גאָרנישט געווינען. ווען מען וואָלט א לענגערע צייט נאָכאנאנד אַלץ אָבגעוואונען פון אַלע שפּיעלער, וואָלט מען דעם גרעסטענטייל פון דעם געווין פרייוויליג זיי געמוזט צוריקגעבען, אויב מען וואָלט געוואָלט אנפאנגען דאָס שפּיעל פון דאָס ניי." (פּינטאָ, „טרייטע דע לא סירקולאסיאָן ע די קרעדי", אמסטערדאם 1771, ז. 231.)

פון איין סחורה און ענדיגט מיט דעם עקסטרעם פון אַנאַנדער סחורה, וועלכע פאַלט אַרויס פון דער צירקולאַציע און פאַלט אַריין אין דער קאָנסומציאָן. די קאָנסומציאָן, בעפריעדיגונג פון בעדערפעניסען, מיט איין וואָרט, געברויך־ווערטה — דאָס איז פאָלג־ליך זיין ענד־צוועק. דער קרייז־לויף ג—ס—ג געהט דאַגעגען אַרויס פון דעם עקסטרעם פון׳ם געלד און קעהרט זיך לסוף אום צוריק צו דעמזעלביגען עקסטרעם. זיין מאָטיוו, וואָס טרייבט איהם, און דער צוועק, וואָס בעשטימט איהם, איז דעריבער דער טוישווערטה גופא.

אין דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע האָבעןביידע עקס־טרעמען דיזעלביגע עקאָנאָמישע פאָרם. זיי זיינען ביידע סחורה. זיי זיינען אויך סחורות פון איין און דעמעלביגען ווערטה. אָבער זיי זיינען קוואַליטאַטיוו פערשיידענע געברויך־ווערטהען, צ.ב.ש. קאָרן און קליידער. דער אויסטויש פון פּראָדוקטען, דער אויסבייט פון די פערשיידענע שטאָפען, אין וועלכע די געזעלשאַפטליכע אַרבייט איז פאַרגעשטעלט, מאַכט דאָ אויס דעם אינהאַלט פון דער בעוועגונג. אין דער צירקולאַציע ג—ס—ג איז די זאַך אַנדערש. אויפ׳ן ערשטען בליק דוכט זיך, אַז זי איז אָהן אַ אינהאַלט, ווייל זי איז טאַוטאָלאָגיש: איהר ענד־פונקט איז נישט מעהר ווי אַ ווידערהאָלונג פון איהר אָנהויב־פונקט. ביידע עקס־טרעמען האָבען דיזעלביגע עקאָנאָמישע פאָרם. זיי זיינען ביידע געלד, הייסט עס, נים קיין קוואַליטאַטיוו־פערשיידענע געברויך־ווערטהען, וואָרים געלד איז אַקוראַט די פערוואַנדעלטע געשטאַלט פון סחורות, אין וועלכער זייערע בעזונדערע געברויך־ווערטהען זיינען אויסגעלאָשען געוואָרן. פריהער אויסטוישען 100 פונט סט. אויף באַוועל, דערנאָך ווידער דיזעלבע באַוועל אויסטוישען אויף 100 פונט סט., אַלזאָ בייטען אויף אַ ניט־דירעקטען אופן געלד אויף געלד, דיזעלביגע אויף דיזעלביגע, זעהט זיך אָן אַן עסק, וואָס איז פונקט אַזוי צוועקלאָז ווי אונזיניג.[4] איין געלד־סומע קאָן זיך

[4] „מען טוישט נים געלד אויף געלד”, שרייט אויס מערסיע דע לאַ ריוויע צו די מערקאַנטיליכטען. אין אַ ווערק, וואו עס האַנדעלט זיך אויסדריקליך וועגען „מסחר” און „ספּעקולאַציע” לעזען מיר ווי פאָלגט: „דער גאַנצער מסחר בעשטעהט אין: דעם אויסטויש פון זאַכען פון פערשיידענע סאָרטען; און דער

דיזעלביגע פאָדערונג צו פערווערטהען די 110 פונט סט. פונקט ווי די 100 פונט סט.: אזוי ווי זיי זיינען ביידע בעשרענקטע אויסדריקען פון טוישווערטה, האָבען זיי אַלזאָ ביידע דעמזעלבען בערוף צו דערנעהנטערן זיך צום אבסאָלוטען רייכטום דורך אַ פערמעהרונג פון זייער גרויס. אמת, פאַר איין אויגענבליק אונטערשיידט זיך דער אָריגינעל־אריינגעלעגטער ווערטה פון 100 פונט סט. פון די 10 פונט סט. מעהרווערטה, וואָס איז צוגעוואַקסען צו איהם אין דער צירקולאַציע, אָבער דער דאָזיגער אונטערשייד ווערט גלייך ווידער צורונען. עס קומט ניט ארויס צום סוף פון דעם פּראָצעס אויף איין זייט דער אָריגינאַל־ווערטה פון 100 פונט סט. און אויף דער אנדער זייט דער מעהרווערטה פון 10 פונט סט. וואָס עס קומט יאָ ארויס, איז אַ ווערטה פון 110 פונט סט., וועלכער געפינט זיך אקוראַט אין דערזעלבער פאָרם אויף אָנצופאַנגען דעם פערווערטהונגס־פּראָצעס, ווי די אורשפּרינגליכע 100 פונט סט. געלד קומט ארויס צום סוף פון דער בעוועגונג, ווי אין איהר אָנפאַנג.[5] דער סוף פון יעדען איינצעלנעם קרייז־לויף, אין וועלכען עס פיהרט זיך דורך דער קויף צוליעב'ן פערקויף, פאָרמירט פאָלגליך פון זיך אליין דעם אָנפאַנג פון אַ נייעם קרייז־לויף. די איינפאַכע סחורה־צירקולאַציע—דער פערקויף צוליעב'ן קויף—דיענט ווי אַ מיטעל צו אַ צוועק, וואָס ליעגט אויסערהאַלב פון דער צירקולאַציע: די אָנאייגענונג פון געברויךווערטהען, די בעפריעדיגונג פון בעדערפענישען. פערקעהרט, די צירקולאַציע פון געלד אלס קאַפּיטאַל איז אַ צוועק פאַר זיך, וואָרים די פערמעהרונג [פערווערטהונג] פונ'ם ווערטה עקזיסטירט נאָר אין אָט דער שטענדיג־בענייעטער בעוועגונג. די בעוועגונג פון קאַפּיטאַל איז פאָלגליך אָהן אַ מאָס.[6]

---

[5] „דאָס קאַפּיטאַל טיילט זיך איין... אין דעם אורשפּרינגליכען קאַפּיטאַל און אין דעם פּראָפיט, דעם צו־וואוקס פון קאַפּיטאַל... הגם אין דער פּראַקטיקע ווערט דער דאָזיגער פּראָפיט גלייך פערוואַנדעלט אין קאַפּיטאַל און ווערט געטריבען אין איין פלוס מיט איהם.” (פ. ענגעלס, „אומריסע צו איינער קריטיק דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע” אין דייטש־פראַנצויזישע יאָהרביכער, ארויסגעגעבען פון ארנאָלד רוגע און קאַרל מאַרקס, פּאַריז 1844, ז. 99.) [געזאַמעלטע שריפטען פון קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס, שטוטגאַרט 1902, ב. 1, ז. 445.)

[6] אַריסטאָטעל שטעלט די עקאָנאָמיק אַנטקעגען דער כרעמאַטיסטיק [רייכטום־

גאנץ אין דער צירקולאציע, נאר ער פערענדערט אויך אין איהר זיין גרויס אין ווערטה, ער לעגט צו א מעהרווערטה אדער מאכט זיך ווערטה מעהר. און אט די בעוועגונג פערוואנדעלט איהם אין קאפיטאל.

עס איז, אמת, אויך מעגליך, אז אין דער פארם ס—ג—ס זאלען דיביידע עקסטרעמען ס, ס, צ.ב.ש. קארן און קליידער, זיין קוואנטיטאטיוו פערשיידען אין גרויס פון ווערטה. דער פויער קאן פערקויפען זיין קארן איבער דעם ווערטה אדער קויפען די קליידער אונטער זייער ווערטה. פון דער אנדער זייט קאן ער פערקעהרט ווערן אבגענארט פון דעם קליידער־הענדלער. אבער אזעלכע ווערטה־חלוקים בלייבען פאר אט דער צירקולאציאן־פארם גופא ריין צופעליגע. זי פערלירט ניט שיער דעם זין און פער־שטאנד, ווי דער פראצעס ג—ס—ג, ווען איהרעביידע עקסטרע־מען, צ.ב.ש. קארן און קליידער, זיינען עקוויוואלענטען. אדרבא, זייער גלייך־ווערטה איז דא די נוטיגע בעדינגונג פון דעם נאר־מאלען גאנג פון דעם פראצעס.

די וויעדערהאלונג אדער בענייאונג פון דעם פערקויפען כדי צו קויפען, אזוי ווי דער פראצעס גופא, געפינט זיין מאס און ציעל אין א ענד־צוועק, וואס ליעגט פון דרויסען פון איהם, אין דער קאנסומציאן, אין דער בעפריעדיגונג פון בעשטימטע בעדערפע־נישען. דאגעגען אין דעם קויפען כדי צו פערקויפען איז דער אנפאנג און דער סוף דאסזעלביגע—געלד, טוישווערטה, און שוין דורכדעם אליין איז די בעוועגונג ענדלאז. גאנץ געוויס איז פון ג געווארן ג+Δג, ד.ה. פון 100 פונט סט. איז געווארן 100+10. אבער בעטראכט מען עס בלויז קוואליטאטיוו, זיינען 110 פונט סט. דאסזעלביגע ווי 100 פונט סט., נעמליך—געלד. און ווען מען בעטראכט עס קוואנטיטאטיוו זיינען 110 פונט סט. א בע־שרענקטע ווערטה־סומע, אזוי ווי 100 פונט סט. ווען די 110 פונט סט. זאלען אויסגעגעבען ווערן אלס געלד, דאן פאלען זיי ארויס פון זייער ראליע. זיי הערן אויף צו זיין קאפיטאל. ציהט מען זיי ארויס פון דער צירקולאציע, ווערן זיי פערשטיינערט אלס אוצר און קיין פעניג וועט אויף זיי ניט אנוואקסען, ווען זיי זאלען דארט ליעגען אפילו אייביג. פאלגליך, האנדעלט זיך איינמאל וועגען פערווערטהונג [צו־וואוקס] פון דעם ווערטה, דאן איז פאראן

געלד געהט ארוים און צו וועלכען עס קעהרט זיך אום צוריק. דער אָביעקטיווער אינהאלט פון יענער צירקולאציע—די פערווער־טהונג פון ווערטה—איז זיין סוביעקטיווער צוועק, און נאָר אויף אזוי ווייט, ווי דער איינציגער טרייבענדער מאָטיוו פון זיינע אָפּע־ראציעס איז די אָנאייגענונג פון אלץ מעהר און מעהר אבסטראק־טען רייכטום, פונקציאָנירט ער אלס קאפּיטאליסט אָדער אלס קאפּיטאל, וואָס איז פּערזאָניפיצירט און בעגאבט מיט א ווילען און בעוואוסטזיין. דער געברויך־ווערטה מוז אלזאָ קיינמאָל ניט בעהאנדעלט ווערן אלס דער דירעקטער צוועק פון דעם קאפּיטא־ליסט.[7] אויך ניט דער איינצעלנער פּראָפיט, זאָנדערן נאָר די אונאויפהערליכע בעוועגונג פון פּראָפיטען־מאכען.[8] די ראָזיגע אב־סאָלוטע שטרעבונג צו ווערן אלץ רייכער,[9] אָט דער ליידענשאפט־ליכער געיעג צו כאַפּען וואָס מעהר ווערטהען, איז גלייך ביי דעם קאפּיטאליסט ווי ביי דעם געלד־גייץ, מיט דעם אונטערשייד נאָר וואָס בעת דער געלד־גייץ איז א מטורף׳דיגער קאפּיטאליסט, איז דער קאפּיטאליסט א ראציאָנאלער געלד־גייץ. די אונאויפהער־ליכע פערמעהרונג פון ווערטהען, נאָך וואָס דער גייציגער אוצרות־זאמלער שטרעבט, דורכדעם וואָס ער זוכט ארויסצוראטעווען[10]

---

[7] „גיטער (ווערט דאָ געברויכט אין זין פון געברויך־ווערטהען) זיינען ניט דער ענד־צוועק פון דעם אינדוסטריעלען קאפּיטאליסט... געלד איז זיין ענד־צוועק.” (טה. טשאלמערס, „און פּאליטיקאל עקאנאמי עטצ.”, לאָנדאָן 1832, ז. 166.)

[8] „דער סוחר איז טאקע אפילו ניט מבטל איינגאנצען דעם פּראָפיט, וואָס ער האָט שוין כמעט אין האנד, אבער זיין בליק איז דאָך שטענדיג געציעלט אויף דער צוקונפט.” (א. גענאָוועסי, אויסגאבע דער איטאליענישען עקאָנאָמען פאָן קוסטאָדי, פּארטע מאָדערנאָ, ב. 8, ז. 139.)

[9] „די ליידענשאפט נאָך פּראָפיטען, וואָס קאָן ניט אויסגעלאָשען ווערן, די „אורי סאקראָ פאמים”, וועט שטענדיג בעשטימען דעם וועג פון די קאפּיטאליס־טען.” (מעקקולאָך, „דהי פּרינסיפּלס אוו פּאליטיקאל עקאנאָמי”, לאָנדאָן 1830, ז. 179.) אָט די מיינונג שטערט נאַטירליך ניט דעמזעלבינגען מעקקולאָך און נאָך אזוינע ווי ער, ווען זיי געפינען זיך אין א טעאָרעטישער פערלעגענהייט, צ.ב.ש. ביי דער בעהאנדלונג פון איבער־פּראָדוקציאָן, צו פערוואנדלען דעמ־זעלבינגען קאפּיטאליסט אין א גוטען בירגער, וועלכער אינטערעסירט זיך נאָר מיט געברויך־ווערטהען און אנטוויקעלט זאָגאר אן אמת׳ן וועלפישען הונגער פאַר שטיוועל, הים, אייער, קאטונען און אנדערע העכסט־בעקאנטע סאָרטען געברויך־ווערטהען.

[10] איינער פון די כאראקטעריסטישע אויסדרוקען אין גריכיש פאַר אוצרות־

אלס בעוואוסטזיניגער טרעגער פון דער דאזיגער בעוועגונג ווערט דער געלד־בעזיצער א קאפיטאליסט. זיין פערזאן, אדער ריכטיגער געזאגט זיין בייטעל, איז דער פונקט, פון וועלכען דאס

זאמלונג]. ער געהט ארויס פונ'ם שטאנדפונקט פון דער עקאנאמיק. אויף וויפיעל זי שטעלט פאר די קונסט פון ערווערבונג, בעשרענקט זי זיך אויף דער פער־שאפונג פון דאס, וואס איז נויטיג צום לעבען און פון די גיטער, וואס זיינען ניצליך פאר'ן הויז אדער פאר'ן שטאאט. „דער אמת'ער רייכטום בעשטעהט פון אזוינע געברויך־ווערטהען; ווארים די מאס פון דעם סארט בעזיץ, וואס איז גענוג פאר א גוטען לעבען, איז ניט אונבעגרענצט. עס איז אבער פאראן א צווייטער סארט פון דער קונסט פון ערווערבונג, וועלכע הייסט ספעציעל און מיט רעכט כרעמאטיסטיק, און פאר איהר, ווי עס שיינט, עקזיסטירט ניט קיין גרעניץ פון רייכטום און בעזיץ. דער סחורה־האנדעל (הייסט ווערטליך קראם־האנדעל, און אריסטאטעל נעהמט אט די פארם, ווייל אין איהר איז דער געברויך־ווערטה מעהר בולט) געהערט ניט לויט זיין נאטור צו דער כרעמאטיסטיק, ווארים דא בעציהט זיך דער אויסטויש נאר אויף דאס, וואס איז נויטיג פאר זיי אליין (פאר דעם קויפער און פערקויפער).” דעריבער, בעווייזט ער ווייטער, איז טאקע די אורשפרינגליכע פארם פון סחורה־האנדעל געווען דער טויש־האנדעל, אבער מיט זיין ענטוויקלונג איז נויטיגערווייז ענטשטאנען דאס געלד. מיט דער ערפינדונג פון געלד האט זיך דער טויש־האנדעל נויטיגערווייז געמוזט ענט־וויקלען אין סחורה־האנדעל און להיפך צו זיין אורשפרינגליכער טענדענץ האט דער סחורה־האנדעל זיך אויסגעבילדעט אין דער כרעמאטיסטיק, ד.ה. אין דער קונסט פון געלד מאכען. די כרעמאטיסטיק, הייסט עס, אונטערשיידט זיך פון דער עקאנאמיק דורכדעם, וואס פאר איהר איז די צירקולאציע דער קוואל פון רייכטום”. און עס זעהט אויס, אז זי דרעהט זיך ארום דאס געלד, דען דאס געלד איז דער אנהויב און דער סוף פון דעם סארט אויסטויש. דעריבער טאקע איז דער רייכטום, צו וועלכען די כרעמאטיסטיק שטרעבט, אונבעגרעניצט. אזוי ווי יעדע קונסט ,וועלכע איז ניט א מיטעל צו א צוועק, נאר א צוועק פאר זיך, איז ניט בעגרעניצט אין איהר שטרעבען, ווארים זי זוכט רק צוצוקומען נעהענטער און נעהענטער צו דעם דאזיגען צוועק, בעת די קונסטען, וועלכע זיינען נאר מיטלען צו א צוועק, זיינען ניט אונבעגרעניצט, היות ווי דער צוועק גופא שטעלט פאר זיי אוועק די גרעניץ—אזוי איז אויך פאר דער דאזיגער כרעמאטיסטיק ניטא קיין גרעניצען צו איהר ציעל, זאנדערן איהר ציעל איז די אבסאלוטע בערייכערונג. די עקאנאמיק האט א גרעניץ, ניט די כרעמאטיסטיק... די ערשטע בעצוועקט עפעס אנדערש איידער געלד, די אנדערע בעצוועקט די פער־מעהרונג פון געלד.... דורכדעם וואס מען פערבייט די דאזיגע צוויי פארמען, וועלכע זיינען מסיג גבול איינע די אנדערע, האבען אייניגע געגומען בעטראכטען די אויפהאלטונג און פערמעהרונג פון געלד עד לאין סוף פאר דעם ענדציעל פון דער עקאנאמיק.” (אריסטאטעל, „דע רעפובליקא”, עדיט. בעקער, בוך 1, 8 און 9.)

גער ווערטה, מיט איין ווארט, ער פערוווערטהעט זיך אליין. ווארים די בעוועגונג, אין וועלכער ער איז מוסיף מעהר ווערטה, איז זיין אייגענע בעוועגונג, זיין פערוווערטהונג איז פאלגליך א זעלבסט־פערוווערטהונג. ער האט בעקומען דעם כח הנסתר, די פערבאר־גענע קראפט, צו שאפען ווערטה, מחמת ער איז ווערטה. ער ווארפט ארויס פון זיך לעבעדיגע קינדער, אדער וועניגסטענס לעגט גאלדענע אייער.

דער ווערטה אלס אקטיווער פאקטאר (איבערגרייפענדער סוביעקט) פון אזא פראצעס, אין וועלכען אט נעהמט ער אן א געלד־פארם און סחורה־פארם און אט ווארפט ער זיי אראב, אבער האלט זיך אויף און שפרייט זיך אויס אין די אלע בייטעגישען— דער ווערטה דארף האבען פריהער פאר אלץ א זעלבשטענדיגע פארם, דורך וועלכער עס זאל קאנסטאטירט ווערן זיין אידענטיטעט מיט זיך אליין. און אט די פארם בעזיצט ער נאר אינ'ם געלד. דאס געלד מאכט דעריבער אויס דעם אנהויב־פונקט און שלוס־פונקט פון יעדען פערוווערטהונג־פראצעס. ער איז געווען 100 פונט סט., ער איז איצט 110 פונט סט. א.אז.וו. אבער דאס געלד גופא גילט דא נאר אלס איין פארם פון ווערטה, ווארים ער האט זיי צוויי. אויב ער נעהמט ניט אן די סחורה־פארם ווערט דאס געלד ניט קיין קאפיטאל. דאס געלד טרעט אלזא דא ניט ארויס פאלעמיש [מיט התנגדות] לגבי דער סחורה, ווי ביי דער אוצר־זאמלונג. ד'ער קאפיטאליסט וויים, אז אלע סחורות, ווי לומפיג זיי זאלען ניט אויסזעהן און ווי שלעכט זיי זאלען ניט שמעקען, זיינען „אין ווארהייט און אין גלויבען" געלד, אינערליך גע'מל'טע אידען, און דערצו נאך וואונדער־שאפענדע מיטלען אויף צו מאכען פון געלד מעהר געלד.

אויב אין דער איינפאכער צירקולאציע בעקומט דער ווערטה פון די סחורות, אין געגענזאץ צו זייער געברויך־ווערטה, העכס־טענס די זעלבשטענדיגע פארם פון געלד, שטעלט ער זיך אבער דא פלוצלינג ארויס ווי א פארווערטס־געהענדע (פראצעסירענדע), זיך אליין בעוועגענדע סובסטאנץ, פאר וועלכער אי סחורה, אי געלד זיינען בלויזע פארמען. און נאך מעהר ווי דאס. אנשטאט פארצושטעלען מיט זיך די שייכות'ן פון סחורות, טרעט ער איצט ארויס אזוי־צו־זאגען אין א פריוואט־שייכות צו זיך אליין. ער

דאָס געלד פון דער צירקולאַציע, דערגרייכט עס דער קליגערער קאַפּיטאַליסט דורכדעם, וואָס ער שפּאַרט שטענדיג דאָס געלד ווידער אין דער צירקולאַציע אַריין.*[10]

די זעלבשטענדיגע פאָרמען, ד.ה. די געלד־פאָרמען, וועלכע דער ווערטה פון סחורות אין דער איינפאַכער צירקולאַציע נעהמט אָן, האָבען נאָר דעם צוועק, וואָס זיי פערמיטלען דעם סחורה־אויסטויש, און פערשווינדען אין דעם ענד־רעזולטאַט פון דער בעוועגונג. פערקעהרט אין דער צירקולאַציע ג—ס—ג פונקציאָנירען ביידע, די סחורה און דאָס געלד, נאָר אַלס פערשיידענע עקזיסטענץ־אופנים פון דער ווערטה גופא—דאָס געלד אַלס זיין אַלגעמיינער עקזיסטענץ־אופן, די סחורה אַלס זיין ספּעציעלער און אַזוי צו זאָגען נאָר פערקליידטער עקזיסטענץ־אופן.[11] ער געהט שטענדיג אַריבער פון איין פאָרם אין דער אַנדערער, ניט פערלירענדיג זיך אין דער דאָזיגער בעוועגונג, און ער פערוואַנדעלט זיך אויף דעם אופן אין אַן אויטאָמאַטישען סוביעקט [אין אַ וועזען, וואָס האָט אַן אייגענע בעוועגונג]. שטעלט מען זיך אָב אויף אָט די בעזונדערע ערשיינונג־פאָרמען, וועלכע דער זיך־פערמעהרענדער ווערטה נעהמט בייטענדיג אָן אין דעם קרייז־לויף פון זיין לעבען, דאַן בעקומט מען די ערקלערונגען: קאַפּיטאַל איז געלד, קאַפּיטאַל איז סחורה.[12] אין דער אמת'ן אָבער ווערט דאָ דער ווערטה דער סוביעקט [דער טרעגער] פון אַ פּראָצעס, אין וועלכען ער ענדערט, בייטענדיג שטענדיג זיינע פאָרמען פון געלד און סחורה, זיין גרויס גופא, וואַרפט אָב אַ מעהרווערטה פון זיך אַליין אַלס לכתחילה'די־

זאַמלען „סאַדזיין" בעטייט ווערטליך „ראַטעווען". אַזוי בעטייט אויך דאָס ענגלישע וואָרט „סייוו" אי ראַטעווען אי שפּאָרען.

*[10] „דאָס אונענדליכע, וואָס ליעגט ניט אין דעם פאָרווערטס־גאַנג פון זאַכען, ליעגט אין זייער קרייז־לויף." (גאַליאַני.)

[11] „עס איז ניט דער שטאָף, וואָס מאַכט אויס דעם קאַפּיטאַל, נאָר דער ווערטה פון דעם דאָזיגען שטאָף." (זש. ב. סעי „טרעיטע ד'עקאָנאָמיע פּאָליטיק", פּאַריז 1817, ב. 1, ז. 428.)

[12] „דאָס אומלויפענדע געלד (קוירענסי!), פערוואָנדעט אויף פּראָדוקטיווע צוועקען איז קאַפּיטאַל." (מעקליוד, „דהי טהיאָרי אַנד פּראַקטיס אָוו בייגקינג", לאָנדאָן 1855, ב. 1, קאַפּיטעל 1.) „קאַפּיטאַל איז סחורה." (דזשיימס מילל, „עלעמענטס אָוו פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי".

פאַקטיש אַלזאָ איז ג—ס—ג׳ די אַלגעמיינע פאָרמולע פון קאפּיטאַל, ווי ער בעווייזט זיך אונמיטעלבאַר אין דער ספּערע פון דער צירקולאַציאָן.

2. די ווידערשפּרוכען פון דער אַלגעמיינער פאָרמולע.

די צירקולאַציאָנס־פאָרם, אין וועלכע דאָס געלד ווערט פערענדערט אין קאפּיטאַל, ווידערשפּרעכט אַלע פריהער ענטוויקעלטע געזעצען וועגען דער נאַטור פון סחורה, פון ווערטה, פון געלד און פון דער צירקולאַציע גופא. דער גאַנצער חלוק צווישען איהר און דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע איז דער אומגעקעהרטער סדר פון דיזעלבינע צוויי אנטקעגענגעזעצטע פּראָצעסען, דער פערקויף און דער קויף. איז ווי אַזוי זאָל אַזאַ ריין־פאָרמעלער אונטערשייד איבערמאַכען ווי דורך אַ כשוף די נאַטור פון אָט די פּראָצעסען?

נאָך מעהר. אָט די אומקעהרונג עקזיסטירט נאָר פאַר איינעם פון די דריי געשעפטס־פריינד, וועלכע האַנדלען איינע מיט די אַנדערע. אַלס קאפּיטאַליסט קויף איך סחורה פון א און פערקויף זי ווידער צו ב, בעת אַלס איינפאַכער סחורה־בעזיצער פערקויף איך סחורה צו ב און דאַן קויף איך סחורה פון א. פאַר די געשעפטס־פריינד א און ב עקזיסטירט ניט דער דאָזיגער אונטערשייד. זיי טרעטען נאָר ארויס אַלס קויפער און פערקויפער פון סחורות. איך אַליין שטעה קעגענאיבער זיי יעדעס מאָל אַלס איינפאַכער געלד־בעזיצער אָדער סחורה־בעזיצער, אַלס קויפער אָדער פערקויפער; דערצו טרעט איך ארויס אין דיביידע מסחרים קעגענאיבער איין פּערזאָן נאָר אַלס קויפער און קעגען דעם אַנדערען נאָר אַלס פערקויפער, אַנטקעגען איינעם נאָר אַלס געלד, אַנטקעגען דעם אַנדערען נאָר אַלס סחורה, אָבער אַנטקעגען קיינעם ניט פון די ביידע אַלס קאפּיטאַל אָדער קאפּיטאַליסט אָדער רעפּרעזענטאַנט פון וועלכער עס איז זאַך, וואָס איז מעהר איידער געלד אָדער סחורה, אָדער וואָס קאָן אויסאיבען אַנאַנדער ווירקונג אויסער דער ווירקונג פון געלד אָדער סחורה. פאַר מיר איז דער קויף פון א און דער פערקויף צו ב אַ כסדר׳דיגער אַקט. אָבער דער צוזאַמענהאַנג פון די ביידע אַקטען עקזיסטירט נאָר פאַר מיר. א קימערט זיך ניט וועגען מיין מסחר מיט ב און ב קימערט זיך ניט

אונטערשיידט זיך אלס לכתחילה׳דיגער ווערטה פון זיך אליין אלס מעהרווערטה, אזוי ווי גאָט דער פאָטער אונטערשיידט זיך פון זיך אליין אלס גאָט דער זון, און ביידע זיינען פון דעמזעלבען עלטער, און שטעלען צונויף אין דער ווירקליכקייט נאָר איין פּערזאָן. וואָרים נאָר דורך דעם מעהרווערטה פון 10 פונט סט. ווערן די אויסגעלעגטע 100 פונט סט. קאַפּיטאַל, און אזוי שנעל ווי זיי זיינען דאָס געוואָרן, אזוי באלד ווי דער זון איז בעשאַפען געוואָרן, און דורכ׳ן זון דער פאָטער, פערשווינדט ווידער זייער אונטערשייד און זיינען ביידע איינס 110 פונט סט.

דער ווערטה, אלזאָ, ווערט א פּראָצעסירענדער ווערטה, פּראָצעסירענדעס געלד, און אלס אזוינס—קאַפּיטאַל. עס קומט ארויס פון דער צירקולאַציע, געהט ווידען אין איהר אריין, האלט זיך אויף און פערפיעלפאַכט זיך אין איהר, קעהרט זיך אום פערגרעסערט פון איהר צוריק, און הויבט אָן דעמזעלביגען קרייז־לויף שטענדיג ווידער פון דאָס ניי.[18] ג—ג׳, געלד וואָס געבעהרט געלד—money which begets money—אַט אזוי קלינגט די בעשרייבונג פון קאַפּיטאַל פון די מיילער פון זיינע ערשטע מפרשים, די מערקאַנטיליסטען.

קויפען כדי צו פערקויפען, אָדער פאָלשטענדיגער, קויפען כדי טייערער צו פערקויפען, ג—ס—ג׳, איז אויפ׳ן ערשטען בליק נאָר איין מין קאַפּיטאַל, די אייגענטימליכע פאָרם פון דעם סוחר׳ישען קאַפּיטאַל. אָבער אפילו דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל איז אויך געלד, וואָס פערוואַנדעלט זיך אין סחורה, און דורך דעם פערקויף פון דער סחורה ווערט עס צוריק פערוואַנדעלט אין מעהר געלד. פאַסירונגען, וואָס קענען פאָרקומען אויסערהאלב פון דער צירקולאַציאָנס־ספערע, צווישען דעם קויף און פערקויף, מאַכען קיין חלוק נים אין דער דאָזיגער פאָרם פון בעוועגונג. ענדליך אין דעם צינזען־טראָגענדען קאַפּיטאַל שטעלט זיך ארויס די צירקולאַציע ג—ס—ג׳ אין אַן אָבגעקירצטער פאָרם; זי בעווייזט זיך אין איהר רעזולטאַט אָהן דער פערמיטלונג, אזוי־צו־זאָגען אין דעם לאַפּידאַר־סטיל, אלס ג—ג׳, געלד, וואָס איז גלייך צו מעהר געלד, ווערטה, וואָס איז גרעסער ווי ער איז גופא.

[18] „קאַפּיטאַל . . . א פּערמאַנענטער, זיך פערפיעלפאַכענדער ווערטה" (זיסמאָנדי, „נואוואַ פּרינסיפּל ד׳ עקאָנאָמי פּאָליטיק", ב. 1, ז. 60.)

וועלכע זיי בעדארפען פאר זייער געברויך. און דער נוץ קאן זיין איז נאך ניט דער איינציגער. א, וועלכער פערקויפט וויין און קויפט תבואה, פראדוצירט אפשר מעהר וויין איידער דער תבואה־פויער וואלט געקאנט פראדוצירן אין דערזעלביגער ארבייט־צייט, און דער תבואה־פויער ב קאן אפשר פראדוצירן מעהר תבואה אין דערזעלביגער ארבייט־צייט איידער דער וויין־מאכער. א בעקומט אלזא מעהר תבואה פאר דעמזעלביגען טויש־ווערטה און ב בעקומט מעהר וויין איידער זיי בײדע וואלטען געהאט, ווען יעדערער פון זיי, אהן דעם אויסטויש, וואלט געמוזט פראדוצירן פאר זיך אליין אי וויין, אי תבואה. בנוגע, הייסט עס, צום געברויך־ווערטה קאן מען זאגען, אז „דער אויסטויש איז אזא טראנסאקציע, אין וועלכער בײדע זייטען געווינען."[14] מיט דעם טוישווערטה איז עס אנדערש. „א מענש, וואס האט א סך וויין און גאר ניט קיין תבואה, האנדעלט מיט א מענשען, וואס האט א סך תבואה און גארניט קיין וויין, און צווישען זיי ווערט אויס־געטוישט ווייץ אין ווערט פון 50 אויף וויין, וואס האט א ווערטה פון 50. דער דאזיגער אויסטויש איז ניט קיין פערמעהרונג פונ'ם טוישווערטה, ניט פאר איינעם, ניט פאר דעם אנדערן; ווארים פאר דעם אויסטויש האט שוין יעדערער פון זיי געהאט א ווערטה, וואס איז געוועזען גלייך צו דעם, וואס ער האט זיך פערשאפט דורך אט דער אפעראציע."[15] עס מאכט קיין ענדערונג ניט אין דער זאך ווען דאס געלד טרעט אריין אלס צירקולאציאנס־מיטעל צווישען די סחורות און צי די אקטען פון קויף און פערקויף ווערן בחוש אב־געטיילט איינער פונ'ם אנדערן.[16] דער ווערטה פון די סחורות איז אויסגעדריקט אין זייערע פרייזען בעפאר זיי טרעטען אריין

---

14 „דער טויש איז א וואונדערבאַרע געשעהעניש, ביי וועלכער די ביידע צדדים, וואס שליסען דעם אבמאך געווינען, און טאקע שטענדיג (!)" (דעסטוטט דע טראסי, „טרייטע דע לא וואלאנטע ע דע סע זעפעט", פאריז 1826, ז. 68) דאסזעלבע בוך איז ערשיענען שפעטער אלס „טרייטע ד'עקאנאמיע פאליטיק".

15 מערסיע דע לא ריוויערע, ל'ארדער נאטורעל", ז. 544.

16 „עס איז פאר זיך פאלקאם גלייכגילטיג, צי איינער פון אט די ביידע ווערטהען בעשטעהט אין געלד, צי זיי זיינען ביידע געוועהנליכע סחורות." דארט גופא, ז. 543.

װעגען מײַן מסחר מיט א. װען איך װאָלט אַ שטײגער זײַ געװאָלט קלאָר מאַכען, װאָס פאַר אַ גוטע זאַך איך טהו אויף מיט דעם דאָזינען הפוך הסדר, װאָלטען זײַ מיר בעװיזען, אַז איך האָב נאָר אַ טעות אין דעם סדר גופא, און אַז די גאַנצע טראַנסאַקציע האָט זיך גאָרניט אָנגעפאַנגען מיט אַ קויף און געענדיגט מיט אַ פערקויף, נאָר פערקעהרט עס האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ פערקויף און זיך אויסגעלאָזט מיט אַ קויף. אין פאַקט, מײַן ערשטער אַקט, דער קויף, איז פון א׳ס שטאַנדפּונקט געװען אַ פערקויף, און מײַן צװײ־טער אַקט, דער פערקויף, איז פון ב׳ס שטאַנדפּונקט געװען אַ קויף. נאָך ניט צופריעדען דערמיט, װעלען א און ב דערקלערן, אַז דער דאָזיגער גאַנצער סדר איז אַן איבעריגע מעשה און פּשוט אַ האָקוס־פּאָקוס. א האָט געקאָנט פערקויפען די סחורה דירעקט צו ב און ב האָט געקאָנט דירעקט קויפען פון א. דערמיט װאָלט די גאַנצע טראַנסאַקציע אײַנגעשרומפּט געװאָרן אין אײן אײנזײַטיגען אַקט פון דער געװעהנליכער סחורה־צירקולאַציע: פון א׳ס שטאַנדפּונקט בלויז אַ פערקויף און פון ב׳ס שטאַנדפּונקט בלויז אַ קויף. דורך די אומקעהרונג פון דעם סדר זײַנען מיר אַלזאָ ניט אַרויסגעקומען װײַטער אײדער די ספערע פון דער אײנפאַכער סחורה־צירקולאַציע, און מיר מוזען בעסער זיך צוקוקען, צי די דאָזיגע אײנפאַכע צירקולאַציע דערלאָזט לויט איהר נאַטור נאָך אַ פערמעהרונג [פער־װערטהונג] פון די װערטהען, װאָס געהען אין איהר אַרײַן, און פאָלגליך אַן אויסבילדונג פון מעהרװערטה.

לאָמיר נעהמען דעם פּראָצעס פון דער צירקולאַציע אין דער פאָרם, אין װעלכער ער שטעלט זיך אַרויס בלויז װי אַ סחורה־אויסטויש. דאָס איז שטענדיג דער פאַל, װען בײדע סחורה־בע־זיצער קויפען סחורות אײנער פון דעם אַנדערן און דער באַלאַנס פון זײערע געגענזײַטיגע געלד־שולדען גלײַכט זיך אויס אין דעם צאָהלונג־טערמין. דאָס געלד דיענט דאָ װי חשבון־געלד, כדי אויסצודריקען אין זײערע פּרײַזען די װערטהען פון די סחורות, עס טרעט אָבער ניט אַרויס זאַכליך קעגענאיבער די סחורות גופא. אויף װי װײַט דאָ האַנדעלט זיך װעגען דעם געברויך־װערטה [פון די סחורות] איז קלאָר, אַז די בײדע אויסטוישער קאָנען דערבײַ געװינען. בײַטע פּטר׳ן אַרויס סחורות, װעלכע זײַנען פאַר זײַ נוצלאָז אַלס געברויך־װערטהען, און בעקומען אַנדערע סחורות,

משער, ווען נאָר זי וויל אויף איהר שטייגער בעטראַכטען די ער־שיינונג ריין אָהן אנדערע אריינמישונגען, אז די נאָכפראַגע און דער אָנבאָט דעקען זיך, ד.ה. אז זייער ווירקונג הערט איבערהויפּט אויף. פאָלגליך, אויב בנוגע דעם געברויך־ווערטה קאָנען ביידע אויסטוישער געווינען, קאָנען זיי ביידע ניט געווינען אין טויש־ווערטה. דאָ הייסט עס ריכטיגער: „וואו עס איז דאָ גלייכהייט, איז נימאָ קיין פּראָפיט.“[18] סחורות קאָנען טאַקע פערקויפט ווערן מיט פּרייזען, וואָס שטימען ניט מיט זייער ווערטה, אָבער די ניט־שטימונג קומט פאָר ווי א פערלעצונג פון דעם געזעץ פון סחורה־אויסטויש.[19] אין זייער ריינער געשטאַלט איז דער אויס־טויש אַן אויסטויש פון עקוויוואַלענטען, און בכן ניט קיין מיטעל זיך צו מאַכען רייכער אין ווערטה.[20]

הינטער די בעמיהונגען ארויסצושטעלען די סחורה־צירקולא־ציע אלס דער קוואַל פון מעהרווערטה, לויערט דעריבער מעהרסטענ־טיילס א קוויד־פּראָ־קוואָ, ד.ה. א פערוועקסלונג פון געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה. אזוי צום ביישפּיעל זאָגט קאָנדיליאַק: „עס איז פאַלש, אז אין דעם סחורה־אויסטויש טוישט מען אויס א גלייכען ווערטה אויף א גלייכען ווערטה. פערקעהרט. יעדערער פון די ביידע צדדים גיט אַלעמאָל א קלענערן ווערטה פאַר א גרעסערן.... ווען מען וואָלט אין דער ווירקליכקייט אַלעמאָל אויסגעטוישט גלייכע ווערטהען, וואָלט פאַר קיין איינעם פון די צדדים קיין פּראָפיט דעריין ניט געוועזן. אָבער זיי ביידע געווינען יאָ, אָדער דאַרפען דאָך געווינען. ווארום? דער ווערטה פון זאכען

[18] גאליאני, „דעללא מאנעטא“, אין קוסטאדי: פארטע מאדערנא, ב. 4, ז. 244.

[19] „דער אויסטויש ווערט ניט־פארטייל־האפט פאר איינעם פון די ביידע צדדים, ווען אויסערליכע אומשטענדען זעצען אראב אדער שרויפען אויף דעם פרייז: די גלייכהייט איז דאן פערלעצט; אבער אט די פערלעצונג נעהמט זיך פון יענע אומשטענדען, און ניט פון דעם אויסטויש גופא.“ (לע טראן, „דע ל'אינטערע סאסיאל“, פאריז 1846, ז. 904.)

[20] „דער אויסטויש איז לויט זיין טבע אן אבמאך, וואס רוהט אויף גלייכהייט און קומט ארויס צווישען גלייכע ווערטהען. ער איז דעריבער ניט קיין מיטעל פון בערייכערונג, חיות ווי מען גיט אוועק פונקט אזויפיעל, ווי מען בעקומט.“ (דארט גופא, ז. 903.)

אין דער צירקולאַציע, הייסט עס, אַז ער איז אַ פּאַראויסזעצונג און ניט דער רעזולטאַט פון דער צירקולאַציע.[17]

ווען מען בעטראַכט דעם פּראָצעס אין אַבסטראַקט, ד.ה. אָב־געזעהן פון צופעליגע אומשטענדען, וועלכע פליעסען ניט אַרויס פון די אימאַנענטע געזעצען פון דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע, איז אַ חוץ וואָס איין געברויך־ווערטה פערנעהמט דעם פּלאַץ פון אַנאַנדער געברויך־ווערטה, קומט אין דער דאָזיגער צירקולאַציע מעהר גאָרנישט פאָר ווי אַ מעטאַמאָרפאָזע, בלויז אַן איבערבייט אין דער פאָרם פון דער סחורה. דערזעלביגער ווערטה, ד.ה. דער־זעלביגער סכום פון פערקערפּערטער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, פערבלייבט אין האַנד פון דעמזעלביגען סחורה־בעזיצער צוערשט אין געשטאַלט פון זיין סחורה, דערנאָך אין געשטאַלט פון׳ם געלד, און וואָס זי פערוואַנדעלט זיך, און צום סוף אין דער סחורה, אין וועלכער דאָס דאָזיגע געלד ווערט צוריק־פערוואַנדעלט. דער דאָ־זיגער איבערבייט פון דער פאָרם שליסט ניט איין קיין ענדערונג אין דער גרויס פון ווערטה. דער איבערבייט אָבער, וואָס דער ווערטה פון דער סחורה גופא מאַכט דורך אין דעם דאָזיגען פּראָ־צעס, בעשרענקט זיך אויף אַן איבערבייט פון זיין געלד־פאָרם. זי עקזיסטירט צוערשט אַלס פּרייז פון דער סחורה, וואָס ווערט אָנגעבאָטען צום פערקויף, דערנאָך אַלס אַ געלד־סומע, וועלכע איז שוין אַגב אויסגעדריקט אין דעם פּרייז, און צום סוף אַלס דער פּרייז פון אַן עקוויוואַלענטער סחורה. דער דאָזיגער פאָרם־אי־בערבייט אַן און פאַר זיך שליסט פּונקט אַזוי ווייניג איין אַן ענ־דערונג פון דער גרויס פון ווערטה, ווי דאָס אויסבייטען פון אַ פינף־פונט־נאָטע אויף פיער סאָווערינס, אַ האַלבען סאָווערין און צעהן שילינג. אַלזאָ, אויף ווי ווייט די צירקולאַציע פון סחורה פיהרט צו אַ פאָרם־איבערבייט פון איהר ווערטה, פיהרט זי, אויב עס מישען זיך ניט אַריין קיין אַנדערע קאָמפּליקאַציעס, צו אַן אויסטויש פון עקוויוואַלענטען. אפילו די וואולגאַרע עקאָנאָמיע, ווי ווייניג זי בעגרייפט וואָס דער ווערטה איז, איז דעריבער אויך

---

[17] „די צדדים, וואָס שליסען דעם אַבמאַך, ענטשיידען ניט דעם ווערטה, אדרבא ער שטעהט שוין פעסט איידער דער געשעפט איז געשלאָסען געוואָרן.“ (לע טראָן, „דע ל׳ינטערע סאָסיאַל“, פּאַריז 1846, ז. 906.)

עקאָנאָמען, דערהויפּט ווען עס פאָדערט זיך ארויסצושטעלען די ענטוויקעלטע געשטאַלט פונ׳ם סחורה־אויסטויש, דעם האנדעל, אלס דעם מקור פון מעהר ווערטה. „דער האנדעל״, ווערט צ.ב.ש. געזאָגט, „איז מוסיף ווערטה צו די פּראָדוקטען, וואָרים דיזעלבע פּראָדוקטען האָבען מעהר ווערטה אין די הענד פון דעם פערברוי־כער, איידער אין די הענד פון דעם פּראָדוצירער, און ער מוז דעריבער ווערטליך (סטריקטלי) בעטראַכט ווערן ווי אַן אַקט פון פּראָדוקציאָן.״[23] מען צאָהלט אָבער ניט פאַר סחורה טאָפּעלט, איינמאָל פאַר איהר געברויך־ווערטה און נאָך אמאָל פאַר איהר ווערטה. און אויב דער געברויך־ווערטה פון דער סחורה איז ניצ־ליכער פאַר דעם קויפער איידער פאַר דעם פערקויפער, איז איהר געלד־פאָרם ניצליכער דעם פערקויפער איידער דעם קויפער. וואָ־רים אויב אז ניט, וואָלט ער זי דען פערקויפט? און דעריבער וואָלט מען פונקט אזוי גוט געקאָנט זאָגען, אז דער קויפער איז ווערטליך (סטריקטלי) מקיים א „פּראָדוקציאָנס־אַקט״, דערמיט וואָס ער פערוואַנדעלט למשל דעם סוחר׳ס זאָקען אין געלד.

ווען עס ווערען אויסגעטוישט סחורות אָדער סחורות און געלד פון גלייכען טוישווערטה, פון עקוויוואלענטען הייסט עס, דאַן איז קלאָר, אז קיינער ציהט ניט ארויס מעהר ווערטה פון דער ציר־קולאציע וויפיעל ער האָט אין איהר אריינגעוואָרפען. עס קומט דעמאָלט ניט פאָר קיין שאַפונג פון מעהרווערטה. דער צירקולא־ציאָנס־פּראָצעס פון סחורות אין זיין ריינער פאָרם איז געבויט אויף אַן אויסטויש פון עקוויוואלענטען. אין דער ווירקליכקייט אָבער געהען די זאַכען ניט צו אין א ריינער פאָרם. לאָמיר דעריבער משער זיין אַן אויסטויש פון ניט־עקוויוואלענטען.

על כל פנים שטעהט אויפ׳ן סחורה־מארק נאָר א סחורה־בעזיצער אנטקעגען א סחורה־בעזיצער, און די מאכט, וואָס אָט די פערזאָנען איבען אויס איינע אויף די אנדערע, איז נאָר די מאכט פון זייערע סחורות. די מאטעריעלע פערשיידענהייט פון די סחורות איז דער מאטעריעלער מאָטיוו פונ׳ם אויסטויש און דאָס מאכט די סחורה־בעזיצער אָבהענגיק איינער פון אנדערן,

---

[23] פּ. פּ. ניומאַן, „עלעמענטס אוו פּאָליטיקאל עקאָנאָמי״. ניו יאָרק 1835, ז. 175.

בעשטעהט בלויז אין זייער שייכות צו אונזערע בעדערפעניסען. וואָס פאַר איינם איז מעהר, איז פאַר דעם אנדערן וועניגער, און פערקעהרט.... מען קאָן דאָך ניט משער זיין, אז מיר באָטען אָן צו פערקויפען אזוינע זאכען, וואָס מיר קאָנען אָהן זיי ניט אויס־קומען פאַר אונזער אייגענעם פערברויך.... מיר ווילען אוועק־געבען א זאך, וואָס איז פאַר אונז נוצלאָז, כדי צו בעקומען אנ־אנדער זאך, וואָס איז פאַר אונז נויטווענדיג; מיר ווילען געבען וועניגער פאַר מעהרער.... עס איז נאַטירליך צו אורטיילען, אז מען גיט אוועק אין דעם אויסטויש א גלייכען ווערטה פאַר א גלייכען ווערטה, אזוי אָפט ווי יעדערע פון די אויסגעטוישטע זאכען איז אין פרט פון ווערטה גלייך צו דעמזעלביגען סכום געלד.... מען מוז אָבער אריינגעהמען אין חשבון נאָך אנאנדער בעטראַכ־טונג; עס פרעגט זיך, צי טוישען מיר ניט ביידע אויס אן איבער־פלוס אויף עפּעס נויטווענדיגעס."[21] מען זעהט ווי קאָנדיליאַק מישט צוזאַמען ניט נאָר געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה, נאָר ער רוקט אונטער אויף אן אמת קינדישען אופן אין א געזעלשאַפט מיט אן ענטוויקעלטער סחורה־פּראָדוקציאָן א צושטאַנד, וואו דער פּראָדוצירער פּראָדוצירט אליין זיינע לעבענסמיטלען און וואַרפט אריין אין צירקולאַציע נאָר דעם עודף, דעם איבערפלוס, וואָס עס בלייבט איהם אריבער דעם אייגענעם בעדאַרף.[22] פונדעסטוועגען ווערט קאָנדיליאַק'ס ארגומענט אָפט ווידערהאָלט ביי די מאָדערנע

---

[21] קאַנדיליאַק, „לע קאָממערס ע לע גוא ווערנמאַן" (1776) אויסגאַבע דעיר ע מאָלינאַרי אין, מעלאַנזשע ד'עקאָנאָמיע פּאָליטיק", פּאַריז 1847, ז. 267.

[22] לע טראָן ענטפערט דעריבער זיין פריינד קאָנדיליאַק זעהר ריכטיג: „די בעשטעהענדע געזעלשאַפט ווייס איבערהויפּט ניט פון איבערפליסיגעס." צו דערזעלבער צייט מאַכט ער שפּאַס פון איהם מיט דער בעמערקונג, אז „אויב ביידע אויסטוישער בעקומען גלייך פיעל מעהר פאַר גלייך פיעל וועניגער, בע־קומען זיי דאָך ביידע גלייך פיעל." אזוי ווי קאָנדיליאַק האָט נאָך ניט די קלענסטע אהנונג וועגען דעם כאַראַקטער פון טוישווערטה, איז ער דער פּאַסענדער וועג־ווייזער פון העררן פּראָפעסאָר ווילהעלם ראָשער פאַר זיינע אייגענע קינדישע בעגריפען. זעה ראָשער'ס „די גרונדלאַגען דער נאַציאָנאַל עקאָנאָמיע", 3טע אויפ־לאַגע, 1858. — [אזוי ציטירט ער צ.ב.ש. מיט צושטימונג דאָרט אין § 107 דעם פאָלגענדען חכמה'דיגען שפּרוך פון קאָנדיליאַק: „א זאך האָט ניט א ווערטה, ווייל עס קאָסט עפּעס, נאָר עס קאָסט (אַרבייט אָדער געלד) ווייל עס האָט ווערטה." קאַוטסקי.]

לאמיר זיך משער זיין פערקעהרט, אז עס איז דעם קויפער'ס פריווילעגיע צו קויפען די סחורות אונטער זייער ווערטה. דא איז עס צומאל ניט נויטיג צו דערמאנען, אז דער קויפער ווערט ווידער א פערקויפער. ער איז געווען א פערקויפער איידער ער איז געווען א קויפער. ער האט שוין פערלארן 10 פראצענט אלס פערקויפער, איידער ער געווינט 10 פראצענט אלס קויפער.[25] עס בלייבט ווידער אלץ ווי געוועזן.

אלזא, די שאפונג פון מעהרווערטה און פאלגליך די פערוואנד־לונג פון געלד אין קאפיטאל קאן ניט דערקלערט ווערן, ניט דורכ־דעם וואס די פערקויפער פערקויפען זייערע סחורות איבער זייער ווערטה, און ניט דורכדעם וואס די קויפער קויפען זיי אונטער זייער ווערטה.[26]

דאס פראבלעם ווערט בשום אופן ניט איינפאכער, דורכדעם וואס מען שמוגעלט דא אריין פרעמדע בעציהונגען און מען זאגט א שטייגער צוזאמען מיט קוירנעל טארענס: „די ווירקזאמע [עפפעקטואל] נאכפראגע בעשטעהט אין די כחות און נייגונגען (!) פון די פערברויכער [קאנזומענטען] צו געבען פאר סחורות, סיי דורך א דירעקטען, סיי דורך א אינדירעקטען אויסטויש, א גרע־סערן טייל... קאפיטאל, וויפיעל עס קאסט זיי צו פראדוצירן.”[27] אין דער צירקולאציע שטעהען די פראדוצירער און פערברויכער איינע אנטקעגען די אנדערע נאר אלס פערקויפער און קויפער. מאכען די בעהויפטונג, אז דער מעהרווערטה, וואס דער פראדו־

---

[25] „ווען מען איז געצוואונגען אוועקצוגעבען א צאהל פראדוקטען פאר 18 ליוור, וואס איז איינגענטליך ווערט 24, ווען מען פאר די 18 ליוור פונקט אזוי־פיעל בעקומען קויפענדיג, פאר וויפיעל מען וואלט זאנסט געמוזט בעצאהלען 24.” (לע טראן, דע ל'אינטערע סאסיאל”, ז. 897).

[26] „קיין פערקויפער קאן ניט שטענדיג מאכען טייערער זיינע סחורות, אוואו ער זאל ניט פונקט אזוי שטענדיג מוזען בעצאהלען טייערער פאר די סחורות פון אנדערע פערקויפער; און מחמת דעמזעלבען טעם קאן קיין פערברויכער שטענדיג ניט איינקויפען ביליגער, אוואו ער זאל ניט פונקט אזוי שטענדיג מוזען אבגעבען ביליגער די סחורות, וואס ער פערקויפט.” (מערסיער דע לא ריוויער, „ל'ארדער נאטורעל” עטצ., 2טע טייל, ז. 555).

[27] ר. טארענס, „אן עססיי אן דהי פראדאקשאן אוו וועלטה”, לאנדאן 1821, ז. 349.

דערמיט וואָס קיינער פון זיי האלט ניט אין זיין האנד דעם גע־גענשטאַנד פון זיין אייגענער בעדערפעניש און יעדערער פון זיי האלט אין האנד דעם געגענשטאנד פון דעם אנדערנס בעדערפעניש. אַ חוץ אַט דער מאַטעריעלער פערשיידענהייט פון זייערע געברויך־ווערטהען, געפינט זיך נאָר נאָך איין אונטערשייד צווישען די סחורות—דער אונטערשייד צווישען זייער נאַטוראַל־פאָרם און זייער פערוואַנדעלטער פאָרם, צווישען סחורה און געלד. און אזוי אונ־טערשיידען זיך די סחורה־בעזיצער נאָר אלס פערקויפער, בעזיצער פון סחורה, און אַלס קויפער, בעזיצער פון געלד.

לאָמיר איצט אָננעהמען, אז דער פערקויפער האָט דורך אַ וועלכער עס איז אונערקלערליכער פּריווילעגיע אַ מעגליכקייט צו פערקויפען די סחורה איבער איהר ווערטה, למשל פאַר 110, ווען זי איז ווערטה 100, אלזאָ מיט אַ נאָמינעלען פּרייז־צוגאָב פון 10 פּראָצענט. דער פערקויפער קאַסירט אלזאָ אריין אַ מעהרווערטה פון 10. אָבער נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ פערקויפער, ווערט ער אַ קויפער. אַ דריטער סחורה־בעזיצער בעגעגענט איהם איצט אַלס פערקויפער און געניעסט פון זיין זייט די פּריווילעגיע צו פערקויפען די סחורה מיט 10 פּראָצענט צו־טייער. אונזער מאַן האָט געוואונען 10 אַלס פערקויפער, כדי צו פערלירן 10 אַלס קויפער.[24] די גאַנצע זאַך פיהרט פאַקטיש דערצו, אז אַלע סחורה־בעזיצער פערקויפען זייערע סחורות איינע צו די אַנדערע מיט 10 פּראָצענט איבער׳ן ווערטה, וואָס עס איז דורכאויס דיזעלביגע זאַך, ווי זיי וואָלטען פערקויפט זייערע סחורות פאַר זייער ריכטיגען ווערטה. אַזאַ אלגעמיינע נאָמינעלע פּרייז־העכערונג פון סחורות ברענגט אַרויס דיזעלביגע ווירקונג, ווי ווען די סחורה־ווערטהען זאָלען צ.ב.ש. געשאַצט ווערן אין זילבער אנשטאַט אין גאָלד. די געלד־נעמען, דאָס הייסט די פּרייזען פון די סחורות, וואָלטען גע־שטיגען, אָבער זייערע ווערטה־שייכות׳ן וואָלטען געבליבען ניט־פערענדערט.

---

[24] „די העכערונג פון דעם נאָמינעלען ווערטה פון די פּראָדוקטען... ניט די פערקויפער קיין פאָרטייל ניט... ווארים וואָס זיי געווינען אלס פערקויפער, פערלירן זיי אין דערזעלבינער מאָס אלס קויפער." („דהי עסענשעל פּרינסיפּלס אוו דהי וועלטה אוו ניישאנס עטצ.", לאָנדאָן 1797, ז. 66.)

א יעהרליכען געלד־טריבוט צו דעם אלטען רוים. מיט דעם געלד האָט רוים געקויפט פון זיי סחורה און בעצאָהלט פאַר איהר צו־טייער. די קליין־אַזיאַטען האָבען בעשווינדעלט די רוימער, וואָרים זיי האָבען אויסגענאַרט פון זייערע ערָאָבערער א טייל פון דעם טריבוט אויפ'ן וועג פון מסחר. אָבער נאָך אלעם דעם זיינען די קליין־אזיאטען געבליבען די בעשווינדעלטע. פאַר זייערע סחורות האָט מען זיי אלץ געצאָהלט מיט זייער אייגענעם געלד. דאָס איז ניט קיין מעטאָדע ווי צו ווערן רייך אָדער צו שאַפען מעהר ווערטה.

לאָמיר זיך אלזאָ האַלטען אין די גרעניצען פון דעם סחורה־אויסטויש, וואו די פערקויפער זיינען אויך קויפער און די קויפער זיינען פערקויפער. אפשר שטאַמט אונזער פערלעגענהייט דערפון, וואָס מיר האָבען אויפגעפאַסט די פערזאָנען נאָר ווי פערזאָניפי־צירטע קאַטעגאָריען, און ניט אינדיווידועל.

דער סחורה־בעזיצער א קאָן זיין אַזוי כיטרע, אז ער דרעהט זיינע קאָלעגען ב אָדער ג אראָב דעם קאָפּ, בעת זיי קאָנען ביי זייער בעסטען ווילען ניט נעהמען פון איהם קיין נקמה. א פערקויפט צו ב ווייץ אין ווערטה פון 40 פונט סט. און בעקומט אין אויסטויש פון איהם תבואה אין ווערטה פון 50 פונט סט. א האָט פערוואַנדעלט זיינע 40 פונט סט. אין 50 פונט סט., האָט געמאַכט מעהר געלד פון ווענינער געלד און האָט זיין סחורה פערוואַנדעלט אין קאַפּיטאל. לאָמיר זיך נעהענטער צוקוקען צו דעם. פאַר דעם אויסטויש האָבען מיר געהאַט פאַר 40 פונט סט. ווייץ אין די הענד פון א און פאַר 50 פונט סט. תבואה אין די הענד פון ב, א סך־הכל פון 90 פונט סט. דער צירקולירענדער ווערטה האָט זיך ניט פער־גרעסערט אויף א האָר, נאָר זיין פערטיילונג צווישען א און ב האָט זיך געענדערט. אויף איין זייט ווייזט זיך ארויס אלס מעהר־ווערטה דאָס, וואָס אויף דער אנדער זייט איז מינדער־ווערטה,

---

איהם דאַן הערר מאַלטוס געבען אַן עצה, ער זאָל געבען איינעם געלד, כדי יענער זאָל ביי איהם אָבקויפען די סחורה?" פרעגט אַן אויפגעבראַכטער ריקאַרדיאַנער מאַלטוס'ן, וועלכער, פונקט ווי זיין תלמיד, דער גלח טשאַלמערס, האָט עקאָנאָמיש גלאָריפיצירט דעם קלאַס בלויז־קויפער אָדער פערברויכער. זעה „אַן אינקווייריי אינטו דהי פּרינסיפּלס רעספּעקטיוו דהי נייטור אוו דעמאַנד, לייטלי אַדוואָקייטעד ביי מר. מאַלטוס, עטצ", לאָנדאָן, 1821, ז. 55.

צירער בעקומט, נעהמט זיך דערפון, וואָס די קאָנזומענטען בעצאָהלען פאר דער סחורה אריבער דעם ווערטה, מיינט נאָר פערמאסקירן דעם פשוט׳ן זאץ: דער סחורה־בעזיצער אַלס פערקויפער בעזיצט די פריווילעגיע צו פערקויפען צו־טייער. דער פערקויפער האָט די סחורה אַליין פּראָדוצירט אָדער ער פערטרעט איהרע פּראָדוצירער, אָבער דער קויפער האָט ניט וועניגער אַליין פּראָדוצירט אָדער ער פערטרעט די פּראָדוצירער פון דער סחורה, וואָס איז פאַרגעשטעלט אין זיין געלד. פאַלגליך שטעהט דאָ א פּראָדוצירער אַנטקעגען א פּראָדוצירער. וואָס עס אונטערשיידט זיי, איז נאָר דאָס, וואָס דער איינער קויפט און דער אַנדערער פערקויפט. דער פאַקט וואָס דער סחורה־בעזיצער אונטער׳ן נאָמען פּראָדוצירער פערקויפט די סחורה איבער איהר ווערטה און אונטער׳ן נאָמען פערברויכער בעצאָהלט ער פאר איהר צו־טייער, ברייננגט אונז ניט איין טריט ווייטער.[28]

די קאָנזעקווענטע פערטרעטער פון דער אילוזיע, אז דער מעהרווערטה נעהמט זיך פון א נאָמינעלען צוגאָב צום פּרייז, אָדער פון דעם פערקויפער׳ס פּריווילעגיע צו פערקויפען צו־טייער, מוזען דעריבער משער זיין א קלאַס, וואָס קויפט נאָר און פערקויפט קיינמאָל ניט, אַלזאָ אזעלכער, וואָס קאָנזומירט נאָר און פּראָדוצירט קיינמאָל ניט. די עקזיסטענץ פון אזא קלאַס לאָזט זיך פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס מיר האָבען ביז אהער געגרייכט—דעם שטאַנדפּונקט פון דער איינפאַכער צירקולאַציע—דערוויייל נאָך ניט דערקלערן. לאָמיר אָבער פערלויפען אפריהער. דאָס געלד, מיט וואָס אזא קלאַס קויפט שטענדיג, מוז שטענדיג אָנקומען צו איהם אָהן אויסטויש, אומזיסט, אויף׳ן גרונד פון א וועלכען עס איז רעכט אָדער געוואַלט־טיטעל, פון די סחורה־בעזיצער גופא. פערקויפען די סחורות צו דעם קלאַס אריבער דעם ווערטה, הייסט נאָר, טיילווייז זיך אריינשווינדלען צוריק דאָס אומזיסט־אוועקגעגעבענע געלד.[29] אזוי צ.ב.ש. האָבען די שטעדט פון קליין־אזיע געצאָהלט

---

[28] די פאַרשטעלונג, אז די פּראָפיטען ווערן געצוינען פון די קאָנזומענטען, איז אודאי גאַנץ אונזיניג. ווער זיינען די קאָנזומענטען? (ג. ראַנסיי, „אן עססיי אן דהי דיסטריבושאָן אָוו וועלטה”, עדינבורג 1836, ז. 184.)

[29] „אויב ווער עס איז געפינט ניט קיין אבזאַץ פאר זיינע סחורות, וועט

קיין ווערטה.[32] מען קאן דערפון פערשטעהן, ווארום אין אונזער אנאליז פון דער גרונד־פארם פון קאפיטאל, פון דער פארם, וועלכע בעשטימט מיט זיך די עקאנאמישע ארגאניזאציע פון דער מאדער־נער געזעלשאפט, לאזען מיר קודם אינגאנצען אונבעמערקט זיינע פאפולערע און אזוי־צו־זאגען פאר׳ן־מבול׳דיגע געשטאלטען—דעם האנדעל־קאפיטאל און וואוכער־קאפיטאל.

אין דעם ריכטיגען האנדעל־קאפיטאל ערשיינט די פארם ג—ס—ג׳, קויפען כדי צו פערקויפען טייערער, אויפ׳ן ריינסטען אופן. פון דער אנדער זייט אבער קומט זיין גאנצע בעוועגונג פאר אין די גרעניצען פון דער צירקולאציאנס־ספערע. אוי ווי עס איז אבער אונמעגליך צו דערקלערן די פערוואנדלונג פון געלד אין קאפיטאל, די שאפונג פון מעהרווערטה, דורך דער צירקולאציע אליין, קומט אויס אז דער האנדעל־קאפיטאל איז אן אונמעגליכ־קייט, וויבאלד עס ווערן אויסגעטוישט עקוויוואלענטען;[33] און אז ער קאן דעריבער נאר אבשטאמען פון דעם טאפעלטען פארטייל, וואס דער פאראזיטישער סוחר, וועלכער רוקט זיך אריין צווישען די קויפענדע און פערקויפענדע סחורה־פראדוצירער, ביטרעוועט אויס פון זיי ביידען. אין אט דעם זין זאגט פראנקלין: קריעג איז רויב, האנדעל איז רמאות".[34] ווען מען זאל וועלען דערקלערן די פערווערטהונג [דאס ווערן מעהרווערטה] פון האנדעל־קאפיטאל נים דורך בלויזע רמאות, וואלט געוועזן נויטיג צו ברענגען א לאנגע רייה פון מיטען־דינגען, וועלכע פעהלען דא נאך גאר אינגאנצען,

---

[32] „דער אויסטויש גיט כלל ניט צו קיין ווערטה צו די פראדוקטען." (פ. וויילאנד, „דהי עלעמענטס אוו פאליטיקאל עקאנאמיע", באסטאן 1853, ז. 168.)

[33] „אונטער דער הערשאפט פון ניט־פערענדערליכע עקוויוואלענטען וואלט דער האנדעל געוועזן אונמעגליך." (ג. אפדייק, „טריטיז אן פאליטיקאל עקאנא־מיע", ניו־יארק 1851, ז. 69.) „דער אונטערשייד צווישען רעאל־ווערטה און טויש־ווערטה איז געבויט אויף דעם פאקט, וואס דער ווערטה פון א זאך איז פערשיידען פון דעם זאגענאנטען עקוויוואלענט, וואס מען גיט פאר איהר אין האנדעל; ד.ה. אז דער דאזיגער עקוויוואלענט איז קיין עקוויוואלענט נים." (פ. ענגעלס, „אומריסע צו איינער קריטיק דער נאציאנאל עקאנאמיע" אין: „דייטש־פראנצויזישע יאהרביכער", פאריז 1844, ז. 95) [פערגל. געזאמעלטע שריפטען פון ק. מארקס און פ. ענגעלס, שטוטגארט 190, ב. 1, ז. 442.]

[34] בעניאמין פראנקלין, ווארקס, ב. 2, אין „פאזישענס טו בי עקזאמינד קאנסערנינג נאשיאנאל וועלטה".

אויף איין זייט ווייזט זיך ארויס ווי א פּליוס, דאס וואס אויף דער אנדער זייט בעווייזט זיך ווי א מינוס. דיזעלבע ענדערונג וואלט זיך געמאכט, ווען א וואלט פּשוט, אהן דער פערדעקטער פארם פון אויסטויש, דירעקט גע'גנב'עט 10 פונט סט. פון ב. די סומע פון די צירקולירענדע ווערטהעהן קאן גאנץ קלאר ניט פערמעהרט ווערן דורך קיין ענדערונג אין זייער פערטיילונג—פּונקט אזוי ווייניג ווי א איד, וואס פערקויפט א פארדינג (א פעניג) פון קווין אנ'ס צייט פאר א גינע (א גאלד־מטבע), פערמעהרט ניט דורכ־דעם די סומע פון די ערעלע מעטאלען, וואס געפינט זיך אין לאנד. דער קאפּיטאליסטען־קלאס פון א לאנד אינגאנצען גענומען קאן זיך אליין ניט אריבערכיטרעווען.[80]

מען מעג זיך אלזא דרעהען און קעהרען ווי מען וויל, דער רעזולטאט בלייבט דערזעלביגער. ווען עקוויוואלענטען ווערן אויס־געטוישט, קומט ניט ארויס קיין מעהרווערטה, און ווען ניט־עקווי־וואלענטען ווערן אויסגעטוישט, קומט אויך קיין מעהרווערטה ניט ארויס.[81] די צירקולאציע אדער דער סחורה־אויסטויש שאפט ניט

[80] דעסטוט דע טראסי, הגם ער איז געווען—און אפשר גראד דערפאר—א מיטגליעד פון אינסטיטוט דע פראנס, האט געהאלטען די פערקעהרטע מיינונג: די אינדוסטריעלע קאפּיטאליסטען, זאגט ער, מאכען זייערע פּראפיטען דערפון, וואס „זיי פערקויפען אלעס טייערער ווי עס האט זיי געקאסט צו פּראדוצירן. און צו וועמען פערקויפען זיי? ערשטענס, איינע צו די אנדערע.” (דארט אויבען, ז. 239).

[81] „דער אויסטויש פון גלייכע ווערטהען פערמעהרט ניט און פערמינדערט ניט דעם סכום ווערטהען, וואס איז פאראן אין דער געזעלשאפט. דער אויסטויש פון ניט־גלייכע ווערטהען ענדערט אויך גארנישט אין דער סומע פון די געזעל־שאפטליכע ווערטהען, ווען אפילו ער פערגרעסערט דעם פערמעגען פון איין טייל, פּונקט אזויפיעל, אויף וויפיעל ער נעהמט אב פון דעם אנדערן.” (זש. ב. סעי, „טרייטע ד'עקאנאמיע פּאליטיק”, פּאריז 1817, ב. 1, ז. 434 און 435). סעי, נאטירליך ניט קימערענדיג זיך וועגען די קאנזעקווענצען פון דעם דאזיגען זאץ, נעהמט איהם כמעט ווערטליך ביי די פיזיאקראטען. דעם אופן ווי אזוי ער האט אויסגענוצט זייערע שריפטען, וועלכע זיינען געווען אין זיין צייט אזוי גוט ווי פערגעסען, צייגט דער פאלגענדער ביישפּיעל. מאנסיע סעי'ס „בעריהמטעס־טער” זאץ: „מען קויפט פּראדוקטען נאר מיט פּראדוקטען” (דארט גופא, ב. 2, ז. 438) לויטעט אין פיזיאקראטישען אריגינאל: „די פּראדוקטען לאזען זיך נאר בעצאהלען מיט פּראדוקטען” (לע טראן, „דע ל'ינטערע סאסיאל”, פּאריז 1846, ז. 899).

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער מעהרווערטה קאָן זיך ניט נעהמען פון דער צירקולאַציע, הייסט עס, אַז כדי ער זאָל געשאַפען ווערן, מוז עפּעס פּאַרקומען הינטער איהר רוקען, וואָס אין איהר אַליין זעהט זיך עס ניט אָן.[86] קאָן אָבער דער מעהרווערטה זיך נעהמען פון ערגעץ אַנדערשוואו ווי פון דער צירקולאַציע? די צירקולאַציע איז די סומע פון אַלע געגענזייטיגע בעציהונגען פון די סחורה־בעזיצער, אויף ווי ווייט די דאָזיגע בעציהונגען ווערן בעשטימט דורך זייערע סחורות. אַ חוץ זיי שטעהט נאָך דער סחורה־בעזיצער נאָר אין בעציהונג צו זיין אייגענער סחורה. וואָס איז נוגע איהר ווערטה, בעשרענקט זיך די שייכות דערויף, וואָס זי ענטהאַלט אַ סכום פון זיין אייגענער אַרבייט, וועלכע מעסט זיך לויט בעשטימטע געזעלשאַפטליכע געזעצען. דער דאָזיגער סכום אַרבייט דריקט זיך אויס אין דער ווערטה־גרויס פון זיין סחורה, און אַזוי ווי די ווערטה־גרויס שטעלט זיך פאַר אין רע־כען־געלד, דריקט זיך עס אויס אין דעם פּרייז, למשל, פון 10 פונט סט. אָבער זיין אַרבייט שטעלט זיך נאָר פאַר אין דעם ווערטה פון דער סחורה פּלוס אַ הוספה אַריבער איהר אייגענעם ווערטה: ניט אין אַ פּרייז פון 10, וואָס איז אין דערזעלבער צייט אַ פּרייז פון 11; ד.ה. ניט אין אַ ווערטה, וועלכער איז גרעסער פאַר זיך אַליין. דער סחורה־בעזיצער קאָן שאַפען ווערטהען דורך זיין אַרבייט, אָבער ניט קיין זיך־פערמעהרענדע ווערטהען. ער קאָן אויפהויבען דעם ווערטה פון אַ סחורה, דורכדעם וואָס ער גיט צו אַ נייעם ווערטה צו דעם פאַראַנענעם ווערטה דורך נייע אַרבייט, צ.ב.ש. ווען ער מאַכט פון לעדער שטיוועל. דערזעלבער שטאָף האָט איצט מעהר ווערטה, ווייל ער ענטהאַלט אַ גרעסערן סכום אַרבייט. דער שטיוועל האָט דעריבער מעהר ווערטה איידער דאָס לעדער, אָבער דער ווערטה פון דעם לעדער איז געבליבען, וואָס ער איז געווען. ער האָט זיך ניט פערמעהרט, ער האָט ניט צוגענומען קיין מעהרווערטה בעת דער שטיוועל־פאַבריקאַציע. עס

[86] „אין דעם געוועהנליכען צושטאַנד פון מאַרק קאַן דער פּראָפיט ניט געמאַכט ווערן דורכ'ן אויסטויש. אויב ער וואָלט ניט געווען פאַר'ן אויסטויש, וואָלט ער אויך נאָכדעם ניט געקאָנט צו־שטאַנד קומען.” (ראַמסיי, „דיסטרי־ביושאָן אָוו וועלטה”, עדינבורג 1836, ז. 184.)

היות ווי אונזער איינציגע פאראויסזעצונג איז דערווייל נאר די סחורה־צירקולאציע און איהרע איינפאכע מאמענטען.

וואס עס איז געזאגט געווארן וועגען האנדעל־קאפיטאל פאסט זיך נאך מעהר אויף דעם וואוכער־קאפיטאל. אין דעם האנדעל־קאפיטאל ווערן די עקסטרעמען, דאס געלד, געווארפען אויפ'ן מארק, און דאס פערמעהרטע געלד, וואס ווערט ארויסגעשלעפט פון מארק, איז וועניגסטענס פערמיטעלט דורך קויף און פערקויף, דורך דער בעוועגונג פון דער צירקולאציע. אין דעם וואוכער־קאפיטאל איז די פארם ג—ס—ג' אבגעקירצט און עס בלייבען נאר די עקסטרעמען ג—ג', געלד וואס ווערט אויסגעטוישט אויף מעהר געלד—א פארם, וואס ווידערשפרעכט די נאטור פונ'ם געלד און איז דעריבער פונ'ם שטאנדפונקט פון סחורה־אויסטויש ניט דער־קלערליך. דערפאר זאגט אריסטאטעל: „אזוי ווי די כרעמא־טיסטיק איז א טאפעלטע וויסענשאפט, איין טייל געהערט צום האנדעל און דער אנדער טייל צו דער עקאנאמיק, די לעצטע איז נויטווענדיג און לויבענסווערטה, די ערשטע איז געגרינדעט אויף דער צירקולאציע און מיט רעכט געטאדעלט (ווארים זי בערוהט ניט אויף דער נאטור, זאנדערן אויף געגענזייטיגע רמאות), דע־ריבער איז דער וואוכער מיט'ן פולסטען רעכט פערהאסט, ווייל דאס געלד אליין איז דא דער קוואל פון פערדיענסט און ווערט ניט געברויכט פאר דעם צוועק, צו וואס עס איז ערפונדען געווארן. ווארים דאס געלד איז ענטשטאנען פאר דעם סחורה־אויסטויש, די צינזען אבער מאכען פון געלד מעהר געלד. דערפון נעהמט זיך אויך זיין נאמען (טאקסאס—צינז און געבוירן) ווארים די געבוירענע זיינען עהנליך צו די וואס האבען זיי געבוירן. דער צינז אבער איז געלד פון געלד, אזוי אז פון אלע וועגען ווי צו פערדיענען איז ער אם מייסטען געגען דער נאטור."[35]

אין פערלויף פון אונזער אונטערזוכונג וועלען מיר אויסגע־פינען, אז אי דער האנדעל־קאפיטאל, אי דער פראצענטען־טרא־גענדער קאפיטאל זיינען ביידע אבגעשטאמטע פארמען, און מיר וועלען אין דערזעלבער צייט אויך זעהן, ווארום זיי ערשיינען היסטאריש פריהער פאר דער מאדערנער גרונד־פארם פון קאפיטאל.

---

[35] אריסטאטעל, „דע רעפובליקא", ליבר 1, ק. 10.

וועלכער שטעלט דערוויילע נאָר פאָר אַ קאַפּיטאַליסט אין ווערן, מוז די סחורה קויפען לויט זייער ווערטה, פערקויפען לויט זייער ווערטה, און פונדעסטוועגען צום סוף פון פּראָצעס ארויסציהען מעהר ווערטה וויפיעל ער האָט אריינגעלעגט. זיין ווערן אַן אויסגעוואקסענער קאַפּיטאַליסט מוז פּאַרקומען אין דער ספּערע פון דער צירקולאַציע און מוז ניט פּאַרקומען אין דער ספּערע פון דער צירקולאַציע. אָט דאָס זיינען די בעדינגונגען פון דעם פּראָבלעם. **Hic Rhodus, hic Salta!** [איצט צייג וואָס דו קאָנסט!]

3. קויף און פערקויף פון ארבייטסקראַפט.

דאָס וואקסען פונ'ם ווערטה, דורך וואָס דאָס געלד דאַרף זיך פערוואַנדלען אין קאַפּיטאַל, קאָן ניט פּאַרקומען אין דעם דאָזיגען געלד גופא. דיענט עס אלס קויף־מיטעל אָדער אלס צאָהלונג־מיטעל, דאַן רעאַליזירט עס נאָר דעם פּרייז פון די סחורות, וואָס עס קויפט אָדער פּאָר וועלכע עס צאָהלט. בלייבט עס, וואָס עס איז געוועזן, ד.ה. אויב עס האַלט זיך אויף אין זיין אייגענער פאָרם, דאַן ווערט עס פערגליווערט אויפ'ן זעלביגען אופן אין אַ פערשטיינערטען ווערטה פון אַ גלייך־בלייבענדער גרוים.[88]

די ווערטה־פערענדערונג, וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין דער פאָרמולע ג—ס—ג' ד. ה. אין דער פערוואַנדלונג פון געלד אין סחורה און די צוריקפערוואַנדלונג פון סחורה אין מעהר געלד, מוז אַלזאָ זיך נעהמען פון דער סחורה. זי קאָן אָבער ניט פּאַרקומען אין דעם צווייטען אַקט פון דער צירקולאַציע, אין דעם וויעדער־פערקויף פון דער סחורה, ס—ג', וואָרים דער דאָזיגער אַקט פערוואַנדעלט בלויז די סחורה פון איהר נאַטוראַל־פאָרם צוריק אין דער געלד־פאָרם. בעטראַכטען מיר וויעדער דעם ערשטען אַקט ג—ס, דעם קויף פון דער סחורה, דאַן געפינען מיר, אַז ער איז אַן אויסטויש פון עקוויוואַלענטען; פּאַר דער סחורה ווערט בעצאָהלט

די דורכשניטס־פרייזען פאַלען ניט צוזאַמען דירעקט מיט דער ווערטה־גרויס פון די סחורות, ווי עס גלויבען אַדאַם סמיטה, ריקאַרדאָ, א.אז.וו.

[88] „אין דער געשטאַלט פון געלד . . . פּראָדוצירט ניט דער קאַפּיטאַל קיין פּראָפיט." (ריקאַרדאָ, „פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי", לאָנדאָן 1827, ז. 267.)

איז אלזא ניט מעגליך, אז דער סחורה־פראָדוצירער זאָל דעם ווערטה פערמעהרן און פאָלגליך געלד אָדער סחורה פערוואנדלען אין קאַ־פיטאל אויסערהאלב דער ספערע פון דער צירקולאציע, ניט קו־מענדיג אין בעריהרונג מיט אנדערע סחורה־בעזיצער.

אלזאָ, קאפיטאל קאָן ניט ארויסקומען פון דער צירקולאציע און פונקט אזוי ווייניג קאָן עס ניט ארויסקומען אויסער דער ציר־קולאציע. ער מוז אין דערזעלבער צייט ארויסקומען א י ן איהר און נ י ט אין איהר.

עס האָט זיך אויף דעם אופן בעקומען א דאָפּעלטער רעזולטאט.

די פערוואנדלונג פון געלד אין קאפיטאל מוז זיך פאנאנדער־וויקלען אויף דער גרונדלאגע פון די אימאנענטע געזעצען פון סחורה־אויסטויש, אזוי אז דער אויסטויש פון עקוויוואלענטען מוז דיענען פאר דעם אויסגאנגס־פונקט.[37] אונזער געלד־בעזיצער,

---

[37] פון דאס, וואס איז אויבען ערקלערט געווארן, פערשטעהט דער לעזער, אז דאס קאן מיינען נאר איין זאך: די שאפונג פון קאפיטאל מוז זיין מעגליך אפילו ווען דער סחורה־פרייז איז גלייך צו דעם סחורה־ווערטה. זי קאן ניט דערקלערט ווערן דורכדעם, וואס די סחורה־פרייזען ווייכען אב פון די סחורה־ווערטהען. ווען די פרייזען ווייכען ווירקליך אב פון די ווערטהען, מוז מען זיי קודם צוריקפיהרן צו די לעצטע; ד.ה. מען מוז אט דעם אומשטאנד אויס־לאזען פון אויג אלס א צופעלינקייט, כדי צו האבען די ערשיינונג פון קאפיטאל־פארמירונג אויפ'ן באזיס פון סחורה־אויסטויש ריין פאר די אויגען און ניט צו ווערן פערווירט בעת דער בעאבאכטונג דורך שטערענדע נעבען־אומשטענדען, וואס זיינען פרעמד דעם אייגענטליכען פערלויף פון דער זאך. איבעריגענס ווייס מען, אז אט די צוריקפיהרונג איז בשום אופן ניט א בלויז וויסענשאפטליכע האנדלונג. די בעשטענדיגע שוואנקונגען פון די מארק־פרייזען, זייער שטייגען און פאלען, קאמפענסירן זיך, שאפען זיך געגענזייטיג אב און רעדוצירן זיך אליין צו דעם דורכשניט־פרייז אלס זייער אינערליכער רעגעל. אט דער רעגעל דיענט צ.ב.ש. ווי א לייטענדער שטערן פאר דעם סוחר אדער דעם פאבריקאנט אין יעדער אונטערנעהמונג, וואס נעהמט ארום א לענגערן צייט־משך. ער ווייס אלזא, אז ווען מען נעהמט אין בעטראכט א לענגערע פעריאדע בכלל, ווערן די סחורות פאקטיש פערקויפט ניט אונטער דעם פרייז, ניט אריבער, נאר לויט זייער דורכשניט־פרייז. ווען דאס ניט־פעראינטערעסירטע דענקען וואלט איבער־הויפט געלעגען אין זיין אינטערעס ,וואלט ער געמוזט זיך שטעלען די פראבלעם פון קאפיטאל־פארמירונג אט אזוי: ווי קאן ענטשטעהן קאפיטאל על פי רעגו־לירונג פון די פרייזען דורך דעם דורכשניט־פרייז, ד.ה. אין לעצטער אינסטאנץ דורך דעם ווערטה פון דער סחורה? איך זאג „אין לעצטער אינסטאנץ”, ווייל

גנגענען זיך אויפ'ן מארק און טרעטען אריין אין א שייכות איינער צום אנדערען ווי גלייך־בערעכטיגטע סחורה־בעזיצער, מיט דעם איינציגען אונטערשייד נאר צווישען זיי, וואס איינער איז א קויפער און דער אנדערער א פערקויפער; יורידיש, הייסט עס, זיינען זיי ביידע גלייכע פערזאנען. די דויערהאפטיגקייט פון דער דאזיגער שייכות פאדערט, אז דער אייגענטימער פון דער ארבייטס־קראפט זאל זי אלעמאל פערקויפען נאר אויף א בעשטימטער צייט, ווארים אויב ער וואלט זי פערקויפען מיט האק און פאק, איינמאל פאר אלע מאל, דאן וואלט ער זיך אליין פערקויפט, ער וואלט זיך פערוואנדעלט פון א פרייען מענשען אין א שקלאף, פון א סחורה־בעזיצער אין א סחורה. ער אלס פערזאן מוז זיך שטענדיג פערהאלטען צו זיין ארבייטס־קראפט ווי צו זיין אייגענטום, ווי צו זיין אייגענער סחורה, און דאס קאן ער נאר טהאן, ווען ער שטעלט זי אין רשות פון קויפער, לאזט זי איבער צום פערברויכען, נאר צייט־ווייליג, אויף א בעשטימטען טערמין; ד.ה. ווען ער זאגט זיך ניט אב דורך איהר איבערגעבונג פון זיין אייגענטום־רעכט אויף איהר. [40]

וויקעלט, „א חוץ וואס עס זיינען ניט געווען קיין פרייע ארבייטער און קיין קרעדיט־סיסטעם.” אפילו הערר מאמזען אין זיין „רוימישער געשיכטע” בעגעהט איין קוויד־פרא־קווא נאך דעם אנדערן.

[40] פערשיידענע געזעצגעבונגען בעשטימען דעריבער א מאקסימום־טערמין פאר דעם ארבייטס־קאנטראקט. ביי אלע פעלקער, וואו עס עקזיסטירט פרייע ארבייט, ווערן דורכ'ן געזעץ רעגולירט די תנאים פון קינדיגען דעם קאנטראקט. אין פערשיידענע לענדער, דערהויפט אין מעקסיקא (פאר דעם אמעריקאנער בירגערקריעג אויך אין די טעריטאריעס, וואס זיינען אבגענומען געווארן פון מעקסיקא, און לויט דעם עצם פון דער זאך אויך אין די דונאי־פראווינצען ביז דער רעוואלוציע, וואס קוזא האט געמאכט), איז די שקלאווערייַ פערשטעלט אונטער דער פארם פון פ ע א נ א ז ש [שולד־שקלאווערייַ פון די טעג־ארבייטער, די פעאנס]. דורך אוואנסען, וואס זיי דארפען אבצאהלען מיט ארבייט, און וועלכע ציהען זיך פון דור צו דור, ווערט ניט נאר דער איינצעלנער ארבייטער, נאר פאקטיש זיין גאנצע פאמיליע דאס אייגענטום פון אנדערע פערזאנען און זייערע פאמיליען. זשוארעז האט אבגעשאפט די פעאנאזש. דער זאגענאנטער קייזער מאקסימיליאן האט עס צוריק איינגעפיהרט דורך א דעקרעט, וועלכער איז ריכטיג געבראנדמארקט געווארען אין רעפרעזענטאנטען־הויז פון וואשינגטאן אלס א דעקרעט וויעדער איינצופיהרן שקלאווערייַ אין מעקסיקא. —„איך קאן אבגעבען אנאנדערן אויף א בעשרענקטער צייט דעם געברויך פון מיינע בעזונדערע קערפערליכע און גייסטיגע פעהיגקייטען און מעגליכקייטען פון

לויט איהר ווערטה, זי האָט ניט מעהר ווערטה איידער דאָס געלד, וואָס איז אין איהר פערוואַנדעלט. עס בלייבט נאָר, אַלזאָ, נאָך איבער די מעגליכקייט, אַז די ווערטה־פערענדערונג נעהמט זיך פון דעם געברויך־ווערטה פון דער סחורה, ד.ה. פון איהר פערברויך. כדי צו קאָנען ארויסציהען ווערטה פון דעם פערברויך פון א סחורה, האָט אונזער געלד־בעזיצער געמוזט האָבען אזא גליק צו ענטדעקען אזא סחורה אין דער צירקולאַציאָנס־ספערע, אויפ'ן מארק, וואָס איהר געברויך־ווערטה גופא בעזיצט די בעזונדערע אייגענשאַפט צו זיין א קוואַל פון ווערטה—א סחורה, וואָס איהר פאַקטישער פערברויך איז גופא א פערקערפּערונג פון ארבייט און ממילא פון ווערטהשאַפונג. און דער געלד־בעזיצער געפינט אויפ'ן מארק אָט אזא אייגענאַרטיגע סחורה—די ארבייטס־פעהיגקייט (Arbeits-vermoegen) אָדער די ארבייטס־קראַפט.

אונטער ארבייטס־קראַפט אָדער ארבייטס־פעהיגקייט פערשטעהען מיר דעם סך הכל פון אַלע פיזישע און גייסטיגע פעהיגקייטען, וואָס עקזיסטירען אין דער קערפּערליכקייט, אין דער לעבעדיגער פערזענליכקייט פון א מענשען, און וועלכע ער ברענגט אין בעוועגונג יעדעס מאָל, וואָס ער פּראָדוצירט געברויך־ווערטהען פון פון וועלכען עס איז סאָרט.

כדי אָבער דער געלד־בעזיצער זאָל קאָנען געפינען אויפ'ן מאַרק די ארבייטס־קראַפט אַלס סחורה, מוזען ערפילט ווערן פערשיידענע בעדינגונגען. דער אויסטויש פון סחורות אַן און פאַר זיך שליסט ניט איין קיין אַנדערע שייכות'ן פון אָבהענגיגקייט א חוץ די וואָס קומען ארויס פון זיין אייגענער נאַטור. לויט אָט דער השערה קאָן די ארבייטס־קראַפט ערשיינען אויפ'ן מאַרק אַלס סחורה נאָר אזוי ווייט און נאָר ווייל זי ווערט אָנגעבאָטען אָדער פערקויפט אַלס סחורה פון איהר אייגענעם בעזיצער, ד.ה. פון דער פּערזאָן, וועמעס ארבייטס־קראַפט זי איז. כדי איהר בעזיצער זאָל זי קאָנען פערקויפען אַלס סחורה, מוז ער קאָנען טהאָן מיט איהר וואָס ער וויל, ד.ה. ער מוז זיין א פרייער אייגענטימער פון זיין ארבייטס־פעהיגקייט, פון זיין פּערזאָן.[89] ער און דער געלד־בעזיצער בע־

[89] אין די ענציקלאָפּעדיעס פון קלאַסישען אַלטערטום קאַן מען לעזען אזא אונזין, אַז אין דער אַלטער וועלט איז דער קאַפּיטאַל געווען פאַלשטענדיג ענט־

לעדיג [נקי מנכסיו] פון אלע זאכען, וואס זיינען נויטיג פאר דער פערוווירקליכונג פון זיין ארבייטס־קראפט.

די פראגע, ווארום אט דער פרייער ארבייטער קומט איהם ארויס אנטקעגען אין דער צירקולאציאנס־ספערע, אינטערעסירט ניט דעם געלד־בעזיצער, וועלכער געפינט אנגעגרייט דעם ארבייט־מארק אלס א בעזונדער אבטיילונג פון דעם סחורה־מארק. און פונקט אזוי ווענינ אינטערעסירט פארלויפיג די פראגע אויך אונז. מיר האלטען זיך פעסט אן דעם פאקט טעארעטיש, פונקט ווי דער געלד־בעזיצער פראקטיש. איין זאך איז אבער קלאר. די נאטור פראדוצירט ניט אויף איין זייט געלד־ אדער סחורה־בע־זיצער און אויף דער אנדער זייט בלויז בעזיצער פון די אייגענע ארבייטס־קרעפטען. אט די שייכות איז ניט קיין נאטור־געשיכט־ליכע און פונקט אזוי ווענינ א געזעלשאפטליכע, וועלכע וואלט זיין גלייך פאר אלע פעריאדען פון דער געשיכטע. מען זעהט קלאר, אז זי איז א רעזולטאט פון א פריהער־פארגעקומענער היסטארישער ענטוויקלונג, א פראדוקט פון פיעלע עקאנאמישע רעוואלוציעס, פון דעם אונטערגאנג פון א גאנצער רייה עלטערע פארמאציאנען פון דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן.

די עקאנאמישע קאטעגאריען, וועלכע מיר האבען פריהער בעטראכט, טראגען אויך זייערע געשיכטליכע שפורען. כדי דער פראדוקט זאל ווערן א סחורה, מוזען ערפילט ווערן בעשטימטע היסטארישע בעדינגונגען. כל זמן, צ.ב.ש. מען פראדוצירט כדי צו בעפריעדיגען די בעדערפענישען פונ׳ם פראדוצירער, ווערט עס ניט קיין סחורה. ווען מיר וואלטען געפארשט ווייטער און גע־פרעגט: אונטער וועלכע אומשטענדען נעהמען אן אלע, אדער אפילו נאר דאס רוב פון די פראדוקטען די פארם פון סחורה, וואלט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס קומט נאר פאר אויפ׳ן יסוד פון א גאנץ בעזונדערן, דעם קאפיטאליסטישען, פראדוקציאנס־אופן. אזא אונטערזוכונג האט אבער ניט געהאט צו טהאן מיט דעם אנאליז פון סחורה. סחורה־פראדוקציאן און סחורה־צירקולאציע קאנען פארקומען, ווען אפילו דער גרעסטער טייל פון דער פרא־דוקטען־מאסע ווערט דירעקט געשאפען פאר׳ן אייגענעם פערברויך, ווערט ניט פערוואנדעלט אין סחורה, און ווען דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאנס־פראצעס איז אלזא נאך לאנג ניט בעהערשט אין

די צווייטע עצם־נויטיגע בעדינגונג, כדי דער געלד־בעזיצער זאָל געפינען די ארבייטס־קראַפט אויפ׳ן מארק ווי א סחורה, איז די, אז איהר בעזיצער זאָל אנשטאט צו קאָנען פערקויפען סחורות, אין וועלכע זיין ארבייט איז פערקערפערט געוואָרן, מוזען אָנבאָטען דוקא זיין ארבייטס־קראפט גופא, וועלכע עקזיסטירט נאָר אין זיין לעבעדיגער פערזענליכקייט.

כדי איינער זאָל קאָנען פערקויפען אנדערע סחורות איידער זיין ארבייטס־קראַפט, מוז ער נאַטירליך בעזיצען פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי צום ביישפּיעל רויה־שטאָפען, ארבייטס־אינסטרומענטען א.אז.וו. ער קאָן ניט מאכען קיין שטיוועל אָהן לעדער. אויסערדעם בעדארף ער האָבען לעבענסמיטלען. קיין איינער, אפילו ניט א „צוקונפטס־מוזיקאנט“, קאָן נים לעבען אויף די פּראָדוקטען פון דער צוקונפט, ממילא אויך ניט אויף געברויך־ווערטהען, וואָס זייער פּראָדוקציאָן איז נאָך נים פערטיג, און אזוי ווי אין דעם ערשטען טאָג פון זיין ערשיינונג אויף דער ערד, אזוי מוז נאָך דער מענש יעדען טאָג קאָנזומירן, אי אפריהער, אי בעת ער פּראָדוצירט. אויב די פּראָדוקטען ווערן פּראָדוצירט אלס סחורות, מוזען זיי פערקויפט ווערן, נאָכדעם ווי זיי זיינען פּראָדוצירט געוואָרן, און ערשט נאָכ׳ן פערקויף קאָנען זיי בעפריעדיגען די בעדערפעניששען פון דעם פּראָדוצירער. צו דער צייט, וואָס פאָדערט זיך פאר דער פּראָדוקציאָן, קומט נאָך צו די צייט, וואָס איז נויטיג פאר׳ן פערקויף.

פאר דער פערוואנדלונג פון געלד אין קאַפּיטאַל מוז אלזאָ דער געלד־בעזיצער געפינען דעם פרייען ארבייטער אויפ׳ן סחורה־מארק: פריי אין דעם טאָפּעלטען זין, ערשטענס אלס פרייע פערזאָן, וואָס קאָן טהאָן וואָס ער וויל מיט זיין ארבייט אלס זיין סחורה, און צווייטענס אזעלכער וואָס האָט ניט קיינע אנדערע סחורות צו פערקויפען, וואָס איז פריי [אין דעם זין פון] לויז און

טהעטיגקייט, ווייל מחמת דער דאזיגער בעשרענקונג האָבען זיי נאָר אן אויסערליכע שייכות צו מיין גאנצקייט און אלגעמיינקייט. ווען איך גיב אבער אָב מיין גאנצע צייט, וואָס דריקט זיך קאָנקרעט אויס דורך דער ארבייט, און די טאָטאַליטעט פון מיין פּראָדוקציאָן, מאַך איך דעם עצם פון דער דאזיגער ארבייט, מיין אלגעמיינע טהעטיגקייט און ווירקליכקייט, מיין פערזענליכקייט, פאר דעם איינענטום פון אנאנדערן.“ (העגעל, „פילאזאפיע דעם רעכטס“, בערלין 1840, ז. 104, § 67.)

איצט נעהענטער בעטראַכטען. גלייך ווי אַלע אַנדערע סחורות האָט זי אַ ווערטה.[42] ווי אַזוי ווערט דער דאָזיגער ווערטה בעשטימט?

דער ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט, פּונקט ווי דער ווערטה פון יעדער אַנדער סחורה, ווערט בעשטימט דורך דער אַרבייט־צייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן, און ממילא אויך צו רעפּראָדוצירן, אָט דעם ספּעציעלען אַרטיקעל. אויף ווי ווייט זי איז אַ ווערטה, רעפּרעזענטירט די אַרבייטס־קראַפט גופא נישט מעהר ווי אַ בעשטימטען סכום פון געזעלשאַפטליכער דורכשניטס־אַרבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין איהר. די אַרבייטס־קראַפט עקזיסטירט נאָר אַלס אַ פעהיגקייט [אַנלאַגע] פון דעם לעבעדיגען אינדיווידום. איהר פּראָדוקציאָן איז דעריבער אַפריהער משער זיין עקזיסטענץ. נעהמט מען אָן די עקזיסטענץ פון דעם אינדיווידום, בעשטעהט די פּראָדוקציאָן פון דער אַרבייטס־קראַפט אין זיין אייגענער רעפּראָדוקציאָן אָדער דערהאַלטונג. פאַר זיין דערהאַלטונג בעדאַרף דער לעבעדיגער אינדיווידום אַ געוויסע סומע לעבענסמיטלען. די נויטווענדיגע אַרבייט־צייט פאַר דער פּראָדוקציאָן פון דער אַרבייטס־קראַפט לייזט זיך דעריבער אויף אין דער אַרבייט־צייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן די דאָזיגע לעבענסמיטלען; אָדער דער ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט איז דער ווערטה פון די לעבענסמיטלען, וואָס זיינען נויטווענדיג פאַר דער דערהאַלטונג פון איהר בעזיצער. די אַרבייטס־קראַפט פערווירקליכט זיך אָבער נאָר דורך איהר אַרויסגעבען זיך, זי ווייזט זיך אַרויס פאַקטיש נאָר אין דער אַרבייט. דורך איהר פאַקטישען אַרויסווייזען זיך, דורך אַרבייט, ווערט אָבער אויסגעגעבען אַ בעשטימטער סכום פון מענשליכע מוסקולען, נערווען, געהירן א.אז.וו., וועלכער מוז ווידער צוריקגעבראַכט ווערן. אָט די פערגרעסערטע אויסגאַבע מאַכט נויטיג אַ פערגרעסערטע איינגאַהמע.[43] דער אייגענטימער פון דער אַרבייטס־קראַפט, וועל־

[42] „דער ווערטה אָדער די אָבשאַצונג פון אַ מענשען איז, אַקוראַט ווי פון אַלע אַנדערע זאַכען, זיין פּרייז—ד.ה. אַזויפיעל וויפיעל מען וואָלט געגעבען פאַר דעם געברויך פון זיין קראַפט.” (טה. האָבבס, ווערקע, לאָנדאָן 1839, ב. 3, ז. 76.)

[43] דער אַלט־רוימישער וויליקוס, וועלכער האָט געדיענט ווי אַן אויפזעהער איבער די אַקערבוי־שקלאַוועז, האָט געקריגען „אַ קנאַפּערע מאָס נאַהרונג איידער

זיין גאַנצער ברייט און טיעף פון דעם טוישווערטה. די פאָרשטעלונג פון דעם פּראָדוקט אַלס סחורה פאָדערט ווי א תנאי קודם אזא ווייט־ענטוויקעלטע צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער געזעלשאַפט, אז די פאַנאַנדערטיילונג צווישען געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה, וועלכע פאַנגט זיך ערשט אָן אין דעם דירעקטען טויש־האַנדעל, זאָל דאָ שוין זיין פאָלשטענדיג דורכגעפיהרט. אָבער אזא ענטוויקלונגס־שטופע קאָן מען געפינען אין די היסטאָריש־פערשיידענסטע עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטליכע פאָרמאַציאָנען.

אָדער ווען מיר נעהמען בעטראַכטען דאָס געלד, איז עס אויך משער א געוויסע פריהערדיגע ענטוויקלונג פון דעם סחורה־אויסטויש. די בעזונדערע געלד־פאָרמען—פשוט'ער סחורה־עקוויוואַלענט, צירקולאַציאָנס־מיטעל אָדער צאָהלונגס־מיטעל, אוצר־געלד און וועלט־געלד—ווייזען אָן, לויט דעם פערשיידענעם פערנעהם און דעם רעלאַטיווען איבערגעוויכט פון איינער אָדער דער אנדערער פונקציע, אויף זעהר פערשיידענע שטופען פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. פונדעסטוועגען איז, ווי מיר זעהען פון ערפאַהרונג, א פערהעלטניסמעסיג שוואַך־ענטוויקעלטע סחורה־צירקולאַציע גענוג פאַר דער אויסבילדונג פון אַט די אַלע פאָרמען. ניט אזוי אָבער מיט דעם קאַפּיטאַל. די היסטאָרישע בעדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ זיינען אפילו מיט דער סחורה־ און געלד־צירקולאַציע נאָך לגמרי ניטאָ. ער ענטשטעהט נאָר דאַן, ווען דער בעזיצער פון די פּראָדוקציאָן־ און לעבענס־מיטלען טרעפט אָן אויפ'ן מאַרק דעם פרייען ארבייטער אַלס פערקויפער פון זיין ארבייטס־קראַפט; און אַט די איינע היסטאָרישע בעדינגונג נעהמט מיט זיך ארום א גאַנצע וועלט־געשיכטע. דער קאַפּיטאַל זאָגט דעריבער אָן גלייך אין אָנהויב דאָס אָנקומען פון א נייער עפּאָכע אין דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.[41]

אַט די אייגענטימליכע סחורה, די ארבייטס־קראַפט, מוז מען

---

[41] וואָס עס כאַראַקטעריזירט אַלזאָ די קאַפּיטאַליסטישע עפּאָכע איז דאָס, וואָס די ארבייטס־קראַפט בעקומט פאַר'ן ארבייטער אַליין די פאָרם פון א סחורה, וועלכע געהערט צו איהם, און זיין ארבייט קריגט דעריבער די פאָרם פון לוין־ארבייט. פון דער אַנדערער זייט ווערט ערשט פון אַט דעם מאָמענט אָן די סחורה־פאָרם כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע ארבייטס־פּראָדוקטען בכלל.

צאָהל נייע ארבייטס־קרעפטען. די סומע לעבענסמיטלען, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן די ארבייטס־קראַפט, שליסט אַלזאָ איין אויך די לעבענסמיטלען פון די ממלאי מקומם, ד.ה. פון די קינדער פון די ארבייטער, אזוי אז אָט די ראסע פון אייגענטימליכע סחורה־בעזיצער זאָל קאָנען זיך פעראייביגען אויף דעם סחורה־מארק.[46]

כדי אזוי צו געשטאַלטען די אלגעמיינע מענשליכע נאַטור, אז זי זאָל בעקומען געשיקטקייט און ערפאַהרונג אין איין בעשטימטען ארבייט־צווייג, עס זאָל ווערן אַן ענטוויקעלטע און אייגענארטיגע ארבייטס־קראַפט, פאָדערט זיך אַ בעשטימטע בילדונג אָדער ערציהונג, וועלכע קאָסט ווידער אַ גרעסערע אָדער קלענערע סומע סחורה־עקוויוואַלענטען. די קאָסטען פון אזא בילדונג זיינען פערשיידען לויט דעם מעהר אָדער ווייניגער קאָמפּליצירטען כאַראַקטער פון דער ארבייטס־קראַפט. די דאָזיגע הוצאות פון אויסלערנען זיך, וועלכע זיינען אומבעמערקליך קליין פאַר דער געוועהנליכער ארבייטס־קראַפט, געהען אַלזאָ אריין אין דעם קרייז פון די ווערטהען, וואָס ווערן אויסגעגעבען פאַר איהר פּראָדוקציאָן.

דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט לייזט זיך אויף אין דעם ווערטה פון אַ בעשטימטער סומע לעבענסמיטלען. ער בייט זיך דעריבער אויך מיט דעם ווערטה פון די דאָזיגע לעבענסמיטלען, ד.ה. מיט דער גרויס פון דער ארבייט־צייט, וואָס פאָדערט זיך פאַר זייער פּראָדוקציאָן.

איין טייל פון די לעבענס־מיטלען, צ.ב.ש. נאַהרונגס־מיטעל, בעהייצונגס־מיטעל א.ד.ג. ווערן פערצעהרט יעדען טאָג און מוזען דעריבער טעגליך צוגעשטעלט ווערן פון דאָס ניי. אַנדערע לע־בענס־מיטלען, ווי קליידער, מעבעל, א.אז.וו. ווערן פערברויכט אין אַ לענגערן צייט־משך און זייער פּלאַץ דאַרף פערנומען ווערן פון אַנדערע ערשט נאָך אַ לענגערן משך פון צייט. איין מין סחורה

---

[46] איהר (פון דער ארבייט) נאַטירליכער פּרייז . . . בעשטעהט אין אַזאַ סומע לעבענסמיטלען און גענוס־מיטלען, ווי זיי זיינען נויטווענדיג לויט דעם קלימאַט און די לעבענסגעוועהנהייטען פון דעם לאַנד, כדי צו דערהאַלטען דעם ארבייטער און איהם געבען די מעגליכקייט אויפצוהאָדעווען אַ פאַמיליע, וועלכע האָלט אויף אַ ניט־געמינערטען אַנבאָט פון ארבייט אויפ׳ן מארק.” (ר. טאָררענס, „עססיי אָן עקסטערנאַל קאָרן טרייד”, לאָנדאָן 1815, ז. 62.) דאָס וואָרט ארבייט שטעהט דאָ נים ריכטיג אַנשטאָט ארבייטס־קראַפט.

כער האָט היינט געארבייט, מוז האָבען די מעגליכקייט צו ווידערהאָלען דעמזעלבינגען פּראָצעס מאָרגען, אונטער דיזעלבע בעדינגונגען פון קראפט און געזונדהייט. די סומע לעבענסמיטלען מוז, הייסט עס, קלעקען צו דערהאלטען דעם ארבייטענדען אינדיווידום אלס אַן ארבייטענדען אינדיווידום אין זיין נאָרמאלען לעבענס־צושטאנד. די נאטירליכע בעדערפענישען גופא, ווי נאהרונג, קליידונג, בעהייצונג, וואוינונג א.אז.וו. זיינען פערשיידען לויט די קלימאטישע און אנדערע נאטירליכע אייגענטימליכקייטען פון יעדען לאנד. פון דער אנדער זייט איז דער אומפאנג פון די אַזויגערופענע נויטווענדיגע בעדערפענישען, ווי אויך דער אופן פון זייער בעפריעדיגונג, אליין א היסטאָרישער פּראָדוקט און הענגט דעריבער גרעסטענטיילס אָב פון דער קולטור־שטופע פון לאנד, צווישען אנדערע אויך גרינדליך פון דעם, אונטער וועלכע בעדינגונגען און פאָלגליך מיט וועלכע געוואוינהייטען און לעבענס־אנשפּרוכען דער קלאַס פרייע ארבייטער איז אויסגעוואקסען.[44] די בעשטימונג פון דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט ענטהאלט אלזאָ, אין געגענזאַץ צו דעם ווערטה פון אלע אנדערע סחורות, א היסטאָרישען און מאָראלען עלעמענט. דאָך אָבער איז פאר א בעשטימטען לאנד און אין א בעשטימטער פעריאָדע דער דורכשניט־סכום פון די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען א פּראקטיש־בעשטימטע סומע.

די אייגענטימער פון דער ארבייטס־קראפט זיינען שטערבליך, כדי מען זאָל טרעפען דעם געפינען אַזעלכע אייגענטימער אלעמאָל אויפ׳ן מארק, ווי דאָס פאָדערט זיך פאר דער שטענדיג־נייער פערוואנדלונג פון געלד אין קאפּיטאל, מוזען די פערקויפער פון דער ארבייטס־קראפט זיך פעראייביגען, „ווי יעדער לעבעדיגער אינדיווידום פעראייביגט זיך דורך פאָרטפלאַנצונג.״[45] דער פלאַץ פון די ארבייטס־קרעפטען, וואָס ווערן אָבגעצויגען פון מארק דורך אָבניצונג און טויט, מוז פערנומען ווערן לכל הפחות פון א גלייכער

די ארבייטענדע קנעכט, ווייל זיין ארבייט איז געווען א לייכטערע ווי זייערע.״ (טה. מאָמזען, „רוימישע געשיכטע״, 1856, ז. 810.)

[44] וו. ט. טהאָרנטאָן גיט דערצו אינטערעסאנטע דאטען אין זיין שריפט „אָווערפּאָפּולײשאָן אַנד איטס רעמעדי״, לאָנדאָן 1846.

[45] פעטטי.

דער פרייז פון דער ארבייטס־קראפט זינקט ארונטער צו אט דעם מינימום, דאן זינקט ער אונטער איהר ווערטה, ווארים אויף דעם אופן קאן זי זיך אויפהאלטען און ענטוויקלען נאר אין א קרענקליכער פארם. דער ווערטה אבער פון יעדער סחורה ווערט בעשטימט דורך דער ארבייט־צייט, וואס פארערט זיך זי ארויסצוגעבען אין א נארמאלער קוואליטע.

עס איז א זעהר ביליגע סענטימענטאליטעט צו דערקלערן, אז אט די מעטאדע ווי צו בעשטימען דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט, וועלכע פליעסט ארויס פון דער נאטור פון דער זאך גופא, איז צו־ברוטאל און דערביי זיך צויאמערן אשטייגער ווי ראססי, וועלכער זאגט: „בעגרייפען די ארבייטס־פעהיגקייט, ניט נעהמענדיג אין בעטראכט די לעבענסמיטלען פון דער ארבייט בעת דעם פראצעס פון פראדוקציאן, הייסט בעגרייפען א דמיון־בילד. ווער עס זאגט „ארבייט", ווער עס זאגט „ארבייטס־פעהיגקייט", זאגט אין דערזעלבער צייט ארבייטער און לעבענס־מיטלען, ארבייטער און ארבייטס־לוין."[47] דער וואס זאגט ארבייטס־פעהיגקייט, זאגט ניט ארבייט, פונקט אזוי ווענינ ווי דער וואס זאגט פערדייאונגס־פעהיגקייט, זאגט פערדייאונג. פאר אט דעם פראצעס [פון פערדייען] פארערט זיך, ווי עס איז בעקאנט, עפעס מעהר ווי א גוטער מאגען. דער וואס זאגט ארבייטס־פעהיגקייט, לאזט ניט אויס פון בעטראכט די לעבענס־מיטלען, וואס זיינען נויטיג פאר איהר דערהאלטונג. אדרבה, זייער ווערטה דריקט זיך אויס אין איהר ווערטה. אויב זיין ארבייטס־פעהיגקייט ווערט ניט פערקויפט, נוצט זי דעם ארבייטער אויף גארנישט, נאר פערקעהרט ער פיהלט עס אלס א גרויזאמע נויטוועגדיגקייט פון דער נאטור, וואס זיין ארבייטס־פעהיגקייט האט געפאדערט פאר איהר פראדוקציאן א בעשטימטען סכום לעבענסמיטלען און פאדערט דאסזעלביגע שטענדיג פון דאס ניי. ער ענטדעקט דאן צוזאמען מיט זיסמאנדי, אז: „די ארבייטס־פעהיגקייט... איז גארנישט, ווען זי ווערט נישט פערקויפט."[48]

די אייגענטימליכע נאטור פון דער דאזיגער אייגנארטיגער

---

47 ראססי, „קור ד'עקאנאמיע פאליטיק", בריסעל 1842, ז. 370.

48 זיסמאנדי, „נואוו פרינסיפ ד'עקאנאמיע פאליטיק, ב. 1, ז. 112.

ווערט געקויפט און בעצאָהלט טעגליך, אנדערע סאָרטען—וועכענט־ליך, פערטעל־יעהרליך א.אז.וו. אויף וועלכען אופן אָבער די סומע פון די דאָזיגע אויסגאבען זאָל זיך ניט פערטיילען אין משך צ.ב.ש. פון א יאָהר, מוז זי דאָך געדעקט ווערן דורך דער דורכשניט־איינ־נאהמע טאָג־איין, טאָג־אויס. אויב די מאסע סחורות, וואָס מאַ־דערן זיך טעגליך צו פּראָדוצירן די ארבייטס־קראַפט=A, די וואָס פאָדערן זיך וועכענטליך=B די וואָס פאָדערן זיך פערטעל־יעהר־ליך=C א.אז.וו., דאן וואָלט דער טעגליכער דורכשניט פון די דאָזיגע סחורות געוועזן

$$=\frac{365A+52B+4C+etc.}{365}$$

אָנגענומען אז אין דער דאָזיגער מאסע סחורות, וואָס זיינען נויטיג פאר א דורכשניטס־טאָג, שטעקען 6 שטונדען געזעלשאפטליכע ארבייט, דאן פערקערפערט זיך טעגליך אין דער ארבייטס־קראפט ½ טאָג געזעלשאפטליכע דורכשניט־ארבייט, אָדער א העלפט פון דעם ארבייטס־טאָג פאָדערט זיך פאר דער טעגליכער פּראָדוקציאָן פון דער ארבייטס־קראַפט. דער דאָזיגער סכום ארבייט, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן די טעגליכע ארבייטס־קראַפט, מאכט אויס איהר טאָג־ווערטה, אָדער דעם ווערטה פון דער טעגליך־רע־פּראָדוצירטער ארבייטס־קראַפט. אויב א האלבער טאָג פון גע־זעלשאפטליכער דורכשניט־ארבייט דריקט זיך אויך אויס אין א גאָלד־מאסע פון 3 שילינג אָדער 1 טאלער, דאן איז 1 טאלער דער פּרייז, וואָס שטימט מיט דעם טאָג־ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט. אויב דער בעזיצער פון דער ארבייטס־קראַפט באַט זי אָן פאר א טאלער א טאָג, דאן איז איהר פערקויף־פּרייז גלייך צו איהר ווערטה, און לויט אונזער השערה, צאָהלט דער געלד־בעזיצער, וואָס איז להוט צו פערוואנדלען זיין טאלער אין קאפּיטאל, אָט דעם ווערטה.

דער לעצטער גרעניץ אָדער מינימאל־גרעניץ פון דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט ווערט פאָרמירט דורך דעם ווערטה פון א סומע סחורות, וואָס אויב זיי ווערן ניט צוגעשטעלט יעדען טאָג, קאָן דער טרעגער פון דער ארבייטס־קראַפט, דער מענש, ניט בע־נייען זיין לעבענס־פּראָצעס; ד.ה. דורך דעם ווערטה פון די פי־זישע לעבענס־מיטלען, אָהן וועלכע מען קאָן ניט אויסקומען. אויב

לוין אין פאל ווען דער קאפיטאליסט באנקראטירט,[50] נאר אויך א גאנצע רייה פון מעהר אנהאלטענדע ווירקונגען.[51] דאך אין דער

---

[50] „דער ארבייטער קרעדיטירט זיין פלייסינקייט", אבער לעגט צו שטארך גנב'יש: „ער ריזיקירט גארנישט א חוץ צו פערלירן זיין לוין.... ווארים דער ארבייטער לעגט מאטעריעל גארנישט אריין." (שטארך, „קור ד'עקאנאמיע פאליטיק", פעטערסבורג 1815, ב. 2, ז. 37.)

[51] איין ביישפיעל. אין לאנדאן עקזיסטירען צווייערליי סארטען בעקער, די „פול פרייזד", וואס פערקויפען דאס ברויט צום פולען ווערטה, און די „אנדערסעלערס", די וואס פערקויפען עס אונטער'ן ווערטה. דער לעצטער קלאס מאכט אויס אריבער דריי פערטעל פון דער גאנצער צאהל בעקער (ז. XXII. אין דעם רעפארט פון דעם רעגירונג־קאמיסאר ה. ס. טרעמענהעער איבער די „גריוועגסעס קאמפליינד און ביי דהי דשזוירנימען בייקערס עטצ.", לאנדאן 1862.) אט די אנדערסעלערס פערקויפען א ברויט, וואס איז כמעט אהן אויסנאהמע געפעלשט דורך א צומישונג פון אלום, זייף, קאלי קארבאניקום, קאלך, דערבישייר שטיינמעהל און נאך אזוינע אננעגעהמע, גאראפטע און געזונדע זאכען. (זעה דעם אויבען ציטירטען בלוי־בוך, ווי אויך דעם בעריכט פון דער „קאמיטע און 1855 „אן דהי אדאלטערייש׳אן און ברעד" און דר. האססאלס בוך: „אדאלטערייש׳אנס דעטעקטעד", 2טע אויסגאבע, לאנדאן 1862.) סער דזשאהן גארדאן האט ערקלערט פאר דער קאמיטע פון 1855, אז „אלס רעזולטאט פון אט די פעלשונגען קריגט איצט דער ארימאן, וועלכער לעבט אויף צוויי פונט ברויט א טאג, אפילו ניט א פערטעל טייל נאהרונגסשטאף, שוין ניט צו רעדען פון די שעדליכע ווירקונגען אויף זיין געזונד פון די דאזיגע צוגעמישטע שטאפען." אלס ערקלערונג, ווארום „א זעהר גרויסער טייל פון דעם ארבייטער־קלאס", הגם זיי ווייסען גאנץ גוט וועגען די פעלשונגען, קויפען פונדעסטוועגען אזא ברויט מיט אלום, שטיינמעהל א.אז.וו., גיט טרעמענהעערע אן (אין דעם פריהערדערמאנטען בעריכט) דעם גרונד, ווייל עס איז פאר זיי „א זאך פון נויט צו נעהמען ביי די בעקער אדער קרעמער אזא ברויט, וואס מען גיט זיי." אזוי ווי זיי קריגען ערשט בעצאהלט צום סוף פון דער ארבייטס־וואך, „קאנען זיי צאהלען פאר דעם ברויט, וואס זייער פאמיליע פערצעהרט דורך דער וואך, ערשט צום סוף וואך"; און טרעמענהעערע לעגט נאך צו, ברענגענדיג דערויף עדות: „עס איז אלגעמיין בעקאנט, אז דאס דאזיגע געפעלשטע ברויט ווערט ספעציעל געמאכט פאר אט דעם סארט קונדען." „אין פיעלע ענגלישע אגריקולטור־דיסטריקטען (און נאך מעהר אין די שאטישע) ווערט דער ארבייטס־לוין געצאהלט אלע 14 טעג אדער גאר אלע חודש. ביי אזוינע לאנגע צאהלונג־טערמינען מוז דער אגריקולטור־ארבייטער קויפען זיינע סחורות אויף קרעדיט.... ער מוז צאהלען העכערע פרייזען און איז פאקטיש געבונדען צום קרעמער, וועלכער רייסט פון איהם וויפיעל ער קאן. אזוי צ.ב.ש. קאסט איהם אין הארנינגשאם, ווילטס, וואו די לוינונג איז מאנאטליך, דאסזעלבע מעהל 2 שילינג 4 פענס פער שטיין (14 פונט), וואס ער קריגט אנדערשוואו מיט 1 שילינג 10 פענס." (6טער

סחורה, פון דער אַרבייטס־קראַפט, ברענגט מיט, וואָס מיט דער אָבשליסונג פונ׳ם אָבמאַך צווישען דעם קויפער און פערקויפער איז אין דער ווירקליכקייט איהר געברויך־ווערטה נאָך ניט איבערגע־גאַנגען אין די הענד פונ׳ם קויפער. איהר ווערטה, גלייך ווי דער ווערטה פון יעדער אַנדער סחורה, איז געווען בעשטימט איידער זי איז אַריינגעטראָטען אין דער צירקולאַציע, וואָרים פאַר דער פּראָ־דוקציאָן פון דער אַרבייטס־קראַפט איז אויסגעגעבען געוואָרן אַ בעשטימטער סכום פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט; אָבער איהר געברויך־ווערטה בעשטעהט ערשט אין דער שפּעטערדיגער קראַפט־אויסאיבונג. די אָוועקגעבונג פון דער קראַפט און איהר ווירקליכע אויסאיבונג, ד.ה. איהר דאַזיין אַלס געברויך־ווערטה, קומען אויף דעם אופן זיך ניט צוזאַמען אין צייט. ביי אַזעלכע סחורות אָבער, וואו די פאָרמעלע אָוועקגעבונג פונ׳ם געברויך־ווערטה דורכ׳ן פער־קויף קומט ניט פאַר אין איין צייט מיט דער ווירקליכער איבער־ליפערונג פון דעם דאָזיגען געברויך־ווערטה צום פערקויפער, פונק־ציאָנירט דעם קויפער׳ס געלד מייסטענס אַלס צאָהלונג־מיטעל.[49] אין אַלע לענדער פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן ווערט די אַרבייטס־קראַפט בעצאָהלט ערשט נאָכדעם ווי זי האָט שוין פונקציאָנירט דורכ׳ן טערמין, וואָס איז פעסטגעזעצט אין דעם קויף־קאָנטראַקט, צום ביישפּיעל צום סוף פון יעדער וואָך. אומע־טום אַוואַנסירט אויף דעם אופן דער אַרבייטער דעם קאַפּיטאַליסט דעם געברויך־ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט; ער לאָזט זי פערצעהרט ווערן פון קויפער, איידער ער האָט געקריגען בעצאָהלט איהר פּרייז: אומעטום קרעדיטירט דעריבער דער אַרבייטער דעם קאַפּיטאַליסט. אַז אָט די קרעדיטירונג איז ניט קיין פּוסטע איינ־בילדונג, ציינט ניט נאָר דער פערלוסט פון דעם קרעדיטירטען

[49] „יעדע אַרבייט ווערט ערשט בעצאָהלט נאָכדעם ווי זי האָט שוין אויפ־געהערט" („אַז אינקווייירי אינטו דאָוז פּרינסיפּלס רעספּעקטינג דהי נייטור אָוו דעמאַנד עטצ.", לאָנדאָן 1821, ז. 104.) „דער סוחר׳ישער קרעדיט האָט זיך געמוזט אָנהויבען אין יענעם מאָמענט, ווען דער אַרבייטער, דער ערשטער שאַפער פון דער פּראָדוקציאָן, איז דורך זיינע אָבשפּאָרונגען אימשטאַנד געווען צו וואַרטען אויף דער בעלוינונג פון זיין אַרבייט אַ וואָך, 14 טעג, אַ מאָנאַט אָדער אַ פערטעל יאָהר." (ש. גאַנליה, „דע סיסטעם דע ל׳עקאָנאָמיע פּאָליטיק", פּאַריז 1821, ב. 2, ז. 150.

זומציאָנס־פּראָצעס פון דער ארבייטס־קראַפט איז אין דערזעלבער צייט דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס פון סחורה און פון מעהר ווערטה. די קאָנזומציאָן פון דער ארבייטס־קראַפט, גלייך ווי די קאָנזומציאָן פון יעדער אנדער סחורה, ווערט דורכגעפיהרט אויסערהאלב דעם מארק אָדער פון דער צירקולאציאָנס־ספערע. מיר פערלאָזען דער־ריבער אָט די טומעלדיגע ספערע, וואָס ליעגט אויף דער אויבער־פלעך און אלע קאָנען זי זעהען, איינאיינעם מיט דעם בעזיצער פונ׳ם געלד און דעם בעזיצער פון די ארבייטס־קראַפט, כדי זיי ביידען נאָכצופאָלגען אין די פערבאָרגענע פלעצער פון דער פּראָ־דוקציאָן, איבער די טירען פון וועלכע עס שטעהט אויפגעשריבען: „נאָ אדמיטטאנס, עקסעפּט אָן ביזנעס" (דער אריינטריט איז ערלויבט נאָר פאר די, וואָס זיינען דאָ בעש־עפטיגט). דאָ וועט זיך ארויסצייגען ניט נאָר ווי דער קאפּיטאל פּראָדוצירט, נאָר אויך ווי מען פּראָדוצירט איהם, דעם קאפּיטאל, גופא. דער סוד פון דער פלוס־מאכעריי (ווי מען מאכט מעהר געלד) מוז זיך דאָ ענדליך אויפדעקען.

די ספערע פון דער צירקולאציע אָדער פון דעם סחורה־אויס־טויש, אין וועלכער עס בעוועגט זיך דער קויף און פערקויף פון דער ארבייטס־קראַפט, איז אין דער ווירקליכקייט אַן אמת׳ער גן־עדן פון די מיטגעבוירענע מענשען־רעכט. דאָס איינציגע, וואָס דאָ הערשט, איז פרייהייט, גלייכהייט, אייגענטום און בענטהאם.* פרייהייט! דען דער קויפער און דער פערקויפער פון דער סחורה, צ.ב.ש. פון דער ארבייטס־קראַפט, זיינען אונטערוואָרפען נאָר אונטער זייער אייגענעם פרייען ווילען. זיי שליסען קאָנ־טראַקטען אלס פרייע, יורידיש גלייכבערעכטיגטע פּערזאָנען. דער

---

* דער ענגלישער פילאזאף בענטהאם (1748—1832), וועלכער האט געלערנט די זאגענאנטע ניצליכקייט־פילאזאפיע (אוטיליטאריזמוס). לויט איהם נאך איז דער פערזענליכער אינטערעס די טרייב־קראפט פון אלע האנדלונגען. אבער אלע אינטערעסען, ווען מען פערשטעהט זיי ריכטיג, שטעהען אין א אינערליכער הארמאניע. דער ריכטיג־פערשטאנענער אינטערעס פון דעם איינצעלנעם איז אויך דער אינטערעס פון דער געזעלשאפט. דער ענגלישער ליבעראליזם איז בעהערשט געווארן פון אט דער לעהרע, פונקט ווי פון דעם „וואולגארען" פריי־האנדעל, ד.ה. פון דער פערפלאכטער טעאריע, וואס איז געשאפען געווארן פאר די בע־דערפעניסען פון דעם בירגערליכען המון. — קאוטסקי.

נאַטור פון דעם סחורה־אויסטויש גופא מאַכט עס קיין ענדערונג ניט, צי דאָס געלד פונקציאָנירט אַלס קויפמיטעל אָדער אַלס צאָהלונג־מיטעל. דער פּרייז פון דער אַרבייטס־קראַפט איז פעסטגעשטעלט על פי קאָנטראַקט, הגם ער ווערט רעאַליזירט ערשט אַ צייט שפּעטער, ווי די דירה־געלד פון אַ הויז. די אַרבייטס־קראַפט איז פערקויפט, ווען אַפילו מען בעצאָהלט פאַר איהר שפּעטער. דאָך אָבער איז ניצליך, צוליעב דער ריינער אויפפאַסונג פון דער שייכות, אָנצונעהמען פאַר דער ווייל, אַז דער בעזיצער פון דער אַרבייטס־קראַפט בעקומט יעדעס מאָל דעם על פי קאָנטראַקט אויסגעמאַכטען פּרייז אַזוי גלייך ווי ער פערקויפט זי.

מיר האָבען זיך שוין איצט בעקענט מיט דעם אופן פון דער בעשטימונג פון דעם ווערטה, וואָס דער געלד־בעזיצער צאָהלט דעם בעזיצער פון דער דאָזיגער אייגענטימליכער סחורה, די אַרבייטס־קראַפט. דער געברויך־ווערטה, וואָס דער געלד־בעזיצער פון זיין זייט קריגט אין אויסטויש, צייגט זיך ערשט אַרויס אין דעם ווירקליכען פערברויך, אין דעם קאָנזומציאָנס־פּראָצעס פון דער אַרבייטס־קראַפט. אַלע זאַכען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם דאָזיגען פּראָצעס, ווי רויה־מאַטעריאַל א.ד.ג. קויפט דער געלד־בעזיצער אויפ'ן סחורה־מאַרק און צאָהלט פאַר זיי דעם פולען פּרייז. דער קאָנ־

רעפּאָרט „אָן פּובליק העלטה ביי רהי מעדיקאַל אָפיסער אוו דהי פּריוויי קאַונסיל עטצ., 1864, ז. 264.) „די קאַטון־האַנדדרוקער פון פּייזלי און קילמאַנראָק (וועסטשאָטלאַנד) האָבען געוואונען אין 1853 דורך אַ סטרייק, אַז דער צאָהלונג־טערמין זאָל זיין אַלע 14 טעג אַנשטאַט יעדען מאָנאַט." (רעפּאָרטס אוו אינספּעקטאָרס אוו פעקטאָרים פאַר 31סט אוו אָקטאָבער 1853, ז. 34.) אַלס אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם קרעדיט, וואָס דער אַרבייטער גיט דעם קאַפּיטאַליסט, קאָן מען בעטראַכטען די מעטאָדע פון פיעלע ענגלישע בעזיצער פון קויהלען־מינען, לויט וועלכער זיי צאָהלען ערשט צום סוף פון מאָנאַט און געבען אין צווישענצייט אַוואַנסען, אָפט אין סחורות, פאַר וועלכע דער אַרבייטער מוז צאָהלען איבער דעם מאַרק־פּרייז [טראַק־סיסטעם, אַ סיסטעם צו צאָהלען די שכירות אין סחורה, אַנשטאַט אין בּאַרעס געלד — ק.] „עס איז אַן אַלגעמיינער איינפיהר אין די קויהלען־מינען אויסצוצאָהלען דעם לוין איינמאָל אין מאָנאַט. אין דער צווישענצייט געבען זיי אַוואַנסען סוף יעדער וואָך. די אַוואַנסען ווערען געגעבען אין קראָם (ד.ה. אין דעם טאָמי־שאָפּ, אָדער אין קראָם, וואָס געהערט צום מייסטער גופא); די אַרבייטער נעהמען זיי מיט איין האַנד אַריין און געבען עס מיט דער אַנדער האַנד גלייך אויס" (טשילדרען'ס עמפּלאָימענט קאָממישיאָן, 3טער רעפּאָרט, לאָנדאָן 1864, ז. 38.)

דריטער אבטייל.

די פראָדוקציאָן פון דעם אַבסאָלוטען מעהרווערטה.

קאָנטראַקט איז דער ענד־רעזולטאַט, אין וועלכען זייערע ווילענס געפינען אַן אַלגעמיין רעכטליכען אויסדרוק. גלייכהייט! וואָרים זיי בעציהען זיך איינע צו די אַנדערע נאָר אַלס סחורה־בעזיצער און טוישען עקוויוואַלענט אויף עקוויוואַלענט. איי־גענטום! וואָרים יעדערער זאָגט נאָר אַ דעה אויף דאָס זייניגע. בענטהאַם! ווייל יעדערער זאָרגט זיך נאָר וועגען זיך אַליין. די איינציגע מאַכט, וואָס ברענגט זיי צוזאַמען און האַלט זיי אין איין שייכות, איז די מאַכט פון זייער אייגענגוצען, פון זייער בעזונדערן געווינס, פון זייערע פּריוואַט־אינטערעסען. און טאַקע אַזוי, ווייל יעדערער זאָרגט נאָר פאַר זיך און קיינער ניט פאַר דעם אַנדערן, פיהרען זיי אַלע דורך, לויט אַ פריהער־בעשטימטער האַרמאָניע פון אַלע זאַכען, אָדער אונטער דער לייטונג פון אַ העכסט־פיפיגער השגחה, נאָר די אַרבייט פון זייער געגענ־זייטיגען געווינס, פון זייערע אַלגעמיינע נוצען, פון זייער אַלע־מענס אינטערעס.

נעהמענדיג אָבשייד פון אַט דער ספערע פון דער איינפאַכער צירקולאַציע אָדער סחורה־אויסטויש, פון וועלכער דער „פריי־הענד־לער וואולגאַרים" שעפּט זיינע אַנשויאונגען, בעגריפען און דעם מאָסשטאַב פאַר זיין אורטייל איבער דער געזעלשאַפט פון קאַ־פּיטאַל און לוין־אַרבייט—זיך צושיידענדיג מיט דער ספערע, שיינט אונז, אַז עס ווערט עפּעס אַן ענדערונג אין דער פיזיאָגנאָמיע פון די פיגורען פון אונזער דראַמאַ. דער פריהערדיגער געלד־בעזיצער געהט ברייטליך פאָרויס אַלס קאַפּיטאַליסט, דער אַרבייטס־קראַפט בעזיצער געהט איהם נאָך אַלס זיין אַרבייטער; איינער מיט אַ חשוב'ער מינע, אונטערשמייכלענדיג און פערטאָן אין געשעפט, דער אַנדערער שרעקענדיג, צוריקגעהאַלטען, ווי איינער וואָס האָט געבראַכט אויפ'ן מאַרק זיין אייגענע הויט און האָט מעהר גאָר־נישט צו דערוואַרטען אַ חוץ די—הויט־שינדעריי.

צו מאכען דעם נאטור־שטאָף פאר זיין אייגענס אין אזא פאָרם, וואָס ער זאָל קאָנען געברויכען פאר זיין אייגענעם לעבען. בעת ער ווירקט דורך אָט דער בעוועגונג אויף דער אויסערליכער נאטור און פערענדערט זי, פערענדערט ער אין דערזעלבער צייט אויך זיין אייגענע נאטור. ער ענטוויקעלט איהרע איינגעשלאָפענע כחות (פּאָטענצען) און אונטערוואַרפט זיי אונטער זיין אייגענער ממשלה. מיר האָבען דאָ ניט צו טהאָן מיט די ערשטע אינ־סטינקט־מעסיגע פאָרמען פון דער ארבייט, א שטייגער ווי די ארבייט פון חיות. אין פערגלייך מיט דעם צושטאנד, אין וועלכען דער ארבייטער טרעט ארויס אויפ'ן סחורה־מארק ווי א פערקויפער פון זיין אייגענער ארבייטס־קראפט, ליעגט יענער צושטאנד, ווען די מענשליכע ארבייט האָט נאָך ניט אראָבגעוואָרפען פון זיך די ערשטע אינסטינקטיווע פאָרם, פערדרוקט אין דעם אוראלטען הינ־טערגרונד. מיר נעהמען אָן די ארבייט אין אזא פאָרם, אין וועלכער זי געהערט אויסשליסליך דעם מענשען. די שפּין פיהרט דורך אָפּעראציעס, וואָס פערגלייכען זיך מיט די אָפּעראציעס פון דעם וועבער, און די ביהן פערשעמט מיט דעם בוי פון איהרע וואקס־צעלען ניט איינעם פון די מענשליכע ארכיטעקטען. וואָס עס צייכענט אָבער פון אָנהויב אָן אויס דעם ערגסטען ארכיטעקט פון דער בעסטער ביהן איז דאָס, וואָס ער האָט געבויט די צעל אין זיין קאָפּ איידער ער בויט זי אין דעם וואקס. ביים סוף פון דעם ארבייטס־פּראָצעס בעקומט זיך א רעזולטאט, וועלכער איז שוין אין זיין אָנפאנג געווען אין דעם ארבייטער'ס פאָרשטעלונג, ד.ה. האָט זיך שוין געפונען אידעעל. עס איז ניט נאָר דאָס, וואָס ער פיהרט דורך אן ענדערונג אין דער פאָרם פון עפּעס א נאטור־זאך; ער פערווירקליכט אין דער נאטור־זאך צו דערזעל־בינער צייט זיין בעוואוסטזיניגען צוועק, וועלכער בעשטימט די ארט און ווייז פון זיין טהאָן ווי א געזעץ און צו וועלכען ער מוז אונטערוואַרפען זיין ווילען. און די דאָזיגע אונטערוואַרפונג איז ניט קיין פעראיינצעלטער אקט. א חוץ דער אָנשטרענגונג פון די אָרגאנען, וועלכע ארבייטען, פאָדערט זיך א צוועקמעסיגער ווילען, וואָס דריקט זיך אויס אלס אויפמערקזאמקייט, די גאנצע צייט וואָס די ארבייט געדויערט; און די אויפמערקזאמקייט פאָ־דערט זיך אלץ מעהר, וואָס וועניגער די ארבייט, דורך איהר איי־

פינפטער קאַפּיטעל.

דער אַרבייט־פּראָצעס און דער פערוועּרטונג־פּראָצעס.

1. דער אַרבייט־פּראָצעס אָדער די פּראָדוקציאָן פון געברויך־ווערטהען.

דער געברויך פון דער אַרבייטס־קראַפט איז די אַרבייט גופא. דער קויפער פון דער אַרבייטס־קראַפט פערצעהרט זי דערמיט, וואָס ער שטעלט איהר פערקויפער אַרבייטען. דער לעצטער [דער פערקויפער] ווערט דורכדעם בפועל (אקטו) אַן אַרבייטס־קראַפט, וואָס פערווירקליכט זיך, אַן אַרבייטער, בעת פריהער איז ער געווען אַזעלכער נאָר בכח (פּאָטענציא). כדי ארויסצושטעלען זיין אַרבייט אין סחורות, מוז ער זי קודם אַרויסשטעלען אין געברויך־ווערטהען, אין זאכען, וועלכע דיענען צו דער בעפריעדיגונג פון וועלכע עס איז בעדערפענישען. פאָלגליך שטעלט דער קאַפּיטאַליסט אַוועק דעם אַרבייטער צו פערפערטיגען אַ בעזונדערן געברויך־ווערטה, אַ בעשטימטען אַרטיקעל. די פּראָדוקציאָן פון געברויך־ווערטהען אָדער גיטער ענדערט ניט איהר אַלגעמיינע נאַטור דורכדעם, וואָס זי ווערט געטאָן פאַר דעם קאַפּיטאַליסט און שטעהט אונטער זיין קאָנטראָל. מען דאַרף דעריבער קודם בעטראַכטען דעם אַרבייט־פּראָצעס אונאָבהענגיק פון יעדער בעשטימטער געזעלשאַפטליכער פאָרם.

די אַרבייט איז קודם אַ פּראָצעס, וואָס קומט פאָר צווישען מענשען און דער נאַטור—אַ פּראָצעס, אין וועלכען דער מענש דורך זיין אייגענער טהאַט ברענגט צושטאַנד, רעגולירט און קאָנטראָלירט די וועקסלונג פון שטאָפען צווישען זיך און דער נאַטור. ער טרעט אַרויס ווי אַ נאַטור־מאַכט אַנטקעגען דעם נאַטור־שטאָף גופא. ער ברענגט אין בעוועגונג די נאַטור־קרעפטען, וואָס געהערן זיין קערפּער, די אָרעמס און פיס, דעם קאָפּ און די הענד, כדי

צווישען זיך און דעם ארבייט־געגענשטאַנד, און וועלכער דיענט איהם ווי אַ פיהרער פון זיין טהעטיגקייט אויף דעם דאָזיגען געגענשטאַנד. ער בענוצט די מעכאַנישע, פיזישע און כעמישע אייגענשאַפטען פון די זאַכען, כדי זיי צו לאָזען ווירקען ווי קראַפט־מיטלען אויף אַנדערע זאַכען לויט זיין אייגענעם צוועק.[2] דער געגענשטאַנד, וועלכען דער ארבייטער בעהערשט דירעקט,—ניט רעכענענדיג דאָס נעהמען אין בעזיץ די פאַרטיגע לעבענסמיטלען, צ.ב.ש. פרוכטען, וואו זיינע אייגענע קערפּערליכע אָרגאַנען אליין דיענען ווי ארבייט־מיטלען—איז ניט דער ארבייט־געגענשטאַנד, נאָר דער אַרבייט־מיטעל. אַזוי פערוואַנדעלט ער זאַכען פון זיין אומגעבונג אין אָרגאַנען פון זיין טהעטיגקייט, אָרגאַנען וועלכע ער לעגט צו צו זיינע אייגענע קערפּערליכע אָרגאַנען, פערלענגערענדיג דורכדעם זיין נאַטירליכע געשטאַלט, להיפך צו דער ביבעל. אַזוי ווי די ערד איז זיין ערשטע פּראָוויאַנט־קאַמער, אַזוי איז זי אויך זיין ערשטער אַרסענאַל פון ארבייט־געצייג. זי ליווערט איהם צום ביישפּיעל דעם שטיין, וועלכען ער וואַרפט און מיט וועלכען ער רייבט, דריקט, שניידט א.אז.וו. די ערד גופא ווערט אַן ארבייט־מיטעל, איהר פונקציע אָבער אַלס ארבייט־מיטעל אין דער אגריקולטור זעצט פאָראויס אַ גאַנצע רייהע פון אַנדערע ארבייטס־מיטלען און לפי ערך שוין אַ הויכע ענטוויקלונג פון דער ארבייטס־קראַפט.[3] ווי נאָר דער ארבייט־פּראָצעס ווערט בכלל וויפיעל־ניט־איז ענטוויקעלט, פאָדערט ער שוין אויסגעאַרבייטע אַרבייטס־מיטלען. אין די הייהלען פון די אוראַלטע מענשען געפינען מיר שטיינערנע געצייג און שטיינערנע וואַפען. צוזאַמען מיט אויס־

---

[2] „די פערנונפט איז פונקט אַזוי כיטרע, ווי מעכטיג. די כיטרעקייט בעשטעהט איבערהויפּט אין דער אינדירעקטער טהעטיגקייט, וועלכע דערמיט וואָס זי לאָזט די זאַכען ווירקען לויט זייער אייגענער נאַטור איינע אויף די אַנדערע און ווערן בעאַרבייט איינע דורך די אַנדערע, דירעקט זיך גאָר ניט אריינמישענדיג אין דעם דאָזיגען פּראָצעס, פיהרט זי פונדעסטוועגען נאָר דורך איהר אייגענעם צוועק.” (העגעל, ענציקלאָפּעדיע, ערשטער טייל, די לאָגיק, בערלין 1840, ז. 382.)

[3] גאַנילה, אין זיין זאָנסט ניכטסווירדיגער שריפט „טהעאָריע דע ל'עקאָנאָמיע פּאָליטיק” (פּאַריז, 1815) רעכענט אויס, פּאָלעמיזירענדיג אַנטקעגען די פיזיאָקראַטען, אַ גרויסע רייהע פון ארבייט־פּראָצעסען, וואָס מוזען עקזיסטירן איידער די ריכטיגע אַגריקולטור קאָן זיך אָנהויבען.

גענעם אינהאַלט און דורכ'ן אופן פון איהר אויספיהרונג, אינטע־רעסירט דעם אַרבייטער, וואָס ווייניגער, הייסט עס, ער געניעסט די אַרבייט אַלס אַ צושפּיעלען־זיך פון זיינע אייגענע קערפּערליכע און גייסטיגע כחות.

די איינפאַכע מאָמענטען פון דעם אַרבייט־פּראָצעס זיינען 1) די צוועקמעסיגע טהעטיגקייט אָדער די אַרבייט גופא; 2) דער געגענשטאַנד, א ו י ף וועלכען זי ווירקט און 3) דער מיטעל ד ו ר ך וועלכען זי ווירקט.

די ערד (וואָס שליסט אויך איין, אין דעם עקאָנאָמישען זין, דאָס וואַסער), ווי זי בעזאָרגט דעם מענשען אורשפּרינגליך מיט שפּייז און פאַרטיגע לעבענס־מיטלען,[1] עקזיסטירט אָהן זיין מיט־ווירקונג אַלס דער אַלגעמיינער געגענשטאַנד פון מענשליכער אַר־בייט. אַלע זאַכען, וועלכע די אַרבייט רייסט נאָר אַרויס פון זייער דירעקטען צוזאַמענהאַנג מיט דער ערד, זיינען פון דער נאַטור אָנ־געגרייטע אַרבייט־געגענשטאַנדען. אַזוי צ.ב.ש. די פיש, וועלכע ווערען אַרויסגעריסען, געפאַנגען, פון זייער לעבענס־עלעמענט, דעם וואַסער, דאָס האָלץ, וואָס ווערט אויסגעהאַקט פון דעם פּרימיטי־ווען וואַלד, די מעטאַלען, וואָס ווערען אויסגעגראָבען פון זייערע אָדערען. אויב פערקעהרט דער אַרבייט־געגענשטאַנד איז שוין אַזוי צו זאָגען פילטרירט געוואָרען, דורכגעגאַנגען, דורך פריהער־דיגער אַרבייט, דאַן רופען מיר איהם אָן רויה־מאַטעריאַל. צום ביישפּיעל דער אויסגעגראָבענער מעטאַל, וועלכער דאַרף איצט אויסגעוואַשען ווערען. יעדער רויה־מאַטעריאַל איז אַן אַרבייט־גע־גענשטאַנד, אָבער ניט יעדער אַרבייט־געגענשטאַנד איז רויה־מאַ־טעריאַל. נאָר דער אַרבייט־געגענשטאַנד איז רויה־מאַטעריאַל, ווען ער איז שוין דורכגעגאַנגען אַ פערענדערונג דורך אַרבייט.

אַן אַרבייטס־מאַטעריאַל איז אַ זאַך אָדער אַ קאָמפּלעקס [אַ צונויפשטעלונג] פון זאַכען, וועלכען דער אַרבייטער שטעלט אוועק

---

[1] „די פּרייוויליגע שאַפונגען פון דער ערד זיינען ווייניגלאַך און גאַנץ אונ־אָבהענגיק פון דעם מענשען. עס זעהט אויס דעריבער ווי זיי וואָלטען געגעבען געוואָרען פון דער נאַטור מיט דערזעלבער כונה, ווי ווען מען גיט אַ יונגען מאַן אַ קליינע סומע געלד, כדי איהם צו שטעלען אין דער לאַגע צו קאָנען אָנהויבען אַרבייטען פאַר זיך און זיך ערווערבען אַ פערמעגען.“ (דזשיימס סטואַרט, „פּרינציפּלס אָוו פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי“, דובלין 1770, ב. 1, ז. 116.)

קריג א.אז.וו. ערשט אַין דער כעמישער פאַבריקאַציע שפּיעלען זיי א בעדייטענדע ראָליע.*[5]

אַ חוץ די זאכען, וועלכע פערמיטלען די ווירקונג פון דער ארבייט אויף איהר געגענשטאנד, און וועלכע דיענען דריבער אויף איין אופן אָדער אנאנדערן אלס די דורכפיהרער פון דער טהעטיג־קייט, געהערן צו דעם ארבייט־פּראָצעס אין א ברייטערן זין אלע מאטעריעלע בעדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג, כדי דער פּראָצעס זאָל איבערהויפּט קאָנען פאָרקומען. זיי געהען אין איהם ניט אריין דירעקט, אָבער אָהן זיי קאָן ער ענטוועדער גאָרניט פאָר־קומען, אָדער נאָר אויף א ניט־פאָלקאָמענעם אופן. דער אלגע־מיינער ארבייטס־מיטעל פון דעם סאָרט איז ווידער אמאָל די ערד גופא; ווארים זי גיט דעם ארבייטער די גרונדלאגע, אויף וועלכער ער שטעהט, און דעם פּראָצעס זיינעם—דעם רוים פאר זיין ווירקונג (פיעלד אוו עמפּלאָימענט). ארבייטס־מיטלען פון דעם סאָרט, וואָס זיינען שוין געשאַפען געוואָרן דורך ארבייט, זיינען צ.ב.ש. ארבייטס־געביידען, קאנאלען, גאסען א.אז.וו.

די טהעטיגקייט פונ'ם מענשען מיט דער הילף פון דעם אר־בייטס־מיטעל פיהרט, הייסט עס, דורך אין דעם ארבייט־פּראָצעס אַ פון פריהער בעצוועקטע פערענדערונג פון דעם ארבייט־געגענ־שטאנד. דער פּראָצעס ווערט אויסגעלאָשען אין דעם פּראָדוקט. זיין פּראָדוקט איז א געברויך־ווערטה, א נאַטור־שטאָף, וואָס ווערט צוגעפּאסט צו די מענשליכע בעדערפענישען דורך א פערענדערונג אין דער פאָרם פון דעם שטאָף. די ארבייט האָט זיך פערבונדען מיט איהר געגענשטאנד. זי איז פערקערפּערט געוואָרן אין דעם געגענשטאנד און דער געגענשטאנד איז פערארבייט געוואָרן. וואָס מצד דעם ארבייטער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון אונרוה [בעוועגונג], בעווייזט זיך איצטער מצד דעם פּראָדוקט

---

*[5] נאָטע צו דער 2טער אויסגאַבע. ווי ווענינג די ביזאהעריגע לעהרע פון געשיכטע קען די ענטוויקלונג פון דער מאטעריעלער פּראָדוקציאָן, פאָלגליך די גרונדלאַגע פון גאַנצען געזעלשאפטליכען לעבען און ממילא די גאַנצע ווירקליכע געשיכטע, דאָך האָט מען ווענינגסטענס די פּאָר־היסטאָרישע צייט אָבגעטיילט, אויפ'ן גרונד פון נאַטור־וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, ניט פון די אַזוי־גערופענע היסטאָרישע פאָרשונגען, אין דעם שטיין־אַלטער, בראָנז־אַלטער און אייזען־אַלטער, לויט דעם מאַטעריאַל פון די ווערקצייג און די וואַפען.

נעאַרבייטע שטיינער, האָלץ, ביינער און ים־שאָלען, אין אָנפאַנג פון דער מענשליכער געשיכטע, שפּיעלען די הויפּט־ראָליע אלס ארבייט־מיטלען די געצוימטע טהיערען, ד.ה. די וואָס זיינען שוין דורך ארבייט פערענדערט און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן.[4] דער געברויך און די בעשאפונג פון ארבייט־מיטלען, הגם אַן אָנהויב דערפון געפינט מען שוין ביי געוויסע מינים חיות, כאראקטעריזירן דעם ספּעציפיש־מענשליכען ארבייט־פּראָצעס, און פראנקלין האָט דעריבער דעפינירט דעם מענשען אלס א „טולמייקינג אנימאל"— א חיה, וואָס פאבריצירט געצייג. דיזעלבע וויכטיגקייט, וואָס די אַלטע, געבליבענע ביינער האָבען פאר דער פאָרשונג פון דער אָר־גאניזאציע פון אויסגעשטאָרבענע מינים חיות, האָבען די אַלטע, געבליבענע ארבייטס־מיטלען פאר דער בעטראַכטונג פון די אונ־טערגעגאנגענע עקאָנאָמישע געזעלשאפט־פאָרמען. די עקאָנאָמישע עפּאָכען אונטערשיידען זיך ניט דורכדעם, וואָס עס ווערט געמאכט אין יעדער עפּאָכע, נאָר ווי אזוי. מיט וועלכע ארבייטס־מיטלען דאָס ווערט געמאכט.[5] די ארבייטס־מיטלען זיינען ניט נאָר די מאָס פון דעם ענטוויקלונג־גראַד פון דער מענש־ליכער ארבייטס־קראפט, נאָר אויך דער אָנצייגער פון די געזעל־שאפטליכע שייכות'ן, אונטער וועלכע עס ווערט געארביים. צווי־שען די ארבייטס־מיטלען גופא זיינען די מעכאנישע ארבייטס־מיטלען, וועלכע צוזאמענגענומען קאָנען אָנגערופען ווערן דער ביי־נער־ און מוסקול־סיסטעם פון דער פּראָדוקציאָן, פיעל מעהר ענט־שיידענדע כאראקטער־צייכענס פון א געזעלשאפטליכער פּראָדוק־ציאָנס־עפּאָכע אײדער אזוינע ארבייטס־מיטלען, וועלכע דיענען נאָר צו האַלטען אין זיך דעם ארבייט־געגענשטאנד, און וועלכע צוזאמענגענומען קאָנען בכלל בעצייכענט ווערן, ווי דער געפעס־סיסטעם פון דער פּראָדוקציאָן, ווי למשל רעהרען, פעסער, קערב,

---

[4] טורגאָ, אין זיינע „בעטראַכטונגען וועגען דער אויסבילדונג און פערטיילונג פון רייכטום" (פראנצ.) ענטוויקעלט גוט די וויכטיגקייט פון די געצוימטע טהיערען פאר די אָנהויבען פון דער קולטור.

[5] פון אַלע סחורות האָבען די אייגענטליכע לוקסוס־סחורות די קלענסטע בע־דייטונג פאר דעם טעכנאָלאָגישען פערגלייך פון די פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־עפּאָכען.

ליכער קאָנטראָל און דורך דער מענשליכער ארבייט. וואָס איז שייך אָבער די ארבייטס־מיטלען בעזונדערס, בעווייזט די גרעסטע מעהרצאָהל פון זיי פון אויבען־אויף די שפורען פון פערגאנגענער ארבייט.

דער רויה־מאטעריאל קאָן זיין די הויפט־סובסטאנץ פון א פראָדוקט, אָדער ער קאָן אריינגעהן אין זיין פראָדוקציאָן נאָר ווי א הילף־שטאָף. דער הילף־שטאָף קאָן פערצעהרט ווערן פון דעם ארבייטס־מיטעל, ווי קויהלען פון דער דאמף־מאשין, אויל פון דעם ראָד, היי פון דעם צוג־פערד; אָדער ער קאָן צוגעזעצט ווערן צום רויה־מאטעריאל, כדי אריינצוברענגען אין איהם א מאטע־ריעלע ענדערונג, ווי כלאָר צו דעם אונגעבלייכטען לייווענט, קויה־לען צו דעם אייזען, פארב צו דער וואָל; אָדער ער העלפט מיט דער ארבייט גופא, ווי צ.ב.ש. די מאטעריאלען, וואָס ווערן פער־ווענדט צו בעהייצען אָדער בעלייכטען דעם ארבייט־פלאץ. דער אונטערשייד צווישען הויפט־שטאָף און הילף־שטאָף פעשווווינדט אין דער ריכטיגער כעמישער פאבריקאציע, ווייל קיינער פון די געברויכטע רויה־מאטעריאלען קומט ניט ארויס צוריק אלס די סובסטאנץ פון דעם פראָדוקט.[8]

אזוי ווי יעדע זאך האָט פיעלערליי אייגענשאפטען און האָט דעריבער בכח אָנגעווענדעט צו ווערן צו פערשיידענע נוצען, קאָן דערזעלביגער פראָדוקט זיין דער רויה־מאטעריאל פאר זעהר פער־שיידענע ארבייט־פראָצעסען. קאָרן צ.ב.ש. איז רויה־מאטעריאל פאר דעם מילנער, דעם קראָכמאל־פאבריקאנט, דעם בראנפען־טרייבער, דעם פיה־ציכטער א.אז.וו. אלס זריעה איז ער רויה־מאטעריאל פאר דער פראָדוקציאָן פון זיך אליין. אזוי קומען ארויס קויהלען פון דער מינען־אינדוסטריע אלס פראָדוקט און געהען אריין אין דערזעלביגער אינדוסטריע אלס פראָדוקציאָנס־מיטעל.

דערזעלבער פראָדוקט קאָן אין דעמזעלביגען ארבייטס־פראָצעס דיענען ווי אן ארבייטס־מיטעל און ווי רויה־מאטעריאל. ביים

---

8 שטאָרך אונטערשיידט דעם ריכטיגען רויה־מאטעריאל אלס „מאטיער" פון דעם הילף־שטאָף אלס „מאטעריא"; שערבולע בעצייכענט די הילף־שטאָפען אלס „מאטיער אינסטרומענטאל".

ווי א רוהענדע אייגענשאפט אין דער פאָרם פון זיין [עקזיסטענץ]. דער ארביימער האָט געוועבט און דער פּראָדוקט איז א געוועב.

בעטראכט מען דעם גאנצען פּראָצעס פונ'ם שטאנדפּונקט פון זיין רעזולטאט, פון דעם פּראָדוקט, בעווייזען זיך ביידע, דער ארבייטס־מיטעל און דער ארבייטס־געגענשטאנד, ווי פּראָדוקציאָנס־מיטלען,[6] און די ארבייט גופא ווי א פּראָדוקטיווע ארבייט.[7]

ווען עס קומט ארויס א געברויך־ווערטה אלס פּראָדוקט פון דעם ארבייטס־פּראָצעס, געהען אין איהם אריין אנדערע געברויך־ווערטהען, די פּראָדוקטען פון פריהערדיגע ארבייטס־פּראָצעסען, אלס פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דערזעלביגער געברויך־ווערטה, וואָס מאכט אויס דעם פּראָדוקט פון אָט דער ארבייט, מאכט אויס דעם פּראָדוקציאָנס־מיטעל פון אנאנדער ארבייט. פּראָדוקטען זיינען דעריבער ניט נאָר דער רעזולטאט, נאָר אין דערזעלבער צייט אויך דער בעדינגג פון דעם ארבייטס־פּראָצעס.

מיט דער אויסנאַהם פון דער עקסטראַקטיווער אינדוסטריע, וועלכע ציהט ארויס איהר ארבייט־געגענשטאנד פון דער נאַטור, ווי מינען־ארבייט, געיעג, פיש־פאנג א.אז.וו. (דער אקערבוי נאָר אזוי ווייט ווי ער ברעכט אויף אין ערשטער אינסטאנץ די יונג־פרוייליכע ערד גופא)—בעהאנדלען אלע אינדוסטריע־צווייגען א געגענשטאנד, וועלכער איז רויה־מאַטעריאל, ד.ה. אזעלכען, וואָס איז שוין דורכגעגאנגען דורך ארבייט, וואָס איז שוין אליין אן ארבייטס־פּראָדוקט. אזוי צ.ב.ש. די זריעה אין דער אגריקולטור. טהיערען און פלאנצען, וועלכע מען פלעגט בעטראכטען אלס נאַ־טור־פּראָדוקטען, זיינען אודאי ניט נאָר פּראָדוקטען פון דער אר־בייט פון פאָריגען יאָהר, נאָר זיי זיינען אין זייערע איצטיגע פאָרמען אויך פּראָדוקטען פון נאָכאנאנדיגע אומוואנדלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פון פיעלע דורות, אונטער דער מענש־

---

[6] עס קומט אויס ווי א פּאראדאקס אנצורופען צ.ב.ש. דעם פיש, וועלכער איז נאָך ניט געפאנגען, א פּראָדוקציאָן־מיטעל פאר דעם פיש־פאנג. עס איז אבער דערווייל נאָך ניט אויסגעפונען געוואָרן די קונסט צו כאפּען פיש אין וואסערן, וואו עס געפינען זיך ניט קיין פיש.

[7] אָט די בעשטימונג פון פּראָדוקטיווער ארבייט, וואָס עס בעקומט זיך פון דעם שטאנדפּונקט פון דעם איינפאכען ארבייט־פּראָצעס, דעקט אויף קיין פאַל ניט דעם קאפּיטאליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.

דוקט פון די פערגאנגענע ארבייטען פון דעם פויער, דעם מילנער, דעם בעקער א.אז.וו. פערקעהרט. ווען די פראָדוקציאָנס־מיטלען ווייזען אין דעם ארבייטס־פּראָצעס בולט ארויס זייער כאראקטער אלס פּראָדוקטען פון פערגאנגענער ארבייט, ווייזען זיי עס ארויס נאָר דורך זייערע חסרונות. אַ מעסער וואָס שניידט ניט, וואָל־פעדים וואָס רייסען זיך נאָכאנאַנד א.אז.וו. דערמאָנען שטארק דעם מעסער־שמיעד א און דעם שפינער ב. אין דעם געלונגענעם פּראָדוקט איז דער אומשטאַנד, וואָס ער האָט בעקומען זיינע גע־ברויך־איינענשאפטען דורך פערגאנגענער ארבייט, אויסגעלאָשען.

אַ מאשין, וואָס דיענט ניט אין דעם ארבייט־פּראָצעס, איז נוצלאָז. אַ חוץ דעם ווערט זי אונטערוואָרפען דער צערשטע־רענדער מאכט פון דער נאַטירליכער שטאָף־ענדערונג. דאָס אייזען ווערט פערראָסט, דאָס האָלץ ווערט פערפוילט. פאָדים, וואָס ווערט ניט פערברויכט אין וועבען אָדער שטריקען, איז פערדאָר־בענע באוועל. די לעבעדיגע ארבייט מוז די דאָזיגע זאכען אויפ־כאַפּען, זי מוז זיי דערוועקען פון די טויטע, זי מוז זיי פערוואנדלען פון בלויז־מעגליכע געברויך־ווערטהען אין ווירקליכע און ווירקענדע געברויך־ווערטהען. ארומגעכאַפּט פונ׳ם פייער פון דער ארבייט, אַסימילירט ווי זיי וואָלטען געווען איהרע קערפּערס, גערופען אין דעם פּראָצעס צו פערריכטען די פונקציעס, וואָס ליעגען אין זייער בעגריף און בעשטימונג—ווערן זיי טאקע אפילו אויך פערצעהרט, אָבער צוועקמעסיג, אלס עלעמענטען צו שאפען נייע געברויך־ווערטהען, נייע פּראָדוקטען, וועלכע האָבען בכח ארייננצוגעהן אין דעם אינדיווידועלען קאָנזום אלס לעבענסמיטלען, אָדער אין אַ נייעם ארבייט־פּראָצעס אלס פּראָדוקציאָנס־מיטלען.

אויב, אלזאָ, די פאַראַנענע פּראָדוקטען זיינען ניט נאָר רע־זולטאטען, נאָר אויך עקזיסטענץ־בעדינגונגען פון דעם ארבייט־פּראָצעס, איז פון דער אנדער זייט זייער אריינוואַרפען זיך אין דעם ארבייט־פּראָצעס, ד.ה. זייער בעריהרונג מיט לעבעדיגער אר־בייט, דער איינציגער מיטעל ווי אזוי די דאָזיגע פּראָדוקטען פון פערגאנגענער ארבייט אויפצוהאלטען און פערווירקליכען אלס גע־ברויך־ווערטהען.

די ארבייט פערברויכט איהרע מאטעריעלע עלעמענטען—איהר געגענשטאַנד און איהר מיטעל—זי עסט זיי אויף, און איז

אָבקאַרמענגען בהמות צ.ב.ש. זיינען די בהמות דער רויה־מאַטע־ריאַל, וואָס ווערט בעאַרבייט און אין דערזעלביגער צייט זיינען זיי דער מיטעל צו מאַכען בעמיסטיגונג.

אַ פּראָדוקט וואָס עקזיסטירט אין אַ פאַרטיגער פאָרם פאַר'ן געברויך, קאָן ווידער ווערן אַ רויה־מאַטעריאַל פון אַנאַנדער פּראָ־דוקט, ווי די וויינטרויבען ווערן אַ רויה־מאַטעריאַל פון דעם ווייִן. אָדער די ארבייט לאָזט ארויס איהר פּראָדוקט אין אַזאַ פאָרם, אין וועלכער ער קאָן נאָר געברויכט ווערן אלס רויה־מאַטעריאַל. אַ רויה־מאַטעריאַל אין אָט דעם צושטאַנד הייסט אַ האַלב־פאַברי־קאַט, ווי צ.ב.ש. באַוועל, פאָדים, וואָל א.אז.וו. אפילו ווען ער איז שוין אַליין אַ פּראָדוקט, קאָן דער ערשטער רויה־מאַטעריאַל דאַרפען דורכגעהן אַ גאַנצע רייהע פון פערשיידענע פּראָצעסען, אין וועלכע ער פונקציאָנירט שטענדיג פון דאָס נייַ אלס רויה־מאַטע־ריאַל אין שטענדיג פערענדערטע געשטאַלטען, ביז צום לעצטען אַרבייט־פּראָצעס, וועלכען ער פערלאָזט שוין ווי אַ פאַרטיגער לעבענס־מיטעל אָדער ווי אַ פאַרטיגער ארבייטס־מיטעל.

מען זעהט דערפון, אַז צי אַ געברויך־ווערטה קומט פאַר אלס רויה־מאַטעריאַל, ארבייטס־מיטעל אָדער פּראָדוקט, העננט אינ־גאַנצען אָב פון זיין בעשטימטער פונקציע אין דעם ארבייט־פּראָ־צעס, פון דער שטעלע, וואָס ער נעהמט אין איהם; און מיט דעם איבערבייט פון דער שטעלע, בייטען זיך יענע בעשטימונגען.

די פּראָדוקטען פערלירן דעריבער, דורך זייער אריינטרעטען אין נייע ארבייט־פּראָצעסען אלס פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דעם כאַ־ראַקטער פון אַ פּראָדוקט. זיי פונקציאָנירן נאָך בלויז ווי מאַטע־ריעלע פאַקטאָרען פון דער לעבעדיגער ארבייט. דער שפּינער בע־האַנדעלט די שפּינדעל נאָר ווי אַ מיטעל, מיט וועלכען ער שפּינט, דעם פלאַקס—נאָר ווי אַ געגענשטאַנד, וועלכען ער שפּינט. גאַנץ געוויס קאָן מען ניט שפּינען אָהן שפּין־מאַטעריאַל און אָהן אַ שפּינדעל. עס ווערט דעריבער אָנגענומען אין פאָראויס, אַז די דאָזיגע פּראָדוקטען זיינען פאַרהאַן ביים אָנהויבען שפּינען. דער אומשטאַנד אָבער, וואָס דער פלאַקס און די שפּינדעל זיינען פּראָ־דוקטען פון אַ פערגאַנגענער ארבייט, איז פאַר אָט דעם פּראָצעס גופא פּונקט אַזוי גלייכגילטיג, ווי פאַר דעם אקט פון דערנעהרונג איז גאַנץ עגאַל דער אומשטאַנד, וואָס דאָס ברויט איז דער פּראָ־

פראצעס, אונטער וועלכע בעדינגונגען ער קומט פאר, צי אונטער דעם ברוטאלען בייטש פון דעם שקלאווען־אויפזעהער, אדער אונ־טער די אויסגערעכענטע אויגען פון דעם קאפיטאליסט, צי ציניצי־נאטוס פיהרט אן די ארבייט אויף זיינע פאר אקער לאנד, אדער דער ווילדער, וואס דער׳הרג׳עט א חיה מיט א שטיין.[9]

2. דער פערוויערטונג־פראצעס אדער די פראדוקציאן פון מעהר־ווערטה.

לאמיר זיך אומקעהרן צוריק צו אונזער קאפיטאליסט, וואס האלט איצט אין ווערן. מיר האבען איהם פערלאזען נאכדעם ווי ער האט געקויפט אויפ׳ן סחורה־מארק די אלע נויטיגע פאקטארען פאר דעם ארבייט־פראצעס—די מאטעריעלע פאקטארען אדער די פראדוקציאנס־מיטלען, דעם פערזענליכען פאקטאר אדער די אר־בייטס־קראפט. מיט דעם שלויען בליק פון א מבין האט ער זיך אויסגעקליבען די פראדוקציאנס־מיטלען און די ארבייטס־קרעפטען, וואס פאסען זיך פאר זיין ספעציעלען געשעפט, שפינעריי, שטיי־וועל־פאבריקאציע א.אז.וו. אונזער קאפיטאליסט נעהמט זיך פאר דער ארבייט צו קאנזומירן די סחורה—די ארבייטס־קראפט—וואס ער האט געקויפט; ד.ה. ער שטעלט אוועק דעם טרעגער פון דער ארבייטס־קראפט, דעם ארבייטער, ער זאל קאנזומירן די פראדוק־ציאנס־מיטלען דורך זיין ארבייט. פערשטעהט זיך, די אלגעמיינע נאטור פון דעם ארבייט־פראצעס ענדערט זיך ניט דורכדעם, וואס דער ארבייטער פיהרט אן דעם פראצעס פאר דעם קאפיטאליסט, אנשטאט פאר זיך אליין. אבער אזוי אויך קאן זיך מיט אמאל

[9] אויף אט דעם העכסט־לאגישען גרונד האט טאקע דער אפיציער טאררענס ענטדעקט אין דעם שטיין פון דעם ווילדען—דעם אורשפרונג פון קאפיטאל. „אין דעם ערשטען שטיין, וואס דער ווילדער ווארפט אויף דער חיה, וועלכע ער פערפאלגט, אין דעם ערשטען שטאק, וואס ער כאפט אן, כדי ארונטערצושלעפען די פרוכט פון בוים, וועלכע ער קאן ניט דערלאנגען מיט די הענד, זעהען מיר די אנאייגענונג פון איין ארטיקעל מיט דעם צוועק צו ערווערבען אנאנדער ארטיקעל, און מיר ענטדעקען אויף דעם אופן—דעם אורשפרונג פון קאפיטאל.” (ר. טאררענס, „אן עססיי אן די פראדאקשאן אוו וועלטה עטצ.”, עדינבורג 1836, ז. 70, 71.) פון יענעם ערשטען שטאק קאן מען הפנים אויך דערקלערן, פארוואס „סטאק” אין ענגליש האט דיזעלביגע בעדייטונג ווי קאפיטאל.

דעריבער א קאָנזומציאָנס־פּראָצעס. אָט די פּראָדוקטיווע קאָנ־זומציאָן אונטערשיידט זיך פון דער אינדיווידועלער קאָנזומציאָן דערמיט, וואָס די לעצטע פערצעהרט די פּראָדוקטען אלס לעבענס־מיטעל פון דעם לעבעדיגען אינדיווידום, בעת די ערשטע פערצעהרט זיי אלס לעבענסמיטעל פון דער ארבייט, פון דעם אינדיווידום׳ס זיך־פערווירקליכענדע ארבייטס־קראפט. דער פּראָדוקט פון דער אינדיווידועלער קאָנזומציאָן איז דעריבער דער קאָנזומענט אליין; דער רעזולטאט פון דער פּראָדוקטיווער קאָנזומציאָן איז א פּראָ־דוקט, וואָס אונטערשיידט זיך פון דעם קאָנזומענט.

אויף וויפיעל איהר מיטעל און איהר געגענשטאנד גופא זיינען שוין פּראָדוקטען, פערצעהרט די ארבייט פּראָדוקטען, כדי צו שאפען פּראָדוקטען, אָדער זי פערנוצט פּראָדוקטען אלס פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען פון פּראָדוקטען. אָבער פונקט ווי דער ארבייט־פּראָצעס קומט אורשפּרינגליך פאָר צווישען דעם מענשען און דער ערד, וואָס עקזיסטירט אָהן זיין מיטווירקונג, אזוי דיענען אין דעם ארבייט־פּראָצעס נאָך איצטער אויך אזוינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס זיינען געגעבען פון דער נאטור, וואָס שטעלען ניט פאָר קיין פערבינדונג צווישען דעם נאטור־שטאָף און דער מענשליכער ארבייט.

דער ארבייט־פּראָצעס, ווי מיר האָבען איהם דאָ בעשריבען אין זיינע איינפאכע און אבסטראקטע מאָמענטען, איז א צוועק־מעסיגע טהעטיגקייט כדי צו שאפען געברויך־ווערטהען, א אָנאיי־גענונג פון דעם נאטירליכען מאטעריאל פאר מענשליכע בעדער־פעגישען, אן אלגעמיינער בעדינג פון דער שטאָף־וועקסלונג צווי־שען דעם מענשען און דער נאטור, אן אייביגער נאטור־בעדינג פון דעם מענשליכען לעבען און דעריבער אזוינס, וואָס איז אונאָב־העגגיק פון יעדער פאָרם פון דעם דאָזיגען לעבען, נאָר אדרבא געמיינשאפטליך פאר אלע זיינע געזעלשאפט־פאָרמען גלייך. מיר האָבען דעריבער ניט געהאט נויטיג צו בעטראכטען דעם ארבייטער אין זיין שייכות צו אנדערע ארבייטער. עס איז געווען גענוג פאָרצושטעלען דעם מענשען און זיין ארבייט אויף איין זייט, די נאטור און איהרע מאטעריאלען אויף דער אנדער זייט. אזוי ווי מען קאָן ניט זאָגען נאָכ׳ן געשמאק פונ׳ם ווייץ ווער עס האָט אויף איהם געארבייט, אזוי קאָן מען ניט אָנזעהן אויף דעם ארבייט־

ביים גופא אלס א לעבעדיגען פערמענט אין די טויטע עלעמענטען, וואָס שטעלען צונויף דעם פּראָדוקט, וועלכע געהערן אויך צו איהם. פון זיין שטאנדפונקט איז דער ארבייט־פּראָצעס בלויז דער פערברויך פון דער סחורה ארבייטס־קראפט, וואָס ער האָט געקויפט, און וועלכע ער קאָן אָבער נאָר פערברויכען, ווען ער גיט צו צו איהר פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דער ארבייט־פּראָצעס איז א פּראָצעס צווישען זאכען, וועלכע דער קאפּיטאליסט האָט געקויפט— צווישען זאכען, וואָס געהערן צו איהם. דער פּראָדוקט פון דעם ראָזיגען פּראָצעס געהערט דעריבער אינגאנצען צו איהם, פּונקט אזויפיעל ווי דער פּראָדוקט פונ׳ם איהרן־פּראָצעס אין זיין וויין־קעלער.[10]

דער פּראָדוקט—דעם קאפּיטאליסט׳ס אייגענטום—איז א געברויך־ווערטה, דהינו וואָל־פעדים, שטיוועל א.אז.וו. אָבער הגם שטיוועל, צום ביישפּיעל, בילדען געוויסערמאסען דעם באזיס פון דעם געזעלשאפטליכען פּראָגרעס—און אונזער קאפּיטאליסט איז א שטארקער פּראָגרעסיסט—פונדעסטוועגען פאבריצירט ער ניט די

10 „די פּראָדוקטען זיינען אנגעאייגענט איידער זיי ווערן פערוואנדעלט אין קאפּיטאל; די פערוואנדלונג ציהט זיי ניט אב פון דער דאזיגער אנאייגנונג." (שערבוליע. „ריש אז פּאוור", פּאריז 1841, ז. 53, 54.) „דורכדעם וואָס דער פּראָלעטאריער פערקויפט זיין ארבייט פאר א בעשטימטען סכום לעבענס־מיטלען, זאגט ער זיך פּאָלשטענדיג אב פון יעדען אנטייל אין דעם פּראָדוקט. די אנאייגענונג פון די פּראָדוקטען בלייבט דיזעלביגע ווי פריהער; זי איז בשום אופן ניט פערענדערט געוואָרן דורך דעם דערמאָנטען אבמאך. דער פּראָדוקט געהערט אויסשליסליך דעם קאפּיטאליסט, וועלכער האָט צוגעשטעלט די רויה־מאטעריאלען און די לעבענס־מיטלען. דאָס איז דער שטרענגער אויספיהר פון דעם געזעץ פון אפּראָפּריאַציע, וועמעס גרונד־פּרינציפּ איז פריהער געוועזען אקוראט דער היפּך, ד.ה. אז יעדער ארבייטער האָט געהאט דאס אויסשליסליכע אייגענטום־רעכט אויף זייע פּראָדוקט." (דארט גופא, ז. 58.) — „ווען די ארבייטער ארבייטען פאר אן ארבייטס־לוין, איז דער קאפּיטאליסט דער אייגענטימער ניט נאָר פון דעם קאפּיטאל (מען מיינט דאָ די פּראָדוקציאָנס־מיטלען), נאָר אויך פון דער ארבייט. אויב אין דעם בעגריף פון קאפּיטאל ווערט איינגעשלאָסען, ווי די געוועהנהייט איז, אויך דאָס, וואָס ווערט אויסגעצאָהלט אלס ארבייטס־לוין, דאן האָט קיין טעם ניט צו רעדען וועגען דער ארבייט ווי פון עפּעס, וואָס איז אָבגעזונדערט פונ׳ם קאפּיטאל. דאָס וואָרט קאפּיטאל אין אָט דעם זין שליסט איין ביידען, קאפּיטאל און ארבייט." (דזשיימס מילל, „עלעמענטס אוו פּאָליטיקאל עקאנאמיע עטצ.", לאָנדאָן 1821, ז. 70, 71.)

ניט ענדערן דער בעשטימטער אופן ווי מען מאכט שטיוועל אדער ווי מען שפינט וואָל צוליעב דעם, וואָס דער קאפיטאליסט איז דאָ אריינגעטראָטען אין דער מיט. ער מוז קודם נעהמען די ארבייטס־קראפט ווי ער געפינט זי אויפ'ן מארק, און פאָלגליך אויך איהר ארבייט, ווי זי איז ארויסגעוואקסען אין א פעריאָדע, ווען עס זיינען נאָך קיין קאפיטאליסטען ניט געווען. די פערוואנדלונג פון דעם פראָדוקציאָנס־אופן גופא, דורכדעם וואָס די ארבייט איז געשטעלט געוואָרן אונטער דעם קאפיטאל, קאָן ערשט שפעטער פאָרקומען, און דעריבער וועט עס ערשט שפעטער מוזען בעטראכט ווערן.

דער ארבייטס־פראָצעס, ווי ער קומט פאָר אלס א פראָצעס פון פערברויכען די ארבייטס־קראפט דורך דעם קאפיטאליסט, צייגט ארויס צוויי אייגענטימליכע ערשיינונגען.

דער ארבייטער ארבייט אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם קאפיטאליסט, צו וועמען זיין ארבייט געהערט. דער קאפיטאליסט פאסט אויף, אז די ארבייט זאָל געהן ווי געהעריג איז און די פראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען צוועקמעסיג פערווענדעט ווערן; דער רויה־מאטעריאל זאָל ניט געהן אין ניוועץ און דער ארבייט־אינסטרומענט זאָל בענוצט ווערן פאָרזיכטיג, ד.ה. ער זאָל נאָר אזויפיעל אָבגענוצט ווערן, וויפיעל ער מוז דורך זיין געברויך אין דער ארבייט.

און צווייטענס: דער פראָדוקט איז דאָס אייגענטום פון דעם קאפיטאליסט, ניט פון דעם דירעקטען פראָדוצירער, דעם ארבייטער. דער קאפיטאליסט צאָהלט צ.ב.ש. דעם טאָג־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט. דער געברויך פון דער ארבייטס־קראפט, ווי דער געברויך פון יעדער אנדער סחורה, צ.ב.ש. פון א פערד, וואָס ער האָט געדונגען פאר א טאָג, געהערט, הייסט עס, צו איהם פאר דעם טאָג. דעם קויפער פון דער סחורה געהערט דער געברויך פון דער סחורה, און דער בעזיצער פון דער ארבייטס־קראפט, אוועקגעבענדיג זיין ארבייט, גיט נאָר פאקטיש אוועק דעם געברויך־ווערטה, וואָס ער האָט פערקויפט. פון דער מינוט אָן, וואָס ער איז אריינגעטראָטען אין דעם קאפיטאליסט'ס פאבריק, געהערט דער געברויך־ווערטה פון זיין ארבייטס־קראפט—ד.ה. איהר געברויך, די ארבייט—דעם קאפיטאליסט. דורך דעם קויף פון דער ארבייטס־קראפט האָט דער קאפיטאליסט אינקאָרפאָרירט די אר־

האבען זייער רויה־מאטעריאל, צ.ב.ש. 10 פונט באוועל. וואס איז דער ווערטה פון דער באוועל דארפען מיר דא אפריהער ניט אונ־טערזוכען, ווארים דער קאפיטאליסט האט עס געקויפט אויפ'ן מארק לויט איהר ווערטה, צ.ב.ש. פאר 10 שילינג. אין דעם פרייז פון דער באוועל האט זיך שוין אויסגעדריקט די ארבייט, וואס איז געווען נויטיג זי צו פראדוצירן, אלס אלגעמיין־געזעלשאפטליכע ארבייט. מיר וועלען אננעהמען ווייטער, אז די פערצעהרטע שפין־מאשינעריע דורך דער אויסארבייטונג פון דער באוועל, וואס רע־פרעזענטירט פאר אונז אלע אנדערע פערברויכטע ארבייטס־מיט־לען, האט א ווערטה פון 2 שילינג. אויב א סומע גאלד פון 12 שילינג איז דער פראדוקט פון 24 ארבייט־שטונדען אדער פון צוויי ארבייטס־טעג, פאלגט דערפון, אז אין די פאדים זיינען פערקער־פערט צוויי ארבייטס־טעג.

דער אומשטאנד, וואס די באוועל האט פערענדערט איהר פארם און וואס דער אבגענוצטער טייל פון די שפינדלען איז אינ־גאנצען פערשוואונדען, טאר אונז ניט פערפיהרן. אויב צ.ב.ש. דער ווערטה פון 40 פונט פאדים איז גלייך צו דעם ווערטה פון 40 פונט באוועל פלוס דעם ווערטה פון גאנצען שפינדעל, ד.ה. אויב עס פאדערט זיך דיזעלבע ארבייטס־צייט, כדי צו פראדוצירן דיביידע זייטען פון דער גלייכונג, דאן זיינען, לויט דעם אלגעמיינעם ווערטה־געזעץ, 10 פונט פעדים אן עקוויוואלענט פאר 10 פונט באוועל און איין פערטיל שפינדעל. אין דעם פאל איז דיזעלבע ארבייטס־צייט איין מאל אריינגעטאן אין דעם גע־ברויך־ווערטה פעדים, און אנאנדערשט מאל אין די געברויך־ווער־טהען באוועל און שפינדעל. פאר דעם ווערטה, הייסט עס, איז קיין חלוק ניט, צי ער בעוויזט זיך אין פעדים, שפינדעל אדער באוועל. דאס, וואס דער שפינדעל און די באוועל, אנשטאט צו ליגען רוהיג איינע נעבען די אנדערע, מאכען דורך א פערבינדונג אין דעם פראצעס פון שפינען, וועלכע פערענדערט זייערע געברויך־פארמען און פערוואנדעלט זיי אין פעדים, ריהרט פונקט אזוי וועניג אן זייער ווערטה, ווי ווען זיי וואלטען אויסגעביטען געווארן דורך אן איינפאכען אויסטויש אויף אן עקוויוואלענט פון פעדים.

די ארבייטס־צייט, וואס פאדערט זיך צו פראדוצירן די באוועל, איז א טייל פון דער ארבייטס־צייט, וואס פאדערט זיך צו פראדו־

שטיוועל פון זייערטווועגען גופא. אין דער סחורה־פּראָדוקציאָן איז דער געברויך־ווערטה איבערהויפּט ניט די זאַך, וועלכע „מען האָט ליעב אליין פון איהרטוועגען." געברויך־ווערטהען ווערן דאָ איבערהויפּט נאָר פּראָדוצירט, ווייל זיי זיינען, און אין דעם ערך וואָס זיי זיינען, די מאַטעריעלע יסודות, די טרעגער פון דעם טויש־ווערטה. ביי אונזער קאַפּיטאַליסט האנדעלט זיך דאָ וועגען צוויי זאכען. ערשטענס וויל ער פּראָדוצירן א געברויך־ווערטה, וואָס האָט א טויש־ווערטה—אן ארטיקעל, וואָס איז בעשטימט צום פערקויפען, א סחורה. און צווייטענס וויל ער פּראָדוצירן א סחורה, וואָס זאָל האָבען א העכערן ווערטה איידער די ווערטה־סומע פון די סחורות—די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און די ארבייטס־קראַפט—וואָס זיינען נויטיג זי צו פּראָדוצירן, פאר וועלכע ער האָט אויס־געלעגט זיין גוטעס געלד אויף דעם סחורה־מארק. ער וויל ניט פּראָדוצירן בלויז א געברויך־ווערטה, נאָר א סחורה; ניט בלויז א געברויך־ווערטה, נאָר ווערטה, און ניט נאָר ווערטה, נאָר אויך מ ע ה ר ו ו ע ר ט ה.

אין דער אמת'ן, אזוי ווי דאָ האנדעלט זיך וועגען סחורה־פּראָדוקציאָן, האָבען מיר, ווי מען זעהט, בעטראַכט נאָר איין זייט פון דעם פּראָצעס. אזוי ווי די סחורה גופא איז א איינהייט פון געברויך־ווערטה און ווערטה, אזוי מוז אויך איהר פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס זיין א איינהייט פון ארבייטס־פּראָצעס און דעם פּראָצעס פון ווערטה־שאַפונג.

לאָמיר איצט בעטראַכטען דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אויך אלס פּראָצעס פון ווערטה־שאַפונג.

מיר ווייסען, אז דער ווערטה פון יעדער סחורה ווערט בע־שטימט דורך דעם סכום ארבייט, וואָס איז מאַטעריאַליזירט אין איהר געברויך־ווערטה, דורך דער ארבייטס־צייט, וואָס איז געזעל־שאַפטליך נויטווענדיג זי צו פּראָדוצירן. דאָס איז אויך ריכטיג בנוגע דעם פּראָדוקט, וואָס אונזער קאַפּיטאַליסט בעקומט אלס רעזולטאַט פון דעם ארבייט־פּראָצעס. הייסט עס, אז מען דאַרף קודם בערעכענען די ארבייט, וואָס איז אריינגעטאָן (פערגעגענ־שטענדליכט) אין דעם דאָזיגען פּראָדוקט.

לאָז עס זיין צום ביישפּיעל פּאָדים.

כדי צו פּראָדוצירן די פּאָדים האָט מען צוערשט נעדאַרפט

בעטראכט ווערן, ווי זי וואלט אויסגעגעבן געוואָרן אויף א פּרי־הערדיגער שטופּע פון שפּין־פּראָצעס, פאר דער ארבייט, וואָס איז צולעצט צוגעגעבן געוואָרן אונטער דער פאָרם פון שפּינען.

די ווערטהען פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון דער באוועל און די שפּינדלען, אויסגעדריקט אין דעם פּרייז פון 12 שילינג, שטעלען, אלזא, צוזאמען די טיילען פון דעם ווערטה פון די פעדים, אָדער פון דעם ווערטה פון דעם פּראָדוקט.

דערביי אָבער מוזען ערפילט ווערן צוויי בעדינגונגען. ערשטענס מוזען די באוועל און די שפּינדלען ווירקליך האָבען געדיענט פאר דער פּראָדוקציאָן פון א געברויך־ווערטה. אין אונזער פאל האָט געמוזט פון זיי ווערן פעדים. פאר דעם ווערטה איז גאנץ עגאל וועלכער געברויך־ווערטה עס טראָגט איהם, אָבער א געברויך־ווערטה מוז איהם טראָגען. צווייטענס ווערט אָנגענומען, אז עס איז אויף דעם פערווענדט געוואָרן נאָר די ארבייטס־צייט, וואָס איז נויטווענדיג אונטער די געגעבענע געזעלשאפטליכע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן. ווען עס וואָלט נויטיג געווען נאָר 1 פונט באוועל, כדי אויסצושפּינען 1 פונט פעדים, מוז אין דעם שאפען פון 1 פונט פעדים זיין פערצעהרט נישט מעהר ווי 1 פונט באוועל. פונקט אזוי האלט עס אויך מיט די שפּינדלען. ווען דעם קאפּיטאליסט וואָלט איינגעפאלען א שגעון צו בענוצען גאָלדענע שפּינדלען אנשטאט אייזערנע, וואָלט אין דעם ווערטה פון די פעדים זיך אלץ גערעכענט נאָר די געזעלשאפטליך־נויטווענדיגע ארבייט, דאָס הייסט די ארבייטס־צייט, וואָס איז נויטווענדיג צו פּראָדוצירן אייזערנע שפּינדלען.

מיר ווייסען שוין, וועלכען טייל פון דעם ווערטה פון די פעדים עס מאכען אויס די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, די באוועל און די שפּינדלען. ער איז גלייך צו 12 שילינג אָדער צו דער מאטעריאליזאציע פון צוויי ארבייטס־טעג. איצטער האנדעלט זיך אלזא וועגען דעם טייל ווערטה, וואָס דעם שפּינער'ס ארבייט אליין איז מוסיף צו דער באוועל.

מיר דארפען איצטער בעטראכטען אָט די ארבייט פון א גאנץ אנדער שטאנדפּונקט איידער דעם, וואָס מיר האָבען גענומען בעת דעם ארבייטס־פּראָצעס. דאָרט האָט זיך געהאנדעלט וועגען דער צוועקמעסיגער טהעטיגקייט צו פערוואנדלען באוועל אין פעדים.

צירן די פעדים, זועמעס רויה־מאטעריאל זי איז, און דעריבער אי־
זי איינגעשלאָסען אין די פעדים. פּונקט אזוי שטעהט עס מיט
דער ארבייטס־צייט, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן די שפּינדלען
וואָס אָהן זייער אָבניצונג אָדער פערצעהרונג קאָן די באַוועל ניט
אויסגעשפּונען ווערן.[11]

ווען עס קומט דעריבער צו בעטראַכטען דעם ווערטה פון די
פעדים, אָדער די נויטיגע ארבייטס־צייט זיי צו פּראָדוצירן, קאָנען
די פערשיידענע בעזונדערע ארבייטס־פּראָצעסען, וואָס האָבען גע־
מוזט אָנגעהן אין פערשיידענע צייטען און בעזונדערע פּלעצער,
ערשטענס צו פּראָדוצירן די באַוועל אליין און די פערניצטע שפּינ־
דלען, און דאַן פון דער באַוועל און די שפּינדלען צו מאַכען פעדים,
בעטראַכט ווערן ווי פערשיידענע, כסדר־פאָלגענדע פאַזען פון איין
און דעמזעלבען ארבייטס־פּראָצעס. אלע ארבייט, וואָס איז ענט־
האַלטען אין די פעדים, איז פערגאַנגענע ארבייט. דער אומ־
שטאַנד, וואָס די ארבייטס־צייט, וועלכע איז געוועזן נויטיג צו
פּראָדוצירן די עלעמענטען פון די פעדים, איז שוין פריהער פער־
גאַנגען און געהערט צו דער לאַנג־פערגאַנגענער צייט (פּלוס־קוואַמ־
פּערפעקטום), בעת די ארבייט, וואָס ווערט דירעקט פערווענדט
אויף דעם שלוס־פּראָצעס, דעם שפּינען, שטעהט נעהענטער צו
דער געגענוואַרט, געהערט צו דער אָקאָרשט־פערגאַנגענער צייט
(פּערפעקטום), האָט אויסדריקליך קיין בעדייטונג ניט. אויב א
בעשטימטע סומע ארבייט, צ.ב.ש. 30 ארבייטס־טעג, איז נויטיג
אויף צו בויען א הויז, ווערט דער גאַנצער סכום ארבייט, וואָס
איז אריינגעלעגט אין הויז, ניט געענדערט דורך דעם פאַקט, וואָס
דער דרייסיגסטער ארבייטס־טאָג איז אריינגעגאַנגען אין דער פּראָ־
דוקציאָן מיט 29 טעג שפּעטער איידער דער ערשטער ארבייטס־
טאָג. און דעריבער קאָן די ארבייטס־צייט, וואָס ליעגט אין דעם
ארבייטס־מאַטעריאַל און אין די ארבייטס־מיטלען, פּונקט אזוי

[11] „ניט נאָר די ארבייט, וואָס ווערט דירעקט פערווענדט אויף די סחורות,
נאָר אויך די ארבייט, וואָס ווערט פערווענדט אויף די כלים, ווערקצייג און גע־
ביידעז, דורך וועלכע די ארבייט ווערט דורכגעפיהרט, האָט א בעשטימענדע
ווירקונג אויף זייער ווערטה.” (ריקאַרדאָ, „דהי פּרינסיפּלס אָוו פּאָליטיקאַל
עקאָנאָמיע”. דריטע אויפלאַגע, לאָנדאָן 1821, ז. 16.)

וואָרים די שפּין־אַרבייט גילט דאָ נאָר אין דעם ערך וואָס זי איז א פערוועגדונג פון אַרבייטס־קראַפט, ניט אויף וויפיעל זי איז די ספּעציפישע אַרבייט פון שפּינען.

עס איז דעריבער פּאָזיטיוו וויכטיג, אז אין משך פון דעם פּראָצעס, ד.ה. אין משך פון דער פערוואַנדלונג פון באַוועל אין פעדים, ווערט פערצעהרט נאָר די געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע אַרבייטס־צייט. אויב אונטער נאָרמאַלע, ד. ה. דורשניטליכע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען, מוז א פונט און א האַלב באַוועל פערוואַנדעלט ווערן אין משך פון 1 שעה אין א פונט און א האַלב פעדים,[12] דאַן רעכענט זיך נאָר דער אַרבייטס־טאָג ווי אַן אַרבייטס־טאָג פון 12 שטונדען, וועלכער פערוואַנדעלט 12 מאָל 1½ פונט באַוועל אין 12 מאָל 1½ פונט פעדים. וואָרים נאָר די געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע אַרבייטס־צייט רעכענט זיך אַלס ווערטה־שאַפענד.

אזוי ווי די אַרבייט גופא, אזוי ערשיינט דאָ אויך דער רויה־מאַטעריאַל און דער פּראָדוקט אין א גאַנץ אַנדער ליכט, איידער פון שטאַנדפּונקט פון דעם אייגענטליכען אַרבייטס־פּראָצעס. דער רויה־מאַטעריאַל גילט דאָ נאָר ווי עפּעס, וואָס האָט איינגעזויגען א בעשטימטען סכום אַרבייט. דורך דעם דאָזיגען איינזויגען פערוואַנדעלט ער זיך ווירקליך אין פעדים, ווייל די אַרבייטס־קראַפט איז אויסגעגעבען און צוגעלעגט געוואָרן צו איהם אין דער פאָרם פון שפּינעריי. דער פּראָדוקט אָבער, די פעדים, דיענט איצט נאָר ווי א מאָס פון דעם גראַד אַרבייט, וואָס די באַוועל האָט איינגעזויגען. אויב אין א שטונדע ווערט א פונט מיט דריי פערטעל באַוועל אויסגעשפּונען אָדער פערוואַנדעלט אין א פונט מיט דריי פערטעל פעדים, בעווייזען 10 פונט פעדים 6 איינ־געזויגענע אַרבייטס־שטונדען. בעשטימטע און ערפאַהרונגסמעסיג פעסטגעשטעלטע סומען פּראָדוקטען שטעלען איצט פאָר נאָר בע־שטימטע סומען אַרבייט, בעשטימטע מאַסען פערגליווערטער אַר־בייטס־צייט. זיי זיינען נאָר מאַטעריאַליזאַציעס פון איין שטונדע, צוויי שטונדען, א טאָג געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

דער אומשטאַנד, וואָס די אַרבייט איז גראָד שפּין־אַרבייט,

---

[12] די צאַהלען זיינען דאָ גענומען נאָר בדרך משל.

אָנגענומען, אז אַלע אנדערע אומשטענדען בלייבען ריזעלבינע, איז וואָס צוועקמעסיגער די ארבייט, אַלץ בעסער זיינען די פעדים. דעם שפּינער'ס ארבייט איז געווען ספּעציפיש פערשיידען פון אנדערע פּראָדוקטיווע ארבייטען, און די פערשיידענקייט האָט זיך ארויסגעוויזען סובּיעקטיוו און אָביעקטיוו אין דעם בעזונדערן צוועק פון דעם שפּינען, אין דעם בעזונדערן אופן פון זיין אָפּעראציע, דעם בעזונדערן כאראקטער פון זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אין דעם בעזונדערן געברויך־ווערטה פון זיין פּראָדוקט. באוועל און שפּינדלען דיענען אלס לעבענס־מיטלען פון דער שפּין־ארבייט, מען קאָן אָבער מיט זיי ניט מאכען קיין געבויערטע קאַנאָנען. פערקעהרט, אויף וויפיעל דעם שפּינער'ס ארבייט איז ווערטה־שאַפענד, דאָס הייסט איז א קוואל פון ווערטה, איז זי דורכאויס ניט פערשיידען פון דער ארבייט פון דעם קאַנאָנען־בויערער, אָדער וואָס ליעגט אין דעם פאַל נעהענטער צו אונז, פון די ארבייטען פון דעם באוועל־פּלאַנצער און שפּינדעל־מאכער, וועלכע זיינען פערווירקליכט אין די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון די פעדים. נאָר מחמת אָט דער אידענטיטעט קאָנען באוועל־פּלאַנצען, שפּינדעל־מאכען און שפּינען צונויפשטעלען בלויז קוואנטיטאטיוו־פערשיידענע טיילען פון דעמזעלבען קאָלעקטיוו־ווערטה, דעם ווערטה פון די פעדים. דאָ האנדעלט זיך שוין ניט מעהר וועגען דער קוואַליטעט, דער אייגענשאַפט און דעם אינהאַלט פון דער ארבייט, נאָר בלויז וועגען איהר קוואַנטיטעט. און מען קאָן זי איינפאַך אויסרעכענען. מיר נעהמען אָן, אז די שפּין־ארבייט איז איינפאַכע ארבייט, געזעלשאַפטליכע דורכשניט־ארבייט. שפּעטער וועלען מיר זעהען, אז די פערקעהרטע השערה ברענגט קיין ענדערונג ניט אריין אין דער זאַך.

בעת דעם ארבייט־פּראָצעס געהט די ארבייט שטענדיג איבער פון דער פאָרם פון אונרוה אין דער פאָרם פון זיין, פון דער פאָרם פון בעוועגונג אין דער פאָרם פון א זאַך (גענענשטענדליכקייט). צום סוף פון א שטונדע ווייזט זיך ארויס די בעוועגונג פון שפּינען אין א געוויסען סכום פעדים; הייסט עס, א בעשטימטער סכום ארבייט, אן ארבייטס־שטונדע, איז פערקערפּערט געוואָרן אין דער באוועל. מיר זאָגען אן ארבייטס־שטונדע, ד.ה. די פערווענדונג פון דעם שפּינער'ס ארבייטס־קראַפט אין משך פון א שטונדע,

ווערטה, געלר, הייסט עס, האָט זיך ניט פערוואנדעלט אין קאפיטאל. דער פרייז פון די 10 פונט פעדים איז 15 שילינג, און 15 שילינג זיינען אויסגעגעבען געוואָרן אויפ'ן סחורה־מארק פאר די עלע־מענטען, וואָס שאפען דעם פראָדוקט, אָדער וואָס איז דיזעלבע זאך, אויף די פאקטאָרען פון דעם ארבייטס־פראָצעס: 10 שילינג פאר באוועל, 2 שילינג פאר די פערצעהרטע שפינדלען און 3 שילינג פאר ארבייטס־קראפט. דער אָנגעוואקסענער ווערטה פון די פעדים העלפט דאָ גאָרנישט, וואָרים זיין ווערטה איז נאָר דער סך הכל פון די פריהער־פערטיילטע ווערטהען אויף באוועל, שפינ־דלען און ארבייטס־קראפט, און פון אזוינע ווערטהען, וואָס גע־פינען זיך נאָר על פי פשוט'ן חבור, קאָן זיך ניט נעהמען, ניט איצטער און קיינמאָל ניט, קיין מעהרווערטה.[18] אט די אלע ווערטהען זיינען איצט קאָנצענטרירט אין איין זאך, אָבער אזוי זיינען זיי אויך געווען אין דער געלד־סומע פון די 15 שילינג, איידער די דאָזיגע סומע איז צושפליטערט געוואָרן דורך דריי סחורה־קניות.

אָן און פאר זיך איז אָט דער רעזולטאט גאָר קיין חדוש ניט. דער ווערטה פון 1 פונט פעדים איז 1 שילינג מיט 6 פענס, פאר 10 פונט פעדים מוז דעריבער אונזער קאפיטאליסט בעצאָהלען אויפ'ן סחורה־מארק 15 שילינג. סיי ער קויפט א פארטיג הויז פאר זיך אויפ'ן מארק, סיי ער לאָזט עס אליין בויען, וועט קיינע

---

[18] דאָס איז דער גרונדזאץ, אויף וועלכען עס איז געבויט די לעהרע פון די פיזיאָקראטען וועגען דער אונפּראָדוקטיוויטעט פון אלע ניט־אגריקולטורעלע ארבייטען, און ער איז פעלזען־פעסט פאר דעם—פראָפעסיאָנעלען עקאָנאָם. „אט די מעטאָדע צוצורעכענען צו איין סחורה דעם ווערטה פון פערשיידענע אנדערע סחורות (צום ביישפיעל צורעכענען צו דער לייווענט די לעבענס־מיטלען, וואָס דער וועבער פערברויכט), אָדער ארויפלעגען, אזוי צו זאָגען, שיכט פאר שיכט פערשיידענע ווערטהען אויף איין איינציגען ווערטה, הייסט געבען אָט דעם איינעם אויף אזויפיעל א געשוואָלענעם ווערטה... דער אויסדרוק חבור גיט איבער זעהר טרעפענד דעם אויפן ווי אזוי עס פאָרמירט זיך דער פרייז פון די ארבייטס־פּראָדוקטען. דער דאָזיגער פרייז איז נאָר די סומע פון די פער־ברויכטע און צונויפגעצעהלטע ווערטהען; אָבער אָדדיערן איז ניט מולטיפליצירן [חבור'ן איז ניט כפל'ען].‟ (מערסיע דע לא ריוויער: ל'אָרדער נאטורעל עטצ. 2טער טייל. ז. 599.)

איהר מאַטעריאַל איז באַוועל און איהר פּראָדוקט איז פעדים, איז פּונקט אַזוי ניט וויכטיג, ווי דאָס וואָס דער אַרבייטס־געגענשטאַנד גופא איז שוין אַ פּראָדוקט, אַלזאָ אַ רויה־מאַטעריאַל. ווען דער אַרבייטער וואָלט אַנשטאַט אין דער שפּינעריי געווען בעשעפטיגט אין אַ קויהלען־מינע, וואָלט דער אַרבייט־געגענשטאַנד, די קויהלען, געווען אַ זאַך, וואָס איז פאַראַנען אין דער נאַטור. פונדעסטוועגען וואָלט אַ בעשטימטער סכום אויסגעגראָבענע קויהלען פון דער מינע, למשל אַ מאָן, פאָרגעשטעלט אַ בעשטימטען סכום אריינגעזויגענער אַרבייט.

ביים פערקויף פון דער אַרבייטס־קראַפט איז אָנגענומען גע־וואָרן, אַז איהר טאָג־ווערטה איז גלייך צו 3 שילינג, און אַז אין די דאָזיגע 3 שילינג זיינען פערקערפּערט 6 אַרבייטס־שטונדען— דער דאָזיגער סכום אַרבייט, הייסט עס, איז נויטיג כדי צו פּראָ־דוצירן די דורכשניטס־סומע פון דעם אַרבייטער'ס טעגליכע לע־בענס־מיטלען. ווען אונזער שפּינער פערוואַנדעלט אין משך פון איין אַרבייטס־שטונדע 1 פונט מיט צוויי דריטעל באַוועל אין 1 פונט מיט צוויי דריטעל פעדים, פערוואַנדעלט ער אין 6 שטונדען 10 פונט באַוועל אין 10 פונט פעדים. אין דער צייט וואָס דער פּראָצעס פון שפּינען געדויערט, זויגט אַלזאָ די באַוועל אריין 6 אַרבייטס־שטונדען. דיזעלבע אַרבייטס־צייט שטעלט זיך פאָר אין אַ גאָלד־סומע פון 3 שילינג. דורכ'ן שפּינען ווערט אַלזאָ צוגע־געבען צו דער באַוועל אַ ווערטה פון 3 שילינג.

לאָמיר איצט אַ קוק טהאָן אויף דעם גאַנצען ווערטה פון דעם פּראָדוקט, די 10 פונט פעדים. אין זיי זיינען פערקערפּערט 2½ אַרבייטס־טעג—2 טעג ליעגען אין דער באַוועל און די שפּינ־דלען, אַ האַלבער טאָג אַרבייט איז אריינגעזויגט געוואָרן בעת דעם פּראָצעס פון שפּינען. די דאָזיגע אַרבייטס־צייט שטעלט זיך פאָר אין אַ גאָלד־סומע פון 15 שילינג. דער פּרייז, וואָס ענטשפּרעכט דעם ווערטה פון די 10 פונט פעדים, בעטרעפט דעריבער 15 שילינג, דער פּרייז פון 1 פונט פעדים—1 שילינג מיט 6 פּענס.

אונזער קאַפּיטאַליסט איז אין אַ פערלעגענהייט. דער ווערטה פון דעם פּראָדוקט איז גלייך צו דעם ווערטה פון דעם אויסגע־לעגטען קאַפּיטאַל. דער אויסגעלעגטער ווערטה האָט זיך ניט פערוואָרטהעט [פערגרעסערט], האָט ניט געשאַפען קיין מעהר־

נו, איז זאָל ער עס פערקויפען; אָדער נאָך איינפּאַכער, זאָל ער אויף ווייטער פּראָדוצירן נאָר אַזוינע זאַכען, וואָס ער דאַרף האָבען פאַר זיין אייגענעם געברויך—אַ רעצעפּט, וואָס זיין הויז־דאָקטאָר מאַקקולאָך האָט איהם שוין פערשריבען, ווי אַן אויספּראָבירטער מיטעל אַנטקעגען דער עפּידעמיע פון איבערפּראָדוקציאָן. דער קאַפּיטאַליסט שטעלט זיך אָבער אויף פער'עקשנ'ט אויף די הינ־טערשטע פיס. צי קאָן דען דער ארבייטער מיט זיינע הוילע הענד שאַפען ארבייט אין דער לופטען, פּראָדוצירן סחורה פון גאָר־נישט? האָט ער איהם דען ניט געגעבען דעם מאַטעריאַל, מיט וואָס צו ארבייטען און אין וואָס צו פערקערפּערן זיין ארבייט? און היות ווי דער גרעסטער טייל פון דער געזעלשאַפט בעשטעהט פון אַזוינע האַבע־ניכטסן, האָט ער דען ניט געטאָן דער געזעל־שאַפט אַ געוואַלדיגע טובה דורך זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דורך זיין באַוועל און זיינע שפּינדלען? איז עס אפשר ניט קיין טובה דעם ארבייטער, וועלכען ער האָט נאָך אַ חוץ דעם בעזאָרגט מיט לעבענס־מיטלען? און דאַרף מען איהם דערפאַר ניט מכיר טובה זיין?—האָט אָבער דען דער ארבייטער איהם ניט געלייסטעט אַ געגען־דיענסט, דערמיט וואָס ער האָט די באַוועל און די שפּינדלען פערוואַנדעלט אין פערדים? אַ חוץ דעם, עס האַנדעלט זיך דאָ ניט אום טובות.[15] אַ דיענסט־לייסטונג איז מעהר גאָרנישט ווי די ניצליכע ווירקונג פון אַ געברויך־ווערטה, סיי עס איז פון אַ סחורה,

---

[15] „בעריהם זיך, לאָז זיך ציערן און פוצען... ווער אָבער עס נעהמט מעהר אָדער בעססערס (איידער ער גיט), דער איז אַ פּראַצענטניק, און דאָס הייסט, אַז ער האָט ניט געטאָן אַ דיענסט זיין נעקסטען, נאָר אַ שאָדען, דאָס אייגענע ווי עס פּאַסירט מיט גנבה און גזלה. ניט אַלץ איז אַ דיענסט און אַ טובה דעם נעקסטען, וואָס מען רופט אַן אַ דיענסט און אַ טובה. אַ ריטער טהוט דעם מערדער און אונטערצינדער אַ גרויסע ריטער־דיענסט, ווען ער העלפט איהם רויבען אויף דער גאַס, אַנפאַלען אויף לאַנד און מענשען. די פּאַפּיסטען טהוען אונזערע מענשען אַ גרויסע דיענסט, וואָס ניט אַלעמען דערטרינקען זיי, פערברענען, ערמאָרדען, לאָזען פערפוילען אין געפענגעניש, נאָר זיי לאָזען דאָך עטליכע לעבען, און פער־יאָגען זיי אָדער זיי נעהמען ביי זיי צו וואָס זיי האָבען. דער טייוועל אַליין טהוט זיינע דיענער גרויסע דיענסטען ניט משער צו זיין... קורץ, די וועלט איז פול מיט גרויסע, פּאַרטרעפליכע אַלטעגליכע דיענסטען און טובות.” (מאַרטין לוטהער, „אַן די פּפאַר־העררען, ווידער רען וואוכער צו פּרעדיגען א.אַז.וו.”, וויטענבערג 1540.)

פון אָט די אָפּעראַציעס ניט פערמעהרן דאָס געלד, וואָס איז אויס־געלענט געוואָרן זיך איינצושאַפען דאָס הויז.

דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט עפּעס אַ ידיעה אין דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע, קאָן אפשר זאָגען, אז ער האָט אויסגעלענט זיין געלד מיט דער כונה צו מאַכען דערפון מעהר געלד. אָבער „דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גוטע כונות", און ער האָט פּונקט אַזוי גוט געקאָנט האָבען בכונה, צו מאַכען געלד גאָר ניט פּראָדוצירענדיג.[14] ער סטראַשעט. אַ צווייטען מאָל וועט מען איהם שוין ניט כאַפּען. אין דער צוקונפט וועט ער קויפען די סחורה אַ פאַרטיגע אויפ'ן מאַרק, אנשטאט צו פּראָ־דוצירען זי אליין. ווען אַלע זיינע ברידער־קאַפּיטאַליסטען וועלען אָבער טהאָן דאָס אייגענע, איז וואו וועט ער געפינען סחורה אויפ'ן מארק? און עסען געלד קאָן ער ניט. הויבט ער אָן טענה'ן מיט גוטען. מען דאַרף נעהמען אין בעטראַכט זיין צו־דיק־האַלטען זיך. ער האָט געקאָנט פערשווענדען זיינע 15 שילינג. אנשטאט דעם האָט ער זיי קאָנזומירט פּראָדוקטיוו און דערפון געמאַכט פעדים. אָבער דערפאַר בעזיצט ער דאָך איצט פעדים אנשטאט געוויסענסביסען. ער טאָר חיות ניט צוריקפאַלען אין דער ראָליע פון דעם אוצר־זאַמלער, וועלכער האָט אונז געוויזען וואָס עס קומט ארויס פון דעם אַסקעטיזם. אויסער דעם, וואו עס איז גאָרנישט ניטאָ, דאָרט פערלירט אויך דער קיסר זיין רעכט. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דאָס פערדיענסט פון זיין ענטזאָגען זיך, איז אָבער גאָרנישט ניטאָ, מיט וואָס עקסטרא צו בעצאָהלען דערפאַר, היות ווי דער ווערטה פון דעם פּראָדוקט, וואָס קומט ארויס פון דעם פּראָצעס, איז נאָר גלייך צו דער סומע פון דעם סחורה־ווערטה, וואָס איז אריינגעטאָן געוואָרן. זאָל ער זיך בערוהיגען דערמיט, וואָס דער שכר פון דער טוגענד איז די טוגענד אליין. אנשטאט דעם ווערט ער גאָר צודרינגליך. צו־וואָס טויגען איהם די פעדים. ער האָט דאָס פּראָדוצירט אויף צו פערקויפען.

---

[14] אזוי האט ער צום ביישפּיעל, פון 1844 ביז 1847, ארויסגעצויגען אַ טייל פון זיין קאַפּיטאַל פון די פּראָדוקטיווע געשעפטען, כדי צו פּערספּעקולירן עס אין אייזענבאהן־אַקציעס. אזוי האט ער, אין דער צייט פון דעם אמעריקאַנער בירגער־קריעג, געשלאָסען די פאַבריק און ארויסגעוואָרפען דעם פאַבריק־ארבייטער אויפ'ן גאַס, כדי צו שפּיעלען אויף דער ליווערפּולער באַוועל־בערזע.

איהר טויש־ווערטה, די אנדערע שטעלט צונויף איהר געברויך־ווערטה. דער פאקט, וואס א האלבער ארבייטס־טאג איז נויטיג, כדי איהם צו דערהאלטען ביים לעבען גאנצע 24 שטונדען, שטערט אויף קיין פאל ניט דעם ארבייטער צו ארבייטען א גאנצען טאג. דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט און איהר פערווערטהונג אין דעם ארבייטס־פראצעס זיינען אלזא צוויי פערשיידענע גרויסען. אט דעם ווערטה־דיפערענץ האט דער קאפיטאליסט געהאט אין אויג, ווען ער האט געקויפט די ארבייטס־קראפט. די ניצליכע איינענשאפט, וואס זי האט, צו מאכען פעדים אדער שטיוועל, דאס איז, פערשטעהט זיך, געווען א תנאי קודם, וואָרים ארבייט מוז אויסגעגעבען ווערן אין א ניצליכער פארם, כדי צו שאפען ווערטה. אבער אן ענטשיידענע בעדייטונג האט געהאט דער ב ע ז ו נ ד ע ר ע ר געברויך־ווערטה פון אט דער סחורה, צו זיין א קוואל פון ווערטה, און פון מעהר ווערטה וויפיעל זי האט אליין. אט דאס איז דאס ספעציעלע דיענסט, וואס דער קא־פיטאליסט דערוואַרט פון איהר. און ער פיהרט זיך דערביי לויט די אייביגע געזעצען פון דעם סחורה־אויסטויש. אין דער ווירק־ליכקייט, דער פערקויפער פון דער ארבייטס־קראפט, אזוי ווי דער פערקויפער פון יעדער אנדער סחורה, רעאליזירט איהר טויש־ווערטה און גיט אוועק איהר געברויך־ווערטה. ער קאן ניט בע־קומען די איינע, וואו ער גיט ניט אוועק די אנדערע. דער גע־ברויך־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט, די ארבייט גופא, געהערט פונקט אזוי ווייניג איהר פערקויפער, ווי דער געברויך־ווערטה פון דעם פערקויפטען אויל־הענדלער. דער געלד־בעזיצער האט בעצאהלט דעם טאג־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט; צו איהם געהערט דעריבער דער געברויך פאר דעם טאג, דער גאנצער טאג ארבייט. דער אומשטאנד, וואס דער טעגליכער אויסהאלט פון דער ארבייטס־קראפט קאסט נאר א האלבען אר־בייטס־טאג, חגם די ארבייטס־קראפט קאן ווירקען, ארבייטען, א גאנצען טאג,—וואס דער ווערטה, וועלכען איהר געברויך אין משך פון טאג שאפט, איז דעריבער נאך אמאל די גרויס ווי איהר איי־גענער טאג־ווערטה—דאס איז א בעזונדער גליק פאר דעם קויפער, אבער עס איז דורכאויס ניט קיין אונרעכט אנטקעגען דעם פער־קויפער.

סיי עס איז פון ארבייט.[16] דא אבער האנדעלט זיך וועגען טויש־ווערטה. ער צאהלט דעם ארבייטער דעם ווערטה פון 3 שילינג. דער ארבייטער האט איהם געגעבען א גענויען עקוויוואלענט צוריק אין דעם ווערטה פון 3 שילינג, וואס איז צוגעלעגט געווארן צו דער באוועל. א ווערט פאר א ווערטה. אונזער פריינד, וועלכער איז נאך אקארשט געוועזען אזוי קאפיטאליסטיש שטאלץ ביי זיך, שטעלט זיך פלוצלינג אוועק אויף דער בעשיידענער פאזיציע פון זיין אייגענעם ארבייטער. צי האט ער דען ניט אליין געארבייט? האט ער דען ניט געטאן די ארבייט פון אויפפאסונג, פון אויבער־אויפזיכט אויף דעם שפינער? שאפט אט די ארבייט זיינע גאר קיין ווערטה ניט? זיין אייגענער אויפזעהער און זיין דירעקטאר קוועטשען אויף דעם מיט די פלייצעס. דערווייליע אבער האט ער שוין מיט א מונטערן געלעכטערל ווידער אנגענומען זיין אלטע פיזיאנאמיע. דאס האט ער גלאט אזוי געדרעהט א מוח מיט די אלע טענות. ער גיט קיין ציבעלע ניט דערפאר. די אלע פוילע דריידלעך און פוסטע פלפולים לאזט ער איבער צו די ספעציעל דערפאר בעצאהלטע פראפעסארען פון פאליטישער עקאנאמיע. ער אליין איז א פראקטישער מענש, וועלכער דענקט טאקע ניט איבער אלעמאל, וואס ער זאגט אויסערהאלב דעם געשעפט, אבער אין געשעפט ווייס ער שטענדיג וואס ער טהוט.

לאמיר זיך צוקוקען נעהענטער. דער טאג־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט האט בעטראפען 3 שילינג, ווייל אין דער ארבייטס־קראפט גופא איז פערקערפערט א האלבער ארבייטס־טאג; ד.ה. ווייל די לעבענסמיטלען, וואס זיינען טעגליך נויטיג צו פראדוצירן די ארבייטס־קראפט, קאסטען א האלבען ארבייטס־טאג. אבער די פערגאנגענע ארבייט, וואס שטעקט אין דער ארבייטס־קראפט, און די לעבעדיגע ארבייט, וואס זי קאן לייסטען—איהרע טעגליכע אויסהאלט־קאסטען און וואס זי גיט טעגליך ארויס—זיינען צוויי גאנץ פערשיידענע גרויסען. די ערשטע בעשטימט

---

[16] ווענען דעם בעמערק איך אין „צור קריטיק דער פאליטישען עקאנאמיע", ז. 14, צווישען אנדערעם: „מען קאן זיך פארשטעלען וואס פאר א „דיענסט" די קאטעגאריע „דיענסט" מוז לייסטען אזא סארט עקאנאמען ווי זש. ב. סעי און פ. באסטיא."

פון 30 שילינג. דער קאפיטאליסט, נאכדעם ווי ער האט געקויפט סחורה אויפ'ן מארק, קעהרט זיך איצטער אום צוריק אויפ'ן מארק און פערקויפט סחורה. ער פערקויפט דעם פונט פעדים מיט 1 שילינג 6 פענס—א גראשען ניט אריבער אדער אונטער זיין ווערטה. און דאך ציהט ער ארויס פון דער צירקולאציע 3 שילינג מעהר, איידער ער האט פריהער אין איהר אריינגעטאן. אט דער גאנצער פערלויף, די פערוואנדלונג פון זיין געלד אין קאפיטאל, קומט פאר אין דער ספערע פון דער צירקולאציע און קומט ניט פאר אין איהר. עס קומט פאר דורך דער פערמיטלונג פון דער צירקולאציע, ווייל עס הענגט אב פון דעם קויף פון דער ארבייטס־קראפט אויף דעם סחורה־מארק. עס קומט ניט פאר אין דער צירקולאציע, ווארים דער דאזיגער פערלויף לייטעט נאר איין דעם פראצעס פון דער ווערטה־פערמעהרונג, וועלכער ווערט דורכגע־פיהרט אין דער פראדוקציאנס־ספערע. און אט אזוי „איז אלעס בעשטעלט צום בעסטען אין דער בעסטער פון אלע מעגליכע וועלטען."

דערמיט וואס דער קאפיטאליסט פערוואנדעלט געלד אין סחורות, וועלכע דיענען אלס מאטעריעלע עלעמענטען פון א נייעם פראדוקט אדער אלס פאקטארען פון דעם ארבייטס־פראצעס—פערקערפערענדיג אין זייער טויטען מאטעריאל (געגענשטענדליכ־קייט) לעבעדיגע ארבייטס־קראפט—פערוואנדעלט ער ווערטה, פער־גאנגענע, פערגעגענשטענדליכטע, טויטע ארבייט, אין קאפיטאל, אין ווערטה, וואס פערווערטהעט זיך אליין, אין א בעלעבטען מאנסטער, וואס פאנגט אן „ארבייטען", ווי א דבוק וואלט אין איהם געזעסען.

ווען מיר פערגלייכען איצטער דעם פראצעס פון ווערטה־שאפונג מיט דעם פראצעס פון פערווערטהונג, ד.ה. מיט דעם פראצעס פון שאפען מעהרווערטה, שטעלט זיך ארויס, אז דער פערווערטונג־פראצעס איז מעהר גארנישט ווי דער פראצעס פון ווערטה־שאפונג, וואס איז פערלענגערט געווארן ווייטער איידער א געוויסער פונקט. דויערט דער לעצטער ביז צו דעם פונקט, ווען א נייער עקוויוואלענט פערנעהמט דעם פלאץ פון דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט, פאר וועלכען קאפיטאל האט בעצאהלט, דאמאלט איז ער אן איינפאכער ווערטה־שאפונג־פראצעס. אויב

אונזער קאפיטאליסט האט פאראויסגעזעהן דעם פונקט (קאזוס), וואס האט איהם פריהער געמאכט לאכען. דער אר־בייטער געפינט דעריבער אין פאבריק די נויטיגע פראדוקציאנס־מיטלען ניט נאר פאר א זעקס־שטונדיגען, נאר פאר א צוועלף־שטונדיגען ארבייטס־פראצעס. אויב 10 פונט באוועל האבען אריינגעזויגט 6 ארבייטס־שטונדען און האבען זיך פערוואנדעלט אין 10 פונט פעדים, וועלען 20 פונט באוועל אריינזויגען 12 ארבייטס־שטונדען און וועלען ווערן פערוואנדעלט אין 20 פונט פעדים. לאמיר בעטראכטען דעם פראדוקט פון דעם פערלענגער־טען ארבייטס־פראצעס. אין די 20 פונט פעדים זיינען איצט פערקערפערט 5 ארבייטס־טעג: 4 אין די פערצעהרטע באוועל און שפינדלען, 1 וואס די באוועל האט איינגעזויגט בעת דעם פראצעס פון שפינען. אבער דער גאלד־אויסדרוק פון 5 ארבייטס־טעג איז 30 שילינג אדער 1 פונט סטערלינג מיט 10 שילינג. דאס איז אלזא דער פרייז פון 20 פונט פעדים. א פונט פעדים קאסט ווי פריהער 1 שילינג מיט 6 פענס. אבער די ווערטה־סומע פון די סחורות, וואס זיינען אריינגעלעגט געווארן אין דעם פרא־צעס, האבען בעטראפען 27 שילינג. דער ווערטה פון די פעדים בעטרעפט 30 שילינג. דער ווערטה פונ׳ם פראדוקט איז גע־וואקסען מיט א ניינטעל מעהר איידער דער ווערטה, וואס איז אויסגעלעגט געווארן איהם צו פראדוצירן. אט אזוי האבען זיך 27 שילינג פערוואנדעלט אין 30 שילינג. זיי האבען געבראכט א מעהר־ווערטה פון 3 שילינג. דער קונץ־שטיק איז ענדליך גע־לונגען. געלד איז פערוואנדעלט אין קאפיטאל.

אלע תנאים פון דעם פראבלעם זיינען געלייזט און די געזעצען פון דעם סחורה־אויסטויש זיינען אויף קיין אופן ניט פערלעצט. אן עקוויוואלענט איז אויסגעטוישט געווארן פאר אן עקוויוואלענט. דער קאפיטאליסט אלס קויפער האט געצאהלט פאר יעדער סחורה לויט איהר ווערטה—פאר דער באוועל, די שפינדלען, דער אר־בייטס־קראפט. ער האט דאן געטאן, וואס יעדער אנדער סחורה־קויפער טהוט. ער האט קאנזומירט זייער געברויך־ווערטה. דער קאנזומציאנס־פראצעס פון דער ארבייטס־קראפט, וועלכער איז אין דערזעלבער צייט דער פראדוקציאנס־פראצעס פון דער סחורה, האט ארויסגעגעבען א פראדוקט פון 20 פונט פעדים מיט א ווערטה

בייטער, נאָר פון דעם קאַפּיטאַליסט. אַ ווייטערער תנאי איז: דער נאָרמאַלער כאַראַקטער פון דער ארבייטס־קראַפט גופא. אין דעם פאַך, ביי וועלכען זי ווערט פערווענדעט, מוז זי בעזיצען די הערשענדע דורכשניט־מאָס פון פעהיגקייט, פאַרטיגקייט און שנעלקייט. אונזער קאַפּיטאַליסט האָט אויפ'ן ארבייט־מאַרק געקויפט ארבייט־קראַפט פון אַ נאָרמאַלער קוואַליטעט. אָט די קראַפט מוז אויסגעגעבען ווערן אין דער געוועהנליכער דורכשניט־מאָס פון אַנשטרענגונג, מיט דעם געזעלשאַפטליך־געוועהנליכען גראַד פון אינטענסיוויטעט. דער קאַפּיטאַליסט פּאַסט דעריבער אויף אַזוי גענוי אויף דעם, ווי אויף דעם פּונקט, עס זאָל ניט צוריבען ווערן קיין צייט אָהן ארבייט. ער האָט געקויפט די ארבייטס־קראַפט אויף אַ בעשטימטען צייט־משך. ער וויל קריגען וואָס איהם קומט. ער וויל ניט, מען זאָל איהם בע'גנב'ענען. לעצטענס— און אויף דעם האָט דער דאָזיגער האַרר אַן אייגענעם שטראָף־געזעץ—טאָר ניט פאָרקומען קיין צוועקלאָזער פערברויך פון רויח־מאַטעריאַל אָדער ארבייט־מיטלען, וואָרים פערשווענדעטער מאַטעריאַל אָדער ארבייטס־מיטלען שטעלען פאָר איבעריג־אויסגעגעבענע סומען פון פערקערפּערטער ארבייט, ממילא רעכענען זיי זיך ניט און געהען ניט אריין אין דעם פּראָדוקט פון ווערטה־שאַפונג.[17]

---

17 דאָס איז איינער פון די אומשטענדען, וועלכע מאַכען טייערער די פּראָדוקציאָן, וואָס איז געגרינדעט אויף שקלאַווערייַ. דער ארבייטער אונטערשיידט זיך דאָ, ווי די אַלטע האָבען עס צוטרעפענד אויסגעדריקט, נאָר ווי אַ „אינסטרומענטום וואָקאַלע" (אַ שפּראַך־בעגאַבטער ווערקצייג) פון דער חיה אַלס „אינסטרומענטום סעמי־וואָקאַלע" (אַ שטים־בעגאַבטער ווערקצייג) און פון דעם טויטען ארבייט־געצייג אַלס „אינסטרומענטום מוטום" (אַ שטומער ווערקצייג). ער אַליין לאָזט פיהלען דער חיה און דעם ארבייטס־געצייג, אַז ער איז ניט זייער גלייכען, נאָר אַז ער איז אַ מענש. ער פערשאַפט זיך דאָס זעלבסט־געפיהל, אַז ער איז אַנדערש ווי זיי, דורכדעם וואָס ער בעהאַנדעלט זיי שלעכט און מאַכט זיי חרוב מיט אַן אמת'ער הנאה. ביי אָט דעם פּראָדוקציאָנס־אופן גילט דעריבער ווי אַן עקאָנאָמישער פּרינציפּ אַנצווענדען די גראָבסטע און אומגעלומפּערסטע ארבייט־אינסטרומענטען, וועלכע עס איז שווער חרוב צו מאַכען טאַקע מחמת זייער משונה'דיגער אומגעלומפּערטקייט. ביז די שקלאַווען־שטאַאַטען, וואָס ליעגען ביים ים־בוזען פון מעקסיקאַ, האָט מען דעריבער געפונען, איידער עס האָט אויסגעבראָכען דער בירגער־קריעג, אַקער־אייזענס פון אַן אַלט־כינעזישער קאָנסטרוק־

דער ווערטה־שאפונג־פּראָצעס האלט אָן לענגער איידער אָט דעו פונקט, ווערט ער א פערווערטונג־פּראָצעס.

ווען מיר פערגלייכען ווייטער דעם פּראָצעס פון ווערטה־שאפונג מיט דעם ארבייטס־פּראָצעס, זעהען מיר אז דער לעצטער בעשטעהט אין דער ספּעציעלער ניצליכער ארבייט, וואָס פּראָדו־צירט געברויך־ווערטהען. די בעוועגונג ווערט דאָ בעטראכט קוואַ־ליטאטיוו, פונ׳ם שטאנדפּונקט פון איהר בעזונדער ארט און ווייזע, פון איהר צוועק און אינהאלט. אין דעם פּראָצעס פון ווערטה־שאפונג שטעלט זיך ארויס דערזעלביגער ארבייט־פּראָצעס נאָר פון זיין קוואנטיטאטיווער זייט. דאָ האנדעלט זיך נאָר וועגען דער צייט, וואָס די ארבייט האָט נויטיג פאר איהר אָפּעראציע, אָדער וועגען דעם משך, אין פערלויף פון וועלכען די ארבייט ווערט אויסגעגעבען. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ווירקען דאָ ווי איינפאכע מיטלען פון אריינזויגען ארבייט, און זיי אליין שטעלען אויך מעהר נישט פאָר ווי דעם סכום ארבייט, וואָס איז אין זיי פערקערפּערט. זיי רעכענען זיך נאָך בלויז ווי בעשטימטע סכום׳ען פערקערפּערטער ארבייט. און די ארבייט, סיי זי איז ענטהאלטען אין די פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען, סיי זי ווערט צוגעגעבען דורך דער ארבייטס־קראפט, רעכענט זיך נאָר נאָך איהר צייט־מאָס. זי בעטרעפט אזויפיעל שטונדען, טעג א.אז.וו.

זי רעכענט זיך אָבער נאָר, אויף וויפיעל די צייט, וואָס ווערט פערברויכט צו פּראָדוצירן א געברויך־ווערטה, איז געזעל־שאפטליך נויטווענדיג. דאָס פאסט אום פערשיידענע פונקטען. די ארבייטס־קראפט מוז פונקציאָנירן אונטער נאָרמאלע בעדינ־גונגען. אויב די שפּין־מאשין איז דער געזעלשאפטליך־הערשענדער ארבייטס־מיטעל פאר דער שפּינעריי, מוז מען דעם ארבייטער ניט שטעלען דרעהען א שפּין־ראָד. אנשטאט באוועל פון א נאָרמאלער גוטער קוואליטעט, טאָר מען איהם ניט געבען קיין שונד, וואָס רייסט זיך יעדען אויגענבליק. אין אָט די ביידע פעלען וואָלט ער פערברויכט אויף צו פּראָדוצירן א פונט פעדים מעהר איידער די געזעלשאפטליך־נויטווענדיגע ארבייט־צייט, אָדער די דאָזיגע איבעריגע צייט וואָלט ניט געשאפען קיין ווערטה אָדער געלד. דער נאָרמאלער כאראקטער אָבער פון די זאכען, וואָס דיענען אָלס פאקטאָרען פון דער ארבייט, העננט ניט אָב פון דעם אר־

פון ווערטה־פערמעהרונג איז אַלץ איינס, צי די ארבייט, וואָס דער קאפּיטאליסט נעהמט צו פאר זיך, איז איינפאכע, געזעלשאַפט־ליכע דורכשניט־ארבייט, אָדער עס איז מעהר קאָמפּליצירטע אר־בייט, ארבייט פון א העכערן ספּעציפישען געוויכט. די ארבייט, וועלכע רעכענט זיך אלס העכערע, קאָמפּליצירטע ארבייט קעגענ־איבער דער געזעלשאַפטליכער דורכשניט־ארבייט, ווייזט ארויס אַן ארבייטס־קראַפט, אין וועלכער עס גהען אריין העכערע ביל־דונגס־קאָסטען, וואָס איהר פּראָדוקציאָן קאָסט מעהר ארבייט־צייט, און וועלכע האָט דעריבער א העכערן ווערטה איידער די איינפאכע ארבייטס־קראַפט. וויבאלד דער ווערטה פון אָט דער קראַפט איז א העכערער, דריקט זי זיך אויך ארויס אין העכערער ארבייט און פערקערפּערט זיך, אין דעמזעלבען משך פון צייט, אין לפי ערך העכערע ווערטהען. אָבער וואָס פאר אַן אונטערשייד אין גראַד עס זאָל ניט זיין צווישען דער ארבייט פון א שפּינער און דער ארבייט פון א יואוועליר, דער חלק ארבייט, דורך וועלכען דער יואוועליר איז נאָר ממלא דעם ווערטה פון זיין אייגענער ארבייטס־קראַפט, אונטערשיידט זיך ניט קוואַליטאַטיוו אויף קיין אופן פון דעם צוגעלעגטען חלק ארבייט, דורך וועלכען ער שאַפט מעהר־ווערטה. אַלץ איינס קומט ארויס דער מעהר־ווערטה נאָר דורך א קוואַנטיטאַטיווער איבערמאָס פון ארבייט, דורך דעם פערלענגערטען צייט־דויער פון דעמזעלבינגען ארבייט־פּראָצעס: אין איין פאַל פון דעם פּראָצעס פון פעדים־פּראָדוק־ציאָן, אין דעם אנדער פאַל — פון פּראָצעס פון דער יואוועליר־פּראָדוקציאָן.[18]

---

[18] דער אונטערשייד צווישען העכערער און איינפאכער ארבייט — „סקילד" און „אונסקילד לייבאָר" — איז טיילווייז געבויט אויף פּשוט'ע אילוזיעס, אָדער ווענינגסטענס אויף אונטערשיידען, וועלכע האבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין רעעל, און לעבען נאָר בלויז אין דעם טראַדיציאָנעלען מנהג; טיילווייז אויף דער מעהר־אינבעהאָלפענער לאַגע פון געוויסע טיילען פון'ם ארבייטער־קלאַס, וועלכע האבען וועניגער מעגליכקייט איידער אנדערע אויסצוקעמפען דעם ווערטה פון זייער ארבייט־קראַפט. צופעליגע אומשטענדען שפּיעלען דערביי אַזאַ גרויסע ראָליע, אַז עס בייט זיך די לאַגע פון דיזעלבע סאָרטען ארבייט. צום ביישפּיעל, וואו די קערפּערליכע קראַפט פון דעם ארבייטער־קלאַס איז אָבגעשוואַכט און פערהעלטניסמעסיג ערשעפּט, ווי עס איז דער פאַל אין אַלע

מען זעהט דערפון, אז דער אונטערשייד, וואָס האָט זיך פריהער בעקומען פון דעם אנאַליז פון סחורה, צווישען דער אַרבייט, אין דעם ערך וואָס זי שאַפט געברויך־ווערטה, און דער־זעלבינער אַרבייט, אין דעם ערך וואָס זי שאַפט ווערטה—טרעט איצטער אַרויס ווי אַן אונטערשייד צווישען די פערשיידענע זייטען פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.

דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אַלס איינהייט פון אַרבייט־פּראָצעס און ווערטה־שאַפונג־פּראָצעס, איז אַ פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס פון סחורות; אַלס איינהייט פון אַרבייט־פּראָצעס און ווערטה־פערמעהרונג־ (פּערוועָרטונג־) פּראָצעס איז ער אַ קאַפּי־טאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אַ קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון סחורה־פּראָדוקציאָן.

עס איז פריהער בעמערקט געוואָרן, אַז פאַר דעם פּראָצעס

ציע, וועלכע צוריהען דעם באָדען ווי אַ חזיר אָדער אַ קראָט, אַבער רייסען איהם ניט אויף און קעהרען איהם ניט איבער. זעה דזש. סי קיירנס, „דהי סלייוו פּאַוער״, לאָנדאָן 1862, ז. 46 און ווייטער. — אָלמסטעד אין זיין בוך „סי באָרד סלייוו סטייטס״, דערצעהלט צווישען אַנדערעס: „מען האָט מיר דאָ געוויזען ווערקצייג, וואָס קיין מענש מיט אַ געזונדען פערשטאַנד וואָלט ביי אונז ניט אַרויפגעוואָרפען אויף אַז אַרבייטער, וועלכען ער דאַרף צאָהלען אַ לוין; זייער שרעקליכעס געוויכט און אומגעלומפּערטקייט מוזען שווערער מאַכען צו אַרבייטען מיט זיי, דענק איך, ווענינגסטענס אויף 10 פּראָצענט, איידער מיט אונזערע ווערק־צייג. מען האָט מיר אַבער פערזיכערט, אַז צוליעב דעם ניט־פאָרזיכטיגען און גראָבען אופן ווי די שקלאַווען בענוצען זיי, איז עפּעס לייכטערעס און איידעלע־רעס זיי אונמעגליך אין האַנד צו געבען. אַזוינע געצייג, ווי מיר גיבען שטענדיג, און מיט נוצען, אונזערע אַרבייטער, וואָלטען אויף די קאָרן־פעלדער פון ווירדזשיניע ניט אויסגעהאַלטען איין טאָג, אַבוואויל יענע פעלדער לאָזען זיך לייכטער אַקערן און האָבען ווענינגער שטיינער איידער אונזערע פעלדער. ווען איך האָב געפרעגט, פאַרוואָס מען בענוצט כסדר אויף די פערמען מויל־עזלען אנשטאָט פערד, האָט מען מיר גלייך געענטפערט, אַז פערד וואָלטען ניט אויסגעהאַלטען די גראָבע בעהאַנדלונג, וועלכע די נעגערס ווענדען אָן. די פערד פערמאַטערן זיי אָדער זיי מאַכען זיי פאַר קאַליקעס, די מויל־עזלען האַלטען אויס קלעפּ און ניט־רעגעלמעסיגען פיטערן, ניט ליידענדיג קיין שאַדען, און זיי פערקיהלען זיך ניט און ווערן ניט קראַנק, אפילו ווען זיי ווערן פערנאַכלעסיגט און איבערגע־שטרענגט. דאַך איך דאַרף נאָר צוגעהן צום פענסטער פון צימער וואו איך אַרבייט, כדי צו זעהן, ווי די פיה ווערן בעהאַנדעלט אויף אַזאַ אופן, אַז ווען אונזערער אַ פאַרמער דערזעהט עס, וואָלט ער גלייך אַרויסגעטריבען דעם בעי־טרעפענדען אַרבייטער.״

דער וועלט. אומעטום ווערן די ווערטהען פון די פערשיידענסטע סחורות אהן אונטערשייד אויסגעדריקט אין געלד, דאס הייסט אין א בעשטימטען סכום פון גאלד אדער זילבער. דורכדעם אליין ווערן שוין די פערשיידענע ארטען פון דער ארבייט, וועלכע ווערן פארגעשטעלט דורך את די ווערטהען, רעדוצירט צו בעשטימטע סומען פון איין און דעמזעלביגען סארט געוועהנליכער ארבייט— פון דער ארבייט, וואס פראדוצירט גאלד אדער זילבער. מיר וועלען פאלגליך איינשפארן אן איבעריגע אפעראציע און וועלען פער־איינפאכען דעם אנאליז, ווען מיר נעהמען אן, אז דער ארבייטער, וואס ווערט בענוצט פון קאפיטאל, טהוט איינפאכע, געזעלשאפט־ליכע דורכשניט־ארבייט.

פון דער אנדער זייט מוז אין יעדן פראצעס פון ווערטה־שאפונג די העכערע ארבייט שטענדיג רעדוצירט ווערן צו דער געזעלשאפטליכער דורכשניט־ארבייט: א שטייגער 1 טאג העכערער ארבייט ווערט צוריקגעפיהרט צום ביישפיעל צו 2 טעג פראסטע ארבייט.[19] ווען בעריהמטע עקאנאמען ווערן אויפגע־בראכט אנטקעגען אזא „ווילקירליכע בעהויפטונג", מעג מען טאקע זאגען, אז זיי זעהען ניט דעם וואלד צוליעב די בוימער. דאס, וואס זיי ווייזט זיך אויס ווי טעארעטישע פלפולים, איז איינפאך א מעשה, וואס ווערערהאלט זיך טאג־טעגליך אין אלע עקען פון

לענדער פון א ענטוויקעלטער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן, פערנעהמען די ברוטאלע ארבייטען בכלל, וועלכע פאדערן א סך מוסקול־קראפט, א העכערע שטופע איידער פיעל עדעלערע ארבייטען, וועלכע זינקען ארונטער צו דער מדרגה פון פראסטער ארבייט: אזוי, למשל, פערנעהמט אין ענגלאנד די ארבייט פון א „בריק־לייער" (א מויערער) א פיעל העכערע שטופע איידער די ארבייט פון א דאמאסק־וועבער. פון דער אנדער זייט, רעכענט זיך די ארבייט פון א מאשעסט־ (א גראבער באוועלנער צייג) שערער, כאטשע זי קאסט פיעל קערפערליכע אנשטרענגונג, און איז נאך א חוץ דעם זעהר אומגעזונד, פאר אן „איינפאכע" ארבייט. איבעריגענס, דארף מען זיך ניט איינבילדען, אז די זאגענאנטע „סקיללד לייבאר" פערנעהמט לויט איהר סכום א גרויסען אומפאנג אין דער נאציאנאל־ארבייט. ל י י נ ג רעכענט, אז די עקזיסטענץ פון איבער 11 מיליאן, אין ענגלאנד (און וועילס), האלט זיך אויף איינפאכער ארבייט. ארונטערציהענדיג פון די 18 מיליאן, וואס די בעפעלקערונג האט געצעהלט אין דער צייט פון זיין שריפט, 1 מיליאן אריסטאקראטען און אנדערהאלב מיליאן פאופערס, וואגאבונדען, פערברעכער, פראסטיטוטען א.ד.ג., בלייבט א מיטעל קלאסע פון 4 מיליאן מיט צוויי דריטעל, אריינרעכענדיג די קלענערע רענטיעס, בעאמטע, שריפטשטעלער, קינסטלער, לעהרער א.אז.וו. כדי צו בע־קומען אט די 4 מיט צוויי דריטעל מיליאן, רעכענט ער צו דעם ארבייטענדען טייל פון דעם מיטעל־קלאס, אויסער באנקירען א.אז.וו. אלע בעסער־בעצאהלטע „פאבריק־ארבייטער"! אפילו די מויערער פעהלען ניט אין דער רשימה פון „קוואליפיצירטע ארבייטער". נאך דעם בלייבען איהם די דערמאנטע 11 מיליאן. (ס. לייינג „נאשיאנאל דיסטרעס", לאנדאן 1844.) „דער גרויסער קלאס, וועלכער קאן גארנישט אנבאטען פאר זיין חיונה א חוץ פראסטע ארבייט, שטעלט צונויף די גרויסע מאסע פון פאלק." (דזשיימס מילל אין דעם אר־טיקעל „קאלאני", סופפלעמענט טו דהי ענציקלאפעדיא בריטאניקא, 1831.)

[19] „וואו מען רעדט פון ארבייט אלס א מאסשטאב פון ווערטה, מיינט מען נויטיגערווייז ארבייט פון א בעשטימטען סארט.... די שייכות, אין וועלכער די אנדערע ארבייטען שטעהען צו איהם, איז דאן לייכט צו בעשטימען." (אוטליינס אוו פאליטיקאל עקאנאמיע, לאנדאן 1832, ז. 22 און 23.)

אין דעם פראָדוקט זיינען צוויי גאנץ פערשיידענע רעזולטאטען, וועלכע דער ארבייטער ברענגט ארויס אין דערזעלביגער צייט, הגם ער ארבייט נאָר איינמאָל אין דערזעלביגער צייט, איז קלאָר, אז אָט די טאָפּעלזייטיגקייט פון דעם רעזולטאט קאָן דערקלערט ווערן נאָר דורך דער טאָפּעלזייטיגקייט פון זיין ארבייט גופא. אין דעמזעלבען צייט־פונקט מוז די ארבייט אין איין אייגענשאפט איהרער שאפען ווערטה, און אין אנאנדער אייגענשאפט איהרער אויפהאַלטען אָדער אריבערטראָגען ווערטה.

ווי אזוי לעגט־צו יעדער ארבייטער ארבייט־צייט און פאָלגליך ווערטה? אלעמאָל נאָר אין זיין אייגענטימליכען אופן פון פראָדוקטיווער ארבייט. דער שפּינער לעגט צו ארבייט־צייט, דורכדעם וואָס ער שפּינט, דער וועבער, דורכדעם וואָס ער וועבט, דער שמיד, דורכדעם וואָס ער שמידט. דורך דער צוועק־בעשטימטער פאָרם אָבער, אין וועלכער זיי לעגען בכלל צו ארבייט און פאָלגליך נייעם ווערטה, דורך דעם שפּינען, וועבען און שמידען, ווערן די פראָדוקציאָנס־מיטלען, באַוועל און שפּינדלען, פעדים און וועב־שטוהל, אייזען און קאָוואדלע, די צונויפשטעלענדע עלעמענטען פון א פראָדוקט, פון א נייעם געברויך־ווערטה.[20] די אלטע פאָרם פון זייער געברויך־ווערטה פערשווינדט, אָבער נאָר כדי ארויסצוקומען אין א נייער פאָרם פון געברויך־ווערטה. מיר האָבען אָבער געזעהן, בעטראכטענדיג דעם פראָצעס פון ווערטה־שאפונג, אז אויף וויפיעל דער געברויך־ווערטה ווערט צוועקמעסיג פערנוצט פאַר דער פראָדוקציאָן פון א נייעם געברויך־ווערטה, מאכט אוים די נויטיגע ארבייט־צייט, וואָס איז אוועקגעגאנגען צו שאפען דעם פערנוצטען געברויך־ווערטה, א טייל פון דער נויטיגער ארבייט־צייט, וואָס נעהמט אוועק צו שאפען דעם נייעם געברויך־ווערטה; פאָלגליך איז עס ארבייט־צייט, וואָס ווערט אריבערגעטראָגען פון דעם פערנוצטען פראָדוקציאָן־מיטעל אויף דעם נייעם פראָדוקט. אלזאָ, דער ארבייטער האלט אויף די ווערטהען פון די פערנוצטע פראָדוקציאָנס־מיטלען, אָדער ער טראָגט זיי

---

[20] „ארבייט זעצט נייע־בעשאפענעס אויפ'ן ארט פון דאָס, וואָס זי האָט פערניכטעט.“ (אן עססיי אן דהי פאָליטיקאל עקאָנאָמיע אוו נייישאנס“. לאָנדאָן 1821, ז. 13.

זעקסטער קאַפּיטעל.

בעשטענדיגער קאַפּיטאַל און פערענדערליכער קאַפּיטאַל.

די פערשיידענע פאַקטאָרען פון דעם ארבייטס־פּראָצעס נעה־מען אַ פערשיידענעם אנטייל אין דער שאַפונג פון דעם ווערטה פון פּראָדוקט.

דער אַרבייטער גיט צו אַ נייעם ווערטה צו דעם ארבייט־געגענשטאַנד דורכדעם וואָס ער גיט צו אַ בעשטימטען סכום ארבייט—ניט נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם בעשטימטען אינ־האלט, צוועק און טעכנישען כאראקטער פון זיין ארבייט. פון דער אַנדער זייט געפינען מיר ווידער די ווערטהען פון די פער־צעהרטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אלס בעשטאַנד־טיילען פון דעם ווערטה פון פּראָדוקט, צום ביישפּיעל די ווערטהען פון באַוועל און שפּינדלען געפינען זיך אין דעם ווערטה פון די פעדים. דער ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, הייסט עס, ווערט אויפגע־האַלטען, דורכדעם וואָס ער טראָגט זיך אריבער אויף דעם פּראָ־דוקט. די דאָזיגע איבערטראָגונג קומט פאָר בעת די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען ווערן פערוואַנדעלט אין פּראָדוקט, אין דעם אר־בייט־פּראָצעס. דאָס קומט צושטאַנד דורך דער ארבייט. אָבער ווי אַזוי?

דער ארבייטער ארבייט ניט טאָפּעלט אין דערזעלביגער צייט: איין מאָל כדי דורך זיין ארבייט צוצוגעבען אַ ווערטה דער באַוועל, און דאָס אַנדער מאָל כדי אויפצוהאַלטען איהר אַלטען ווערטה; אָדער, וואָס איז דיזעלביגע זאַך, כדי אריבערצוטראָגען דער ווערטה פון דער באַוועל, וואָס ער פעראַרבייט, און פון די שפּינדלען, מיט וואָס ער אַרבייט, אויף דעם פּראָדוקט, ד.ה. די פעדים. ער האלט אויף דעם אַלטען ווערטה נאָר דורכדעם וואָס ער לעגט צו אַ נייעם ווערטה. אָבער אזוי ווי דער צוגאָב פון דעם נייעם ווערטה צום ארבייט־געגענשטאַנד און די אויפהאַלטונג פון דעם אַלטען ווערטה

ציאָנס־מיטלען אויפגעהאַלטען אין דעם פּראָדוקט. אָט די טאָפּעל־זייטיגע ווירקונג פון דערזעלביגער ארבייט מחמת איהר טאָפּעל־זייטיגען כאַראַקטער ציינט זיך ארוים בחוש אין פערשיידענע ערשיינונגען.

לאָמיר אָננעהמען, אז א וועלכע עס איז ערפינדונג גיט דעם שפּינער די מעגליכקייט אויסצושפּינען אין 6 שטונדען אזויפיעל באוועל וויפיעל ער האָט פריהער געקאָנט אויסשפּינען אין 36 שטונדען. אַלס צוועקמעסיג־ניצליכע, פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט האָט זיין ארבייט פערגרעסערט איהר קראַפט 6 מאָל אזויפיעל. איהר פּראָדוקט איז א זעקספאַכיגער: 36 אנשטאָט 6 פונט פעדים. אָבער די 36 פונט באוועל זויגען איצט אריין נאָר אזויפיעל אר־בייט־צייט וויפיעל פריהער 6 פונט. יעדען פונט ווערט צוגעגעבען 6 מאָל וועניגער נייער ארבייט איידער מיט דער אַלטער מעטאָדע, בכן ניט מעהר ווי א זעקסטעל פון דעם פריהערדיגען ווערטה. פון דער אנדער זייט געפינט זיך איצטער אין דעם פּראָדוקט, אין די 36 פונט פעדים, 6 מאָל אזויפיעל ווערטה פון באוועל. אין די 6 שטונדען פון שפּינען ווערט אויפגעהאַלטען און אריבער־געטראָגען אויפ'ן פּראָדוקט א 6 מאָל גרעסערער ווערטה פון רויה־מאַטעריאַל, אָבוואויל דעמזעלביגען רויה־מאַטעריאַל ווערט צוגע־געבען א 6 מאָל קלענערער נייער ווערטה. דאָס בעווייזט, ווי די אייגענשאַפט פון דער ארבייט, דורך וועלכער אין דעם משך פון דעמזעלבען ניט־צוטיילבאַרען פּראָצעס זי האַלט־אויף ווערטהען, אונטערשיידט זיך בעצם פון דער אייגענשאַפט, דורך וועלכער זי שאַפט ווערטה. וואָס מעהר עס געהט אוועק נויטווענדיגע ארבייט־צייט בעת דער אָפּעראַציע פון שפּינען אויף דעמזעלביגען סכום באוועל, אַלץ גרעסער איז דער נייער ווערטה, וואָס ווערט צוגע־געבען דער באוועל; אָבער וואָס מעהר פונטען באוועל עס ווערן אויסגעשפּונען אין דערזעלביגער ארבייט־צייט, אַלץ גרעסער איז דער אַלטער ווערטה, וואָס ווערט אויפגעהאַלטען אין דעם פּראָדוקט.

לאָמיר אָננעהמען פערקעהרט, אז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער שפּינעריי־ארבייט איז געבליבען אומפערענדערט און דער שפּינער פערברויכט אזוי ווי פריהער פונקט דיזעלביגע צייט, כדי צו פערוואַנדלען א פונט באוועל אין פעדים, אָבער דער טויש־ווערטה גופא פון דער באוועל האָט זיך געביטען: א פונט באוועל

אריבער אלס בעשטאנד־טיילען פון ווערטה אויף דעם פּראָדוקט, ניט דורכדעם וואָס ער לעגט צו ארבייט בכלל, נאָר דורך דעם בעזונדערס ניצליכען כאראקטער פון דער דאָזיגער צוגעלעגטער ארבייט, דורך איהר ס פּ ע צ י פ י ש ־ פּראָדוקטיווער פאָרם. אלס אַזא צוועקמעסיג־פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט—שפּינען, וועבען, שמידען—וועקט אויף די ארבייט, דורך איהר בלויזער בעריהרונג, די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון צווישען די טויטע, זי בלאָזט אין זיי אריין א לעבענס־גייסט, וואָס מאכט זיי פאר פאקטאָרען פון דעם ארבייט־פּראָצעס, און פערבינדעט זיך מיט זיי אין פּראָדוקטען.

ווען די ספּעציפישע פּראָדוקטיווע ארבייט פון דעם ארבייטער וואָלט ניט געווען שפּינען, וואָלט ער די באַוועל ניט פערוואנדעלט אין פעדים, בכן וואָלט ער אויך ניט אריבערגעטראָגען די ווערטהען פון באַוועל און שפּינדלען אויף די פעדים. פערקעהרט, אויב דער־זעלבער ארבייטער בייט איבער זיין אומנות און ווערט א סטאָליער, וועט ער נאָך אלץ ווי פריהער צוגעבען א ווערטה אין איין ארבייטס־טאָג צו דעם מאטעריאל, אויף וועלכען ער ארבייט. הייסט עס, ער לעגט צו דעם ווערטה דורך זיין ארבייט, ניט אויף וויפיעל עס איז שפּינייעריי־ארבייט אָדער סטאָלעריי, נאָר אויף וויפיעל זי איז אבסטראקטע, געזעלשאפטליכע ארבייט בכלל; און ער לעגט צו א בעשטימטע ווערטה־גרויס, ניט ווייל זיין ארבייט האָט א בעזונדערן ניצליכען אינהאלט, נאָר ווייל זי געדויערט א בע־שטימטע צייט. דעם שפּינער'ס ארבייט, אלזאָ, אין איהר אב־סטראקטער, אלגעמיינער אייגענשאפט, אלס א פערוועגדונג פון מענשליכער ארבייטס־קראפט, איז מוסיף צו די ווערטהען פון באַוועל און שפּינדלען א נייעם ווערטה, און אין איהר קאָנקרעטער, בעזונדערער, ניצליכער אייגענשאפט אלס א פּראָצעס פון שפּינען, טראָגט זי אריבער דעם ווערטה פון די דאָזיגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויף דעם פּראָדוקט און האלט אויף דעם אופן אויף זייער ווערטה אין דעם פּראָדוקט. דערפון נעהמט זיך די טאָפּעלזיי־טיגקייט פון איהר רעזולטאט אין דעמזעלבען צייט־פּונקט.

דורך דער בלויזער קוואנטיטאטיווער הוספה פון ארבייט ווערט צוגעגעבען א נייער ווערטה, דורך דער קוואליטעט פון דער צוגעגעבענער ארבייט ווערן די אלטע ווערטהען פון די פּראָדוק־

איז פון 2 שילינג געשטיגען אויף 3 שילינג, אָדער עס איז געפאַלען אויף 1 שילינג, האַלט ער אַלץ אויף אין דעם פּראָדוקט פון איין שטונדע אַ העלפט פון דעם באַוועל־ווערטה—וויפיעל דער דאָזיגער באַוועל־ווערטה זאָל זיך ניט בייטען—איידער אין דעם פּראָדוקט פון צוויי שטונדען. בייט זיך ווידער די פּראָדוקטיוויטעט פון זיין אייגענער ארבייט—סיי זי שטייגט, סיי זי פאַלט—דאַן וועט ער אין איין ארבייט־שטונדע צ.ב.ש. אויסשפינען מעהר אָדער ווע־ניגער באַוועל ווי פריהער, און לויט דעם נאָך וועט ער אויפהאַלטען מעהר אָדער ווענינער באַוועל־ווערטה אין דעם פּראָדוקט פון איין ארבייט־שטונדע. אָבער מיט אַלעם דעם וועט ער אין צוויי אר־בייט־שטונדען אויפהאַלטען מעהר ווערטה, ווי אין איין ארבייט־שטונדע.

ווערטה—אָבגעזעהן פון זיין בלויז־סימבאָלישע פאָרשטעלונג אין דעם ווערטה־צייכען—עקזיסטירט נאָר אין אַ געברויך־ווערטה, אין אַ זאַך. (דער מענש גופא, ווען מען בעטראַכט איהם בלויז ווי אַ יש, וואָס בעזיצט ארבייטס־קראַפט, איז אַ נאַטור־געגענ־שטאַנד, אַ זאַך, הגם אַ לעבעדיגע, אַ זעלבסט־בעוואוסטע זאַך, און די ארבייט גופא איז אַ זאַכליכע אויסערונג פון דער דאָזיגער קראַפט.) פאָלגליך אויב דער געברויך־ווערטה געהט פערלאָרען, געהט אויך פערלאָרען דער ווערטה. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פער־לירען ניט זייער ווערטה אין דערזעלבער צייט, וואָס זייער געברויך־ווערטה געהט פערלאָרען, ווייל אין אמת׳ן פערלירען זיי דורך דעם ארבייט־פּראָצעס נאָר די לכתחילה׳דיגע געשטאַלט פון זייער גע־ברויך־ווערטה, כדי צו געווינען אין דעם פּראָדוקט די געשטאַלט פון אַנאַנדער געברויך־ווערטה. אָבער ווי וויכטיג עס איז פאַר דעם ווערטה צו עקזיסטירן אין אַ וועלכען עס איז געברויך־ווערטה, אזוי איז עס איהם אַלץ איינס אין וואָסער געברויך־ווערטה ער עקזיסטירט, ווי דאָס בעווייזט די מעטאַמאָרפאָזע פון סחורות. דערפון פאָלגט, אַז דער ווערטה געהט אריבער אין דעם ארבייט־פּראָצעס פון דעם פּראָדוקציאָנס־מיטעל אויף דעם פּראָדוקט נאָר אין דעם ערך, אויף וויפיעל דער פּראָדוקציאָנס־מיטעל פערלירט צוזאַמען מיט זיין זעלבשטענדיגען געברויך־ווערטה אויך זיין טויש־ווערטה. ער גיט נאָר אָב דעם פּראָדוקט יענעם ווערטה, וועלכען ער פערלירט אַלס פּראָדוקציאָנס־מיטעל. די ממשות׳דיגע (געגענ־

איז נעשטיגען אָדער געפאַלען אויף זעקס מאָל פון זיין פּרייז. איןביידע פעלען גיט צו דער שפּינער דיזעלביגע ארבייט־צייט צו דעמזעלביגען סכום באַוועל, הייסט עס דעמזעלביגען ווערטה, און אין ביידע פעלען פּראָדוצירט ער אין דערזעלביגער צייט די־זעלביגע צאָהל פעדים. פונדעסטוועגען איז דער ווערטה, וואָס ער טראָגט אריבער פון דער באַוועל אויף די פעדים, ד.ה. אויפ'ן פּראָדוקט, אין איין פאַל זעקס מאָל קלענער, אין דעם אנדער פאַל זעקס מאָל גרעסער ווי פריהער. פּונקט אזוי איז אויך, ווען די ארבייטס־מיטלען ווערן טייערער אָדער וועלוועלער, אָבער לייסטען דאָסזעלבע דיענסט אין דעם ארבייט־פּראָצעס.

ווען די טעכנישע בעדינגונגען פון דעם שפּינען־פּראָצעס בלייבען אומפערענדערט, און עס קומט אויך ניט פאָר קיין ווערטה־ענדע־ונג אין זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דאַן פערברויכט דער שפּינער אזוי ווי פריהער דיזעלביגע סכום'ען רויה־מאַטעריאַל און מאַשינעריע פון דעמזעלביגען ווערטה אין דיזעלביגע ארבייט־צייטען. דער ווערטה, וועלכען ער האַלט אויף אין דעם פּראָדוקט, שטעהט דאַן אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דעם נייעם ווערטה, וואָס ער לעגט צו. אין צוויי וואָכען גיט ער צו צוויי מאָל מעהר ארבייט, ווי אין איין וואָך, הייסט עס צוויי מאָל מעהר ווערטה; צוגלייך פערנוצט ער צוויי מאָל מעהר מאַטעריאַל פון צוויי מאָל מעהר ווערטה און נוצט אָב צוויי מאָל מאַשינעריע פון צוויי מאָל מעהר ווערטה, הייסט עס אז ער האַלט אויף אין דעם פּראָדוקט פון צוויי וואָכען צוויי מאָל מעהר ווערטה איידער אין דעם פּראָ־דוקט פון איין וואָך. אונטער געוויסע אומפערענדערטע פּראָדוק־ציאָנס־בעדינגונגען האַלט אויף דער ארבייטער אזויפיעל מעהר ווערטה, וויפיעל מעהר ווערטה ער גיט צו, אָבער ער האַלט ניט אויף מעהר ווערטה, דערפאַר ווייל ער גיט צו מעהר ווערטה, נאָר דערפאַר ווייל ער גיט צו דעם ווערטה אונטער אומ־פערענדערטע בעדינגונגען, וועלכע העגגען ניט אָב פון זיין איי־גענער ארבייט.

געוויס קאָן מען זאָגען אין אַ רעלאַטיווען זין, אז דער אר־בייטער האַלט שטענדיג אויף אלטע ווערטהען אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע, אין וועלכער ער גיט צו נייע ווערטהען. צי די באַוועל

אבער געניי ניט אן אויף קיין מענשען וויפיעל טעג ער איז שוין אבגעשטארבען. פונדעסטוועגען שטערט עס ניט די לעבענספער־זיכערונגס־געזעלשאפטען צו ציהען פון דעם מענשענ'ס דורכשניטס־לעבען זעהר זיכערע, און וואס איז נאך פיעל וויכטיגער, זעהר פראפיטליכע שלוסען. אזוי איז אויך מיט דעם ארבייטס־מיטעל. מען ווייס פון דער ערפאהרונג, ווי לאנג אן ארבייטס־מיטעל, צוםביישפיעל א מאשין פון א געוויסען סארט, וועט דורכשניטליך אויסהאלטען. אנגענומען, אז זיין געברויך־ווערטה וועט געדויערן אין דעם ארבייט־פראצעס נים מעהר ווי 6 טעג. דאן פערלירט ער אין דורכשניט יעדען ארבייטס־טאג א זעקסטעל פון זיין גע־ברויך־ווערטה און גיט פאלגליך אב א זעקסטעל פון זיין ווערטה דעם טעגליכען פראדוקט. אויף דעם אופן ווערט אויסגערעכענט דער אבנוץ פון אלע ארבייטס־מיטלען, ד.ה. וואס זיי פערלירן טעגליך פון זייער געברויך־ווערטה און לויט דעם ערך נאך וויפיעל ווערטה זיי גיבען טעגליך אב דעם פראדוקט.

מען זעהט דערפון אזוי קלאר, אז א פראדוקציאנס־מיטעל גיט קיינמאל ניט אב דעם פראדוקט מעהר ווערטה, וויפיעל ער פערלירט אין דעם ארבייט־פראצעס דורך דער פערניכטונג פון זיין אייגענעם געברויך־ווערטה. וואלט ער ניט געהאט קיין ווערטה וואס צו פערלירן, ד.ה. ווען ער וואלט אליין ניט געווען קיין פראדוקט פון מענשליכער ארבייט, וואלט ער ניט אבגעגעבען קיין ווערטה דעם פראדוקט. ער וואלט געדיענט ווי א שאפער פון געברויך־ווערטהען, ניט דיענענדיג אלס א שאפער פון טויש־ווערטה. דאס איז פאלג־ליך דער פאל מיט אלע פראדוקציאנס־מיטלען, וועלכע זיינען פא־ראנען פון דער נאטור, אהן דעם מענשענ'ס מיט־ווירקונג: מיט ערד, ווינד, וואסער מיט אייזען אין די מינען, מיט דעם האלץ פון אוראלטען וואלד א.אז.וו.

דא טרעט ארויס פאר אונז אן אנדער אינטערעסאנטע ער־שיינונג. א מאשין למשל איז ווערטה 1000 פונט סט. און זי נוצט זיך אב אין 1000 טעג. אין דעם פאל געהט טעגליך אריבער א טויזענדעל פון דעם ווערטה פון דער מאשין אויף איהר טעג־ליכען פראדוקט. אין דערזעלבער צייט ווירקט שטענדיג די גאנצע מאשין אין דעם ארבייט־פראצעס, הגם וואס ווייטער מיט א קלענערער לעבענס־קראפט. עס ווייזט זיך אויף דעם אופן ארויס,

שטענדליכע) פאַקטאָרען פון דעם ארבייט־פּראָצעס פערהאַלטען זיך אָבער אין אַט דער הינזיכט פערשיידען.

די קויהלען, מיט וואָס מען הייצט די מאַשין, פערשווינדט און לאָזט קיין שפור ניט נאָך זיך; אזוי אויך דאָס אויל, מיט וואָס מען שמירט די אַקס פון ראָד א.אז.וו. פאַרב און אנדערע הילף־שטאָפען פערשווינדען, זיי צייגען זיך אָבער ארויס אין די אייגענשאַפטען פון דעם פּראָדוקט. דער רויה־מאַטעריאַל שטעלט צונויף די סובסטאַנץ פון דעם פּראָדוקט, ער ענדערט אָבער זיין פאָרם. דער רויה־מאַטעריאַל און די הילף־שטאָפען פערלירן אלזאָ די זעלבשטענדיגע געשטאַלט, מיט וועלכער זיי זיינען אריינגע־טראָטען אין דעם ארבייט־פּראָצעס אלס געברויך־ווערטהען. מיט די ריכטיגע ארבייטס־מיטלען שטעהט די זאַך אנדערש. אַן אינ־סטרומענט, אַ מאַשין, אַ פאַבריק־געביידע, אַ פאַס א.אז.וו. דיענען אין דעם ארבייט־פּראָצעס אין דערזעלבער פאָרם ווי געסטערן. אזוי ווי זיי האַלטען אויף זייער זעלבשטענדיגע געשטאַלט לגבי דעם פּראָדוקט בעת זייער לעבען, דעם לעבען פון ארבייט־פּראָ־צעס, אזוי בלייבען זיי אויך נאָך זייער טויט. די טויטע גופים פון די מאַשינען, ווערקצייג, ארבייט־געביידען א.אז.וו. עקזיסטירן נאָך אלץ אָבגעזונדערט פון די פּראָדוקטען, וועלכע זיי האָבען גע־האָלפען שאַפען. ווען מיר בעטראַכטען די גאַנצע פעריאָדע, וואָס אזאַ ארבייטס־מיטעל דיענט, פון דעם טאָג, וואָס ער איז אריינ־געטראָטען אין דער פאַבריק, ביז דעם טאָג, ווען מען האָט איהם ארויסגעוואָרפען אין קאַמער פון אַלטווארג, געפינען מיר, אז זיין געברויך־ווערטהה איז אין משך פון דער גאַנצער פעריאָדע פאָל־שטענדיג פערצעהרט געוואָרן פון דער ארבייט, און זיין טויש־ווערטהה איז פאָלגליך פאָלשטענדיג אריבערגעגאַנגען אויף דעם פּראָדוקט. ווען אַ שפּין־מאַשין צ.ב.ש. האָט זיך אויסגעלעבט אין 10 יאָהר, הייסט עס, אז אין משך פון דעם 10־יאָהריגען ארבייט־פּראָצעס איז איהר גאַנצער ווערטהה אריבערגעגאַנגען אויף דעם 10־יאָהריגען פּראָדוקט. די לעבענס־פעריאָדע פון אַן אר־בייטס־מיטעל כאַפּט אלזאָ ארום אַ גרעסערע אָדער קלענערע צאָהל פון דאָס ניי שטענדיג ווידערהאָלטע ארבייט־פּראָצעסען. דעם ארבייטס־מיטעל פּאַסירט דאָסזעלבע ווי דעם מענשען. יעדער מענש שטאַרבט אָב יעדען טאָג אויף 24 שטונדען. מען זעהט

פון דער אנדער זייט קאָן אַ פּראָדוקציאָנס־מיטעל פערקעהרט אינגאַנצען אריינגעהן אין דעם פּראָצעס פון ווערטה־שאפונג, אָב־וואויל ער געהט נאָר אריין שטיקלעכווייז אין דעם ארבייט־פּראָצעס. לאָמיר אָננעהמען, אז אויסשפּינענדיג די באוועל געהן פערלאָרן טעגליך אויף יעדע 115 פונט 15 פונט, וועלכע שאפען ניט קיין פעדים, נאָר אן אָבפאַל, וואָס הייסט וואָל־שטויב. פונדעסטוועגען, אויב אָט דער אָבפאַל פון 15 פּראָצענט איז נאָרמאַל, וואָס קאָן ניט אָבגעטיילט ווערן פון דער דורכשניטליכער אויסארבייטונג פון דער באוועל, געהט אריין דער ווערטה פון די 15 פונט באוועל, וואָס בילדען ניט קיין עלעמענט פון די פעדים, פונקט אזויפיעל אין דעם ווערטה פון די פעדים, ווי דער ווערטה פון די 100 פונט, וועלכע שטעלען צוזאמען די סובסטאַנץ פון די פעדים. דער גע־ברויך־ווערטה פון 15 פונט באוועל מוז ווערן צו שטויב, כדי צו מאַכען 100 פונט פעדים. דאָס געהן לאיבוד פון אָט דער באוועל איז אַלזאָ אַ פּראָדוקציאָן־תנאי פון די פעדים. פונקט דעריבער גיט זי אָב איהר ווערטה די פעדים. דאָס איז ריכטיג בנוגע אַלע אָבפאַלען פון דעם ארבייט־פּראָצעס, ווענינסטענס אין דעם גראַד, אויף וויפיעל די דאָזיגע אָבפאַלען פאָרמירן ניט ווידער קיין נייע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און ממילא קיין נייע זעלבשטענדיגע גע־ברויך־ווערטהען. אזוי זעהט מען אין די גרויסע מאשינען־פאַב־ריקען אין מאַנטשעסטער, ווי מען פיהרט ארויס יעדען אבענד פון פאַבריק אויף גרויסע וואָגענס די אייזען־אָבפאַלען, וואָס די משונה׳דיגע מאשינען שעהלען אָב פונקט ווי הובעל־שפּענער, אין די אייזענגיסעריי אריין, כדי אויף מאָרגען זיי צוריקצוברענגען פון דער אייזענגיסעריי אין פאַבריק אלס מאַסיווע אייזען־שטאַבעס.

נאָר אין דעם ערך, וואָס פּראָדוקציאָנס־מיטלען פערלירן ווערטה בעת דעם ארבייט־פּראָצעס אין דער געשטאַלט פון זייער אַלטען געברויך־ווערטה, טראָגען זיי אריבער ווערטה אויף דער נייער גע־שטאַלט פון דעם פּראָדוקט. דער מאַקסימום ווערטה, וואָס זיי קאָנען פערלירן אין דעם ארבייט־פּראָצעס, איז פערשטעהט זיך בעשרענקט דורך דער אורשפּרינגליכער גרויס פון ווערטה, מיט וועלכער זיי טרעטען אריין אין דעם ארבייט־פּראָצעס, אָדער דורך דער נויטיגער ארבייט־צייט, וואָס פאָדערט זיך פאַר זייער איי־גענער פּראָדוקציאָן. פּראָדוקציאָנס־מיטלען קאָנען פאָלגליך ניט

אז איין פאקטאָר פון דעם ארבייט־פּראָצעס, איין פּראָדוקציאָנס־מיטעל, געהט איינגאַנצען אריין אין דעם ארבייט־פּראָצעס, אָבער נאָר טיילווייז אין דעם פּראָצעס פון ווערטה־שאַפונג. דער אונטערשייד פון דעם ארבייט־פּראָצעס און דעם ווערטה־שאַפונג פּראָצעס שפּיעגעלט זיך דאָ אָב אויף זייערע ממשות׳דיגע פאקטאָרען, דערמיט וואָס דערזעלביגער פּראָדוקציאָנס־מיטעל געהט אלס עלעמענט פון ארבייט־פּראָצעס אריין איגאַנצען און אלס עלעמיענט פון ווערטה־שאַפונג אין דעמזעלביגען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס געהט ער נאָר אריין שטיקלעכווייז.[21]

---

[21] דאָ האנדעלט זיך ניט וועגען די רעפּאַראַטורען פון די ארבייטס־מיטלען, ווי מאשינען, געביידען א.אז.וו. א מאשין, וואָס ווערט רעפּאַרירט, פונקציאָנירט ניט אלס ארבייטס־מיטעל, נאָר אלס ארבייטס־מאַטעריאַל. עס ווערט ניט געארבייט מ י ט איהר, נאָר זי אליין ווערט בעארבייט, כדי צו פערריכטען איהר געברויד־ווערטה. אַזעלכע רעפּאַראַטור־ארבייט קאָנען מיר פאר אונזער צוועק אימער בעטראַכטען אלס ארבייט, וואָס פאָדערט זיך פאר דער פּראָדוקציאָן פון דעם ארבייטס־מיטעל. אויבען אין טעקסט האנדעלט זיך וועגען דער אבנוצונג, וואָס קיין דאָקטאָר קאָן דערצו ניט העלפען, און וואָס פיהרט ביסלעכווייז נעהענטער צום טויט—וועגען „יענעם סאָרט אבנוצונג, וועלכע מען קאָן ניט פערריכטען פון צייט צו צייט, און וועלכע ברענגט צ.ב.ש. א מעסער צו אַזאַ צושטאַנד, ווען דער מעסער־שמיעד זאגט, אז עס לוינט זיך ניט מעהר איהם צו פערריכטען.״ אין טעקסט האָבען מיר געזעהן, אז א מאשין צ.ב.ש. געהט אריין איינגאַנצען אין יעדען איינצעלנעם ארבייט־פּראָצעס, אָבער נאָר שטיקלעכווייז איז דעם גלייכצייטיגען פּראָצעס פון ווערטה־שאַפונג. נאָך דעם קאָנען מיר אבשאַצען די פאָלגענדע בעגריף־פערוועקסלונג: „ריקאַרדאָ רעדט פון דער סומע ארבייט, וואָס דער מאשין־מאַכער האָט פערוועגדעט ביים בויען א זאַקען־מאשין״, אז דאָס ליעגט צ.ב.ש. אין דעם ווערטה פון א פּאָר זאָקען. „אָבער די גאַנצע ארבייט, וואָס ברענגט ארויס יעדע איינצעלנע פּאָר זאָקען . . . ענטהאַלט אויך אין זיך די גאַנצע ארבייט פון דעם מאשין־מאַכער, ניט בלויז א טייל; ווארים א מאשין פּראָדוצירט טאָקע א סך פּאָר, אָבער קיין איינציגע פּאָר וואָלט ניט געקאָנט פּראָדוצירט ווערען אָהן דער גאַנצער מאשין.״ Observations on certain verbal disputes in Poltical Economy, particularly relating to Value, Demand and Supply. לאָנדאָן 1821, ז. 54.) דער פּראָפעסאָר, אַן אונגעוועהנליכער פערראָנט, וואָס האַלט פון זיך פיעל, האָט אין זיין טומלעניש און פאָלגליך אין זיין פּאָלעמיק נאָר אויף אַזויפיעל רעכט, וואָס ניט ריקאַרדאָ און ניט קיין אַנדער עקאָנאָם פאר איהם און נאָך איהם האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין חלוק צווישען די ביידע זייטען פון דער ארבייט, און ממילא נאָך ווייניגער אַנאַליזירט איהר פערשיידענע ראָליע אין דער שאַפונג פון ווערטה.

אין דער צייט וואָס די פּראָדוקטיווע ארבייט פערוואנדעלט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין עלעמענטען, וואָס שאפען א נייעם פּראָדוקט, קומט פאָר מיט זייער ווערטה א נייער גלגול נשמות (זעעלען־וואנדערונג). ער ווערט מגולגל פון דעם פערצעהרטען קערפּער אין דעם ניי־פאָרמירטען קערפּער. אָבער אָט דער גלגול נשמות פּאסירט אזוי צו זאָגען הינטער'ן רוקען פון דער ווירקלי־כער ארבייט. דער ארבייטער קאָן ניט צוגעבען קיין נייע ארבייט און ממילא ניט שאפען קיין נייעם ווערטה, אוואו ער האלט ניט אויף די אלטע ווערטהען, וואָרים ער מוז אלעמאָל צוגעבען די ארבייט אין א בעשטימטער ניצליכער פאָרם, און ער קאָן זי ניט צוגעבען אין א ניצליכער פאָרם, סיידען ער מאכט פּראָדוקטען פאר די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון א נייעם פּראָדוקט און טראָגט דורכדעם אריבער זייער ווערטה אויף דעם נייעם פּראָדוקט. עס איז אלזאָ א נאטור־אייגענשאפט פון דער אקטיווער ארבייטס־קראפט, פון דער לעבעדיגער ארבייט, אויפצוהאלטען דעם ווערטה אין דערזעלבער צייט בעת זי גיט־צו ווערטה—א מתנה פון דער נאטור, וואָס קאָסט דעם ארבייטער גאָרנישט אָבער ברענגט פיעל איין דעם קאפּיטאליסט, דערמיט וואָס זי האלט אויף דעם פאראַ־נענעם קאפּיטאל־ווערטה.*[22] כל זמן דאָס געשעפט געהט גוט, איז דער קאפּיטאליסט צופיעל פערטיעפט אין דער פּראָפיט־מאַ־כעריי, איינצוזעהן אָט די אומזיסטע מתנה פון דער ארבייט. ווען עס קומען געוואלטיגע אונטערברעכונגען פון דעם ארבייט־פּראָצעס,

---

ארויסברענגונג (?) און (? ?) אויפהאלטונג פון דעם (פון וואס?): נעמליך (? ! ?) דאָס אבהאלטען זיך פון דעם אייגענעם גענוס, פאר וואָס צוםביישפּיעל ! !) ער פערלאנגט צינזען." (דאָרט גופא.) ווי „קלוג"! דאָס איז אָט די „אנאטאמיש־פיזיאלאָגישע" מעטאָדע פון דער פּאליטישער עקאנאָמיע, וועלכע ענטוויקעלט „ווערטה" פון דעם פשוט'ן פערלאנגען.

*[22] „פון אלע ארבייטס־מיטלען אין דער לאנד־ווירטשאפט... איז די מענשליכע ארבייט די דאָזיגע, אויף וועלכער דער פּאכטער איז צום מעהרסטען אנגעוויזען, כדי צו בעקומען צוריק זיין קאפּיטאל. די אנדערע זאכען—די אר־בייטס־פיה און.... די וועגענער, אקער־אייזענס, גראַב־אייזענס א.אז.וו. זיינען גאָר־נישט אהן א בעשטימטער סומע פון דער ערשטער [דער ארבייט]." ערמונד בוירק Thoughts and Details on Scarcify, originally Presented to the fight Hon. W. Pitt, in the month of November 1965, London, 1800 p. 10

צוגעבען דעם פּראָדוקט מעהר ווערטה איידער זיי בעזיצען אונאָב־הענגיק פון דעם ארבייט־פּראָצעס, וועלכען זיי דיענען. ווי ניצליך אַן ארבייט־מאַטעריאַל, אַ מאַשין, אַ פּראָדוקציאָנס־מיטעל זאָל ניט זיין—אויב ער קאָסט 150 פונט סט., לאָמיר זאָגען 500 ארבייטס־טעג, גיט ער צו צו דעם גאַנצען פּראָדוקט, וועלכען ער דיענט צו שאַפען, קיינמאָל ניט מעהר ווי 150 פונט סט. זיין ווערטה איז בעשטימט ניט דורך דעם ארבייט־פּראָצעס, אין וועלכען ער געהט אריין אַלס פּראָדוקציאָנס־מיטעל, נאָר דורך דעם אר־בייט־פּראָצעס, פון וועלכען ער קומט ארויס אַלס פּראָדוקט. אין דעם ארבייט־פּראָצעס דיענט ער נאָר ווי אַ געברויך־ווערטה, ווי אַ זאַך מיט ניצליכע אייגענשאַפטען, און וואָלט פאָלגליך ניט גע־קאָנט אָבגעבען קיין ווערטה דעם פּראָדוקט, ווען ער וואָלט ניט בעזיצט קיין ווערטה פריהער פאַר זיין אריינטרעטען אין דעם פּראָצעס.[22]

---

[22] פון דעם קאַן מען בעגרייפען די שטות׳עריי פון דעם אויסגעוועפּטען זש. ב. סעי, וועלכער וויל ארויסדרינגען דעם מעהרווערטה (ציִנז, פּראָפּיט, רענטע) פון די „סערוויז פּראָדוקטיף״ [די פּראָדוקטיווע דיענסט־לייסטונגען], וואָס די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ערד, אינסטרומענטען, לעדער א.ד.ג. לייסטען דורך זייער געברויך־ווערטה אין דעם ארבייט־פּראָצעס. הערר ווילהעלם ראָשער, באַנד 1, קאַפּיטעל 4) בעמערקט זעהר ריכטיג, אַז דער ווערטה, וואָס ווערט ארויסגעבראַכט דורך אַן אויל־מיהל, נאָכדעם ווי מען ציהט אָב אַלע קאָסטען, איז דאָך עטוואָס נייעס, וואָס איז בעצם פערשיידען פון דער ארבייט, דורך וועלכער די אויל־מיהל אַליין איז געשאַפען געוואָרן.״ (די גרונדלאַגען דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, 3טע אויפלאַגע, 1858, ז. 82, נאָטע.) זעהר ריכטיג! דער „אויל״, וואָס די אויל־מיהל ברענגט ארויס, איז עטוואָס זעהר פערשיידענעס פון דער ארבייט, וואָס האָט געקאָסט אויפצובויען די מיהל. און אונטער „ווערטה״ פערשטעהט הערר ראָשער אַזאַ זאַך ווי „אויל״, ווארים „אויל״ האָט אַ ווערטה; אָבער אַזוי ווי „אין דער נאַטור״ געפינט זיך שטיין־אויל, הגם לפי ערך ניט „זעהר פיעל״, מאַכט ער וועגען דעם אַנאַנדער בעמערקונג: „זי (די נאַטור!) ברענ׳ט כמעט גאַר ניט ארויס קיין טויש־ווערטהען.״ ביי דער ראָשער׳סער נאַטור קומט פאַר מיט דעם טויש־ווערטה דאָס אייגענע, וואָס ביי יענער בענאַרעשטער מיידעל מיט דעם קינד: „זי האָט טאַקע געהאַט אַ קינד, עס איז אָבער געווען אַ גאַנץ קליינציגס״... דערזעלביגער געלעהרטער בע־מערקט נאָך ביי דער אויבען־דערמאָנטער געלעגענהייט: „ריקאַרדאָ׳ס שולע נעהמט געוועהנליך דאָס קאַפּיטאַל אויך אריין אונטער דעם בעגריף ארבייט אַלס „אָבגעשפּאַרטע ארבייט״. דאָס איז אומגעלומפּערט (!), ווייל (!) דער קאַפּיטאַל־בעזיצער (!) האָט דאָך (!) מעהר געטאָן (!) איידער די בלויזע (!?)

אַנדערש שטעהט די זאַך מיט דעם פערזענליכען פאַקטאָר
פון דעם אַרבייט־פּראָצעס, מיט דער אַקטיווער אַרבייטס־קראַפט.
בעת די אַרבייט, דורך איהר צוועקמעסיגער פאָרם, טראָגט אַריבער
און האַלט־אויף דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויף
דעם פּראָדוקט, שאַפט יעדע מינוט פון איהר בעוועגונג אַ צוגעגע־
בענעם ווערטה, נייעם ווערטה. אַנגענומען אַז דער פּראָדוקציאָנס־
פּראָצעס שטעלט זיך אָב ביי דעם פּונקט, ווען דער אַרבייטער האָט
פּראָדוצירט אַן עקוויוואַלענט פאַר דעם ווערטה פון זיין אייגענער
אַרבייטס־קראַפט, צוםביישפּיעל, ווען ער האָט דורך 6 שטונדיגער
אַרבייט צוגעגעבען אַ ווערטה פון 3 שילינג. אָט דער ווערטה
שטעלט פאָר די פערגרעסערונג פון דעם ווערטה פון פּראָדוקט
אַריבער זיינע בעשטאַנד־טיילען, וואָס נעהמען זיך פון דעם ווערטה
פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. ער איז דער איינציגער אָריגינאַל־
ווערטה, וואָס איז ענטשטאַנען אינערהאַלב פון אָט דעם פּראָצעס—
דער איינציגער חלק ווערטה פונ׳ם פּראָדוקט, וואָס ווערט פּראָדו־

דאָס קאַפּיטאַל ווייזט זיך ווידער אַרויס.” נאָך אַ ברייטליכען אַרומרעדען און
אויסרעכענען פון די אַלע מעגליכע פּראָדוקציאָנס־עלעמענטען, וואָס זייער ווערטה
בעווייזט זיך אַרויס פון דאָס ניי אין פּראָדוקט, ווערט צום שלוס אויסגעפיהרט
אַזוי: „די פערשיידענע סאָרטען נאַהרונגס־מיטלען, קליידער און וואוינונג,
וועלכע זיינען נויטיג פאַר דער עקזיסטענץ און בעקוועמליכקייט פונ׳ם מענשען,
מאַכען אויך דורך אַ פערענדערונג. זיי ווערן פערצעהרט פון צייט צו צייט,
און זייער ווערטה ערשיינט ווידער אין דער נייער קראַפט, וואָס זיי גיבען
דעם קערפּער און דעם גייסט, און ער בעשאַפט אויף דעם אופן אַ נייעם קאַ־
פּיטאַל פאַר אַ פרישער אַנווענדונג אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.” (פ. וויילאַנד,
„דהי עלעמענטס אָוו פּאָליטיקאַל עקאָנאָמיע, באָסטאָן 1853, ז. 31 און 32.) שויין
ניט צו רעדען וועגען אַלע אַנדערע חדושים, קאָן מען בעמערקען, אַז עס איז ניט
דער פּ ר י י ז פון ברויט צ.ב.ש., וואָס בעווייזט זיך ווידער אין דער בע־
נייטער קראַפט, נאָר עס איז זיינע סובסטאַנצען, וואָס שאַפען בלוט. פערקעהרט,
וואָס עס ערשיינט ווידער אַלס ווערטה פון דער קראַפט, איז ניט די לעבענס־
מיטלען, נאָר זייער ו ו ע ר ט ה. ווען דיזעלבע לעבענס־מיטלען וואָלטען נאָר
געקאָסט אַ העלפט, וואָלטען זיי אַלץ פּראָדוצירט פּונקט אַזויפיעל מוסקולען,
ביינער א.אַ.וו. קורץ—דיזעלבע קראַפט, אָבער ניט קראַפט פון דעמזעלבען ווערטה.
די דאָזיגע אומענדערונג פון „ווערטה” אין „קראַפט” (הגם עס איז גאַנץ ריכטיג
צו רעדען פערקעהרט וועגען אַן אומענדערונג פון „קראַפט” אין „ווערטה”) און די
גאַנצע היפּאָקריטישע אונבעשטימטקייט פערדעקען—פערשטעהט זיך אומזיסט—
דעם פערלאַנג אַרויסצופּשט׳לען אַ מעהר־ווערטה פון דעם פּשוט׳ן ווידער־ער־
שיינען פון די אויבנגעלעגטע ווערטהען.

קריזיסען, דאָן בעמערקט ער עס מיט גרויסער עמפּינדליכקייט.[23]

וואָס עס ווערט דערהויפּט פערצעהרט פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז זייער געברויך־ווערטה, און דורך אָט דער פערצעהרונג שאַפט די ארבייט פּראָדוקטען. זייער ווערטה ווערט פאַקטיש ניט פערברויכט,[24] און דעריבער קאָן עס אויך ניט רעפּראָדוצירט ווערן. ער ווערט אויפגעהאַלטען, אָבער ניט דערפאַר ווייל עס קומט פאַר מיט איהם אַליין אַן אָפּעראַציע אין דעם ארבייט־פּראָצעס, נאָר דערפאַר ווייל דער געברויך־ווערטה, אין וועלכען ער עקזיסטירט לכתחילה, פערשווינדט טאַקע, אָבער ער פערשווינדט נאָר אין אַנאַנדער געברויך־ווערטה. דער ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ערשיינט דעריבער ווידער אין דעם ווערטה פון פּראָדוקט, אָבער ער ווערט ניט, גענוי גערעדט, רעפּראָדוצירט. וואָס עס ווערט פּראָדוצירט, איז דער נייער געברויך־ווערטה, אין וועלכען דער אַלטער טויש־ווערטה ערשיינט פון דאָס ניי.[25]

---

[23] אין דער "Times" פון 26טען נאָוועמבער 1862 יאָמערט אַ פאַבריקאַנט, וואָס זיין שפּינעריי בעשעפטיגט 800 ארבייטער און פערצעהרט דורכשניטליך יעדע וואָך 150 באַלען אָסט־אינדישע באַוועל אָדער אַן ערך פון 130 באַלען אַמעריקאַנער באַוועל, וועגען די יעהרליכע קאָסטען פון דעם וואָס זיין פאַבריק שטעהט לעדיג. ער רעכענט צוזאַמען אַ היזק פון 6000 פונט סט. אין די קאָסטען געפינען זיך פיעלע פונקטען, וועלכע נעהען דאָ אונז ניט אַן, ווי גרונד־רענטע, שטייערן, פערזיכערונגס־פּרעמיען, געהאַלטען פאַר ארבייטער, וואָס זיינען ענגאַזשירט פון יאָהר—אַ דירעקטאָר, אַ בוכהאַלטער, אינזשעניר א.אז.וו. דאָן אָבער בערעכענט ער קויהלען פאַר 150 פונט סט., כדי אַנצו־וואַרעמען פון צייט צו צייט די פאַבריק און לאָזען געהן די דאַמפּף־מאַשין; אויסערדעם שכירות פאַר ארבייטער, וועלכע האַלטען „גרייט" די מאַשינעריע דורך געלעגענטליכע ארביים. ענדליך 1200 פונט סט. פאַר דער אָבנוצונג פון די מאַשינען, וואָרים „דער וועטער און די נאַטירליכע צערשטערענדע איינפלוסען הערן ניט אויף זייער ווירקונג דערפאַר וואָס די דאַמפּף־מאַשין האָט זיך אויפגעהערט צו דרעהען." ער בעמערקט אויסדריקליך, אַז ער רעכענט אַזאַ קליינע סומע ווי 120 פונט סט. ווייל די מאַשינען געפינען זיך סיי ווי אין אַ זעהר אָבגענוצטען צושטאַנד.

[24] „פּראָדוקטיווע קאָנזומציאָן: ווען די קאָנזומציאָן פון אַ סחורה מאַכט אויס אַ טייל פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.... אין די דאָזיגע פעלען קומט ניט פאַר קיין קאָנזומציאָן פון ווערטה." (ס. ס. ניומאַן, „עלעמענטס אָוו פּאָלי־טיקאַל עקאָנאָמיע", ניו יאָרק 1835, ז. 296.)

[25] אין אַ נאָרד־אַמעריקאַנישען לעהרבוך, וואָס האָט דערלעבט אפשר 20 אויפלאַגען, לעזען מיר ווי פאָלגט: „עס איז קיין חלוק ניט אין וועלכער פאָרם

לכתחילה אָנגענומען, אראָבוואַרפענדיג פון זיך זיין געלד־פאָרם און פערוואַנדלענדיג זיך אין די פאַקטאָרען פון דעם ארבייט־פּראָצעס.

דער טייל, הייסט עס, פון דעם קאַפּיטאַל, וועלכער פערוואַנדעלט זיך אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ד.ה. אין רויה־מאַטעריאַל, הילף־שטאָפען און ארבייטס־מיטלען, פערענדערט ניט די גרויס פון זיין ווערטה אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. איך רוף איהם דעריבער אָן דער קאָנסטאַנטער (אומפערענדערליכער) טייל קאַפּיטאַל, אָדער בקיצור: קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל.

פערקעהרט, דער טייל קאַפּיטאַל, וואָס פערוואַנדעלט זיך אין ארבייטס־קראַפט, פערענדערט יאָ זיין ווערטה אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. ער רעפּראָדוצירט זיין אייגענעם עקוויוואַלענט און אַן איבעריגען טייל (אַן איבערשוס) אריבער דעם,—מעהר־ווערטה,—וועלכער טייל קאָן זיך גופא בייטען, זיין גרעסער אָדער קלענער. פון אַ שטענדיגער (קאָנסטאַנטער) גרויס פערוואַנדעלט זיך נאָכאַנאַנד אָט דער טייל פון קאַפּיטאַל אין אַ פערענדערליכער (וואַריאַבלער) גרויס. איך רוף איהם דעריבער אָן וואַריאַבלער טייל קאַפּיטאַל, אָדער בקיצור: וואַריאַבלער קאַפּיטאַל. דיזעלבע בעשטאַנד־טיילען פון קאַפּיטאַל, וועלכע אונטערשיידען זיך פון שטאַנדפּונקט פונ׳ם ארבייטס־פּראָצעס אַלס אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פאַקטאָרען, אַלס פּראָדוקציאָנס־מיטלען און ארבייטס־קראַפט, אונטערשיידען זיך פון שטאַנדפּונקט פונ׳ם ווערטה־פערמעהרונג־פּראָצעס אַלס קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל און וואַריאַבלער קאַפּיטאַל.

דער בעגריף פון אַ קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל שליסט בשום אופן ניט אויס אַ רעוואָלוציע אין דעם ווערטה פון זיינע בעשטאַנד־טיילען. לאָמיר אָנגעהמען, אַז אַ פונט באַוועל קאָסט היינט 1 שילינג, און אַז ער שטייגט מאָרגען אויף 2 שילינג, מחמת אַ פערקלענערונג פון דער באַוועל־געראַטעניש. די אַלטע באַוועל, וואָס ווערט נאָכאַנאַנד פערטאָן אין דער ארבייט, איז געקויפט געוואָרען לויט׳ן ווערטה פון 1 שילינג, איצט אָבער גיט זי צו צו דעם פּראָדוקט אַ ווערטה־טייל פון 2 שילינג. אויך די פערטיג־אויסגעשפּונענע באַוועל, וואָס צירקולירט שוין אפשר אויפ׳ן מאַרק ווי פעדים, גיט אויך צו צו דעם פּראָדוקט דאָס טאָפּעלטע פון איהר פריהערדיגען ווערטה. מען זעהט אָבער, אַז אָט די ווערטה־ענדערונגען

צירט דורך דעם פּראָצעס גופא. גאַנץ געוויס צאָהלט אָט דער ווערטה נאָר אָב דאָס געלד, וואָס איז אויסגעלעגט געוואָרן פונ'ם קאַפּיטאַליסט ביים קויפען די ארבייטס־קראַפט, און וואָס דער אר־בייטער גופא האָט אויסגעגעבען אויף לעבענסמיטלען. בנוגע צו די אויסגעגעבענע 3 שילינג ערשיינט אָט דער נייער ווערטה פון 3 שילינג נאָר ווי א רעפּראָדוקציאָן. אָבער ער ווערט ווירקליך רעפּראָדוצירט, ניט נאָר לפּנים, ווי דער ווערטה פון די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען. דער בייט (ערזאַץ) פון איין ווערטה דורך אנאַנ־דערן ווערט דאָ דורכגעפיהרט דורך א נייער ווערטה־שאַפונג.

מיר ווייסען שוין אָבער, אז דער ארבייט־פּראָצעס האלט אָן לענגער ווי ביז צו דעם פונקט, ווען עס ווערט רעפּראָדוצירט בלויז אַן עקוויוואַלענט פאַר דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט און צוגעגעבען צו דעם ארבייט־געגענשטאַנד. אנשטאַט די 6 שטונדען, וואָס זיינען דערויף גענוג, געוועהרט דער פּראָצעס צ.ב.ש. 12 שטונדען. דורך דער טהעטיגקייט פון דער ארבייטס־קראַפט ווערט פאָלגליך ניט נאָר איהר אייגענער ווערטה רעפּראָדוצירט, נאָר עס ווערט אויך פּראָדוצירט אַן איבעריגער ווערטה. דער דאָזיגער מעהרווערטה מאַכט אויס דעם פערגרעסערטען ווערטה פון פּראָ־דוקט אריבער דעם ווערטה פון די פערצעהרטע עלעמענטען פון פּראָדוקט, דאָס הייסט פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און דער אר־בייטס־קראַפט.

פאָרשטעלענדיג די פערשיידענע ראָליען, וואָס די פערשיידענע פאַקטאָרען פון ארבייט־פּראָצעס שפּיעלען אין דער צונויפשטעלונג פון דעם ווערטה פונ'ם פּראָדוקט, האָבען מיר פאַקטיש כאַראַקטע־ריזירט די פונקציעס פון די פערשיידענע בעשטאַנד־טיילען פון קאַפּיטאַל אין דעם פּראָצעס פון זיין אייגענער ווערטה־פערמעהרונג. דער איבעריגער חלק פון דעם ג א נ צ ע ן ווערטה פון פּראָדוקט, וואָס איז מעהר איידער די ווערטה־סומע פון די עלעמענטען, וואָס שטעלען איהם צוזאַמען, איז דער איבעריגער חלק פון דעם פער־מעהרטען קאַפּיטאַל אריבער דער סומע, וואָס דער לכתחילה־אויס־געלעגטער קאַפּיטאַל איז געווען ווערטה. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון איין זייט און די ארבייטס־קראַפט פון דער אנדער זייט זיינען נאָר די פערשיידענע עקזיסטענץ־פאָרמען, וואָס דער קאַפּיטאַל האָט

קאָן זיך בייטען פּונקט אַזוי ווי דער ווערטה פון דעם רויה־מאַ־טעריאַל. אויב צ.ב.ש. דער זעלבער סאָרט מאַשינעריע קאָן רע־פּראָדוצירט ווערן, אַ דאַנק אַ נייער ערפינדונג, מיט אַ פערמינ־דערטער פערוועגדונג פון ארבייט, ווערט די אַלטע מאַשינעריע מעהר אָדער ווענינער קלענער אין ווערטה און טראָגט פאָלגליך אריבער לפי ערך ווענינער ווערטה אויף דעם פּראָדוקט. אָבער דאָ אויך נעהמט זיך די ווערטה־ענדערונג אויסערהאַלב דעם פּראָ־דוקציאָנס־פּראָצעס, אין וועלכען די מאַשין פונקציאָנירט אַלס פּראָדוקציאָנס־מיטעל. אין דעם דאָזיגען פּראָצעס גיט זי קיינ־מאָל ניט אָב מעהרער ווערטה איידער זי בעזיצט אונאָבהענגיק פון דעם דאָזיגען פּראָצעס.

אַזוי ווי אַן ענדערונג אין דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אפילו ווען די ווירקונג איז אויף צוריק, נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין אריינגעטראָטען אין דעם פּראָצעס, ענדערט ניט זייער כאַראַקטער אַלס קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל, פּונקט אַזוי וועניג ריהרט אָן אַן ענדערונג אין דער פּראָפּאָרציע צווישען קאָנסטאַנטען און וואַריאַבלען קאַפּיטאַל זייער פונקציאָנעלען אונטערשייד [דעם אונ־טערשייד אין די אופנים פון זייער טהעטיגקייט אין דעם פּראָצעס פון ווערטהשאַפונג]. די טעכנישע בעדינגונגען פון דעם ארבייט־פּראָצעס קאָנען צ.ב.ש. אַזוי איבערגעאַנדערשט ווערן, אַז דאָרטן וואו פריהער האָבען 10 ארבייטער מיט 10 אינסטרומענטען פון קנאַפּען ווערטה בעאַרבייט אַ פערהעלטניסמעסיג קליינע מאַסע רויה־מאַטעריאַל, בעאַרבייט איצט 1 ארבייטער מיט איין טייערער מאַשין הונדערטמאָל אַזויפיעל רויה־מאַטעריאַל. אין אַט דעם פאַל וואָלט דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל, ד.ה. די ווערטה־מאַסע פון די אָנגעווענדעטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, זעהר געוואַקסען, און דער וואַריאַבלער טייל פון קאַפּיטאַל, דער טייל וואָס איז אויס־געלעגט געוואָרן אין ארבייטס־קראַפט, וואָלט זעהר געפאַלען. אָט דער איבערבייט אָבער ענדערט נאָר די גרויס־שייכות צווישען דעם קאָנסטאַנטען און וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, אָדער די פּראָפּאָרציע, אין וועלכער דער גאַנצער קאַפּיטאַל צופאַלט אויף קאָנסטאַנטע און וואַריאַבלע בעשטאַנד־טיילען, ער בעריהרט אָבער ניט דאָגענען דעם אונטערשייד פון קאָנסטאַנט און וואַריאַבעל.

הענגען ניט אָב פון דער ווערטה־פערמעהרונג פון דער באוועל אין דעם פּראָצעס פון שפּינען גופא. ווען די אַלטע באוועל וואָלט נאָך גאָרניט אריינגעגאנגען אין דעם ארבייט־פּראָצעס, וואָלט זי איצט געקאָנט ווידער פערקויפט ווערן פאר 2 שילינג דעם פונט אנשטאט פאר 1 שילינג. אדרבא פערקעהרט: וואָס וועניגער ארבייט־פּראָצעסן זי האָט דורכגעמאכט, אַלץ זיכערער איז דער דאָזיגער רעזולטאט. עס איז דעריבער א געזעץ פון ספּעקולאציע ביי אזוינע ווערטה־רעוואָלוציעס צו ספּעקולירן אויף דעם רויה־מאטעריאַל אין זיין וואָס־וועניגער בעארבייטער פאָרם, ד.ה. גיכער אויף פעדים איידער אויף געוועב און גיכער אויף די באוועל אליין איידער אויף די פעדים. די ווערטה־ענדערונג ענטשטעהט דאָ אין דעם פּראָצעס, וואָס פּראָדוצירט באוועל, ניט אין דעם פּראָצעס, וואו זי פונקציאָנירט אלס פּראָדוקציאָנס־מיטעל און ממילא אלס קאָנסטאַנטער קאפּיטאַל. דער ווערטה פון א סחורה ווערט טאַקע אפילו בעשטימט דורך דעם סכום ארבייט, וואָס ליגט אין איהר; דער דאָזיגער סכום גופא ווערט אָבער בעשטימט געזעלשאפטליך. אויב די ארבייט־צייט, וואָס איז געזעלשאפטליך נויטיג פאר איהר פּראָדוקציאָן, האָט זיך פערענדערט—און דערזעלבער סכום באוועל צ.ב.ש. שטעלט מיט זיך פאָר ביי שלעכטע גערעטענישען א גרע־סערן סכום ארבייט איידער ביי גוטע געראטענישען—דאַן האָט עס א צוריק־ווירקונג אויף דער אַלטער סחורה, וועלכע גילט אימער נאָר ווי אַן איינצעלנער עקזעמפּלאר פון איהר מין,[26] וואָס זיין ווערטה מעסט זיך אַלעמאָל דורך דער געזעלשאפטליך נויטווענ־דיגער ארבייט, בכן, הייסט עס, שטענדיג דורך דער ארבייט, וואָס איז נויטווענדיג אונטער די געגענווערטיגע געזעלשאפטליכע בע־דינגונגען.

דער ווערטה פון די ארבייטס־מיטלען, וואָס דיענען שוין אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, פון די מאשינעריע א.א.וו. און פאָלג־ליך אויך דער טייל ווערטה, וואָס זיי גיבען אָב דעם פּראָדוקט,

---

[26] „אַלע פּראָדוקטן פון א בעשטימטער סאָרט שטעלן איינענטליך צוזאמען נאָר איין מאסע, וועמעס פּרייז ווערט בעשטימט אין אַלגעמיין און נים קוקענדיג אויף די נעהענטערע אומשטענדן פון דעם איינצעל־פאַל.” (לע טראָן, „דע לינטערע סאָסיאַל”, פּאַריז 1846, ז. 893.)

געלעגטען קאפיטאל, אדער אין אנדערע ווערטער, איז גלייך צו דעם פראדוצירטען מעהרווערטה.

די ראזינגע טאוטאלאגיע פאדערט פונדעסטוועגען א גענויערע בעשטימונג. וואס מיר האבען פערגליכען מיט דעם ווערטה פון פראדוקט, איז געוועז דער ווערטה פון די פראדוקציאנס־עלעמענטען, וואס זיינען פערצעהרט געווארן, כדי איהם צו שאפען. מיר האבען אבער פריהער געזעהן, אז דער טייל פון׳ם אנגעווענדעטען קאנסטאנטען קאפיטאל, וואס בעשטעהט פון ארבייטס־מיטלען, גיט אב דעם פראדוקט נאר איין שטיק פון זיין ווערטה, בעת אנאנדער שטיק פון איהם פערבלייבט אין זיין אלטער עקזיסטענץ־פארם. נאר אזוי ווי אט דער אנדער שטיק שפיעלט ניט קיין ראליע אין דער ווערטה־שאפונג, קאן מען איהם דא אויסלאזען פון בעטראכט. ווען מען זאל איהם אריינגעהמען אין חשבון, וועט ער גארנישט ניט ענדערן. לאמיר אננעהמען, אז דער קאנ־סטאנטער קאפיטאל c, אין בעטרעף פון 410 פונט סט., בעשטעהט פון רויה־מאטעריאל פאר 312 פונט סט., הילף־שטאפען פאר 44 פונט סט. און פון אבגענוצטער מאשינעריע בעת׳ן ארבייט־פראצעס פאר 54 פונט סט., דער ווערטה אבער פון דער ווירקליך אנגעווענדעטער מאשינעריע בעטרעפט 1054 פונט סט. מיר רע־כענען אלס אויסגעלעגט פאר דער שאפונג פון׳ם ווערטה פון פראדוקט נאר דעם ווערטה פון 54 פונט סט., וואס די מאשינעריע פערלירט דורך איהר פונקציע און גיט עס דעריבער אב דעם פראדוקט. וואלטען מיר מיטגערעכענט די 1000 פונט סט., וועלכע בלייבען ווייטער עקזיסטירן אין זייער אלטער פארם פון דאמף־מאשינען א.אז.וו., דאן וואלטען מיר זיי געמוזט מיטרעכענען אויף ביידע זייטען—אויף דער זייט פון אויסגעלעגטען ווערטה און אויף דער זייט פון׳ם ווערטה פון פראדוקט,*[26] און וואלטען בעקומען דא 1500 פונט סט. און דארט 1590 פונט סט. דער דיפערענץ אדער דער מעהרווערטה וואלט אלץ געוועזן ווי פריהער 90 פונט סט.

---

*[26] „אויב מיר רעכענען דעם ווערטה פון דעם בענוצטען שטעהענדיגען קאפיטאל צו די קאפיטאל־אויסלאגען, דאן מוזען מיר צורעכענען דעם ווערטה פון דעם ראזינגען קאפיטאל, וואס איז פערבליבען צום סוף יאהר, צו די איינ־נאחמען פון יאהר. (מאלטהוס, „פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמיע”, 2טע אויסגאבע, לאנדאן, 1836, ז. 269.)

זיעבעטער קאַפּיטעל.

די ראַטע פון דעם מעהרווערטה.

1. דער גראַד־עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייט־קראַפט.

דער מעהרווערטה, וואָס דער אויסגעלעגטער קאַפּיטאַל, וועלכען מיר וועלען אָנרופען ק, האָט ארויסגעבראַכט אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אָדער מיט אנדערע ווערטער: די פּערמעהרונג פון דעם אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל־ווערטה ק, שטעלט זיך קודם אַרויס אַלס עודף (איבערשוס) פון דעם ווערטה פון'ם פּראָדוקט איבער דער ווערטה־סומע פון זיינע פּראָדוקציאָנס־עלעמענטען.

דער קאַפּיטאַל ק צופאַלט אין צוויי טיילען: א געלד־סומע ק, וועלכע ווערט אויסגעגעבען אויף פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און אַנאנדער געלד־סומע וו, וועלכע ווערט אויסגעגעבען אויף ארבייטס־קראַפט; ק שטעלט פאָר דעם ווערטה־טייל, וואָס איז פערוואַנדעלט אין קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, וו—דעם ווערטה־טייל, וואָס איז פערוואַנדעלט אין וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. לכתחילה, הייסט עס, איז ק=ק+וו; צום ביישפּיעל דער אויסגעלעגטער קאַפּיטאַל האָט בעטראָפען 500 פונט סט., איז דערפון געווען 410 פונט סט. קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל (ק) און 90 פונט סט. וואַריאַבלער קאַפּיטאַל (וו). צום סוף פון פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס קומט ארויס סחורה, וואָס איהר ווערטה איז גלייך צו (ק+וו)+מ, מ איז מעהרווערטה: צום ביישפּיעל, 410 פונט סט. (ק)+90 פונט סט. וו+90 פונט סט. (מ). דער לכתחילה'דיגער קאַפּיטאַל ק האָט זיך פערוואַנדעלט אין ק': פון 500 פונט סט. אין 590 פונט סט. דער דיפערענץ צווישען ביידען איז=מ, א מעהרווערטה פון 90. אַזוי ווי דער ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־עלעמענטען איז גלייך צו דעם ווערטה פון'ם אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל, איז עס פאַקטיש א טאַוטאָלאָגיע [אַן איבעריגע בעהויפּטונג], אַז דער עודף פון דעם ווערטה פון'ם פּראָדוקט איבער דעם ווערטה פון זיינע פּראָדוקציאָנס־עלעמענטען איז גלייך צו דער פערמעהרונג פון דעם אויס־

פראָדוצירט נישט מעהר ווי איהר עקוויוואלענט, וואָלט ק געווען =ק+וו, און ק′ (דער ווערטה פון פראָדוקט) וואָלט געווען= (ק+וו)+0, און בכן ק=ק′. דער אויסעלעגטער קאפיטאל וואָלט זיך ניט פערמעהרט.

אין דער אמת'ן ווייסען מיר שוין, אז דער מעהרווערטה איז בלויז א פאָלגע פון דער פערענדערונג אין דעם ווערטה פון וו, ד.ה. פון דעם טייל קאפיטאל, וואָס פערוואנדעלט זיך אין ארבייטס־קראַפט; בכן הייסט עס, אז וו+מ=וו+וו′, דער וו′ שטעלט דאָ פאָר א צו־וואוקס פון וו. אָבער די ווירקליכע ווערטה־פערענדערונג און די שייכות, אין וועלכער דער ווערטה ענדערט זיך, ווערן פער־דונקעלט דורך דעם פאקט, וואָס צוליעב דעם וואקסען פון זיין וואריאבלען בעשטאנד־טייל וואקסט אויך דער גאנצער אויסגע־לעגטער קאפיטאל. עס איז געווען 500 און ווערט 590. דער ריינער אנאליז פון דעם פראָצעס פאָדערט דעריבער, מען זאָל איינגאנצען אויסלאָזען פון בעטראכט דעם טייל פונ'ם ווערטה פון פראָדוקט, אין וועלכען דער קאָנסטאנטער קאפיטאל־ווערטה בע־ווייזט זיך נאָר ווידער ארויס, ד.ה. מען זאָל דעם קאָנסטאנטען קאפיטאל ק שטעלען גלייך נול. דאָס איז אן אָנווענדונג פון א מאטעמאטישען געזעץ, וואָס ווערט געברויכט וואו מען אָפערירט מיט קאָנסטאנטע און וואריאבלע גרויסען, און די קאָנסטאנטע גרויס איז פערבונדען נאָר דורך חבור אָדער חסור מיט דער וואַ־ריאבלער גרויס.

נאָך אַן אנדער שוועריגקייט נעהמט זיך פון דער אורשפּרינג־ליכער פאָרם פון דעם וואריאבלען קאפיטאל. אין דעם פאָריגען ביישפּיעל איז ק′=410 פונט סט. קאָנסטאנטער קאפיטאל+90 פונט סטערלינג וואריאבלער קאפיטאל + 90 פונט סטערלינג מעהרווערטה. די 90 פונט סטערלינג זיינען אָבער א בעשטימ־טע און בכן א קאָנסטאנטע גרויס, און עס זעהט דעריבער אויס אונזיניג זי צו בעהאַנדלען ווי א וואריאבלע גרויס. אין דער אמת'ן אָבער איז דאָ דער נאָמען 90 פונט סט. וואריאבלער קאַ־פּיטאל ניט מעהר ווי א סימבאָל פאַר דעם פראָצעס, וואָס אָט דער ווערטה מאכט דורך. דער טייל פון קאפיטאל, וואָס ווערט אויסגעלעגט אין דעם איינקויפען ארבייטס־קראפט, איז א בע־שטימטער סכום פון מאטעריאליזירטער ארבייט, פאָלגליך איז עס

אונטער דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אויסגעלעגט פאַר דער פּראָדוקציאָן פון ווערטה, פערשטעהען מיר שטענדיג,— סיידען עס איז קלאָר דורך דעם צוזאַמענהאַנג, אַז מען מיינט דעם היפך,—נאָר דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס ווערן פערצעהרט אין דער פּראָדוקציאָן.

נאָכדעם ווי דער פּונקט איז קלאָר, וועלען מיר זיך אומקעהרן צו דער פאָרמולע ק=ק+וו, וועלכע פערוואַנדעלט זיך אין ק׳= (ק+וו)+מ, און ממילא ק אין ק׳. מיר ווייסען, אַז דער ווערטה פון דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל ווייזט זיך נאָר ווידער אַרויס אין דעם פּראָדוקט [ד.ה. ער ווערט ניט געשאַפען אין דעם פּראָ־צעס]. דער נייער ווערטה, וואָס ווערט ווירקליך געשאַפען אין דעם פּראָצעס, [דער פּראָדוצירטער ווערטה אָדער ווערטה־פּראָ־דוקט], איז אַלזאָ פערשיידען פון דעם [גאַנצען] פּראָדוקט־ווערטה, וואָס בעקומט זיך דורך דעם פּראָצעס; עס איז דעריבער ניט (ק+וו)+מ אָדער 410 ק+90 ם, ווי עס שיינט אויפ׳ן ערשטען בליק, נאָר עס איז וו+ם אָדער 90 וו+90 ם. דער ניי־געשאַ־פענער ווערטה־פּראָדוקט איז פאָלגליך ניט 590 פונט סט., נאָר 180 פונט סט. ווען ק, דער קאָנטסאַנטער קאַפּיטאַל, וואָלט געווען גלייך נול; אין אַנדערע ווערטער, ווען עס וואָלט געווען אַזאַ אינ־דוסטריע צווייג, וואו דער קאַפּיטאַליסט וואָלט ניט גענדאַרפט אַריינטאָן ניט קיין פּראָדוצירטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ניט קיין רויה־מאַטעריאַל, הילף־שטאָפען און אַרבייט־אינסטרומענטען, נאָר בלויז פון דער נאַטור געגעבענע שטאָפען און אַרבייטס־קראַפט, דאַן וואָלט ניט געווען קיין קאָנסטאַנטער טייל־ווערטה, וואָס אַרי־בערצוטראָגען אויפ׳ן פּראָדוקט. אָט דער עלעמענט פונ׳ם ווערטה פון פּראָדוקט, די 410 פונט סט. פון אונזער ביישפּיעל, וואָלט אָבגעפאַלען, אָבער דער [ניי־געשאַפענער] ווערטה פון 180 פונט סט., וואָס ענטהאַלט 90 פונט סט. מעהרווערטה, וואָלט געבליבען פּונקט אַזוי גרויס, ווי ווען ק וואָלט פאָרגעשטעלט די גרעסטע ווערטה־סומע. מיר וואָלטען דאַן געהאַט ק=0+וו=וו, און ק׳ דער פערמעהרטער קאַפּיטאַל, וואָלט געווען 0+וו+ם. ק׳—ק וואָלט אַלזאָ געווען ווי פריהער=ם. פערקעהרט, ווען ם וואָלט געווען=0, אין אַנדערע ווערטער, אויב די אַרבייטס־קראַפט, וואָס איהר ווערטה ווערט אויסגעלעגט אין וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, וואָלט

טען טעכנישען כאַראַקטער פון דעם ארבייט־פּראָצעס. דער אומשטאַנד אָבער, וואָס ביי א כעמישען פּראָצעס געברויכט מען רעטאָרטען און אַנדערע כלים, שטערט ניט פונדעסטוועגען בעת'ן אַנאַליז אויסצולאָזען די דאָזיגע כלים גופא פון בעטראַכט. אויף וויפיעל די ווערטה־שאַפונג און ווערטה־פערענדערונג ווערט בעטראַכט פאַר זיך אליין, ד.ה. אין איהר ריינער פאָרם, גיבען אונז די פּראָדוקציאָנס־מיטלען—אָט די מאַטעריעלע געשטאַלטען פון דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל—בלויז דעם שטאָף, אין וואָס די פליסיגע, ווערטה־שאַפענדע קראַפט זאָל ווערן פיקסירט. עס איז אויך אַלץ איינס, וואָס פאַר א ווערטה דער שטאָף האָט. ער מוז זיך נאָר געפינען אין א גענוג־גרויסער מאַסע, כדי צו קאָנען איינזויגען דעם גאַנצען סכום ארבייט, וואָס דאַרף אויסגעגעבען ווערן בעת דעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציאָן. איינמאָל איז די מאַסע געגעבען, מעג איהר ווערטה שטייגען אָדער פאַלען, אָדער זי מעג גאָר קיין ווערטה ניט האָבען, ווי די ערד און דער ים—וועט דער פּראָצעס פון ווערטה־שאַפונג און ווערטה־פערענדערונג דערפון ניט אָנגעריהרט ווערן.[27]

מיר שטעלען, אלזאָ, ערשטענס דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל גלייך צו נול. דער אויסגעלעגטער קאַפּיטאַל רעדוצירט זיך דערי־בער פון ק+וו צו וו, און דער פּראָדוקט־ווערטה (ק+וו)+מ צו דעם ווערטה־פּראָדוקט וו+מ. אָנגענומען, אז דער ווערטה־פּראָדוקט, אין וואָס עס שטעלט זיך פאָר די פליסענדע ארבייט פאַר דער גאַנצער צייט וואָס עס דויערט דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, איז=180 פונט סט., דאַרפען מיר נאָר אַראָבציהען דעם ווערטה פונ'ם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל=90 פונט סט., כדי צו בעקומען דעם מעהרווערטה=90 פונט סט. די צאָהל 90 פונט סט.=מ דריקט דאָ אויס די אַבסאָלוטע גרויס פון דעם פּראָדוצירטען מעהרווערטה. עס איז קלאָר אָבער, אז זיין פּראָפּאָרציאָנעלע

[27] נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. עס פערשטעהט זיך אליין, ווי לוקרעציוס זאָגט „ניל פּאָססע קרעאַרי דע ניהילאָ": פון גאָרנישט ווערט גאָרנישט. „ווערטה־שאַפונג" איז די פערוואַנדלונג פון ארבייטס־קראַפט אין ארבייט. די ארבייטס־קראַפט פון איהר זייט איז קודם כל דער פערוואַנדעלטער נאַטור־שטאָף אין מענשליכען ארגאַניזם.

א קאָנסטאַנטע ווערטה־גרויס, ווי דער ווערטה פון דער געקויפטער ארבייטס־קראַפט. אָבער אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס גופא טרעט ארוים אנשטאט די אויסגעלעגטע 90 פונט סט. די טהעטיגע ארבייטס־קראַפט, אנשטאט די טויטע טרעט ארוים לעבעדיגע אר־בייט, אויף דעם אָרט פון א אונבעוועגליכער—א פליסיגע גרויס, אויף דעם אָרט פון א קאָנסטאַנטער—א וואריאבלע. דער רע־זולטאט איז די רעפּראָדוקציאָן פון וו, פערמעהרט מיט א צו־וואוקס. פון שטאַנדפּונקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוק־ציאָן איז אָט דער גאַנצער פּראָצעס א זעלבסט־בעוועגונג פון דעם אורשפּרינגליך קאָנסטאַנטען ווערטה, וואָס איז פערוואנדעלט גע־וואָרן אין ארבייטס־קראַפט. צו איהם ווערט צוגעשריבען דער גאַנצער פּראָצעס מיט זיין רעזולטאַט. אויב די פאָרמולע 90 פונט סט. וואריאבלער קאַפּיטאַל, אָדער ווערטה וואָס פערמעהרט זיך, זעהט זיך אָן צו זיין ווירערשפּרעכענד, דריקט זי נאָר אויס א ווידערשפּרוך, וואָס ליעגט בטבע (אימאַנענט) אין דער קאַפּי־טאַליסטישער פּראָדוקציאָן.

דאָס שטעלען דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל גלייך צו נול מאכט אויף'ן ערשטען בליק א מאָדנעם איינדרוק. דאָך ווערט עס נאָכאַנאַנד געטאָן אין אַלטעגליכען לעבען. ווען מען וויל צ.ב.ש. בערעכענען דעם פּראָפיט, וואָס ענגלאנד מאכט פון דער באוועל־אינדוסטריע, רעכענט מען קודם כל ארונטער דעם פּרייז פון באוועל, וואָס מען צאָהלט אויס די פעראייניגטע שטאאטען, אינדיען, עגיפּ־טען א.אז.וו.; ד.ה. מען שטעלט דעם קאַפּיטאַל, וואָס ערשיינט נאָר ווייעדער אין דעם ווערטה פון פּראָדוקט, גלייך נול.

געוויס האָט די שייכות פון מעהרווערטה, ניט נאָר צו דעם טייל קאַפּיטאַל, פון וועלכען ער שטאַמט דירעקט אָב און שטעלט פאָר זיין ווערטה־פערענדערונג, נאָר אפילו צו דעם גאַנצען אויס־געלעגטען קאַפּיטאַל, איהר גרויסע עקאָנאָמישע בעדייטונג. מיר בעהאנדלען דעריבער די דאָזיגע שייכות אויספיהרליך אין דריטען בוך. כדי צו פערמעהרן איין טייל פון קאַפּיטאַל פערבייטענדיג איהם אויף ארבייטס־קראַפט, מוז אנאַנדער טייל פון קאַפּיטאַל פערוואנדעלט ווערן אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען. כדי דער וואריאב־לער קאַפּיטאַל זאָל פונקציאָנירן, מוז אויסגעלעגט ווערן קאָנסטאַנ־טער קאַפּיטאַל אין די געהעריגע פּראָפּאָרציעס, לויט דעם בעשטימ־

זעלבען אליקוואטען טייל פון טאג, כדי צו פראדוציר'ן דעם ווערטה פון זיין ארבייטס־קראפט און געווינען דורכדעם די לעבענס־מיט־לען, וואס זיינען נויטיג פאר זיין אייגענעם אויפהאלט אדער שטענדיגער רעפראדוקציאן. אזוי ווי אבער אין דעם טייל פון ארבייטס־טאג, אין וועלכען ער פראדוצירט דעם טאג־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט, לאמיר זאגען 3 שילינג, פראדוצירט ער נישט מעהר ווי אן עקוויוואלענט פאר זייער ווערטה, וואס דער קאפיטאליסט האט שוין אבגעצאהלט,[28*]—ער איז, הייסט עס, נאר ממלא דורך דעם ניי־געשאפענעם ווערטה דעם אויסגעלעגטען וואריאבלען קאפיטאל־ווערטה,—בעווייזט זיך אט די פראדוקציאן פון ווערטה בלויז ווי א רעפראדוקציאן. דעם טייל פונ'ם ארבייטס־טאג, אין וועלכען די דאזיגע רעפראדוקציאן געהט פאר, רוף איז אלזא אן נויטוועדיגע ארבייט־צייט און די ארבייט, וואס ווערט אויסגעגעבען אין משך פון דער צייט—נויטוועדיגע ארבייט.[29] נויטוועדיג פאר דעם ארבייטער, ווייל זי העגנט ניט אב פון דער געזעלשאפטליכער פארם פון זיין ארבייט. נויטוועדיג פאר'ן קאפיטאל און זיין וועלט, ווייל די שטענדיגע עקזיסטענץ פון דעם ארבייטער איז דער באזיס פון דער קאפיטאליסטישער וועלט.

די צווייטע פעריאדע פון דעם ארבייט־פראצעס, אין וועלכער דער ארבייטער שלאגט זיך ארויס פון די כחות איבער די גרעניצען פון דער נויטוועדיגער ארבייט, קאסט איהם טאקע אפילו ארבייט,

---

[28*] אין דער דריטער אויפלאגע בעמערקט דערצו ענגעלס: „דער פערפאסער געברויכט דא די געוועהנליכע עקאנאמישע שפראך. מען קאן זיך ערינערן, אז אויף זייט 264 איז בעוויזען געווארן, ווי אין דער ווירקליכקייט לעגט ניט אויס דער קאפיטאליסט פאר דעם ארבייטער, נאר דער ארבייטער לעגט אויס פאר'ן קאפיטאליסט—דעם געברויך־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט.

[29] ביזאהער האבען מיר אין דעם ווערק בענוצט דעם אויסדרוק „נויטוועג־דיגע ארבייט־צייט" פאר דער געזעלשאפטליכער ארבייט־צייט, וואס איז נויט־וועגדיג צו פראדוצירן א סחורה בכלל. פון איצט און ווייטער געברויכען מיר דעם אויסדרוק אויך פאר דער ארבייט־צייט, וואס איז נויטוועגדיג צו פראדוצירן די ספעציפישע סחורה ארבייטס־קראפט. דער געברויך פון דעמזעלבען טעכנישען טערמין אין א פערשיידענעם זין איז ניט בעקוועם, מען קאן עס אבער אין קיין וויסענשאפט ניט אויסמיידען אין גאנצען. פערגלייכט צ.ב.ש. די העכערע און נידעריגערע טיילען פון דער מאטעמאטיק.

גרויס, ד.ה. דער ערך, אין וועלכען דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל האָט זיך פערמעהרט, ווערט בעשטימט דורך דעם ערך, אין וועלכען דער מעהרווערטה פערהאַלט זיך צום וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, אָדער ער ווערט אויסגעדריקט אין דער תשברת ס/וו. אין דעם פאָריגען ביישפּיעל הייסט עס אין $\frac{90}{90}=100$ פּראָצענט. אָט די פערהעלטניסמעסיגע פערמעהרונג פון דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, אָדער די לפי ערך'דיגע גרויס פון דעם מעהרווערטה, רוף איך אָן די ר א ט ע פ ו ן מ ע ה ר ו ו ע ר ט ה.[28]

מיר האָבען געזעהן, אז דער אַרבייטער פּראָדוצירט אין משך פון איין אָבטייל פונ'ם אַרבייט־פּראָצעס בלויז דעם ווערטה פון זיין אַרבייטס־קראַפט; ד.ה. דעם ווערטה פון זיינע נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען. אַזוי ווי ער פּראָדוצירט אין א צושטאַנד, וואָס איז געבויט אויף א געזעלשאַפטליכער טיילונג פון דער אַרבייט, פּראָדוצירט ער ניט זיינע לעבענס־מיטלען דירעקט, נאָר ער פּראָדוצירט אין דער פאָרם פון א ספּעציעלער סחורה, פון פעדים צ.ב.ש., א ווערטה, וואָס איז גלייך צו דעם ווערטה פון זיינע לעבענס־מיטלען, אָדער צו דעם געלד, מיט וואָס ער קויפט זיי. דער טייל פון זיין אַרבייטס־טאָג, וואָס ער פערברויכט אויף דעם, איז גרעסער אָדער קלענער לויט דעם ווערטה פון זיינע דורכשניטליכע טעגליכע לעבענס־מיטלען, הייסט עס לויט דער דורכשניטליכער טעגליכער אַרבייטס־צייט, וואָס פאָדערט זיך זיי צו פּראָדוצירן. ווען דער ווערטה פון זיינע טעגליכע לעבענס־מיטלען שטעלט דורכשניטליך פאַר 6 מאַטעריאַליזירטע אַרבייטס־שטונדען, מוז דער אַרבייטער דורכשניטליך אַרבייטען 6 שטונדען טעגליך, כדי צו פּראָדוצירן דעם דאָזיגען ווערטה. ווען ער אַרבייט ניט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, נאָר פאַר זיך אַליין, אונאָבהענגיק, וואָלט ער געמוזט, ווען אַלע איבעריגע אומשטענדען בלייבען דיזעלביגע, פונקט אַזוי ווי פריהער אַרבייטען דורכשניטליך דעמ־

[28] אויפ'ן זעלבען אופן ווי דער ענגלישער געברויכט דעם אויסדרוק "Rate of Profits" אָדער "Rate of Interest". מען וועט זעהן פון דעם דריטען בוך, אַז עס איז לייכט צו בעגרייפען די פּראָפיט־ראַטע, ווייבאַלד מען ווייס די געזעצען פון מעהרווערטה. אויף דעם אומגעקעהרטען אופן בעגרייפט מען ניט די, ניט יענע.

בעשטימט דעם נויטיגען טייל פון ארבייטס־טאג, בעת דער מעהר־ווערטה איז בעשטימט דורך דעם איבערפליסיגען טייל פון אר־בייטס טאג, פאלגט דערפון אז: דער מעהרווערטה פערהאלט זיך צום וואריאבלען קאפיטאל, ווי די מעהר־ארבייט צו דער נויטוועגדיגער ארבייט, אדער די ראטע פון מעהרווערטה איז $\frac{\text{מ}}{\text{וו}} = \frac{\text{מעהרארבייט}}{\text{נויטוועגדיגע ארבייט}}$. ביידע פראפארציעס דריקען אויס די־זעלבע פערהעלטעניש אין א פערשיידענער פארם—איינמאל אין דער פארם פון מאטעריאליזירטער ארבייט, דאס אנדערע מאל אין דער פארם פון פליסיגער ארבייט.

די ראטע פון מעהרווערטה איז דעריבער דער פינקטליכער אויסדרוק פאר דעם גראד עקספלואטאציע פון דער ארבייטס־קראפט דורך דעם קאפיטאל, אדער פון דעם ארבייטער דורך דעם קאפיטאליסט.*[80]

לויט אונזער השערה איז געווען דער ווערטה פון פראדוקט =410 פונט סט. ק+90 פונט סט. וו+90 פונט סט. מ, און דער אויסגעלעגטער קאפיטאל=500 פונט סט. אזוי ווי דער מעהר־ווערטה איז 90 און דער אויסגעלעגטער קאפיטאל=500, וואלט מען געקאנט אויף דעם געוועהנליכען אופן פון רעכענען ארויסבע־קומען, אז די ראטע פון מעהרווערטה (וועלכע מען פערבייט מיט דער פראפיט־ראטע) איז 18 פראצענט—אזא נידעריגער צאהל לפי ערך, וואס וואלט ארויסגערופען מיטלייד ביי דעם הערר קארי און אנדערע הארמאניסטען. אין דערווירקליכקייט אבער איז די ראטע פון מעהרווערטה ניט $=\frac{\text{מ}}{\text{ק}}$ אדער $\frac{\text{מ}}{\text{ק+וו}}$, נאר $=\frac{\text{מ}}{\text{וו}}$, אלזא, ניט $\frac{90}{500}$, נאר $\frac{90}{90}=100$ פראצענט: מעהר ווי פינף מאל אזויפיעל

*[80] נאטע צו דער 2טער אויסגאבע. הגם די ראטע פון מעהרווערטה איז א פינקטליכער אויסדרוק פאר דעם גראד עקספלואטאציע פון דער ארבייטס־קראפט, איז עס אבער ניט קיין אויסדרוק פאר דער אבסאלוטער גרויס פון דער עקספלואטאציע. צום ביישפיעל, ווען די נויטוועגדיגע ארבייט איז=5 שטונדען און די מעהרארבייט איז=5 שטונדען, איז דער גראד פון דער עקספלואטאציע =100 פראצענט. די גרויס פון דער עקספלואטאציע ווערט דא געמאסטען דורך 5 שטונדען. ווען אבער די נויטוועגדיגע ארבייט איז=6 שטונדען און די מעהר־ארבייט=6 שטונדען, בלייבט דער גראד עקספלואטאציע פון 100 פראצענט ניט פערענדערט, בעת די גרויס פון דער עקספלואטאציע איז געוואקסען אויף 20 פראצענט, פון 5 אויף 6 שטונדען.

פערוועגדונג פון ארבייטס־קראפט, זי מאכט אבער ניט אויס פאר איהם קיין ווערטה. זי מאכט אויס מעהרווערטה, וועלכער האט פאר׳ן קאפיטאליסט דעם גאנצען חן פון א יש מאין־בעשאפונג. אט דעם טייל פון ארבייטס־טאג רוף איך אן סורפלוס־ארבייטצייט און די ארבייט, וואס ווערט אין איהר אויס־געגעבען — מעהר־ארבייט (Surplus labor). אזוי ווי עס איז אבסאלוט וויכטיג (ענטשיידענד) פאר דער ערקענטעניש פון דעם ווערטה בכלל צו בעגרייפען איהם ווי א פשוט׳ע פער־גליווערונג פון ארבייטס־צייט, אזוי איז אויך אבסאלוט וויכטיג פאר דער ערקענטעניש פון דעם מעהרווערטה צו בעגרייפען איהם ווי א פשוט׳ע פערגליווערונג פון סורפלוס־ארבייטצייט, ווי בלויז מאטעריאליזירטע מעהר־ארבייט. נאר די פארם, אין וועלכער די ראזיגע מעהר־ארבייט ווערט ארויסגעפרעסט פון דעם דירעקטען פראדוציר‏ער, דעם ארבייטער, אונטערשיידט די עקאנאמישע פאר־מאציעס פון דער געזעלשאפט, צום ביישפיעל די געזעלשאפט, וואס איז געבויט אויף שקלאפעריי, פון דער לוין־ארבייט גע־זעלשאפט. [80]

היות ווי דער ווערטה פון דעם וואריאבלען קאפיטאל איז גלייך צו דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט, וואס ער האט געקויפט, און אזוי ווי דער ווערטה פון אט דער ארבייטס־קראפט

[80] הערר ווילהעלם טהוצידידעס ראשער מאכט די קאמישע ענטדעקונג, אז אויב די שאפונג פון מעהרווערטה אדער מעהר־פראדוקט, צוזאמען מיט דער אקומולאציע, וואס איז דערמיט פערבונדען, האט היינטיגען טאג צו פערדאנקען דער „שפארזאמקייט" פון דעם קאפיטאליסט, וועלכער „פערלאנגט צ.ב.ש. א פראצענט" דערפאר, זיינען פערקעהרט, „אויף די נידעריגסטע קולטור־שטופען .... די שוואכערע געצוואונגען געווארן צו פראקטיצירן שפארזאמקייט דורך די שטארקערע." („די גרונדלאגען דער נאציאנאל־עקאנאמיע", 3טע אויפלאגע, 1858, ז. 78.) אבצושפארן ארבייט? אדער די ניט־עקזיסטירענדע איבעריגע פראדוקטען? א חוץ פשוט׳ער אונוויסענהייט איז עס די אפאלאגעטישע מורא פאר א געוויסענהאפטען אנאליז פון ווערטה און מעהרווערטה, און אויך די מורא טאמער וועט זיך דערפון בעקומען א פאליציי־פערבאטענער רעזולטאט, וואס עס צווינגט א ראשער׳ן און זיינע חברים צו פערדרעהען די מעהר אדער ווייניגער קלארע רעכטפערטיגונג־טעמים פון דעם קאפיטאליסט פאר זיין צו־נעהמען די פארהאנענע מעהרווערטהען, וואס ער געפינט אין די גרונדען פון דעם ענטשטעהען פון מעהרווערטה.

אַמעריקאַנער באַוועל, און פּראָדוצירט 1 פונט פעדים אויף יעדען שפּינדעל אַ וואָך. דער אָבפאַל איז 6 פּראָצענט. הייסט עס, אַז 10,600 פונט באַוועל ווערן אויסגעאַרבייט וועכענטליך אין 10,000 פונט פעדים, מיט אַן אָבפאַל פון 600 פונט. אין אַפּריל 1871 האָט די דאָזיגע באַוועל געקאָסט 7¾ פּענס אַ פונט; אַלזאָ פאַר 10,600 פונט, אין רונדע ציפער, 342 פונט סט. די 10,000 שפּינדלען, צורעכענדיג די מאַשינעריע, וואָס גרייט צו צום שפּינען, און די דאַמף־מאַשין, קאָסטען 1 פונט סט. פער שפּינדעל, אַלזאָ 10,000 פונט סט. זייער יעהרליכע אָבנוצונג בעטרעפט 10 פּראָ־צענט, הייסט עס 1000 פונט סט. אָדער 20 פונט סט. אַ וואָך. דירה־געלד פאַר דער פאַבריק איז 300 פונט סט. אָדער 6 פונט סט. פער וואָך. קויהלען (4 פונט פער שטונדע און פערד־קראַפט [לויט'ן אינדיקאַטאָר] און 60 שטונדען אַ וואָך, אַריינגערעכענט בעהייצונג פון דער געביידע) 11 טאָן אַ וואָך, אויף 8 שילינג 6 פּענס אַ טאָן, קאָסטען אין רונדע ציפער 4½ פונט סט. אַ וואָך; גאַז 1 פונט סט. אַ וואָך, אויל 4½ פונט סט. אַ וואָך, אַלזאָ אַלע הילף־שטאָפען 10 פונט סט. אַ וואָך. דער אַרבייטס־לוין בע־טרעפט 52 פונט סט. אַ וואָך. דער קאָנסטאַנטער און וואַריאַב־לער קאַפּיטאַל צוזאַמען מאַכען אַלזאָ אויס 378+52=430 פונט סט. אַ וואָך.

דער פּרייז פון פעדים איז 12¼ פּענס אַ פונט, הייסט עס פאַר 10,000 פונד—510 פונט סט. כּדי צו געפינען דעם מעהר־ווערטה, מוזען מיר אַראָבציהען פון די 510 פונט סט., ד.ה. דעם ווערטה פון גאַנצען פּראָדוקט, דעם אויסגעגעבענעם קאָנסטאַנטען און וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, די 430 פונט סט. מיר בעקומען דאַן אַלס מעהרווערטה 80 פונט סט. דעם קאָנסטאַנטען טייל ווערטה, וואָס בעטרעפט 378 פונט סט., שטעלען מיר גלייך נול, אַזוי ווי ער נעהמט ניט קיין טייל אין דער וועכענטליכער ווערטה־שאַפונג. ער ווערט ניט געשאַפען פון דאָס ניי, נאָר ער ווערט בלויז אַרי־בערגעטראָגען. בלייבט דער וועכענטליכער ווערטה־פּראָדוקט פון 132=52 פונט סט. וואַריאַבלער קאַפּיטאַל+80 פונט סט. מעהר־ווערטה. די ראַטע פון מעהרווערטה איז אַלזאָ $=\frac{80}{52}=153^{11}/_{13}$ פּראָצענט. ביי אַ צעהן־שטונדיגען דורכשניטליכען אַרבייטס־טאָג

איידער דער גראַד עקספּלואַטאַציע, וואָס זעהט זיך אָן פון אויבען־אויף. אָבוואויל אין דעם געגעבענעם פאַל ווייסען מיר נאָך דער־ווײַלע נים די אבסאָלוטע גרויס פון דעם ארבייטס־טאָג, אויך נים די פעריאָדע פון דעם ארבייט־פּראָצעס (א טאָג, א וואָך א.אז.וו.), און מיר ווייסען אויך ענדליך נים די צאָהל פון די ארבייטער, וועלכע לאָזען גלייכצייטיג אין בעוועגונג דעם וואַריאַבלען קאַפּי־טאַל פון 90 פונט סט., פונדעסטוועגען בעווייזט אונז די ראַטע פונ'ם מעהרווערטה $\frac{\text{מ}}{\text{וו}}$, דורך דער מעגליכקייט פון איהר אומ־וואַנדלונג אין $\frac{\text{מעהראַרבייט}}{\text{נויטוועגדינע ארבייט}}$, גענוי די פערהעלטעניש פון די צוויי בעשטאַנדטיילען איינער צום אנדערן. עס איז 100 פּראָ־צענט. פאָלגליך קומט אויס, אז דער ארבייטער ארבייט איין העלפט פון טאָג פאַר זיך און די אנדערע העלפט פאַר דעם קאַ־פּיטאַליסט.

די מעטאָדע ווי צו בערעכענען די ראַטע פון מעהרווערטה איז בקיצור אָט די: מיר נעהמען דעם גאַנצען ווערטה פון פּראָ־דוקט און שטעלען דעם טייל פון קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל־ווערטה, וואָס בעווייזט זיך בלויז אין איהם [דעם פּראָדוקט] ווידער, גלייך נול. די איבערגעבליבענע ווערטה־סומע איז דער איינצי־גער ווערטה־פּראָדוקט, וואָס איז ווירקליך ארויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם שאַפונג־פּראָצעס פון דער סחורה. אויב דער מעהר־ווערטה איז א בעוואוסטע סומע, ציהען מיר איהם אראָב פון דעם דאָזיגען ווערטה־פּראָדוקט, כדי אויסצוגעפינען דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. איז דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל א בעוואוסטע סומע און מיר זוכען דעם מעהרווערטה, טהוען מיר פערקעהרט. אויב ביידע סומען זיינען בעוואוסט, דאַן דאַרף מען נאָר מאַכען די שלוס־אָפּעראַציע: בערעכענען די פערהעלטעניש פון דעם מעהר־ווערטה צום וואַריאַבלען קאַפּיטאַל $\frac{\text{מ}}{\text{וו}}$.

הגם די מעטאָדע איז אזוי איינפאַך, פונדעסטוועגען שיינט צו זיין כדאַי איינצואיבען דעם לעזער דורך איינינע ביישפּיעלען אין דעם אופן פון אנשויאונג, וואָס איז פאַר איהם פרעמד, און וועלכער ליעגט אין גרונד פון דער מעטאָדע.

קודם וועלען מיר נעהמען דעם ביישפּיעל פון א שפּינערייי מיט 10,000 מול־שפּינדלען, וועלכע שפּינט נומר 32 פעדים פון

צו פּראָדוצירן אַ מעהרווערטה, וועלכען פערשיידענע פּערזאָנען פערטיילען איהם צווישען זיך אונטער פערשיידענע אויסרעדען.[*81]

2. דער אויסדרוק פונ'ם ווערטה פון פּראָדוקט אין פּראָפּאָרציאָנעלע טיילען פון פּראָדוקט.

מיר וועלען איצט זיך אומקעהרן צוריק צו דעם ביישפּיעל, וואָס האָט אונז בעוויזען, ווי דער קאַפּיטאַליסט מאַכט פון געלד קאַפּיטאַל. די נויטווענדיגע ארבייט פון זיין שפּינער האָט בעטראָפען 6 שטונדען, די מעהראַרבייט דאָסגלייכען, פאָלגליך איז דער גראַד עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייטס־קראַפט 100 פּראָצענט.

דער פּראָדוקט פון דעם 12־שטונדיגען ארבייטס־טאָג זיינען 20 פונט פעדים, ווערטה 30 שילינג. ניט ווייניגער ווי $^8/_{10}$ פון אָט דעם ווערטה (24 שילינג) ווערן פאָרמירט דורך דעם ווערטה פון די פערצעהרטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס בעווייזט זיך בלויז ווידער אין דעם פּראָדוקט (20 פונט באַוועל פאַר 20 שילינג, שפּינדלען א.אז.וו. פאַר 4 שילינג), אָדער זיי בעשטעהען פון קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל. די איבעריגע $^2/_{10}$ זיינען דער נייער ווערטה פון 6 שילינג, וואָס איז ענטשטאַנען בעת דעם פּראָצעס פון שפּינען—אַ העלפט פון דעם דעקט דעם אויסגעלעגטען טאָג־ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט, און די אנדער העלפט מאַכט אויס דעם מעהרווערטה פון 3 שילינג. דער גאַנצער ווערטה פון די 20 פונט פעדים איז אַלזאָ צוזאַמענגעשטעלט ווי פאָלגט: דער פעדים־ווערטה פון 30 שילינג=24 שילינג קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל+3 שילינג וואַריאַבלער קאַפּיטאַל+3 שילינג מעהרווערטה.

אזוי ווי אָט דער גאַנצער ווערטה איז פאָרגעשטעלט אין דעם גאַנצען פּראָדוקט פון 20 פונט פעדים, מוזען אויך די פערשיידענע עלעמענטען פון דעם ווערטה זיך לאָזען פאָרשטעלען אין פּראָפּאָרציאָנעלע טיילען פון דעם פּראָדוקט.

[*81] די געגעבענע רעכענונגען גילטען נאר ווי אילוסטראַציעס. די השערה איז, אז די פּרייזען זיינען גלייך צו די ווערטהען. מיר וועלען זעהן אין דריטען בוך, אז אַט די גלייכשטעלונג מאַכט זיך גאר ניט אויף אַזאַ איינפאַכען אופן, אפילו פאַר די דורכשניטס פּרייזען.

בעקומט זיך: נויטווענדיגע ארבייט=$3\,{}^{81}/_{33}$ שטונדען און מעהר־ארבייט=$6\,{}^{2}/_{33}$ שטונדען.[81]

יאַקאָב מאַכט אַ חשבון פאַר דעם יאָהר 1815, אָננעהמענדיג אַ פּרייז פון ווייץ אויף 80 שילינג דאָס פערטעל און אַ דורכשניט־ערטראַג פון 22 בושעל פּער אַקער, אַזוי אַז דער אַקער ברענגט אריין 11 פונט סט.. (דער חשבון ליידט פון דעם חסרון, וואָס איינינגע פּרטים פון הוצאה און הכנסה זיינען שוין פון פריהער גערעקט, דאָך אָבער געניגענד פאַר אונזער צוועק), ווי פאָלגט :—

ווערטה־פּראָדוקציאָן פּער אַקער.

זריעה (ווייץ) — 1 פונט סט. 9 שילינג	
בעמיסטיגונג — 2	״ 10 ״
ארביים־לוין — 3	״ 10 ״
סך הכל — 7 פונט סט. 9 שילינג	

שטייערן, מעשר אָב־צאהלונגען — 1 פונט סט. 1 שילינג	
רענטע— — — 1	״ 8 ״
פאַכטער׳ס פּראָ־פיט און צינז 1	״ 2 ״
סך הכל — 3 פונט סט. 11 שילינג	

דער מעהרוועהרטה, שטענדיג אָננעהמענדיג, אַז דער פּרייז פון פּראָדוקט איז גלייך צו זיין ווערטה, ווערט דאָ פערטיילט אונטער די פערשיידענע רובריקען פּראָפיט, צינז, מעשר־אָבצאָה־לונגען א.אז.וו. אָט די רובריקען אינטערעסירן אונז ניט. מיר לעגען זיי צוזאַמען און בעקומען אַ מעהרווערטה פון 3 פונט סט. 11 שילינג. די 3 פונט 19 פאַר זריעה אָן בעמיסטיגונג שטעלען מיר, אַלס קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל גלייך נול. בלייבט דער אויס־געלעגטער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל פון 3 פונט 10, וואָס אנשטאַט איהם איז פּראָדוצירט געוואָרן 3 פונט 10+3 פונט 11. בכן בעטרעפט $\frac{m}{v} = \frac{\text{3 פונט 11}}{\text{3 פונט 10}}$, מעהר איידער 100 פּראָצענט. דער ארבייטער פערווענדט מעהר ווי אַ העלפט פון זיין ארבייטס־טאָג

[81] נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. דער ביישפּיעל, וואָס איז געגעבען געוואָרן איז דער ערשטער אויסגאַבע פון אַ שפּינערריי פאַר דעם יאָהר 1860, האָט ענטהאַלטען איינינגע פאַקטישע טעות׳ן. די דאַטען, וואָס זיינען געגעבען דאָ אין טעקסט, האָב איך געקריגען פון אַ מאַנטשעסטער פאַבריקאַנט. — מען דאַרף בעמערקען, אַז אין ענגלאַנד איז די אַלטע פערד־קראַפט בערעכענט געוואָרן לויט דעם דורכשניט פון צילינדער: די נייע ווערט געצעהלט לויט דער ווירק־ליכער קראַפט, וואָס דער אינדיקאַטאָר צייגט אָן.

וואָרן בעת'ן פּראָצעס פון שפּינען גופא. עס קומט אוים, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך גאָר אָהן שפּינען פערוואַנדעלט אין פעדים, און אזוי ווי זייער פעדים־געשטאַלט וואָלט געווען א ריינער שקר וכזב. אין דער ווירקליכקייט, ווען דער קאַפּיטאַליסט פערקויפט זיי פאַר 24 שילינג און קויפט דערמיט צוריק זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, צייגט זיך ארוים, אז די 16 פונט פעדים זיינען נאָר פערקליידעטע באַוועל, שפּינדלען, קויהלען א.אז.וו.

פערקעהרט, די איבערגעבליבענע צוויי צעהנטעל פון פּראָדוקט, אָדער די 4 פונט פעדים, שטעלען קיין אנדער זאַך ניט פאָר א חוץ דעם נייעם ווערטה פון 6 שילינג, וואָס זיינען פּראָדוצירט געוואָרן אין דעם 12־שטונדיגען שפּינען־פּראָצעס. וואָס עס האָט געשטעקט אין זיי פון דעם ווערטה פון די פערנוצטע רויה־מאַטעריאַלען און ארבייטס־מיטלען, איז שוין ארויסגעריינינגט פון זיי און פערקערפּערט געוואָרן אין די ערשטע 16 פונט פעדים. די שפּינעריי־ארבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין 20 פונט פעדים, איז קאָנצענטרירט אין $^{2}/_{10}$ פון דעם פּראָדוקט, עס קומט אוים, ווי דער שפּינער וואָלט אויסגעארבייט 4 פונט פעדים פון דער לופט, אָדער פון באַוועל און שפּינדלען, וואָס האָבען זיך גענומען פון זיך אליין, אָהן דער מיטווירקונג פון מענשליכער ארבייט, און גיבען ניט צו דעם פּראָדוקט קיין ווערטה.

פון די 4 פונט פעדים, אין וועלכע עס געפינט זיך אויף דעם אופן דער גאַנצער ווערטה־פּראָדוקט פון דעם טעגליכען פּראָצעס פון שפּינען, שטעלט פאָר איין העלפט נאָר דעם צוריקקעהר פון דער פערנוצטער ארבייטס־קראַפט, ד.ה. דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל פון 3 שילינג; די אנדערע 2 פונט פעדים—נאָר דעם מעהרווערטה פון 3 שילינג.

אזוי ווי דעם שפּינער'ס 12 ארבייט־שטונדען פערקערפּערן זיך אין 6 שילינג, זיינען אין 30 שילינג ווערטה פון פעדים פערקערפּערט 60 ארבייט־שטונדען. זיי עקזיסטירן אין 20 פונט פעדים, פון וועלכע $^{8}/_{10}$ אָדער 16 פונט זיינען די פערקערפּערונג פון 48 ארבייט־שטונדען, וואָס זיינען פערגאַנגען איידער דעם פּראָצעס פון שפּינען, ד.ה. אין דער ארבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון די פעדים; און $^{2}/_{10}$ אָדער 4 פונט זיינען די פערקערפּערונג פון 12 ארבייטשטונדען,

אויב אין 20 פונט פעדים געפינט זיך א פעדים־ווערטה פון 30 שילינג, מוז זיך דאך 8/10 פון דעם ווערטה, אדער דער קאנ־סטאנטער טייל פון 24 שילינג, געפינען אין 8/10 פון פראדוקט, אדער אין 16 פונט פעדים. פון אט די 16 שטעלען פאר 13⅓ פונט דעם ווערטה פון דעם רויה־מאטעריאל, פון די אויסגעשפו־נענע באוועל פאר 20 שילינג, און 2⅔ פונט שטעלען פאר די פערצעהרטע הילף־שטאפען און ארבייטס־מיטלען, די שפינדלען א.אז.וו. פאר 4 שילינג.

13⅓ פונט פעדים שטעלען אלזא פאר נאר די אויסגעשפו־נענע באוועל אין דעם גאנצען פראדוקט פון די 20 פונט פעדים, דעם רויה־מאטעריאל פון גאנצען פראדוקט, אבער מעהר גארנישט. אמת טאקע, אז אין זיי, אין די 13⅓ פונט פעדים, שטעקען נים מעהר ווי 13⅓ פונט באוועל אין ווערטה פון 13⅓ שילינג, אבער זייער צוגעגעבענער ווערט פון 6⅔ שילינג מאכט אויס אן עקווי־ וואלענט פאר דעם באוועל, וואס איז פערשפונען געווארן אין די אנדערע 6⅔ פונט פעדים. עס קומט אויס אזוי ווי די באוועל־ האר פון די דאזיגע 6⅔ פונט פעדים איז אינגאנצען אויסגעצופט געווארן און די גאנצע באוועל פון גאנצען פראדוקט איז צוזאמענ־ געקוועטשט געווארען אין די 13⅓ פונט פעדים. אבער דערפאר ענטהאלטען זיי איצט נים קיין אטאם פון דעם ווערטה פון די פערברויכטע הילף־שטאפען און ארבייטס־מיטלען און גארנישט פון דעם נייעם ווערטה, וואס איז געשאפען געווארן אין פראצעס פון שפינען.

אזוי אויך שטעלען פאר די אנדערע 2⅔ פונט פעדים, אין וועלכע עס שטעקט דאס איבעריגע פון דעם קאנסטאנטען קאפי־טאל (=4 שילינג), מעהר גארנישט אויסער דעם ווערטה פון די הילף־שטאפען און ארבייט־מיטלען, וואס זיינען פערנוצט געווארן אין דעם גאנצען פראדוקט פון 20 פונט פעדים.

אכט צעהנטעל פון דעם פראדוקט, אדער 16 פונט פעדים, ווען מען זאל זיי בעטראכטען קערפערליך ווי א געברויך־ווערטה, ווי פעדים, זיינען פונקט אזויפיעל א געשאפט פון דער שפינעריי־ ארבייט, ווי די איבעריגע פראדוקט־טיילען; דאך אבער, בע־ טראכטענדיג זיי אין אונזער צוזאמענהאנג, ענטהאלטען זיי נים קיין שפינעריי־ארבייט, קיין ארבייט, וואס איז איינגעזויגט גע־

דעריבער פאַר דעם ווערטה פון די ארבייטס־מיטלען, וואָס זיינען פערנוצט געוואָרן אין משך פון די 12 ארבייט־שטונדען. אזוי אויך אין דער נעקסטער שטונדע און 12 מינוט פּראָדוצירט דער שפּינער 2 פונט פעדים=3 שילינג, א פּראָדוקטען־ווערטה, וואָס איז גלייך צו דעם גאנצען ווערטה פונ׳ם פּראָדוקט, וואָס ער שאפט אין 6 שטונדען נויטווענדיגער ארבייט. ענדליך פּראָדוצירט ער אין די לעצטע $^6/_5$ שטונדען אויך אזוי 2 פונט פעדים, וואָס זייער ווערטה איז גלייך צו דעם מעהרווערטה, וועלכער איז געשאפען געוואָרן דורך זיין האלב־טאָגיקער מעהר־ארבייט. אָט דער מין רעכענונג דיענקט דעם ענגלישען פאבריקאנט פאר זיין טעגליכען געברויך, און ער קאָן זאָגען צ.ב.ש., אז אין די ערשטע 8 שטונדען אָדער ⅔ פון ארבייטס־טאָג שלאָגט ער ארוים זיין באוועל א.אז.וו. מען זעהט, אז די פאָרמולע איז א ריכטיגע, אז עס איז פאקטיש די ערשטע פאָרמולע, נאָר אנשטאט וואָס מען האָט פריהער בע־טראכט די טיילען פון פּראָדוקט ליעגענדיג פארטיגע איינע נעבען די אנדערע אין רוים, בעטראכט מען זיי איצטער, ווי זיי קומען איינע נאָך די אנדערע אין צייט. די פאָרמולע קאָן אָבער אויך געהן צוזאמען מיט זעהר בארבארישע פאָרשטעלונגען, דערהויפּט אין קעפּ, וועלכע זיינען פונקט אזויפיעל פעראינטערעסירט פּראַק־טיש אין דעם פּראָצעס פון ווערטה־פערמעהרונג, ווי זיי זיינען פעראינטערעסירט איהם שלעכט צו פערשטעהן טעאָרעטיש. מען קאָן זיך אויף דעם אופן איינבילדען, אז אונזער שפּינער צ.ב.ש. פּראָדוצירט אין די ערשטע 8 שטונדען פון זיין ארבייטס־טאָג דעם ווערטה פון דער באוועל, אין דער נעקסטער שטונדע און 36 מינוט דעם ווערטה פון די פערצעהרטע לעבענס־מיטלען, אין דער פאָלגענדער שטונדע און 12 מינוט דעם ווערטה פון דעם ארבייטס־לוין, און נאָר די פיעל־בעריהמטע „לעצטע שטונדע״ ווערט געווידמעט דעם פאבריק־העררן, ד. ה. דער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה. אויפ׳ן שפּינער ווערט אָט אזוי ארויפגעלעגט די לאסט אָבצוטאָן א טאָפּעלטען וואונדער: צו פּראָדוצירן באוועל, שפּינדלען, דאמף־מאשין, קויהלען, אויל א.אז.וו. אין דעמזעלבען אויגענבליק וואָס ער שפּינט מיט זיי, און פון איין ארבייטס־טאָג פון א געוויסען גראד אינטענסיוויטעט צו מאכען פינף אזעלכע טעג. אין אונזער פאל פאָדערט טאָקע

וואס זיינען אויסגעגעבען געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון שפּינען גופא.

פריהער האָבען מיר געזעהן, אז דער ווערטה פון די פעדים איז גלייך צו דער סומע פון דעם נייעם ווערטה, וואס איז גע־שאפען געוואָרן אין זיין פּראָדוקציאָן, פּלוס דעם ווערטה, וואס בעשטעהט שוין פון פריהער אין זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. איצטער צייגט זיך ארויס, אז די פערשיידענע בעשטאנד־טיילען פון דעם ווערטה פון פּראָדוקט, וואס זיינען פערשיידען לויט זיי־ערע פונקציעס אָדער אין בעגריף פון דער זאך, לאָזען זיך פאָר־שטעלען אין פּראָפּאָרציאָנעלע טיילען פון דעם פּראָדוקט אליין.

אָט די פערוואנדלונג פונ'ם פּראָדוקט—פון דעם רעזולטאט פון פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס—אויף איין סכום פּראָדוקט, וואס שטעלט פאָר נאָר די ארבייט, וועלכע ליעגט אין די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען, אָדער דעם ק אָ נ ס ט א נ ט ע ן קאפּיטאל; אויף אנאנדער סכום, וואס שטעלט פאָר די צוגעגעבענע נויט־וועגדיגע ארבייט בעת דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אָדער דעם ו ו א ר י א ב ל ע ן קאפּיטאל; און אויף א לעצטען סכום פּראָ־דוקט, וואס שטעלט פאָר נאָר די מעהרארבייט, וואס איז צוגע־געבען געוואָרן אין דעמזעלביגען פּראָצעס, אָדער דעם מ ע ה ר־ו ו ע ר ט ה — אָט די פאנאנדערטיילונג איז פונקט אזוי איינ־פאך ווי וויכטיג, ווי איהר אָנווענדונג אויף די פערוויקעלטע און נאָך ניט געלייזטע פּראָבלעמען וועט שפּעטער בעווייזען.

מיר האָבען אָקאָרשט בעטראכט דעם גאנצען פּראָדוקט אלס א פאַרטיגען רעזולטאט פון דעם 12־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, מיר וואָלטען אָבער אויך געקאָנט איהם בעטראכטען אין דעם פּראָצעס פון זיין ענטשטעהען און אלץ פאָרשטעלען די טייל־פּראָדוקטען ווי פּראָדוקט־טיילען, וואס זיינען פערשיידען לויט זייערע פונקציעס.

דער שפּינער פּראָדוצירט אין 12 שטונדען 20 פונט פעדים, פאָלגליך אין איין שטונדע 1⅔ און אין 8 שעה 13⅓ פונט, הייסט עס א טייל פּראָדוקט, וואס זיין ווערטה איז גלייך צו דער באוועל, וועלכע ווערט אויסגעשפּונען אין משך פון גאנצען ארבייטס־טאָג. אויפ'ן זעלבען אופן איז דער טייל פּראָדוקט פון דער פאָלגענדער שטונדע מיט 36 מינוט גלייך צו 2⅔ פונט פעדים, און שטעלט

גאנצער פערדיענסט פון דער לעצטער שטונדע. א פאבריקאנט לעגט אויס 100,000 פונט סט.—80,000 פונט סט. אין פאבריק־געביידען און מאשינען, 20,000 אין רויה־מאטעריאלען און אר־ביימס־לוין. אנגענומען אז דער קאפיטאל דרעהט זיך אום איין מאל א יאהר, און אז דער ברוטא־ריוח בעטרעפט 15 פראצענט, מוז דער יעהרליכער אומזאץ פון סחורה אין דער פאבריק בע־טרעפען 115,000 פונט סט.... פון אט די 115,000 פונט סט. פראדוצירט יעדע פון די 23 האלבע שטונדען פון ארבייטס־טאג $^{5}/_{115}$ אדער $^{1}/_{23}$. פון אט די $^{23}/_{23}$, וועלכע מאכען אויס דאס גאנצע פון די 115,000 פונט סט. (Constituting the whole 115.000) קעהרען אום $^{20}/_{23}$, ד.ה. 100,000 פון די 115,000 בלויז דעם קא־פיטאל; $^{1}/_{23}$ אדער 5000 פונט סט. פון די 15,000 ברוטא־ריוח (!) קעהרען אום די אבנוצונג פון דער פאבריק און מאשי־נעריע. די איבערגעבליבענע $^{2}/_{23}$, ד.ה. דיביידע לעצטע האלבע שטונדען פון יעדען טאג פראדוצירן דעם ריינעם ריוח פון 10 פראצענט. פאלגליך, ווען די פאבריק וואלט געמעגט ארבייטען 13 שטונדען אנשטאט 11½, וואלט, ביי דיזעלבע פרייזען, צו־לעגענדיג אן ערך 2,600 פונט סט. צום צירקולירענדען קאפיטאל, דער ריינער ריוח מעהר ווי פערטאפעלט געווארן. פערקעהרט, ווען די ארבייט־שטונדען וואלטען טעגליך פערקלענערט געווארן מיט איין שטונדע, וואלט דער ריינער ריוח אינגאנצען פער־שווינדען, און ווען עס וואלט פערקירצט געווארן מיט אנדער־האלבען שטונדען, וואלט אויך דער ברוטא־ריוח פערשווינדען.״ [32]

---

[32] סיניאר אין דער אויבען־דערמאנטער שריפט, ז. 12 און 13. מיר שטעלען זיך ניט אב אויף די קוריאזען, וועלכע זיינען גלייכגילטיג פאר אונזער צוועק; צום ביישפיעל די בעהויפטונג, אז די פאבריקאנטען רעכענען דעם אומקעהר פאר דער אבגענוצטער מאשינעריע א.אז.וו. ד.ה. א בעשטאנד־טייל פון קאפיטאל, אלס א ריוח—ברוטא אדער נעטא, א שמוציגער אדער א ריינער ריוח. מיר שטעלען זיך אויך ניט אב אויף דער ריכטיגקייט אדער פאלשקייט פון די אנגעגעבענע צאהלען. אז זיי זיינען ניט מעהר ווערטה איידער דער זאגענאנטער „אנאליז״, האט בעוויזען לעאנהארד הארנער אין „א לעטטער טו מר. סיניאר עטצ.״, לאנדאן 1837. לעאנהארד הארנער, איינער פון דער קאמיסיע צו אונטערזוכען די פאבריק־פערהעלטעניסע פון 1833 און א פאבריק־אינספעקטאר—פאקטיש א פאבריק־צענזאר—ביז 1859, האט דעם ענגלישען ארבייטער־קלאס געלייסטעט אונשטערבליכע פערדיענסטען. דעם גאנצען לעבען האט ער געפיהרט א קאמף

די פראָדוקציאָן פונ'ם רויה־מאטעריאל און פון די ארבייטס־מיטלען 4 צוועלף־שטונדיגע ארבייטס־טעג און זייער פערוואנד־לונג אין פעדים נאָך א 12־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. אז די לוסט נאָך רויב גלויבט אזעלכע וואונדער און עס פעהלט איהר קיינמאָל נים קיין היפּאָקריטישער טעאָרעטיקער זיי צו דערקלערן, בעווייזט א ביישפּיעל, וואָס האָט זיך ערוואָרבען א היסטאָרישע בעריהמטקייט.

3. סיניאָר'ס „לעצטע שטונדע".

איין שעהנעם פריהמאָרגען, אין יאָהר 1836, איז נאססאו ו. סיניאָר, א מאן מיט א גרויסען נאָמען וועגען זיין עקאָנאָמישער וויסענשאפט און שעהנעם סטיל—א מין שעהן־גייסט צווישען די ענגלישע עקאָנאָמען—גערופען געוואָרן פון אָקספאָרד נאָך מאנטשעסטער, כדי דאָ צו לערנען זיך פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אנשטאט דאָרטען צו לערנען אנדערע. די פאבריקאנטען האָבען איהם אויסגעקליבען פאר א פּרייז־פעכטער אנטקעגען דעם אונ־לענגסט ארויסגעגעבענעם פאבריק־געזעץ און אנטקעגען דער נאָך מעהר געפעהרליכער אגיטאציע פאר א 10 שטונדיגען ארבייטס־טאָג. זיי האָבען איינגעזעהן מיט זייער געאיבטער פּראקטישער שארפזיניגקייט, אז דער הערר פּראָפעסאָר „וואָנטעד א גוד דיעל אוו פינישינג" [אז עס פעהלט איהם נאָך דער לעצטער שליף]. זיי האָבען איהם דעריבער אויסגעשריבען קיין מאנטשעסטער. דער הערר פּראָפעסאָר פון זיין זייט האָט איבערגעגעבען אין זיין שעהנעם סטיל די לעקציע, וואָס ער האָט בעקומען פון די פאברי־קאנטען אין מאנטשעסטער, אין א קליין ביכעל: "Letters on the Factory Act, as it affects the Cotton Manufacture, London, 1837." דאָ קאָן מען געפינען צווישען אנדערעם די פאָל־גענדע מחיה'דיגע שטעלען:

„אונטער דעם איצטיגען געזעץ קאָן קיין פאבריק, וועלכע בעשעפטיגט ארבייטער אונטער 18 יאָהר, ניט ארבייטען לענגער ווי 11½ שטונדען טעגליך; דאָס הייסט 12 שטונדען א טאָג די ערשטע 5 טעג און 9 שטונדען שבת. דער פאָלגענדער אנא־ליז (!) בעווייזט אָבער, אז אין אזא פאבריק נעהמט זיך דער

אויפ'ן וואָרט, נאָר האָט געזעהן, אלס זאכפערשטענדיגער, אז מען דארף דאָ האָבען אַן אנאליז, האָט ער דאָך אין אזא פראגע, וואו עס דרעהט זיך אויסשליסליך ארום דער פערהעלטעניש פון דעם ריינעם ריוח צו דער גרויס פונ'ם ארבייטס־טאָג, קודם כל געמוזט בעטען די הערדען פאבריקאנטען, זיי זאָלען ניט צונויפמישען אין איין קאַשע די מאשינעריע און די פאבריק־געביידען, דעם רויה־מאטעריאל און די ארבייט, נאָר זיי זאָלען אזוי גוט זיין אוועקשטעלען דעם קאָנסטאנטען קאפּיטאל, וואָס ליעגט אין די פאבריק־געביידען, מאשינעריע, רויה־מאטעריאל א.אז.וו., אויף איין זייט, און דעם קאפּיטאל, וואָס איז אויסגעלעגט אין ארבייטסלוין, שטעלען אויף דער אנדער זייט. ווען עס וואָלט זיך דאַן ארויסגעוויזען א שטייגער, אז לויט דעם פאבריקאנט'ס רעכענונג רעפּראָדוצירט אָדער קעהרט אום דער ארבייטער אין $^{2}/_{3}$, אָדער אין 1 שטונדע, דעם ארבייטסלוין, וואָלט דער אנאליטיקער געדארפט פאָרטזעצען אזוי צו זאָגען:

נאָך אייער חשבון פּראָדוצירט דער ארבייטער אין דער פאָר־לעצטער שטונדע זיין ארבייטס־לוין און אין דער לעצטער שטונדע אייער מעהרווערטה אָדער דעם ריינעם ריוח. אזוי ווי דער ארבייטער פּראָדוצירט אין איינע און דיזעלביגע צייטען איינע און דיזעלביגע ווערטהען, האָט דער פּראָדוקט פון דער פאָר־לעצטער שטונדע דעמזעלביגען ווערטה ווי דער פּראָדוקט פון דער לעצטער שטונדע. ווייטער, דער ארבייטער פּראָדוצירט ווערטהען נאָר אזוי ווייט ווי ער גיט אויס ארבייט, און דער סכום פון זיין ארבייט ווערט געמאָסטען דורך זיין ארבייט־צייט. אָט די ארבייט־צייט בעטרעפט לויט אייער חשבון 11½ שטונדען א טאָג. איין טייל פון אָט די 11½ שטונדען פערברויכט ער צו פּראָדוצירן אָדער צוריקצוקעהרן זיין ארבייטס־לוין, דעם אנדער טייל צו פּראָדוצירן אייער ריינעם ריוח. ווייטער טהוט ער גאָרנישט אין משך פון ארבייטס־טאָג. אזוי ווי אָבער לויט אייער בעהויפּטונג זיינען זיין לוין און דער מעהרווערטה, וואָס ער ברענגט, גלייך־גרויסע ווערטהען, איז קלאָר אז ער פּראָדוצירט זיין ארבייטס־לוין אין 5¾ שטונדען און אייער ריינעם ריוח אין די אנדערע 5¾ שטונ־דען. היינט ווייטער, אזוי ווי דער ווערטה פון די פעדים, וואָס ער פּראָדוצירט אין 2 שטונדען, איז גלייך צו דער ווערטה־סומע

און דאָס רופט אָן דער הערר פּראָפעסאָר אן „אנאַליז”! האָט ער געגלויבט דעם יאָמער פון די פאַבריקאַנטען, אז די אר־בייטער פערגיירען די בעסטע צייט פון טאָג אויף דער פּראָדוק־ציאָן, און בכן אויף דער רעפּראָדוקציאָן, אָדער אויף אומצוקעהרן דעם ווערטה, פון די געביידען, מאַשינען, באַוועל, קויהלען א.אז.וו., דאַן איז דאָך דער גאַנצער אנאַליז געווען איבעריג. ער האָט זיי פּשוט געדאַרפט ענטפערן: מיינע העררען! ווען איהר לאָזט ארבייטען 10 שטונדען אנשטאט 11½, וועט דער טעגליכער פער־ברויך פון באַוועל, מאַשינעריע א.אז.וו., ווען די אומשטענדען בלייבען זאָנסט דיזעלבינע, זיין וועניגער אויף 1½ שטונדען. איהר געווינט אַלזאָ פּונקט אזויפיעל, וויפיעל איהר פערלירט. אייערע ארבייטער וועלען אין דער צוקונפט פערגיירען 1½ שטונ־דען וועניגער אויף צו רעפּראָדוצירן אָדער אומצוקעהרן דעם אויס־געלעגטען קאַפּיטאַל־ווערטה. האָט ער זיי, וויעדער ניט געגלויבט

ניט נאר מיט די פערבימערטע פאבריקאנטען, נאר אויך מיט די מיניסטארען, פאר וועלכע עס איז געווען אזויפיעל וויכטיגער צו צעהלען די שטימען פון די פאבריק־בעלי־בתים אין האוז אוו קאמאנס איידער די ארבייטס־שטונדען פון די „הענט” אין פאבריק.

צוגאב צו דער נאטע 32. — סיניאר'ס דערקלערונג איז א פערדרעהטע, א חוץ וואס איהר אינהאלט איז פאלש. וואס ער האט איינגענטליך געוואלט זאגען, איז דאס: דער פאבריקאנט בעשעפטיגט די ארבייטער טעגליך 11½ אדער $23/2$ שטונדען. אזוי ווי דער איינצעלנער ארבייטס־טאג, אזוי בע־שטעהט אויך די יאהר־ארבייט פון 11½ אדער $23/2$ שטונדען (גע'כפל'ט אויף דער צאהל ארבייטס־טעג דורכ'ן יאהר). אויף דער השערה פרא־דוצירן די $23/2$ ארבייט־שטונדען דעם יעהרליכען פראדוקט פון 115,000 פונט סט.; ½ ארבייט־שטונדע פראדוצירט $115{,}000 \times 1/23$ פונט סט.; $20/2$ פראדוצירן $115{,}000 \times 20/23$ פונט סט.=100,000 פונט סט., ד. ה. זיי קעהרן נאר אום דעם אויסגעלעגטען קאפיטאל. בלייבען ⅜ ארבייט־שטונדען, וועלכע פראדוצירן $115{,}000 \times 3/23$ פונט סט.=15,000, ד.ה. דער ברוטא־ריוח. פון אט די $3/2$ ארבייט־שטונדען פראדוצירט ½ ארבייט־שטונדע $15{,}000 \times 1/23$ פונט סט. =5000 פונט סט., ד.ה. זי פראדוצירט נאר וויפיעל עס קעהרט אום פאר דעם אבניץ פון דער פאבריק און פון דער מאשינעריע. די לעצטע צוויי האלבע ארבייט־שטונדען, ד.ה. די לעצטע ארבייט־שטונדע, פראדוצירט $115{,}000 \times 2/23$ פונט סט.=10,000 פונט סט. דאס הייסט דעם נעט ריוח. סיניאר אין זיין טעקסט פערוואנדעלט די לעצטע $2/23$ פון פראדוקט אין חלקים פון ארבייטס־טעג גופא.

פראָדוצירט אין דער פאָרלעצטער שטונדע דעם ווערטה פון זיין ארבייטס־לוין און אין דער לעצטער שטונדע דעם ריינעם ריוח, מיינט מעהר גאָרנישט, ווי אז אין דעם פעדים־פראָדוקט פון 2 שטונדען פון זיין ארבייטס־טאָג—סיי זיי שטעהען פון פאָרענט, סיי פון הינטען—זיינען פערקערפערט 11½ ארבייט־שטונדען, אקוראט אזויפיעל שטונדען, וויפיעל זיין גאנצער ארבייטס־טאָג האָט. און דער אויסדרוק, אז אין די ערשטע 5¾ ארבייט־שטונדען פראָדוצירט ער זיין ארבייטס־לוין און אין די לעצטע 5¾ שטונדען אייער ריינעם פראָפיט, מיינט מעהר גאָרנישט, ווי אז פאר די ערשטע 5¾ שטונדען צאָהלט איהר און פאר די לעצטע 5¾ שטונדען צאָהלט איהר ניט. איך זאָג, איהר צאָהלט פאר דער ארבייט, אנשטאט צו זאָגען, איהר צאָהלט פאר דער אר־בייטס־קראפט, נאָר כדי צו רעדען אויף אייער אייגענעם זשארגאָן. פערגלייכט איצט, איהר הערען, דעם ערך פון דער ארבייט־צייט, פאר וועלכער איהר צאָהלט, צו דער ארבייט־צייט, פאר וועלכער איהר צאָהלט ניט, וועט איהר געפינען, אז עס איז העלפט אויף העלפט, ד.ה. 100 פראָצענט, וואָס איז אודאי א גאנץ שעהנער פראָצענט. עס ליעגט אויך ניט אונטער דעם קלענסטען צווייפעל, אז ווען איהר וואָלט אויסגענוצט אייערע „הענד" 13 שטונדען אנשטאט 11½—וואָס עס לאָזט זיך אויף אייך לייכט גלויבען—און וואָלט די איבעריגע 1½ שטונדען צוגעלעגט אינגאנצען צו דער מעהר־ארבייט, וואָלט די מעהר־ארבייט געוואקסען פון 5¾ אויף 7¼ שטונדען און די ראטע פון מעהרווערטה—פון 100 פצט. אויף 126 $^2/_{23}$ פראָצענט. אָבער איהר זייט שוין גאָר צו־היציגע קעפ, אויב איהר האָפט, אז צוגעבענדיג 1½ שטונדען וועט די ראטע שטייגען פון 100 אויף 200 אָדער נאָך מעהר ווי 200 פראָצענט, ד.ה. זיך „מעהר ווי פערטאָפּלען". פון דער אנדער זייט—דעם מענשען'ס הארץ איז א וואונדערליכע זאך, דערהויפּט ווען דער מענש טראָגט זיין הארץ אין בייטעל—זייט איהר צופיעל פער־טרויערטע פעסימיסטען, אויב איהר האָט מורא, אז פערקלענע־רענדיג דעם ארבייטס־טאָג פון 11½ אויף 10½ שטונדען וועט אייער גאנצער ריינער ריוח צערריבען ווערן. עס הויבט זיך גאָר־ניט אָן. אָנגענומען אז אלע אנדערע אומשטענדען בלייבען די־זעלביגע, וועט די מעהר־ארבייט ארונטערפאלען פון 5¾ אויף

פון זיין ארבייטס־לוין פּלוס אייער ריינעם ריוח, מוז אַט דער ווערטה פון די פעדים זיך מעסטען דורך 11½ ארבייט־שטונדען: דער פּראָדוקט פון דער פאָרלעצטער שטונדע דורך 5⅔ ארבייט־שטונדען, דער פּראָדוקט פון דער לעצטער שטונדע—דאָסגלייכען. איצט קומען מיר צו אַן ערעלען פּונקט. אַלזאָ אויפגעפּאַסט! די פאָרלעצטע ארבייט־שטונדע איז א געוועהנליכע ארבייט־שטונדע, אזוי ווי די ערשטע. ניט מעהר און ניט ווייניגער. איז ווי אזוי קאָן דער שפּינער פּראָדוצירן אין 1 ארבייט־שטונדע א ווערטה פון פעדים, וועלכער שטעלט פאָר 5¾ ארבייט־שטונדען? אין דער ווירקליכקייט טהוט ער טאקע גאָרניט אזא וואונדער. דער געברויך־ווערטה, וואָס ער פּראָדוצירט אין איין שטונדע, איז א בעשטימטער סכום פעדים. דער ווערטה פון אַט די פעדים ווערט געמאָסטען דורך 5 ¾ ארבייט־שטונדען, פון וועלכע 4¾ געפינען זיך שוין אָהן זיין מיטווירקונג אין די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס ער פערצעהרט יעדע שטונדע, ד.ה. אין די באוועל, מאשינעריע א.ז.וו., און ¼ אָדער 1 שטונדע איז צוגעגעבען פון איהם אליין. איז דעריבער, אזוי ווי זיין ארבייטס־לוין ווערט פּראָדוצירט אין 5⅔ שטונדען און דער פעדים פּראָדוקט פון איין שפּין־שטונדע האלט אויך איין 5¾ ארבייט־שטונדען, שטעקט לחלוטין גאָר קיין כשוף ניט אין דעם, וואָס דער ווערטה־פּראָדוקט פון זיינע 5¾ שפּין־שטונדען איז גלייך צו דעם פּראָדוקט־ווערטה פון 1 שפּין־שטונדע. איהר זיינט אָבער לגמרי אויף א פאלשען וועג, אויב איהר מיינט, אז ער פערלירט איין איינציגען אטאָם צייט פון זיין ארבייטס־טאָג אויף צו רעפּראָדוצירן אָדער „צוריקקעהרן" די ווערטהען פון באוועל, מאשינעריע א.אז.וו. דורכדעם וואָס זיין ארבייט מאכט פעדים פון באוועל און שפּינדלען, דורכדעם וואָס ער שפּינט, געהט שוין פון זיך אליין אריבער דער ווערטה פון די באוועל און שפּינדלען אויף די פעדים. דאָס קומט פון דער קוואליטעט פון זיין ארבייט, ניט פון איהר קוואַנטיטעט. אודאי וועט ער אין א שטונדע אריבערטראָגען מעהר ווערטה פון באוועל א.אז.וו. אויף די פעדים איידער אין א האלבער שטונדע, אָבער דאָס איז נאָר דערפאר, ווייל ער שפּינט אוים מעהר באוועל אין א שטונדע איידער אין א האלבער שטונדע.

איהר בעגרייפט אלזאָ: אייער אויסדרוק, אז דער ארבייטער

ווען אייער „לעצטע שעה״ וועט אמאל אויף אן אמת שלאגן, זאלט איהר האבן אין זין דעם פראפעסאר פון אקספארד. און

וואלקענס פלאקס־שטויב, פון וועלכע איהר קאנט זיך ניט ראטעווען. די ארבייט גופא, מחמת דער פיבערהאפטער שנעלקייט פון די מאשינען, פאדערט א אונאויפהערליכע אנשטרענגונג פון פלינקייט און בעוועגונג, אונטער דער קאנטראל פון אן אויפפאסונג, וואס ווערט קיינמאל ניט מיעד; און עס זעהט אויס אביסעל הארט־הערציג צו לאזען די עלטערן אנווענדען דעם אויסדרוק „פוילענצעריי״ אויף די אייגענע קינדער, וועלכע, אראבציהענדיג די עסען־צייט, זיינען צוגעשמידט 10 פולע שטונדען צו אט אזא בעשעפטיגונג, אין אט אזא אטמאספערע..... אט די קינדער ארבייטען לענגער איידער די אקער־קנעכט אין די ארומיגע דערפער.... אזעלכע הארצלאזע מוסר־רייד וועגען „פוילקייט און זינד״ מוז געברענדמארקט ווערן ווי די ריינסטע צבוע׳יאצטווע און די אונפערשעהמטסטע היפאקריטסטווע.... דער טייל פון פובליקום, וועלכער איז אן ערך 12 יאהר צוריק ערשטוינט געווארן פון דער זיכערקייט, מיט וועלכער מען האט עפענטליך און אויף א חעבסט־ערנסטען אופן פראקלאמירט, אונטער דער סאנקציע פון א גרויסער אויטאריטעט, אז דער גאנצער ריינער ריוח פון דעם פאבריקאנט פליעסט ארויס פון דער ארבייט פון דער „לעצטער שטונדע״, און אז דעריבער וואלט א פערקלענערונג פון דעם ארבייטס־טאג אויף איין שטונדע פערניכטעט דעם גאנצען פראפיט; אט דער טייל פון פובליקום, זאגען מיר, וועט קוים געטרויען זיינע אויגען, ווען ער וועט איצטער אויסגעפינען, אז די אריגינעלע ענטדעקונג וועגען די טוגענדען פון דער „לעצטער שטונדע״ איז אזויפיעל אויסגעבעסערט געווארן, אז זי נעהמט אריין די „מאראל״ אזוי גוט ווי דעם „פראפיט״; אזוי אז אויב די צייט פון דער קינדער־ארבייט זאל ארונטערגעזעצט ווערן ביז ניט מעהר ווי פולע 10 שטונדען, ועט אויך די מאראל פון די קינדער פערשווינדען צוזאמען מיט דעם נעט פראפיט פון זייערע ארבייט־געבער, היות ווי ביידע זאכען העגנען אב פון אט דער לעצטער, פון אט דער פאטאלער שטונדע.״ Report of Inspection of Factories for 31st of Oct., 1848, p. 101. דערזעלבער פאבריק־ראפארט גיט דאן אייניגע ביישפיעלען פון דער „מאראל״ און דער „טוגענד״ פון די דאזיגע הערען פאבריקאנטען, פון די קונצען, שפיצלער, איינרעדענישען, דראהונגען, פעלשונגען א.אז.וו., וואס זיי האבען אנגעווענדט, כדי צו צווינגען אייניגע אונבעהאלפענע ארבייטער זיך אונטערצושרייבען אויף אזוינע פעטיציעס, און דערנאך ארויפווארפען זיי אויפ׳ן פארלאמענט ווי פעטיציעס פון א גאנצען אינדוסטריע־צווייג, אדער פון דעם גאנצען לאנד. — עס איז העכסט כאראקטעריסטיש פאר דעם היינטיגען צושטאנד פון דער אזוינערופענער עקאנאמישער „וויסענשאפט״, אז ניט סיניאר אליין, וועלכער —דאס מעג געזאגט ווערן צו זיין עהרע—איז שפעטער ענערגיש ארויסגעטראטען פאר די פאבריק־געזעצען, און ניט זיינע ערשטע און שפעטערע געגנער האבען פערשטאנען אויפצוקלערן די פאלשע שלוסען פון דער דאזיגער „אריגינעלער ענטדעקונג״. זיי האבען אפעלירט צו דער פאקטישער ערפאהרונג, אבער דער „פארוואס״ און „ווי אזוי״ איז געבליבען א סוד.

$4\frac{3}{4}$ שטונדען, וואָס גיט נאָך אַלץ אַ גאַנץ ניש־קשה׳דיגע ראַטע פון מעהרווערטה, דהיינו $82\frac{14}{28}$ פּראָצענט. די פּאַטאַלע „לעצטע שטונדע״ אָבער, וועגען וועלכער איהר האָט אָנגעדערצעהלט מעהר מעשיות ווי די כּיליאַסטען וועגען דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט, איז פּוסטע באָבע־מעשיות. איהר פערלוסט וועט אייך ניט קאָסטען אייער „ריינעם ריוח״ און עס וועט ניט צונעהמען ביי די קינדער פון ביידע געשלעכטער, וועלכע איהר ארבייט אויס, „די ריינקייט פון זייער נשמה״.[*82]

[*82] ווען סיניאָר האָט בעוויזען, אַז פון דער „לעצטער אַרבייט־שטונדע״ הענגט אָב דער ריינער ריוח פון די פאַבריקאַנטען, די עקזיסטענץ פון דער ענג־לישער באַוועל־אינדוסטריע און ענגלאַנד׳ס גרויסקייט אויפ׳ן וועלט־מאַרק, האָט אַ חוץ דעם נאָך בעוויזען דר. אַנדריו אורע, אַז פאַבריק־קינדער און יונגע לייט אונטער 18 יאָהר, וועלכע מען האַלט ניט איינגעשפּאַרט גאַנצע 12 שטונדען אין דער וואַרעמער און ריינער מאָראַל־לופט פון דער פאַבריק, נאָר מען טרייבט זיי אַרויס „איין שטונדע״ פריהער אין דער קאַלטער און פערשייטער דרויסען־וועלט, וועט דאָס ליידיג־געהן און זינדיגקייט אָוועקרויבען פון זיי דאָס גאַנצע חיות פון זייער נשמה. זינט דעם יאָהר 1848 הערן די פאַבריק־אינספּעקטאָרען גיט אויף, אין זייערע האַלב־יעהרליכע ראַפּאָרטען, צו מאַכען חוזק פון די פאַב־ריקאַנטען וועגען דער „לעצטער״, דער „פאַטאַלער שטונדע״. אזוי זאָגט צ.ב.ש. הערר האָוועל, אין זיין פאַבריק־ראַפּאָרט פון דעם 31טען מאַי 1855: „ווען דער דאָזיגער שאַרפזיניגער חשבון (ער ציטירט סיניאָר׳ן) וואָלט געוועזן ריכטיג, וואָלט יעדע באַוועל־פאַבריק אין גאַנץ ענגלאַנד געאַרבייט מיט פערלוסט פון דעם 1850טען יאָהר, ז. Report of the Inspection of Factories for the half year ending Ap. 30, 1855, p. 19-20. ווען דער צעהן־שטונדען געזעץ איז אין 1848 דורכגעגאַנגען דורכ׳ן פּאַרלאַמענט, האָבען די פאַבריקאַנטען געצוואונגען איינציגע אַרבייטער אין די דאָר־פישע פלאַקס־שפּינערייען, וואָס ליעגען צווישען די „קאָונטיס״ (גראַפ־שאַפטען) דאָרסעט און סאָמערסעט, צו דערלאַנגען אַ פּעטיציע, אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט צווישען אַנדערעס: „מיר עלטערן, וואָס בעטען אייך, גלויבען, אַז די צוגעגעבענע לעדיגע שטונדע קאָן ניט האָבען קיין אַנדער רעזולטאַט אַ חוץ די דעמאָראַליזאַציע פון אונזערע קינדער, ווארים דאָס לעדיג־געהן איז די מוטער פון אַלע זינד.״ דערצו בעמערקט דער פאַבריק־ראַפּאָרט פון 31טען אָקטאָבער 1848: „די אַטמאָספערע פון די פלאַקס־שפּינערייען, וואו די קינדער פון די דאָזיגע מאָראַליש־צערטליכע עלטערן אַרבייטען, איז אזוי געדיכט מיט שטויב און האָר־ברעקלעך פון דעם רויה־מאַטעריאַל, אַז עס איז געפעהרליך־אומאַנגענעהם צו פערברענגען אין אַ שפּין־צימער אפילו גישט מעהר ווי 10 מינוט, ווארים אין דער קורצער ווייל קריגט איהר דעם שמערצליכסטען געפיהל פון דעם, וואָס די אויגען, די אויערן, די נאָזלעכער און דאָס מויל ווערן שנעל אָנגעפילט מיט

סאלוטער גרויס פון פראדוקט, נאר דורך דער רעלאטיווער גרויס פון דעם מעהר־פראדוקט.[34]

די סומע פון דער נויטווענדיגער ארבייט און דער מעהר־ארבייט,—די צייט־איינטיילונגען, אין וועלכע דער ארבייטער פראָדוצירט דעם ווערטה, וואס צאהלט אב פאר זיין ארבייטס־קראפט, און דעם מעהרווערטה—שטעלט צוזאמען די אבסאלוטע גרויס פון זיין ארבייט־צייט—דעם ארבייטס־טאג (וואָרקינג דעי).

---

[34] „פאר אן אינדיווידום מיט א קאפיטאל פון 20 טויזענד פונט סט., וועלכע ברענגען איהם אריין יעהרליך א פראפיט פון 2000 פונט סט., וואלט געווען לגמרי אלץ איינס צי זיין קאפיטאל בעשעפטיגט 100 אדער 1000 ארבייטער, צי די פראדוצירטע סחורות פערקויפען זיך פאר 10 טויזענד אדער פאר 20 טויזענד פונט סט.—אנגענומען, פערשטעהט זיך, אז זיינע פראפיטען זיינען אין אלע פעלען ניט וועניגער ווי 2000 פונט סט. איז דען ניט דער ווירקליכער אינטערעס פון א פאלק דערזעלביגער? אנגענומען אז זיין ווירקליכע נעט הכנסה, זיינע רענטען און פראפטיען בלייבען דיזעלביגע, איז עס גארניט וויכטיג צי דאס פאלק בעשטעהט פון 10 אדער 12 מיליאן איינוואוינער." (ריקארדא, „דהי פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמי", 3טע אויסגאבע, לאנדאן 1821, ז. 416.) לאנג פאר ריקארדא'ן האט ארטהור יאנג, דער פאנאטיקער פון מעהר־פראדוקט, וועלכער איז איבעריגענס געווען א פוסטער קוואטשער, א שרייבער אהן א קריטישען חוש, און זיין רעפוטאציע שטעהט אין א אומגעקעהרטער פערהעלטניש צו זיין פערדיענסט,—געזאגט צווישען אנדערעס ווי פאלגט: „פון וואס פאר א נוצען וואלט געווען אין א מאדערנעם קעניגרייך א גאנצע פראווינץ, וואס ווערט בעארבייט אויפ'ן אלט־רוימישען שטייגער פון קליינע, אונאבהענגיגע פויערים, און זאל אפילו זיין מי יודע ווי גוט בעארבייט? פון וועלכען צוועק אויסער דעם איינציגען—אויסצוהאדעווען מענשען וואס איז אן און פאר זיך גאר קיין צוועק ניט "the mere purpose of breeding men is a most useless purpose" (ארטהור יאנג, „פאליטיקאל אריטהמעטיק עטצ." לאנדאן 1774, ז. 47.)

הוספה צו דער נאטע 34. — האפקינס מאכט די ריכטיגע בעמערקונג: „עס איז זאנדערבאר, ווי שטארק מען איז גוטה ארויסצושטעלען דעם איבערשוס פון רייכטום (net wealth) אלס גינסטיג פאר דעם ארבייטער־קלאס, ווייל ער ערלויבט איהם צו ארבייטען. אבער עס איז קלאר, אז ווען ער האט אזא ווירקונג, איז עס ניט דערפאר, ווייל ער מאכט אויס אן איבערשוס." (טה. האפקינס, „אן רענט אוו לאנד", לאנדאן 1823, ז. 126.)

איצט, מיינע העררען: אויף וויערערזעהן אין א בעסערער וועלט. דערוויילע אדדיאָ!..[88] דער סיגנאַל פון דער „לעצטער שטונדע", וואָס סיניאָר האָט ענטדעקט אין 1836, איז ווידער געגעבען גע־וואָרן דעם 15טען אַפּריל 1848 פון דזשיימס ווילסאָן,—איינער פון די עקאָנאָמישע הויפּט־מאַנדארינען—אין זיין פּאָלעמיק, אין דעם „לאָנדאָן עקאנאמיסט" אנטקעגען דעם צעהן־שטונדען־געזעץ.

4. דער מעהר־פּראָדוקט.

דעם טייל פון פּראָדוקט ($^1/_{10}$ פון 20 פונט פעדים, אָדער די 2 פונט פעדים אין דעם ביישפּיעל פון פּאראגראַף 2), אין וועלכען עס ליעגט דער מעהרווערטה, רופען מיר אָן מ ע ה ר ־ פּ ר אָ ד ו ק ט (סוירפּלוס פּראָדיום). אזוי ווי די ראטע פון מעהרווערטה ווערט בעשטימט ניט דורך זיין פערהעלטעניש צו דער גאנצער סומע, נאָר בלויז צו דעם וואריאבלען בעשטאנד־טייל פון קאפּיטאל, אזוי ווערט אויך בעשטימט די הויך פון דעם מעהר־פּראָדוקט דורך זיין פערהעלטעניש ניט צו דאָס איבעריגע פון גאנצען פּראָדוקט, נאָר בלויז צו דעם טייל פּראָדוקט, אין וועלכען די נויטוועדיגע ארבייט איז פערקערפּערט. אזוי ווי די שאפונג פון מעהרווערטה איז דער בעשטימענדער צוועק פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציאָן, אזוי מעסט זיך דער הויך־גראַד פון רייכטום ניט דורך דער אב־

---

[88] פונדעסטוועגען האָט דער הערר פּראָפעסאָר דאָך עטוואָס פּראָפיטירט פון זיין נסיעה קיין מאנטשעסטער! אין די „לעטטערס אן דהי פאקטארי אקט" הענגט אָב דער גאנצער ריינער ריוח, „פּראָפיט" און „צינז", און נאָך „עטוואָס מעהר" פון דעם ארבייטער'ס ניט־בעצאהלטער ארבייט־שטונדע! איין יאָהר פריהער, אין זיין בוך „אוטליינס אוו פּאליטיקאל עקאנאמיע", פערפאַסט צום וואויל און בעסטען פון זיינע אָקספאָרדער סטודענטען און געבילדעטע פיליסטער, האָט ער נאָך געהאָט „ענטדעקט", אנטקעגען ריקארדא'ס בעשטימונג פון דעם ווערטה דורך דער ארבייטצייט, אז דער פּראָפיט נעהמט זיך פון דעם קאַפּיטאַ־ליסט'ס ארבייט און דער צינז—פון זיין אַסקעטיק [ממאס זיין די תענוגי עולם הזה] און זיין „אבסטינענץ" [אבהאלטען זיך פון תענוגים]. די חכמה אליין איז געווען אַן אלטע, אבער דאָס ווארט „אבסטינענץ" איז געווען ניי. הערר ראָשער האָט עס ריכטיג פערדייטשט דורך דעם ווארט „ענטהאַלטונג". זיינע קאָמפּאַטריאָטען, וועלכע זיינען וועניגער בעהאוועוענט אין לאטיין, די ווירט'ס, שולצע'ס און אנדערע מיכעלס, האבען אריינגעגעבען דעריין אַ זין פון פּרישות און עס איבערזעצט: „ענטזאַגונג".

בייטס־טאָג 3 $^6/_6$. און אזוי ווי, ווייטער, די פּראָפּאָרציע מעהר־ארבייט־צייט / נויטיגע ארבייט־צייט בעשטימט די ראטע פון מעהרווערטה, איז אָט די ראטע א געגעבענע גרויס, וויבאלד די פערהעלטעניש פון יענע ליניען איז בעוואוסט. זי בעטרעפט אין די דריי פערשיידענע ארבייטס־טעג כסדר 16⅔, 50 און 100 פּראָצענט. פערקעהרט, די ראטע פון מעהרווערטה אליין וואָלט אונז ניט געגעבען די גרויס פון דעם ארבייטס־טאָג. ווען זי וואָלט צוםביישפּיעל געווען גלייך 100 פּראָצענט, וואָלט דער ארבייטס־טאָג געקאָנט זיין אן אכט־, צעהן־, צוועלף־שטונדינגער א.אז.וו. זי וואָלט אָנגעציינט, אז די צוויי בעשטאנד־טיילען פון דעם ארבייטס־טאָג, די נויטווענדיגע ארבייט און די מעהר־ארבייט, זיינען גלייך גרויס, אָבער ניט ווי גרויס עס איז יעדערער פון אָט די טיילען.

דער ארבייטס־טאָג איז אלזאָ ניט קיין קאָנסטאנטע גרויס, נאָר א וואריאבלע. איינער פון זיינע טיילען איז טאקע אפילו בעשטימט דורך דער ארבייט־צייט, וואָס פאָדערט זיך פאר דער בעשטענדיגער רעפּראָדוקציאָן פון דעם ארבייטער גופא, זיין גאנצע גרויס אָבער בייט זיך מיט דער לענג אָדער דעם משך פון דער מעהר־ארבייט. דער ארבייט־טאָג לאָזט זיך דעריבער בעשטימען, אָבער איז אן און פאר זיך אונבעשטימט.[35]

הגם, הייסט עס, דער ארבייטס־טאָג איז ניט קיין פעסטע גרויס, נאָר א פליעסענדע, קאָן ער פון דער אנדער זייט נאָר וואַריאירען [זיך ענדערן] אינערהאלב געוויסע גרעניצען. זיין מינימאַל־גרעניץ אָבער לאָזט זיך ניט בעשטימען. עס פערשטעהט זיך, ווען מיר זאָלען שטעלען די פערלענגערונגס־ליניע ב ג, אָדער די מעהר־ארבייט, גלייך צו נול, וואָלטען מיר בעקומען א מינימאַל־גרעניץ, ד.ה. דעם טייל פון טאָג, וואָס דער ארבייטער מוז ארבייטען, כדי צו שאפען דאָס נויטיגע פאר זיין זעלבסט־ערהאלטונג. אויפ׳ן יסוד אָבער פון דעם קאפּיטאליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן קאָן די נויטווענדיגע ארבייט אלעמאָל נאָר אויסמאכען איין טייל פון דעם ארבייטס־טאָג; ביז צו אָט דעם מינימום קאָן, הייסט עס,

---

[35] „ארבייטס־טאָג איז אן אונבעשטימטע בעצייכענונג, ער קאָן זיין לאנג ארער קורץ." An Essay on Trade and Commerce, containing Observations on Taxation etc. London, 1770, p. 73.

[library stamp]

אכטער קאפיטעל.

דער ארבייטס־טאג.

1. די גרעניצען פון דעם ארבייטס־טאג.

מיר האבען אנגעהויבען מיט דער השערה, אז די ארבייט־קראפט ווערט געקויפט און פערקויפט לויט איהר ווערטה. איהר ווערטה, פונקט ווי דער ווערטה פון יעדער אנדער סחורה, ווערט בעשטימט דורך דער ארבייט־צייט, וואס איז נויטיג פאר איהר פראדוקציאן. אויב אלזא די פראדוקציאן פון דעם ארבייטער'ס דורכשניטליכע טעגליכע לעבענס־מיטלען פאדערט 6 שטונדען, דאן מוז ער דורכשניטליך ארבייטען 6 שטונדען א טאג, כדי צו פראדוצירן טעגליך זיין ארבייטס־קראפט, אדער צו רעפראדוצירן דעם ווערטה, וואס ער האט בעקומען בעת ער האט זי פערקויפט. דער נויטווענדיגער טייל פון זיין ארבייטס־טאג בעטרעפט דאן 6 שטונדען, און איז דעריבער, ווען די אומשטענדען בלייבען זאנסט דיזעלביגע, א געגעבענע [בעשטימטע] גרויס. אבער דערמיט איז די גרויס פון דעם ארבייטס־טאג גופא נאך ניט געגעבען.

לאמיר אננעהמען, אז די ליניע א————————ב שטעלט פאר דעם משך אדער די לענג פון דער נויטווענדיגער ארבייט־צייט, זאגען מיר 6 שטונדען. לויט דעם ווי די ארבייט ווערט פערלענגערט אריבער די גרעניצען א ב אויף 1, 3 אדער 6 שטונדען א.ז.וו., בעקומען מיר די דריי פערשיידענע ליניען

א ———————— ב —— ג (ארבייטס־טאג 1)

א ———————— ב — ג (ארבייטס־טאג 2)

א ———————— ב ———————— ג (ארבייטס־טאג 3)

וועלכע שטעלען פאר דריי פערשיידענע ארבייטס־טעג פון 7, 9 און 12 שטונדען. די פערלענגערונג־ליניע ב ג שטעלט פאר די לענג פון דער מעהר־ארבייט. אזוי ווי דער ארבייטס־טאג=א ב+ב ג אדער א ג, בייט ער זיך צוזאמען מיט דער וואריאבלער גרויס ב ג. אזוי ווי א ב איז א בעשטימטע גרויס, קאן דער ערך פון ב ג צו א ב שטענדיג ווערן געמאסטען. אין ארבייטס־טאג 1 בעטרעפט עס 1/6 פון א ב, אין ארבייטס־טאג 2 3/6 און אין אר־

טאג. אלס קאפיטאליסט איז ער נאר פערזאניפיצירטער קאפיטאל. זיין נשמה איז נאר די נשמה פון קאפיטאל. קאפיטאל האט נאר איין איינציגען לעבענס־טריעב, דעם טריעב זיך צו פערגרעסערן [פערמעהרן אין ווערטה], צו שאפען מעהרווערטה, אריינצוזויגען מיט זיין קאנסטאנטען טייל—די פראדוקציאנס־מיטלען—די מעגליך־גרעסטע סומע מעהר ארבייט.[37] קאפיטאל איז אבגעשטארבענע ארבייט, וועלכע לעבט ווידער אב נאר ווען זי זויגט אריין ווי א וואמפיר לעבעדיגע ארבייט, און וואס מעהר זי זויגט דערפון אריין, אלץ מעהר לעבט זי. די צייט, וואס דער ארבייטער ארבייט, איז די צייט, ווען דער קאפיטאליסט קאנזומירט די ארבייטס־קראפט, וואס ער האט געקויפט.[38] אויב דער ארבייטער קאנזומירט די צייט, וואס ליעגט אין זיין רשות, פאר זיך אליין, בע־גנב'עט ער דעם קאפיטאליסט.[39]

דער קאפיטאליסט, הייסט עס, ברופט זיך אויפ'ן געזעץ פון סחורה־אויסטויש. ער, ווי יעדער אנדער קויפער, זוכט ארויס־צושלאגען דעם מעגליכסט־גרעסטען נוצען פון דעם געברויך־ווערטה פון זיין סחורה. פלוצלינג אבער הערט זיך אויף דעם ארבייטער'ס שטימע, וועלכע איז געווען פערשטומט אין דעם שטורם און דראנג פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס: —

די סחורה, וואס איך האב דיר פערקויפט, אונטערשיידט זיך פון דעם המון אנדערע סחורות דערמיט, וואס איהר געברויך שאפט

---

[37] „עס איז דעם קאפיטאליסט'ס אויפגאבע ארויסצושלאגען מיט דעם אויס־געגעבענעם קאפיטאל די מעגליכסט גרעסטע סומע ארבייט." (זש. ג. קורסעל־סעניל, „טעארעטישע און פראקטישע שטריכען פון די אינדוסטריעלע אונטער־נעהמונגען" (פראנצ.), פאריז 1857, ז. 63).

[38] „דער פערלוסט פון איין ארבייטס־שטונדע א טאג בעטייט אן אונגעהויערן שאדען פאר א האנדעלס־שטאאט." צווישען די ארבייטענדע ארימע לייט פון דעם לאנד קאן מען בעמערקען א זעהר גרויסען קאנזום פון לוקסוס־ארטיקלען, ספעציעל צווישען דעם פאבריק־פעבעל; דערביי פערברויכען זיי אויך זייער צייט, און דאס איז די געפעהרליכסטע פערשווענדונג." („עססעי אן טרייד אנד קאמערס", לאנדאן 1770, ז. 47, 153.)

[39] „ווען דער פרייער ארבייטער פערגינט זיך איין אויגענבליק רוה, בע־הויפטעט די געמיינע עקאנאמיע, וועלכע פערפאלגט איהם מיט בייזע בליקען, אז דאס איז גנבה." (נ. לינגוועט, „טעאריע דע לוא סיוויל עטצ.", לאנדאן 1767, ב. 2, ז. 466.

דער ארבייטס־טאָג זיך קיינמאָל ניט פערקירצען. פערקעהרט, א מאַקסימאַל־גרעניץ האָט דער ארבייטס־טאָג יאָ. ער קאָן ניט פער־לענגערט ווערן אריבער א געוויסער גרעניץ. אָט די מאַקסימאַל־גרעניץ ווערט בעשטימט צווייפאַכיג. איינמאָל דורך דער פיזישער גרעניץ פון דער ארבייטס־קראַפט. אַ מענש קאָן אין משך פון דעם נאַטירליכען טאָג פון 24 שטונדען ארויסגעבען נאָר א בע־שטימטען סכום לעבענס־קראַפט. אַ פערד צ.ב.ש. קאָן ארבייטען טאָג אויס, טאָג איין נישט מעהר ווי 8 שטונדען. איין טייל פון טאָג מוז די קראַפט רוהען, שלאָפען; אין פערלויף פון אנאַנדער טייל מוז דער מענש בעפריעדיגען אנדערע פיזישע בעדערפענישען, עסען, זיך האַלטען ריין, זיך קליידען א.אז.וו. אַ חוץ אָט דער ריין־פיזישער גרעניץ שטויסט זיך אָן די פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג אויף מאָראַלע גרעניצען. דער ארבייטער דאַרף האָבען צייט אויף צו בעפריעדיגען גייסטיגע און סאָציאַלע בע־דערפענישען, וואָס זייער אומפאַנג און זייער צאָהל ווערן בע־שטימט דורך דעם אַלגעמיינעם קולטור־צושטאַנד. די ענדערונג אין דער גרויס פון ארבייטס־טאָג בעוועגט זיך דריבער איננער־האַלב פון פיזישע און סאָציאַלע גרעניצען. ביידע גרעניצען אָבער זיינען זעהר עלאַסטיש און דערלאָזען דעם גרעסטען שפּיעל־רוים. אַזוי געפינען מיר ארבייט־טעג פון 8, 10, 12, 14, 16 און 18 שטונדען, אַלזאָ פון דער פערשיידענסטער לענג.

דער קאַפּיטאַליסט האָט געקויפט די ארבייטס־קראַפט לויט איהר טאָג־ווערטה. איהם געהערט דער געברויך־ווערטה אין משך פון איין ארבייטס־טאָג. ער האָט, הייסט עס, בעקומען דאָס רעכט צו לאָזען דעם ארבייטער ארבייטען פאַר איהם אין פערלויף פון איין ארבייטס־טאָג. אָבער וואָס איז אַן ארבייטס־טאָג?[36] על כל פנים וועניגער איידער א נאַטירליכער לעבענסטאָג. אויף וויפיעל וועניגער? דער קאַפּיטאַליסט האָט זיין אייגענעם קוק וועגען אָט דעם אולטימא טהולע, די נויטווענדיגע גרעניץ פון דעם ארבייטס־

[36] אָט די פראַגע איז אונענדליך וויכטיגער איידער סער ראָבערט פּיל'ס בעריהמטע פראַגע צו דער בירמינגהאמער האנדעלס־קאַמער: „וואָס איז א פונט סטערלינג?" — א פראַגע וואָס האָט געקאָנט געשטעלט ווערן נאָר דערפאַר, ווייל פּיל איז געווען פונקט אַזויפיעל ניט־קלאָר וועגען דער נאַטור פון געלד, ווי די „ליטל שילינג מען" [די קליינע שילינג־לייט] פון בירמינגהאַם.

טעגליך ⅔ פון דעם ווערטה פון מיין סחורה. דו צאהלסט מיר פאר א איינטאגיקער ארבייטס־קראפט, בעת דו פערברויכסט א דרייטאגיקע. דאס געהט דערווידער צו אונזער אבמאך און דעם געזעץ פון סחורה־אויסטויש. איך פערלאנג אלזא אן ארבייטס־טאג פון נארמאלער לענג, און איך פערלאנג עס ניט אפעלירענדיג צו דיין הארצען; ווארים אין געלד־זאכען איז ניטא קיין גוט־הערציגקייט. דו מעגסט זיך זיין א חשוב'ער בירגער, אפשר גאר א מיטגליעד פון דער חברה צער בעלי חיים און אפשר נאך האבען א שם פון א ירא שמים, אבער אין דער זאך, וואס דו רעפרעזענטירסט קעגענאיבער מיר, קלאפט ניט קיין הארץ אין בוזים. אויב עס דאכט זיך, אז דארט פאכט וואס עס איז, איז עס דאס קלאפען פון מיין אייגענעם הארצען. איך פערלאנג דעם נארמאל ארבייטס־טאג, ווייל איך פערלאנג דעם ווערטה פון מיין סחורה, ווי יעדער אנדער פערקויפער.[40]

מען זעהט דערפון, אז ניט רעדענדיג וועגען די גאנץ עלאסטישע גרעניצען, גיט די נאטור פון דעם סחורה־אויסטויש גופא קיין גרעניץ ניט פון דעם ארבייטס־טאג, הייסט עס אויך ניט קיין גרעניץ פון דער מעהר־ארבייט. דער קאפיטאליסט בעהויפטעט זיין רעכט אלס קויפער, ווען ער זוכט צו מאכען דעם ארבייטס־טאג אזוי לאנג ווי מעגליך, און וואו נאר מעגליך צו מאכען פון איין ארבייטס־טאג צוויי. פון דער אנדער זייט שליסט איין די ספעציפישע נאטור פון דער פערקויפטער סחורה א גרעניץ צו איהר פערברויך דורך דעם קויפער, און דער ארבייטער בעהויפטעט זיין רעכט אלס פערקויפער, ווען ער וויל בעגרעניצען דעם ארבייטס־טאג ביז צו א בעשטימטער נארמאלער גרויס. דא קומט אלזא פאר אן א נ ט י נ א מ י ע [א קאמף פון געזעצען], רעכט אנטקעגען רעכט, אוןביידע זיינען אויף א גלייכען אופן בעפעס־

[40] בעת דעם גרויסען סטרייק פון די לאנדאנער בוי־ארבייטער, אין 1860־61, פאר דער פערקירצונג פונ'ם ארבייטס־טאג אויף 9 שטונדען, האט זייער קאמיטעט ארויסגעגעבען אן ערקלערונג, וועלכע ענטהאלט כמעט די טענות פון אונזער ארבייטער. די ערקלערונג ברענגט ארויס האלב־איראניש דעם פאקט, אז דער פראפיטען־גייציגסטער פון די בוימייסטער — א געוויסער סער מ. פעטא — האט א „ריח פון הייליגקייט". (דערזעלבער פעטא איז שפעטער בעריהמט געווארען דורך זיין ריעזיגען באנקראט.)

ווערטה, און טאקע א גרעסערן ווערטה, איידער זי אליין קאָסט. דאָס איז געווען דער גרונד ווארום דו האָסט זי געקויפט. וואָס אויף דיין זייט קומט ארויס אלס פערוווערטונג פון קאפיטאל, איז אויף מיין זייט אן איבערפליסיגע אויסגעבונג פון ארבייטס־קראפט. דו און איך וויסען נאָר פון איין געזעץ אויפ'ן מארק—דאָס געזעץ פון סחורה־אויסטויש. און דער פערברויך פון דער סחורה געהערט ניט דעם פערקויפער, וועלכער גיט זי אָב א פרעמדען, נאָר דעם קויפער, וועלכער בעקומט זי. דיר געהערט דעריבער דער געברויך פון מיין טעגליכער ארבייטס־קראפט. אָבער איך מוז זי, מיט דער הילף פון איהר טעגליכען פערקויף־פרייז, טעגליך רעפראָדוצירן און פאָלגליך קאָנען פון דאָס ניי פערקויפען. שוין ניט צו רעדען פון דער נאטירליכער פערמינדערונג, וואָס קומט דורך עלטער א.אז.וו., מוז איך האָבען בכח צו ארבייטען מאָרגען מיט דעמזעלבען נאָר־מאל־צושטאנד פון קראפט, געזונדהייט און פרישקייט, ווי היינט. דו פרעדיגסט מיר שטענדיג די תורה פון „שפּאָרזאמקייט" און „צוריקהאלטונג". גאנץ גוט! איך וויל ווי א פערנינפטיגער, שפּאָרזאמער בעל־הבית פערהיטען מיין איינציג פערמעגען, די ארבייטס־קראפט, און זיך צוריקהאלטען פון יעדער אונזיניגער פערשווענדונג פון דער דאָזיגער ארבייטס־קראפט. איך וויל יעדען טאָג מאכען פליסיג, טרייבען אין בעוועגונג און פערוואנדלען אין ארבייט נאָר אזויפיעל פון איהר, וויפיעל עס פערטראָגט זיך מיט איהר נאָרמאלען דויער און געזונטער ענטוויקלונג. פערלענגערענדיג אָהן א שיעור דעם ארבייטס־טאָג קאָנסט דו מאכען פליסיג א גרעסערן סכום פון מיין ארבייטס־קראפט, איידער איך קאָן עס ממלא זיין אין דריי טעג. וואָס דו געווינסט אויף דעם אופן אין ארבייט, פערליר איך אין ארבייט־סובסטאנץ. בענוצען מיין ארבייטס־קראפט און בערויבען זי זיינען גאנץ פערשיידענע זאכען. אויב די דורכשניט־פעריאָדע, וואָס א דורכשניטס־ארבייטער קאָן לעבען לויט א פערנינפטיגער מאָס פון ארבייט, גרייכט 30 יאָהר, איז דער ווערטה פון מיין ארבייט־קראפט, פאר וועלכער דו צאָהלסט מיר פון איין טאָג אויף דעם אנדערן, $\frac{1}{365\times30}$ אָדער $\frac{1}{10.950}$ פון איהר גאנצען ווערטה. אויב דו פערצעהרסט זי אָבער אין 10 יאָהר, צאָהלסטו מיר $\frac{1}{10.950}$ אנשטאט $\frac{1}{3.650}$ פון איהר גאנצען ווערטה, הייסט עס נאָר ⅓ פון איהר טאָג־ווערטה, און פאָלגליך גנב'עסטו

געברויך־ווערטה, איז די מעהר־ארבייט בעגרעניצט דורך דעם ענ־גערן אָדער ברייטערן קרייז פון די בעדערפעניסען, אָבער פון דעם כאראקטער פון דער פּראָדוקציאָן גופא וואקסט ניט ארויס קיין בעדערפעניש נאָך מעהר־ארביים. דערפאר צייגט זיך די איבער־ארבייט ארויס שרעקליך אין אלטערטום, וואו עס האנדעלט זיך ארויסצובעקומען דעם טויש־ווערטה אין זיין זעלבשטענדיגער געלד־געשטאלט—אין דער פּראָדוקציאָן פון גאָלד און זילבער . מאכען ארבייטען על פּי געוואלט ביז צום טויט איז דאָרט די אָפיציעלע פאָרם פון דער איבער־ארבייט. עס איז גענוג נאָר איבערצולעזען די בעשרייבונג פון דיאָדאָרוס סיקולוס.[43] דאָך זיינען אזוינע פעלען נאָר אויסנאהמען אין דער אלטער וועלט. אזויבאלד אָבער ווי די פעלקער, ביי וועלכע די פּראָדוקציאָן בעוועגט זיך נאָך אין די נידעריגע פאָרמען פון שקלאַווען־ארבייט און לייב־אייגענשאפט, ווערן אריינגעצויגען אין וועלט־מארק, וואָס איז בעהערשט דורך דעם קאפּיטאליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, וועלכער ענטוויקעלט דעם פערקויף פון זייערע פּראָדוקטען אין אויסלאנד אלס זיין הויפּט־אינטערעס, דאַן ווערט נאָך צוגעגעבען צו די בארבארישע אכזריות פון שקלאַווערייַ און לייב־אייגענשאפט די ציוויליזירטע אכזריות פון איבער־ארבייט. דעריבער האָט די נעגער־ארבייט אין די דרום־שטאאטען פון אַמעריקא נאָך אויפגעהאלטען א מע־סיג־פּאטריארכאלישען כאראקטער, אזוי לאנג ווי די פּראָדוקציאָן איז אָנגעפיהרט געוואָרן הויפּטזעכליך פאר דעם אייגענעם בעדארף. אין דעם גראד אָבער, וואָס דער באוועל־עקספּאָרט איז געוואָרן דער לעבענס־אינטערעס פון יענע שטאאטען, איז די איבערא־בייטונג פון דעם נעגער, אין אייניגע פלעצער די פערצעהרונג פון זיין לעבען אין זיבען ארבייטס־יאָהרען, געוואָרן א פאקטאָר פון

43 „עס איז אונמעגליך צו קוקען אויף אט די אומגליקליכע (אין די גאלד־מינען צווישען עגיפּטען, עטיאפּיען און אראביען), וועלכע קאנען ניט צומאל האלטען ריינליך זייער קערפּער און צודעקען זייער נאקעטקייט, און ניט בע־קלאגען זייער יאמערליכען שיקזאל. ווארים דא איז ניטא קיין איינזיכט און קיין רחמנות אויף קראנקע, שוואכע, אלטע לייט אדער פרויען־שוואכקייט. אלע מוזען נאכאנאנד ארבייטען, געצוואונגען דורך קלעפּ, ביז דער טויט מאכט א סוף צו זייערע יסורים און נויט.” (דיאדארוס סיקולוס, „היסטארישע ביבליא־טהעק”, בוך 3, קאפּיטעל 13.)

טינט דורך דעם נעזעץ פון סחורה־אויסטויש. צווישען גלייכע רעכט ענטשיידעט די געוואַלט. און אַזוי שטעלט זיך אַרויס אין דער געשיכטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן די נאָר־מירונג פון דעם אַרבייטס־טאָג אַלס אַ קאַמף וועגען די גרעניצען פון דעם אַרבייטס־טאָג—אַ קאַמף צווישען דעם כּלל־קאַפּיטאַליסט, ד.ה. דעם קלאַס פון קאַפּיטאַליסטען, און דעם כּלל־אַרבייטער אָדער דעם אַרבייטער־קלאַס.

2. דער אונגעזעטיגטער הונגער נאָך מעהר־אַרבייט. פאַבריקאַנט און באָיאַר.

דאָס קאַפּיטאַל האָט ניט ערפונדען די מעהר־אַרבייט. אומעטום, וואו איין טייל פון דער געזעלשאַפט בעזיצט די מאָנאָפּאָל אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, מוז דער אַרבייטער, דער פרייער ווי דער ניט־פרייער, צולעגען צו דער אַרבייטס־צייט, וואָס איז נויטיג פאַר זיין אייגענער חיונה, איבעריגע אַרבייט־צייט, כּדי צו פּראָדוצירן די לעבענס־מיטלען פאַר דעם אייגענטימער פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען.[41] דערביי איז קיין חלוק ניט, צי דער דאָזיגער אייגענטימער איז אַן אַטהענישער „קאַלאָס ק'אַגאַטהאָס" [אַריסטאָקראַט], אַן עטרוסקישער טהעאָקראַט [הערשענדער פּריעסטער], אַ ציוויס ראָמאַנוס [רוימישער בירגער], אַ נאָרמאַנישער באַראָן, אַן אַמעריקאַנער שקלאַווען־האַלטער, אַ וואַלאַכישער באָיאַר, אַ מאָדערנער לאַנדלאָרד [גרונד־בעזיצער], אָדער אַ קאַפּיטאַליסט.[42] דאָך איז קלאָר, אַז אויב אין אַ וועלכער עס איז עקאָנאָמישער פאָרמאַציע פון דער געזעלשאַפט האָט די הויפּט־וויכטיגקייט ניט דער טויש־ווערטה פון דעם פּראָדוקט, נאָר זיין

---

[41] „די דאָזיגע וואָס אַרבייטען דערנעהרן דערמיט אי די פּענסיאָנערען, וועלכע ווערן אָנגערופען די רייכע, אי זיך אַליין." (עדמונד בוירק, Thoughts and Details on Society, London 1800, p. 2.)

[42] זעהר נאַאיוו בעמערקט ניעבוהר אין זיין „רוימישער געשיכטע": „מען קאָן ניט פערבעהאַלטען, אַז אַזוינע ווערק ווי די עטרוסקישע, וועלכע ערשטוינען אונז אפילו אין זייער חרוב'ן צושטאַנד, זעצען פאָראויס אין קליינע (!) שטאַאַטען הערען און קנעכט." פיעל טיעפער זאָגט זיסמאָנדי, אַז „ברויסעלער שפּיצען" זעצען פאָראויס לוין־הערען און לוין־דינער.

דריי טעג ארבייט, וועלכע שאפט ניט קיין עקוויוואַלענט פאַר דעם ארבייטער אליין, סיי זי הייסט פּאַנשטשיזנע, סיי לוין־ארבייט. ביי דעם קאפּיטאליסט אָבער צייגט זיך ארויס די זשעדנעקייט נאָך מעהר־ארבייט אין זיין שטרעבען צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאָג אָהן א שיעור, בעת ביי דעם פּריץ איז עס איינפאכער — א דירעקטע געיעג נאָך מעהר פּאַנשטשיזנע טעג.[44]

די פּאַנשטשיזנע־ארבייט איז אין די דאָנאַי־פּירשטענטומען געוועזען פערבונדען מיט נאַטוראַל־רענטען און אנדערע מנהגים פון לייבאייגענשאפט, זי האָט אָבער אויסגעמאַכט די וויכטיגסטע אָבצאָהלונג צום הערשענדען קלאַס. וואו די פּאַנשטשיזנע־ארבייט האָט עקזיסטירט, איז זי זעלטען־ווען ארויסגעוואקסען פון דער לייבאייגענשאפט; אדרבא פערקעהרט, די לייבאייגענשאפט איז מעהרסטענטיילס ארויסגעוואקסען פון דער פּאַנשטשיזנע־ארבייט[44*] אזוי איז געוועזען אין די רומענישע פּראָווינצען. זייער

---

[44] דאָס נאָכפאָלגענדע בעציהט זיך אויף די צושטענדען פון די רומענישע פּראָווינצען, ווי זיי זיינען געוועזען ביז דער איבערקעהרעניש, וואָס איז געקומען נאָך דער קרימער קריעג.

[44*] אין דער דריטער אויפלאַגע געפינען מיר דאָ די פאָלגענדע נאָטע פון ענגעלס: — דאָס גילט פּונקט אזוי אויך פאַר דייטשלאַנד און ספּעציעל פאַר אָסט־עלבישע פּרייסען. אין 14טען י.ה. איז דער דייטשער פּויער כמעט אומעטום געוועזען אונטערוואָרפען דער פליכט פון געוויסע לייסטונגען און ארבייט, אָבער א חוץ דעם איז ער ווענינגסטענס פאַקטיש געוועזען א פרייער מענש. די דייטשע קאָלאָניסטען אין בראַנדענבורג, פּאָמערן, שלעזיען און אָסט־פּרייסען זיינען אפילו רעכטליך געוועזען אָנערקענט אַלס פרייע. דער זיעג פון דעם אַדעל אין דעם בויערן־קריעג האָט געמאַכט א סוף צו דעם. ניט נאָר די בעזיעגטע זיד־דייטשע פּויערים אליין זיינען ווידער געוואָרן לייבאייגענע. שוין זינט דעם מיטען פון 16טען י.ה. זיינען די אָסט־פּרייסישע, בראַנדענבורגער, פּאָמעראַנישע און שלעזישע און גלייך נאָכדעם אויף שלעזוויג־האָלשטיינישע פרייע פּויערים ערני־דעריגט געוואָרן צו דער מדרגה פון לייב־אייגענע. (מאורער, „געשיכטע דער פראָנהאָפע, דער בויערנהאָפע אונד דער האָפפערפאַסונג אין דייטשלאַנד", ער־לאַנגען 1862־3, ב. 4. — „מעריטצען, „דער באָדען אונד די לאַנדווירטשאַפטליכען פערהעלטניסע דעס פּרויסישען שטאַאטעס נאַך דעם געביעטסאומפאַנגע פון 1866", בערלין 1873. — האַנסען, „לייבאייגענשאַפט אין שלעזוויג־האָלשטיין") — אונטער דעם לעצט־דערמאַנטען ווערק מיינט ענגעלס אודאי ג. האַנססען: „די אויפ־העבונג דער לייבאייגענשאַפט אונד די אומגעשטאַלטונג דער גוטסהערליך בויער־ליכען פערהעלטניסע איבערהויפּט אין דען הערצאָגטימערן שלעזוויג אונד האָל־שטיין". פּעטערסבורג, 1861, — קאַוטסקי.

אַן אויסגערעכענטען און אַן אויסרעכענדען סיסטעם. עס האָט זיך שוין ניט געהאַנדעלט מעהר אַרויסצושלאָגען פון איהם אַ געוויסע סומע פון ניצליכע פּראָדוקטען. איצט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה. דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען מיט דער פּאַנשטשיזנע־אַרבייט, צום ביישפּיעל אין די דאָנאַי־פירשטענטומען (איצט רומעניע).

די פערגלייכונג פון דער זשעדנעקייט נאָך מעהר־אַרבייט אין די דאָנאַי־פירשטענטומען מיט דערזעלביגער זשעדנעקייט אין די ענגלישע פּאַבריקען איז בעזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל די מעהר־אַרבייט אין פּאַנשטשיזנע־אַרבייט בעזיצט אַ זעלבשטענדיגע פאָרם, וואָס מען קאָן אָנטאַפּען בחוש.

אָנגענומען, אַז דער אַרבייטס־טאָג בעשטעהט פון 6 שטונדען נויטווענדיגער אַרבייט און 6 שטונדען מעהר־אַרבייט. אין דעם פאַל שטעלט־צו דער פרייער אַרבייטער דעם קאַפּיטאַליסט וועכענטליך 6 מאָל 6 אָדער 36 שטונדען מעהר־אַרבייט. עס איז דאָסזעלביגע ווי ווען ער וואָלט געאַרבייט 3 טעג אין וואָך פאַר זיך און 3 טעג אין וואָך אומזיסט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט. דאָס זעהט זיך אָבער פון אויבען־אויף ניט אָן. די מעהר־אַרבייט און די נויטווענדיגע אַרבייט מישען זיך אויס איינע מיט די אַנדערע. איך וואָלט דעריבער געקאָנט צ.ב.ש. אויך אויסדריקען דיזעלביגע שייכות זאָגענדיג, אַז דער אַרבייטער אַרבייט אין יעדער מינוט 30 סעקונדען פאַר זיך און 30 סעקונדען פאַר דעם קאַפּיטאַליסט. מיט דער פּאַנשטשיזנע־אַרבייט איז עס אַנדערש. די נויטווענדיגע אַרבייט, וועלכע דער וואַלאַכ׳שער פויער טהוט אָב פאַר זיין זעלבסט־ערהאַלטונג, איז רוימליך אָבגעטיילט פון דער מעהר־אַרבייט, וואָס ער טהוט פאַר דעם באָיאַר [דעם פּריץ]. איין אַרבייט טהוט ער אויף זיין אייגענעם פעלד, די אַנדערע אויף דעם פּריצישען גוט. ביידע טיילען פון דער אַרבייט־צייט עקזיסטירן דעריבער זעלבשטענדיג איינע נעבען די אַנדערע. אין דער פאָרם פון דער פּאַנשטשיזנע־אַרבייט איז די מעהר־אַרבייט גענוי אָבגעשיידט פון דער נויטווענדיגער אַרבייט. בנוגע דער קוואַנטיטאַטיווער שייכות צווישען דער מעהר־אַרבייט און נויטווענדיגער אַרבייט איז קלאָר, אַז אָט די פערשיידענע ערשיינונג־פאָרם מאַכט קיין אונטערשייד ניט. דריי טעג מעהר אַרבייט אַ וואָך בלייבען

זין, זאָנדערן אין דעם זין פון אַן ארבייטס־טאָג, וואָס איז נויט־ווענדיג צו שאַפען אַ טעגליכען דורכשניטס־פּראָדוקט; אָבער דער טעגליכער דורכשניטס־פּראָדוקט איז בעשטימט געוואָרן אויף אַ כיטרען אויפן אַזוי, אַז קיין ציקלאָפּ [אַ גריכיש־לעגאַנדערער ריעז] וואָלט דערמיט ניט פאַרטיג געוואָרן אין 24 שטונדען. דאָס „רעגלמאַן" אַליין דערקלערט דעריבער אין די טרוקענע ווערטער פון אַ עכט רוסישער איראָניע, אַז אונטער 12 ארבייטס־טעג דאַרף מען פערשטעהן דעם פּראָדוקט פון 36 טעג הענד־ארבייט, אונטער 1 טאָג פעלד־ארבייט—3 טעג און אונטער 1 טאָג האָלץ־פיהרן—אויך אַזוי דרייפאַכיג. סך הכל: 42 פאַנשטשיזנע טעג. עס קומט אָבער נאָך צו די אַזויגערופענע „זשאַבאַזשיע", ד.ה. דיענסט־לייסטונגען, וואָס מען דאַרף געבען דעם פּריץ אין אויסערגעוועהנ־ליכע בעדערפענישען פון דער פּראָדוקציאָן. יעדער דאָרף מוז צושטעלען לפי ערך פון דער גרויס פון זיין בעפעלקערונג אַ בע־שטימטען קאָנטינגענט ארבייטער פאַר דער דאָזינער „זשאַבאַזשיע". אָט די צוגעגעבענע פאַנשטשיזנע־ארבייט ווערט אויסגערעכענט פאַר יעדען וואַלאַכישען פויער 14 טעג אין יאָהר. אַזוי בעטרעפט שוין די פאַנשטשיזנע־ארבייט 56 ארבייטס־טעג יעהרליך. אין וואַלאַכיע איז וועגען שלעכטען קלימאַט דער ערד־ארבייט־יאָהר ניט מעהר ווי 210 טעג; דערפון פאַלען ארויס 40 זונטאָגס און פייערטעג, און דורכשניטליך 30 טעג, אין וועלכע מען קאָן ניט ארבייטען מחמת שלעכטע וועטערן, צוזאַמען—70 טעג. בלייבען 140 ארבייטס־טעג. די פּראָפּאָרציע פון פאַנשטשיזנע־ארבייט צו דער נויטווענדיגער ארבייט איז $\frac{56}{84}$ אָדער 66⅔ פּראָצענט, וועלכע איז אַ פיעל־קלענערע ראַטע פון מעהרווערטה איידער די ראַטע, וואָס בעשטימט די ארבייט פון דעם ענגלישען אַגריקולטור־ אָדער פאַבריק־ארבייטער. דאָס איז אָבער נאָר די געזעצליך־פאָרגעשרי־בענע פאַנשטשיזנע־ארבייט. דאָס „רעגלמאַן אָרגאַניק" האָט פער־שטאַנען ווי צו פערלייכטערן זיין אייגענעם אומגאַנג אין נאָך אַ מעהר „ליבעראַלען" גייסט איידער די ענגלישע פאַבריק־געזעצ־געבונג. נאָכדעם ווי עס האָט פון 12 טעג געמאַכט 54, האָט עס ווידער אַזוי בעשטימט די נאָמינעלע טאָג־ארבייט פון יעדען פון די 54 פאַנשטשיזנע־טעג, אַז עס מוז כסדר בלייבען אַ צוגאָב פון ארבייט אויף די פאָלגענדע טעג. אין איין טאָג צום ביישפּיעל

אורשפּרינגליכער פּראָדוקציאָנס־אופן איז געווען געבויט אויף גע־מיינשאַפטליכען אייגענטום, אָבער ניט אין דער סלאַווישער אָדער גאָר אין דער אינדישער פאָרם. איין טייל פון די לענדערייען איז בעארבייט געוואָרן פון די מיטגליעדער פון דער געמיינדע זעלב־שטענדיג אלס פרייעס פּריוואַט אייגענטום, אַן אנדער טייל—דער אַגער פּובליקוס [געמיינשאַפטליכער אקער]—איז בעארבייט גע־וואָרן פון זיי אלעמען צוזאַמען. די פּראָדוקטען פון דער דאָזיגער געמיינזאַמער ארבייט האָבען געדיענט טיילס אלס רעזערוו־פאָנד פאַר שלעכטע גערעטעענישען און אנדערע צופאַלען, און טיילס אלס שטאַאט־פאָנד, צו דעקען די קאָסטען פון קריעג, פאַר רעליגיעזע צוועקען און אנדערע קהל'שע אויסגאַבען. מיט דער צייט האָבען די מיליטערישע און קירכליכע הויכע בעאַמטע אוועקגערויבט פאַר זיך צוזאַמען מיט דעם געמיינשאַפטליכען אייגענטום אויך די אר־בייט־לייסטונגען פון די מיטגליעדער. די ארבייט פון די פרייע פויערים אויף זייער געמיינדע־לאַנד איז פערוואַנדעלט געוואָרן אין פאַנשטשיזנע־ארבייט פאַר די גנבים פון אַט דעם געמייגדע־לאַנד. דערמיט האָבען זיך אין דערזעלבער צייט ענטוויקעלט פערהעלטע־נישען פון לייבאייגענשאַפט, אָבער נאָר פאַקטיש, ניט געזעצליך, ביז דאָס וועלט־בעפרייענדע רוסלאַנד האָט זיי ניט דערהויבען צום געזעץ, אונטער דעם אויסרייד פון אָבשאַפען די לייבאיי־גענשאַפט. דער קאָדעקס פון פאַנשטשיזנע־ארבייט, וואָס דער רוסישער גענעראַל קיסעלעף האָט פּראָקלאַמירט אין 1831, איז פערשטעהט זיך געווען דיקטירט פון די פּריצים אליין. רוסלאַנד האָט אויף דעם אופן געוואונען מיט איין קלאַפּ די מאַגנאַטען פון די דאָנאי־פירשטענטומען און די בייפאַל־אַפּלאָדיסמענטען פון די ליבעראַלע קרעטינען פון גאַנץ אייראָפּא.

לויט דעם „רעגלמאַן אָרגאַניק"—אַזוי הייסט יענער קאָדעקס פון דער פאַנשטשיזנע־ארבייט—איז יעדער וואַלאַכישער פויער שולדיג געווען דעם זאָגענאַנטען גרונד־אייגענטימער, א חוץ א מאַסע בפרטיות־אויסגערעכנטע נאַטוראַל־אָבגעבונגען, ערשטענס 12 ארבייטס־טעג בכלל, צווייטענס 1 טאָג פעלד־ארבייט און דריטענס 1 טאָג האָלץ־פיהרען. א סך הכל פון 14 טעג אין יאָהר. דאָך אָבער ווערט דער ארבייטס־טאָג, לויט א טיעפער איינזיכט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ניט גענומען אין זיין געוועהנליכען

דאס פאבריק־געזעץ פון 1850, וואס גילט נאך איצט [1867 יאהר און ביז 1878] האט ערלויבט פאר די דורכשניטליכע וואכענטעג 10 שטונדען ארבייט—פאר די ערשטע 5 טעג אין וואך 12 שטונדען א טאג, פון 6 אוהר מארגענס ביז 6 אוהר אבענדס, פון וועלכע עס געהט אראב געזעצליך ½ שטונדע פאר פרישטיק און 1 שטונדע פאר מיטאג־עסען; בלייבען, הייסט עס, 10½ ארבייט־שטונדען, און 8 שטונדען דעם שבת'דיגען טאג, פון 6 אוהר מארגענס ביז 2 אוהר נאכמיטאג, פון וועלכע עס געהט אראב ½ שטונדע פאר פריהשטיק. בלייבען 60 ארבייט־שטונדען, 10½ פאר די ערשטע 5 טעג און 7½ פאר דעם לעצטען טאג.[47] עס ווערן בעשטעלט אייגענע וועכטער פון דעם געזעץ, די פאבריק־אינספעקטארען, וועלכע שטעהען דירעקט אין דיענסט פון דעם מיניסטעריום דעם אינערן, און זייערע בעריכטען ווערן פערעפענטליכט האלב־יעהרליך אין נאמען פון פארלאמענט. זיי גיבען אויף דעם אופן א שטענדיגע אפיציעלע סטאטיסטיק וועגען דער קאפיטאליסטישער זשעדנעקייט נאך מעהר־ארבייט.

טענישען. אין אלע אייראפעאישע לענדער, וואו קאנסקריפציאן איז איינגעפיהרט, איז די דורכשניט־מאס פון די דערוואקסענע מענער, ווי בכלל זייער קערפערליכע פעהיגקייט פאר מיליטער־דיענסט, פערקלענערט געווארן. אין פראנקרייך, פאר דער רעוואלוציאן (1789) איז דער מינימום פאר דער אינפאנטעריע געווען 165 צענטימעטער [5 פוס מיט 5 צאל], אין יאהר 1818 (געזעץ פון 10טען מארץ) 157, נאך דעם געזעץ פון 21טען מארץ 1832 איז דער מינימום געווען 156 צענטימעטער [5 פוס 2]. דורכשניטליך ווערן אין פראנקרייך מעהר ווי א העלפט צוריקגעוויזען פון מיליטער־דיענסט וועגען צו־קליינעם וואוקס און קערפערליכע פעהלערן. אין זאקסען איז די מיליטער־מאס אין 1780 געווען 178 צענטימעטער [5 פוס 10], איצט איז עס 155 [5 פוס 1]. אין פרייסען איז עס 157. לויט די פאקטען, וואס דר. מייער האט פערעפענטליכט אין דער „בייערישער צייטונג" פון 9טען מאי 1862, שטעלט זיך ארויס לויט דעם דורכשניט פון 9 יאהר, אז אין פרייסען פון 1000 גערופענע זיינען 716 אזעלכע, וואס טויגען ניט צו מיליטער־דיענסט: 317 וועגען א צו־קליינער מאס און 399 וועגען קראנקהייטען. . . . . בערלין האט אין 1858 ניט געקאנט צושטעלען איהר קאנטינגענט רעקרוטען, עס האט געפעהלט 156 מאן." יאהאן פ. ליביג, „די כעמיע אין איהרער אנווענדונג אויף אגריקולטור און פיזיאלאגיע", 7טע אויפלאגע, 1862, ב. 1, ז. 18—117.)

[47] די געשיכטע פון דעם פאבריק־געזעץ פון 1850 ווערט איבערגעגעבען אין פערלויף פון אט דעם קאפיטעל.

מוז אויסגעיעטעט ווערן אַזאַ שטח לאַנד, וואָס פאָדערט פאַר אַזאַ אַרבייט, דהינו ביי די קוקוראַזאַ־פּלאַנצונגען, טאָפּעלט אַזויפיל צייט. דאָס געזעצליכע טאָג־ווערק פאַר געוויסע אַגריקולטור־אַרבייטען לאָזט זיך אויסטייטשען אַזוי, אַז דער טאָג פאַנגט זיך אָן אין מאָנאַט מאַי און לאָזט זיך אויס אין מאָנאַט אָקטאָבער. פאַר מאָלדאַוויע זיינען די בעשטימונגען נאָך שווערערע. „די 12 פאַנשטשיזנע־טעג פון דעם רעגלמאַן אָרגאַניק — האָט אויסגעשריען אַ באָיאַר, שכור פון נצחון — ציהען זיך אויס אויף 365 טעג אין יאָהר!"[45]

אויב דאָס „רעגלמאַן אָרגאַניק" פון די דונאַי־פירשטענטומען איז געווען אַ פּאָזיטיווער אויסדרוק פון דער זשעדנעקייט נאָך מעהר־אַרבייט, וועלכע קריגט אַ געזעצליכע אַנערקענונג אין יעדען פּאַראַגראַף, זיינען די ענגלישע „פאַקטאָרי אַקטס" נעגאַטיווע אויסדרוקען פון דערזעלבער זשעדנעקייט. די דאָזיגע געזעצען האָבען איינגעצוימט דעם דראַנג פון קאַפּיטאַל אויסצוזויגען אָהן אַ מאָס די אַרבייטס־קראַפט דורך אַ געצוואונגענער בעשרענקונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג פון דעם שטאַאט'ס וועגען, אָבער פון אַזאַ שטאַאט, אין וועלכען די הערשער זיינען דער קאַפּיטאַליסט און דער לאַנד־לאָרד. אויסלאָזענדיג די אַרבייטער־בעוועגונג, וועלכע איז געוואָרען געפעהרליכער מיט יעדען טאָג, איז די בעשרענקונג פון דער פאַבריק־אַרבייט דיקטירט געוואָרען דורך דערזעלביגער נויט, וועלכע האָט געצוואונגען צו גיסען גואַנאָ אויף די ענגלישע פעלדער. דיזעלבע בלינדע רויב־גיעריגקייט, וועלכע האָט אין איין פאַל אויסגעמאָגערט די ערד, האָט אין דעם אַנדער פאַל אָנגעגריפען ביי די וואָרצלען די לעבענס־קראַפט פון דער נאַציאָן. די פּעריאָדישע עפּידעמיען האָבען דאָ גערעדט פּונקט אַזוי דייטליך, ווי דער פערקלענערטער וואוקס פון די סאָלדאַטען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך.[46]

---

[45] ווייטערע פּרטים קאַן מען געפינען אין ע. רעגנאָל, „איסטואַר פּאָליטיק סאָסיאַל דע פּרינסיפּאַ דאַנוביען", פּאַריז 1855.

[46] „דאָס אַרבייטערשטייגען די דורכשניט־מאָס ביי אַ בעטרעפענדען מין בעווייזט אין אַלגעמיין, אינערהאַלב געוויסע גרעניצען, דאָס געדייהען פון דעם אָרגאַנישען וועזען. בנוגע דעם מענשען פערקלענערט זיך זיין קערפּער־מאָס, ווען זיין געדייהען ווערט אָבגעשוואַכט דורך פיזישע אָדער סאָציאַלע פערהעל־

כפל'ט עס אויף ארבייטס־וואכען, ארונטעררעכענדיג 2 וואכען פאר פייערטעג און צופעליגע אונטערברעכונגען, בעטרעפט עס 27 אר־בייט־טעג.[49]

„ווען דער ארבייטס־טאג ווערט פערלענגערט אויף 5 מינוט טעגליך אריבער דער נארמאלער צייט, ניט עס 2½ פראדוקציאנס־טעג א יאהר."[50] „אן איבעריגע שטונדע טעגליך, וואס ווערט דורכדעם געוואונען, אברייסענדיג א שטיקעל צייט דא און א שטיקעל דארטן, מאכט פון די 12 מאנאט פון יאהר 13 מאנאט.[51]

קריזיסען, ווען די פראדוקציאן ווערט אונטערבראכען און מען ארבייט נאר א „קורצע צייט", נאר עטליכע טעג אין וואך, מאכען, פערשטעהט זיך, קיין ענדערונג ניט אין דעם שטרעבען צו פער־לענגערן דעם ארבייטס־טאג. וואס וועניגער געשעפטען עס ווערן געמאכט, אלץ גרעסער מוז זיין דער ריוח אויף דעם געמאכטען געשעפט. וואס וועניגער צייט מען קאן ארבייטען, אלץ מעהר סורפלוס־ארבייט־צייט מוז געארבייט ווערן. אזוי בעריכטען די אינספעקטארען וועגען דער פעריאדע פון דעם קריזיס פון 1857־58:

„עס קאן אויסזעהן ווי א סתירה, אז עס זאל פארקומען

דער קאמיסיע פאר דער אונטערזוכונג פון דער קינדער־ארבייט (Children's Employment Commission) פון 1863 ביז 1867. די דאזיגע ראפארטען בעהאנדלען די אינדוסטריע־צווייגען, אין וועלכע די פאבריק־געזעצגעבונג איז נאך ביז 1862 נ ט נעווען איינגעפיהרט, און טיילווייז איצט נאך אויך ניט איינגעפיהרט. אזוי זיינען אין די צושטענדען, וועלכע ענגעלס האט געשילדערט, ניט אריינגעבראכט געווארן פון דרויסען קיין מעהר אדער וועניגער גרויסע ענדערונג. מיינע בייזשפיעלען נעהם איך הויפטזעכליך פון דער פריי־האנדעל־פעריאדע נאך 1848, פון יענער גן־עדן־צייט, וועגען וועלכער די גרויסע בע־ריהמער און וויסענשאפטליך־אומבעהאלפענע פרייהאנדעל־קרעמער־יונגען האבען אנגעדערצעהלט די דייטשען אזויפיעל בבא מעשיות. — איבעריגענס פיגורירט דא ענגלאנד אין פאדערגרונד נאר דערפאר, ווייל זי רעפרעזענטירט די קאפי־טאליסטישע פראדוקציאן אויף א קלאסישען אופן, און איז די איינציגע, וואס בעזיצט אן אפיציעל־אנהאלטענדע סטאטיסטיק פון די נעגענשטענדען, וואס ווערן דא בעהאנדעלט.

49 "Suggestions etc. by Mr. L. Horner, Inspector Factories," in "Factories Regulation Act." Ordered by the House of Commons to be printed Aug. 9, 1859, p. 4, 5.

50 Report of Inspection of factories for the half yenr ending Oct. 1859, p. 35.

51 Report etc. April 30, 1858, p. 9.

לאָמיר א ווײַלע זיך צוהערן צו די פאַבריק־אינספּעקטאָרען [*8]

„דער בעטריגערשער פאַבריקאַנט הויבט אָן די ארבייט א פערטעל שטונדע—אמאָל מעהר איידער א פערטעל שטונדע, אמאָל עטוואָס ווייניגער—פאַר 6 אוהר אין דער פריה, און ענדיגט אמאָל מעהר, אמאָל ווייניגער ווי מיט א פערטעל שטונדע נאָך 6 אוהר אבענדס. ער נעהמט אוועק 5 מינוט פון אָנהויב און פון סוף פון דער האַלבער שטונדע, וואָס איז נאָמינעל אָבגעגעבן פאַר׳ן פריה־שטיק, און רייסט ארונטער 10 מינוט פון אָנהויב און פון סוף פון דער מיטאָג־שטונדע. שבת ארבייט ער א פערטעל שטונדע, אמאָל מעהר, אמאָל ווייניגער ווי א פערטעל שטונדע, נאָך 2 אוהר נאָכמיטאָג. ער געווינט אויף דעם אופן:

פאַר 6 אוהר מאָרגענס — 15 מינוט
נאָך 6 אוהר אבענדס — 15 „
פון פריהשטיק־צייט — — 10 „
פון מיטאָג־צייט — — — 15 „
———
60 מינוט
סך הכל אין 5 טעג 300 מינוט
שבתים:
פאַר 6 אוהר מאָרגענס — 15 מינוט
פאַר פריהשטיק־צייט — 10 „
נאָך 2 אוהר נאָכמיטאָג — 15 „

(דער וועכענטליכער געווין בסך הכל, 340 מינוט.)

דאָס הייסט 5 שטונדען 40 מינוט וועכענטליך, וואָס אז מען

די פּעריאָדע פון אָנפאַנג פון דער גרויס־אינדוסטריע אין ענגלאַנד ביז 1845 בעריהר איך נאָר וואַרניט־וואו און ווייז דעריבער אָז דעם לעזער אויף דעם ווערק „די לאַגע דער ארבייטענדען קלאַסע אין ענגלאַנד” פון פריעדריך ענגעלס, לייפּציג 1845. ווי טיעף ענגעלס האָט בעגריפען דעם גייסט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען אופן פון פּראָדוקציאָן, צייגען די בעריכטען פון די פאַבריק־אינספּעקטאָרען, מינען־אינספּעקטאָרען א.אז.וו., וועלכע זיינען ערשיענען זינט 1845: און ווי בעוואונדערונג־ווירדיג ער האָט געמאָלען די צושטענדען בפרטיות צייגט דער אויבערפלעכליכסטער פערגלייך פון זיין שריפט מיט די אָפיציעלע ראַפּאָרטען, וואָס זיינען פערעפענטליכט געוואָרן 18 ביז 20 יאָהר שפּעטער פון

דער עקסטרא־פראפיט, וואס מען קאן מאכען דורך איבערארבייט, אריבער דער געזעצליכער צייט, איז פאר פיעל פאבריקאנטען א צו־גרויסער נסיון, זיי זאלען עס קאנען בייקומען. זיי רעכענען אויף דער מעגליכקייט, אז מען וועט זיי ניט כאפען, און רעכענען אויס, אז אפילו אויב מען וועט זיי יא כאפען, וועלען די לייכטע געלד־שטראפען און די קליינע געריכט־קאסטען נאך אלץ איבערלאזען פאר זיי א באלאנס פון ריוח."[56] „וואו זיי געווינען די צוגעגעבענע צייט דורך פיעל־פאכיגע קליינע גנבות אין משך פון

לויט דעם עדות־זאגען פון די פאבריקאנטען פאר'ן געריכט, זייערע פאבריקהענד שטעלען זיך אנטקעגען יעדער אונטערברעכונג פון דער פאבריק־ארבייט, בעווייזט דער פאלגענדער קוריאזער פאל: אנהויב יוני 1836 איז פארגעבראכט געווארן פאר די פאליציי־ריכטער אין דיוסבערי (אין יארקשייר), אז די אייגענטימער פון 8 גרויסע פאבריקען ארום באטלעי האבען עובר געווען דעם פאבריקגעזעץ. אייניגע פון די דאזיגע העררען זיינען אנגעקלאגט געווארן, אז זיי האבען געצוואונגען 5 קינדער צווישען 12 און 15 יאהר צו ארבייטען פון 6 אוהר פרייטאג פריה ביז 4 אוהר שבת נאכמיטאג כסדר אהן וועלכען עס איז אברוה, א חוץ פאר מאלצייטען און 1 שטונדע שלאף אין מיטען דער נאכט. די דאזיגע קינדער האבען געדארפט אבטאן די דרייסיג־שטונדיגע ארבייט אין דער „שאדדי האל", ווי דער דאזיגער גיהנום האט געהייסען, אז ארט וואו עס ווערט פאנאנדער־געריסען וואלענע קאדער, וואס גיט אזא געדיכטען שטויב פון שמוץ, אז אפילו די דערוואקסענע ארבייטער מוזען שטענדיג האלטען פערבונדען דאס מויל מיט נאז־טיכלעך, כדי צו פערהיטען די לונגען! די הערען אנגעקלאגטע האבען געגעבען זייער ווארט אנשטאט א שבועה—אלס קוועקער זיינען זיי געווען צו־שטרענג רעליגיעזע מענשען אבצוגעבען א שבועה—אז זיי האבען אין זייער גרויסער בארמהארציגקייט ערלויבט די עלענדע קינדער 4 שטונדען שלאף, נאר אזוינע עקשנים פון קינדער זיינען דאס געווען, אז זיי האבען בשום אופן ניט געוואלט געהן שלאפען! די הערען קוועקער זיינען פערורטיילט געווארן צו בעצאהלען א געלד־שטראף פון 20 פונט סט. יעדערער. דריידען האט געהאט אין זין די דאזיגע קוועקער, ווען ער האט געשריבען: —

"Fox full fraught in seeming Sanctity
That feared an oath, but like the devil would lie,
That looked like lent, and had a holy leer
And durst not sin! before he said his prayer!"

[א פוקס, פערשלייערט פול אין קלייד פון קדושה,
ציטערט פאר א שבועה, אבער ווי דער טייוועל ליגט אהן בושה —
האט א פנים פון א פרוש און א אוינעל אויף דער מלאכת,
און וואגט ניט טהאן אז עבירה—אהן א ברכה...]

[56] „רעפארט עטצ. פאר 31 אקטאבער 1856, ז. 34.

וועלכע עס איז איבערארבייט אין א צייט, בעת דער האנדעל געהט אזוי שלעכט; אבער גראד דער שלעכטער צושטאנד טרייבט געוויסענלאזע מענשען אריבערצוכאפּען די מאס און זיך פערזיכערן מיט אן איבעריגען פּראפיט....״ לעאנארד הארנער זאגט: „אין דערזעלביגער צייט, ווען 122 פאבריקען אין מיין דיסטריקט זיינען געשלאסען געווארן, 143 שטעהען לעדיג און אלע איבעריגע פאבריקען ארבייטען נאר א קורצע צייט, געהט פונדעסטוועגען אן די איבערארבייט אריבער די געזעצליך־בעשטימטע שטונדען.״[52] „אבוואויל—זאגט הערר האועל—מען ארבייט אין די מעהרסטע פאבריקען א העלפט צייט, מחמת דעם שלעכטען צושטאנד פון די געשעפטען, פונדעסטוועגען קריג איך פונקט ווי פריהער דיזעלבע צאהל קלאגען, אז מען רייסט אב ביי די ארבייטער א האלבע שטונדע אדער ¾ שטונדען טעגליך פון דער צייט, וואס דאס געזעץ גיט זיי פאר מאהלצייטען אדער ערהאלונג.״[53]

דיזעלבע ערשיינונג ווידערהאלט זיך אויף א קלענערן מאס־שטאב אין דער צייט פון דעם שרעקליכען באוועל־קריזיס, אין די יאהרען פון 1861 ביז 1865.[54]

„אפטמאל, ווען מיר געפינען די ארבייטער ביי דער ארבייט אין דער צייט פון דער שפייז־שטונדע, אדער אין אנדערע אונגע־זעצליכע צייטען, ווערט אנגעגעבען דער תירוץ, אז די ארבייטער ווילען בשום אופן ניט פערלאזען די פאבריק און מען מוז אנווענדען צוואנג־מיטלען פועל צו זיין, זיי זאלען אבשטעלען זייער ארבייט (רייניגען די מאשינען א.אז.וו.), ספּעציעל שבת נאכמיטאג. אבער ווען די „הענד״ בלייבען אין פאבריק נאכדעם ווי די מאשינען בלייבען שטיל, פאסירט עס נאר דערפאר, ווייל מען גיט זיי ניט קיין צייט אבצוטאן די דאזיגע ארבייט אין די געזעצליך־בע־שטימטע שטונדען, צווישען 6 אוהר אין דער פריה און 6 אוהר אבענדס.״[55]

---

[52] דארט גופא, ז. 43.

[53] דארט גופא, ז. 25.

[54] זעה אפּענדיקס נומער 2, „רעפּארטס אקטאבער 1862, ז. 7, 52 און 53. די אריבערטרעטונגען פון געזעץ ווערן ווידער צאהלרייכער מיט דעם לעצטען האלבען יאהר פון 1863. פערגלייך „רעפּארטס, ענדינג 31 אקטאבער 1863״, ז. 7.

[55] רעפּארטס, עטצ., 31 אקטאבער 1860, ז. 23. מיט וואס פאר א פאנאטיזם,

לענגערן דעם ארבייטס־טאָג, דעם וואָלפישען הונגער נאָך מעהר־ארבייט, אויף א געביט, וואו די אונבעשרייבליכע מיסברויכונגען, וועלכע זיינען ניט אריבערגעשטיגען געוואָרן, ווי א בורזשואזער ענגלישער עקאָנאָם האָט זיך אויסגעדריקט, אפילו פון די גרויזאמקייטען פון די שפאניער אנטקעגענאיבער די רויט־הויטיגע אינדיאנער פון אמעריקא,[64] האָבען ענדליך געבונדען דעם קאַפיטאל צו דער קייט פון געזעצליכער רעגולירונג. איצטער וועלען מיר ווארפען א בליק אויף אייניגע פראָדוקציאָנס־צווייגען, וואו די אויסזויגונג פון דער ארבייטס־קראפט איז היינט צו טאָג פריי פון אלע קייטען, אָדער איז ערשט נעכטען נאָך געוועזען פריי.

„הערר בראָנטאָן, א קאונטי מאגיסטראט [א פריעדענס־ריכטער], האָט ערקלערט אלס פאָרזיצענדער פון א פערזאמלונג, וואָס איז אָבגעהאלטען געוואָרן אין נאָטינגהאם, דעם 14טען יאַנואר 1860, אז אין דעם טייל פון דער בעפעלקערונג, וואָס איז בעשעפטיגט אין דער שפיצען־פאבריקאציע, הערשט אזא שטופע פון ליידען און דחקות, וואָס געפינט זיך ניט אין דער איבעריגער ציוויליזירטער וועלט. „.... ארום 2, 3 אָדער 4 אוהר פארטאָג ווערן קינדער פון 9 ביז 10 יאָהר ארויסגעריסען פון זייערע שמוציגע בעטען און געצוואונגען צו ארבייטען פאר א לוין, וואָס איז קוים גענוג אויפצוהאלטען זייער לעבען, ביז 10, 11 און 12 אוהר ביינאכט. זייערע גליעדער ווערן פון דער ארבייט געלעהמט, זייער קערפער ווערט צוזאַמענגעשרומפט, זייער פנים ווערט אָבגעשטומפט און זייער גאנצער מענשליכער וועזען ווערט פערזונקען אין א שטיינערנער פערשטארונג. אזוי אז עס שוידערט אויף זיי צו קוקען. מיר זיינען ניט איבערראשט, וואָס הערר מאלעט און אנדערע

[64] „די ניערינגקייט פון די פאבריק־בעזיצער, וואָס קומט פאר אין זייער גייעג נאך פראפיטען, איז ניט קלענער אין גרויזאמקייט ווי די, וואָס די שפאניער האבען בענוצט אין זייער נייעג נאך גאלד, בעת זיי האבען עראבערט אמעריקא.” (דזשאהן וויידר, „היסטאָרי אוו דהי מידדל אנד וואָרקינג קלאסעס. 3טע אויסגאבע, לאנדאן 1835, ז. 114.) דער טעארעטישער טייל פון אט דעם ווערק — א סארט גרונד־שטריך פון פאליטישער עקאנאמיע — ענטהאלט פאר זיין צייט עטוואס אריגינעלעס, דהיינו וועגען די האנדעלס־קריזיסען. דער היסטאַרישער טייל ליידט פון א שענדליכען פלאגיאריזם פון סער מ. עדען׳ס „היסטארי אוו דהי פור”, לאנדאן 1799.

טאָג, האָבען די אינספּעקטאָרען די גרעסטע שוועריגקייט צוזאַמענ־צוברענגען די בעווייזען פאַר דעם.״[57] די דאָזיגע „קליינע גנבות״, וואָס קאַפּיטאַל בע׳גנב׳עט די ארבייטער פון זייער מאָלצייט און ערהאָלונג־צייט, בעצייכענען די פאַבריק־אינספּעקטאָרען אויך מיט׳ן נאָמען „קליינליכע בערויבונגען פון מינוטען״,[58] „אָבלאַטכענען א פּאָר מינוטען״,[59] אָדער ווי די ארבייטער רופען עס אָן טעכניש, „אָבבייסען און אָברייסען פון עסענצייט.״[60]

מען זעהט דערפון, אז אין דער דאָזיגער אַטמאָספערע איז די שאַפונג פון מעהרווערטה דורך מעהר־ארבייט גאָר קיין סוד ניט. „ווען איהר ערלויבט מיר—האָט מיר געזאָגט א זעהר רעספּעקטאַבלער פאַבריקאַנט—לאָזען זיי ארבייטען נאָר 10 מינוט איבעריגע צייט א טאָג, לעגט איהר מיר אריין אין קעשענע 1000 פונט סטערלינג א יאָהר.״[61] „מאָמענטען זיינען די עלעמענטען פון ריוח״.[62]

אין דעם פּרט איז קיין זאַך ניט מעהר כאַראַקטעריסטיש איידער די בעצייכענונג פון די ארבייטער, וועלכע רופען אָן די וואָס ארבייטען די פולע צייט „פולל טיימערס״, און די קינדער אונטער 13 יאָהר, וועלכע טאָרען ניט ארבייטען מעהר ווי 6 שעה, „האַלף טיימערס״.[63] דער ארבייטער איז מעהר גאָרנישט ווי נאָר פּערזאָניפיצירטע ארבייט־צייט. אַלע אינדיווידועלע חלוקים לייזען זיך אויף אין דעם איין חלוק פון „פולע־צייטניקעס״ און „האַלב־צייטניקעס״.

3. ענגלישע אינדוסטריע־צווייגען, וואָס האָבען ניט קיין געזעצליכע גרעניצען פון עקספּלואַטאַציע.

ביז אהער האָבען מיר בעטראַכט דאָס שטרעבען צו פּער־

[57] דאָרט גופא, ז. 35.

[58] „פּעטטי פּילפּערינגס אוו מינוטס״, ד. ג., ז. 48.

[59] „סנעטשינג א פיו מינוטס״, ד. ג.

[60] „ניבבלינג אנד קריבבלינג אט מיעלטיימז״.

[61] דאָרט גופא.

[62] רעפּאָרטס עטצ., אפּריל 1860, ז. 56.

[63] דער אויסדרוק האָט נעקריגען אַן אָפיציעלען בירגער־רעכט אַזוי ווי אין פאַבריק, אַזוי אויך אין די פאַבריק־ראַפּאָרטען.

דער 9 יעהריגער ווילהעלם וואוד „איז געווען 7 יאָהר מיט 10 מאָנאט אַלט, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען אַרבייטען.” ער האָט פון אָנהויב אָן געטראָגען די פורעמס—“Ran Moulds”—מיט די כלים אין הויז, וואו זיי טריקענען זיך, און צוריק געבראַכט די לעדיגע פורעמס. ער קומט [אין פאַבריק] יעדען טאָג אין דער וואָך אום 6 אוהר אין דער פריה און אַרבייט אומגעפעהר ביז 9 אוהר אבענדס. „איך אַרבייט ביז 9 אוהר אבענדס יעדען טאָג אין וואָך. אַזוי צ.ב.ש. אין פערלויף פון די לעצטע 7 ביז 8 וואָכען.” אַלזאָ, פופצעהן־שטונדיגע אַרבייט פאַר אַ קינד פון 7 יאָהר! דזש. מאָריי, אַ צוועלף־יעהריגער אינגעל זאָגט עדות: „איך טראָג פורעמס און דרעה די ראָד. איך קום אום 6 אוהר, מאַנכעסמאָל אום 4 אוהר פאַרטאָג. איך האָב געאַרבייט די גאַנצע לעצטע נאַכט ביז 8 אוהר היינט אין דער פריה. איך בין ניט געווען צו בעט זינט די פאָרלעצטע נאַכט. אַ חוץ מיר האָבען געאַרבייט די גאַנצע נאַכט נאָך 8 אָדער 9 אינגלעך. אַלע אויסער איינעם זיינען היינט אין דער פריה ווידער געקומען. איך קריג 3 שילינג 6 פּענס אַ וואָך. איך קריג ניט מעהר, ווען איך אַרבייט דורך דער גאַנצער נאַכט. די לעצטע וואָך האָב איך געאַרבייט דורך צוויי גאַנצע נעכט.” פערניהו, אַ צעהן־יעהריגער אינגעל, זאָגט: „ניט אַלעמאָל האָב איך אַ גאַנצע שטונדע אויף מיטאָג; אָפטמאָל נאָר אַ האַלבע שטונדע—יעדען דאָנערשטאַג, פרייטאַג און שבת.”[67]

דר. גרינהאַו דערקלערט, אַז דער לעבענס־דויער אין די טעפּער־דיסטריקטען פון סטאָוק־אַפּאָן־טרענט און וואָלסטאַנטאָן איז אויסערגעוועהנליך קורץ. הגם אין דעם סטאָוק דיסטריקט זיינען בעשעפטיגט אין די טעפּערייען נאָר 36.6 פּראָצענט און אין וואָלסטאַנטען נאָר 30.4 פּראָצענט פון דער מענליכער בעפעלקערונג איבער 20 יאָהר אַלט, פאַלט אויס אויף די טעפּער אין דעם ערשטען דיסטריקט מעהר ווי אַ העלפט און אין דעם צווייטען דיסטריקט אַרום $^2/_5$ פון די טויטען־פעלע פון אַלע ברוסט־קראַנקהייטען, וואָס קומען פאָר צווישען די מענער פון דעם עלטער. דר. בוטראָיד, אַ פּראַקטיצירענדער אַרצט אין האַנלעי, זאָגט עדות:

---

[67] „טשילדרענס עמפלאָימענט קאָמישיאָן” ערשטער ראַפּאָרט. 1863.

פאבריקאנטען זיינען דאָ ארויסגעטרעטען צו פּראָטעסטירן געגען יעדער דיסקוסיאָן.... דער סיסטעם, ווי דער הויך־ווירדיגער הערר מאנטאגו וואַלפּי האָט עס בעשריבען, איז א סיסטעם פון אונבעשרענקטער שקלאווערײ—שקלאווערײ אין סאָציאלער, פיזישער, מאָראלער און אינטעלעקטועלער בעציהונג.... וואָס זאָל מען דענקען פון א שטאָדט, וועלכע האלט אָב אן עפענטליכע פערזאמלונג, כדי צו פּעטיציאָנירן, אז די ארבייט־צייט פאר מענער זאָל בעשרענקט ווערן אויף 18 שטונדען א טאָג!... מיר היצען זיך אנטקעגען די פּלאַנטאַטאָרס פון ווירדזשיניע און קאראָליינא. צי דען אָבער איז זייער נעגער־מארק, מיט אלע שרעקען פון דער בייטש און דעם שאכער אין מענשענפלייש, מעהר אבשייליך איידער אָט די לאַנגזאַמע מענשען־אויסשלאכטונג, וועלכע געהט דאָ כסדר אָן, כדי צו פאבריצירן שלייערס און קעלנער פאר די נוצען פון קאפּיטאליסטען?"[65]

די טעפּערײ פון סטאפפאָרדשייר איז אין די לעצטע 22 יאָהר געווען דער געגענשטאנד פון דריי פּארלאמענטארישע אונטערזוכונגען. די רעזולטאטען זיינען בעשריבען אין דעם בעריכט פון הערר סקריווען אין 1841 צו די "Children's Employment Com" אין דעם בעריכט פון דר. גרינהאו, אין 1860, וואָס איז פּערעפענטליכט געוואָרן לויט דעם בעפעהל פון ערצטליכען בעאמטען פון „פּרייווי קאונסיל" [געהיימראטה] „פּובליק העלטה", 3טער ראפּאָרט 1, פון 102 ביז 113; און ענדליך אין דעם בעריכט פון העררן לאָנגע אין 1863, אין "First Report of the children Employment Commission" פון 3טען יוני, 1863. פאַר מיין אויפגאַבע איז גענוג ארויסצונעהמען פון די בעריכטען פון 1860 און 1863 אייניגע עדות־זאָגונגען פון די עקספּלואטירטע קינדער אליין. פון דער לאגע פון די קינדער קאָן מען שוין דרינגען די לאגע פון די דערוואקסענע, בעזונדערס פון די מיידלעך און פרויען, און דערצו אין אזא אינדוסטריע־צווייג, וואָס אין פערגלייך מיט איהם איז שוין די באַוועל־שפּינערײ און דערגלייכען א זעהר אנגענעהמע און געזונטע בעשעפטיגונג.[66]

---

[65] „לאָנדאָן דיילי טעלעגראַף" פון 17טען יאנואר 1860.

[66] זעה ענגעלס „לאגע דער ארבייטענדען קלאסע אין ענגלאנד", ז. 249 ביז 251.

בעאָבאכטונג, ניט סטאַטיסטיש, איך קאָן אייך אָבער פערזיכערן, אז מיין צאָרן פלעגט אויפגעקאָכט ווערן יעדעס מאָל, וואָס איך האָב אָנגעקוקט די דאָזיגע אָרימע קינדער, וועמעס געזונד איז גע־אָפּפערט געוואָרן צוליעב דער געלד־גייציגקייט פון זייערע עלטערן און די ארבייטגעבער." ער רעכענט אויס די אורזאכען פון די טעפּער־קראַנקהייטען און ענדיגט מיט דער גרעסטער אורזאך, די „לאַנגע ארבייטס־שטונדען". אין זייער בעריכט דריקט די קאָ־מיסיע אויס די האָפנונג, אז „א מאַנופאַקטור, וואָס פערנעהמט אזא וויכטיגע שטעלונג אין די אויגען פון דער וועלט, וועט ניט טראָגען אויף זיך מעהר דעם פלעק, וואָס איהר גרויסער ערפאָלג, איז בעגלייט פון פיזישער דעגענעראַציע, פיעל פערצווייגטע קער־פערליכע ליידען און א פריהצייטיגען טויט פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג, דורך וועמעס ארבייט און געשיקטקייט עס זיינען דערגרייכט געוואָרן אזוינע גרויסע רעזולטאַטען."[69] וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן וועגען די טעפּערייען אין ענגלאַנד, איז אויך ריכטיג וועגען די טעפּערייען אין שאָטלאַנד.[70]

די פאַבריקאַציע פון שוועבעלעך דאַטירט פון יאָהר 1833, ווען מען האָט אויסגעפונען ווי אזוי צו מאַכען, אז דער פאָספאָר זאָל זיך האַלטען אויפ׳ן קעפּיל פון העלציל. זינט 1845 האָט זי זיך ראַשיג ענטוויקעלט אין ענגלאַנד, און זיך אויסגעשפרייט פון די געדיכט־בעפעלקערטע טיילען פון לאָנדאָן אין מאַנטשעסטער, בירמינגאַם, ליווערפּול, בריסטאָל, נאָריטש, ניוקאַסל און גלאַזגאָו, און דערמיט איז אויך מיטגעגאַנגען די קינבאַקען־ענטצינדונג, וועלכע א ווינער דאָקטאָר האָט שוין אין יאָהר 1845 ענטדעקט אלס אן אייגענטימליכע קראַנקהייט פון די שוועבעלעך־ארבייטער. א העלפט פון די ארבייטער זיינען קינדער אונטער 13 יאָהר אלט און יונגע מענשען אונטער 18 יאָהר. די דאָזיגע פאַבריקאַציע האָט אזא שלעכטען נאָמען וועגען איהר אונגעזונדקייט און אָב־שטויסליכקייט, אז נאָר דער נידעריגסטער טייל פון דעם ארביי־טער־קלאַס, האַלב פערהונגערטע אלמנות א.ד.ג. שטעלען איהר צו

[69] „טשילדרענס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן", 1863, ז. 22 און 24.
[70] דאָרט גופא, ז.

„יעדער פאָלגענדער דור פון די טעפער איז קלענער אין געוויקס און שוואכער איידער דער פריהערדיגער דור." דאָס איינענע זאָגט אויך אַנאַנדער דאָקטאָר, הערר מאקבין: פאר די לעצטע 25 יאָהר, זינט איך האָב אָנגעפאנגען פראַקטיצירן צווישען די טעפער, וואַרפט זיך אין אויג די שטענדיגע דעגענעראַציע פון אָט דעם קלאַס, אין פרט פון אַ פערקלענערטען געוואוקס און געוויכט." אָט די עדות־זאָגונגען זיינען ארויסגענומען פון דעם בעריכט פון דר. גרינהאו פאר דעם יאָהר 1860.[68]

מיר נעהמען פון דעם בעריכט פון די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע פון 1863 דאָס פאָלגענדע: דר. דזש. ט. אַרלעדזש, אויבער־ארצט פון דעם נאָרטה־סטאפאָרדשייר קראנקען־הויז, זאָגט: „אַלס אַ קלאַס רעפרעזענטירן די טעפער, מענער און פרויען.... אַ דעגענערירטע בעפעלקערונג פיזיש און מאָראַליש. זיי זיינען בדרך כלל קליין אין געוויקס, שלעכט געבויט און צוקרימט אין דער ברוסט. זיי ווערן אַלט פאר דער צייט און לעבען ניט לאַנג; זיי זיינען פלעגמאטיש און בלוט־אָרים, און די שוואכקייט פון זייער קאָנסטיטוציע ווייזט זיך ארויס אין האַרטנעקיגע אָנפאַלען פון דיספעפסיע, לעבער און ניערען־שלאַפקייטען און רהומאטיזם. מעהר ווי אַלץ אָבער זיינען זיי אונטערוואָרפען אַלערליי ברוסט־קראנקהייטען, ווי לונגען־ענטצינדונג, שווינדזוכט, בראָנכיט און אַסטמא. איין פאָרם פון אַסטמא איז ספעציעל זייערע אַ קראנקהייט און איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען די טעפער־אַסטמא אָדער טעפער־שווינדזוכט. מעהר ווי צוויי דריטעל פון די טעפער ליידען פון סקראָפול, וועלכע גרייפט אָן די מאנדלען, די ביינער און אַנדערע טיילען פון קערפער. וואָס די דעגענעראַציע פון דער בעפעלקערונג פון דעם דיסטריקט איז ניט נאָך פיעל גרעסער ווי זי איז, איז אויסשליסליך צו פערדאנקען דעם פאקט, וואָס עס קומען שטענדיג־צו פרישע מענשען פון די דערבייאיגע געגענדען, און וואָס זיי הייראַטען מיט געזינדערע ראַסען." הערר טשאַרלז פאַרסאָנס, דער געוועזענער הויז־ארצט פון דעמזעלביגען קראנקען־אַנשטאַלט, שרייבט צווישען אַנדערעס אין אַ בריעף צו דעם קאָמיסאַר לאָנדזש: „איך קאָן נאָר רעדען פון מיין פערזענליכער

[68] „פובליק העלטה", 3טער ראַפאָרט עטצ., ז. 102, 104 און 105.

געשעפט־פיהרער און שותף פון א מאנטשעסטער פאבריק האט עדות געזאגט: „מיר (ער מיינט זיינע „הענד", וועלכע ארבייטען פאר „אונז") ארבייטען אהן א הפסקה פאר מאהלצייטען, אזוי אז דער ארבייטס־טאג פון צעהן א האלב שטונדען איז פארטיג 4½ אוהר נאכמיטאג, און אלץ וואס מען ארבייט דערנאך איז איבער־צייט.[72] (ניט שוין־זשע האט דער דאזיגער הערר סמיטה אליין אויך ניט געהאט קיין מאהלצייט אין פערלויף פון 10½ שטונדען?) מיר (אלץ דערזעלביגער סמיטה) הערן זעלטען אויף ארבייטען פאר 6 אוהר אבענדס (ער מיינט הערן אויף צו פער־ברויכען „אונזערע" ארבייטס־קראפט־מאשינען), אזוי אז מיר (וויעדעראמאל קריספינוס) ארבייטען פאקטיש איבערצייט דורכ'ן גאנצען יאהר.... די קינדער און דערוואקסענע (152 קינדער און יונגע מענשען אונטער 18 אהר, און 140 דערוואקסענע) האבען אלע גלייך אין פערלויף פון די לעצטע 18 מאנאט גע־ארבייט וועניגסטענס 7 טעג און 5 שטונדען א וואך דורכשניט־ליך, ד.ה. 78½ שטונדען א וואך. פאר די 6 וואכען, וואס ענ־דיגען זיך דעם 2טען מאי פון דעם יאהר (1863), איז דער דורכ־שניט געוועזן העכער—8 טעג אדער 84 שטונדען אין וואך!" דאך לעגט נאך צו מיט א שמייכעל דערזעלביגער הערר סמיטה, וועלכער איז אזוי שטארק פערליעבט אין דעם „פלוראלים מאיעסטאטיש" [וואס געברויכט ווי א מאיעסטעט דאס ווארט „מיר", רעדענדיג וועגען זיך]: „די מאשין־ארבייט איז לייכט." און אזוי זאגען די, וואס ווענדען אן דעם האנד־דרוק, „בלאק פרינטינג": „האנד־ארבייט איז געזינטער איידער מאשין־ארבייט. בכלל דערקלערן זיך די הערען פאבריקאנטען מיט כעס אנטקעגען דעם פארשלאג

---

72 דאס דארף מען ניט נעהמען אין אונזער זין פון סורפלוס־ארבייט־צייט. אט די הערען בעטראכטען די צעהן און א האלב שטונדיגע ארבייט אלס א נארמאל־ארבייטס־טאג, וועלכע שליסט שוין איין די נארמאלע מעהרארבייט אויך. דערנאך הויבט זיך אן די „איבערצייט", וועלכע בעצאהלט זיך עפעס בעסער. מיר וועלען זעהן ביי א ווייטערדיגער געלעגענהייט, אז דער געברויך פון דער ארבייט־קראפט אין משך פון דעם זאגענאנטען „נארמאל־טאג" ווערט בעצאהלט אונטער'ן ווערטה, אזוי אז די „איבערצייט" איז א פשוט'ער קאפיטאליסטישער דריידעל, כדי ארויסצופרעסען וואס מעהר „מעהראַרבייט", וועלכע איבעריגענס בלייבט אפילו דאן, ווען די פערברויכטע ארבייטס־קראפט בעת דעם „נארמאל־טאג" זאל ווירקליך בעצאהלט ווערן צום פולען ווערטה.

אבגעריסענע, פערהונגערטע, פערלאָזענע און ניט־ערצויגענע קינ־דער." [71] פון די עדות, וועלכע דער קאָמיסאר ווהייט (1863) האָט אויסגעהערט, זיינען געווען 270 אונטער 18 יאָהר, 50 אונ־טער 10 יאָהר, 10 אכט־יעהריגע און 5 נישט מעהר ווי 6 יאָהר אלט. דער ארבייטס־טאָג בייט זיך פון 12 ביז 14 און 15 שטונדען. נאכט־ארבייט, אונרעגעלמעסיגע מאָהלצייטען, מעהרסטענטיילס אין די ארבייט־צימערן, וועלכע זיינען פערגיפטעט פון פאָספאָר. דאנטע וואָלט אין די פאבריקען געפונען ערגערע צושטענדען ווי אין זיינע שרעקליכע גיהנום־פאנטאזיעס.

אין דער טאפעטען־פאבריק [וואו מען פאבריצירט אבאָיעס אָדער וואנד־פאפיער] ווערן די גרעבערע סאָרטען געדרוקט מיט מאשינען און די פיינערע מיט דער האנד. די בעשעפטיגטע חדשים זיינען פון אָנפאנג אָקטאָבער ביז סוף אפריל. אין פער־לויף פון דער פעריאָדע דויערט די ארבייט זעהר אָפט און כמעט אָהן אונטערברעכונג פון 6 אוהר מאָרגענס ביז 10 אוהר אבענדס און נאָך שפעטער אין דער נאכט.

דזש. ליטש זאָגט עדות: „לעצטען ווינטער (1862) זיינען פון 19 מיידלעך 6 ניט געקומען צו דער ארבייט, צוליעב קראנק־הייטען, וואָס זיי האָבען געקריגען פון איבערארבייטונג. איך מוז נאָכאנאנד אויף זיי שרייען, כדי זיי צו האלטען וואך." וו. דאָפי זאָגט: „פון מידינקייט קאָנען די קינדער אָפט ניט האלטען אָפען די אויגען; דער פאקט איז, אז מיר אליין קאָנען אָפטמאָל אויך קוים די אויגען האלטען אָפען." דזש. לייטבורן זאָגט: „איך בין 13 יאָהר אלט.... לעצטען ווינטער האָבען מיר געארבייט ביז 9 אוהר אבענדס, און דעם ווינטער פאר דעם—ביז 10 אוהר. לעצטען ווינטער פלעג איך כמעט יעדען אבענד וויינען פון שמער־צען אין די פיס." ג. אפסדען זאָגט: „ווען אָט דער אינגעל מיינער איז אלט געווען 7 יאָהר פלעג איך איהם טראָגען אהין און צוריק איבער'ן שנעע און ער פלעגט ארבייטען 16 שטונדען!.. אָפט פלעג איך זיך איינבויגען אויף די קניה, כדי איהם צו קאָר־מענען בעת ער איז געשטאנען ביי דער מאשין, פון וועלכער ער האָט ניט געטאָרט אָבטרעטען אָדער זי אָבשטעלען." סמיטה דער

[71] דארט גופא, ז.

איז צוערשט אויפגעדעקט געוואָרן דורך דעם קאָמיטעט פון „הויז און קאמנס" „וועגען די פעלשונגען פון נאהרונגס־מיטלען" (1855 ביז 1856) און דורך דר. האססאל'ס שריפט „אדאָלטעריישאָנס דעטעקטעד" [74] דער פועל יוצא פון די דאָזיגע אויפדעקונגען איז געווען דאָס געזעץ פון 6טען אויגוסט 1860: „צו פערהיטען פון פעלשונגען די נאהרונגמיטלען און געטרענק"—א געזעץ, וואָס האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט, מחמת דער פריינדליכסטער איינזעהעניש, וואָס דאָס געזעץ האָט נאַטירליך ענטהאַלטען מיט יעדען פרייהענדלער, וואָס זוכט צו „פערדינען אן עהרליכען גראָשען" האַנדלענדיג אין געפעלשטע סחורה.[75] דער קאָמיטעט אליין האָט פאָרמולירט מעהר אָדער ווייניגער נאאיוו זיין איבערצייגונג, אז פרייהאַנדעל מיינט בעצם דער מסחר מיט געפעלשטע שטאָפען, אָדער ווי דער ענגלענדער רופט עס וויציג אָן — „סאָפיסצירטע שטאָפען". דער פאַקט איז, אז אזא מין „סאָפיסטיק" פערשטעהט בעסער איידער פּראָטאַגאָראַס צו מאכען פון ווייס שווארץ און פון שווארץ ווייס, און קאָן בעסער ווי די עלעאַטען בעווייזען בעשיינפערליך (אַד אָקולאָס) דעם בלויזען דמיון פון יעדער רעאַליטעט.[76]

[74] אלאון, פיין צעריבען אדער געמישט מיט זאלץ, איז א נארמאלער האנדעלס־ארטיקעל, וואס טראגט דעם קלארען נאמען „בייקער'ס סטאף".

[75] סאזשע איז, ווי בעקאנט, א זעהר ענערגישע פארם פון קויהלען־שטאף און מאכט אויס א מיסטיגונג־מיטעל, וואס די קאפיטאליסטישע קוימען־קעהרער פערקויפען צו די ענגלישע פארמערס. אין 1862 האבען בריטישע „דזשורימען" (געשווארענע) געדארפט בעשליסען אין א געריכטליכען פראצעס, צי סאזשע, אין וועלכער עס איז געווען צוגעמישט, אהן דעם קויפער'ס וויסען, 90 פראצענט שטויב און זאמד, הייסט „אמת'ע" סאזשע אין „קאמערציעלען" זין, אדער עס איז „געפעלשטע" אין „געזעצליכען" זין. די „פריינד פון מסחר" האבען בעשלאסען, אז עס איז אמת'ע קאמערציעלע סאזשע, און האבען צוריקגעוויזען די קלאגע פון דעם פארמער, וועלכער האט דערצו נאך געדארפט בעצאהלען די פראצעס־קאסטען.

[76] דער פראנצויזישער כעמיקער שעוואליע, אין אן אבהאנדלונג וועגען די „סאפיסטיקאציעס" (פעלשונגען) פון סחורות, צעהלט אן פון צווישען 600 און עטליכע ארטיקלען, וועלכע ער רעכענט אויס, 10, 20 און 30 פערשיידענע מעטאדען פון פעלשונג פאר א סך פון די דאזיגע ארטיקלען. ער גיט דערביי צו, אז ער איז ניט בעקאנט מיט אלע מעטאדען און רעכענט ניט אויס אלע, וועלכע ער קאן יא. ער ברענגט 6 סארטען פעלשונגען פאר צוקער, 9 פאר אליווען־אויל,

„אַבצושטעלען די מאַשינען וועניגסטענס אין דער צייט פון עסען.״ „אַ געזעץ—זאָגט הערר אַטלעי, דער דירעקטאָר פון אַ טאַפּעטען־פאַבריק אין באָראָ[72]*—וואָס וואָלט ערלויבען די ארבייט־שטונדען פון 6 אוהר פריה ביז 9 אוהר אבענד, וואָלט אונז (!) זעהר געפעלען, אָבער די שטונדען לויט דעם פאַבריק־געזעץ פון 6 אוהר פריה ביז 6 אוהר אבענד, פּאַסען אונז (!) ניט.... אונזער מאַשין ווערט אָבגעשטעלט בעת דעם מיטאָג־עסען (ס'אַרא גרויסמוטה!) דאָס אָבשטעלען רופט ניט ארויס קיין וויכטיגען היזק אין פּאַפּיער און פארב.״ „אָבער—לעגט ער צו מיט איינזעהעניש—איך קאָן בעגרייפען, אז דער היזק, וואָס איז דערמיט פערבונדען, איז ניט זעהר אנגענעהם.״ דער בעריכט פון דער קאָמיסיע מיינט נאַאיוו, אַז די מורא פון איניגע „לייטענדע פירמען״ צו פערלירן צייט, ד.ה. צייט צוצונעהמען פרעמדע ארבייט, און דורכדעם „צו פערלירן ריוח״, איז ניט „קיין גענוגענדער גרונד״ צו לאָזען קינדער אונטער 13 יאָהר און יונגע מענשען אונטער 18 פערלירן זייער מיטאָג־עסען, ארבייטענדיג 12 ביז 16 שטונדען, אָדער מען זאָל עס זיי צוברענגען, ווי מען ברענגט־צו קויהלען און וואַסער דער דאַמף־מאַשין, זייף צו דער וואָל, אויל צום ראָד א.אז.וו.—אין דער צייט פון פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס גופא, פּשוט ווי הילף־שטאָף פון דעם ארבייט־מיטעל.[78]

אין קיין אינדוסטריע־צווייג אין ענגלאנד—ניט רעכענענדיג דאָס מאַשין־ברויט, וואָס הויבט אָן אָקאָרשט איצט איינגעפיהרט ווערן—איז ניט פערבליבען אזא פּאַרצייטיגער, אזא פּאָר־קריסט־ליכער אופן פון פּראָדוקציאָן,—ווי מען קאָן עס זעהן ביי די דיכטער פון דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע,—ווי די בעקעריי. דער קאַפּיטאַל אָבער, ווי עס איז שוין פריהער בע־מערקט געוואָרן, איז אין אָנפאַנג גלייכגילטיג צו דעם טעכנישען כאַראַקטער פון דעם ארבייטס־פּראָצעס, וועלכען ער נעהמט אריין אין זיין מאַכט. קודם נעהמט ער איהם, ווי ער געפינט איהם.

די אונגלויבליכע פעלשונג פון ברויט, דערהויפּט אין לאָנדאָן,

---

[72]* אַ טייל פון לאָנדאָן, וואָס ליעגט ביים רעכטען ברעג פון דער טהעמזע—סאַוטהוואַרק.

[78] „טשילדערנס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן״. 1863. עווידענס, ז. 123, 124, 125 און 140.

„די ארבייט פון א לאַנדאָנער בעקער־געזעל הויבט זיך אָן בדרך כלל אום 11 אוהר ביינאַכט. אין דער שטונדע מאַכט ער דעם טייג, א זעהר שווערער עסק, וועלכער געוועהרט פון א האַלבער ביז דריי פערטעל שעה—עס הענגט אָב פון דער גרויס און דעם סאָרט געבעק. ער לעגט זיך דאַן אַניעדער אויף דעם קנעט־ברעט, וואָס דיענט צוגלייך ווי א דעקעל פון דער מולטער, וואו די טייג ווערט געמאַכט, און שלאָפט א פּאָר שטונדען מיט א זעקעל מעהל צו קאָפּענס און נאָך איינעם אויף זיך. דערנאָך פאַנגט זיך אָן א ראַשיגע ארבייט אָהן א אָבשטעל פאַר 4 שטונדען. קנעטען, וועגען, אויספאָרמירן, זעצען אין אויוון, ארויסנעהמען פון אויוון א.אז.וו. די טעמפּעראַטור פון באַק־צימער גרייכט פון 75 ביז 90 גראַד פאַרנהייט, און אין די קלענערע בעקערייען גיכער מעהר איידער ווייניגער. ווען די ברויטען, בולקעס א.ד.ג. זיינען פערטיג, פאַנגט זיך אָן דאָס פאַנאַנדערטיילען. א גרויסער טייל פון די ארבייטער, נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעטאָן די בעשריבענע שווערע נאַכט־ארבייט, טראָגען פאַנאַנדער דורכ'ן טאָג די ברויטען אין קערב אָדער אויף וועגעלעך פון הויז צו הויז, און ארבייטען אָפּטמאָל אין צווישען־צייט אויך אין דער בעקעריי. די ארבייט ענדיגט זיך, ווי עס קומט אוים לויט דער צייט פון יאָהר און דער גרויס פון געשעפט, צווישען 1 און 6 אוהר נאָכמיטאָג; בעת אַנ־אנדער טייל פון די געזעלען איז בעשעפטיגט אין דער בעקעריי ביז שפּעט נאָכמיטאָג."[78]

„אין דער צייט פון לאָנדאָנער סעזאָן פאַנגען אָן די געזעלען פון די „פול־פּרייז" בעקער אין וועסטענד צו ארבייטען 11 אוהר ביינאַכט און זיינען בעשעפטיגט ביים באַקען, מיט איינער אָדער צוויי קורצע הפסקות, ביז 8 אוהר אויף מאָרגען. מען שאַפט זיך מיט זיי דערנאָך אויף ארומטראָגען דאָס ברויט ביז 4, 5, 6 אָדער 7 אוהר אבענדס, אָדער מען האַלט זיי אין דער בעקעריי צו באַקען ביסקוויטס. נאָך דער אָבגעטאָנענער ארבייט קאָנען זיי שלאָפען ארום 6 שטונדען אָדער אָפט ניט מעהר ווי פון 4 ביז 5 שטונדען. פרייטאָג פאַנגט זיך די ארבייט אָן אַלעמאָל פריהער, לאָמיר זאָגען אום 10 אוהר אבענדס, און געדויערט אָהן א הפסקה, סיי צוגריי־

---

[78] ־ארט גופא, ערשטער ראַפּאָרט, ז. 6.

יעדענפאַלס האָט דער קאָמיטעט געווענדעט די אויגען פון פּובליקום אויף זיין „טעגליך ברויט" און דורכדעם אויף די בעקערייען. אין דערזעלביגער צייט האָט זיך גענומען הערן אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען און אין פּעטיציעס צום פּאַרלאַמענט דער געשריי פון די לאָנדאָנער בעקער־אַרבייטער וועגען איבער־אַרבייטונג א.אז.וו. דער געשריי איז געוואָרן אַזוי דרינגענד, אַז דער הערר ה. ס. טרעמענהיר, אַ מיטגליעד פון דער מעהרער מאָל־דערמאָנטער קאָמיסיע פון 1863, איז בעשטימט געוואָרן אַלס קעניגליכער אונטערזוכונג־קאָמיסאַר. זיין בעריכט[77] מיט די אויסזאָגונגען פון די עדות האָט אויפגערעגט דעם פּובליקום—ניט זיין הארץ, נאָר זיין מאָגען. דער ענגלענדער, וואָס איז זעהר בעהאַווענט אין דער ביבעל, האָט אפילו געוואוסט, אַז אויב איינער איז דורך גאָט'ס חסד ניט קיין קאַפּיטאַליסט, אָדער לענדלאָרד, אָדער סינעקוריסט, מוז עסען ברויט אין שוויים פון זיין פּנים, ער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז ער מוז עסען יעדען טאָג אין זיין ברויט אַ געוויסע פּאָרציע פון מענשענשוויים, געמישט מיט אייטער פון געשווירען, שפּינוועבס, טויטע טאַראַקאַנעס און פערפוילטע דייטשע הייוועו—שוין ניט צו רעדען פון אַלאַון, זאַמד־שטיינער און אַנדערע אַנגענעהמע מינעראַלישע צוגעמישטע טיילען. גאָר אָהן איינזעהעניש מיט זיין הייליגטום דעם פריי־האַנדעל, איז די ביז־אַהעריגע „פרייע" בעקעריי פאָלגליך אונטערוואָרפען געוואָרן צו דער אויפזיכט פון שטאָדט־אינספּעקטאָרען (צום סוף פּאַרלאַמענט־זיצונג 1863) און דורך דעמזעלבען אַקט פון פּאַרלאַמענט איז די אַרבייט־צייט פון 9 אוהר אַבענדס ביז 5 אוהר מאָרגענס פערבאָטען געוואָרן פאַר בעקער־אַרבייטער אונטער 18 יאָהר אַלט. דער לעצטער פּונקט רעדט מעהר ווי דיקע בענדער וועגען דער איבער־אַרבייטונג אין אָט דעם אַלט־מאָדישען געשעפט־צווייג.

---

10 פּאַר פּוטער, 12 פּאַר זאַלץ, 19 פּאַר ברויט, 20 פּאַר מילך, 23 פּאַר בראַנפּען 24 פּאַר מעהל, 28 פּאַר שאָקאָלאַד, 30 פּאַר וויין, 32 פּאַר קאַווע, א.אז.וו. אפילי דער ליעבער הערר גאָט אַליין קאָן זיך ניט אויסדרעהען פון דעם דאָזיגען מזל. זעה באָנאַר דע קאַר, „דע לאַ פאַלסיפיקאַסיאָן דע סיבסטאַנס סאַקראַמענטאַל", פּאַריז 1856.

77 "Report etc. retating to the grievances complained of by the Journeymen Bakers etc. London, 1862. 2nd Report, London 1863.

שטערט געוואָרן, און דער קאַפּיטאַליסט, אין געשטאַלט פון מילנער אָדער מעהל־אַגענט, איז אַריינגעטראָטען הינטער דעם נאָמינעלען בעקער־מייסטער.[82] דערמיט איז געלעגט געוואָרן די גרונדלאַגע פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, דער אונבעגרעניצטער פערלענגערונג פונ'ם ארבייטס־טאָג און פאַר דער נאַכט־אַרבייט, אַבוואויל דער נייער איינפיהר האָט זיך אפילו אין לאָנדאָן ערנסט פערשפּרייט ערשט אין יאָהר 1824.[83]

פון דער פאָריגער בעשרייבונג קאָן מען פערשטעהן, אז דער בעריכט פון דער קאָמיסיע צעהלט די בעקער־געזעלען צו די, וואָס לעבען ניט לאַנג. נאָכדעם ווי זיי זיינען גליקליכערווייז ניצול געוואָרן פון דער שרעקליך־גרויסער שטערבליכקייט, וואָס איז אַ נאָרמאַלע ערשיינונג צווישען די קינדער פון אַלע טיילען פונ'ם ארבייטער־קלאַס, גרייכען זיי נאָר זעלטען־ווען דעם 42סטען לע־בענס־יאָהר. פונדעסטוועגען איז דער בעקער־פאַך שטענדיג אי־בערפילט מיט קאַנדידאַטען. די קוועלען פון וואַנען עס פליסען שטענדיג אין לאָנדאָן די דאָזיגע ארבייטס־קרעפטען, זיינען שאָט־לאַנד, די מערב־אַגריקולטור־דיסטריקטען פון ענגלאַנד און—דייטש־לאַנד.

אין די יאָהרען 1858 ביז 1860 האָבען די בעקער־געזעלען אין אירלאַנד אָרגאַניזירט אויף זייערע אייגענע קאָסטען גרויסע פערזאַמלונגען צו אַגיטירן געגען דער נאַכט־אַרבייט און דער אַר־בייט אום זונטאַג. דאָס פּובליקום האָט זיך מיט איירישער היטץ געשטעלט אויף זייער זייט, ווי צ.ב.ש. אויף דעם מאַי־מיטינג אין דובלין, אין יאָהר 1860. אויסשליסליך בייטאָגיגע ארבייט איז

[82] דזש. ריעד, דאָרט גופא. סוף 17טען און אנהויב 18טען י.ה. זיינען די אַגענטען (פאַקטאָרס), וואָס האָבען זיך אריינגעריסען אין אַלע מעגליכע גע־ווערבען, שוין אָפיציעל פער'מסר'ט געוואָרן אַלס „פּובליק ניוסענסעס" (עפענט־ליכע שאָדען־ברענגער). אזוי צ.ב.ש. האָט די „גראַנד דזשורי", אויף דער פערטעל־יעהרליכער סעסיע פון די פריעדענס־ריכטער אין „קאַונטי" סאָמערסעט, אַרויסגעגעבען אַ „פּרעזענטמענט" צום „הויז אָוו קאָמאָנס", אין וועלכער עס ווערט געזאָגט צווישען אַנדערעס, אז „די דאָזיגע אַגענטען פון בלאַקוועל האָל זיינען אַ פּובליק ניוסענס און אַ היזק פאַר דעם טוך־געוועב, און דאַרפען אונטערדריקט ווערן אַלס אַזאַ ניוסענס." („דהי קייס אָוו אור ענגליש וואָול עטצ.", לאָנדאָן 1865, ז. 6 און 7.)

[83] דאָרט גופא, ערשטער ראַפּאָרט, ז. 8.

טענדיג, סיי פאַנאַנדערטראָגענדיג דאָס ברויט, ביז אויף מאָרגען, שבת, 8 אוהר אין אבענד, מעהרסטענטיילס אָבער ביז 4 אָדער 5 אוהר זונטאָג פאַרטאָג. זונטאָגס מוזען די ארבייטער אריינקומען אין דער בעקעריי אויף א שטונדע אָדער צוויי צו טהאָן צוגרייטענדע ארבייט פאַר'ן נעקסטען טאָג.... די בעקער־געזעלען פון די „אָנדערסעלינג מאַסטערס" (די וואָס פערקויפען דאָס ברויט אונטער דעם פולען פּרייז)—און זיי בעטרעפען, ווי עס איז פריהער בעמערקט געוואָרן, אריבער דריי פערטעל פון די לאָנדאָנער בעקער —האָבען נאָך לענגערע ארבייט־שטונדען, אָבער זייער ארבייט ווערט כמעט אינגאַנצען געטאָן אין דער בעקעריי, אזוי ווי זייערע בעלי בתים טראָגען ניט פאַנאַנדער דאָס ברויט אין די הייזער, נאָר מיט דעם אויסנאַהם וואָס זיי ליפערן צו עטליכע קליינע קרעמער, פערקויפען זיי נאָר אין זייערע אייגענע קראָמען. ביים סוף וואָך... דאָס הייסט דאָנערשטאג, פאַנגט זיך דאָ אָן די ארבייט אום 10 אוהר ביי דער נאַכט און דויערט אוועק, מיט גאָר קליינע הפסקות, ביז שבת טיעף אין דער נאַכט אריין."[79]

ווענען די „אָנדערסעלינג מאַסטערס" בעגרייפט אפילו דער בירגערליכער שטאַנדפּונקט, אז „די ניט־בעצאָהלטע ארבייט פון די געזעלען שאַפט די גרונדלאגע פון זייער קאָנקורענץ."[80] און דער בעקער, וואָס בעצאָהלט דעם „פולען פּרייז", פער'מסר'ט פאַר דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע זיינע קאָנקורענטען, וואָס פערקויפען אונטער דעם פולען פּרייז, אלס גנבים פון פרעמדער ארבייט און פעלשער. „זיי האַלטען זיך נאָר דורכדעם, וואָס זיי בעטריגען דאָס פּובליקום און, וואָס זיי שלאָגען ארויס פון זייערע געזעלען 18 שטונדען ארבייט פאַר א לוין פון 12 שטונדען."[81]

די ברויט־פעלשונג און די פאָרמירונג פון א בעקער־קלאַס, וואָס פערקויפט ברויט אונטער דעם פולען פּרייז, האָבען זיך ענטוויקעלט אין ענגלאַנד זינט דעם אָנפאַנג פון 18טען י.ה., אזוי־באַלד ווי דער צעך־כאַראַקטער פון דער בעשעפטיגונג איז צער־

[79] דארט גופא, ז. 6.

[80] דזשאָרדזש ריעד, „דהי היסטארי אוו בייקינג", לאָנדאָן, 1848, ז. 16.

[81] דעמער ראַפּאָרט, ז. 108.

און אין דער ערפילונג פון זיינע פאמיליען־פליכטען אלס זוהן, ברודער, מאן און פאטער. ארבייט איבער 12 שטונדען האט די טענדענץ אונטערצוגראבען דעם ארבייטער'ס געזונד, זי פיהרט אלט צו ווערן פאר דער צייט און צו א פריהען טויט, און פאלגליך צום אומגליק פון די ארבייטער־פאמיליען, וועלכע ווערן בערויבט פון דער פארזארג און שטיצע פון דעם קאפ פון דער פאמיליע, גראד אין דער צייט ווען זיי נויטיגען זיך אין איהם אממייסטען." [85]

מיר האבען אקארשט געזעהן וועגען אירלאנד. אויף דער אנדער זייט פון קאנאל, אין שאטלאנד, קלאגט זיך דער ערד־ארבייטער, דער מאן פון אקער, אויף זיין 13 ביז 14 שטונדיגער ארבייט, אין דעם שטרענגסטען קלימאט, מיט נאך א 4־שטונדיגען צוגאב פו ארבייט אום זונטאג (אין דעם לאנד פון שבת־הייליג־האלטער!)[86] בעת אין דערזעלביגער צייט שטעהען דריי אייזענבאהן־ארבייטער פאר א לאנדאנער גראנד־זשורי — א קאנדוקטאר, א לאקאמאטיור־פיהרער און א סיגנאל־געבער. א גרויסער אייזענבאהן־אומגליק האט אריבערגעפעקעלט הונדערטער פאסאזשירען אויף יענער וועלט. די נאכלעסיגקייט פון די אייזענבאהן־ארבייטער איז די אורזאך פון דעם אומגליק. זיי דערקלערן פאר די געשווארענע איינשטימיג, אז מיט 10־12 יאהר צוריק פלעגט זייער ארבייט געדויערן נישט מעהר ווי 8 שטונדען א טאג. אין פערלויף פון די לעצטע 5 אדער 6 יאהר האט מען די ארבייט־

[85] דארט גופא.

[86] עפענטליכע פערזאמלונג פון לאנד־ארבייטער אין לאססוויידע נעבען גלאזגאוו פון 5טען יאנואר 1866. (זעה „ווארקמענ'ס אדוואקאט" פון 13טען יאנואר 1866.) די ארגאניזירונג פון א טרייד־יוניאן צווישען די לאנד־ארבייטער, צוערשט אין שאטלאנד, איז א היסטארישע פאסירונג. אין באקינגהאמשייר, איינעם פון די העכסט־אונטערדריקטע אגריקולטור־דיסטריקטען אין ענגלאנד, האבען די לוין־ארבייטער געמאכט א גרויסען סטרייק צו העבען דעם וואכען־לוין פון 9 ביז 10 שילינג אויף 12 שילינג. — (מען זעהט דערפון, אז די בעוועגונג פון דעם ענגלישען אקערבוי־פראלעטאריאט, וואס איז אינגאנצען נעבראכען געווארן זינט דער אונטערדריקונג פון זיינע געוואלטיגע דעמאנסטראציעס נאך 1830, און דערהויפט זינט דעם איינפיהר פון דעם נייעם פור־לאו (געזעץ פאר ארימע), פאנגט זיך ווידער אן אין די 60־גער יאהרען, ביז זיי ווערן ענדליך עפאכע־מאכענד אין 1872. איך קום דערצו צוריק אין צווייטען באנד, ווי אויך צו די בלוי־ביכער, וואס זיינען ערשיענען זינט 1867 וועגען דער לאגע פון דעם ענגלישען לאנד־ארבייטער. הוספה צו דער 2טער אויפלאגע.)

דורך דער דאָזיגער בעוועגונג ווירקליך דורכגעזעצט געוואָרן אין וועקספאָרד, קילקעני, קלאָמעל, וואָטערפאָרד א.אז.וו. „אין לימעריק, וואו די ליידען פון די לוין־געזעלען האָבען, ווי עס איז בעקאנט, אריבערגעשטיגען יעדער מאָס, איז די בעוועגונג צוקלאפּט געוואָרן דורך דער אָפּאָזיציע פון די בעקער־מייסטער, דערהויפּט פון די בעקער־מילנער. דער ביישפּיעל פון לימעריק האָט געפיהרט צו א ריקשריט אין ענניס און טיפּעראַרי. אין קאָרק, וואו דער עפענטליכער צאָרן האָט זיך ארויסגעוויזען אין א העכסט לעבהאפטער פאָרם, האָבען די מייסטערם צונישט געמאכט די בעוועגונג דורך זייער מאכט, ארויסצו־וואַרפען די אַרבייטער אויפ'ן גאַס. אין דובלין האָבען די מייסטערם ארויסגעוויזען דעם שטארקסטען ווידערשטאנד און האָבען דורך דער פערפאָלגונג פון די געזעלען, וועלכע זיינען געשטאנען אָן דער שפּיץ פון דער אגיטאציע, געצוואונגען די איבעריגע נאָכצוגעבען און איינצוגעהן אויף דער נאכט־ארבייט און זונטאג־ארבייט.”[48]

די קאָמיסיע פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע איז אין אירלאנד בעוואָפּענט פון קאָפּ ביז די פיס, ארגומענטירט אין אזא מילדען לויה־טאָן מיט די איינגעשפּארטע בעקער־מייסטער פון דובלין, לימעריק, קאָרק א.אז.וו. זי זאָגט: „דער קאָמיטעט גלויבט, אז די ארבייט־שטונדען זיינען בעשרענקט דורך נאטור־געזעצען, וועלכע קאָנען ניט אריבערגעטראָטען ווערן אונבעשטראָפט. דערמיט וואָס די מייסטערס צווינגען זייערע ארבייטער, דורך דראָהונג זיי ארויסצוטרייבען, צו פערלעצען זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, ניט צו פאָלגען דאָס לאנד־געזעץ און צו פעראכטען די עפענטליכע מיינונג (דאָס אלעס בעציהט זיך אויף דער זונטאָגדיגער ארבייט) מאכען זיי בייז בלוט צווישען קאפּיטאל און ארבייט, און גיבען א ביישפּיעל, וואָס איז געפעהרליך פאר דער רעליגיאָן, מאָראל און דער עפענטליכער אָרדנונג.... דער קאָמיטעט גלויבט, אז די פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג אריבער 12 שטונדען איז אַן אונבערעכטיגטער איינגריף אין דעם ארבייטער'ס פאַמיליען־ און פּריוואט־לעבען, און פיהרט צו אומגעזונטע מאָראַלישע רעזולטאטען, אריינמישענדיג זיך אין א מענשען'ס היים

[48] „רעפּאָרט איוו קאָמיטע אָן בייקינג טרייד אין איירלאנד פאר 1861.”

פון דעם גרויסען ערב־רב ארבייטער פון אלע פראפעסיעס, עלטער און געשלעכטער, וועלכע שפארען זיך אויף אונז האסטיגער איידער די נשמות פון די דער׳הרג׳עטע אויף אדיססעוס, און אויף וועמעס פנים׳ער מען קאן מיט׳ן קוק — ניט אויסלייענענדיג פון די בלוי־ביכער אונטער זייערע ארעמס—דערזעהן די סימנים פון איבער־ארבייט, יועלען מיר ארויסכאפען נאך צוויי פיגורען, וואס דער ווייטער קאנטראסט צווישען זיי בעווייזט, אז פאר׳ן קאפיטאל זיינען אלע מענשען גלייך—א מאדיסטקע און א פראסטען שמיעד.

די לעצטע וואך אין מאנאט יוני 1863 האבען אלע לאנדאנער טעגליכע צייטונגען געבראכט א נאטיץ אונטער דעם סענזאציא־נעלען טיטול: "Death from simple Overwork" (טויט פון איינפאכער איבערארבייט). עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם טויט פון דער מאדיסטקע מערי אנן וואקלעי, צוואנציג יאהר אלט, בעשעפטיגט אין א זעהר רעספעקטאבעלען מאדע־ווערקשטאט און עקספלואטירט פון א דאמע מיט׳ן געמיטהליכען נאמען עליזא. די אלטע, אפט־דערצעהלטע געשיכטע איז דא ענטדעקט געווארן פון דאס ניי,[88] אז די דאזיגע מיידלעך ארבייטען דורכשניטליך 16½ שטונדען א טאג, און אין סעזאן אפט 30 שטונדען נאכאנאנד— דערביי ווערט זייער פער׳חלש׳טע ארבייטס־קראפט אויפגעמונ־טערט פון צייט צו צייט דורך שעררי, פארטוויין אדער קאווע. און עס איז גראד געווען אין ברען פון סעזאן. מען האט געמוזט פערטיג מאכען די פראכט־קליידער פון די ערעלע „ליידים", צום באל וואס איז געגעבען געווארן לכבוד דער אקארשט־אימפארטיר־טער פרינצעסין פון וויילס. מערי אנן וואקלעי האט געארבייט 26½ שטונדען אהן אן אברוה, צוזאמען מיט 60 אנדערע מיידלעך, צו 30 אין א צימער, וואס האט קוים געהאט א דריטעל פון דער נויטינגער מאס לופט. ביינאכט האבען זיי פארוויז זיך געטיילט מיט איין בעט, אין איינער פון די פערשטיקטע לעכער, וואס איז

מאן איז געווען א נייער און האט געפרעגט, וואס זיי פערשטעהען אונטער א טאג ארבייט. דער ענטפער: 13 שטונדען; הייסט עס 78 שטונדען א וואך. אבער וואס הערט זיך מכח די איבעריגע 10 שטונדען 40 מינוט. נאך א לאנגען ארומרייסען זיך האט ער געקריגען א בעפרידיגונג פון 10 פענס.

[88] זעה פ. ענגעלס „די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד", לייפציג 1845, ז. 253־4.

צייט אַרויפגעשוויפּט ביז 14, 18 און 20 שטונדען אַ טאָג, און אין די צייטען פון אַ בעזונדערס־גרויסער דרענגעניש פון רייזענדע, ווי אין די סעזאָנען פון עקסקורסיעס, זאָגאַר פון 40 ביז 50 שטונ־דען נאָכאַנאַנד אָהן אַ הפסקה. זיי זיינען געוועהנליכע מענשען, ניט קיין לעגענדאַרע גבורים. ווען עס גרייכט אַ געוויסען פּונקט, הערט די אַרבייטס־קראַפט אויף צו ווירקען. זיי ווערן אַזוי ווי געלעהמט. זייער נעהירן הערט אויף צו דענקען און זייערע אויגען צו זעהן.—דער דורך־און־דורך „רעספּעקטאַבל בריטיש דזשורי־מאַן" האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ ווערדיקט [פּסק דין], וואָס האָט זיי געהאַלטען אויף דער אָנקלאַגע פון „מאַנסלאָטער" [טויטען אַ מענשען] פאַר דעם נעקסטען אסיזען־געריכט, און האָט נאָך אויסגעדריקט אין אַ מילדען אָנהאַנג דעם פרומען וואונש, אַז די הערען קאַפּיטאַל־מאַגנאַטען פון דער אייזענבאַהן וואָלטען פונ־דעסטוועגען געמעגט אין דער צוקונפט זיין אַ ביסעל מעהר פער־שווענדעריש אין דעם איינקויפען פון דער נויטיגער צאָהל אַר־בייטס־קרעפטען און זיין אַ ביסעל „איינגעהאַלטענער" אָדער „זיך־אָבזאָגענדער" אָדער „שפּאָרזאַמער" אין דער אויסזויגונג פון דער בעצאָהלטער אַרבייטס־קראַפט. [87]

[87] „רעינאָלד'ס ניוספּייפּער", 20טען יאַנואַר 1866. וואָך נאָך וואָך ברענגט דאָס דאָזיגע וואָכענבלאַט, אונטער די שרייענדע אויפשריפטען: „שרעקליכע און מערדערישע אומגליק־פעלען", „שוידערליכע טראַגעדיעס" א.ד.ג. אַ גאַנצע רשימה פון נייע אייזענבאַהן־קאַטאַסטראָפען. אַן אַרבייטער פון דער נאָרטה סטאַ־פאָרד ליניע האָט דערויף געענטפערט: „יעדערער ווייס די פאָלגען וואָס קומען אַרויס, ווען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ לאָקאָמאָטיוו־פיהרער און אַ הייצער ווערט אָבגעשוואַכט אויף איין רגע. אָבער ווי אַזוי איז עס אַנדערש מעגליך ביי דער אָהן אַ שיעור פערלענגערטער אַרבייט, אין ערגסטען וועטער, אָהן אָבשטעל און אָברוה? נעהמט דעם פאָלגענדען פאַל אַלס ביישפּיעל פון דאָס, וואָס קומט פאָר יעדען טאָג. לעצטען מאָנטאָג האָט אַ הייצער אָנגעפאַנגען זיין טאָג אַרבייט זעהר פריה דעם מאָרגענס. ער האָט געענדיגט די אַרבייט נאָך 14 שטונדען מיט 50 מינוט. איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אויסצוטרינקען אַ גלאָז טהעע, האָט מען איהם שוין ווידער גערופען צו דער אַרבייט.... דאָס מאָל האָט די אַרבייט געדויערט 14 שטונדען מיט 25 מינוט; ער האָט, הייסט עס, געאַרבייט אָהן אַן אָברוה 29 שטונדען מיט 15 מינוט. זיין איבעריגע אַרבייט פאַר דער וואָך איז פאַרגעקומען ווי פאָלגט: מיטוואָך 15 שטונדען, דאָנערשטאָג 15 שטונדען 35 מינוט, פרייטאָג 14½ שטונדען, שבת 14 שטונדען 10 מינוט; סך הכל פאַר דער וואָך 88 שטונדען 40 מינוט. איצט שטעלט זיך פאָר זיין ערשטוינען, ווען ער האָט געקריגען בעצאָהלט נאָר פאַר 6 אַרבייטס־טעג. דער

ארביט־צימער און אין א צו־ענגען, שלעכט־ווענטילירטען שלאף־צימער.״ כדי צו געבען דעם דאקטאר א לעקציע אין אנשטענדיגע מאניערען, האט די „קאראנער׳ס דזשורי״ דאגעגען ערקלערט: „די פון דער וועלט־געגאנגענע איז געשטארבען פון אפאפלעקסיע, אבער עס איז דא א גרונד מורא צו האבען, אז איהר טויט איז פערשנעלערט געווארן דורך איבערארבייט אין א פערשטיקטען ווערקשטאט א.אז.וו.״ „אונזערע ווייסע שקלאווען״, האט אויסגעשריען וועגען דעם פאל דער „מארנינג סטאר״, דער ארגאן פון די פריי־האנדעל־העררען קאבדען און ברייט—„אונזערע ווייסע שקלאווען, וועלכע ווערען אריינגעארבייט ביז אין קבר, שמאכטען און שטארבען מעהרסטענטיילס שטילערהייד.״[90]

„ארבייטען צום טויט איז א טעגליכע פאסירונג ניט נאר אין ווערקשטאט פון די מאדיסטקעס, נאר אויך אין טויזענדער אנדערע פלעצער, אדער ריכטיגער אין יעדען פלאץ וואו דער געשעפט געהט גוט.... מיר וועלען נעהמען דעם שמיעדער פאר א ביישפיעל. ווען

[90] „מארנינג סטאר״, 23טען יוני 1863. די „טיימס״ בענוצט דעם פאל אויף צו פערטיידיגען די אמעריקאנישע שקלאווען־האלטער אנטקעגען ברייט און אנדערע. „זעהר פיעלע פון אונז מיינען—זאגט זי—אז כל זמן מיר ארבייטען צום טויט אונזערע אייגענע יונגע פרויענצימער מיט דעם קנוט פון הונגער אנשטאט מיט׳ן קנאל פון בייטש, האבען מיר קיין רעכט ניט צו העצען מיט פייער און שווערד אויף פאמיליען, וועלכע זיינען געבוירן געווארן אלס שקלאווען־האלטער און גיבען וועניגסטענס זייערע שקלאווען גוט עסען און לאזען זיי ארבייטען מיט א מאס.״ („טיימס״, 2טען יולי, 1863) אויפ׳ן זעלבען אופן שמייסט אב דער „סטענדארד״ א טארי־בלאט, דעם רעווערענד ניומאן האלל: „ער לעגט אין חרם די שקלאווען־האלטער און איז מתפלל צוזאמען מיט די בראווע לייט, וועלכע לאזען ארבייטען די קוטשער און אמניבוס־פיהרער פון לאנדאן א.אז.וו. 16 שטונדען א טאג פאר א הינטישען לוין.״ ענדליך האט אויך געזאגט זיין ווארט דער אראקעל, הערר טהאמאס קארלייל, וועגען וועמען איך האב שוין אין 1850 געשריבען: „צום טייפעל איז דער געניוס, דער קולטוס איז געבליבען.״ די איינציג־גרויסארטיגע פאסירונג פון דער צייט־געשיכטע, דעם אמעריקאנער בירגער־קריעג, מאכט ער ארונטער מיט א קורצען גלייכווערטיל אזוי צו זאגען: פעטער פון דער נארטה וויל מיט אלע כחות צוקלאפען דעם קאפ פאול פון דער סאוטה, דערפאר ווייל דער דאזיגער פעטער פון דער נארטה דינגט זיין ארבייטער פון טאג, בעת פאול פון דער סאוטה דינגט איהם פאר׳ן גאנצען לעבען. (מאקמילאן׳ס מאגאזין. איליא׳ס אמעריקאנא אין נוצע. אוגעסט־העפט 1863.) אט אזוי האט דער זייפען־בלאז פון דער טארישער סימפאטיע פאר די שטאדטישע לוין־ארבייטער—בשום אופן ניט פאר די לאנד־ארבייטער!—ענדליך געפלאצט. דער גרונד איז—שקלאווערייז!

אָבגעצאַמט געוואָרן מיט ברעטער אַלס א שלאָף־צימער.[89] און דאָס איז שוין געווען איינע פון די בעסערע מאָדע־ווערקשטאטען אין לאָנדאָן. מערי אַנן וואָקלעי איז קראנק געוואָרן פרייטאָג און געשטאָרבען זונטאָג, ניט האָבענדיג געענדיגט אפריהער—וועגען וואָס די מאַדאם עליזא איז געווען שטארק ערשטוינט—דאָס שטיק ארבייט, וואָס זי האָט געהאט אין האנד. דער דאָקטאָר, הערר קעיס, וועלכער איז גערופען געוואָרן צו שפעט צו איהר טויטען־בעט, האָט אָבגעגעבען זיין עדות צו דער „קאָראָנער׳ס דזשורי” אין די פאָלגענדע טרוקענע ווערטער: מערי אַנן וואָקלעי איז געשטאָרבען פון צו־לאנגע ארבייט־שטונדען אין א איבערפילטען

---

[89] דר. לעטהעבי, הויפט ארצט פון „באארד אוו העלטה”, האט דאמאלסט ערקלערט: „דער מינימום לופט פאר דערוואקסענע דארף זיין אין שלאף־צימער 300 קוביק־פוס פאר יעדען און אין וואוין־צימער 500 קוביק־פוס.” דר. ריטשארדסאן, אויבער־ארצט פון א לאנדאנער האספיטאל, שרייבט: „נעהטערקעס פון אלע פאכען, היט־מאכערינס, קליידער־מאכערינס, און געוועהנליכע נעהטערקעס ליידען פון א דרייפאכען עלענד—איבערארבייט, לופט־מאנגעל און מאנגעל אין נאהרונג אדער אין פערדייהונג. בכלל פאסט אט דער סארט ארבייט בעסער פאר ווייבער איידער פאר מענער. דער אומגליק אבער פון אט דער בעשעפטיגונג איז, וואס זי איז, ספעציעל אין דער הויפטשטאדט, מאנאפאליזירט פון אן ערך 26 קאפיטאליסטען, וועלכע צווינגען ארוים עקאנאמיע פון דער ארבייט (ער מיינט, שפארען איין אויסלאגען דורך א פערשווענדונג פון דער ארבייטס־קראפט) דורך די מאכט־מיטלען וואס נעהמען זיך פון קאפיטאל. זייער מאכט לאזט זיך פיהלען אין אט דעם גאנצען קלאס ארבייטערקעס. ווען עס גיט זיך איין א שניידערקע צו געווינען א קליינעם קרייז קונדען, צווינגט איהר די קאנקורענץ זיך קראנק צו ארבייטען ביי זיך אין הויז, כדי איינצוהאלטען די קונדען, און זי מוז נויטיגערווייז פערמאטערן איהרע ארויסהעלפערקעס מיט דעמזעלבען ערך פון איבערארבייט. אויב דער געשעפט געהט ניט אדער זי קאן ניט זיך עטאבלירען זעלבשטענדיג, ווענדעט זי זיך צו אן עטאבלירטע פירמע, וואו די ארבייט איז ניט ווייניגער אבער דערפאר איז דער פערדיענסט זיכערער. אזוי געשטעלט אין אזא לאגע, ווערט זי אן אמת׳ע שקלאווין, ארומגעשליידערט הין און הער פון יעדען אומשטאנד אין דער געזעלשאפט. אט ארבייט זי אין איין צימער ביי זיך אין דער היים, אויסגעהענדיג פון הונגער; און אט ארבייט זי ווידער אין שאפ 15, 16 אדער גאר 18 שטונדען א טאג אין א קוים־ערטרעגליכער לופט, אויף א נאהרונג, וועלכע אויב זי איז אפילו א גוטע, קאן זי ניט פערדייהט ווערן מחמת דער אבוועזענהייט פון ריינער לופט. אויף אט די קרבנות האלט זיך די שווינדזוכט, וועלכע איז מעהר גארנישט ווי א קראנקהייט פון שלעכטער לופט.” דר. ריטשארדסאן, „וואירק אנד אווערוואירק” אין „סאשיעל סייענס רעוויו”, 18טען יולי 1863.)

דעם, כדי אריינצוזויגען וואס מעהר ארבייט, און מיט יעדען טראפפען ארבייט—א פראפארציאנעלען סכום מעהר־ארבייט. אין דעם ערך וואס זיי טהוען דאס ניט, ברענגט זייער בלויזע עק־זיסטענץ א נעגאטיווען היזק פאר דעם קאפיטאליסט, ווארים אין דער צייט, וואס זיי פערבלייבען אהן געברויך, שטעלען זיי פאר אן אומזיסטען אויסלעג פון קאפיטאל; דער דאזיגער היזק ווערט א פאזיטיווער, וויבאלד די אונטערברעכונג מאכט נויטיג א נייעם אויסלעג, כדי ווידער אנצופאנגען די ארבייט. די פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאג אריבער די גרעניצען פון דעם נאטירליכען טאג, ביז א שטיק אין דער נאכט אריין, ווירקט נאר ווי א פאַ־ליאטיוו [חיי שעה], שטילט נאר פיעל־ווענינ דעם וואמפיר־דורשט נאך לעבעדיג ארבייטס־בלוט. פערנעהמען ארבייט די גאנצע 24 שטונדען פון טאג איז דעריבער די אינערליכע (אימאנענטע) שטרע־בונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן. אזוי ווי אבער עס איז פיזיש אונמעגליך אויסצוזויגען דיזעלביגע ארבייטס־קרעפטען, טאג און נאכט כסדר, דארף מען האבען, כדי בייצוקומען די פי־זישע הינדערניש, אן אבוועקסלונג צווישען די ארבייט־קרעפטען, וואס ווערן פערצעהרט ביי טאג און די, וואס ווערן פערברויכט ביי נאכט. די דאזיגע אבוועקסלונג קאן דורכגעפיהרט ווערן אויף פערשיידענע אופנים; עס קאן צ.ב.ש. אזוי איינגעארדענט ווערן, אז איין טייל פון דעם ארבייטער־פערזאנאל זאל ארבייטען איין וואך טאג־ארבייט און די אנדער וואך נאכט־ארבייט, און אזוי ווייטער. עס איז בעקאנט, אז אט דער סיסטעם פון ארבייטען נאך דער רייה, די דאזיגע אבבייט־ווירטשאפט, האט געהערשט אין דער פול־בלוטיגער יוגענד־פעריאדע פון דער ענגלישער באַ־וועל־אינדוסטריע א.ד.ג., און איצטער בליהט עס צווישען אנדערע אין די באוועל־שפינערייען פון דער מאסקוער גובערניע. אט דער 24־שטונדיגער פראדוקציאנס־פראצעס עקזיסטירט אלס סיס־טעם נאך היינט אין פיעלע עד־היום נאך „פרייע" אינדוסטריע־צווייגען פון גרוי"ס־בריטאניען, צווישען אנדערע אין די שמעלץ־אויוועגס, שמיעדערייען, וואלץ־ווערקען און אנדערע מעטאל־פאב־ריקען פון ענגלאנד, וויילס און שאטלאנד. דער ארבייט־פראצעס נעהמט אריין א חוץ די 24 שטונדען פון די 6 ארבייטס־טעג אויך די 24 שטונדען פון זונטאג. די ארבייטער בעשטעהן פון מענער

מען זאָל גלויבען די דיכטער איז ניטאָ נאָך אזא לעבענס־קרעפּ־טיגער, לוסטיגער מענש ווי דער שמיעד. ער שטעהט אויף אין דער פריה און שלאָגט ארוים די פונקען פריהער פאַר דער זון; ער עסט און טרינקט און שלאָפט, ווי קיינער קאָן זיך צו איהם ניט גלייכען. פון א ריין־פיזישען שטאנדפונקט בעטראכט, געפינט ער זיך ווירקליך, ווען ער ארבייט מיט א מאָס, אין איינעם פון די בעסטע מענשליכע צושטענדען. אָבער ווען מיר געהען איהם נאָך אין שטאָדט און זעהען די ארבייט־לאסט, וואָס ווערט ארויפ־געלעגט אויף דעם דאָזיגען שטארקען מאן—אויף וועלכען גראד שטעהט ער אין דעם רייסטער פון שטערבליכקייט פון אונזער לאנד? אין מערילעבאָן (איינעם פון די גרעסטע שטאָדט־קוואר־טאלען פון לאָנדאָן) שטארבען שמיעדען אין דער פּראָפּארציע פון 31 פער 1000 יעהרליך, אָדער מיט 11 מעהר איידער די דורכ־שניט־שטערבליכקייט פון דערוואקסענע מענער אין ענגלאנד. די דאָזיגע בעשעפטיגונג, א כמעט־אינסטינקטיווע קונסט פון דער מענשהייט, אנטקעגען וועלכער מען קאָן גארנישט ניט אויסזעצען, ווערט פשוט דורך איבערארבייטונג דעם מענשענ׳ס מלאך המות. ער קאָן יערען טאָג אַזויפיעל און אזויפיעל קלעפּ געבען מיט׳ן האמער, געהן אזויפיעל טריט, ציהען אזויפיעל מאָל דעם אָטהעם, פעררריכטען אזויפיעל ארבייט און, לאָמיר זאָגען, לעבען דורכ־שניטליך 50 יאָהר. מען צווינגט איהם צו געבען אזויפיעל מעהר קלעפּ מיט׳ן האמער, צו געהן אזויפיעל מעהר טריט, צו ציהען אזויפיעל מאָל מעהר דעם אָטהעם א טאָג, און אלעס צוזאמען צו פערמעהרן זיין לעבענס־ארבייט אויף א פערטיל. ער מאכט די אָנשטרענגונג, און דער רעזולטאט איז, אז אָבטהוענדיג אין א בעשרענקטער צייט א פערטיל מעהר ארבייט, שטארבט ער צו 37 יאָהר, אנשטאט צו 50.״[91]

4. טאָג־ און נאכט־ארבייט. דער סיסטעם פון איין רייה נאָך דער אנדערער.

פון שטאנדפּונקט פון פערוווערטהונגס־פּראָצעס עקזיסטירן דער קאָנסטאַנטער קאפּיטאל און די ארבייטס־מיטלען נאָר אויף

[91] דר. ריטשארדסאָן, ד. ג.

דען אָנהאַלטענדער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אַ העכסט גינסטיגע געלעגענהייט איבערצוטרעטען די גרעניצען פון דעם נאָמינעלען ארבייטס־טאָג. צום ביישפּיעל אין די פריהער־דערמאָנטע, זעהר אָנשטרענגענדע אינדוסטריע־צווייגען מאַכט אויס דער אָפיציעלער ארבייטס־טאָג פאַר יעדען ארבייטער מעהרסטענטיילס 12 שטונדען, נאַכט־שטונדען אָדער טאָג־שטונדען. אָבער די איבער־ארבייט, איבער דער דאָזיגער גרעניץ, איז אין פיעלע פעלען, צו געברויכען די ווערטער פון דיזם ענגלישען אָפיציעלען בעריכט, „ווירקליך שוידערהאַפטיג” („truly fearful”),[95] „קיין מענשליכער שכל קאָן ניט נאָכדענקען וועגען דער מאַסע ארבייט, וואָס לויט די אויסזאָגונגען פון עדות אינגלעך פון 9 ביז 12 יאָהר אַלט טהוען אָב, און ניט קומען נויטיגערווייז צום שלום, אַז אַזוינע מיסברויכונגען פון דער מאַכט פון די עלטערן און ארבייט־געבער טאָרען ניט לענגער ערלויבט ווערן.”[96]

„די מעטאָדע צו לאָזען איבערהויפּט אינגלעך ארבייטען אָבבייטענדיג טאָג און נאַכט, סיי אין געוועהנליכע צייטען, סיי ווען די ארבייט שפּאַרט אָן, פיהרט גאַנץ אָפט צו אַ שענדליכער פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג. די דאָזיגע פערלענגערונג איז אין פיעלע פעלען ניט נאָר גרויזאַם, נאָר אפילו אונגלויבליך. עס מוז זיך אָפטמאָל מאַכען, אַז אַ אינגעל, וואָס דאַרף אָבבייטען דעם אַנדערן, קאָן צוליעב אַ וועלכער עס איז אורזאַך ניט קומען צו דער ארבייט. איינער אָדער עטליכע פון די אַנוועזענדע אינגלעך, וועלכע האָבען שוין געענדיגט זייער טאָג ארבייט, מוזען דאָן בלייבען ארבייטען אַנשטאַט יענעם, וואָס איז ניט געקומען. דער דאָזיגער סיסטעם איז אַזוי אַלגעמיין בעקאַנט, אַז ווען איך האָב

לעגענהייט צו בעאָבאַכטען די ווירקונגען פון דער נאַכט־ארבייט אויף די פאַבריק־קינדער, און איך ערקלער גאַנץ ענטשיידען, להיפּך צו דער בעליעבטער פערזיכערונג פון אייניגע ארבייט־געבער, אַז דאַס געזונד פון די קינדער האָט באַלד געליטען פון דער דאָזיגער נאַכט־ארבייט.” (דאָרט גופא, 4טער ראַפּאָרט, 284, ז. 55.) אַז אַזעלכע זאַכען זאָלען איבערהויפּט נאָך דיענען אַלס אַ געגענשטאַנד פון ערנסטע ויכוחים, איז דער בעסטער בעווייז, ווי די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן ווירקט אויף די „געהירן־פונקציעס” פון די קאַפּיטאַליסטען און פון די מענשען, וואָס שטעהען אין זייער דיענסט.

[95] ד. ג. 57, ז. 12.

[96] ד. ג. (4טער ראַפּאָרט, 1865) 58, ז. 12.

און פרויען, דערוואקסענע און קינדער פון ביידע געשלעכטער.
דער עלטער פון די קינדער און יונגע מענשען לויפט דורך אלע
צווישען־שטופען פון 8 (אין איינינגע פעלען פון 6) ביז 18 יאהר.[92]
אין איינינגע ב־אנזשען ארבייטען אויך די מיידלעך און פרויען
ביינאכט צוזאמען מיט די מענליכע ארבייטער.[93]

שוין ניט צו רעדען פון די אלגעמיינע שעדליכע ווירקונגען
פון דער נאכט־ארבייט,[94] גיט דער ניט־אבגעשטעלטער, 24 שטונ־

92 Chidren's Employment Commission, 3rd Report, London, 1864 p. IV, V, VI,

„אין שטאפארדשייר אזוי גוט ווי אין דרום־וויילס ווערן בעשעפטיגט יונגע מיידלעך און פרויען אין די קויהלען־מינען ניט נאר בייטאג נאר אויך ביינאכט. אין די בעריכטען, וואס זיינען אבגעגעבען געווארן דעם פארלאמענט, זיינען נאכאנאנד נאכגעוויזען געווארן די גרויסע און אלעמען־בעקאנטע איבלען, וואס אזא פיהרונג ברענגט מיט זיך מיט. די דאזיגע פרויען, וואס שטעהען ביי דערזעלביגער ארבייט צוזאמען מיט די מענער, און אונטערשיידען זיך כמעט ניט אין זייער קליידונג, וואס איז בעדעקט מיט שמוץ און רויך, פערלירן זייער זעלבסטאכטונג און זינקען מחמת דעם אין זייער מאראלען כאראקטער. דאס איז אקוראט א נויטווענדיגע פאלגע פון זייער אונווייבליכער בעשעפטיגונג.” (דארט גופא 194, ז. XXVI. זעה 4טען ראפארט (1865) 61, ז. XIII. אזוי אויך אין די גלאז־פאבריקען.

94 א שטאהל־פאבריקאנט, וועלכער בעשעפטיגט קינדער אויף נאכט־ארבייט, האט בעמערקט: „עס איז ניט מעהר ווי נאטירליך, אז די אינגלעך, וואס ארבייטען ביינאכט, קאנען ניט שלאפען און האבען א ריכטיגען אברוה בייטאג, נאר זיי לויפען דעם גאנצען טאג ארום.” (ד. ג. 4טען ראפארט, 63 ז. XIII.) וועגען דער וויכטיגקייט פון זונען־ליכט פאר דער אויפהאלטונג און ענטוויקלונג פון'ם קערפער בעמערקט איין דאקטאר צווישען אנדערעם ווי פאלגט: „ליכט ווירקט דירעקט אויף די געוועבען פון קערפער, מאכענדיג זיי פעסטער און מעהר עלאסטיש. די מוסקולען פון חיות, וועלכע מען גיט ניט די נארמאלע סומע ליכט, ווערן ווייך און אונעלאסטיש, די נערוועז פערלירן זייער שפאנונג־קראפט דורך דעם מאנגעל אין רייצונג און די אויסארבייטונג פון אלעם וואס האלט אין וואקסען ווערט אבגעשטעלט.... בנוגע קינדער איז האבען א סך טאג־ליכט און דירעקטע זונענשטראהלען א טייל פון טאג אבסאלוט וויכטיג פאר זייער געזונד. ליכט העלפט אויסצוארבייטען פון די שפייזען גוטעס בלוט, וואס פארמירט די שטאפען פון קערפער, און מאכט הארט די מוסקולען נאכדעם ווי זיי זיינען פארמירט. עס ווירקט אויך ווי א רייץ־מיטעל אויף דעם ארגאן פון זעהען, און רופט דורכדעם ארויס א גרעסערע טהעטיגקייט אין די פערשיידענע פונקציאנען פון געהירן.” הערר וו. סטריינגדזש, דער אויבער־ארצט פון דעם וואוסטער „דזשענעראל האספיטאל”, פון וועמעס שריפט איבער „געזונדהייט” (1864) די דאזיגע שטעלע איז אן אויסצוג, שרייבט אין א בריעף צו איינעם פון די אונטערזוכונג קאמיסארען, הערר ווהייט, ווי פאלגט: „איך האב פריהער, אין לאנקאשייר, געהאט די גע־

צוויי אנדערע טעג בין איך דאָ געווען 6 אוהר אין דער פריה. יאָ! דאָ איז אַ הייסער פּלאַץ! איידער איך בין אהער געקומען, האָב איך אויך געארבייט אַ גאַנצען יאָהר אין אַ שמעלץ־אויווען. עס איז געווען אַ זעהר גרויסע פאבריק אין אַ דאָרף. פלעג איך אָנפאנגען 3 אוהר פארטאָג אַלע שבת, אָבער איך האָב וועניג־סטענס געקאָנט אהיים געהן שלאָפען, ווייל עס איז געווען נאָהענט. אנדערע טעג פלעג איך אָנפאנגען 6 אוהר און ענדיגען 6 אָדער 7 אוהר אבענדס" א.אז.וו. [98]

---

[98] דארט גופא, ז. 13. די בילדונג־שטופע פון די דאָזיגע „ארבייט־קרעפטען" מוז נאַטירליכערווייז זיין אַזאַ, ווי עס ווייזט זיך ארויס אין די פאָלגענדע דיאַלאָגען מיט איינעם פון די אונטערזוכונג־קאָמיסאַרען. יערעמיאַס היינס, 12 יאַהר אַלט: .... „פיער מאָל פיער איז אכט, אבער פיער פיערער (4 שטונדען) זיינען 16.... אַ קעניג איז דער, צו וועמען עס געהערט גאר די געלד און גאַלד. מיר האָבען אַ קעניג, מען זאגט, ער איז אַ קעניגין, זיי רופען זי פּרינצעסין אַלעקסאַנדראַ. מען זאגט, זי האַט געהייראַט דער קעניגין'ס זוהן. אַ פּרינצעסין איז אַ מאַן." וויליאַם טורנער, 12 יאַהר: „כ'לעב ניט אין ענגלאַנד. כ'דענק ס'איז דאַ אַזאַ לאַנד, כ'האָב פריהער ניט געוואוסט." דזשאהן מאררים, 14 יאַהר אַלט: „האָב געהערט זאגען, אַז גאָט האַט געמאַכט די וועלט, און אַז ער האַט אַלע מענשען דערטרונקען אויסער איינעם; האָב געהערט, דער איינער איז געווען אַ קליינער פויגעל." וויליאַם סמיטה, 15 יאַהר אַלט: „גאָט האַט געמאַכט דעם מאַן, דער מאַן האַט געמאַכט די ווייב." עדוואַרד טיילאַר, 15 יאַהר אַלט: „כ'וויים ניט פון לאָנדאָן." העגרי מעטיומאַן, 17 יאַהר אַלט: כ'געה אַמאָל אין קירך... איין נאָמען, וואָס זיי פּרעדיגען וועגען איהם. איז געווען אַ געוויסער יעזוס קריסט, אָבער איך קאָן ניט אָנרופען קיין אַנדערע נעמען און קאָן גאָרניט זאָגען וועגען איהם אויך ניט. מען האַט איהם ניט גע'הרג'עט, ער איז געשטאָר־בען ווי אַנדערע מענשען. ער איז ניט געווען ווי אַנדערע לייט אין אַ געוויסען אופן, ווייל ער איז געווען רעליגיעז אין אַ געוויסען אופן און אַנדערע איז ניט" "He was not the same as other people in some ways, because he was religious in some ways, and others is not." דארט גופא, 74, ז. 15. „דער טייוועל איז אַ גוטער פּערזאָן. איך וויים ניט וואו ער לעבט. קרייסט איז געווען אַ שלעכטער יונג." — אַט דאָס מיידעל (10 יאַהר אַלט) האַט אויסגעלעגט גאָד דאָג (God, dog) און האַט ניט געוואוסט דעם נאָמען פון דער קעניגין." (ד. ג. 5טער ראַפּאָרט 1866, ז 55, 278.)

דערזעלביגער סיסטעם פון די דערמאָנטע מעטאַל־פאַבריקען הערשט אין די גלאָז־ און פּאַפּיער־פאַבריקען. אין די פּאַפּיער־פאַבריקען, וואו דאָס פּאַפּיער ווערט געמאַכט מיט מאַשינען, איז די נאַכט־ארבייט דער רעגעל פאַר אַלע פּראָ־צעסען אויסער פאַר דער סאָרטירונג פון די קאָדער. אין אייניגע פעלען ווערט די נאַכט־ארבייט, דורך אַבבייטענדע שיכטען, פאָרטגעזעצט אהן אַן אויפהער די

נעפרעגט דעם ד׳רעקטאָר פון א וואָלץ־פּאַבריק, ווי אזוי ער פּילט אוים דעם פּלאַץ פון די אָבוועזענדע אינגלעך, האָט ער מיר גע־ענטפערט: איך ווייס וואויל, אז איהר ווייסט דאָס אזוי גוט ווי איך, און ער האָט זיך גאָרניט אָבגעהאַלטען פון מודה צו זיין דעם פאַקט. [97]

אין איין וואָלץ־פּאַבריק, וואו דער נאָמינעלער ארבייטס־טאָג דויערט פון 6 אוהר אין דער פריה ביז האַלב 6 אבענדס, האָט איין אינגעל געארבייט 4 נעכט יעדע וואָך ביז ווענינגסטענס האַלב 9 אָבענדס פון דעם נעקסטען טאָג...* און אזוי 6 מאָנאַט כסדר.״ „אַן אנדערער האָט אין עלטער פון 9 יאָהר אָפטמאָל געארבייט 3 צוועלף־שטונדיגע ארבייט־שיכטען נאָכאַנאַנד, און אין עלטער פון 10 יאָהר—2 טעג און 2 נעכט נאָכאַנאַנד.״ „אַ דריטער, איצט 10 יאָהר אַלט, ארבייט פון 6 אוהר אין דער פריה ביז 12 אוהר אין דער נאַכט 3 נעכט איינע נאָך די אנדערע, און ביז 9 אוהר אבענדס די אנדערע נעכט.״ אַ פערטער, איצט 13 יאָהר אַלט, ארבייט פון 6 אוהר נאָכמיטאָג ביז 12 אוהר מיטאָג דעם נעקסטען טאָג כסדר א גאַנצע וואָך, און מאַנכעסמאָל 3 שיכטען נאָכאַנאַנד, צום ביישפּיעל פון מאָנטאַג אין דער פריה ביז דיענסטאַג ביי נאַכט.״ אַ פינפטער, איצט 12 יאָהר אַלט, האָט געארבייט אין א אייזענגיסעריי, אין סטאַוועלי, פון 6 אוהר אין דער פריה ביז 6 אוהר נאַכטס * 14 טעג כסדר, אָבער קאָן שוין דאָס מעהר ניט טהאָן. דזשאָרדזש אַלינסוואָרטה, א 9 יעהריגער אינגעל, האָט עדות געזאָגט: איך בין אהער אָנגעקומען לעצטען פרייטאָג. דעם נעקסטען טאָג האָבען מיר געדאַרפט אָנהויבען ארבייטען 3 אוהר פאַרטאָג. איך בין דעריבער דאָ געבליבען די גאַנצע נאַכט. איך וואוין 5 מייל פון דאַנען. איך האָב געשלאָפען אויף ד׳רערד מיט א פאַרטוך אונטער מיר און א קליין יאַקעל איבער מיר. די

---

[97] דאָרט גופא.

* אין דער ענגלישער אויסגאַבע, וואו דער זאַץ ווערט ציטירט פון אָריגינעלען טעקסט, זיינען ניטאָ די ווערטער „פון דעם נעקסטען טאָג.״ — איבערזעצ.

* אין ענגלישען טעקסט: ביז 12 ביינאַכט. וואָס שיינט צו זיין ריכטיגער. = איבערזעצער.

שיכטען, אָבער אין אַלע איבעריגע טיילען פון דער ארבייט נאָך טאָג־ארבייט, פון 6 אוהר אין דער פריה ביז 6 אוהר אין אבענד. אין די שמיעדערייען זיינען די שטונדען פון 12 ביז 12. אייניגע הענד ארבייטען שטענדיג ביי נאכט, ניט בייטענדיג אמאָל ביי טאָג און אמאָל ביי נאכט.... מיר געפינען ניט איין, אז טאָג־אָדער נאכט־ארבייט זאָל מאכען א וועלכען עס איז אונטערשייד אין געזונד (פון די הערען ניילאָר און וויקערס?), און וואהר־שיינליך שלאָפען מענשען בעסער ווען זיי האָבען ריזעלביגע רוהע־צייט, איידער ווען זי בייט זיך.... אונגעפעהר 20 אינגלעך אונטער 18 יאָהר ארבייטען אין די נאכט־שיכטען.... מיר וואָלטען ניט געקאָנט רעכט אויסקומען אָהן דער נאכט־ארבייט פון אינגלעך אונטער 18 יאָהר. אונזער איינווענדונג איז—די פערגרעסערונג פון די פראָדוקציאָנס־קאָסטען. פעהיגע ארבייטער און ווערק־פיהרער זיינען שווער צו בעקומען, אָבער אינגלעך קריגט מען וויפיעל מען וויל... נאטירליך, בעטראַכטענדיג די קליינע פראָפּאָרציע אינגלעך, וואָס מיר בעשעפטיגען, וואָלטען די בע־שרענקונגען פון נאכט־ארבייט געווען פאר אונז פון קנאפער וויכ־טיגקייט אָדער אינטערעס.״[99]

הערר דזש. עללים, פון דער פירמע דזשאהן בראון און קאָ., שטאָהל און אייזען־פאבריקאנטען, וועלכע בעשעפטיגען 3000 מע־נער און אינגלעך, און ביי א טייל פון דער שווערער שטאָהל־ און אייזען־ארבייט „טאָג און נאכט אין אָבבייטענדע שיכטען״, ער־קלערט, אז אין די שווערערע שטאָהל־ארבייטען קומט אויס 1 אָדער 2 אינגלעך אויף יעדע צוויי מענער. זייער געשעפט האלט 500 אינגלעך אונטער 18 יאָהר, דערפון איז אן ערך א דריטעל אָדער 170 אונטער 13 יאָהר. בנוגע דער פאָרגעשלאָגענער ענדערונג אין געזעץ, זאָגט הערר עללים: „איך דענק ניט, מען זאָל קאָנען פיעל אויסזעצען אנטקעגען דער פאָדערונג, אז קיין פערזאָן אונטער 18 יאָהר זאָל ניט ארבייטען מעהר ווי 12 שטונדען אין א מעת־לעת. איך גלויב אָבער ניט, אז מען קאָן בעשטימען דעם פונקט פון עלטער אריבער 12, ווען עס זאָל זיין מעגליך אויסצוקומען אָהן אינגלעך פאר נאכט־ארבייט. מיר וואָלטען גיכער אָנגענומען

---

[99] 4טער ראפּארט, (1865) 79, ז. 16.

לאמיר איצטער הערן ווי דער קאפיטאל אליין פאסט אויף אט דעם 24־שטונדען־סיסטעם. די איבערטרייבונגען פון דעם סיס־טעם, זיין מיסברויך ביז צו דער „גרויזאמער און אונגלויבליכער" פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאג, געהט ער נאטירליך אריבער מיט שטילשווייגען. ער רעדט נאר פון דעם סיסטעם אין זיין „נארמאלער" פארם.

די הערען ניילאר און וויקערס, שטאהל־פאבריקאנטען, וועלכע בעשעפטיגען צווישען 600 און 700 פערזאן, דערונטער נאר 10 פראצענט יונגע מענשען אונטער 18 יאהר, און דערפון ווידער נאר 20 אינגלעך אין די נאכט־שיכטען, זאגען זיך ארויס ווי פאלגט: „די אינגלעך הויבען גאר ניט אן צו ליידען פון דער היטץ. די טעמפעראטור איז וואהרשיינליך פון 30 ביז 32 גראד צעלזיוס [86 ביז 90 פארנהייט].... ביי די שמיעדרייען און וואלץ־ווערקען ארבייטען די הענד טאג און נאכט אין אבבייטענדע

גאנצע וואך, געוועהנליך פון זונטאג ביינאכט ביז 12 אוהר ביינאכט דעם נעקסטען שבת. די בייטאגיגע שיכט ארבייט 5 טעג צו 12 שטונדען און איין טאג 18 שטונדען; די ביינאכטיגע שיכט—5 נעכט צו 12 שטונדען און איין נאכט 6 שטונדען אין יעדער וואך. אין אנדערע פעלען ארבייט יעדע שיכט 24 שטונדען נאך דער רייהע יעדען אנדערן טאג. איין שיכט ארבייט 6 שטונדען מאנטאג און 18 שטונדען שבת, כדי צו מאכען פולע 24 שטונדען. נאך אין אנדערע פעלען איז איינגעפיהרט א צווישען־סיסטעם, אין וועלכען אלע וואס זיינען אנגעשטעלט ביי דער פאפיער־מאכען־מאשינעריע, ארבייטען יעדען טאג אין וואך פון 15 ביז 16 שטונדען. אט דער סיסטעם, זאגט דער אונטערזוכונג־קאמיסאר לארד, פער־איינינגט אין זיך אלע איבלען פון דער 12 שטונדיגער און 24 שטונדיגער אב־בייטונג. קינדער אונטער 13 יאהר, יונגע לייט אונטער 18 יאהר און פרויען ארבייטען אונטער אט דעם נאכט־סיסטעם. אפטמאל, אין דעם 12־שטונדען־סיסטעם, ווען איינינגע ארבייטער קומען ניט, מוזען זיי ארבייטען א טאפעלטער רייהע פון 24 שטונדען. די אויסזאגונג פון עדות בעווייזען, אז אינגלעך און מיידלעך ארבייטען זעהר אפט איבערצייט. וואס שפרייט זיך ניט זעלטען אויס ביז 24 און אפילו ביז 36 שטונדען נאכאנאנדיגע ארבייט. אין דעם „אנהאל־טענדען און אונפערמיידליכען" פראצעס פון גלאזירן געפינט מען מיידלעך פון 12 יאהר, וועלכע ארבייטען דעם גאנצען מאנאט כסדר 14 שטונדען טעגליך, „אהן א וועלכער עס איז רעגעלמעסיגער ערהאלונג ארער הפסקה, א חוץ 2, העכסטענס 3 האלבע שטונדען פאר מאהלצייטען." אין איינינגע פאבריקען, וואו מען האט אינגאנצען אויפגעגעבען די רעגולערע נאכט־ארבייט, ווערט שרעקליך פיעל איבערצייט געארבייט, און „דערצו זעהר אפט אין די שמוציגסטע, הייסע־סטע און מאנאטאנסטע פראצעסען." (ד. ג. 4טער ראפארט, 1865, ז. 38 און 39.)

אינגאנצען צו אונטערדריקען. מר. ווהייט אבער האט א גוטען זכרון. ער געדענקט גאנץ גענוי, אז פאר אט די הערדען ציקלאפען איז דער פערבאט פון נאכט־ארבייט פאר קינדער און יונגע לייט „א זאך דער אונמעגליכקייט; עס וואלט געווען אלץ איינס ווי צו־מאכען זייער פאבריק", און דאך האט זייער געשעפט בלויז געהאט עפעס מעהר ווי 6 פראצענט יונגע לייט אונטער 18 און נאר 1 פצט. אונטער 13 יאהר.[101]

ווענען דעמזעלבען געגענשטאנד דערקלערט הערר ע. פ. סאנדערסאן פון דער פירמע סאנדערסאן בראדהערס און קא., שטאהל־וואלצען און שמידעריי־ווערק אין אטטערקליף: „גרויסע שוועריגקייטען וואלטען ארויסגעקומען פון דעם פערבאט ניט צו לאזען אינגערע ווי 18 יאהר ארבייטען ביי נאכט. די הויפט שוועריגקייט וואלט געקומען פון דער פערגרעסערונג פון די קאסטען, וואס אנשטעלען מענער אנשטאט קינדער וואלט מיטגעבראכט. וויפיעל דאס וואלט בעטרעפען קאן איך ניט זאגען, אבער וואהרשיינליך וואלט עס ניט געווען אזויפיעל, אז דער פאבריקאנט זאל צוליעב דעם קאנען העכערן דעם פרייז פון שטאהל, פאלגליך וואלט דער היזק געפאלען אויף איהם, היות ווי די ארבייטער (אזא עס קשה עורף דאס איז!) ווען זיך נאטירליך אבזאגען צו טראגען דעם היזק." מר. סאנדערסאן ווייס ניט וויפיעל ער צאהלט די קינדער, אבער „עס מאכט אפשר אויס פון 4 ביז 5 שילינג פער קאפ.... די קינדער־ארבייט איז פון אזא סארט, פאר וועלכער די כחות פון די אינגלעך איז בכלל („דזשענעראללי", פערשטעהט זיך ניט אלעמאל) גאנץ גענוג, און בכן וואלט ניט געווען קיין געווינס אין די גרעסערע כחות פון די מענער, וואס זאל באלאנסירן דעם היזק, סיידען נאר אין די ווניגע פעלען, ווען דער מעטאל איז זעהר שווער. די מענער וואלט גאר ניט געפעלען ניט צו האבען קיין אינגלעך אונטער זיך, ווארים מענער־העלפער וואלטען ניט זיין אזוי געהארכזאם. אויסער דעם, די אינגלעך מוזען אנפאנגען יונג, כדי זיך אויסצולערנען די ארבייט. האלטען די אינגלעך בלויז אויף טאג־ארבייט וואלט ניט ערפילען דעם צוועק." אבער פאר וואס ניט? פאר וואס קאנען אינגלעך זיך ניט אויסלערנען

---

[101] דארט נופא 82, ז. 17.

א געזעץ גאָרניט צו בעשעפטיגען קיין אינגלעך אונטער 13 אָדער אפילו אונטער 15 יאָהר, איידער א פערבאָט ניט צו לאָזען די אינגלעך, וואָס מיר האָבען שוין, ארבייטען ביינאכט. די אינגלעך, וועלכע ארבייטען אין דער טאָג־שיכט, מוזען אלס אָבבייט אויך ארבייטען אין דער נאכט־שיכט, ווארים די מענער קאָנען ניט אָהן אן אויפהער טהאָן נאכט־ארבייט; עס וואָלט רואינירן זייער געזונד. פונדעסטוועגען גלויבען מיר, אז נאכט־ארבייט יעדע אנדער וואָך שאָדט ניט (די הערען ניילאָר און וויקערס האָבען, אין די אינטערעסען פון זייער געשעפט, געגלויבט פערקעהרט, אז דוקא די פעריאָדיש זיך בייטענדע נאכט־ארביים און ניט די שטענדיגע איז שעדליך פאַר'ן געזונד.) מיר געפינען, אז די וועלכע טהוען נאכט־ארבייט יעדע אנדער וואָך, זיינען פונקט אזוי געזונד ווי די, וואָס ארבייטען נאָר בייטאָג . . . אונזערע איינוועגדונגען אגטקעגען דעם פערבאָט צו לאָזען ארבייטען יונגע לייט אונטער 18 יאָהר נאכט־ארבייט וואָלטען ווערן געמאכט נאָר אויף דעם גרונד, וואָס עס וואָלט פערגרעסערן די קאָסטען, ניט צוליעב וועלכען עס איז אנדער גרונד. (ווי ציניש נאאיוו!) מיר דענקען, אז די דאָזיגע קאָסט־פערמעהרונג וואָלט געווען גרעסער איידער דאָס געשעפט, נעהמענדיג אין בעטראכט זיין ערפאָלגרייכע אָנפיהרונג, וואָלט געקאָנט געהעריג אריבערטראָגען. (וואָס פאַר א זיס־רעדעוודיגע פראזעאָלאָגיע!) ארבייט־העגד זיינען דאָ וועניגלעך און עס קאָן קומען צו־קורץ, ווען מען זאָל איינפיהרן אזא רעגולאציע (ד.ה. עללים, בראון און קאָ. קאָנען אריינפאלען אין דער סכנות־דיגער פערלעגענהייט צו מוזען צאָהלען דעם פולען ווערט פון דער ארבייטס־קראפט)." [100]

די „ציקלאָפּ שטאָהל און אייזען ווערק" פון די הערען קאממעל און קאָ. ווערן געפיהרט אויף דעמזעלבען גרויסען מאָסשטאב ווי די פאבריק פון די פריהער דערמאָנטע דזשאהן בראון און קאָמפּ. דער געשעפט־פיהרענדער דירעקטאָר האָט אריינגעגעבען דעם רעגירונג־קאָמיסאר ווהייט זיין עדות־זאָגונג שריפטליך, ער האָט אָבער געפונען פאר נויטיג שפעטער, ווען דער מאנוסקריפּט איז איהם צוריקגעקעהרט געוואָרן נאָך אמאָל איבערצוקוקען, איהם

---

100 דאָרט גופא 82. ז. 16.

הענד פאר פולע 24 שטונדען א טאג; און זיי פערלירן זייער קאפיטאל־כאראקטער, זיי זיינען, הייסט עס, א ריינער היזק פאר די סאנדערסאנס, אזוי באלד ווי זייער פונקציע פון אריינזויגען ארבייט ווערט אבגעשטעלט. „אבער דאן וואלט געווען א היזק פון דעם, וואס אזויפיעל קאסטבארע מאשינעריע וואלט געשטאנען לעדיג א העלפט צייט; און כדי ארויסצוקריגען דיזעלבע מאסע פראדוקטען, וואס מיר האבען בכח לויט דעם איצטיגען סיסטעם, וואלטען מיר געמוזט פערטאפלען דעם פלאץ און די מאשין־ווערק, וואס וואלט פערטאפלען דעם אויסגעלעגטען קאפיטאל.” פארוואס אבער ווילען דוקא די סאנדערסאנס האבען א פריווילעגיע איבער די אנדערע קאפיטאליסטען, וועלכע מעגען נאר לאזען ארבייטען בייטאג, און זייערע געביידען, מאשינעריע און רויה־מאטעריאל שטעהען דעריבער לעדיג ביינאכט? „עס איז אמת”, ענטפערט ע. פ. סאנדערסאן אין נאמען פון אלע סאנדערסאנס: עס איז אמת, אז דעם היזק פון לעדיג־שטעהענדע מאשינעריע ליידען אלע פאבריקאנטען, ביי וועלכע מען ארבייט נאר בייטאג. אבער דער געברויך פון די שמעלץ־אויווענס וואלט אין אונזער פאל מיטגע־בראכט אן איבעריגען היזק. האלט מען זיי אין גאנג [דורך דער נאכט] ווערט חרוב ברענמאטעריאל (אנשטאט וואס איצט ווערט חרוב דער לעבענס־מאטעריאל פון די ארבייטער), און האלט מען זיי ניט אין גאנג, פערלירט מען צייט אויף ווידער איינהייצען און בעקומען דעם נויטיגען גראד היטץ (בעת אבער דער פערלוסט אין שלאף־צייט, אפילו פון 8 יאהריגע קינדער איז א געווינס אין ארבייט־צייט פאר דעם סאנדערסאן געזינדעל) און די אויווענס אליין וואלטען געליטען פון די ענדערונגען אין דער טעמפעראטור” (בעת פערקעהרט פון די טאג און נאכט־ענדערונג פון דער ארבייט ליידען די דאזיגע אויווענס גארנים.)[103]

---

[103] דארט גופא, 4טער ראפארט 1865, ז. 85. — אויף פונקט אזוינע צארטע אויסרעכענונגען פון די העררען גלאז־פאבריקאנטען, אז עס איז אונמעגליך צו לאזען די קינדער האבען רעגעלמעסיגע מאהלצייטען, ווייל דורכדעם ווערט א בע־שטימטער סכום היטץ, וואס די אויווענס שטראהלען ארויס, זיין א „ריינער היזק” אדער ווערט „געהן לאיבוד”, האט אבגעענטפערט דער אונטערזוכונג־קאמיסאר ווהייט. זיין ענטפער איז גאר ניט גלייך צו דעם ענטפער פון אורע, סעניאר עטצ. און זייערע קליינע דייטשע נאכבילער, ווי ראשער און אנדערע, וועלכע

זייער מלאכה בייטאָג? וואו איז דער שכל? „ווייל די מענער, וועלכע ארבייטען איין וואָך בייטאָג און איין וואָך ביינאַכט, וועלען א העלפט צייט ניט האָבען אונטער זיך די אינגלעך, און וועלען אויף דעם אופן פערלירן א העלפט פּראָפיט, וואָס זיי שלאָגען ארויס פון די אינגלעך. וואָס זיי לערנען די אויסהעלפער די מלאכה ווערט בע־רעכענט ווי א טייל פון דעם ארבייט־לוין פון די אינגלעך, און די מענער קריגען דעריבער די אינגלעך׳ס ארבייט ביליגער. יעדער מאַן וועט פערלירן א העלפט פון זיין פּראָפיט.“ (מיט אנדערע ווערטער, די הערן סאַנדערסאָן וועלען מוזען צאָהלען א טייל פון דעם ארבייט־לוין פון די דערוואַקסענע מענער פון דער אייגענער קעשענע, אנשטאָט מיט דער נאַכט־ארבייט פון די אינגלעך. דער פּראָפיט פון די הערען סאַנדערסאָן וואָלט ביי דער געלעגענהייט אביסעל ארונטערפאַלען, און דאָס איז דער סאַנדערסאָנישער גוטער גרונד, פאַר וואָס די אינגלעך וועלען בייטאָג זיך ניט קאָנען אויס־לערנען זייער מלאכה.) [102] דערצו וואָלט דאָס ארויפגעוואָרפען אויף די מענער רעגולערע נאַכט־ארבייט, וועלכע ווערט איצט געטאָן פון די אינגלעך, און זיי וואָלטען דאָס ניט אויסגעהאַלטען. קורץ און גוט, די שוועריגקייטען וואָלטען געווען אזוי גרויס, אז זיי וואָלטען וואהרשיינליך געפיהרט אויפצוגעבען די נאַכט־ארבייט גאָר אינ־גאַנצען. „אָבער—“ אָבער די הערען סאַנדערסאָן דאַרפען מאַכען עפּעס וויכטיגערעס איידער שטאָהל. די שטאָהל־מאַכעריי איז נישט מעהר ווי אַן אויסרייד פאַר דער פּלוס־מאַכעריי [מאַכען מעהרעוורטה]. די שמעלץ־אויוועס, וואַלץ־ווערק א.אז.וו., די גע־ביידען, די מאַשינעריע, דאָס אייזען, די קויהלען א.אז.וו. האָבען עטוואָס מעהר צו טהאָן, איידער זיך צו פערוואַנדלען אין שטאָהל. זיי זיינען פאַראַן, כדי אריינצוזויגען מעהרוועהרטה, און עס פער־שטעהט זיך, זיי זויגען מעהר אין 24 שטונדען ווי אין 12 שטונדען. פאַקטיש גיבען זיי די סאַנדערסאָנס אַן אָנווייזונג, אין נאָמען פון גאָט און געזעץ, אויף דער ארבייט־צייט פון א געוויסער צאָהל

[102] „אין אונזער רעפלעקטירענדער און רעזאָנירענדער צייט איז א מענש נאָך ניט ווייט דערגאַנגען, אויב ער קאָן ניט אָנגעבען א גוטען גרונד אפילו פאַר דאָס ערגסטע און ווילדעסטע. אלץ וואָס איז פערדאָרבען געוואָרען אויף דער וועלט, איז דאָס פערדאָרבען געוואָרען צוליעב גוטע גרינדען.“ (העגעל, ענציקלאָפּעדיע, ערשטער טייל: די לאָגיק. בערלין 1840, ז. 249.)

ווי ווייט מעג דער ארבייטס־טאג פרעלענגערט ווערן אריבער דער ארבייטס־צייט, וואס איז נויטיג צו רעפראדוצירן די ארבייטס־קראפט גופא? אויף אט די פראגען, ווי מיר האבען געזעהן, ענטפערט דער קאפיטאל: דער ארבייטס־טאג בעשטעהט פון פולע 24 שטונדען, פון וועלכע עס ווערט ארונטערגעצויגען עטליכע שטונדען פאר אברוה, ווייל אהן דעם ענטזאגט זיך אבסאלוט די ארבייטס־קראפט אנצופאנגען איהר דיענסט פון דאס ניי. עס איז דערפון קלאר, אז דער ארבייטער איז זיין גאנצען לעבען־לאנג מעהר גארנישט א חוץ ארבייטס־קראפט; אז די גאנצע צייט, וואס שטעהט אין זיין רשות, איז דעריבער פון דער נאטור און לויט'ן געזעץ ארבייט־צייט, און בכן געהערט עס פאר דער זעלבסט־פערווערטונג פון קאפיטאל. צייט פאר מענשליכער בילדונג, פאר גייסטיגער ענטוויקלונג, פאר דער ערפילונג פון געזעלשאפטליכע פונקציעס, פאר דעם געזעליגען פערקעהר, פאר דעם פרייען שפיעל פון די קערפערליכע און גייסטיגע קרעפטען, אפילו די רוהה־צייט פון דעם זונטאג — און אפילו אויך אין דעם לאנד פון שבת־היילינגע[104] — אלץ דברים בטלים! אבער אין זיין בלינדער גרעניצ־

נאכט־ אדער טאג־בעשעפטיגונג, איז פאבעלהאפטיג.״ (דארט גופא, ז. 43 און 44.) בעת מעשה קאן שפעט בייגאכט דער „זיר־ענטזאגענדער״ גלאז־קאפיטאל געהן וויעגענדיג־זיך אהיים פון קלוב, שכור'לער פון פארט־וויין, און אידיאטיש אונטערזינגענדיג צו זיך אליין: “Britons never, never shall be slaves!” [קיינמאל, קיינמאל וועלען בריטאניער שקלאווען זיין!]

[104] אין ענגלאנד צ.ב.ש. ווערט נאך אלץ אויפ'ן לאנד אן ארבייטער אפטמאל פעראורטיילט צו א געפענגניש־שטראף פאר חלול שבת [ד.ה. חלול זונטאג, דער קריסטליכער שבת], ווען מען כאפט איהם ארבייטענדיג אין גארטען פאר זיין הויז. דערזעלביגער ארבייטער ווערט בעשטראפט פאר ברעכען זיין קאנטראקט, ווען ער נעהמט נים ארבייטען אום זונטאג אין דער מעטאל־, פאפיער־ אדער גלאז־פאבריק, אפילו מחמת א רעליגיעזען גרונד. דער ארטאדאקסישער פארלא־מענט איז טויב פאר חלול שבת, אויב די דאזיגע פערשוועכונג קומט פאר אין דעם „פערווערטונג־פראצעס״ פון קאפיטאל. א דענק־שריפט (אוגוסט 1863), אין וועלכער די לאנדאנער טאג־ארבייטער אין די פיש־ און עופות־קראמען פער־לאנגען די אבשאפונג פון זונטאג־ארבייט, בעשרייבט דעם פאקט, אז זייער ארבייט א גאנצע וואך דויערט דורכשניטליך 15 שטונדען א טאג און זונטאג פון 8 ביז 10 שטונדען. פון דערזעלבער דענק־שריפט דערוויסען מיר זיך אויך, אז די פיינשמעקער און זוללים וסובאים צווישען די אריסטאקראטישע היפאקריטען פון עקזעטער האל האלטען ספעציעל אויף די דאזיגע זונטאג־ארבייט. אט די „חיי־

5. דער קאמף פאר א נארמאלען ארבייטס־טאג.

די צוואנג געזעצען צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאג פון מיטען 14טען ביז'ן סוף 17טען יאהרהונדערט.

וואס איז אן ארבייטס־טאג? ווי גרויס איז די צייט, אין משך פון וועלכער דער קאפיטאל מעג קאנזומירן די ארבייטס־קראפט, וואס ער האט בעצאהלט פאר איהר טעגליכען ווערטה?

זיינען געריהרט פון דער „אבנעהאלטענקייט", „ענטזאגונג" און „שפארזאמקייט" פון די קאפיטאליסטען און אויסגעבען זייער געלד און פון זייער טימור־טא־מערלאנישער" פערשווענדונג פון מענשענלעבענס. „א געוויסע סומע היטץ, מעג טאקע זיין, וועט פערשווענדעט ווערן מעהר ווי איצטער, דורכדעם וואס מען וועט זיי לאזען האבען רעגעלמעסיגע מאהלצייטען, אבער עס קאן זיך ניט פערגלייכען אפילו אין געלד־ווערטה מיט דער פערשווענדונג פון לעבענס־קראפט, וואס געהט אן איצטער אין די גלאז־הוטען איבער'ן גאנצען לאנד, דערפון וואס וואקסענדע קינדער האבען ניט גענוג צייט צו עסען רוהיג זייערע מאהלצייטען און קאנען זיך ניט אברוהען אביסעל צו פערדייהען דאס עסען." (דארט גופא, ז. 45.) און דאס פאסירט אין דעם פארטשריט־יאהר 1865! שוין ניט צו רעדען פון די כחות, וואס ווערן אויסגעגעבען אין העבען און טראגען, מארשירט אזא קינד דורך, בעת ער טהוט זיין ארבייט אין די הוטען וואו מען מאכט פלעשער און פלינט־גלאז, פון 15 ביז 20 מייל אין 6 שטונדען! און די ארבייט דויערט אפט פון 14 ביז 15 שטונדען! אזוי ווי אין וועב־פאבריקען פון מאסקווע, אזוי הערשט אויך אין פיעלע פון אט די גלאז־הוטען דער סיסטעם פון 16שטונדיגע ארבייט־שיכטען. „אין משך פון דער ארבייט־צייט פון וואך זיינען 6 שטונדען די העכסטע ניט־איבערגעהאקטע רוה־פעריאדע, און דערפון געהט אראב די צייט, וואס דויערט צו געהן צו און פון דער פאבריק, וואשען, אנטאן זיך, עסען, וואס פערנעהמט אלץ צייט. אזוי בלייבט אין דער ווירקליכקייט נאר די קירצעסטע רוה־צייט. ניטא קיין צייט פאר שפיעלען און פרישער לופט, סיידען אויפ'ן חשבון פון שלאפען, וואס איז אזוי נויטיג פאר קינדער, וועלכע טהוען אזעלכע אנשטרענגענדע ארבייט אין אזא הייסער אטמאספערע.... אפילו דער קורצער שלאף ווערט לייכט אונטערבראכען, וואָרים דאס קינד מוז זיך אליין וועקען ביינאכט אדער ווערט אויפגעוועקט פון דעם דרויסענדיגען ליארם בייטאג." הערר וווייט ברענגט פעלען, וואו א אינגעל האט געארבייט 36 שטונדען נאכאנאנד; און וואו אינגלעך פון 12 יאהר האבען געארבייט ביז 2 אוהר ביינאכט, און דערנאך זיך צוגעלעגט שלאפען אין הוטע ביז 5 אוהר אין דער פריה (3 שטונדען!), כדי דעם טאג ארבייט אנצופאנגען פון דאס ניי! „די מאסע ארבייט", זאגען די צונויפשטעלער פון דעם אלגעמיינעם בעריכט, טו'עמענהעער און טופנעל, „וואס די אינגלעך, מיידלעך און ווייבער טהוען אב אין משך פון זייער

דוקציאָן פון מעהרווערטה, אָן אריינזויגען פון מעהר־ארבייט, פּראָ־ דוצירט אויף דעם אופן, דורך דער פערלענגערונג פונ׳ם ארבייטס־ טאָג, ניט בלויז די פערוויסטונג פון דער מענשליכער ארבייטס־ קראפט, וועלכע ווערט בערויבט פון איהרע נאָרמאלע מאָראלע און פיזישע בעדינגונגען פון ענטוויקלונג און טהעטיגקייט. זי פּראָדו־ צירט די פּארדערצייטיגע ערשעפּונג און אָבטויטונג פון דער אר־ בייטס־קראפט גופא.[105] זי פערלענגערט די פּראָדוקציאָנס־צייט פון דעם ארבייטער אין דעם משך פון א געוויסען טערמין, דורכ־ דעם וואָס זי פערקירצט די צייט פון זיין לעבען.

דער ווערטה אָבער פון דער ארבייטס־קראפט שליסט איין דעם ווערטה פון די סחורות, וואָס זיינען נויטיג צו רעפּראָדוצירן דעם ארבייטער אָדער פּאָרטצופלאנצען דעם ארבייטער־קלאס. ווי־ באלד, הייסט עס, די אוננאטירליכע פערלענגערונג פון דעם אר־ בייטס־טאָג, צו וועלכער קאפּיטאל מוז נויטיגערווייז שטרעבען אין זיין גרעניצלאָזער לייַדענשאפט פאר זעלבסט־פערמעהרונג, פער־ קירצט די לעבענס־פעריאָדע פון די איינצעלנע ארבייטער און דערמיט די דויערהאפטיגקייט פון זייער ארבייטס־קראפט, ווערט שנעלער נויטיג צו פערבייטען דעם פלאץ פון די אויסגענוצטע ארבייטס־קרעפטען. דאָס הייסט, עס געהען אריין גרעסערע אָב־ ניצונג־קאָסטען אין דער רעפּראָדוקציאָן פון דער ארבייטס־קראפט, פונקט אזוי ווי דער טייל ווערטה פון א מאשין, וואָס מוז טעגליך רעפּראָדוצירט ווערן, איז אויף אזויפיעל גרעסער, אויף וויפיעל שנעלער זי ווערט אָבגענוצט. אויף דעם אופן זעהט אויס, אז דעם קאפּיטאל׳ס אייגענער אינטערעס ווייזט איהם אָן אויף דער נויטיגקייט איינצופיהרן א נאָרמאלען ארבייטס־טאָג.

דער שקלאַווען־האלטער קויפט אן ארבייטער ווי ער קויפט א פערד. ווען ער פערלירט דעם שקלאף, פערלירט ער א קאפּיטאל, און ער מוז מאכען א נייעם אויסלאג אויפ׳ן שקלאווען־מארק, כדי צו קריגען אנאנדערן אויף זיין פּלאץ. אָבער „די רייז־פעלדער

---

[105] „מיר האבען אין אונזערע פריהערדיגע בעריכטען איבערגעגעבען די עדות־זאגונג פון פערשיידענע ערפאהרענע פאבריקאנטען, וועלכע האבען בע־ הויפּטעט, אז איבער־ארבייט... ברענגט אהן צווייפעל מיט זיך די געפאהר, אז די ארבייטס־קראפט פון די ארבייטער וועט ערשעפּט ווערן פאר דער צייט." (דאָרט גופא, 64, 1, 18.)

לאָזער ליידענשאַפט, אין זיין וואָלפישען הונגער נאָך מעהר־אר־בייט, טרעט קאַפּיטאַל אריבער ניט נאָר די מאָראַלישע, נאָר אפילו אויך די ריין פיזישע מאַקסימאַל־גרעניצען פון דעם ארבייטס־טאָג. ער אוזורפירט די צייט פאַר וואַקסען, פאַר דער ענטוויקלונג און דער געזונדער אויפהאַלטונג פון קערפּער. ער רויבט אַוועק די צייט, וואָס פאָדערט זיך אריינצונעהמען פרייע לופט און זונענ־ליכט. ער רייסט אָב די צייט פון עסען און שטופּט זי אריין וואו נאָר מעגליך אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס גופא, אזוי אז דאָס עסען ווערט אונטערגערוקט דעם ארבייטער, ווי ער וואָלט געווען בלויז א פּראָדוקציאָנס־מיטעל, פּונקט ווי מען שיט צו קויהלען אונטער דעם דאַמף־קעסעל, אָדער ווי מען גיט די מאַשינעריע חלב אָדער אויל. דעם געזונדען שלאָף אויף אָנצוזאַמלען, בענייען און דערפרישען די לעבענס־קראַפט, רעדוצירט ער צו די עטליכע שטונ־דען שלאָף־פערזינקענהייט, וואָס מען מוז האָבען, כדי ווידער אויפצולעבען דעם אבסאָלוט ערשעפּטען אָרגאַניזם. אנשטאָט וואָס די נאָרמאַלע אויפהאַלטונג פון דער ארבייטס־קראַפט זאָל בעשטי־מען די גרעניצען פון דעם ארבייטס־טאָג, בעשטימט פערקעהרט די מעגליך־גרעסטע טעגליכע פערוועַנדונג פון דער ארבייטס־קראַפט, ווי קרענקליך־געוואַלטזאַם און פּייניגליך זי זאָל ניט זיין, די גרע־ניצען פאַר דעם ארבייטער'ס רוה־צייט. קאַפּיטאַל פרעגט זיך ניט נאָך וועגען דעם לעבענסדויער פון דער ארבייטס־קראַפט. וואָס איהם אינטערעסירט איז מעהר גאָרנישט א חוץ דער מאַקסימום פון ארבייטס־קראַפט, וואָס קאָן אין איין ארבייטס־טאָג געבראַכט ווערן אין בעוועגונג. ער דערגרייכט זיין צוועק דורכדעם, וואָס ער פערקירצט די דויערהאַפטיגקייט פון דער ארבייטס־קראַפט, פּונקט ווי א גייציגער לאַנד־ווירטה קריגט ארויס א פערגרעסערטע הכנסה פונ'ם באָדען, דורכדעם וואָס ער בערויבט די באָדען־פּרוכטבאַרקייט.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, וועלכע איז בעצם א פּראָ־

לינע", וועלכע זיינען אזוי אייפריג „איז קוטע קוראַנדאַ" [אין זייער זאָרגען זיך פאַר די תענוגי הגוף], צייגען ארויס זייער קריסטענטום דורך דעם עניוות'דיגען געמיטה, מיט וועלכען זיי זיינען מקבל באהבה די איבער־ארבייט, די ליידען און דעם הונגער פון אנדערע. "Obsequium Ventris istis perniciosius est" [אנשטאָפּען דעם בויך איז פאַר זיי (די ארבייטער) פיעל שערליכער.]

אנדער נאָמען ווערט דאָ דיין געשיכטע דערצעהלט!] לעז אנשטאט שקלאווען־האנדעל ארבייטס־מארק, אנשטאט קענטאַקי און ווירדזשיניע—אירלאנד און די אגריקולטור־דיסטריקטען פון ענגלאנד, שאָטלאנד און וועלס, אנשטאט אַפריקא—דייטשלאנד! מיר האָבען געהערט ווי די איבערארבייט האָט געמאכט א תכלית פון די בעקער אין לאָנדאָן, און פונדעסטוועגען איז דער לאָנדאָנער ארבייטס־מארק שטענדיג איבערפילט מיט דייטשע און אנדערע קאנדידאַטען פאר'ן מלאך המות אין די בעקערייען. די טעפעריי איז, ווי מיר האָבען געזעהן, איינער פון די לעבענס־קירצעסטע אינדוסטריע־צווייגען. איז דען דעריבער דאָ א דוחק אין טעפער? ישוע וועדזשוואוד, דער ערפינדער פון דער מאָדערנער טעפעריי, וועלכער איז אפריהער אליין געוועזען א געוועהנליכער ארבייטער, האָט אין יאָהר 1785 דערקלערט פאר'ן „האוז אוו קאמאנס", אז די גאנצע טעפער־אינדוסטריע בעשעפטיגט פון 15 ביז 20 טויזענד מענשען.[107] אין יאָהר 1861 האָט די שטאַרטישע בעפעלקערונג אליין פון דער דאָזיגער אינדוסטריע בעטראָפען אין גרויסבריטאַניען 101,302. „די באוועל־אינדוסטריע איז אלט 90 יאָהר.... אין דריי דורות פון דעם ענגלישען פאָלק האָט זי אויפגעגעסען 9 דורות באוועל־ארבייטער."[108]

אודאי קאָן מען געפינען אין איינצעלנע עפּאָכען פון פיעבערהאפטיגער טהעטיגקייט גאנץ בעדייטענדע לעדיגע ערטער אויפ'ן ארבייטס־מארק. אזוי איז צ.ב.ש. געוועזען אין יאָהר 1834. אָבער די פאבריקאנטען האָבען דאן פאָרגעשלאָגען די „פּור לאָ קאָמישיאָנערס" [גבאים פון צדקה גדולה], זיי זאָלען אריבערשיקען די „איבער־בעפעלקערונג" פון די אגריקולטור־דיסטריקטען נאָך די צפון־געגענדען, מיט דער ערקלערונג, אז „די פאבריקאנטען וועלען זיי אבזאָרבירן און פערברויכען."[109] דאָס זיינען געוועזען זייערע אייגענע ווערטער. „עס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן אגענטען מיט דער צושטימונג פון די פּור לאָ קאָמישיאָנערס... זיי האָבען

[107] John Ward: History of the Borough of Stock-upon-Trent," London, 1843, p. 42.

[108] פערראנד'ס רעדע אין די „האוז אוו קאמאנס", 27טען אפריל 1863.

[109] „דאָס זיינען גענוי געוועזן די ווערטער, וואָס די באוועל־פאבריקאנטען האָבען בענוצט." ד. ג.

פון דזשאָרדזשיע און די זומפּען פון מיסיסיפּי מעגען ווירקען ווער ווייסט ווי שעדליך אויף דעם מענשליכען אָרגאַניזם, פונ־דעסטוועגען איז די דאָזיגע פערוויסטונג פונ'ם מענשליכען לעבען ניט אזוי גרויס, אז מען זאָל זי ניט קאָנען ווידער גוט מאכען פון די מערק פון ווירדזשיניע און קענטאָקי, וואו די נעגער־שקלאַ־ווען געפינען זיך לרוב. עקאָנאָמישע אויסרעכענונגען, וועלכע וואָלטען געקאָנט געבען א געוויסע זיכערקייט פאר א מענשליכער בעהאנדלונג פון די שקלאַווען, אין דעם ערך וואָס זיי פעראייניגען די אינטערעסען פון די האררען מיט דער אויפהאַלטונג פון די שקלאַווען, ווערן, נאָכדעם ווי דער שקלאַווען־האנדעל איז איינמאָל איינגעפיהרט, פערקעהרט א גרונד פאר דער ערגסטער פערוויסטונג פון דעם שקלאַף; וואָרים וויבאלד מען קאָן אלעמאָל אויספילען זיין פּלאַץ פון פרעמדע נעגער־מערק, ווערט דער דויער פון זיין לעבען ווענינער וויכטיג, איידער זיין פּראָדוקטיוויטעט כל זמן זיין לעבען דויערט. עס איז דעריבער א כלל פון דער שקלאַווען־ווירטה־שאַפט, אין לענדער וועלכע אימפּאָרטירען שקלאַווען, אז די ווירק־זאַמסטע עקאָנאָמיע בעשטעהט אין ארויספּרעסען פון דעם מענשען־פיה (Human chattel) די מעגליך־גרעסטע מאסע לייסטונגען אין דער מעגליך־קירצעסטער צייט. דוקא אין דער טראָפּישער קול־טיווירונג, וואו דער יעהרליכער פּראָפיט איז אָפטמאָל אזוי גרויס ווי דער גאַנצער קאַפּיטאַל פון די פּלאַנטאַציעס, ווערט דאָס לעבען פון די נעגערס געאָפּפערט גאָר אָהן א שום אויסרעכענונג. עס איז די אגריקולטור פון די וועסט־אינדיעס, וואָס איז פון הונדער־טער יאָהרען געוועזן דער קוואַל פון פאַבעלהאַפטען רייכטום, וועלכע האָט פערשלונגען מיליאָנען פון דער אַפריקאנישער ראַסע. אין קובא ביי היינטיגען טאָג, וואו די הכנסות גרייכען אין די מי־ליאָנען און וואו די בעלי בתים פון די פּלאַנטאַציעס זיינען וואהרע פּרינצען, געפינען מיר ביי דעם שקלאַווען־קלאַס די ערגסטע נאָה־רונג, די שווערסטע און די ניט־נאָכגעלאָזענסטע ארבייט און אפילו אַן אבסאָלוטע פערניכטונג יעדען יאָהר פון א גרויסען טייל פון זיין צאָהל."[106]

Mutate nomine de te fabula narratur! [אונטער אנ־

[106] J. C. Cairns: "The Slave Power," London 1862, 110-11.

צו ערלויבען נעהמען אין די פאבריקען די ארימע קינדער און די יתומים פון די ווארקהאוזעס.״[110]

110 דארט גופא. וויליערס ביי זיין בעסטען ווילען איז „געזעצליך״ געוועזען געצוואונגען אבצוזאגען דעם פערלאנג פון די פאבריקאנטען. די דאזיגע הערען אבער האבען דערגרייכט זייער ציעל דורך דער געפעליגקייט פון די לאקאלע פערוואלטונגען. מר. א. רעדגראוו, א פאבריק־אינספעקטאר, פערזיכערט, אז דאס מאל איז דער סיסטעם, לויט וועלכען די יתומים און קינדער פון פאופערס האבען זיך געזעצליך גערעכענט פאר אפרענטיסעס (לעהרן־אינגלעד), „ניט געוועזען בעגלייט פון די אלטע מיסברויכונגען״ (וועגען די דאזיגע מיסברויכונגען זעה ענגעלס: „די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד״), אבוואויל אין איין פאל וועניגסטענס „איז אנגעגאנגען א מיסברויכונג פון דעם סיסטעם בנוגע איינינגע מיידלעך און יונגע פרויען, וועלכע זיינען געבראכט געווארן פון די אגריקולטור־דיסטריקטען פון שאטלאנד נאך לאנקאשיר און טשעסיר.״ לויט דעם דאזיגען סיסטעם שליסט דער פאבריקאנט א קאנטראקט מיט די בעהערדען פון די ארמען־הייזער פאר בעשטימטע פעריאדען. ער גיט די קינדער עסען, קליידונג און לאזשיע און דערצו נאך א קליינעם געהאלט אין געלד. די פאלגענדע בעמערקונג פון דעם העררן רעדגראוו מוז קלינגען זאנדערבאר, איבערהויפט ווען מען בע־טראכט, אז אפילו צווישען די פעטע יאהרען פון דער ענגלישער באוועל־אינ־דוסטריע שטעהט דער יאהר 1860 אליין אהן א גלייכען צו איהם, און דער אר־בייטס־לוין איז אויכער דעם געשטאנען הויך, צוליעב דעם וואס די אויסערגע־וועהנליכע נאכפראגע אויף ארבייט האט זיך אנגעשטויסען אויף אן ענטפעלקערונג אין אירלאנד, אויף א ביישפיעללאזער אויסוואנדערונג פון די ענגלישע און שאטלאנדישע אגריקולטור־דיסטריקטען נאך אוסטראליע און אמעריקא, אויף א פאזיטיווער פערקלענערונג פון דער בעפעלקערונג אין איינינגע ענגלישע קולטור־דיסטריקטען, טיילווייז מחמת די ארבייטער׳ס לעבענס־קראפט איז געוועזען ער־שעפט, און טיילווייז ווייל די וואס האבען נאך געקאנט פערנוצט ווערן, זיינען פריהער אויסגעריינינגט געווארן דורך די הענדלער אין מענשענפלייש. און טראץ אלעם דעם זאגט הערר רעדגראוו: „אט דעם סארט ארבייטער האט מען געזוכט, נאר ווען מען האט קיין אנדערן ניט געקאנט געפינען, ווארים ער קאסט צו־טייער. דער געוועהנליכער ארבייטס־לוין פאר א אינגעל פון 13 יאהר איז אומגעפעהר 4 שילינג א וואך, אבער געבען אזוינע 50 אדער 100 קינדער עסען, קליידונג און לאזשיע, בעזארגען מיט ערצטליכער בעהאנדלונג און פאסענדער אויפזיכט, און דערצו נאך געבען א קליינע סומע געלד אויך, לאזט זיך ניט מאכען פאר 4 שילינג פער קאפ א וואך.״ („רעפארטס אוו אינספ. אוו פאקטאריעס״, 30טען אפריל 1860, ז. 27.) הערר רעדגראוו פערגעסט צו זאגען, ווי אזוי דער ארבייטער אליין קאן אויסהאלטען זיינע קינדער פאר זייערע 4 שילינג ארבייטס־לוין, אויב דער פאבריקאנט קאן עס ניט טהאן פאר 50 אדער 100 קינדער, וועלכע ווערן לאזשירט, בעקעסטיגט און אויפגעפאסט אלע צוזאמען. כדי צו פערהיטען מען זאל ניט ציהען קיין פאלשע שלוסען פון דעם טעקסט, מוז איך דא נאך בעמערקען, אז די ענגלישע באוועל־אינדוסטריע, זינט זי איז אוועקגעשטעלט געווארן אונטער דעם

געפענט א ביורא אין מאנטשעסטער, וואוהין עס זיינען צוגעשיקט געוואָרן רשימות פון די ארבייטס־לייט אין די אגריקולטור־דיס־טריקטען, וועלכע זיינען געווען אויסער ארבייט, און זייערע נעמען זיינען רעגיסטרירט געוואָרן אין ביכער. די פאבריקאנטען פלעגען בעזוכען די ביוראָ, כדי זיך אויסצוקלייבען די פאסיגע מענשען, און נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגעקליבען וואָס זיי האָבען גע־דארפט, האָבען זיי בעפויהלען, מען זאָל די מענשען צושטעלען אין מאנטשעסטער. און די מענשען־פעק זיינען געליפערט גע־וואָרן מיט ארויפגעקלעפטע עטיקעטען, פונקט ווי פעק סחורה, מיט'ן וואסער אָדער אויף פוהרען, אנדערע האָבען זיך ארומגע־שלעפט צו־פוס און פיעלע פון זיי האָט מען געפונען בלאָנדזשענ־דיג און אויסגעמאָרעט פון הונגער. דער סיסטעם האָט זיך ענט־וויקעלט אין א רעגולערן געשעפט. דאָס הויז [אוו קאמאנס] וועט עס קוים גלויבען, אָבער איך פערזיכער זיי, אז אָט דער מסחר אין מענשען־פלייש איז ריכטיג אנגעגאנגען און זיי זיינען פראקטיש פונקט אזוי רעגולער פערקויפט געוואָרן צו די דאָזיגע [מאנטשעסטער] פאבריקאנטען, ווי נעגער־שקלאווען ווערן פער־קויפט צו די באוועל־פלאנצער אין די פעראייניגטע שטאאטען.

...אין יאָהר 1860 האָט די באוועל־אינדוסטריע דערגרייכט איהר הויך־פונקט... די פאבריקאנטען האָבען זיך ווידער גע־כאפט, אז עס פעהלט זיי „הענד"... זיי האָבען זיך געווענדט צו די „פלייש־אגענטען", ווי מען האָט זיי גערופען. די דאָזיגע אגענטען האָבען דורכגעזיפט די בערגיגע געגענדען פון מערב ענג־לאנד, די טהאָלען פון דאָרסעטשייר און די פליינען פון דעוואָנ־שייר, אָבער זייער זוכען איז געווען אומזיסט: די איבער־בעפעל־קערונג איז שוין געווען פערברויכט." דער „ביורי גארדיען" האָט געיאָמערט, בעת עס איז געשלאָסען געוואָרן דער ענגליש־פראנ־צויזישער האנדעלס־פערטראג, אז מען וואָלט געקאָנט פערצעהרן נאָך צעהן טויזענד „הענד", און אז באלד וועט מען נויטיג האָבען נאָך א 30־40 טויזענד. נאָכדעם ווי די אגענטען און סוב־אגענטען פון דעם „פלייש־מסחר" האָבען אין 1860 דורכגענישטערט די אגריקולטור־דיסטריקטען כמעט אָהן א רעזולטאט, האָט זיך „גע־ווענדעט א דעפּוטאציע פון פאבריקאנטען צו דעם הערר וויליערס, דעם פרעזידענט פון דעם „פור לאָ באָארד", מיט א בקשה ווידער

שער לופט און דעם פרינציפ פון נאטירליכען צוכטוואהל, וואס הערשט אזוי אלמעכטיג צווישען זיי און לאזט נאר אויסוואקסען די קרעפטיגסטע—ווי אפילו זיי פאנגען שוין אן אויסצושטאר־בען.[112] דער קאפיטאל, וואס האט אזויפיעל „גוטע גרינדע" צו פערלייקענען די ליידען פון דעם איצטיגען דור ארבייטער, קימערט זיך אין זיין פראקטישער טהעטיגקייט וועגען דער אויסזיכט פון א צוקינפטיגער רעגענעראציע פון דער מענשהייט און א סוף כל סוף־אונפערמיידליכע ענטפעלקערונג, פונקט אזוי וועניג אדער אזוי־פיעל, ווי וועגען דער מעגליכקייט, אז די ערד וועט ארויפפאלען אויף דער זוהן. אין יעדער אקציען־געזעלשאפט, וואס איז געבויט אויף שווינדעל, וויים יעדער טיילנעהמער, אז דער קראך וועט פריהער אדער שפעטער מוזען קומען, אבער יעדער איינער האפט, אז עס וועט מ־עפען דעם אנדערנ'ס קאפ, נאכדעם ווי ער אליין וועט שוין האבען זיינע זעק אנגעפילט מיט גאלד און בעהאלטען אין א זיכערן פלאץ. נאך מיר מעג קומען דער מבול! איז די מאטטא פון יעדען קאפיטאליסט און פון יעדען קאפיטאליסטישען פאלק. דער קאפיטאל קימערט זיך דעריבער ניט וועגען דער גע־זונדהייט און לעבענס־דויער פון דעם ארבייטער, וואו די געזעל־שאפט צווינגט איהם ניט זיך צו קימערן וועגען דעם.[113] אויף

---

[112] זעה 'Public Health, 6th Report of the Medical Officer of the Privy Council, 1863". גערדוקט אין לאנדאן 1864. דער דאזיגער ראפארט בעהאנדעלט דער־הויפט די אגריקולטור־ארבייטער. „סאוטהערלאנד ווערט געוועהנליך פארגע־שטעלט ווי א זעהר פערבעסערטע גראפשאפט (קאונטי), אבער א אונטערזוכונג, וואס איז ניט לאנג צוריק געמאכט געווארן, האט ענטדעקט, אז אפילו דא, אין דיסטריקטען, וועלכע זיינען געוועזן בעריהמט מיט זייערע שעהנע מענער און גאלאנטע סאלדאטען, זיינען די איינוואוינער דעגענערירט געווארן אלס אן אויס־געצעהרטע, קליינגעוויקסיגע ראסע. אין די געזינדסטע פלעצער, אויף די בערג־זייטען אנטקעגען ים, זעהען די קינדער אויס אזוי בלאס, ווי זיי קאנען נאר זיין אין די פערפעסטעטע לופט פון א לאנדאנער שמאלען געסעל") W. Thornton, Over-population and its remedy, '64, p. 74 (זיי זיינען פאקטיש עהנליך צו די דרייסיג טויזענד „גאלאנטע היילאנדערס", וועלכע גלאזגאו האט איינגעשפארט אין איהרע געסלאך און זאוואולקעס צוזאמען מיט פראסטיטוטען און גנבים.

[113] „הגם די געזונדהייט פון דער בעפעלקערונג איז אזא וויכטיגער עלע־מענט פון דעם נאציאנאלען קאפיטאל, מוזען מיר אבער, מיר האבען מורא, מודה זיין, אז די קאפיטאליסטען זיינען כלל ניט בערייטוויליג צו היטען און טייער האלטען אט דעם אוצר.... דאס אכטונג געבען אויף דעם געזונד פון

די ערפאהרונג צייגט בכלל דעם קאפּיטאליסט, אז עס איז שטענדיג פאראן אן איבער־בעפעלקערונג, ד.ה. אן איבער־בעפעלקערונג לפי ערך צו דער פאָדערונג פון קאפּיטאל זיך צו פערוווערטהען אין יעדען אויגענבליק—הגם דער שטראָם פון דער דאָזיגער איבער־בעפעלקערונג ווערט צוזאמענגעשטעלט פון אויסגעמאָרעטע מענשען־דורות, וואָס לעבען זיך שנעל אוים, וואָס שטופּען ראשיג איינעם דעם אנדערן ארוים, וואָס ווערן אויסגעפּליקט, אזוי צו זאָגען, נאָך איידער זיי ווערן רייף.[111] געוויס, פון דער אנדער זייט צייגט די ערפאהרונג יעדען פערשטענדיגען בעאָבאכטער, ווי די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציאָן, וועלכע האָט זיך, היסטאָריש גע־רעדט, אָנגעפאנגען ערשט נעכטען, האָט ראשיג און טיעף אָנגע־גריפען די פאָלקס־קראפט ביי איהר סאמע לעבענס־וואָרצעל; ווי די דעגענעראציע פון דער אינדוסטריעלער בעפעלקערונג געהט נאָר דעריבער אָן לאנגזאם, ווייל זי ציהט שטענדיג אין זיך אריין די פּרימיטיוו־קרעפטיגע לעבענס־עלעמענטען פון דאָרף; און זי בע־וויזט אויך, ווי אפילו די דאָרפישע ארבייטער—טראָץ דער פריי־

פאבריק־געזעצע פון 1850 מיט זיין רעגולירונג פון דער ארבייט־צייט א.אז.וו., מוז בעטראכט ווערן אלס די ענגלישע מושטער־אינדוסטריע. דער ענגלישער באוועל־ארבייטער שטעהט אין יעדער הינזיכט העכער איידער זיין אח לצרה אויפ'ן קאָנטינענט. „דער פּרייסישער פאבריק־ארבייטער ארבייט וועניגסטענס 10 שטונדען מעהר א וואָך איידער זיין ענגלישער קאָנקורענט, און אויב ער איז בעשעפטיגט אויף זיין אייגענעם וועב־שטוהל ביי זיך צו־הויז, זיינען אט די 10 שטונדען מעהר נאָך אויך ניט דער לעצטער גרעניץ.” („רעפּאָרטס אוו אינספּ. אוו פאקט.”, 31טען אָקטאָבער 1855, ז. 103.) דער אויבען־דערמאנטער פאבריק־אינספּעקטאָר רעדגראוו איז געפאהרן אויף דער אינדוסטריע־אויסשטעלונג פון 1851 אויפ'ן קאָנטינענט, ספּעציעל אין פראנקרייך און פּרייסען, כדי צו אונטער־זוכען די דאָרטיגע פאבריק־צושטענדע. וועגען דעם פּרייסישען פאבריק־ארבייטער זאָגט ער: „ער בעקומט א לוין, וואָס קלעקט זיך צו פערשאפען איינפאכע שפּייז און די קנאפּע אנגענעהמליכקייטען, צו וועלכע ער איז געוועהנט און מיט וועלכע ער שטעלט זיך צופריעדען.... ער לעבט ערגער און ארבייט שווערער איידער דער ענגלישער ארבייטער.” („רעפּאָרטס אוו אינספּ.”, 31טען אָקטאָבער 1853, ז. 85.)

[111] „די איבערגעארבייטעטע שטארבען אוועק אונגעהויער שנעל; אבער די פּלעצער פון די אונטערגעגאנגענע ווערן גלייך ווידער אויסגעפילט, און דאָס אָפטע בייטעניש פון די פּערזאָנען רופט ניט ארוים קיין ענדערונג אויף דער סצענע.” E. G. Wakefield: "England and America", London 1833, Vol. I, p. 55.

די פעסטשטעלונג פון א נאָרמאַלען ארבייטס־טאָג איז א רעזולטאט פון א פיעל־הונדערטיאָהריגען קאמף צווישען קאפיטאַ־ליסט און ארבייטער. די געשיכטע פון אָט דעם קאמף צייגט אָבער צוויי אנטקעגען־געזעצטע שטרעמונגען. לאָמיר פערגלייכען צ.ב.ש. די ענגלישע פאבריק־געזעצגעבונג פון אונזער צייט מיט די ענגלישע ארבייטער־געזעצען [Statutes of Laborers] פון 14טען י.ה., ביז טיעף אריין אין מיטען פון 18טען י.ה[115] בעת דאָס מאָדערנע פאבריק־געזעץ קירצט אָב דעם ארבייטס־טאָג על פי צוואנג, האָבען יענע סטאטוטען פערקעהרט געזוכט איהם צו פערלענגערן מיט געוואלט. געוויס, די פרעטענזיעס פון קאפיטאל אין עמבריאָ־צושטאנד — ווען ער פערזיכערט זיך, אָנהויבענדיג אָקאָרשט צו וואקסען, מיט דעם רעכט אריינצוזויגען א גענוגענדען סכום מעהר־ארבייט, ניט נאָר דורך דער מאכט פון די עקאָנאָמישע פערהעלטענישען, נאָר אויך דורך דער הילף פון דער שטאאט־מאכט —זעהען אוים זעהר בעשיידען ווען מען פערגלייכט זיי מיט די קאָנצעסיעס, וואָס ער מוז מאכען, פערבייסענדיג די צייהן און ראנגלענדיג זיך, איצטער אין זיין דערוואקסענעם צושטאנד. עס נעהמט הונדערטער יאָהרען, ביז דער „פרייער" ארבייטער, א דאנק דעם ענטוויקעלטען קאפיטאליסטישען פראָדוקציאָנס־אופן, שטימט איין פרייוויליג, דאָס הייסט, איז געזעלשאפטליך געצוואונגען, צו פערקויפען זיין גאנצע טהעטיגע לעבענס־צייט, זיין ארבייטס־פע־היגקייט גופא, פאר דעם פרייז פון זיינע געוועהנהייט־מעסיגע לע־בענסמיטלען—זיין בכורה פאר א טאָפּ לינזען. עס איז דעריבער נאטירליך, אז די פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג, וואָס קא־פיטאל האָט געזוכט פון מיטען 14טען י.ה. ביז סוף 17טען י.ה. ארויפצוצווינגען דורך דער מאכט פון שטאאט אויף די דערוואק־

צו די פאבריק־ארבייטער, האָבען זיי אויפגערופען ערנסט אנצופיהרען אן אגי־טאציע פאר א 9 שטונדען־טאָג, און האָבען זיי פערשפּראָכען צו שטיצען מיט געלד־מיטלען פאר אָט דעם צוועק!

[115] אָט די ארבייטער־געזעצען, וועלכע מען געפינט אין דערזעלביגער צייט אויך אין פראנקרייך, די ניעדערלענדער און אנדערשוואו, זיינען ערשט אין יאהר 1813 פאָרמעל אבגעשאפט געווארען אין ענגלאנד, נאכדעם ווי זיי זיינען שוין בעזייטיגט געווארען א לענגערע צייט פריהער דורך די געענדערטע אופנים פון דער פראָדוקציאָן.

אלע געשרייען וועגן די פיזישע און גייסטיגע פערדאַרבונגען, וועגן דעם פריהצייטיגען טויט און דער מאַטערניש פון איבער־ארבייט, ענטפערט קאַפּיטאַל: זאָל אַט דער קומער אונז קימערן, בעת ער פערמעהרט אונזער לוסט (דעם פּראָפיט)? איינגאַנצען גענומען אָבער, העננט עס אפילו ניט אָב פון דעם גוטען אָדער בייזען ווילען פון דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט. די פרייע קאָנ־קורענץ ברענגט ארויס די אימאַנענטע געזעצען פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָדוקציאָן, ווי אַן אויסערליך צוואַנג־געזעץ לגבי דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט.[114]

די ארבייטער איז ארויסגעצוואונגען געוואָרן אויף די פאַבריקאַנטען.״ (״טיימז״, 5טען נאָוועמבער, 1861.) ״די מענער פון וועסט ריידינג זיינען געוואָרן די טוך־מאַכער פאַר דער מענשהייט.... דאַס געזונד פונ׳ם ארבייטער־פאָלק איז געאָפּפערט געוואָרן און די ראַסע וואָלט אין אייניגע דורות דעגענערירט געוואָרן, עס איז אָבער אריינגעטראָטען אַ רעאַקציע. די שטונדען פון דער קינדער־ארבייט זיינען בעגרעניצט געוואָרן א.אז.וו. Report of the Registrator General for Otcober, 1851.

[114] מיר געפינען דעריבער צ.ב.ש. אַז אנהויב יאָהר 1863 האָבען 26 פירמען, וועלכע בעזיצען זעהר גרויסע טעפּערייען אין סטאַפּאָרדשיר, צווישען זיי געפינט זיך אויך דזש. וועדזשוואוד און זיהן, פּעטיציאָנירט אין אַ דענק־שריפט פאַר „געוויסע לעגיסלאַטיווע איינפיהרונגען״. „די קאָנקורענץ מיט אַנדערע קאַפּיטאַ־ליסטען„ ערלויבט זיי ניט איינצופיהרן קיין „פרייוויילינגע״ בעשרענקונג פון דער ארבייטצייט פון קינדער א.אז.וו. „וויפיעל מיר זאָלען ניט בעקלאָגען די אויבען־דערמאַנטע איבלען, איז אָבער אונמעגליך זיי צו בעזייטיגען דורך אַ וועלכער עס איז איינשטימונג צווישען די פאַבריקאַנטען.... אין אַנבעטראַכט פון אַט די אלע פּונקטען, זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז נויטיג איינצופיהרען אַ צוואַנג־געזעץ.״ Caildren's Employment Commission, 1st Rep. 1863. 322.

צוזאַץ צו דער צווייטער אויפלאַגע. אַ פיעל מעהר שלאַגענדען ביישפּיעל גיט אונז די נאָר לעצטע צייט. די הויכע פּרייזען פון באַוועל אין משך פון אַ פּעריאָדע פון פיעבערהאַפטיגער בעשעפטיגונג האָט מיטגעבראַכט די בעזיצער פון באַוועל־וועבערייען אין בלעקבוירן, זיי זאָלען דורך אַ געמיינשאַפטליכען אָבמאַך קירצער מאַכען די ארבייט־צייט אין זייערע פאַבריקען אויף אַ בעשטימ־טען טערמין. דער דאָזיגער טערמין האָט זיך געענדיגט ארום דעם סוף נאָ־וועמבער 1871. דערווייל האָבען די רייכערע פאַבריקאַנטען, וועלכע טהוען שפּינעריי און וועבעריי צוזאַמען, אויסגענוצט די פערקלענערונג פון דער פּראָ־דוקציאָן, וואָס איז געקומען מחמת יענעם אָבמאַך, אויסצוברייטערן זייער איי־גענעם געשעפט און אויף דעם אופן מאַכען גרויסע פּראָפּיטען אויפ׳ן חשבון פון די קלענערע מייסטערס. די לעצטע האָבען זיך אין זייער נויט געווענדעט—

פערנינפטינגע פרייזען (ד.ה. פאר אזוינע פרייזען, וואס זאלען אי־בערלאזען פאר די ארבייט־געבער א פערנינפטינען סכום מעהר־ארבייט) באמת געווען אן אונערטרעגליכע."[117] פערנינפטינגע אר־בייט־שכירות זיינען דעריבער דיקטירט געווארן על פי געזעצליכען צוואנג, אויפ'ן זעלבען אויפן ווי עס איז דיקטירט געווארן די גרעניץ פון דעם ארבייטס־טאג. דער לעצטער פונקט, דער איינ־ציגער וואס אינטערעסירט אונז דא, איז איבערגע'חזר'ט אין דעם סטאטוט פון יאהר 1496 (אונטער הענרי דעם 7טען). דער ארבייטס־טאג פאר אלע האנדווערקער און ערד־ארבייטער, פון מארץ ביז סעפטעמבער האט, לויט דעם סטאטוט, געזאלט זיין, וואס איז אבער קיינמאל ניט דורכגעפיהרט געווארן, פון 5 אוהר אין דער פריה ביז צווישען 7 און 8 אוהר אבענדס; אבער די שטונדען פאר מאהלצייטען זיינען בעשטאנען פון 1 שטונדע אויף פריהשטיק, 1½ שטונדע אויף מיטאג־עסען און ½ שטונדע אויף עפעס „איבערכאפען" אום 4 אוהר; ד.ה. פונקט נאך אמאל אזוי־פיעל, ווי עס ווערט געגעבען לויט דעם איצטינגען פאבריק־אקט.[118]

ווינטער מיז געארבייט ווערן פון 5 אוהר אין דער פריה ביז

---

[117] „סאפיזם און פרי טרייד", 7טע אויסגאבע, לאנדאן 1850, ז. 205. דער־זעלבינער טארי גיט איבעריגענס צו: פארלאמענט־אקטען, וועלכע האבען רע־גולירט די ארבייטס־שכירות נעגען די ארבייטער און לטובת פון די ארבייט־געבער האבען זיך געהאלטען דורך דער לאנגער פעריאדע פון 464 יאהר. די בעפעלקערונג איז געוואקסען. די דאזיגע געזעצען זיינען געווארן איבערפליסיג און זיינען א לאסט." ד. ג., ז. 206.

[118] דזש. ווייד בעמערקט גאנץ ריכטיג בנוגע אט דעם סטאטוט, ווי פאלגט: פון דעם סטאטוט פון יאהר 1496 קומט אויס, אז די אויסגאבען אויף נאהרונג האט בעטראפען א דריטעל פון דער הכנסה פון א האנדווערקער און א העלפט פון דער הכנסה פון אן אגריקולטור־ארבייטער, און דאס ווייזט אן, אז די אר־בייטער זיינען דא געווען אונאבהענגיקער איידער איצטער, ווען די נאהרונג פון די ארבייטער סיי אין אגריקולטור, סיי אין מאנופאקטור מאכט אויס א פיעל־גרעסערן טייל לפי ערך פון זייערע שכירות." (דזש. ווייד, „היסטארי אוו דהי מידל אנד ווארקינג קלאססעס", דריטע אויפלאגע, לאנדאן 1835, ז. 24, 25, 577.) די מיינונג אז דער חלוק נעהמט זיך פון דעם חלוק אין די פרייזען פון די נאהרונגס־מיטלען און קליידער צווישען היינט און דאמאלסט, ווערט צוריקגע־וויזען, ווען מען קוקט נאר אריין אפילו אויבערפלעכליך אין „כראניקאן פרע־טיאזום עטצ." פון בישאף פליטוואוד, 1טע אויפלאגע, לאנדאן 1707. 2טע אויסגאבע, לאנדאן 1745.

סענע אַרבייטער, זאָל אומגעפעהר זיך צונויפקומען מיט'ן גרעניץ אויף דער אַרבייט־צייט, וואָס איז אין דער צווייטער העלפט פון 19טען י.ה. געשטעלט געוואָרן אין פערשיידענע פּלעצער דורכ'ן שטאַאט אַבצוהאַלטען די פערוואַנדלונג פון קינדער־בלוט אין קאַ־פּיטאַל. דאָס וואָס היינט ווערט פּראָקלאַמירט אַלס אַ שטאַאַט־בעשרענקונג פון דער אַרבייט פון קינדער אונטער 12 יאָהר, אין דעם שטאַאַט מאַסאַטשוסעטס צ.ב.ש., וואָס איז ביז גאָר ניט לאַנג געוועזן דער פרייעסטער שטאַאַט פון דער נאָרד־אַמעריקאַני־שער רעפּובליק, איז נאָך אין מיטען פון 17טען י.ה. אין ענגלאַנד געוועזן דער נאָרמאַלער אַרבייטס־טאָג פאַר פול־בלוטיגע האַנד־ווערקער, שטאַרק־געזונטע ערד־אַרבייטער און ריעזענהאַפטע שמיעדען.[116]

דער ערשטער „סטאַטוס אוו לייבאָרערס" (1349, אין 23טען יאָהר פון עדוואַרד דעם דריטענ'ס מלוכה) האָט געהאַט פאַר זיך דעם דירעקטען אויסרייד (ניט די „אורזאַך", וואָרים אַט דער סאָרט געזעצגעבונג האַלט אָן הונדערטער יאָהרען אָהן דעם אויסרייד) די אומשטענדען פון דער גרויסער פעסט, וועלכע האָט געמאַכט אַ תל פון דער בעפעלקערונג, אַזוי אַז לויט די ווערטער פון אַ טאָרי־שריפטשטעלער איז „די שוועריגקייט צו קריגען אַרבייטער פאַר

---

[116] „קיין קינד אונטער 12 יאָהר אַלט טאָר ניט בעשעפטיגט ווערן אין קיין סאָרט פאַבריק לענגער ווי 10 שטונדען אַ טאָג." (דזשענעראַל סטאַטוטס אוו מאַסאַטשוסעטס, 63, טש. 12. די פערשיידענע געזעצען זיינען איינגעפיהרט געוואָרן אין די יאָהרען 1836 ביז 1858.) „אַן אַרבייטס־צייט פון 10 שטונדען אַ טאָג זאָל בעטראַכט ווערן אַלס אַ געזעצליכער אַרבייטס־טאָג אין אַלע בעשעפ־טיגונגען פון דער באַוועל־, וואָל־, זיידענס־, פּאַפּיער־, גלאָז־ און פלאַקס־אינדו־סטריע, ווי אויך אין דער אייזען־ און מעטאַל־אינדוסטריע. עס ווערט איינגע־פיהרט, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָל קיין קינד, וואָס איז בעשעפטיגט אין וועלכער עס איז פאַבריק, ניט פערהאַלטען אָדער אויפגעפאָדערט ווערן צו אַר־בייטען לענגער ווי 10 שטונדען אַ טאָג אָדער 60 שטונדען אַ וואָך. קיין קינד אונטער דעם עלטער פון 10 יאָהר טאָר ניט אַנגעשטעלט ווערן אַלס אַרבייטער אין קיין פאַבריק וואָס געפינט זיך אין אַט דעם שטאַאַט." (סטייט אוו ניו דזשערסיע, אַן אַקט טו לימיט דהי אַאורס אוו לייבאָר עטצ., 61 און 62—געזעץ פון 11טען מאַרץ 1855.) „קיין קינד אין עלטער פון 12 ביז 15 יאָהר טאָר ניט אַרבייטען אין קיין פאַבריק לענגער ווי 11 שטונדען אַ טאָג, אָדער פאַר 5 אוהר אין דער פריה אָדער נאָך 7½ אוהר אַבענדס." „ריוויייזט סטאַטוטס אוו דהי סטייט אוו רהאָד איילאַנד עטצ.", טש. 39, 23§, 1טער יולי 1857.)

ענגלאנד טהוען גארנישט ביז דער צייט, וואס זיי ווערן לעהר־לינגע, און דעריבער מוז זיי נאטירליך נעהמען א לאנגע צייט—7 יאהר—ביז זיי בילדען זיך אויס אלס פאלקאמענע האנדווערקער.״ דייטשלאנד, פערקעהרט, ווערט געריהמט פארוואס דארטן „ווערן די קינדער ערצויגען צו האבען וועניגסטענס א וועלכע עס איז קליינע בעשעפטיגונג גלייך פון וויגעלע אן.״[120]

---

[120] "A Discourse on the Necesity of Encouraging Mechanic Industries." לאנדאן 1869, ז. 13. מאקאליי, וועלכער האט געפעלשט די ענגלישע געשיכטע אין די אינטערעסען פון די וויהגס און דער בורזשואזיע, דערקלערט, ווי פאלגט: „די פראקטיק צו שטעלען קינדער צו דער ארבייט פאר דער צייט האט געהערשט אין 17טען יאהרהונדערט ביז צו כמעט אן אונגלויבליכען גראד פאר דעם דע־מאלטדיגען צושטאנד פון דער אינדוסטריע. אין נאריטש, דעם הויפט־צענטער פון דער וואלענס־אינדוסטריע, האט מען א קינד פון 6 יאהר געהאלטען פאר ארבייט־פעהיג. פערשיידענע שריפטשטעלער פון יענער צייט, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אייניגע, וואס זיינען בעטראכט געווארן אלס העכסט וואוילטהעטיגע מענשען, האבען מיט „עקזולטאציאן״ (ענטציקונג) דערמאנט דעם פאקט, אז אין דער דאזיגער שטאדט האבען די אינגלעך און מיידלעך אליין געשאפען א רייכטום, וואס האט בעטראפען אין איין יאהר 12 טויזענד פונט סט. אריבער זייערע אייגענע לעבענס־קאסטען. וואס גענויער מיר אונטערזוכען די געשיכטע פון דער פערגאנגענהייט, אלץ מעהר גרונד געפינען מיר צו פערווארפען די מיינונג פון די וואס האלטען, אז אונזער צייט־אלטער רופט ארויס אזויפיעל נייע סאציאלע איבלען. וואס עס איז ניי, איז די אינטעליגענץ, וועלכע ענטדעקט די איבלען און די הומאניטעט, וועלכע היילט זיי.״ („היסטארי אוו ענגלאנד״, באנד 1, ז. 419.) מאקאליי האט נאך ווייטער געקאנט בעריכטען, אז „העכסט וואוילטהעטיגע״ אמי דע קאמערס [פריינד פון מסחר] האבען אין 17טען י.ה. דערצעהלט מיט „עקזולטאציאן״, ווי אין א הויז פאר ארימע אין האלאנד האט מען א קינד פון 4 יאהר געגעבען ארבייט, און אז אט די „פראקטיש אנגעווענדטע טוגענד״ איז אין אלע שריפטען ארויסגעשטעלט געווארן אלס מושטער פון אזוינע הומאניטאריער ווי מאקאליי, ביז צו דער צייט פון אדאם סמיטה. עס איז ריכטיג, אז מיט דעם אריינטרעטען פון מאנופעקטור, אין אונטערשייד פון האנד־ווערק, ציינען זיך שפורען פון קינדער־עקספלואטאציע, וועלכע האט פון לאנג אן עקזיסטירט ביז א געוויסען גראד צווישען די פויערים, און איז געווען אלץ מעהר ענטוויקעלט, וואס שווערער עס איז געווען דער יאך, וואס איז אויף זיי געלעגען. די טענדענץ פון קאפיטאל איז קלאר, אבער די פאקטען גופא קומען פאר אזוי זעלטען, ווי די ערשיינונג פון קינדער מיט צוויי קעפ. זיי זיינען דעריבער פערצייכענט געווארן „מיט עקזולטאציאן״ פון ווייט־זעהענדע „אמי דע קאמערס״ אלס בעזונדערס מערקווירדיג און ווערטה צו בעוואונדערן, און זיינען רעקאמענדירט געווארן צו זייער דור און די שפעטיגערע דורות פאר נאכאהמונג.

עס ווערט טונקעל, אויך מיט דיזעלבע הפסקות. א סטאַטוט פון קווין עליזאַבעטה, פון יאָהר 1562, פאַר אַלע אַרבייטער, „געדונגען פאַר לוין פון טאָג אָדער פון וואָך", ריהרט ניט אָן די לענג פון'ם אַרבייטס־טאָג, נאָר ער זוכט צו בעשרענקען די הפסקות אויף 2½ שטונדען אום זימער און 2 שטונדען אום ווינטער. דאָס מיטאָג־עסען זאָל נאָר געדויערן 1 שטונדע און „דער נאָכמיטאָג־שלאָף פון ½ שטונדע" זאָל זיין ערלויבט נאָר צווישען מיטען מאַי און מיטען אויגוסט. פאַר יעדער שטונדע אָבוועזענהייט זאָל אַרונטער־געהן 1 פעני פון דעם לוין. אויף דער פּראַקטיקע אָבער זיינען די פערהעלטענישען געווען פיעל גינסטיגער פאַר די אַרבייטער איידער אין דעם סטאַטוטען־בוך. ווילליאַם פּעטטי, דער פאָטער פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אין א געוויסען ערך דער ערפינדער פון סטאַטיסטיק, זאָגט אין זיינער א שריפט, וואָס ער האָט פערעפענטליכט אין לעצטען דריטעל פון 17טען י.ה.: „אַר־בייטער („לייבאָרינג מען", אייגענטליך זיינען עס דאַמאָלסט גע־ווען אַקערבוי־אַרבייטער) אַרבייטען 10 שטונדען א טאָג און עסען 20 מאָהלצייטען א וואָך, 3 מאָהלצייטען טעגליך אין מיטענוואָך און 2 מאָהלצייטען אום זונטאָג; דערפון זעהט מען קלאָר, אז אויב זיי וואָלטעי פרייטאָג־צו־נאַכט געפאַסט און וואָלטען פער־נומען 1½ שטונדע אויף מיטאָגעסען, אנשטאָט וואָס זיי פערברוי־כען איצט דערויף 2 שטונדען, פון 11 ביז 1; ד.ה. ווען זיי וואָלטען 1/20 מעהר געאַרבייט און 1/20 ווייניגער פערצעהרט, וואָלט זיך גע־לאָזט צונויפנעהמען א צעהנטעל פון דעם אויבען־דערמאָנטען שטייער." [119] איז דען ניט דר. אַנדריו אורע געווען גערעכט, ווען ער האָט פערשריען דעם צוועלף־שטונדיגען געזעץ־פּראָיעקט פון 1833 אַלס א טריט צוריק צו דעם פינסטערן מיטעלאַלטער? עס איז אמת, אז די רעגולירונגען פון די סטאַטוטען, ווי אויך די רע־גלען, וועלכע פּעטטי דערמאָנט, האָבען גענאָלטען אויך פאַר די „אַפּרענטיסעס" (לעהרלינגע). ווי עס האָט אָבער געהאַלטען מיט דער קינדער־אַרבייט, נאָך ביים סוף 17טען י.ה., קאָן מען אַרויס־זעהן פון דער פאָלגענדער קלאַגע: „אונזערע יונגווארג דאָ אין

[119] וו. פּעטטי: „פּאָליטיסאַל אַנאַטאָמיע אָוו אָיירלאָנד", ווערבּום סאַפּיענטי 1672, אויסגאַבע 1691, ז. 10.

מערקזאם אויף די אויטגעדראָשענע פראזען, וואָס קומט אויס צו הערן פון צו־פיעלע, אז אויב די ארבייטער (Industrious poor) קאָנען אין 5 טעג בעקומען גענוג אויף צו לעבען, וועלען זיי ניט ארבייטען די גאנצע 6 טעג. דערפון דרינגען זיי ארויס די נויט־ווענדיגקייט צו מאַכען טייערער די נויטיגע לעבענסמיטלען דורך שטייערן אָדער וועלכע עס איז אנדערע מיטלען, כדי צו צווינגען דעם האנדווערקער און פאבריק־ארבייטער צו ארבייטען גאנצע 6 טעג א וואָך אָהן אָן אויפהער. איך מוז בעטען אום ערלויבניש צו האָלטען אַנאַנדער מיינונג איידער די דאָזיגע גרויסע פּאָליטי־קער, וועלכע קעמפפען פאר דער בעשטענדיגער שקלאַווערײַ פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג פון אָט דעם קעניגרייך (the perpetual Slavery of the Working people; זיי פערגעסען דעם שפּריכוואָרט: „אָלל וואָרק אנד נאָ פּלעי" [„מייקס דזשעק א דאָל באָי": נאָר ארבייטען און גאָרניט שפּיעלען מאכט דזשעק'ן פאר א דומען יונג]. בעריהמען זיך ניט די ענגלענדער מיט דער געניאַליטעט און געשיקטקייט פון זייערע האַנדווערקער און מאַנופאקטור־ארבייטער, וועלכע האָבען ביז איצט בעריהמט געמאכט און פערשאפט א רעפּוטאציע די ענגלישע סחורות אין אַלגעמיין? וועלכען אומשטאַנד האָט מען דאָס געהאַט צו פערדאַנקען? וואהר־שיינליך קיין אנדערן ניט, ווי נאָר דעם אייגענאַרטיגען אופן ווי אזוי אונזער ארבייטס־פאָלק פערברענגט זיין פרייע צייט. ווען זיי וואָלטען געווען געצוואונגען צו האָרעווען א גאנצען רונדען יאָהר, אַלע 6 טעג אין וואָך, ווידערהאָלענדיג אַלץ דיזעלביגע ארבייט, וואָלט עס דען ניט אָבגעשטומפּט זייער געניאַליטעט און זיי געמאכט דום און פויל אנשטאט מונטער און געשיקט; און וואָלטען דען ניט אונזערע ארבייטער, מחמת אזא אייביגער שקלאַ־ווערײַ, פערלאָרן זייער רעפּוטאציע אנשטאט זי אויפצוהאַלטען? ...וואָס פאר א סאָרט האַנדווערקערײַ וואָלטען מיר געקאָנט דער־ווארטען פון אזוינע איבער־געהאָרעוועטע בהמות?... א סך פון זיי טהוען אויף אַזויפיעל ארבייט אין 4 טעג וויפיעל א פראנ־צויז אין 5 אָדער 6 טעג. ווען אָבער ענגלענדער זאָלען מוזען ווערן אייביגע לאַסט־ארבייטער, קאָן מען מורא האָבען, אז זיי וועלען דעגענערירט ווערן ערגער ווי די פראנצויזען. ווען אונזער פאָלק איז בעריהמט פאר זיין בראַווקייט אין קריעג, זאָגען מיר

נאָך אין פערלויף פונ'ם גרעסטען טייל פון 18טען יאָהרהונ־דערט, ביז צו דער עפּאָכע פון דער גרויס־אינדוסטריע, האָט זיך דעם ענגלישען קאפּיטאַל ניט איינגעגעבען צו פערכאפּען דעם אר־בייטער'ס גאנצע וואָך, בעצאָהלענדיג איהם דעם וועכענטליכען ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט—מיט דער אויסנאהמע, אמת, פון די אגריקולטור־ארבייטער. דער פאקט, וואָס זיי האָבען גע־קאָנט לעבען א גאנצע וואָך אויף דעם לוין פון 4 טעג, האָבען די ארבייטער ניט געהאלטען פאר א גענינענדען גרונד, פארוואָס זיי זאָלען די אנדערע 2 טעג אויך ארבייטען פאר דעם קאפּיטאליסט. איין צד פון ענגלישע עקאָנאָמען האָבען אין דיענסט פון קאפּיטאַל מורא'דיג געשטורעמט פאר דעם דאָזיגען איינגענזין פון די ארביי־טער, אן אנדער צד האָט פערטיידיגט די ארבייטער. לאָמיר צ.ב.ש. זיך צוהערן צו דער פּאָלעמיק צווישען פּאָסטלטהוויים, וועמעס האנ־דעלס־ווערטערבוך האָט דאן געהאט דיזעלבע רעפּוטאציע ווי די עהנליכע ווערק פון מאקולאָך און מאקגרעגאָר היינטיגען טאָג, און דעם פריהער ציטירטען פערפאסער פון דער „עססעי אן טרייד אנד קאָממערס.“[121]

פּאָסטלטהוויים זאָגט צווישען אנדערעס: „איך קאָן ניט פערענדיגען אָט די עטליכע בעמערקונגען, ניט מאַכענדיג אויפ־

דערזעלבינער שאָטישער היפּאָקריט און שעהן־רעדנער מאַקאַליי זאָגט: „היינט הערט מען נאָר וועגען ריקשריט און מען זעהט נאָר פּאָרטשריט.“ וואָס פאָר'ע אויגען דאָס האָט, און ספּעציעל וואָס פאָר'ע אויערן!

[121] צווישען די קטיגרים אויף די ארבייטער איז דער דערמאָנטער אנאָנימער פערפאסער פון: "An Essay on Trade and Commerce, Containing Observations on Taxation etc.", London, 1707 דער בייזעסטער. שוין פריהער איז ער ארויסגעטראָטען אין אזא ראָליע אין זיין שריפט "Considerations on Taxes' לאָנדאָן 1765. אויך פּאָלאָניוס ארטהור יאָנג, דער אונבעשרייבליכער סטאָטיסטישער קוואָטשער, נעהט אין דערזעלבער ליניע. צווישען די פערטיידיגער פון די ארבייטער שטעהען אויבען אן: יאַקאָב וואַנדערלינט, אין "Money answers all things" לאָנדאָן 1734; רעווערענד נאַטהאַניעל פאָרסטער אין "An Enquiry into the Causes of the Present Price of Provisions" לאָנדאָן 1767; דר. פּרייס, און דערהויפּט פּאָסטלטהוויים אין א סופּלמענט צו זיין "Universal Dictionary of Trade and Commerce" ווי אויך אין "Great Britain's Commercial Interest Explained and Improved", 2d Ed. לאָנדאָן 1755. די פאַקטען גופא געפינט מען בעשטעטיגט ביי פיעלע אנדערע שריפטשטעלער פון יענער צייט, צווישען אנדערע ביי דזשאָסיא טאָקער.

פון די אָרימע (פון דעם אַרבייטער) אונטער איין נאָמען; רופט זיי אָן, למשל, וּוייץ, און נעהמט אָן, אז א בושעל ווייץ קאָסט 5 שילינג, און אז ער [דער פאבריק־אַרבייטער] פערדיענט א שילינג א טאָג דורך זיין ארבייט: ער וואָלט דאן געמוזט אַרבייטען בלויז 5 טעג אין וואָך. וואָלט דער בושעל ווייץ געקאָסט ניט מעהר ווי 4 שילינג, וואָלט ער געמוזט אַרבייטען בלויז 4 טעג. אַזוי ווי אָבער דער אַרבייטס־לוין אין אָט דעם קעניגרייך שטעהט פיעל העכער לפי ערך צו דעם פרייז פון די לעבענסמיטלען... האָט דער פאבריק־אַרבייטער, וואָס אַרבייט 4 טעג, אָן איבערפלוס פון געלד צו לעבען אויף דעם די איבעריגע צייט פון וואָך אין פויל־קייט.... איך האָף, איך האָב געזאָגט גענוג צו מאכען עס קלאָר, אז מעסיגע אַרבייט 6 טעג א וואָך איז ניט קיין שקלאַווערײ. אונזערע אגריקולטור־אַרבייטער טהוען דאָס, און ווי עס זעהט אוים זיינען זיי די גליקליכסטע פון אַלע אונזערע אַרבייטער (Laboring poor).[123] אָבער די האָלענדער טהוען דאָס אויך אין די פאבריקען און שיינען צו זיין א זעהר גליקליך פאָלק. די פראנצויזען טהוען עס, ווען עס מישען זיך ניט אריין קיין פייער־טעג אין מיטען.[124] אָבער אונזער המון האָט זיך אריינגענומען א געדאנק, אז אַלס ענגלענדער האָבען זיי א מיט־געבוירענע פריי־ווילעגיע צו זיין פרייער און אונאָבהענגיקער איידער אין א וועלכען עס איז אַנדער לאַנד אין אייראָפּא. מילא, אויף ווי ווייט אָט די אידעע קאָן האָבען א ווירקונג אויף דער העלדישקייט פון אונ־זערע סאָלדאטען, קאָן עס האָבען א געוויסען נוצען; אָבער וואָס ווייניגער די פאבריק־אַרבייטער האָבען אָט דעם גדאנק, איז גאַנץ זיכער אַלץ בעסער פאַר זיי און פאַר דעם שטאַאט. די אַרבייטס־מענשען דאַרפען זיך קיינמאָל ניט האַלטען אונאָבהענגיק פון די וואָס שטעהען העכער פאַר זיי.... עס איז אויסערסט געפעהרליך

---

[123] ר. ג. ער אַליין דערצעהלט, ז. 96, אין וואָס דאָס גליק פון די ענגלישע אגריקולטור־אַרבייטער איז בעשטאַנען, שוין אין יאָהר 1770. „זייערע אַרבייטס־קרעפטען זיינען אַנגעשטרענגט ביז'ן העכסטען פונקט; זיי קאָנען ערגער ניט לעבען ווי זיי לעבען איצטער און קאָנען ניט שווערער אַרבייטען."

[124] דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט שוין געשפּיעלט א וויכטיגע ראָליע אין דער ענטשטעהונג פון קאַפּיטאַל, דורכדעם וואָס ער האָט פערוואַנדעלט אַלע טראַדי־ציאָנעלע פייערטעג אין אַרבייטס־טעג.

ניט, אַז דאָס איז צו פֿערדאַנקען דעם גוטען ענגלישען „ראָאסט ביעף און פּודינג" אין זייער מאָגען, אַזוי גוט ווי זייער קאָנסטיטוציאָנעלען גייסט פֿון פֿרייהייט? און פֿאַרוואָס זאָל מען ניט מעגען פֿערדאַנקען די גרעסערע געניאַליטעט, ענערגיע און געשיקטקייט פֿון אונזערע האַנדוועדקער און מאַנופֿאַקטור־אַרבייטער דער פֿרייהייט צו פֿיהרען זיך אויף זייער אייגענעם אופֿן? איך האָף, אַז זיי וועלען קיינמאָל ניט בערויבט ווערן פֿון די דאָזיגע פּריווילעגיען און דעם גוטען לעבען, פֿון וואַנען זייער טיכטיגקייט אַלס אַרבייטער און זייער מוטה שטאַמען זיכער אָב."[122]

אויף דערויף ענטפֿערט דער פּערפֿאַסער פֿון דער „עססעי אָן טרייד אַנד קאָממערס": —

„אויב האַלטען דעם זיעבעטען טאָג פֿון וואָך פֿאַר אַ פֿייערטאָג רעכענט זיך פֿאַר אַ געטליכער איינריכטונג, און אַזוי ווי דערפֿון איז געדרונגען, אַז די אַנדערע וואָכעדיגע טעג דאַרפֿען זיין אָבגעגעבען צו אַרבייט (ער מיינט צום קאַפּיטאַל, ווי מען קאָן עס גלייך זעהן *), קאָן דאָס דורכזעצען פֿון אָט דעם גאָט'ס געבאָט זיכער ניט הייסען זיין גרויזאַם.... ווי ריכטיג עס איז, אַז די מענשהייט בכלל איז בטבע גענייגט צו בעקוועמליכקייט און פֿוילקייט, זעהען מיר אין דער געפֿעהרליכער ערפֿאַהרונג פֿון אונזער פֿאַבריק־אַרבייטער המון, וועלכער אַרבייט דורכשניטליך ניט מעהר ווי 4 טעג אַ וואָך, אויסער אין פֿאַל ווען די לעבענסמיטלען ווערן זעהר טייער.... נעהמט אַ שטייגער אַריין אַלע לעבענסמיטלען

---

[122] פֿאַסטלטהוויים, דאָרט גופֿא: "First Prelimenary Discourse" ז. 14.

* אָט די איינגערינגעלטע בעמערקונג, שיינט מיר, איז גאַנץ איבעריג; וואָרים עס איז קלאָר, אַז די ווערטער „אָבגעגעבען צו אַרבייט" Apropriating to Labor מיינט ניט צו די אַרבייטער־אינטערעסען אָדער צו דעם אַרבייטער־קלאַס, ווי דאָס וואָרט „לייבאָר" ווערט אָפֿטמאָל בענוצט אַלס געגענזאַץ צו „קאַפּיטאַל", נאָר פּשוט „צו אַרבייטען" אין געגענזאַץ צו „רוהען". דער שרייבער אין זיין פּאַרצייטיגען ענגליש זאָגט גאַנץ קלאָר: אויב גאָט האָט געהייסען דעם זיעבעטען טאָג רוהען, איז דערפֿון געדרונגען, אַז די אַנדערע 6 טעג דאַרף מען אַרבייטען.— די ציטאַטע אינגאַנצען איבערזעץ איך גענויער צו דעם אָריגינעלען ענגלישען טעקסט, וועלכער אונטערשיידט זיך פֿון מאַרקס'עס טעקסט אין אייניגע אויפֿדרוק־פֿאָרמען. — איבערזעצער.

אַז עס שלאָגט שוין די לעצטע שטונדע פון דער ענגלישער אינדוסטריע! אין 1852, ווען לואי באָנאַפּאַרט האָט געזוכט צו שטעהן אויף אַ גוטען פוס מיט דער בורזשואזיע און געוואָלט מאַכען ענדערונגען אין דעם געזעצליכען ארבייטס־טאָג, האָט דאָס פראַנצויזישע ארבייטער־פאָלק אויסגעשריען אין איין קול: „דאָס געזעץ, וואָס האָט פערקירצט דעם ארבייטס־טאָג צו 12 שטונדען, איז די איינציגע גוטע זאַך, וואָס איז אונז געבליבען פון דער געזעצגעבונג פון דער רעפּובליק!"[129] אין ציריך איז די ארבייט פון קינדער איבער 10 יאָהר בעשרענקט געוואָרן צו 12 שטונדען; אין ארגאו, אין יאָהר 1862, איז די ארבייט פון קינדער צווישען 13 און 16 יאָהר פערקירצט געוואָרן פון 12½ צו 12 שטונדען; אין עסטרייך, 1860, איז די ארבייט־צייט פאַר קינדער צווישען 14 און 16 יאָהר אויך אַזוי פערקירצט געוואָרן צו 12 שטונדען.[130]

---

[129] „זיי זיינען דערהויפּט געווען דאַגעגען צו אַרבייטען לענגער איידער 12 שטונדען, ווייל דאָס געזעץ, וואָס האָט פעסטגעזעצט די דאָזיגע אַרבייט־צייט, איז געווען דאָס איינציגע גוטע, וואָס איז געבליבען פון דער געזעצגעבונג פון דער רעפּובליק." („רעפּאָרטס אוו אינספּעקטאָר אוו פעקטאָריעס", 31טען אָקטאָבער, 1856, ז. 80.) דאָס פראַנצויזישע 12 שטונדען געזעץ פון 5טען סעפּטעמבער 1850, אַ בורזשואַזע אויסגאַבע פון דעם דעקרעט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג פון 2טען מאַרץ 1848, האָט זיך בעצויגען אויף אַלע אַרבייט־פּלעצער אָהן אונטערשייד. פריהער פאַר דעם געזעץ איז דער אַרבייטס־טאָג אין פראַנקרייך ניט געווען בעשרענקט. ער האָט געוועהרט אין די פאַבריקען 14, 15 שטונדען און מעהר. זעה „די אַרבייטער־קלאַסען אין פראַנקרייך אין פערלויף פון יאַהר 1848" (פראַנצ.) פון מ. בלאַנקי. הערר בלאַנקי דער עקאָנאָם, ניט דער רעוואָלוציאָנער, איז בעשעפטיגט געוואָרן פון דער רעגירונגס וועגען מיט אַן אונטערזוכונג פון דעם צושטאַנד פון די אַרבייטער.

[130] אויך בנוגע דער רעגולירונג פון דעם אַרבייטס־טאָג ווייזט זיך בעלגיען אַרויס פאַר אַ בורזשואַזען מוסטער־שטאַאַט. לאָרד האָוואַרד דע וועלדען, ענגלישער בעפאָלמעכטיגטער אין בריסעל, בעריכטעט דעם אויסווערטיגען מיניסטעריום דעם 12טען מאַי 1862: „דער מיניסטער ראָזשיע האָט מיר דערקלערט, אַז די קינדער־אַרבייט איז ניט בעשרענקט אויף קיין אופן סיי דורך אַן אַלגעמיינעם געזעץ, סיי דורך לאָקאַלע רעגולירונגען; אַז די רעגירונג האָט זיך אין פערלויף פון די לעצטע דריי יאָהר אַרומגעטראַגען מיט דעם געדאַנק אויף יעדער זיצונג פאָרצולעגען די קאַמערען אַ געזעץ וועגען דעם געגענשטאַנד, זי האָט אָבער שטענדיג זיך אָנגעשטויסען אויף גרויסע שטערונגען, וואָס האָבען זיך גענומען פון דער אייפערזיכטיגער אַנגסט אַנטקעגען װעלכער ניט איז געזעצגעבונג, וואָס געהט כנגד דעם פּרינציפּ פון פאָלסטענדיגער פרייהייט פון דער אַרבייט!"

צו ערמוטיגען דעם המון אין א קאמערציעלען שטאאט ווי אונזערן, וואו אפשר זיעבען אכטעל פון דער גאנצער בעפעלקערונג זיינען מענשען, וואס האבען וועניג אדער גארניט קיין אייגענטום.[125] די רפואה וועט ניט זיין פאלשטענדיג ביז וואנען אונזערע אינדוסט־ריעלע קבצנים וועלען זיך ניט צופריעדענשטעלען צו ארבייטען 6 טעג פאר דערזעלביגער סומע, וואס זיי פערדיענען איצטער אין 4 טעג."[126] פאר דעם צוועק, ווי אויך „כדי אויסצוראטען פוילענ־צעריי, הולטאיסטווע און שארלאטאניזם (Excess)", שטארקען דעם גייסט פון ארבייטזאמקייט, „ארונטערזעצען די ארבייטס־פרייזען אין אונזערע פאבריקען און לייכטער מאכען די לאסט פון דער „טאקסע פאר ארימע", שלאגט פאר אונזער „געטרייער עקארט" פון קאפיטאל דעם אויספרובירטען מיטעל: אריינצוזעצען אזוינע ארבייטער, וועלכע קומען אן צו צדקה, מיט איין ווארט פאופערס, אין א „אידעאלען ארבייטס־הויז ("Ideal Workhouse")". דאס דאזיגע הויז דארף זיין א „הויז פון שרעק",[127] ניט א שוץ־הויז, וואו „זיי ווערן גוט געקעסטיגט, ווארעם און אנשטענדיג געקליידט און וואו זיי טהוען בלויז א קליין ביסעל ארבייט." אין אזא „הויז פון שרעק", אין אט דעם „אידעאלען ארבייטס־הויז" „דאר־פען די ארימע ארבייטען 14 שטונדען א טאג, אן געבענדיג זיי גענוג צייט אויף מאהלצייטען, מוז אבער בלייבען פולע 12 שטונדען אויף צו ארבייטען."[128]

12 ארבייטס־שטונדען א טאג אין דעם "Ideal Workhouse" אין דעם הויז פון שרעקען פון דעם יאהר 1770! 63 יאהר שפע־טער, אין 1833, ווען דער ענגלישער פארלאמענט האט אין 4 פאבריק־צווייגען פערקירצט דעם ארבייטס־טאג פאר קינדער פון 13 ביז 18 יאהר צו 12 פולע ארבייט־שטונדען, האט זיך געדוכט,

---

125 דארט גופא, ז. 15, 41, 96, 97, 55, 57, 69.

126 דארט גופא, ז. 69. יאקאב וואנדערלינט האט שוין אין יאהר 1734 ערקלערט, אז דער סוד פון דעם קאפיטאליסטישען קלאגען זיך וועגען דער פוי־לענצעריי פון די ארבייטער איז געווען פשוט זייער פערלאנג, אז די ארבייטער זאלען פאר'ן זעלביגען לוין ארבייטען 6 טעג אנשטאט 4.

127 דארט גופא, ז. 242.

128 דארט גופא. „די פראנצויזען, זאגט ער, לאכען פון אונזערע ענטוזיאס־טישע אידעען וועגען פרייהייט." (ז. 78.)

שנעע־בערג. אלע גרעניצען פון מאראל און נאטור, פון עלטער און געשלעכט, פון טאג און נאכט, זיינען צושמעטערט געווארן. אפילו די בעגריפען פון טאג און נאכט, וואס זיינען געווען אזוי פויעריש־פראסט אין די אלטע סטאטוטען, זיינען געווארן אזוי מטושטש, אז אן ענגלישער ריכטער, נאך אין יאהר 1860, האט געמוזט ארויסווייזען אמת'ע תלמוד'ישע חריפות, כדי צו דערקלערן בתורת „פסק דין" וואס טאג איז און וואס נאכט.[132] קאפאטיל האט געפייערט זיינע ארגיען.

אזויבאלד ווי דער ארבייטער־קלאס, וואס איז צוטומעלט געווארן פון דעם פראדוקציאנס־ליארם, איז וויפיעל־ניט־איז צוריק געקומען צו זיך, האט ער אנגעהויבען זיין ווידערשטאנד, קודם אין דעם געבורטס־לאנד פון דער גרויס־אינדוסטריע, אין ענגלאנד. אין פערלויף אבער פון דריי צעהנדליג יאהרען זיינען די קאנצעסיעס, וואס ער האט אויסגעקעמפט, געבליבען געווינסען נאר אויפ'ן פאפיער (ריין נאמינעל). דער פארלאמענט האט ארויסגעגעבען 5 ארבייטער־געזעצען פון די יאהרען 1802 ביז 1833, ער איז אבער געווען אזוי כיטרע ניט צו בעוויליגען קיין פעניג פאר זייער צוואנגמעסיגער דורכפיהרונג, פאר דעם נויטיגען בעאמטען־פערזאנאל א.אז.וו.[133] זיי זיינען געבליבען א טויטער בוכ־

[182] זעה "Judgment of Mr. J. H. Otway" בעלפאסט, הילארי סעשיאנס, קאונטי אנטרים, 1860.

[133] עס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר דעם רעזשים פון לואי פיליפ, דעם „בירגער־קעניג", אז דאס איינציגע פאבריק־געזעץ, וואס איז ארויסגעגעבען געווארן אונטער זיין ממשלה, דעם 22טען מארץ 1841, איז קיינמאל ניט דורכגעפיהרט געווארן. און דאס דאזיגע געזעץ האט זיך נאר בעצויגען אויף קינדער־ארבייט. עס האט פעסטגעזעצט 8 שטונדען פאר קינדער צווישען 8 און 12 יאהר, 12 שטונדען פאר קינדער פון 12 ביז 16 יאהר א.אז.וו. מיט א סך אויסנאהמען, וועלכע האבען ערלויבט נאכט־ארבייט אפילו פאר 8 יעהריגע קינדער. דאס אכטונג געבען און דורכפיהרן דאס געזעץ איז אין א לאנד, וואו יעדע מויז ווערט אדמיניסטרירט פון דער פאליציי, איבערגעלאזט געווארן אין די הענד פון די „אמי דע קאמערס" [די פריינד פון האנדעל]. ערשט פון יאהר 1853 אן איז פאראן אין איין איינציגען דעפארטאמענט, דעם „דעפארטאמענט די נארד", איין בעצאהלטער רעגירונגס־אינספעקטאר. ניט ווייניגער כאראקטעריסטיש פאר דער ענטוויקלונג פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט איבערהויפט איז דער פאקט, וואס לואי פיליפ'ס געזעץ איז ביז צו דער רעוואלוציע פון 1848 געווען דער

וואָס פאַר „אַ פּאָרטשריט זינט 1770" וואָלט מאַקאַליי אויסגע־שריען מיט „עקז־לטאַציאָן"!

דאָס „הויז פון שרעקען" פאַר פּאָופּערס, פון וועלכען די קאַ־פּיטאַל־נשמה פון 1770 האָט ערשט נאָך געטרוימט, איז אויסגע־וואקסען עטליכע יאָהר שפּעטער ווי אַ ריעזיג ארבייטס־הויז פאַר די מאַנופאַקטור־ארבייטער גופא. עס הייסט פאַבריק. און דאָס מאָל האָט דער אידעאַל אויסגעזעהן בלאַס לגבי דער ווירקליכקייט.

6. דער קאַמף פאַר דעם נאָרמאַלען ארבייטס־טאָג.

צוואַנג־געזעצליכע בעשרענקונג פון דער ארבייט־צייט. די ענגלישע פאַבריק־געזעצגעבונג פון 1833 ביז 1864.

נאָכדעם ווי עס האָט גענומען דעם קאַפּיטאַל הונדערטער יאָהרען צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאָג ביז צו זיינע נאָרמאַלע מאַקסימאַל־גרעניצען, און דערנאָך ווייטער ביז צו די גרעניצען פון דעם נאַטירליכען טאָג פון צוועלף שטונדען,[131] איז מיט דער געבורט פון דער גרויס־אינדוסטריע, אין לעצטען דריטעל פון 18טען י.ה., אָנגעקומען אַן איבערקעהרעניש, וואָס איז געווען אזוי געוואַלטיג ווי אַ לאַווינע, וואָס רייסט זיך אראָב פון די הויכע

[131] „עס איז געוויס זעהר צו בעדויערן, אז א וועלכער עס איז קלאַס מענשען זאָל מוזען האָרעווען 12 שטונדען א טאָג. ווען מען רעכענט נאָך צו די מאָהלצייטען און די צייט, וואָס עס נעהמט צו געהן צו דער ארבייט און פון דער ארבייט, בעטרעפט עס אין דער ווירקליכקייט גאַנצע 14 פון די 24 שטונדען פון מעת־לעת.... אָבגעזעהן פון דער פראַגע פון געזונד, וועט קיינער, דענק איך, זיך ניט אָבהאַלטען מודה צו זיין, אז אַוועקנעהמען אזויפיעל צייט פון די ארבייטער־קלאַסען אָהן אַ הפסקה, פון דעם פריהען עלטער פון 13 יאָהר, און אין די ניט־בעשרענקטע אינדוסטריע־צווייגען נאָך אפילו פון אַ פריהערן עלטער אָן, מוז פון אַ מאָראַלישען שטאַנדפּונקט זיין אויסערסט שעדליך און אַ שרעקליכער איבעל.... אין די אינטערעסען דער־יבער פון דער עפענטליכער מאָראַל, פאַר דער ערציהונג פון אַ טיכטיגער בעפעלקערונג און כדי צו פערשאַפען דער גרויסער מאַסע פון פאָלק אַ פערנינפטיגען לעבענס־גענוס, איז זעהר וויכטיג, אז אין אַלע געשעפט־צווייגען זאָל אָבגעגעבען ווערן אַ טייל פון יעדען ארבייטס־טאָג פאַר אָברוה און ערהאָלונג." (לעאָנאַרד האָרנער אין „רעפּאָרטס אוו אינספּ. אוו פאַקטאָריעס", דעצ. 1841).

ארבייט־קראפט, אדער ווי זיי האבען עס אנגערופען „די פרייהייט פון דער ארבייט", אז זיי האבען אויסגעקלערט אן אייגענעם סיס־טעם, כדי צו פערהיטען אזא שווידערליכען פועל יוצא פון דעם פאבריק־אקט.

„די גרויסע צרה פון דעם פאבריק־סיסטעם, ווי ער איז איצ־טער איינגעפיהרט", שטעהט אין דעם ערשטען בעריכט פון דעם צענטראל־ראטה פון דער קאמיסיע פון 25טען יוני 1833, „בע־שטעהט אין דעם, וואס ער שאפט די נויטווענדיגקייט אויסצוציהען די קינדער־ארבייט ביז צו דער גרעסטער לענג פון דעם ארבייטס־טאג פון די דערוואקסענע. די איינציגע רפואה פאר אט דער מכה, ניט בעשרענקענדיג די ארבייט פון די דערוואקסענע, וואס דערפון וואלט ארויסגעקומען נאך א גרעסערע צרה איידער די, וואס מען זוכט אויסצומיידען, שיינט צו זיין דער פלאן צו לאזען די קינדער ארבייטען אין צוויי רייהען." דער דאזיגער פלאן איז טאקע אויס־געפיהרט געווארן אונטער'ן נאמען רעליי־סיסטעם (“System of Relays”) רעליי הייסט אין ענגליש, ווי אין פראנצויזיש, בייטען די פאצט־פערד אויף פערשיידענע סטאנציעס), אזוי אז איין רייה קינדער צווישען 9 און 13 יאהר האט געארבייט פון האלב 6 אין דער פריה ביז האלב 2 נאכמיטאג, און פון האלב 2 ביז האלב 9 אין אבענד האט מען איינגעשפאנט אנאנדער רייה קינדער.

אלס בעלוינונג דערפאר, וואס די הערען פאבריקאנטען האבען מיט דער גרעסטער חוצפה איגנארירט אלע געזעצען וועגען קינדער־ארבייט, וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארן אין די לעצטע 22 יאהר, האט מען איצט די פיל נאך בעגולט. דער פארלאמענט האט בעשטימט, אז נאך דעם 1טען מארץ 1834 טאר קיין קינד אונטער 11 יאהר, נאך דעם 1טען מארץ 1835, אונטער 12 יאהר און נאך דעם 1טען מארץ 1836 אונטער 13 יאהר, ניט ארבייטען אין א פאבריק מעהר ווי 8 שטונדען! אט דער „ליבעראליזם", אין וועלכען עס איז געלעגען אזוי פיעל איינזעהעניש מיט קאפי־טאל, האט פערדיענט נאך מעהר אנערקענונג דערמיט, וואס ער האט זיך ארויסגעוויזען נאכדעם ווי דר. פאררע, סער ב. בראדי, סער ס. בעל, מר. גוטהריע און אנדערע, קורץ די גרעסטע דאק־טוירים פון לאנדאן, האבען אין זייער עדות־זאגען פאר דעם „הויז־און קאמאנס" דערקלערט, אז ווארטען איז א סכנה! דר. פאררע

שטאַב. „עס איז א פאַקט, אז פאָר דעם אקט פון 1833 פלעגט מען האַלטען קינדער און יונגע מענשען ביי דער ארבייט די גאַנצע נאַכט, דעם גאַנצען טאָג, אָדער ביידע, און ביינאַכט וויפיעל מען האָט געוואָלט.״[134]

ערשט זינט דעם פאַבריק־אקט פון 1833 — וואָס האָט ארומ־גענומען די באוועל־, וואָל־, פלאַקס־ און זייד־פאַבריקען — איז איינגעפיהרט געוואָרען פאַר דער מאָדערנער אינדוסטריע א נאָר־מאַל־ארבייטסטאָג. קיין זאך כאַראַקטעריזירט ניט אזוי גוט דעם גייסט פון קאַפּיטאַל, ווי די געשיכטע פון דער ענגלישער פאַבריק־געזעצגעבונג פון 1833 ביז 1864!

דאָס געזעץ פון 1833 דערקלערט, אז דער געוועהנליכער פאַבריק־ארבייטס־טאָג זאָל זיך אָנהויבען האַלב 6 אין דער פריה און זיך ענדיגען האַלב 9 אין אבענד, און עס זאָל זיין געזעצליך צו בעשעפטיגען אינערהאַלב פון אָט די גרעניצען — א פעריאָדע פון 15 שטונדען — יונגע מענשען (ד.ה. צווישען 13 און 18 יאָהר אַלט) צו יעדער צייט פון טאָג, בתנאי אז יעדער איין יונגער מענש זאָל ניט מעהר ארבייטען ווי 12 שטונדען אין איין טאָג, מיט דער אויסנאַהם פון געוויסע ספּעציעלע פעלען. דער 6טער פּאַראַגראַף פון דעם אקט בעשטימט, אז „יעדער פון די פּערזאָנען, וואָס זייער ארבייט־צייט איז בעשרענקט, מוז אין פערלויף פון טאָג האָבען וועניגסטענס אָנדערהאַלבען שטונדען אויף מאָהלצייטען.״ בע־שעפטיגען קינדער אונטער 9 יאָהר איז פערבאָטען געוואָרען — מיט דער איין אויסנאַהם, וואָס וועט שפּעטער דערמאָנט ווערען; די ארבייט פון קינדער צווישען 9 און 13 יאָהר אַלט איז בעשרענקט אויף 8 שטונדען טעגליך. נאַכט־ארבייט, דאָס הייסט לויט דעם געזעץ צווישען האַלב 9 אין אבענד און האַלב 6 אין דער פריה, איז פערבאָטען פאַר אַלע פּערזאָנען צווישען 9 און 18 יאָהר אַלט.

די געזעצגעבער זיינען געווען אזוי ווייט פון צו ווע‌לען אָנ־ריהרן די פרייהייט פון קאַפּיטאַל אויסצוזויגען די דערוואַקסענע

איינציגער פון דעם סאָרט אין דער גאַנצער פראַנצויזישער געזעץ־פאַבריק, וואָס שפּינט אַלעס ארום ווי מיט א נעץ!

[134] „רעפּאָרטס אוו אינספּ. אוו פאַקטאָריעס״ פאַר דעם 30סטען אפּריל 1860, ז. 51.

און דער אקט פון 1833 איז אריינגעטראָטען אין פולער ווירקונג. ער איז געבליבען אומפערענדערט ביז יוני 1844.

אין דעם צעהנדליג יאָהר, אין וועלכען דער אקט האָט פון אָנ־הויב טיילווייז און דערנאָך אינגאַנצען רעגולירט די פאבריק־ארבייט, זיינען די אָפיציעלע ראַפּאָרטען פון די פאבריק־אינספעקטאָרען געווען פול מיט קלאַגען וועגען דער אונמעגליכקייט איהם דורכ־צופיהרן. אזוי ווי דאָס געזעץ פון 1833 האָט די הערדען פון קאַפּיטאַל געלאָזט פריי צו בעשטימען, ווען יעדע „יונגע פּערזאָן" און יעדעס „קינד", אין דער 15־שטונדיגער פּעריאָדע פון האלב 6 אין דער פריה ביז האלב 9 אין אבענד, זאָל אָנפאַנגען, מפסיק זיין און ענדיגען די 12 אָדער 8 שטונדיגע ארבייט, און אויך אין וועלכע פערשיידענע שטונדען זיי זאָלען עסען זייערע מאָהלצייטען, האָבען די הערדען באלד אויסגעפונען א נייעם „רעליי סיסטעם", לויט וועלכען מען האָט ניט געביטען די ארבייטס־פּערד אויף די בעשטימטע סטאַנציעס, נאָר מען האָט זיי אויף יעדער בייט־סטאַנציע ווידער איינגעשפּאַנט פון דאָס ניי. מיר וועלען זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דער שעהנקייט פון אָט דעם סיסטעם, אזוי ווי מיר וועלען שפּעטער מוזען ווידער צוריקקומען צו איהם. אזוי־פיעל איז שוין אָבער קלאָר מיט'ן ערשטען בליק, אז ניט נאָר דער גייסט, נאָר אפילו דער בוכשטאַב פון פאבריק־געזעץ איז דורכדעם בטל געוואָרן. ווי אזוי האָבען די פאבריק־אינספעקטאָרען, ביי אזא קאָמפּליצירטער בוכפיהרונג פאר יעדען קינד און יעדער יונגער פּערזאָן, געקאָנט צווינגען אָבצוהיטען די געזעצליך־בע־שטימטע ארבייט־צייט און דאָס געזעצליכע געוועהרן פון די מאָהל־צייטען? אין א גרויסען טייל פון די פאבריקען האָבען די אלטע ברוטאליטעטען ווידער אָנגעהויבען צו בליהען אונבעשטראָפט. אין א צוזאמענקונפט מיט דעם מיניסטער פון אינערן (אין 1844) האָבען די פאבריק־אינספעקטאָרען בעוויזען די אונמעגליכקייט פון א וועלכען עס איז קאָנטראָל אונטער דעם ניי־אויסגעפונענעם רעליי־סיסטעם.[135]

דערווייל אָבער האָבען זיך די אומשטענדען זעהר געענדערט.

---

[135] „רעפּאָרטס אוו אינספּ. אוו פאקטאריעס" פאר דעם 31טען אקטאָבער 1849, ז. 6.

האט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם פונקט נאך אביסעל שארפער:
„געזעצגעבונג איז נויטיג צו פערמיידען דעם טויט אין אלע פאר־מען, אין וועלכע ער קאן געבראכט ווערן פאר דער צייט, און געוויס מוז אט די פארם (פון דער פאבריק־ארבייט) בעטראכט ווערן פאר דער גרויזאמסטער מעטארע ווי צו ברענגען דעם טויט.” דערזעל־ביגער „רעפארם”־פארלאמענט, וועלכער האט אוים מיטגעפיהל מיט די הערן פאבריקאנטען פערשפארט קינדער אונטער 13 יאהר אויף יאהרען לאנג אין דעם גיהנום פון צוויי און זיעבציג שטונדען א וואך פאבריק־ארבייט, האט דאגעגען אין דעם „עמאנציפאציאן־אקט”, וועלכער האט אויך איינגעגעבען די פרייהייטס טראפענס־ווייז, פערבאטען די בעלי בתים פון די פלאנטאציעס מיט אמאל ניט צו לאזען קיין נעגער־שקלאף ארבייטען לענגער ווי 45 שטונדען א וואך!

אבער נאך אלץ ניט קיין צופריעדענגעשטעלטער, האט קא־פיטאל ערשט אנגעפאנגען א טומעלדיגע אגיטאציע, וואס האט אנגעהאלטען עטליכע יאהר. די אגיטאציע האט זיך דערהויפט געדרעהט ארום דעם פונקט פון דעם עלטער פון די דאזיגע קאטע־גאריען, וועלכע אונטער דעם נאמען קינדער, זיינען געווען בע־שרענקט אויף 8 שטונדען א טאג ארבייט און זיינען געווען אונ־טערווארפען אונטער א געוויסען שוהל־צוואנג. לויט דער קאפי־טאליסטישער אנטהראפאלאגיע ענדיגט זיך דער קינדהייט־עלטער אין צעהנטען אדער העכסטען אין עלפטען יאהר. וואס נעהנטער עס איז געקומען צום לעצטען טערמין פון פאבריק־אקט, צום פא־טאלען יאהר 1836, אלץ ווילדער האט דער פאבריקאנטען־מאב געשטורעמט. עס איז איהם פאקטיש געלונגען אזוי וויט אנצו־שרעקען די רעגירונג, אז זי האט פארגעשלאגען אין 1835 אראבצו־זעצען די גרעניץ פון דעם קינד'ס עלטער פון 13 אויף 12 יאהר. דערווייל איז דער „דרוק פון דרויסען” געוואקסען אלץ דראהענ־דער. די „הויז אוו קאמאנס” האט פערלארן דעם מוטה. זי האט זיך ענטזאגט צוווארפען די 13 יעהריגע קינדער אויף לענגער ווי 8 שטונדען א טאג אונטער דעם דזשוגערנאט־ראד* פון קאפיטאל,

* א אינדישער געץ, ארומגעפיהרט אויף א מורא'דיג גרויסען וואגען. די פרומע הינדוסען פלעגען זיך ווארפען אונטער זיינע רעדער, כדי זוכה צו זיין צו ווערן צוריבען פון דעם אבגאט. — איבערזעצער.

דעם 10טען סעפטעמבער 1844. ער האָט געשטעלט אונטער דעם שוץ פון געזעץ א נייע קאטעגאָריע ארבייטער—די פרויען איבער 18 יאָהר אלט. זיי זיינען אין יעדען פרט געשטעלט געוואָרן גלייך מיט די יונגע פערזאָנען, זייער ארבייט־צייט איז בעשרענקט געוואָרן צו 12 שטנדען, די נאכט־ארבייט איז זיי פערבאָטען געוואָרן א.אז.וו. צום ערשטען מאָל, הייסט עס, האָט זיך די געזעצגעבונג געפיהלט געצוואונגען דירעקט און אָפיציעל צו קאָנטראָלירן אויך די ארבייט פון דערוואקסענע. אין דעם פאבריק־רעפּאָרט פון 1844 ביז 1845 ווערט געזאָגט איראָניש: מיר האָבען נאָך ניט בעגעגענט קיין איינציגען פאל, וואו דערוואקסענע פרויען זאָלען זיך האָבען בעקלאָגט אויף אָט דעם אָנגריף אויף זייערע רעכטען.[139] די ארבייט פון קינדער אונטער 13 יאָהר זיינען ארונטערגעזעצט געוואָרן צו 6½ שטונדען און, אונטער געוויסע בעדינגונגען, צו 7 שטונדען טעגליך[140]

כדי צו בעזייטיגען די מיסברויכונגען פון דעם פאלשען „רעליי־סיסטעם”, האָט דאָס געזעץ איינגעפיהרט צווישען אנדערע די פאָלגענדע רעגעלען: „דער ארבייטס־טאָג פאר קינדער און יונגע פערזאָנען זאָל זיך רעכענען פון דער צייט אָן, ווען וועלכע עס איז יונגע פערזאָן אָדער קינד פאנגט אָן צו ארבייטען אין דער פריה.” אויף דעם אופן, ווען א צ.ב.ש. פאנגט אָן ארבייטען 8 אוהר אין דער פריה און ב אום 10 אוהר, זאָל פונדעסטוועגען דער ארבייטס־טאָג זיך ענדיגען פאר ב אין דערזעלביגער שטונדע ווי פאר א. „די צייט זאָל רעגולירט ווערן דורך אן עפענטליכען זייגער”, צ.ב.ש. דער נעהענטסטער אייזענבאהן־זייגער, לויט וועלכען דער פאבריק־זייגער מוז ווערן אָנגעשטעלט. דער פאבריקאנט מוז אויפהענגען א גרויס־געדרוקטען נאָטיץ אין פאבריק, וואָס זאָל אָנגעבען די שטונדען פון אָנהויבען און ענדיגען די ארבייט און די צייט פאר די פערשיידענע מאָהלצייטען. קינדער וועלכע הויבען אָן ארבייטען פאר 12 אוהר, טאָרען ניט ווידער גע־

[139] רעפּארטס עטצ. פאר 30טען סעפט. 1844. ז. 15.

[140] דער אקט ערלויבט צו בעשעפטיגען קינדער 10 שטונדען, ווען זיי ארבייטען ניט כסדר יעדען טאָג, נאר א טאָג איבער א טאָג. בכלל איז אָט דער פונקט געבליבען אָהן ווירקונג.

די פאַבריק־אַרבייטער, בעזונדערס פון 1838טען יאָהר, האָבען געמאַכט דעם 10 שטונדען־ביל פאַר זייער עקאָנאָמישער לאָזונג, אַזוי גוט ווי זיי האָבען געמאַכט דעם טשארטער[136] פאַר זייער פּאָליטישער לאָזונג. איין טייל פון די פאַבריקאַנטען גופא, יענע וואָס האָבען אָנגעפיהרט זייערע פאַבריקען לויט דעם אַקט פון 1833, האָבען פערוואָרפען דעם פּאַרלאַמענט מיט דענקשריפטען וועגען דער אונמאָראַלישער קאָנקורענץ פון די „פאַלשע ברידער", וועלכע ערלויבען זיך, מחמת זייער גרעסערער חוצפה אָדער צוליעב גינסטיגע לאָקאַלע אומשטענדען, עובר צו זיין דעם געזעץ. אויסער דעם, ווי גרויס אַן איינצעלנער פאַבריקאַנט זאָל ניט האָבען חשק געהאַט שטאַרקער אָנציהען די לייצעס פון זיין אַלטער רויבגיעריגקייט, האָבען אָבער די וואָרט־פיהרער פון דעם פאַבריקאַנטען־קלאַס בעפויהלען אַ גאַנץ אַנדער האַלטונג און אַנאַנדער שפּראַך געגענאיבער די אַרבייטער. זיי זיינען אַריינגעטראָטען אין אַ קאַמף אָבצושאַפען די קאָרן־געזעצען און האָבען זיך גענויטיגט אין דער הילף פון די אַרבייטער, כדי צו געווינען אַ זיעג! זיי האָבען דעריבער ניט נאָר פערשפּראָכען צו פערגרעסערן נאָך אַמאָל אַזויפיעל דעם לאַבען ברויט, נאָר אויך אָנצונעהמען דעם 10 שטונדען־ביל אין דעם גליקזעליגען רייך פון פריי־האַנדעל.[137] פאָלגליך האָבען זיי ניט געקאָנט בעקעמפען די איינפיהרונג פון אַ תקנה, וועלכע האָט נאָר געזאָלט מאַכען דעם אַקט פון 1833 פאַר אַ ווירקליכקייט. די טאָריעס ווייעדער, וועלכע האָבען געזעהן זייערע הייליגסטע אינטערעסען, די גרונט־רענט, געשטעלט אין געפאַהר, האָבען געדונערט מיט פילאַנטראָפּישער ענטריסטונג אויף די „שענדליכע האַנדלונגען" פון זייערע פיינד[138].

אָט אַזוי איז צו שטאַנד געקומען דער צוגעזעצטער פאַבריק־אַקט פון 7טען יוני 1844. ער איז אַריינגעטראָטען אין קראַפט

---

[136] דער הויפּט־פּונקט איז דעם פּאָליטישען פּראָגראַם פון דער טשאַרטיסטען־בעוועגונג איז געוועזן דאָס אַלגעמיינע, געהיימע און גלייכע וואַהלרעכט. — קאוטסקי.

[137] רעפּאָרטס אוו אינספּ. אוו פעקטאָריס פאַר 31טען אָקטאָבער 1848, ז. 98.

[138] איבעריגענס האָט לעאָנאַרד האָרנער געברויכט דעם אויסדרוק שענדליכע האַנדלונגען "Nefarious Practices" אָפיציעל. (רעפּאָרט אוו אינספּ. אוו פאַקטאָריעס פאַר 31טען אָקטאָבער 1859, ז. 7.)

דעם קאפּיטאַל מיט אַ „צוגעגעבענעם צופלוס פון פאַבריק־קינדער", וואָס קומט איהם על פּי גאָט'ס און דעם מענשענ'ס געזעצען.[141]

די יאָהרען 1846 און 1847 מאַכען אַן עפּאָכע אין דער עקאָנאָמישער געשיכטע פון ענגלאַנד. עס זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען די קאָרן־געזעצען און דער טאַריף־אָבצאָהל אויף באַוועל און אַנדערע רויה־מאַטעריאַלען; פריי טרייד (פריי האַנדעל) איז דערקלערט געוואָרען אַלס דער וועג־ווייזענדער שטערן פון דער געזעצגעבונג; קורץ דער רייך פון גליקזעליגקייט איז אָנגעקומען! פון דער אַנדער זייט האָבען די טשאַרטיסטען־בעוועגונג און די 10־שטונדען אַגיטאַציע דערגרייכט אין די זעלביגע יאָהרען זייער הויךפּונקט. זיי האָבען געפונען נייע חברים אין די טאָריעס, וואָס האָבען געדורשט נאָך נקמה. טראָץ דעם פאַנאַטישען ווידערשטאַנד פון דער מחנה „פריי־טריידערס", וואָס האָבען געבראָכען זייער וואָרט, מיט ברייט און קאָבדען אָן דער שפּיץ, איז דער 10־שטונדען ביל, פאַר וועלכען מען האָט אַזוי לאַנג געקעמפט, דורכגעגאַנגען דעם פּאַרלאַמענט.

דער נייער פאַבריק־אַקט פון 8טען יוני 1847 האָט פעסטגעשטעלט, אַז דעם 1טען יולי 1847 זאָל אַריינטרעטען אין קראַפט אַ פאָרלויפיגע פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג פאַר „יונגע פּערזאָנען" (פון 13 ביז 18 יאָהר) און פאַר אַלע פרויען־אַרבייטער אויף 11 שטונדען, פון דעם 1טען מאַי 1848 אָבער זאָל אַריינטרעטען אַן ענדגילטיגע בעשרענקונג אויף 10 שטונדען. אין די איבעריגע פּונקטען האָט דער אַקט נאָר אַמענדירט און ערגענצט די געזעצען פון 1833 און 1844.

קאַפּיטאַל האָט זיך דערוויילע געגרייט צו אַ קאַמף, כדי צו פערהינדערן די פולע אויספיהרונג פון דעם אַקט דעם 1טען מאַי 1848. און דערצו האָבען די אַרבייטער אַליין, כלומרשט אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זיינען געקומען צום שכל דורך דער ערפאַהרונג, זיי געזאָלט העלפען צערשטערן זייער אייגענע אַרבייט. דער אויגענבליק איז קלוג אויסגעוועהלט געוואָרען. „מען דאַרף געדענ־

[141] „אַזוי ווי די בעשרענקונג פון זייער אַרבייטס־צייט וועט אַרויסרופען אַ שטאַרקע נאָכפראַגע (אויף קינדער), רעכענט מען אַז דער נייער צופלוס פון קינדער צווישען 8 און 9 יאָהר וועט דעקען דעם בעדאַרף." (דאָרט גופא, ז. 13.)

שטעלט ווערן צו דער ארבייט נאָך 1 אוהר. די נאָכמיטאָג־רייה מוז פּאָלגליך בעשטעהן פון אנדערע קינדער איידער די, וואָס האָבען געארבייט אין דער פאָרמיטאָג־רייה. די 1½ שטונדען אויף מאָהלצייטען מוזען געגעבען ווערן אלע בעשיצטע ארבייטער אין דערזעלבער צייט פון טאָג גלייך, און וועניגסטענס 1 שטונדע פאַר 3 אוהר נאָכמיטאָג. קינדער אָדער יונגע פּערזאָנען טאָרן ניט בעשעפטיגט ווערן לענגער איידער 5 שטונדען פאַר 1 אוהר, אָהן א הפסקה פון וועניגסטענס א האלבע שטונדע אויף א מאָהלצייט. קינדער, יונגע פּערזאָנען און פרויען טאָרן ניט בלייבען אין דער צייט פון א מאָהלצייט אין קיין פּלאַץ פון פאבריק, וואו עס קומט פאָר א וועלכער עס איז ארבייט־פּראָצעס, א.אז.וו.

מיר האָבען געזעהן, אז אָט די בעשטימונגען, וואָס זיינען אריינגעגאַנגען אין די קלענסטע פּרטים, וואָס האָבען אזוי גלייכ־פאָרמיג־מיליטעריש רעגולירט צום מינוט די פּעריאָדען, גרעניצען און הפסקות פון דער ארבייט, זיינען בשום אופן ניט געווען די פּראָדוקטען פון פּארלאמענטארישע פּלפּולים. זיי האָבען זיך ביס־לעכווייז אויסגעארבייט פון די פערהעלטענישען גופא, ווי נאטור־געזעצען פון דעם מאָדערנעם פּראָדוקציאָנס־אופן. זייער פאָרמו־לירונג, אָפיציעלע אָנערקענונג און שטאאטליכע בעשטימונג זיינען געווען דער רעזולטאט פון לאַנג־דויערענדע קלאסען־קאמפּען. איינע פון זיינע נעהענטסטע פאָלגען איז געווען, וואָס די פּראַקטיק האָט דעם ארבייטס־טאָג פון דערוואקסענע מענער פאבריק־אר־בייטער אויך אונטערוואָרפען אונטער דיזעלביגע בעגרענצונגען, היות ווי אין די מעהרסטע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען איז אונמעג־ליך אויסצוקומען אָהן דעם צוזאמענארבייטען פון קינדער, יונגע פּערזאָנען און פרויען. אינגאנצען גענומען, האָט אין דער פּע־ריאָדע פון 1844 ביז 1847 געהערשט דער 12־שטונדען ארבייטס־טאָג אומעטום גלייך אין אלע אינדוסטריע־צווייגען, וואָס זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער דער פאבריק־געזעצגעבונג.

דאָך אָבער האָבען די פאבריקאנטען ניט דערלאָזט אָט דעם „פאָרטשריט" אָהן א פּערגיטיגונג פון אנאנדער „ריקשריט". א דאנק זייער אגיטאציע האָט דאָס הויז אוו קאמאנס רעדוצירט דעם מינימאל־עלטער פון די קינדער, וואָס דארפען פערווענדעט ווערן צו דער ארבייט, פון 9 יאָהר אויף 8, כדי צו פערזיכערן

געווען געצוואונגען צו קלאָגען זיך וועגען „זייער אונטערדריקונג דורך דעם אקט״, האָבען די שרייבער פון די פּעטיציעס אליין דערקלערט, ביי אַ מינדליכען פערהער, אַז מען האָט זיי געצוואונגען צו געבען זייערע אונטערשריפטען. „זיי זיינען טאַקע אונטערדריקט, אָבער פון עפּעס אַנדערס ווי פון דעם פאבריק אקט.״[144] אויב אָבער עס האָט די פאבריקאנטען ניט געלונגען צו מאַכען, אַז די ארבייטער זאָלען רעדען ווי זיי האָבען געוואָלט, האָבען זיי אליין דערפאַר אַלץ העכער געשריען, אין דער פּרעסע און אין פּאַרלאַמענט, אין נאָמען פון די ארבייטער. זיי האָבען פערמסר׳ט די פאבריק־אינספּעקטאָרען אַלס אַ מין רעוואָלוציאָנערע קאָמיסארען פון די צייטען פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־קאָנווענציאָן, וועלכע ווילען מקריב זיין אָהן רחמנות די אומגליקליכע ארבייטער צו זייערע הומאַניטערע פאַנטאַזיעס. אָבער אויך דער מאַנעוור האָט זיך ניט איינגעגעבען. דער פאבריק־אינספּעקטאָר לעאָנאַרד האָרנער האָט אליין פערזענליך און דורך זיינע אונטער־אינספּעקטאָרען אָנגעפיהרט צאָהלרייכע אונטערזוכונגען אין די פאבריקען פון לאַנקאַשיר. אַן ערך 70 פּראָצענט פון די פערהערטע ארבייטער האָבען זיך ערקלערט פאַר דעם 10־שטונדען ארבייטס־טאָג, אַ סך אַ קלענערער פּראָצענט פאַר 11 שטונדען און גאָר אַן אונבעדייטענדע מינאָריטעט פאַר די אַלטע 12 שטונדען[145]

נאָך אַ „פריינדליכער״ מאַנעוור איז בעשטאַנען אין דעם, צו צווינגען די דערוואַקסענע מענער־ארבייטער צו ארבייטען פון 12 ביז 15 שטונדען אַ טאָג און דאַן פאַנאַנדערפּויקען דעם פאַקט אַלס דעם בעסטען אויסדרוק פון די פּראָלעטארישע פערלאַנגען. אָבער דער „אונבאַרמהערציגער״ פאבריק־אינספּעקטאָר לעאָנאַרד האָרנער

---

[144] „ווען איך האָב אונטערגעשריבען די פּעטיציע, האָב איך גלייך געזעהן, אַז איך טהו דערמיט עפּעס שלעכטעס. — איז ווארום האָט איהר זיך אונטערגעשריבען? — ווייל אויב איך וואָלט עס ניט געטאָן, וואָלט מען מיך ארויסגעשטעלט אויפ׳ן גאַס. — דער בימע־שטעלער האָט זיך ווירקליך געפיהלט „אונטערדריקט״, אָבער גראָד ניט דורך דעם פאבריק־אַקט.״ (דאָרט גופא, ז. 102.)

[145] ד. ג., ז 17. אין האָרנער׳ס דיסטריקט זיינען אויף דעם אופן פערהערט געוואָרן 10,270 דערוואַקסענע מענער־ארבייטער אין 181 פאבריקען. זייערע עדות־זאָגען קאָן מען געפינען אין דעם אנהאַנג צום רעפּאָרט פאַר׳ן האַלב־יאָהר, וואָס האָט זיך געענדיגט אָקטאָבער 1848. אָט די עדות־פערהערן שטעלען פאַר אַ וויכטיגען מאַטעריאַל אויך אין אַנדערע הינזיכטען.

קען, אז צוליעב דעם שרעקליכען קריזיס פון 1846-47, איז די לאַגע פון די פאַבריק־ארבייטער געווען זעהר א טרויעריגע, אזוי ווי א סך פאַבריקען האָבען געארבייט נאָר קורצע שטונדען און אנדערע זיינען געווען אינגאנצען געשלאָסען. א גרויסע צאָהל ארבייטער האָט זיך פאָלגליך געפונען אין דער געדריקטסטער לאַגע; א סך זיינען געווען פערזונקען אין חובות. מען האָט דעריבער געקאָנט אָננעהמען כמעט אויף געוויס, אז זיי וועלען פאָרציהען די לענגערע ארבייטס־צייט, כדי גוט צו מאכען די פריהערדיגע פערלוסטען, אפשר אויך אָבצאָהלען חובות, אָדער אויסלייזען די מעבעל וואָס זיי האָבען פער'משכנ'ט, צוריקקויפען איינינגע חפצים וואָס זיי האָבען פריהער פערקויפט, אָדער איינשאפען זיך א נייעם בגד פאַר זיך און דער פאַמיליע." [142] די הערען פאַבריקאַנטען האָבען געזוכט נאָך צו פערשטאַרקען די נאַטירליכע ווירקונג פון די דאָזיגע אומשטענדען דורך אַן אַלגעמיינער לוין־פערקלענערונג פון 10 פראָצענט. דאָס איז געטאָן געוואָרן, אזוי צו זאָגען, כדי צו פייערן דעם אריינטריט פון דער נייער צייט פון פריי־האנדעל. דערנאָך איז געקומען א ווייטערע לוין־פערקלענערונג אויף $8\frac{1}{2}$ פראָצענט, אזוי באלד ווי דער ארבייטס־טאָג איז פערקירצט גע־וואָרן אויף 11 שטונדען, און ווידער א טאָפּעלטע פערקלענערונג ווי נאָר ער איז ענדגילטיג פערקירצט געוואָרען אויף 10 שטונדען. פאָלגליך, וואו די פערהעלטענישען האָבען נאָר ווי עס איז דער־לאָזט, איז פאָרגעקומען א לוין־פערקלענערונג פון ווענינגסטענס 25 פראָצענט [143] אונטער אָט אזעלכע ריכטיג־צוגעגרייטע אומ־שטענדען האָט מען אָנגעפאנגען די אגיטאציע צווישען די אר־בייטער פאַר דער אָבשאפונג פון דעם אקט פון 1847. מען האָט זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר קיין מיטעל פון בעטרוג, פערפיהרונג און דראָהונג, עס איז אָבער אַלץ געווען אומזיסט. וואָס געהערט דעם האַלב דוצען פּעטיציעס, אין וועלכע די ארבייטער זיינען

---

[142] רעפּאָרטס עטצ. פון 31טען אָקטאָבער 1848, ז. 16.

[143] „איך האָב געפונען, אז מען האָט ארונטערגענומען ביי די וואָס האָבען בעקומען 10 שילינג א וואָך, 1 שילינג אויפ'ן חשבון פון דער אַלגעמיינער לוין־פערקלענערונג פון 10 פראָצענט, און נאָך 1 שילינג מיט 6 פּינס פאַר דער צייט־פערקירצונג: צוזאמען 2 שילינג מיט 6 פּענס. און טראָץ אַלעם דעם האָט די מעהרצאָהל זיך פעסט געהאַלטען פאַר דעם 10־שטונדען־ביל". (ראַרט גופא.)

נאָר אנטקעגען דעם 10 שטונדען געזעץ, נאָר אנטקעגען דער גאַנ־צער געזעצגעבונג, וועלכע האָט זינט 1833 געזוכט וויפיעל־ניט־איז איינצוצוימען די פרייע אויסזויגונג פון דער ארבייטס־קראפט. עס איז געווען א „פראָ־סלייווערי" רעבעליאָן אין מיניאטור, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרן אין משך פון מעהר ווי צוויי יאָהר מיט א ציניִשער הפקרות, מיט א טעראָריסטישער ענערגיע, און דערצו נאָך אזויפיעל ביליגער, וואָס דער רעבעלישער קאפיטאליסט האָט מיט גאָרנישט ניט ריזיקירט, א חוץ מיט דער הויט פון זיינע ארבייטער.

כדי צו פערשטעהן דאָס ווייטערדיגע מוזען מיר געדענקען, אז די פאבריק־אקטען פון 1833, 1844 און 1847 זיינען אלע דריי געווען אין קראפט, אזוי ווייט ווי איינער האָט ניט אמענדירט דעם אנדערן; אז קיינער פון זיי האָט ניט בעשרענקט דעם ארבייטס־טאָג פון די מענער־ארבייטער איבער 18 יאָהר אלט; און אז די 15־שטונדיגע פעריאָדע, פון האלב 6 אין דער פריה ביז האלב 9 אין אָבענד, איז זינט 1833 געבליבען דער געזעצליכער „טאָג", און אין זיינע גרעניצען האָט צוערשט די 12 שטונדיגע, שפּעטער די 10 שטונדיגע ארבייט פון יונגע פערזאָנען און פרויען געדאַרפט געטאָן ווערן אונטער די פאָרגעשריבענע בעדינגונגען.

די פאבריקאנטען האָבען אָנגעהויבען אין פערשיידענע ערטער דערמיט, וואָס זיי האָבען אוועקגעשיקט א טייל, אָפט מאָל א העלפט, פון די יונגע פערזאָנען און פרויען, וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט ביי זיי, און האָבען ווידער איינגעפיהרט די כמעט־פערגעסענע נאכט־ארבייט צווישען די דערוואקסענע מענער אר־בייטער. דאָס 10־שטונדען־געזעץ, האָבען זיי געשריען, לאָזט זיי ניט קיין אנדער ברירה.[147]

זייער צווייטער טריט האָט זיך בעצויגען אויף די געזעצליכע הפסקות פאר מאָהלצייטען. לאָמיר הערן וואָס די פאבריק־אינ־ספּעקטאָרען זאָגען. „זינט דער ארבייטס־טאָג איז בעשרענקט געוואָרן אויף 10 שטונדען, בעהויפּטען די פאבריקאנטען—הגם זיי פיהרן נאָך פּראקטיש ניט דורך זייער מיינונג ביז צו דער לעצטער קאָנזעקווענץ—אז זיי זיינען ריכטיג מקיים די געזעצליכע פאר־

[147] רעפּאָרטס עטצ. פאר אָקטאָבער 1848, ז. 133 און 134.

האט זיך וויערע״ בעוויזען אויף דעם ריכטיגען פלאץ. די מעהרסטע פון די „איבער־צייט ארבייטער״ האבען עדות געזאגט, אז „זיי וואלטען א סך בעסער געוואלט ארבייטען 10 שטונדען פאר קלענערע שכירות, נאר זיי האבען ניט געהאט קיין ברירה; אזוי פיעל פון זיי געהען ארום ארבייטסלאז, אזויפיעל שפינער זיינען געצוואונגען צו ארבייטען אלס אנקניפער פאר א נידעריגען לוין, אז ווען זיי וואלטען זיך ענטזאגט צו ארבייטען די לענגערע שטונדען, וואלטען זייערע פלעצער דיזעלבע מינוט פערנומען געווארן פון אנדערע. די פראגע איז פאר זיי געשטאנען: אדער ארבייטען די לענגערע שטונדען, אדער ליעגען אויפ׳ן גאס.״[146]

דער ערשטער פעלד־צוג פון קאפיטאל איז דורכגעפאלען און דער 10 שטונדען געזעץ איז אריין אין קראפט דעם 1טען מאי 1848. אין דערזעלביגער צייט אבער האט דער דורכפאל פון דער טשארטיסטען־פארטיי—די פיהרער זיינען אריינגעווארפען געווארן אין תפיסה און די ארגאניזאציע איז צובראכען געווארן—צער־שטערט דעם צוטרויען פון ענגלישען ארבייטער־קלאס אין זיינע אייגענע כחות. באלד נאכדעם האט דער פאריזער יוני־אויפ־שטאנד, וואס איז דערשטיקט געווארן אין בלוט, פעראייניגט אויפ׳ן קאנטינענט ווי אין ענגלאנד אלע פראקציעס פון די הער־שענדע קלאסען, גרונד־אייגענטימער און קאפיטאליסטען, בערזע־וועלף און קרעמער, פראטעקציאניסטען און פריי־הענדלער, די רע־גירונג־פארטיי און די אפאזיציע, גלחים און פריידענקער, יונגע הורען און אלטע נאנען—אלע אינאיינעם אונטער דעם געשריי צו ראטעווען דאס אייגענטום, די רעליגיאן, די פאמיליע און די גע־זעלשאפט! דער ארבייטער־קלאס איז געווארן צו שאנד, אין חרם אריינגעלעגט און געשטעלט אונטער׳ן געזעץ פאר פערדעכטיגע. די הערען פאבריקאנטען האבען אלזא שוין מעהר ניט געדארפט זיך זשענירן. זיי האבען געמאכט אן אפענעם אויפשטאנד ניט

---

[146] אין דעם דערמאנטען בעריכט זעה די עדות־זאגונגען געזאמעלט פון תארנער אליין, נומערן 69, 70, 71, 72, 92, 93 און פון דעם סוב־אינספעקטאר A געזאמעלטע עדות, נום. 51, 52, 58, 59, 62, 70 פון דעם „אנהאנג״. איין פאבריקאנט האט אליין דערצעהלט דעם אמת. זעה נומר 14 און נומר 265 פת׳ם בעריכט.

ביז האלב 9, 3½ שטונדען; אלעס צוזאמען די געזעצליכע 6½ שטונדען! אָדער נאָך בעסער. כדי צוצופאסען זייער בעשעפטיגונג צו דער ארבייט פון די דערוואקסענע מענער־ארבייטער ביז האלב 9 אין אבענד, דארפען די פאבריקאנטען זיי גאָרניט געבען קיין ארבייט ביז 2 אוהר נאָכמיטאָג, און דאן האלטען זיי ביי דער ארבייט כסדר ביז האלב 9 אין אבענד! „און עס ווערט איצט קלאָר צוגעגעבען, אז צוליעב דער זשערנעקייט פון די פאבריקאנטען, וועלכע ווילען לאָזען לויפען זייערע מאשינעריע לענגער איידער 10 שטונדען א טאָג, איז געוואָרען א פראקטיקע אין ענגלאנד צו לאָזען ארבייטען 8 ביז 13־יאָהריגע קינדער פון ביידע געשלעכטער, נאָכדעם ווי אלע יונגע פערזאָנען און פרויען געהען אוועק פון פאבריק, צוזאמען מיט די דערוואקסענע מענער ביז האלב 9 אין אבענד."[150] די ארבייטער און די פאבריק־אינספעקטאָרען האָבען פראָטעסטירט צוליעב היגיענישע און מאָראלישע טעמים. אָבער קאפּיטאל האָט געענטפערט [ווי שיילאָק]:

„אויף מיין קאָפּ די עברה! איך וויל מיין רעכט,
דעם קנס און אָבצאָהל פון מיין חוב!"

לויט א סטאטיסטיק, וואָס איז אָנגעגעבען געוואָרען אין די „הויז אוו קאמאנס", דעם 26טען יולי 1850, זיינען דעם 15טען יולי 1850 פאקטיש געווען אונטערוואָרפען דער דאָזיגער „פראקטיקע" 3742 קינדער אין 275 פאבריקען.[151] דאָס איז נאָך אָבער ניט געווען גענוג! דאָס שאַרפזיניגע אויג פון קאפּיטאל האָט ענטדעקט, אז דער אקט פון 1844 ערלויבט ניט צו ארבייטען 5 שטונדען פארמיטאָג אָהן א הפסקה פון ווענינגסטענס א האלבער שטונדע פאר אָברוה, אָבער שרייבט ניט פאָר קיין זאך פון דעם סאָרט פאר דער נאָכמיטאג־ארבייט. קאפּיטאל האָט דעריבער געפאָדערט און גע'פּועל'ט דאָס פערגעניגען ניט נאָר צו האלטען 8 יאָהריגע ארבייטער־קינדער ביי דער ארבייט פון 2 אוהר ביז האלב 9 אין אבענד אָהן אן אָבשטעל, נאָר אויך צו לאָזען זיי די גאנצע צייט הונגערן!

[150] דארט גופא, ז. 142.

[151] רעפּארטס עטצ. פאר אקטאבער 1850, ז. 5 און 6.

שריפטען, ווען זיי גיבען צ.ב.ש., ארבייטענדיג פון 9 אוהר אין דער פריה ביז 7 אין אבענד, 1 שטונדע אויף עסען פאר 9 אוהר אין דער פריה און ½ שטונדע נאָך 7 אוהר אבענדס, ד.ה. צוזאמען 1½ שטונדען. אין אייניגע פעלען ערלויבען זיי איצטער אַ האלבע אָדער אַ גאנצע שטונדע אויף מיטאָג־עסען, זיי בעשטעהען אָבער דערויף, אז זיי זיינען דורכאויס ניט פערפליכטעט צו געבען אַ וועלכען עס איז טייל פון די 1½ שטונדען אין משך פון דעם 10 שטונדיגען ארבייטס־טאָג.״[148] די הערערן פאבריקאנטען, הייסט עס, האָבען בעהויפטעט, אז די אויפ'ן האָר־גענויע בעשטימונגען וועגען מאָהלצייטען אין דעם אקט פון 1844 האָבען נאָר געגעבען די ארבייטער די ערלויבניש צו עסען און צו טרינקען איידער זיי געהען אריין אין פאבריק און נאָכדעם ווי זיי געהען אוועק פון פאבריק, ד.ה. ביי זיך צו הויז! און פארוואָס זאָלען טאקע די ארבייטער ניט עסען מיטאָג אויך פאר 9 אוהר? די קרוין־יוריסטען האָבען פונדעסטוועגען גע'פסק'ענט, אז די פאָרגעשריבענע מאָהלצייטען „מוזען געגעבען ווערן אין דער צייט פון דעםווירקליכען ארבייטס־טאָג, און אז עס איז אונגעזעצליך צו לאָזען ארבייטען 10 שטונדען נאָכאנאנד, פון 9 אוהר פריה ביז 7 אוהר אבענד, אָהן אַ אונטערברעכונג.״ [149]

נאָך אָט די געמיטליכע דעמאָנסטראציעס האָט קאפיטאל צוגעגרייט זיין אויפשטאנד דורך אַ טריט, וואָס האָט געשטימט מיט דעם בוכשטאב פון געזעץ פון 1844 און איז, הייסט עס, געווען לעגאל.

דאָס געזעץ פון 1844 האָט זיכער פערבאָטען צו בעשעפטיגען קינדער פון 8 ביז 13 יאָהר אלט נאָך 1 אוהר בייטאָג, אויב זיי האָבען געארבייט פאר 12 אוהר פארמיטאג. אָבער דאָס געזעץ האָט בשום אופן ניט רעגולירט די 6½ שטונדיגע ארבייט פון די קינדער, וואָס האָבען אָנגעפאנגען פונקט 12 אוהר אָדער שפעטער! 8־יאָהריגע קינדער, ווען זיי הויבען אָן די ארבייט אום 12 אוהר, האָבען דעריבער געקאָנט בעשעפטיגט ווערן פון 12 ביז 1, הייסט עס 1 שטונדע; פון 2 ביז 4, איז נאָך 2 שטונדען, און פון 5

---

[148] רעפּארטס עטצ. פאר אפריל 1848, ז. 47.

[149] רעפּארטס עטצ. פאר אקטאבער 1848, ז. 130

זיך העכער פאר'ן בוכשטאב פון געזעץ און וועלען אויף זייער אייגענער אחריות ווייטער איינפיהרן דעם אַלטען סיסטעם.[154] זיי טהוען דאָס אין די אינטערעסען פון די שלעכט־געראַטענע ארבייטער אַליין, „כדי צו קאָנען זיי צאָהלען העכערע שכירות.״ „דאָס איז דער איינציג־מעגליכער פּלאַן ווי אויפצוהאַלטען די אינדוסטריעלע איבערמאַכט פון גרויס־בריטאַניען אונטער דעם 10 שטונדען־געזעץ.״[155] „עס מוז אפשר זיין אַביסעל שווער אויסצוגעפינען אונרעגעלמעסיגקייטען אונטער דעם רעליי־סיס־טעם, אָבער וועמען אַהרט עס? זאָלען די גרויסע פאַבריק־אינ־טערעסען פון דעם לאַנד בעהאַנדעלט ווערן ווי עפּעס פון צוויי־טער וויכטיגקייט, כדי איינצושפּאָרן די פאַבריק־אינספּעקטאָרען און די סוב אינספּעקטאָרען אַביסעל מעהר מיה?״[156]

די דאָזיגע אַלע דריידלעך האָבען, פערשטעהט זיך, ניט גע־האָלפען. די פאַבריק־אינספּעקטאָרען האָבען זיך געווענדעט צום געריכט. באַלד אָבער האָט זיך אויף דעם מיניסטער פון אינערן, סער דזשאָרדזש גרעי, אַ שאָט געטאָן אַזאַ געדיכטער וואָלקען מיט פּעטיציעס פון די פאַבריקאַנטען, אַז ער האָט רעקאָמענדירט די אינספּעקטאָרען, אין אַ צירקולאַר פון 5טען אוגוסט 1848, „ניט אָנצוקלאָגען בכלל וועגען פערלעצונג פון דעם בוכשטאַב פון דעם אַקט, כל זמן מען קאָן ניט בעווייזען, אַז דער רעליי־סיסטעם איז מיסברויכט געוואָרן, כדי צו לאָזען יונגע פּערזאָנען און פרויענצי־מער אַרבייטען מעהר ווי 10 שטונדען.״ אויף דעם סמך האָט דער פאַבריק־אינספּעקטאָר דזש. סטואַרט ערלויבט דעם אַזוי־גע־רופענעם אָבבייט־סיסטעם אין דעם 15־שטונדיגען משך פון פאַב־ריק־טאָג אין גאַנץ שאָטלאַנד, וואו ער האָט באַלד אויפגעבליהט גאָר אויף דעם אַלטען שטייגער. פערקעהרט, די ענגלישע פאַבריק־אינספּעקטאָרען האָבען ערקלערט, אַז דער מיניסטער האָט ניט קיין דיקטאַטאָרישע מאַכט אָבצושאַפען די קראַפט פונ'ם געזעץ און

[154] אַזוי האָט צווישען אַנדערע געשריבען דער פילאַנטראָפּ אַשוואָרטה צו לעאָנאַרד האָרנער אין אַ עקעלהאַפטען קוועקער בריעף. (רעפּאָרטס אַפּריל 1849, ז. 4.)

[155] רעפּאָרטס, אַפּריל 1848, ז. 134.

[156] דאָרט גופא ז. 140.

„יא, זיין הארץ,
'זוי זאגט דער כתב.״[152]

דאס דאזיגע פעסט־האלטען זיך מעשה שיילאק אן דעם בוכשטאב פון געזעץ פון 1844, בערך וואס עס רעגולירט די קינדער־ארבייט, האט אבער נאר געזאלט פיהרען צו אן אפענעם אויפשטאנד אנטקעגען דעמזועלבען געזעץ, אזוי ווייט ווי עס האט רעגולירט די ארבייט פון „יונגע פערזאנען און פרויענצימער". מען דארף געדענקען, אז דער הויפט־צוועק און הויפט־אינהאלט פון דעם דאזיגען געזעץ איז געווען די אבשאפונג פון דעם פאלשען „רעליי־סיסטעם". די פאבריקאנטען האבען אנגעהויבען זייער אויפשטאנד מיט דער איינפאכער ערקלערונג, אז די פאראגראפען פון דעם אקט פון 1844, וואס האט פערבאטען צו בענוצען די „יונגע פערזאנען און פרויענצימער" אין קורצע חלקים פון דעם 15־שטונדיגען ארבייטס־טאג לויט דעם ווילען פון פאבריקאנט, זיינען געוועזען אין פערגלייך אונשעדליך (comparatively harmless), כל זמן די ארבייט־צייט איז געווען בעשטימט אויף 12 שטונדען. אונטער דעם 10 שטונדען געזעץ זיינען זיי אן אונערטרעגליכע בעלעסטיגונג.״[153] זיי האבען דעריבער אויפ'ן קאלטבלוטיגסטען אופן דערקלערט די אינספעקטארען, אז זיי שטעלען

---

[152] די נאטור פון קאפיטאל בלייבט דיזעלביגע, אין זיינע אונענטוויקעלטע ווי אין זיינע ענטוויקעלטע פארמען. אין דעם געזעצבוך, וואס דער איינפלוס פון די שקלאווען־האלטער, קורץ פאר'ן אויסברוך פון דעם אמעריקאנער בירגער־קריעג, האט ארויפגעצוואונגען אויף דער טעריטאריע פון ניו־מעקסיקא, שטעהט געשריבען: „דער ארבייטער, אזוי ווייט ווי דער קאפיטאליסט האט געקויפט זיין ארבייטס־קראפט, איז זיין (דעם קאפיטאליסט'ס) געלד." דאס איז אויך געווען די גאנגבארע מיינונג ביי די רוימישע פאטריציער. דאס געלד, וואס זיי האבען געליהען דעם פלעבייאישען בעל־חוב, איז פערוואנדעלט געווארען דורך זיינע לעבענסמיטלען אין דעם בעל־חוב'ס פלייש און בלוט. פאלגליך איז דאס דאזיגע „פלייש און בלוט" „זייער געלד". דערפון נעהמט זיך דאס שיילאק־געזעץ פון די 10 טאוולען ! לינגעט'ס היפאטעזע, אז די פאטריצישע קרעדיטארען פלעגען פון צייט צו צייט פראווען סעודות אויף יענער זייט טיבער פון דעם געקאכטען פלייש פון זייערע בעלי חובות, מעג בלייבען פונקט אזוי ניט פעסטגעשטעלט, ווי דאומער'ס היפאטעזע וועגען דעם קריסטליכען אבענד־מאהלצייט.

[153] רעפארט עטצ. 30טען אפריל 1848, ז. 28.

אויס אינספּעקטאָר האָעל, פאַרערט דרינגליך עפּעס א העלף־מי־טעל... אָדער פאַסט־צו דאָס געזעץ צו אָט די אורטייל־שפּרוכען, אָדער לאָזט עס פּערוואַלטען דורך א ווענינער־פעהלבאַרען געריכט, וואָס וועט זיינע פּסקים צו־פּאַסען צום געזעץ... ווען אַזוינע פעלען וועלען פאָרקומען פאר איהם. איך געה אויס נאָך א בע־צאָהלטען ריכטער."[160]

די קרוין־יוריסטען האָבען ערקלערט, אַז די פאַבריקאַנטען'ס אויסטייטשונג פון דעם אקט פון 1848 איז לעכערליך; אָבער די „רעטער פון דער געזעלשאַפט" האָבען זיך ניט געלאָזט אראָבפיהרען פון וועג. „נאָכדעם—בעריכטעט לעאָנארד האָרנער—ווי איך האָב פּרובירט דורך 10 אנקלאַגען אין 7 פערשיידענע געריכט־בעצירקען צו צווינגען אָבהיטען דאָס געזעץ און בין אונטערשטיצט געוואָרען פון די מאַגיסטראַטען נאָר אין איין פאַל... האַלט איך די וויי־טערע אנקלאַגען וועגען עובר זיין דאָס געזעץ פאר נוצלאָז. דער טייל פון דעם אקט, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען צו שאַפען א גלייכמעסיגקייט אין די ארבייט־שטונדען... עקזיסטירט ניט מעהר אין לאַנקאַשיר. אויך האָבען מיר, ניט איך, ניט מיינע אונטער־אינספּעקטאָרען, לגמרי קיין מיטעל ניט ווי אַזוי צו זיין זיכער, אַז אין די פאַבריקען, וואו עס הערשט דער אַזוי־גערופענער רעליי־סיסטעם, זיינען די יונגע פּערזאָנען און פרויענצימער ניט בעשעפ־טיגט מעהר ווי 10 שטונדען.... סוף אַפּריל 1849 האָבען שוין 114 פאַבריקען אין מיין דיסטריקט געארבייט לויט דער דאָזיגער מעטאָדע, און זייער צאָהל וואַקסט אין דער לעצטער צייט ריעזיג. אין אַלגעמיין אַרבייטען זיי איצטער 13½ שטונדען, פון 6 אוהר אין דער פריה ביז האַלב 8 אין אבענד; אין אייניגע פעלען 15 שטונדען, פון האַלב 6 אין דער פריה ביז האַלב 9 אין אבענד."[161] שוין אין דעצעמבער 1848 האָט לעאָנהאַרד האָרנער געהאַט אַ ליסט פון 65 פאַבריקאַנטען און 29 פאַבריק־אויפזעהער, וועלכע האָבען איינשטימיג ערקלערט, אַז אונטער דעם רעליי־סיסטעם קאָן קיין סיסטעם פון איבער־אויפזיכט ניט פערהינדערן די שרעקליכ־סטע איבער־ארבייט.[162] דיזעלבע קינדער און יונגע פּערזאָנען

[160] רעפּארט עטצ. אַפּריל 1849.

[161] דארט גופא, ז. 5.

[162] רעפּארטס עטצ. אָקטאָבער 1849, ז. 6.

האָבען פאַרטגעזעצט זייערע געריכטליכע קלאַגען אנטקעגען די „פּראָ־סלייוועריי“־רעבעלען.

אָבער וואָס איז געווען די פּעולה קלאָגען זיי פאַר׳ן געריכט, אז די געריכטען, די „קאונטי מאגיסטראטס“,[157] פלעגען זיי בע־פרייען? אין אַט די געריכטען זיינען געזעסען די פאבריקאנטען צו משפּט׳ן זיך אליין. איין ביישפּיעל. אַ געוויסער עסקריגגע, אַ באַוועל־שפּינער פון דער פירמע קערשאָ, ליעס און קאָ., האָט פאָרגעלעגט פאַר דעם פאבריק־אינספּעקטאָר פון זיין דיסטריקט דעם פּלאַן פון אַ רעליי־סיסטעם, וואָס ער האָט געוואָלט איינפיהרען אין זיין פאבריק. קריגענדיג אַן אָבזאָג, איז ער פון אָנפאַנג גע־בליבען שטיל. עטליכע מאָנאַט שפּעטער איז איינער אַ ראבינסאָן, אויך אַ באַוועל־שפּינער, און אויב ער איז ניט געווען עסקריגגע׳ס מענש פרייטאג, איז ער יעדענפאלס געווען זיינער אַ קרוב, גע־שטאַנען אַן אָנגעקלאָגטער פאַר די פריעדענס־ריכטער אין סטאָק־פּאָרט פאַר איינפיהרען פּונקט אַזאַ רעליי־פּלאַן ווי דעם, וואָס עס־קריגגע האָט אויסגעקלערט. עס זיינען געזעסען 4 ריכטער, צווי־שען זיי דריי באַוועל־שפּינער, און בראש פון זיי דערזעלביגער אונפערמיידליכער עסקריגגע. עסקריגגע האָט ראבינזאָן׳ען פריי געשפּראָכען, און איצט האָט ער זיך געטראכט, וואָס עס איז רעכט פאַר ראבינזאָן׳ען איז אויך גוט פאַר עסקריגגע׳ן. שטיצענדיג זיך אויף זיין אייגענעם פּסק־דין, האָט ער גלייך איינגעפיהרט דעם סיסטעם אין זיין אייגענער פאבריק.[158] עס פערשטעהט זיך, די צונויפשטעלונג פון דעם געריכט איז שוין אליין געווען אַן אָפענע פערלעצונג פון געזעץ.[159] „אַזאַ מין געריכטליכער פאַרס, שרייט

---

[157] אַט די „קאונטי מאַגיסטראַטס“, די „גרויסע ניט־בעצאַהלטע“, ווי וו. קאבבעטט רופט זיי אַן, זיינען אַ סאָרט אונבעצאַהלטע פריעדענריכטער, צונויפ־געשטעלט פון די „אנשי מכובדים“ פון דער גראַפשאַפט (קאונטי). זיי שטעלען פּאַקטיש צונויף די פּאַטרימאָניאַל־געריכטען פון די הערשענדע קלאַסען.

[158] רעפּאָרט עטצ. פאַר אַפּריל 1849, ז. 21 און 22. פערגל. עהנליכע ביי־שפּיעלען דאָרט גופא ז. 4 און 5.

[159] על פּי געזעץ, וואָס איז בעקאַנט מיט׳ן נאָמען סער דזשאָהן האָבהאָוזע׳ס פאַבריק־געזעץ, איז פערבאָטען אַז אַ בעזיצער פון אַ באַוועל־שפּינעריי אָדער וועבעריי, אָדער אַ כאָטער, אַ זוהן, אַ ברודער פון אַזאַ בעזיצער זאָל פונקציאָנירען אַלס פריעדענסריכטער אין פראַגען, וואָס זיינען נוגע דעם פאַבריק־געזעץ.

צייט, וואָס די דראַמאַ געדויערט, אַזוי האָבען איצט געהערט די אַרבייטער אין משך פון 15 שטונדען צו דער פאַבריק, ניט רעכענענדיג די צייט פון קומען אין פאַבריק און געהן אַהיים. די שטונדען פון רוה זיינען אָט אַזוי פערוואַנדעלט געוואָרן אין שטונדען פון געצוואונגענעם לעדיג־געהן, וועלכע האָבען דעם יונגען אַרבייטער געטריבען אין שענק און די יונגע אַרבייטערין אין באָרדעל. ביי יעדען נייען איינפאַל, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט טאָג־טעגליך אויסגעקלערט, כדי צו האַלטען זיינע מאַשינעריע אין גאַנג 12 אָדער 15 שטונדען ניט פערגרעסערענדיג דעם אַרבייטער־פּערזאָנאַל, האָט דער אַרבייטער געמוזט אַריינשלינגען זיין עסען אַמאָל אין איין ברעקעל לעדיגער צייט, אַמאָל אין אַנאַנדערן. בעת עס איז אָנגעגאַנגען די 10־שטונדען אַגיטאַציע האָבען די פאַבריקאַנטען געשריען, אַז דער אַרבייטער־מאַב שיקט פּעטיציעס, ערוואַרטענדיג צו קריגען אַ 12־שטונדיגען אַרבייטס־לוין פאַר 10־שטונדיגע אַרבייט. איצט האָבען זיי אומגעקעהרט דעם מעדאַל. זיי צאָהלען אַ 10־שטונדיגען אַרבייטס־לוין פאַר אַ 12־ און 15־שטונדיגען באַלעבאַטעווען איבער זייערע אַרבייטס־קרעפטען.[165] אָט דאָס איז געווען דער עיקר המעשה, דאָס איז געווען די פאַבריקאַנטען־אויסגאַבע פון דעם 10־שטונדען־געזעץ! דאָס זיינען געווען דיזעלבינע בעהאַרציגטע, מיט מענשענליעבע זיך־צוגיסענדע פריי־הענדלער, וועלכע האָבען 10 פולע יאָהרען, אין משך פון דער אַגיטאַציע אַנטקעגען די קאָרן־אָבצאָהלונגען, אויסגערעכענט פאַר די אַרבייטער געגוי אויף אַ גראָשען, אַז ביי אַ פרייען קאָרן־אַריינפיהר, און מיט די מיטלען פון דער ענגלישער אינדוסטריע, וועט אַ 10־שטונדיגע אַרבייט זיין פאָלשטענדיג גענוג צו מאַכען רייך די קאַפּיטאַליסטען.[166]

דער צוויי־יאָהריגער אויפשטאַנד פון קאַפּיטאַל איז ענדליך

---

[165] זעה רעפּאָרט עטצ. פאַר אַפּריל 1849", ז. 6 און די גענויע בעשרייבונג פון דעם „שיפטינג־סיסטעם" פון די פאַבריק־אינספּעקטאָרען האָועל און סאָונדערס אין „רעפּאַרטס פאַר 31 אָוו אָקטאָבער 1848". זעה אויך די פּעטיציע פון די גלחים פון אַשטאָן און אַרום, אין פריהלינג 1849, צו דער קעניגין אַנטקעגען דעם „שיפט־סיסטעם".

[166] פערגל. צ.ב.ש. ר. ה. גרעי. The Factory Question and the Ten hours Bill, London, 1737,

פלעגען באלד אריבערגעפיהרט ווערן פון שפין־צימער אין וועב־
צימער, און באלד, אין משך פון 15 שטונדען, פון איין פאבריק
אין דער אנדערער.[163] ווי אזוי קאָן מען קאָנטראָלירן א סיסטעם,
„וואָס פערדרעהט דאָס וואָרט אָבבייט, כדי דורכצומישען די אר־
בייטער ווי קאָרטען אויף אלערליי אופנים, און אזוי בייטען די
שטונדען פון ארבייט און רוה, אז קיין איין פאָלשטענדיגע רייה
ארבייטער ארבייט קיינמאָל ניט צוזאמען אויף דעמזעלביגען
פלאַץ!"[164]

אָבער שוין אינגאנצען אָבגעזעהן פון דער ווירקליכער איבער־
ארבייטונג, איז דער דאָזיגער אזוי־גערופענער רעליי־סיסטעם געווען
א מין אויסוואוקס פון דער קאפיטאליסטישער פאנטאזיע, וואָס
פוריע אין זיינע הומאָריסטישע סקיצען „קורט סעאנס" האָט קיינ־
מאָל ניט איבערטראָפען; מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס די
אַטראַקציאָן [אנציהונג] פון ארבייט איז פערוואנדעלט געוואָרן
אין דער אַטראַקציאָן פון קאפיטאל. בעטראַכט נאָר די דאָזיגע
סכעמען פון די פאבריקאנטען, וועלכע די גוטע פרעסע האָט גע־
לויבט אלס מושטער פון דאָס, „וואָס א פערנינפטיגער גראד פון
פערזאָרגונג און מעטאָדע קאָן אויפטהאָן" "What a reasonable
degree of care and method can accomplish." דער ארבייטער
פערזאָנאל איז אָפטמאָל צוטיילט געוואָרן אין 12 ביז 15 קאטעגאָ־
ריען, וועלכע פלעגען אליין שטענדיג בייטען און איבערבייטען זיי־
ערע בעשטאנד־טיילען. אין משך פון דער 15־שטונדיגער פעריאָדע
פון פאבריק־טאָג האָט קאפיטאל אריינגעשלעפט דעם ארבייטער דאָ
אויף א האלבער שטונדע, דאָ אויף א שטונדע, דאן ארויסגעשטופט
איהם פון פאבריק, כדי איהם ווייעדער אמאָל אריינצושלעפען און
ארויסשטופען, ארומטרייבענדיג איהם דאָ און דאָרט אין צופיצעלטע
ברעקלעך צייט, שטענדיג האלטענדיג איהם אויפ'ן שטריקעל, ביז די
פולע 10 שטונדען ארבייט איז אָבגעטאָן געוואָרן. פונקט ווי אויף
דער ביהנע, אזוי האָבען דיזעלבע פערזאָנען געמוזט ארויפקומען זיך
בייטענדיג אין די פערשיידענע סצענעס פון די פערשיידענע אק־
טען. און אזוי ווי דער אקטיאָר געהערט צו דער ביהנע די גאנצע

[163] רעפארטס עטצ. אפריל 1849, ז. 21.

[164] רעפארטס עטצ. דעצ. 1848, ז. 95.

דער פאבריקאנט אין די גרויסע שטעדט קאן זיך ארויסמאכען פונ'ם געזעץ, דער פאבריקאנט פון די קליינע דערפלעך קאן ניט געפינען גענוג ארבייטער פאר'ן רעליי־סיסטעם און נאך וועניגער ארומצובייטען זיי פון איין פאבריק אין דער אנדערער, א.אז.וו." און די גלייכע עקספלואטאציע פון דער ארבייט־קראפט איז דאס ערשטע מענשען־רעכט פונ'ם קאפיטאל.

אונטער אט די אומשטענדען איז עס געקומען צו א קאמפראמיס צווישען די פאבריקאנטען און די ארבייטער, וועלכער איז פארלאמענטאריש פערזיעגעלט געווארן אין דעם צוגעזעצטען פאבריק־אקט פון 5טען אוגוסט 1850. פאר „יונגע פערזאנען און פרויענצימער" איז דער ארבייטס־טאג אין די ערשטע 5 וואכענטעג גע־העכערט געווארן פון 10 אויף 10½ שטונדען, פאר דעם זעקסטען טאג, שבת, איז ער בעשרענקט געווארן אויף 7½ שטונדען. די ארבייט מוז פארקומען אין דער פעריאדע פון 6 אוהר אין דער פריה ביז 6 אוהר אין אבענד,[169] מיט אנדערהאלבען־שטונדיגע הפסקות אויף מאהלצייטען, וועלכע מוזען געגעבען ווערן אלעמען אין איין צייט, לויט די בעשטימונגען פונ'ם אקט פון 1844, א.אז.וו. דערמיט איז געמאכט געווארן א סוף פון דעם רעליי־סיסטעם איין מאל פאר אלע מאל.[170] פאר דער קינדער־ארבייט איז דאס געזעץ פון 1844 געבליבען אין קראפט.

איין קאטעגאריע פאבריקאנטען האט זיך דאס מאל, פונקט ווי פריהער, פערזיכערט מיט ספעציעלע פריצישע רעכטען איבער די פראלעטאריער־קינדער. דאס זיינען געווען די זייד־פאברי־קאנטען. אין יאהר 1833 האבען זיי געקלאגט מיט דראהונג אין זייער קול, „אויב מען וועט אוועקנעהמען ביי זיי די פרייהייט אויסצוהארעווען קינדער פון יעדען עלטער 10 שטונדען טעגליך, וועט מען אבשטעלען זייערע פאבריקען." עס וועט זיי זיין אונ־

[169] ווינטער קאן די פעריאדע זיין אנשטאט דעם פון 7 אוהר אין דער פריה ביז 7 אוהר אין אבענד.

[170] „דאס געגענווערטיגע געזעץ (פון 1850) איז דער רעזולטאט פון א קאמפראמיס, ביי וועלכען די ארבייטער האבען זיך ענטזאגט פון די טובות פון דעם 10 שטונדען־טאג, כדי צו בעקומען די נוצען פון א גלייכצייטיגען אנהויב און א גלייכצייטיגען סוף פון דער ארבייט פון די, וואס זייער ארבייט־צייט איז איבערהויפט בעשרענקט געווארן." (רעפארטס עטצ. 30טען אפריל 1862, ז. 14.)

געקרוינט געוואָרן מיט א זיעג דורך דעם פסק־דין פון איינעם פון די פיער העכסטע געריכטען פון ענגלאנד, פון דעם Court of Exchequer. אין א פאַל, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פאַר איהם דעם 8טען פעברואר 1850, האָט ער גע'פסק'ענט, אז די פאבריקאנטען האָבען טאקע געהאנדעלט להיפך צו דעם זין פון דעם אקט פון 1844, דער אקט גופא אָבער ענטהאלט געוויסע ווערטער, וועלכע מאכען איהם זינלאָז. „דורך דאָט דער ענטשיידונג איז דאָס 10־שטונדען־געזעץ געוואָרן אָבגעשאפט.“[167] א מאסע פאבריקאנטען, וועלכע האָבען פריהער מורא געהאט צו געברויכען דעם רעליי־סיסטעם פאר יונגע פערזאָנען און פרויען־ארבייטער, האָבען זיך איצט אָנגעכאפט פאר איהם מיט ביידע הענד.[168]

נאָכדעם אָבער ווי עס האָט אויסגעזעהן, אז קאפיטאל האָט געוואונען א פאָלשטענדיגען זיעג, איז באלד געקומען אן איבערקעהרעניש. די ארבייטער האָבען ביז אהער ארויסגעוויזען א פאסיווען, ווען אפילו א שטייפען און אלעמאָל א פרישען ווידערשטאנד. איצטער האָבען זיי פּראָטעסטירט אין א קול פון דראָהונגען אויף פערזאמלונגען אין לאנקאשיר און יאָרקשיר. דער כלומר'שטדיגער 10־שטונדען־געזעץ איז, הייסט עס, געווען א פשוט'ער שווינדעל, פארלאמענטארישע רמאות, ער האָט גאָרניט עקזיסטירט! די פאבריק־אינספעקטאָרען האָבען דרינגענד געוואָרענט דער רעגיערונג, אז דער אנטאגאָניזם פון די קלאסען האָט דערגרייכט אן אונגלויבליכע שפאנונג. איין טייל פון די פאבריקאנטען גופא האָט געמורמעלט: „צוליעב די ווידערשפּרעכענדע אורטיילען פון די מאגיסטראטען הערשט א גאנץ אבנאָרמאלער און אנאַרכישער צושטאנד. איין געזעץ גילט אין יאָרקשיר, אנאנדער געזעץ אין לאנקאשיר; איין געזעץ אין א קהלה אין לאנקאשיר, אנאנדער געזעץ אין דער דערבייאיגער סביבה.

[167] פ. ענגעלס, „די ענגלישע 10 שטונדען־ביל“ (אין „די נייע רהיינישע צייטונג“, וואָס איך האָב ארויסגעגעבען, אין אפריל העפט 1850, ז. 13) [געזאַמעלטע שריפטען פון קארל מארקס און פר. ענגעלס, שטוטגארט 1902, באנד 3, ז. 384.] דערזעלביגער הויכער געריכט האָט בעת דעם אמעריקאנער בירגערקריעג אויפ'ן זעלבען אופן געפונען א ווארט־דריידעל, וואָס האָט אקוראט איבערגעדרעהט דעם זין פון דעם געזעץ אנטקעגען דער בעוואפענונג פון פיראטען־שיפען.

[168] רעפּאָרטס אפריל 1850.

דעם פּרויען־טייל פון דער בעפעלקערונג איז זי זאָגאר העכער איידער אין די באוועל־דיסטריקטען פון לאנקאשיר.״[175] טראָץ די פּראָטעסטען, וואָס די פאבריק־אינספעקטאָרען האָבען וויעדער־האָלט אַלע האַלב יאָהר, האַלט אָן אָט דער צרה׳דיגער צושטאנד ביז אָט דער שטונדע [דאָס איז געשריבען אין 1866].[176]

דאָס געזעץ פון 1850 האָט נאָר פאר „יונגע פערזאָנען און

[175] דארט גופא, ז. 27. בכלל האָט זיך די ארבייטער־בעפעלקערונג, וואָס איז געווען אונטערוואָרפען צו דעם פאבריק־געזעץ, פיזיש זעהר פערבעסערט. אַלע ערצטליכע צייגנישען שטימען איין אין דעם פונקט און מיינע אייגענע פערזענליכע בעאבאכטונגען האָבען מיך איבערצייגט אין דעם. פונדעסטוועגען ניט קוקענדיג אויף דעם, און אויך ניט רעכענענדיג די אונגעהויערע שטערב־ליכקייט־ראטע פון די קינדער אין זייערע ערשטע לעבענס־יאהרען, בעווייזען דר. גרינהאו׳ס אפּיציעלע בעריכטען דעם ניט־גינסטיגען געזונדהייט־צושטאנד פון די פאבריק־דיסטריקטען, ווען מען פערגלייכט זיי מיט „אגריקולטור־דיסטריקטען פון נארמאלער געזונדהייט.״ אלס בעווייז וועלען מיר נעהמען די פאלגענדע טא־בעלע פון זיין בעריכט פון יאהר 1861: —

נעמען פון דיסטריקטען	פּראצענט פון דערוואקסענע מענער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער אינ־דוסטריע	שטערבליכ־קייט־ראטע פון לונגען־קראנקהייטען פער 100,000 מענער	פּראצענט פון דירוואקסענע פרויען, וואָס זיינען בע־שעפטיגט אין דער אינ־דוסטריע	שטערבליכ־קייט־ראטע פון לונגען־קראנקהייטען פער 100,000 פרויען	דער סאָרט בעשעפטיגונג פון פרויען
וויגאן	14,9	598	18,0	644	באוועל
בלאקבורן	42,6	708	34,9	734	„
האליפאקס	37,3	547	20,4	564	קאם־וואל (וואוסטעד)
בראדפארד	41,9	611	30,0	603	„
מאקלספיעלד	31,0	691	26,0	804	זייד
ליעק	41,9	588	17,2	705	„
סטאק אפאן טרענט	36,6	721	19,3	665	טעפּערנע כלים
וואולסטאנטאן	30,4	726	13,9	727	„
8 געזונדע אגריקולטור־דיסטריקטען	—	305		340	—

[176] עס איז גוט בעקאנט מיט וואָס פאר א ווידערווילען די ענגלישע פרייי־הענדלער האבען זיך אבגעזאגט פון דעם שוץ־טאריף אויף זייד־מאנופאקטורען. אנשטאט דעם שוץ אנטקעגען דעם פראנצויזישען אימפּאָרט האט איצט געדיענט די שוצלאזיגקייט פון די ענגלישע פאבריק־קינדער.

מעגליך צו קויפען א גענוגענדע צאָהל קינדער איבער 13 יאָהר אַלט. זיי האָבען ארויסגעריסען די געווינשטע פּריווילעגיע. דער אויסרייד, ווי עס האָט זיך ארויסגעשטעלט ביי א שפּעטערער אונ־טערזוכונג, איז געוועזען א הוילער ליגען.[171] פונדעסטוועגען האָט דאָס זיי ניט געשטערט גאַנצע 10 יאָהר צו שפּינען 10 שטונדען א טאָג זייד פון דעם בלוט פון קליינע קינדער, וועלכע האָבען געמוזט שטעהן אויף בענקלעך, כדי צו קאָנען טהאָן זייער אר־בייט.[172] דער אקט פון 1844 האָט זיי אמת „בערויבט" פון זייער „פרייהייט" צו ארבייטען מיט קינדער אונטער 11 יאָהר לענגער ווי 6½ שטונדען, דערפאַר אָבער האָט ער זיי געזיכערט די פּריווילעגיע צו האַלטען קינדער צווישען 11 און 13 יאָהר 10 שטונדען א טאָג ביי דער ארבייט, און האָט אָבגעשאַפט פאַר זיי דעם שוהל־צוואַנג, וואָס איז געוועזען א מוז פאַר אַנדערע פאַבריק־קינדער. דאָס מאָל איז געוועזען דער אויסרייד: „דער דעליקאַטער כאַראַקטער פון דעם געוועב פאָדערט אַזאַ צאַרטקייט פון די פינגער, וועלכע מען קאָן בעקומען, נאָר ווען מען קומט אָן אין פאַבריק יונגערהייט."[173] צוליעב זייערע דעליקאַטע פינגער האָט מען זיי אינגאַנצען אויסגעשלאַכטעט, ווי מען שלאַכט אויס די האָרנדיגע פיה אין מערב־רוסלאַנד צוליעב זייער פעל און חלב. ענדליך, אין 1850, איז די פּריווילעגיע, וואָס איז געגעבען געוואָרן אין 1844, בעשרענקט געוואָרן נאָר אויף די מלאכות פון פערימען און שפּולען דעם זייד. דערפאַר אָבער, אַלס שאָדען־ערזאַץ פאַר'ן קאַפּיטאַל, וואָס ווערט בערויבט פון זיין „פרייהייט", איז די ארבייט־צייט פון קינדער צווישען 11 און 13 יאָהר אַלט געהעכערט געוואָרן פון 10 אויף 10½ שטונדען א טאָג. דער אויסרייד איז: „די ארבייט אין די זייד פאַבריקען איז לייכטער ווי אין די אַנ־דערע פאַבריקען און איז אויף קיין פאַל ניט שעדליך פאַר'ן גע־זונד."[174] די אָפיציעלע ערצטליכע אונטערזוכונג האָט שפּעטער בעוויזען פערקעהרט, אַז „די דורכשניטליכע שטערבליכקייט־ראַטע אין די זייד־דיסטריקטען איז אויסנאַהמסווייז הויך, און צווישען

[171] רעפּאָרטס, פאַר 30טען סעפּטעמבער 1844, ז. 13.

[172] דאָרט גופא.

[178] דאָרט גופא. ז. 20.

[174] רעפּאָרטס אָקטאָבער 1861, ז. 26.

זינט דער ערשטער פאבריק־אקט איז דורכגעפיהרט געוואָרן איז איצט געווען אוועקגעגאנגען א האלבער יאָהרהונדערט.[179]

די געזעצגעבונג איז ארויסגעטראָטען דאָס ערשטע מאָל פון די גרעניצען פון איהר אורשפרינגליכער ספערע מיט דעם „פרינט־וואָרקס אקט" (געזעץ וועגען קאטטון־דרוקערייען א.אז.וו.) פון יאָהר 1845. די אונצופריעדענהייט, מיט וועלכער קאפיטאל האָט אויפגענומען די דאָזיגע נייע „עקסטראוואגאנץ", רעדט ארויס פון יעדער שורה פון דעם אקט! ער בעשרענקט דעם ארבייטס־טאָג פאר קינדער פון 8 ביז 13 יאָהר און פאר פרויענצימער אויף 16 שטונדען, צווישען 6 אוהר אין דער פריה און 10 אין אָבענד, אָהן א וועלכער עס איז געזעצליכער הפסקה אויף מאָהלצייטען. ער ערלויבט צו האלטען מענער־ארבייטער אריבער 13 יאָהר ביי דער ארבייט טאָג און נאכט וויפיעל מען וויל.[180] דער אקט איז געווען א פארלאמענטארישער מפיל (פעהלגעבורט).[181]

פונדעסטוועגען האָט אָבער דער פרינציפ טריאומפירט מיט זיין זיעג אין די גרויסע אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע זיינען די העכסט־כאראקטעריסטישע בעשעפענישען פון דעם מאָדערנעם פראָדוקציאָנס־אופן. זייער וואונדערבארע ענטוויקלונג פון 1853

זיך אליין פאר, וואס מיר האלטען אויף א סיסטעם, וועלכער שעדיגט פיזיש און מאראליש אונז און אונזערע קינדער.... מיר צייגען אייך דעריבער דערמיט אכטונגספול אן, אז פון ניי־יאָהרס טאָג אן וועלען מיר קיין איינציגע מינוט נים ארבייטען מיהר ווי 60 שטונדען א וואָך, פון 6 אין דער פריה ביז 6 אבענדס, אראבציהענדיג די געזעצליכע הפסקות פון א שטונדע און א האלב." (רעפארט עטצ. פאר אפריל 1860, ז. 30.)

[179] וועגען די אופנים ווי אזוי די אויסדרוק־פאָרם פון דעם געזעץ האָט געגעבען א מעגליכקייט איהם צו ברעכען, זעה דעם פארלאמענט בעריכט „פאקטארי רעגולייישאנס אקטס" (6טען אוגוסט 1859) און דעם טייל, וואס לעאנארד הארנער שרייבט: "Suggestions for Amending the Factory Acts to enable the Inspcetors to prevent illegal worKing. now become very prevalent,"

[180] „קינדער פון 8 יאהר און העכער זיינען דעם לעצטען האלב־יאהר (1857) אין מיין דיסטריקט פאקטיש פערמוטשעט געווארן פון 6 אוהר אין דער פריה ביז 9 אוהר אין אבענד." (רעפארטס עטצ. פאר 31טען אקטאבער 1857, ז. 39.)

[181] „אלע זיינען מודה, אז דער „פרינט־ווארקערס אקט" איז א דורכפאל אין זיינע מאסרעגעלען אי פון ערציהונג, אי פון בעשיצונג." (רעפארט 1862. ז. 52.)

פּרויענצימער" פּערוואַנדעלט די 15־שטונדיגע פּעריאָדע פון האַלב 6 אין דער פריה ביז האַלב 9 אין אָבענד אויף דער 12־שטונדיגער פּעריאָדע פון 6 אין דער פריה ביז 6 אין אָבענד. עס האָט, הייסט עס, ניט בעריהרט די לאַגע פון קינדער, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געקאָנט בעשעפטיגט ווערן אַ האַלבע שטונדע פאַר'ן אָנהויב און 2½ שטונדען נאָכ'ן סוף פון אָט דער פּעריאָדע, ווען אפילו אין סך הכל האָט זייער ארבייט ניט געטאָרט געדויערן מעהר ווי 6½ שטונדען. בעת דאָס געזעץ איז דיסקוטירט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, האָבען די פאַבריק־אינספּעקטאָרען פאָרגעבראַכט סטאַטיסטיקעס וועגען די שענדליכע מיסברויכונגען פון אָט דער משונה׳דיגער לאַגע. עס איז אָבער געוועזען אומזיסט. הינטער דעם האָט געלויערט די בעהאַלטענע כונה ארויפצושרויפען דעם ארבייטס־טאָג פון די דערוואַקסענע ארבייטער, אין יאָהרען פון אַ גרויסער ארבייט־שפּע, ווייטער אויף 15 שטונדען אַ טאָג מיט דער הילף פון די קינדער. די ערפאַהרונג פון די נעקסטע דריי יאָהר האָט בעוויזען, אַז אַזאַ פּראָבע וועט מוזען דורכפאַלען זיך אָנשטויסענדיג אויף דעם ווידערשטאַנד פון די דערוואַקסענע מענער־ארבייטער.[177] דער אַקט פון 1850 איז דעריבער ענדליך ערגענצט געוואָרן אין 1853 דורך דעם פערבאָט „צו בעשעפטיגען קינדער אין דער פריה איידער די יונגע פּערזאָנען און פרויענצימער הויבען אָן ארבייטען, און אין אָבענד נאָך זיי." פון דער צייט אָן האָט דער פאַבריק־אַקט פון 1850 רעגולירט, מיט ווייניג אויס־נאַהמען, דעם ארבייטס־טאָג פון אַלע ארבייטער אין די אינדוסט־ריע־צווייגען, וואָס זיינען געוועזען אונטערוואָרפען אונטער איהם.[178]

[177] רעפּאָרטס עטצ. פאַר אַפּריל 1853, ז. 31.

[178] אין פערלויף פון 1859 און 1860, די גלאַנץ־יאָהרען פון דער ענגלישער באַוועל־אינדוסטריע, האָבען אייניגע פאַבריקאַנטען זיך פּרובירט צו קריגען די צושטימונג פון די דערוואַקסענע מענער־שפּינער און אַנדערע צו אַ פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג, דורך דעם צוציהונגס־מיטעל פון העכערע שכירות פאַר עקסטראַ־צייט. די האַנד־מול שפּינער און די „סעלף־אַקטאָר מיינדערס" האָבען געמאַכט אַ סוף צו דער דאָזיגער פּראָבע, דורך אַ דענק־שריפט צו זייערע ארבייט־געבער, אין וועלכער זיי זאָגען צווישען אַנדערס ווי פאָלגט: „פּשוט גערעדט, אונזער לעבען איז אונז אַ לאַסט, און כל זמן מיר זיינען צוגעשמידט צו דער פאַבריק כמעט 2 טעג אַ וואָך (20 שטונדען) לענגער איידער די אַנדערע ארביי־טער, פיהלען מיר זיך גלייך ווי העלאָטען [שקלאַפען] אין לאַנד, און וואַרפען

וואָרן דעם פאבריק אקט פון 1850 אין יאָהר 1860; די שפיצען־פאבריקען און זאָקען־שטריקערייען—אין יאָהר 1861. אלס רע־זולטאט פון דעם ערשטען ראפאָרט פון דער „קאָמיסיע איבער דער בעשעפטיגונג פון קינדער" (1863) [דורך דעם אקט פון 25טען יולי 1864 אויסצושפרייטען די פאבריק־געזעצען — קאוטסקי.] האָבען זיך געטיילט מיט דעמזעלבען שיקזאל די פאבריקאציעס פון אלע ליימענע כלים (ניט נאָר די טעפערייען), פון צינד־העלצ־לעך, פון צינד־היטעלעך (פון שיס־געוועהר), פון פאטראָנען, טא־פעטען, באוועל־סאמעט שערעריי (fustian cutting) און א סך אנדערע פראָצעסען, וואָס זיינען צוזאמענגעפאסט אונטער דעם אויסדרוק „פינישינג" (לעצטע בעארבייטונג). אין יאָהר 1863 זיינען די „בלייכעריי אין פרייער לופט"[185] און די בעקעריי גע־

דוחק אויף באוועל) וועט עס זיין א גרויסע טובה פאר די ארבייטער, ווען מען ערלויבט זיי צו ארבייטען 12 שטונדען טעגליך און ארויסשלאגען אזויפיעל שכירות וויפיעל מעגליך. . . ." עס איז זיי שוין אפילו געלונגען אריינצוברענגען אין הויז אוו קאמאנס א געזעץ־פארשלאג אין דעם זין, און „נאר צו פערדאנקען דער אגיטאציע פון די בלייכעריי־ארבייטער אין שאטלאנד איז דער געזעץ־פראיעקט אויפגעגעבען געווארן." (רעפארט עטצ. אקטאבער 1862, ז. 14 און 14.) ווען זיי זיינען אויף דעם אופן געשלאגען געווארן פון די ארבייטער גופא, אין וועמעס נאמען זיי האבען כלומר'שט גערעדט, האט קאפיטאל מיט דער הילף פון יוריסטישע ברילען ענטדעקט, אז דער אקט פון 1860, פונקט ווי אלע פארלאמענט־אקטען, וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארן „צום שוץ פון דער ארבייט", איז אויסגעדריקט אין אזוינע פערדרעהטע פראזען, אז מען קאן געפינען א גרונד אויסצושליסען די „קאלענדערערס" און די „פינישערס" פון זיין ווירקונג. די ענגלישע יוריספרודענץ, וועלכע איז שטענדיג א געטרייער קנעכט פון קאפיטאל, האט דורך דעם „קארט אוו קאממאן פליעס" סאנקציאנירט די דאזיגע געזעץ־פערדרעהענישען. „דאס האט ארויסגערופען גרויסע אונצופריעדענהייט צווישען די ארבייטער, און עס איז זעהר צו בעדויערן, וואס צוליעב דעם אויסרייד פון איין ניט־גענויער ווארט־דעפיניציאן איז די קלארע כונה פון דער געזעצגעבונג געווארן צו נישט." (דארט גופא, ז. 18.)

[185] די „בלייכער אין פרייער לופט" האבען זיך ארויסגעדרעהט פון דעם געזעץ פון 1860 בנוגע דער בלייכעריי דורך דעם ליגען, אז זיי בעשעפטיגען ניט קיין פרויען ביי נאכט. דער ליגען איז אויפגעדעקט געווארן פון די פאבריק־אינספעקטארען און אין דערזעלביגער צייט האבען די ארבייטער־פעטיציעס אוועקגערויבט פון פארלאמענט זיין פארשטעלונג וועגען דער קיהלער לופט פון די לאנקעס, וואס די ארבייטער פון דער „בלייכעריי אין דער פרייער לופט" געניעסען. אין דער דאזיגער לופט־בלייכעריי ווערען געברויכט טריקען־צימערן,

ביז 1860, האנד אין האנד מיט דער פיזישער און מאָראַלישער וויעדערגעבורט פון די פאבריק־ארבייטער, האָט אפילו די בלינדע געעפענט די אויגען. די פאבריקאנטען, פון וועמען די געזעצליכע בעשרענקונג און רעגולירונג פון ארבייטס־טאָג איז דורך א האלב הונדערט־יאָהריגען בירגער־קריעג אויסגעקעמפּט געוואָרן טריט ביי טריט, האָבען איצט אליין גאוה'דיג אָנגעוויזען אויף דעם קאָנ־טראסט מיט די צווייגען פון עקספּלואטאציע, וועלכע זיינען נאָך „פריי". [182] די פאריסער פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָבען פּראָקלאמירט דאָס איינזעהן די נויטווענדיגקייט פון א געזעצליך־רעגולירטען ארבייטס־טאָג אלס א כאראקטעריסטישע נייע ענט־דעקונג פון זייער „וויסענשאַפט" [183] עס איז לייכט צו פער־שטעהן, אז נאָכדעם ווי די פּאבריק־מאגנאטען האָבען זיך צוגע־פּאסט צו דאָס אונפערמיידליכע און שלום געמאכט דערמיט, איז די ווידערשטאנד־קראפט פון קאפּיטאל וואָס ווייטער אָבגעשוואכט געוואָרן, בעת די אָנגריף־קראפט פון דעם ארבייטער־קלאס איז אין דערזעלביגער צייט געוואקסען מיט דער צאָהל פון זיינע פער־בינדעטע צווישען די ניט־דירעקט פעראינטערעסירטע געזעלשאפט־שיכטען. דערפון האָט זיך גענומען דער פערגלייכסמעסיג שנעלער פאָרטשריט זינט דעם יאָהר 1860.

די פארבער־ייען און בלייכערייען[184] זיינען אונטערוואָרפען גע־

[182] צום ביישפּיעל ע. פּאטטער אין א בריעף צו דער „טיימז" פון 24טען מארץ 1863. די „טיימז" דערמאָנט איהם דערביי דעם אויפשטאנד פון די פּאבריקאנטען אנטקעגען דעם 10־שטונדען־געזעץ.

[183] אזוי האָט נעטאן צווישען אנדערע וו. ניומארטש, מיטארבייטער און ארויסגעבער פון „טוק'ס" „היסטאָרי און פּרייסעס". איז דאָס א וויסענשאַפט־ליכער פּאָרטשריט, ווען מען מאכט פּדחנ'ישע הנחות צו דער עפענטליכער מיינונג?

[184] דער אקט וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרן אין 1860 בנוגע בלייכערייען און פּארבערייען, האָט בעשטימט, אז דער ארבייטס־טאָג זאָל דעם 1טען אויגוסט 1861 פּאָרלויפיג פּעךקירצט ווערן אויף 12 שטונדען און דעם 1טען אויגוסט 1862 ענדגילטיג אויף 10 שטונדען, ד.ה. 10½ שטונדען פאר וואָכיגע טעג און 7½ שטונדען פאר שבתים. ווען אבער דאָס פּאטאָלע יאָהר 1862 איז אָנגעקומען, האָט זיך וויעדערהאָלט דער אלטער שפּיעל. די הערען פּאבריקאנטען האָבען געשיקט א פּעטיציע צום פּארלאמענט, ער זאָל כאָטש אויף נאָך 1 יאָהר לענגער דולדען די 12־שטונדיגע בעשעפטיגונג פון יונגע פּערזאָנען און פרויענצימער. . . „ביי דעם איצטיגען צושטאנד פון די געשעפטען (אין דער צייט פון'ם

אבענד ביז 6 אוהר אין דער פריה) פון קינדער, יונגע פערזאָנען און פרויענצימער, און אין פאַל פון דער צווייטער די ארבייט פון בעקער־געזעלען אונטער 18 יאָהר צווישען 9 אוהר אין אבענד און 5 אוהר אין דער פריה. מיר וועלען נאָך צוריקקומען צו די שפּעטערדיגע פּראָיעקטען פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע, וועלכע האָט געסטראשעט צו בערויבען די „פרייהייט" פון אַלע וויכטיגע ענגלישע אינדוסטריע־צווייגען, א חוץ די ערד־ארבייט, די מינען און די טראַנספּאָרט־בעשעפטיגונג.*[185]

7. דער קאמף פאר א נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג.

די צוריק־ווירקונג פון דער ענגלישער געזעצגעבונג אויף אנדערע לענדער.

דער לעזער מוז געדענקען, אז די פּראָדוקציאָן פון מעהר־

און קינדער צו ארבייטען 14 שטונדען א טאג מיט מאהלצייטען אדער גאר אהן מאהלצייטען, ווי עס טרעפט זיך, און אפשר נאך לענגערע שטונדען אהן א בעשרענקונג בנוגע דעם עלטער פון די ארבייטער, אהן אן אונטערשייד פון געשלעכט און אהן וועלכער עס איז ריקזיכט אויף די געזעלשאפטליכע געוועגהייטען פון די פאמיליעס אין דער נאכבארשאפט, אין וועלכע די בלייכערייען געפינען זיך."
(רעפּארטס עטצ. פאר אפּריל 1863, ז. 40.)

*[185] נאָטע צו דער צווייטער אויסגאבע. זינט 1866, ווען איך האב געשריבען דעם אויבערשטען זאַץ, איז ווידער אריינגעטראָטען א רעאקציע. (די קאפּיטאַליסטען פון יענע אינדוסטריע־צווייגען, ווען עס האָט געדראָהעט צו ווערן אונטערוואָרפען אונטער דער פאבריק־געזעצגעבונג, האבען בענוצט זייער פּאַרלאַמענטאַרישען איינפלוס, כדי אויפצוהאַלטען זייער „בירגער־רעכט" אויף אן אונבעשרענקטער עקספּלואטאציע פון דער ארבייטס־קראַפט. נאטירליך האבען זיי אין גלאַדסטאָן'ס ליבעראַלען מיניסטעריום געפונען א ווילליגען דיענער.)

[אט די איינגערינגעלטע זאַצען האָט מארקס געשריבען אין דער פראנצויזישער אויסגאבע פון 1873. יענע רעאקציע איז אבער געווען נאר אויף א ווײַלע. ראַס פּאַבריק־ און ווערקשטאַטען־געזעץ פון 1878 (41, וויקטאריא, קאַפּ. 16) האָט שוין ערפילט די אויבען־אַרויסגעזאַגטע ערוואַרטונג און האָט „בערויבט אַלע וויכטיגע ענגלישע אינדוסטריע־צווייגען פון זייער „פרייהייט", ווענינגסטענס אויף ווי ווייט זיי האבען בעשעפטיגט פרויען און קינדער. דאָס איז טאַקע ריכטיג ניט פאַרגעקומען אונטער גלאַדסטאָן'ס מיניסטעריום, נאר אונטער דעם קאָנסערוואַטיווען מיניסטעריום פון דיזראַעלי, וועלכער איז געווען אין אמט פון 1874 ביז 1880. זינט יענער צייט האָבען זיך די קאָנסערוואטיווע גרינדליך איבערגעביטען. — קאוטסקי.]

שטעלט געווארן אונטער ספעציעלע אקטען, וועלכע האבען פערבא־
טען אין פאל פון דער ערשטער די נאכט־ארבייט (פון 8 אוהר אין

ביי א טעמפעראטור פון 90 ביז 100 גראד פארנהייט, אין וועלכע די ארבייט איז מעהרסטענטיילס געטאן געווארן פון מיידלעך. „קולינג" [אבקיהלונג] איז דער טעכנישיר אויסדרוק פאר דעם ארויסלויפען פון צייט צו צייט אין דער פרייער לופט זיך אבצוקיהלען פון דער היטץ פון טריקען־צימער. „15 מיידלעך אין די טריקען־צימערן, די היטץ איז פון 80 ביז 90 גראד פאר לייוועגט, 100 גראד און מעהר פאר באטיסט. 12 מיידלעך ביגלען און לעגען צונויף (די באטיסט א.ד.ג.) אין א קליינעם צימער פון אן ערך 10 פוס אין קוואדראט, און אין מיטען שטעהט א געשלאסענער אויווען. די מיידלעך שטעהען ארום דעם אויווען, וועלכער גיט ארויס א שרעקליכע גלוט און טריקענט שנעל די באטיסט פאר די ביגלערינס. די צאהל ארבייט־שטונדען פאר די דאזיגע „הענד" איז אונבעשרענקט. ווען עס איז דא פיעל צו טהאן, ארבייטען זיי ביז 9 אדער 12 ביינאכט פיעל טעג איינע נאך די אנדערע." (רעפארט עטצ. אקטאבער 1862, ז. 56.) איין דאקטאר ערקלערט: „ספעציעלע שטונדען פאר אבקיהלען זיך זיינען ניט ערלויבט, נאר ווען די טעמפעראטור ווערט אונמעגליך אריבערצו־טראגען, אדער די ארבייטערקעס' הענד ווערן שמוציג פון שווייס, דאן ערלויבט מען זיי אוועקצוגעהן אויף א פאר מינוט.... מיין ערפאהרונג אין דער בע־האנדלונג פון קראנקהייט ביי אט די ארבייטערינען צווינגט מיך צו בעשטעטיגען, אז זייער געזונד־צושטאנד שטעהט ווייט נידעריגער פון דעם צושטאנד פון די באוועל־שפינערקעס. (און קאפיטאל אין זיינע פעטיציעס צום פארלאמענט האט זיי געמאלט אויף רובענס' שטייגער נאך צופיעל געזונד.) די קראנקהייטען, פון וועלכע זיי ליידען אם מייסטען זיינען שווינדזוכט, בראנכיט, געבעהרמוטער־קראנקהייטען, היסטעריקע אין דער שרעקליכסטער פארם און רומאטיזם. אט די אלע קראנקהייטען נעהמען זיך נאך מיין מיינונג, דירעקט אדער אינדירעקט, פון דער איבערהיצטער לופט פון זייערע ארבייט־צימערן און פון דעם וואס עס פעהלט זיי גענוג ווארימער קליידונג צו בעשיצען זיך פון דער קאלט־פייכטער לופט ווען זיי געהען אהיים אין די ווינטער־מאנאטען." (דארט גופא, ז. 56 און 57.) די פאבריק־אינספעקטארען בעמערקען וועגען דעם צוגעגעבענעם געזעץ פון 1863, וואס מען האט ארויסגעריסען פון די לוסטיגע „בלייכער אין דער פרייער לופט" ווי פאלגט: „דער דאזיגער אקט האט ניט נאר פערפעהלט צו געבען די ארבייטער די בעשיצונג, וואס עס דאכט זיך אז ער גיט, נאר ער ענטהאלט א פונקט... וועלכער איז אזוי פארמולירט, אז די בעשיצונג קאן ערשט קומען, ווען מען כאפט ביי דער ארבייט קינדער און פרויענצימער נאך 8 אוהר אין אבענד, און אפילו יעמאלט איז די מעטאדע דאס צו בעווייזען אזוי פערפלאנטערט, אז מען קאן גארניט דערווארטען זיי זאלען בעשטראפט ווערן דערפאר." (דארט גופא, ז. 52.) „אלס אן אקט, וואס האט א וואוילטע־טיגען און ערציהערישען צוועק איז ער איינגאנצען א דורכפאל. מען קאן עס דאך ניט אנרופען וואוילטעטיג, צו ערלויבען אדער ריכטיגער צו צווינגען פרויען

דורכ'ן געזעץ. דער דאָזיגער קאָנטראָל ווייזט זיך דעריבער ארויס אין דער ערשטער העלפט פון 19טען י.ה. בלויז אלס אן אויסנאהם־געזעצגעבונג.[187] אַזוי באַלד ווי דער געזעלשאַפטליכער קאָנטראָל האָט איינגענומען דעם גאָר־ערשטען געביט פון דעם נייעם פּראָדוקציאָנס־אופן, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אונטער דער צייט זיינען ניט נאָר אַ סך אנדערע פּראָדוקציאָנס־צווייגען אריינגע־טרעטען אין דעם ספּעציעלען פאַבריק־רעזשים, נאָר אז אפילו פאַבריקאציעס מיט מעהר אָדער ווייניגער פערעלטערטע מעטאָדען, ווי טעפּערייען, גלעזערייען, א.אז.וו., אלט־מאָדישע מלאכות, ווי די בעקעריי, און ענדליך אפילו די פערשפּרייטע אַזוי־גערופענע הויז־אינדוסטריען, ווי נעגעל־מאכעריי א.אַז.וו.[188] זיינען שוין פון לאַנג אָן אריינגעפאַלען אין דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואטאַציע, פּונקט אַזויפיעל ווי די פאַבריק אליין. די געזעצגעבונג איז דעריבער געווען געצוואונגען אַראָבצו־וואַרפען ביסלעכווייז איהר אויסנאַהם־כאַראַקטער, אָדער וואו זי פיהרט זיך אויפ'ן שטייגער פון דער רוימישער קאַזואיסטיק [וואָס דרינגט פון איין פאַל אויף דעם אנדערן], ווי דהינו אין ענגלאנד, צו דערקלערן יעדעם הויז, וואו מען טהוט ארבייט, פאַר אַ פאַבריק (פאַקטאָרי).[189]

2. די געשיכטע פון דער רעגולירונג פונ'ם ארבייטס־טאָג אין איניגע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, און דער קאַמף פאַר אזא

[187] „די בעשעפטיגונגען, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער א בע־שרענקונג, זיינען געווען פערבונדען מיט דער פאבריקאציע פון טעקסטיל־סחורה, מיט דער הילף פון דאַמף און וואסער־קראַפט. אז ארבייט־צווייג האט געמוזט ערפילען צוויי תנאים איידער ער האט געקאַנט געשטעלט ווערן אונטער א פאבריק־אינספּעקציע: דער געברויך פון דאמף אדער וואסער־קראפט און די בעארבייטונג פון בעשטימטע פעדים־שטאָפען.” (רעפּארטס עטצ. אקטאבער 1864, ז. 8.)

[188] א זעהר רייכער מאטעריאל וועגען דעם צושטאנד פון דער אזוי־גערו־פענער הויזליכער אינדוסטריע געפינט זיך אין די לעצטע בעריכטען פון דער „טשילדרענס עמפּלאימענט קאמישיאָן”.

[189] „די געזעצען פון דער לעצטער סעשיאָן (1864) ... נעהמען ארום פער־שיידענע ארבייט־צווייגען, וועלכע שיידען זיך אָב אין זייערע פיהרונגען זעהר פיעל איינע פון די אנדערע. דער פערברויך פון מעכאנישער קראפט אנצו־טרייבען די ווערקצייג־מאשינען געהערט שוין ניט מעהר צו די נויטיגע פארבע־דינגונגען, כדי צו בעצייכענען עס געזעצליך אלס פאבריק.” (דארט גופא, ז. 8.)

ווערטה אָדער דאָס אַרויסקריגען פון מעהר־אַרבייט איז דער ספּע־ציפישער אינהאַלט און צוועק פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ־דוקציאָן, אונאָבהענגיק פון יעדער ענדערונג אין דעם אופן פון דער פּראָדוקציאָן גופא, וואָס קאָן אַרויסוואַקסען פון דער אונטער־אָרדנונג פון אַרבייט צו קאַפּיטאַל. ער גערענקט, אז פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס מיר האָבען ביז אהער ענטוויקעלט, טרעט נאָר אַריין דער זעלבשטענדיגער אַרבייטער, ד.ה. דער געזעצליך־מינדי־גער אַרבייטער, אַלס סחורה־פערקויפער אין אַן אָבמאַך מיט דעם קאַפּיטאַליסט. פאָלגליך, אויב אין אונזער היסטאָרישער סקיצע שפּיעלט אַ הויפּט־ראָליע פון איין זייט די מאָדערנע אינדוסטריע, און פון דער אנדער זייט די אַרבייט פון פיזיש־ און געזעצליך־אונמינדיגע, האָט די ערשטע געהאַט פאַר אונז אַ בעדייטונג נאָר אַלס בעזונדער ספּערע פון אַרבייט־אויסזויגונג, און די אנדערע נאָר אַלס ספּעציעל־אויפפאַלענדער ביישפּיעל פון דער דאָזיגער אַרבייט־אויסזויגונג. אָבער, אפילו ניט פערכאַפּענדיג אפראָהער די ווייַ־טערדיגע ענטוויקלונג [פון אונזער אונטערזוכונג], קומען מיר, שוין פון דעם צוזאַמענהאַנג בלויז פון די געשיכטליכע פאַקטען אַליין, צו די פאָלגענדע שלוסען:

1. די שטרעבונג פון קאַפּיטאַל פועל צו זיין אַ אונבעגרע־ניצטע און אונרעגולירטע פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג ווערט קודם בעפריעדיגט אין די אינדוסטריען, וואָס זיינען רע־וואָלוציאָנירט געוואָרן דורך וואַסער־קראַפט, דאַמף און מאַשינע־ריע—די ערשטע בעשאַפונגען פון דעם מאָדערנעם פּראָדוקציאָנס־אופן, די באַוועל־, וואָל־, פלאַקס־ און זייד־שפּינערייען און וועבע־רייען. דער פערענדערטער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָנס־אופן און די פערענדערטע געזעלשאַפטליכע שייכות'ן פון די פּראָדוצירער,[186] וואָס קומען מיט איהם, שאַפען אַ פריהער אַן איבערטרייבונג, וואָס האָט קיין שיעור ניט, און דערנאָך, אַלס געגענזאַץ, רופען זיי אַרויס אַ געזעלשאַפטליכען קאָנטראָל, וועלכער בעשרענקט, רעגולירט און גלייכט אויס דעם אַרבייטס־טאָג מיט זיינע הפסקות

---

[186] „די האַלטונג פון יעדערן פון אַט די ביידע קלאַסען (קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער) איז דער רעזולטאַט פון די פערהעלטענישען, אין וועלכע זיי געפינען זיך.” (רעפּאָרטס עטצ. אָקטאָבער 1848, ז. 113).

דער פאבריק־פילאזאף אורע בראנדמארקט עס דעריבער אלס אן אייביגע שאנדע פאר דעם ענגלישען ארבייטער־קלאס, פאר וואס ער האט אויפגעשריבען אויף זיין פאהן „די שקלאווערייע פון די פאבריק־געזעצען" אנטקעגענאיבער דעם קאפיטאל, וועלכער האט מוטהיג געקעמפט פאר דער „פאלקאמענער פרייהייט פון דער ארבייט".[192]

פראנקרייך הינקט לאנגזאם נאך הינטער ענגלאנד. די פעבר־רואר־רעוואלוציע איז געווען נויטיג, עס זאל געבוירן ווערן דאס צוועלף־שטונדען־געזעץ,[193] וואס איז נאך מעהר פעהלערהאפטיג איידער זיין ענגלישער אריגינאל. פונדעסטוועגען אבער האט די פראנצויזישע רעוואלוציאנערע מעטאדע איהרע ספעציעלע מעלות. מיט איין קלאפ דיקטירט זי דיזעלביגע בעגרעניצונג פון ארבייטס־טאג פאר אלע ווערקשטאטען און פאבריקען אהן אן אונטערשייד, בעת די ענגלישע געזעצגעבונג גיט־נאך ניטווילענדיג, אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען, אמאל אויף איין פונקט, אמאל אויף דעם אנדערן, און פערדרעהט זיך נאכאנאנד אין אלץ נייע יורי־

אלע פאבריק־געזעצען, און די דריטע דיענט שוין אפילו ווי א צודעק פאר רעאקציאנערע שווינדלען.

[192] אורע (פראנצויזישע איבערזעצונג): „פילאזאפיע דע מאניפאקטיר", פאריז 1836, באנד 2, ז. 39, 40, 67, 77, א.אז.וו.

[193] אין דעם בעריכט פון דעם „אינטערנאציאנאלען סטאטיסטישען קאנגרעס אין פאריז, 1855", זאגט זיך צווישען אנדערעם: „דאס פראנצויזישע געזעץ, וואס בעשרענקט דעם דויער פון דער טעגליכער ארבייט אין פאבריקען און ווערקשטאטען אויף 12 שטונדען, בעגרעניצט ניט די ארבייט אין פעסט־גע־שטעלטע שטונדען; ווארים נאר פאר קינדער־ארבייט איז פארגעשריבען די פעריאדע צווישען 5 אוהר אין דער פריה און 9 אוהר אבענדס. איין טייל פון די פאבריקאנטען האט זיך דעריבער בענוצט מיט דעם רעכט, וואס דאס פאטאלע שווייגען פון געזעץ גיט זיי, כדי צו לאזען אנגעהן די ארבייט טאג איין, טאג אויס, אהן אן אבשטעל, א חוץ אפשר זונטאגס. זיי בענוצען דערצו צוויי פער־שיידענע ארבייטער־רייהען, פון וועלכע קיין רייה פערברענגט ניט אין פאבריק מעהר ווי 12 שטונדען, אבער די ארבייט פון אזא פאבריק געדויערט טאג און נאכט. דאס געזעץ איז בעפריעדיגט, צי איז אבער אויך די הומאניטעט בע־פריעדיגט?" א חוץ דעם „שעדליכען איינפלוס פון דער נאכט־ארבייט אויף דעם מענשליכען ארגאניזם", ווערט אויך בעטאנט „דער פערדארבליכער איינפלוס פון דעם, וואס די ביידע געשלעכטער זיינען צוזאמען בייגאכט אין דעמזעלביגען טונקעל־בעלויכטעטען ווארשטאט־צימער."

רעגולירונג, וואָס האַלט נאָך אָן אין אַנדערע צווייגען, בעוויזען קלאָר, אַז דער פּרעאַיינצעלטער אַרבייטער, דער אַרבייטער אַלס „פרייער" פערקייפער פון זיין אַרבייטס־קראַפט, איז אויף אַ געוויסער ענטוויקלונגס־שטופע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן ניט בכח אַרויסצו־ווייזען אַ ווידערשטאַנד. דער איינפיהר פון אַ נאָרמאַל־אַרבייטס־טאָג איז דעריבער אַ פּועל יוצא פון אַ פערלענגערטען, מעהר אָדער ווייניגער פערדעקטען בירגער־קריעג צווישען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און דעם אַרבייטער־קלאַס. אַזוי ווי דער קאַמף קומט פאָר אין דער ספערע פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, שפּיעלט ער זיך צוערשט פאַנאַנדער אין איהר געבורטסלאַנד—אין ענגלאַנד.[190] די ענגלישע פאַבריק־אַרבייטער זיינען געווען די פאָר־קעמפער ניט נאָר פון דעם ענגלישען, נאָר פון דעם מאָדערנעם אַרבייטער־קלאַס איבערהויפּט, און אַזוי אויך זיינען זייערע טעאָרעטיקער געווען די ערשטע, וואָס האָבען אַרויסגערופען אין קאַמף די טעאָריע פון קאַפּיטאַל.[191]

---

[190] בעלגיען דער גן־עדן פון דעם קאָנטינענטאַלען ליבעראַליזם ציינט אפילו ניט קיין סימן פון אַזאַ בעוועגונג. אפילו אין איהרע קויהלען־ און מעטאַל־מינען ווערן אַרבייטער פוןביידע געשלעכטער און פון יעדען עלטער פערצעהרט מיט פאָלקאָמענער „פרייהייט" פאַר יעדער צייט־דויער און אין יעדער צייט־פעריאָדע. אויף יעדע 1000 פערזאָנען, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די דאָזיגע מינען, קומען אויס 733 מענער, 88 פרויען, 135 אינגלעך און 44 מיידלעך אונטער 16 יאָהר; אין די שמעלץ־אויווענס א.ד.ג. קומען אויס אויף יעדע 1000 מענער 149 פרויען, 98 אינגלעך און 85 מיידלעך אונטער 16 יאָהר. צו דעם קומט נאָך צו אַ נידעריגער אַרבייטס־לוין פאַר אַן אונגעהויערער עקספּלואַטאַציע פון דער־וואַקסענע און ניט־דערוואַקסענע אַרבייטס־קרעפטען, וואָס בעטרעפט דורכשניטליך 2 שילינג 8 פּענס אַ טאָג פאַר מענער, 1 שילינג 8 פּענס פאַר פרויען, 1 שילינג 2½ פּענס פאַר קינדער. דערפאַר האָט בעלגיען אין 1863 טאַקע פערטאָפּעלט, אין פערגלייך מיט 1850, די סומע און ווערטה פון איהר עקספּאָרט פון קויהלען, אייזען א.אז.וו.

[191] ווען ראבערט אָווען, גלייך נאָך 1810, האָט ניט נאָר בעוויזען טעאָרעטיש די נויטווענדיגקייט פון אַ בעשרענקונג פון דעם אַרבייטס־טאָג, נאָר האָט ווירקליך איינגעפיהרט דעם 10־שטונדען־טאָג אין זיין פאַבריק אין ניו לאַנאַרק, האָט מען דאָס אויסגעלאַכט ווי אַ קאָמוניסטישע אוטאָפּיע, פּונקט אַזוי ווי מען האָט אויסגעלאַכט זיין פערבינדונג פון „קינדערשער ערציהונג מיט פּראָדוקטיווער אַרבייט", און פּונקט ווי די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטליכע אונטערנעהמונגען, וועלכע ער האָט דער ערשטער אַרויסגערופען אין לעבען. היינטיגען טאָג איז די ערשטע אוטאָפּיע אַ פאַבריק־געזעץ, די צווייטע פיגורירט אַלס אָפיציעלע פראַזע אי־

א געזעץ, לויט וועלכען 8 שטונדען זאָלען אויסמאַכען דעם נאָר־מאַל־ארבייטסטאָג אין אַלע שטאַאטען פון דער אַמעריקאַנער פער־איינינונג. מיר זיינען ענטשלאָסען אָנצו־ווענדען אונזער גאַנצע מאַכט ביז אָט דער הערליכער רעזולטאַט וועט דערגרייכט ווערן."[196]
אין דערזעלביגער צייט (אָנהויב סעפּטעמבער 1866) האָט בע־שלאָסען דער קאָנגרעס פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָציאַציאָן אין זשענעוואַ, לויט דעם פאָרשלאַג פון דעם לאָנ־דאָנער גענעראַל־ראַטה: „מיר דערקלערן די בעשרענקונג פון דעם ארבייטס־טאָג פאַר אַן ערשטען בעדינג, וואָס אָהן איהם וועלען אַלע אַנדערע שטרעבונגען צו ווערן עמאַנציפּירט מוזען זיין א דורכפאַל.... מיר שלאָגען פאָר 8 ארבייט־שטונדען פאַר דעם געזעצליכען גרעניץ פון ארבייטס־טאָג."

אָט אזוי האָט די ארבייטער־בעוועגונג, וועלכע איז אינסטינק־טיוו ארויסגעוואַקסען פון די פּראָדוקציאָן־פערהעלטענישען גופא, ארויפגעלעגט איהר חתימה, אויף ביידע זייטען פון אַטלאַנטישען ים, אויף די ווערטער פון דעם ענגלישען פאַבריק־אינספּעקטאָר ר. דזש. סאָנדערס, וועלכער האָט געזאָגט: „עס איז ניטאָ קיין אויסזיכט אויף ערפאָלג דורכצופיהרן ווייטערע רעפאָרמען אין דער געזעלשאַפט, ווען דער ארבייטס־טאָג וועט ניט אַפריהער ווערן בעשרענקט, און ווען די פאָרגעשריבענע בעשרענקונג וועט ניט שטרענג דורכגעזעצט ווערן."[197]

מען מוז מודה זיין, אַז אונזער ארבייטער קומט ארויס פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אַנדערש איידער ער איז אין איהם אריינגעגאַנגען. אויפ'ן מאַרק איז ער ארויסגעטרעטען אַלס בע־

---

[196] „מיר, די ארבייטער פון דונקירק, ערקלערן, אַז די לענג פון דער ארבייט־צייט, וואָס פאָדערט זיך אונטער דעם איצטיגען סיסטעם, איז צו־גרויס און לאָזט ניט איבער דעם ארבייטער קיין צייט פאַר ערהאָלונג און ענטוויקלונג, ריכטיגער געזאָגט, עס דריקט איהם ארונטער צו א צושטאַנד פון קנעכטשאַפט, וואָס איז ניט פיעל בעסער ווי שקלאַווערײַ. דעריבער בעשליסען מיר, אַז 8 שטונדען זיינען גענוג פאַר א טאָג ארבייט און אַזוי מוז עס געזעצליך אָנערקענט ווערן; דעריבער ווענדען מיר זיך צו דעם גרויסען העבּ־שטאַנג, די פּרעסע, אונז צו קומען צו הילף... און בעשליסען, אַז אַלע וועלכע וועלען אונז ענטזאָגען אין דער הילף, זאָלען בעטראַכט ווערן ווי פיינד פון ארבייטס־רעפאָרם און ארבייטער־רעכט." (בעשלוסען פון די ארבייטער אין דונקירק, שטאַאט ניו יאָרק, 1866.)

[197] רעפּאָרטס עטצ. אָקטאָבער 1848.

רישע פּלפּולים.[194] פון דער אנדער זייט פּראָקלאַמירט דאָס פראַנ־צויזישע געזעץ אלס א פּרינציפּ דאָס, וואָס אין ענגלאַנד איז אויס־געקעמפּט געוואָרן נאָר אין נאָמען פון קינדער, ניט־דערוואַקסענע און פרויענצימער, און ערשט אין דער לעצטער צייט איז עס גע־פאָדערט געוואָרן אלס אן אלגעמיין רעכט.[195]

אין די פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד אַמעריקא איז יעדע זעלבשטענדיגע ארבייטער־בעוועגונג געבליבען פּאַראַלאַזיר׳ט, כל זמן די שקלאַווערײ האָט צוקאַליעטשעט איין טייל פון דער רעפּובליק. די ארבייט קאָן זיך דאָרט ניט עמאַנציפּיר׳ן אין דער ווייסער הויט, אזוי לאַנג ווי זי ווערט געבראַנדמאַרקט אין דער שוואַרצער הויט. אָבער פון דעם טויט פון דער שקלאַווערײ האָט גלייך אַרויסגעשפּראָצט א נײַ יונג־געוואָרען לעבען. די ערשטע פרוכט פון דעם בירגערקריעג איז געווען די 8־שטונדען־אגיטאַציע, וועלכע האָט געשפּרייזט מיט 7 מייל־שטיוועל פון א לאָקאָמאָטיוו פון אַטלאַנטישען ביז׳ן שטילען ים, פון ניו־ענגלאַנד ביז קאַליפאָר־ניא. דער אלגעמיינער ארבייטער־קאָנגרעס אין באַלטימאָר (16טען אוגוסט 1866) האָט ערקלערט: „די ערשטע און גרויסע נויט פון דער געגענוואַרט, כדי צו בעפרייען די ארבייט אין דעם לאַנד פון דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַווערײ, איז די דורכפיהרונג פון

194 „צום ביישפּיעל איז מיין דיסטריקט איז דערזעלביגער פאַבריקאַנט, אין דערזעלביגער פאַבריק־געביידע, א בלייכער און פאַרבער אונטער דעם בלייכערײ און פאַרבער־אַקט, א דרוקער אונטער דעם „פּרינט־וואָרקס אקט" און אז אַפּרע־טעור [פינישער] אונטער דעם פאַבריק־אַקט. . . . (מר. בייקער׳ס רעפּאָרט אין „רעפּאָרטס עטצ. פאַר דעם 31טען אָקטאָבער 1861, ז. 20) נאָכדעם ווי ער רעכענט אויס די פערשיידענע בעשטימונגען פון די דאָזיגע אַקטען און די קאָמפּליקאַציעס, וואָס נעהמען זיך דערפון, זאָגט הערר בייקער: „מען זעהט דערפון, ווי שווער עס מוז זיין צו פערזיכערן די ערפילונג פון אָט די דריי פּאַרלאַמענט־אַקטען, ווען דער פאַבריקאַנט וויל זיך אויסדרעהען פון דעם געזעץ." די יוריסטען אָבער זיינען דורכדעם געזיכערט מיט פּראָצעסען.

195 אזוי וואַגען ענדליך די פאַבריק אינספּעקטאָרען צו זאָגען: „אָט די תירוצים (פון קאַפּיטאַל אַנטקעגען דער געזעצליכער בעשרענקונג פון דער ארבייט־צייט) מוזען פאַלען לגבי דעם אומפּאַסענדען פּרינציפּ פון די רעכטען פון ארבייט. . . . עס איז פאַראַן א צייט, ווען דעם מייסטער׳ס רעכט אויף זיין ארבייטער׳ס ארבייט הערט אויף און דער ארבייטער ווערט אליין דער בעל־הבית איבער זיין צייט, אפילו ווען עס איז נאָך ניט קיין פראַגע פון פאַלשטענדיגער ערשעפּונג." (רעפּאָרטס עטצ., אָקטאָבער 1862, ז. 54.)

אנשטאט דעם הויכקלינגענדען קאטאלאג פון די „ניט אבנעהמ־בארע מענשענרעכט״ קומט די בעשיידענע „מאגנא כארטא״ פון א געזעצליך־בעשרענקטען ארבייטס־טאג, וועלכע „מאכט ענדליך קלאר ווען די צייט, וואס דער ארבייטער פערקויפט, ענדיגט זיך, און ווען די צייט, וואס געהערט צו איהם אליין, פאנגט זיך אן.״ [201] קוואנטום מוטאטוס אב איללא! [וואס פאר אן ענדערונג זינט דאן!].

---

[201] „נאך א גרעסערע טובה בעשטעהט דעריין, וואס ענדליך איז אויפגע־שטעלט געווארן א גרעניץ צווישען דעם ארבייטער׳ס צייט, וואס געהערט צו איהם, און די צייט וואס געהערט זיין בעל־הבית. דער ארבייטער ווייס איצטער ווען עס ענדיגט זיך די צייט וואס ער פערקויפט, און ווען עס פאנגט זיך אן די צייט, וואס געהערט איהם אליין און אזוי ווי ער ווייס עס גענוי אויף פריהער, איז ער אימשטאנד צו בעשטימען זיינע מינוטען אין פאראויס פאר זיינע אייגענע צוועקען.״ (דארט גופא, ז. 52.) „דורכדעם וואס זיי (די פאב־ריק־געזעצן) האבן געמאכט די ארבייטער פאר די הארען פון זייער אייגענער צייט, האבען זיי אריינגעגעבען אין זיי א מאראלע ענערגיע, וועלכע גרייט זיי צו פאר דער געלעגענטליכער אויסאיבונג פון פאליטישער רעכט.״ (דארט גופא, ז. 47.) מיט א בעהאלטענער איראניע און זעהר פארזיכטיגע אויסדרוקען דייטען אן די פאבריק־אינספעקטארען, אז דאס איצטיגע 10־שטונדען־געזעץ בע־פרייט אייניגערמאסען אויך דעם קאפיטאליסט פון זיין ברוטאליטעט, וואס איז נאטירליך פאר איינעם, וועלכער איז בלויז א פערקערפערונג פון קאפיטאל, און ניט איהם צייט פאר א ביסעל „בילדונג״. „פריהער האט דער מייסטער ניט געהאט קיין צייט פאר קיין אנדער זאך אויסער געלד, דער דינער—פאר קיין אנדער זאך אויסער ארבייט.״ (דארט גופא, ז. 48.)

זיצער פון דער סחורה „ארבייטס־קראפט” קעגענאיבער אנדערע סחורה־בעזיצערע: א סחורה בעזיצער אנטקעגען א סחורה־בעזיצער. דער קאָנטראקט, דורך וועלכען ער האָט דעם קאפיטאליסט פער־קויפט זיין ארבייטס־קראפט, האָט בעוויזען, אזוי צו זאָגען, שווארץ אויף וויים, אז ער האָט א פרייע דעה איבער זיך אליין. נאָך דעם ווי דער מסחר איז געשלאָסען שטעלט זיך ארוים, אז ער איז ניט געווען „קיין פרייער אגענט”, אז די צייט, אויף וועלכער ער איז פריי צו פערקויפען זיין ארבייטס־קראפט, איז די צייט, אויף וועלכער ער איז געצוואונגען זי צו פערקויפען;[198] אז פאקטיש לאָזט איהם זיין אויסזויגער ניט אָב, „כל זמן עס איז נאָך פאראן א מוסקול, א נערוו, א טראָפּען בלוט צו עקספּלואטירן.[199] כדי צו בעשיצען זיך אנטקעגען דער „שלאנג פון אלע זייערע צרות”, מוזען די ארבייטער זיך פעראייניגען און אלס קלאס זעהן דורכ־צוזעצען א שטאאט־געזעץ, א באריער אויפגעשטעלט פון דער גע־זעלשאפטליכער איבערמאכט, וואָס דערלאָזט זיי אליין ניט, דורך א פרייוויליגען קאָנטראקט מיט דעם קאפיטאל, צו פערקויפען זיך און זייערע פאמיליעס אין שקלאווערי און טוידט אריין.[200]

---

[198] „די דאזיגע פאסירונגען (די מאנעווערען פון קאפיטאל צ.ב.ש. פון 1848 ביז 1850) האבען ארויסגעבראכט דעם זיכערן בעווייז, ווי פאלש עס איז די בעהויפטונג, וואָס ווערט אפט געמאכט, אז די ארבייטער דארפען ניט קיין שוץ, נאָר דארפען בעטראכט ווערן אלס פאלשטענדיג פריי צו טהאָן וואָס זיי ווילען מיט דעם איינציגען אייגענטום, וואָס זיי בעזיצען—מיט דער ארבייט פון זייערע הענד און דעם שוויים פון זייערע שטערנס.” (רעפּארטס, אפּריל 1850, ז. 45.) „פרייע ארבייט, אויב מען קאָן זי איבערהויפּט אזוי אנרופען, מוז האבען דעם שטארקען ארעם פון געזעץ זי צו בעשיצען אפילו אין א פרייער לאנד.” (רעפּארטס אקטאבער 1864, ז. 34.) „צו ערלויבען, און דאָס מיינט דאָס אייגענע ווי צווינגען... 14 שטונדען א טאָג צו ארבייטען מיט אדער אָהן מאהלצייטען א.אז.וו. (רעפּארטס, אפּריל 1863, ז. 40.)

[199] פ. ענגעלס, „לאגע דער ארבייטענדען קלאסע אין ענגלאנד”, 1845.

[200] „די 10־שטונדען־ביל האט אין די בעטרעפענדע אינדוסטריע־צווייגען „געראטעוועט די ארבייטער פון א פאלשטענדיגער דעגענעראציע און האט בע־שיצט זייער פיזישען צושטאנד.” (רעפּארטס, אקטאבער 1859, ז. 47.) „דאָס קאפיטאל (אין די פאבריקען) קאָן קיינמאל ניט האלטען אין בעוועגונג די מא־שינעריע אריבער א בעגרענצטער צייט־פעריאדע, ניט שעדיגענדיג די בעשעפ־טיגטע ארבייטער אין זייער געזונד און אין זייער מאראל; און זיי זיינען ניט אין דער לאגע זיך אליין צו בעשיצען.” (דארט גופא, ז. 8.)

דעם אויסגעלעגטען וואַריאַבלען קאַפּיטאַל איז בכן גלייך צו דעם דורכשניט ווערטה פון איין אַרבייט־קראַפט, געכפּל׳ט מיט דער צאָהל פון די פערברויכטע אַרבייט־קרעפטען. ביי אַ בעשטימטען ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט שטעהט פאָלגליך די גרויס פון דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דער צאָהל פון די גלייכצייטיג־בעשעפטיגטע אַרבייטער. אויב דער טאָג־ווערטה פון אַן אַרבייט־קראַפט איז 1 טאָלער, מוז, הייסט עס, אויסגעלעגט ווערן אַ קאַפּיטאַל פון 100 טאָלער, כדי צו עקספּלואַ־טירן טעגליך 100 אַרבייט־קרעפטען, נ טאָלער, כדי צו עקספּלואַ־טירן טעגליך נ אַרבייטער.

פּונקט אַזוי אויך, ווען אַ וואַריאַבלער קאַפּיטאַל פון 1 טאָלער, דער טאָג־ווערטה פון איין אַרבייט־קראַפט, פּראָדוצירט אַ טעגליכען מעהרווערטה פון 1 טאָלער, דאַן פּראָדוצירט אַ וואַריאַבלער קאַ־פּיטאַל פון 100 טאָלער אַ טעגליכען מעהרווערטה פון 100, און אַ וואַריאַבלער קאַפּיטאַל פון נ טאָלער—אַ טעגליכען מעהרווערטה פון 1 טאָלער געכפּל׳ט אויף נ. די מאַסע פון דעם פּראָדוצירטען מעהרווערטה איז בכן גלייך צו דעם מעהרווערטה, וואָס דער אַר־ביטס־טאָג פון דעם איינצעלנעם אַרבייטער ברענגט, געכפּל׳ט מיט דער צאָהל פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער. אַזוי ווי אָבער, ווייטער גערעדט, די מאַסע מעהרווערטה, וועלכע דער איינצעלנער אַרבייטער פּראָדוצירט—ביי אַ בעשטימטען ווערטה פון דער אַר־ביטס־קראַפט—ווערט בעשטימט דורך דער ראַטע פונ׳ם מעהר־ווערטה; מיט אַנדערע ווערטער: דורך דער פּראָפּאָרציע פון דעם אַרבייטער׳ס מעהר־אַרבייט צו זיין נויטווענדיגער אַרבייט, פאָלגט דערפון אַט דאָס ערשטע געזעץ: די מאַסע פון דעם פּראָדוצירטען מעהרווערטה פון אַ וואַריאַבלען קאַפּיטאַל איז גלייך צו דער גרויס פון אַט דעם אויסגעלעגטען וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, געכפּל׳ט מיט דער ראַטע פון דעם מעהר־ווערטה; אָדער זי איז גלייך צו דעם ווערטה פון אַן אַרבייט־קראַפט, געכפּל׳ט מיט דעם גראַד פון איהר עקספּלואַטאַציע און געכפּל׳ט מיט דער צאָהל פון די גלייכצייטיג־בעשעפטיגטע אַר־בייט־קרעפטען.

עס ווערט די גאַנצע צייט אָנגענומען, ניט נאָר אַז דער ווערטה פון אַ דורכשניטס־אַרבייט־קראַפט איז אַ בעשטענדיג־

ניינטער קאַפּיטעל.

די ראַטע און מאַסע פון דעם מעהרווערטה.

מיר נעהמען אָן, אזוי ווי פריהער, אויך אין אָט דעם קאַפּיטעל, דאַס דער ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט, דאָס הייסט דער טייל פון דעם ארבייטס־טאָג, וואָס איז נויטווענדיג צו רעפּראָדוצירן אָדער אויפהאַלטען די ארבייט־קראַפט, איז א בעשטימטע, שטענדיגע גרויס.

וויבאַלד דאָס ווערט אָנגענומען לכתחילה, איז וויסענדיג די ר א ט ע פון מעהרווערטה, ווייס מען שוין אויך ד י מ א ס ע פון מעהרווערטה, וואָס דער איינצעלנער ארבייטער גיט דעם קאַפּיטאַליסט אין א בעשטימטער פּעריאָדע פון צייט. בעטרעפט צ.ב.ש. די נויטווענדיגע ארבייט 6 שטונדען טעגליך, אויסגעדריקט אין א גאָלד־סכום פון 3 שילינג אָדער 1 טאָלער, איז 1 טאָלער דער ווערטה פון א טאָג ארבייט־קראַפט, אָדער דער אויסגעלעגטער קאַפּיטאַל־ווערטה ביים איינקויפען אַזאַ ארבייט־קראַפט. וויפיעל מעהרווערטה וועט אָט דער טאָלער ברענגען דעם קאַפּיטאַליסט? דאָס העננט אָב פון דער ר א ט ע פ ו ן מ ע ה ר ו ו ע ר ט ה. אויב די ראַטע איז 50 פּראָצענט, וועט דער מעהרווערטה אויסמאַכען ½ טאָלער; איז די ראַטע פון מעהרווערטה 100 פּראָצענט, וועט דער דאָזיגער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל פון 1 טאָלער ברענגען א מאַסע מעהרווערטה פון 1 טאָלער, אָדער [מיט אנדערע ווערטער] דער ארבייטער ברענגט איין טעגליך א מאַסע מעהרווערטה פון 6 שטונדען. די ראַטע פון דעם מעהרווערטה בעשטימט, הייסט עס, די סומע אָדער די מ א ס ע פ ו ן מ ע ה ר ו ו ע ר ט ה, וואָס דער איינצעלנער ארבייטער פּראָדוצירט, אויב זיין ארבייט־קראַפט איז בעשטימט.

דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל איז אָבער דער געלד־אויסדרוק פאַר דעם גאַנצען ווערטה פון אַלע ארבייט־קרעפטען, וועלכע דער קאַפּיטאַליסט פערברויכט אין דערזעלבער צייט. דער ווערטה פון

די מאַסע פון מעהרווערטה בעטרעפט דאָ אויך 200 שילינג אַ טאָג. —קאַוטסקי.]

די גרויס פון דער צאָהל פון אַ פּראָדוקט בייט זיך ניט, ווען די צאָהל־גרויס פון זיינע פאַקטאָרען בייט זיך גלייכצייטיג אין אַ אומגעקעהרטער ריכטונג.

אין דער שאַפונג פון אַ בעשטימטער מאַסע מעהרווערטה קאָן דעריבער די פערקלענערונג פון איין פאַקטאָר פערפולט ווערן דורך דער פערגרעסערונג פון דעם אַנדער פאַקטאָר. אַ פערקלענערונג פון דער ראַטע פון מעהרווערטה ענדערט ניט די מאַסע פון מעהר־ווערטה, ווען דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל אָדער די צאָהל פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער וואַקסט אין דערזעלבינער צייט. אַ וואַ־ריאַבלער קאַפּיטאַל פון 100 טאָלער, וואָס בעשעפטיגט 100 אַר־בייטער מיט אַ מעהרווערטה־ראַטע פון 100 פּראָצענט, שאַפט אַ מעהרווערטה־מאַסע פון 100 טאָלער. מען קאָן רעדוצירן די ראַטע פון מעהרווערטה אויף אַ העלפט, און די מאַסע פון מעהרווערטה וועט בלייבען דיזעלבינע, ווען דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל און די צאָהל פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער ווערט אין דערזעלבינער צייט פערטאָפּעלט. און אומגעקעהרט. ווערט דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל פערקלענערט און די ראַטע פון מעהרווערטה גלייכצייטיג פערגרעסערט אין דערזעלבינער פּראָפּאָרציע, בלייבט די מאַסע פון דעם פּראָדוצירטען מעהרווערטה אומפערענדערט. ווען מיר נעהמען אָן, אַז דער קאַפּיטאַליסט מוז אויסלעגען 100 טאָלער, כדי צו עקספּלואַטירן 100 אַרבייטער אַ טאָג; אַז דער אַרבייטס־טאָג מאַכט אויס 9 שטונדען, פון וועלכע 6 שטונדען זיינען נויטווענדיגע אַרבייט און 3 שטונדען זיינען מעהר־אַרבייט, און די ראַטע פון מעהרווערטה בעטרעפט 50 פּראָצענט, דאַן גיט דער דאָזיגער וואַ־ריאַבלער קאַפּיטאַל פון 100 טאָלער אַ מעהרווערטה פון 50 טאָלער אָדער פון 100×3 אַרבייט־שטונדען. פערקלענערט דער קאַפּיטאַ־ליסט זיין וואַריאַבלען קאַפּיטאַל אויף אַ העלפט, פון 100 אויף 50 טאָלער, און בעשעפטיגט ניט מעהר ווי 50 אַרבייטער, אָבער עס געלינגט איהם צו פערטאָפּלען אין דערזעלביגער צייט די ראַטע פון מעהרווערטה, אָדער—וואָס איז דיזעלביגע זאַך—אויסצוציהען די צייט פון דער מעהר־אַרבייט פון 3 אויף 6 שטונדען, דעם אַר־בייטס־טאָג פון 9 אויף 12 שטונדען, וועט ער אַלץ געווינען די־

גלייכער (קאָנסטאַנט), נאָר אויך אַז די אַרבייטער, וואָס אַ קאַפּיטאַליסט בעשעפטיגט, זיינען אַלע דורכשניט־אַרבייטער. עס זיינען פאַראַן אויסנאַהמס־פעלען, וואו דער פּראָדוצירטער מעהר־ווערטה וואַקסט ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל פון די עקספּלואַטירטע אַרבייטער, אָבער דאַן בלייבט דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט אויך ניט בעשטענדיג־גלייך (קאָנסטאַנט).

אַלזאָ, לאָמיר אָנרופען די מאַסע פון דעם מעהרווערטה **מ**, דעם מעהרווערטה, וואָס דער איינצעלנער אַרבייטער ברענגט אין דורכשניט פון טאָג, מ, דעם טעגליך־אויסגעלעגטען וואַריאַבלען קאַפּיטאַל ביים איינקויפען די איינצעלנע אַרבייט־קראַפט, וו, די גאַנצע סומע פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל **וו**, דעם ווערטה פון אַ דורכשניטס־אַרבייט־קראַפט ק, איהר גראַד פון עקספּלואַטאַציע $\frac{\text{א'}}{\text{א}}$ ($\frac{\text{מעהר־אַרבייט}}{\text{נויטווענדיגע אַרבייט}}$) און די צאָהל פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער נ, דאַן בעקומען מיר: —

$$\text{מ} \left\{ \begin{array}{l} = \frac{\text{מ}}{\text{וו}} \times \text{וו} \\ = \text{ק} \times \frac{\text{א'}}{\text{א}} \times \text{נ} \end{array} \right.$$

[מען קאָן אילוסטרירן די פאָרמולע ווי פאָלגט: מיר נעהמען אָן, אַז דער מעהרווערטה מ, וואָס דער איינצעלנער אַרבייטער ברענגט אריין אין אַ דורכשניטס־טאָג, בעטרעפט 2 שילינג, דער טעגליך אויסגעגעבענער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל אויף איינצוקויפען די איינצעלנע אַרבייטס־קראַפט, דער אַרבייטס־לוין וו, מאַכט אויס 3 שילינג, די גאַנצע סומע פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל אין אַ טאָג פאַר 100 אַרבייטער—300 שילינג, דאַן נעהמט אָן די פאָרמולע $\text{מ} = \frac{\text{מ}}{\text{וו}} \times \text{וו}$ די פאָרם: $\text{מ} = \frac{2}{3} \times 300$. די מאַסע פון דעם מעהרווערטה בעטרעפט לויט דעם נאָך 200 שילינג אַ טאָג. נעהמען מיר ווידער אָן, אַז ק, דער ווערטה פון דער איינצעלנער אַרבייט־קראַפט, איז גלייך צו 3 שילינג, די מעהר־אַרבייט א' (ביי אַ 10־שטונדיגער אַרבייט־צייט) קומט אויס 4 שטונדען, די נויטווענדיגע אַרבייט־צייט א איז 6 שטונדען; נ, די צאָהל בעשעפטיגטע אַרבייטער שטעלט פאָר 100, דאַן נעהמט אָן די פאָרמולע $\text{מ} = \text{ק} \times \frac{\text{א'}}{\text{א}} \times \text{נ}$ די געשטאַלט: $\text{מ} = 3 \times \frac{4}{6} \times 100 = 1200 : 6 = 200$.

טאָג אויף אַ מאַקסימום פון 18 שטונדען, דאַן קאָן די מעהר־אַרבייט ניט איבערשטייגען 12 שטונדען, זי קאָן ניט פּראָדוצירן אַ העכערן ווערטה איידער 2 טאָלער.

לויט אונזער פריהערדיגער השערה, אַז עס פאָדערן זיך טעג־ליך 6 אַרבייט־שטונדען, כדי צו רעפּראָדוצירן די אַרבייט־קראַפט גופא אָדער ממלא צו זיין דעם קאַפּיטאַל־ווערטה, וואָס איז אויס־געלעגט געוואָרן ביי איהר איינקויפען, וועט אַ וואַריאַבלער קאַ־פּיטאַל פון 500 טאָלער, וואָס בעשעפטיגט 500 אַרבייטער אויף אַ מעהרווערטה־ראַטע פון 100 פּראָצענט אָדער מיט אַ 12־שטונ־דיגען אַרבייטס־טאָג, פּראָדוצירן טעגליך אַ מעהרווערטה פון 500 טאָלער אָדער 6×500 אַרבייט־שטונדען. אַ קאַפּיטאַל פון 100 טאָלער, וואָס בעשעפטיגט 100 אַרבייטער טעגליך אויף אַ מעהר־ווערטה־ראַטע פון 200 פּראָצענט אָדער מיט אַן 18־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, פּראָדוצירט נאָר אַ מעהרווערטה־מאַסע פון 200 טאָלער אָדער 12×100 אַרבייט־שטונדען. און זיין גאַנצער ווערטה־פּראָדוקט—דער עקוויוואַלענט פון דעם אויסגעלעגטען וואַ־ריאַבלען קאַפּיטאַל פּלוס דעם מעהרווערטה—קאָן טאָג־איין, טאָג־אויס קיינמאָל ניט גרייכען די סומע פון 400 טאָלער אָדער 24×100 אַרבייט־שטונדען. אַ פערקלענערונג פון דעם וואַריאַב־לען קאַפּיטאַל קאָן, הייסט עס, אויסגעגליכען ווערן דורך אַ פער־גרעסערונג פון דער ראַטע פון מעהרווערטה, אָדער דאָסזעלביגע געזאָגט מיט אַנדערע ווערטער: אַ פערקלענערונג פון דער צאָהל בעשעפטיגטע אַרבייטער קאָן אויסגעגליכען ווערן דורך אַ פער־גרעסערונג פונ׳ם גראַד פון זייער עקספּלואַטאַציע, נאָר אין די פיזיאָלאָגישע גרעניצען פון דעם אַרבייטס־טאָג, ד.ה. אויך אין די גרעניצען פון דער מעהר־אַרבייט, וואָס דער טאָג שליסט אין זיך איין.

אָט דאָס פון אויבען־אויף קלאָרע צווייטע געזעץ איז וויכטיג פאַר דער ערקלערונג פון פיעלע קאָמפּליצירטע ער־שיינונגען. מיר ווייסען שוין, אַז קאַפּיטאַל זוכט צו פּראָדוצירן אַ וואָס גרעסערע מאַסע מעהרווערטה. שפּעטער וועלען מיר זעהן, אַז עס שטרעבט אין דערזעלביגער צייט צו פערקלענערן אַזויפיעל ווי מעגליך זיין וואַריאַבלען טייל אָדער די צאָהל אַרבייטער, וואָס ער עקספּלואַטירט. פּראָפּאָרציאָנעל צו דער אויסברייטערונג פון

זעלבינע מאַסע מעהרווערטה, וואָרים 50 טאַלער $\times\frac{100}{100}=100$ טאַלער $\times\frac{50}{100}=50$ טאַלער, און 6×50 ארבייט־שטונדען גיבען פונקט אזוי־פיעל מעהרווערטה ווי 3×100. פערמינערונג פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל גלייכט זיך פאָלגליך אויס דורך א פּראָפּאָרציאָנעלער העכערונג אין דעם גראַד פון דער עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייטס־קראַפט, אָדער די קלענערע צאָהל בעשעפטיגטע ארבייטער גלייכט זיך אויס דורך דער פּראָפּאָרציאָנעלער פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג. אויף דעם אופן איז די צושטעלונג פון ארבייט, וואָס קאַפּיטאַל קאָן ארויספּרעסען, אונאָבהענגיק אין געוויסע גרעניצען פון דער צושטעלונג פון ארבייטער.[202]

דאָך אָבער האָט דער אויסגלייך פון דער צאָהל ארבייטער אָדער די גרויס פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל דורך א פערגרעסערטער ראַטע פון מעהרווערטה אָדער א פערלענגערונג פון ארבייטס־טאָג געוויסע גרעניצען, וואָס קאָנען ניט אריבערגעטראָטען ווערן. וואָס עס זאָל ניט זיין דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט, צי די ארבייט־צייט, וואָס איז נויטיג אויסצוהאַלטען דעם ארבייטער, בעטרעפט 2 אָדער 10 שטונדען, איז אָבער דער גאַנצער ווערטה, וואָס אַן ארבייטער קאָן פּראָדוצירן טאָג־איין, טאָג־אויס, על כל פּנים קלענער איידער דער ווערטה, וואָס 24 ארבייט־שטונדען קאָנען אויסמאַכען, קלענער ווי 12 שילינג אָדער 4 טאַלער, אויב דער ארבייטער פּראָדוצירט א ווערטה פון $^1/_6$ טאַלער אין א שטונדע. נאָך ענגער זיינען די גרעניצען פון דעם מעהרווערטה. אויב דער טייל פון טאָג, וואָס איז נויטווענדיג צו רעפּראָדוצירן דעם טעג־ליכען ארבייטס־לוין, מאַכט אויס 6 שטונדען, בלייבען איבער פון דעם נאַטירליכען טאָג 18 שטונדען. א טייל דערפון פאָדערן די ביאָלאָגישע געזעצען אלס רוה־צייט פאר דער ווידער־בענייאונג פון דער ארבייט־קראַפט. גיבען מיר אָב פאר דעם א מינימום פון 6 שטונדען: ווען מיר פערלענגערן, הייסט עס, דעם ארבייטס־

[202] עס זעהט אויס, אז דאַס דאָזיגע געזעץ איז אומבעקאַנט פאר די הערען פון דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע, וועלכע ווי פערקעהרטע ארכימעדען גלויבען, אז זיי האָבען געפונען אין דער בעשטימונג פון דעם מאַרק־פּרייז פון ארבייט דורך אָנבאָט און נאָכפראַגע, דעם אָנשפּאַר־פּונקט—ניט צו ריהרן די וועלט, נאָר אָבצושטעלען איהר בעוועגונג.

דוקציאָנס־צווייגען אַ פערשיידענע טיילונג פונ'ם קאַפּיטאַל אין קאָנסטאַנטע און וואַריאַבלע בעשטאַנד־טיילען. אין דעמזעלבען פּראָדוקציאָנס־צווייג בייט זיך אָט די פּראָפּאָרציע מיט דער ענ־דערונג אין דער טעכנישער גרונדלאַגע און אין דער געזעלשאַפט־ליכער קאָמבינאַציע פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. ווי אָבער אַ געגעבענער קאַפּיטאַל זאָל ניט צופאַלען אין אַ קאָנסטאַנטען און אַ וואַריאַבלען בעשטאַנד־טייל: סיי דער לעצטער פערהאַלט זיך צום ערשטען ווי 1 צו 2, 1 צו 10, אָדער 1 צו x.—ריהרט עס דעם נאָר־וואָס אויפגעשטעלטען געזעץ ניט אָן, היות ווי לויט דעם פריהערדיגען אַנאַליז געהט דער ווערטה פון קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל ניט אַריין אין דעם ניי־געשאַפענעם ווערטה־פּראָדוקט, הגם ער ווייזט זיך ווידער אַרויס אין דעם ווערטה פון פּראָדוקט. כדי צו בעשעפטיגען 1000 שפּינער פאָדערט זיך נאַטירליך מעהר רויה־מאַטעריאַל, שפּינדלען א.אז.וו. איידער עס איז נויטיג אויף צו בעשעפטיגען 100 שפּינער. דער ווערטה אָבער פון אָט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס דאַרפען צוגעלעגט ווערן, מעג שטייגען, פאַלען, בלייבען אומפערענדערט, זיין גרויס אָדער קליין, האָט ער קיין ברעקעל איינפלוס ניט אויפ'ן פערוווערטהונג־פּראָצעס פון די אַרבייטס־קרעפטען, וועלכע ברענגען זיי אין בעוועגונג. דאָס נאָר־וואָס קאָנסטאַטירטע געזעץ נעהמט דעריבער אָן אָט די פאָרם: די מאַסען פון ווערטה און מעהרווערטה, וואָס זיינען פּראָדוצירט פון פערשיידענע קאַפּיטאַלען, זיינען, ביי אַ געגעבענעם ווערטה און אַ גלייך־גרויסען גראַד־עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבייטס־קראַפט, דירעקט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גרויס פון די וואַריאַבלע בעשטאַנד־טיילען פון די דאָזיגע קאַפּיטאַלען, ד.ה. צו זייערע בעשטאַנד־טיילען, וואָס ווערן פערוואַנדעלט אין לעבעדיגער אַרבייטס־קראַפט.

דאָס דאָזיגע געזעץ געהט אין פלוג להיפך צו יעדער אויבענ־אויפיגער ערפאַהרונג. יעדער איינער ווייס, אַז אַ באַוועל־שפּינער, וועלכער פערווענדט, אין אַ פּראָצענט־פּראָפּאָרציע צום גאַנצען אַריינגעלעגטען קאַפּיטאַל, לפי ערך פיעל קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל און ווייניג וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, בעקומט ניט צוליעב דעם ווע־ניגער ריוח אָדער מעהרווערטה איידער אַ בעקער, וועלכער ברענגט אין בעוועגונג לפי ערך פיעל וואַריאַבלען קאַפּיטאַל און ווייניג

זיין אונטערנעהמונג. אט די טענדענצען פאלען אריין אין א ווידערשפרוך איינע צו דער אנדערער, וויבאלד אז די פערקלע־נערונג פון איינעם פון דיביידע פאקטארען, וועלכע בעשטימען די מאסע פון מעהרווערטה, קאן ניט מעהר אויסגעגליכען ווערן דורך א פערגרעסערונג פון דעם אנדער פאקטאר.

א דריטעס געזעץ קומט ארויס פון דער בעשטימונג פון דער מאסע פון דעם פראדוצירטען מעהרווערטה דורך די צוויי פאקטארען, די ראטע פון מעהרווערטה און די גרויס פון אויסגע־לעגטען ווארייאבלען קאפיטאל. אזוי ווי דער ווערטה איז מעהר גארנישט ווי נאר די רעאליזירטע ארבייט, דאן איז קלאר, אז די מאסע פון ווערטה, וואס א קאפיטאליסט קאן לאזען פראדוצירן, הענגט אב אויסשליסליך פון דער סומע ארבייט, וואס ער ברענגט אין בעוועגונג. מיט דערזעלביגער צאהל ארבייטער קאן ער ברענ־גען אין בעוועגונג מעהר אדער ווייניגער ארבייט, לויט נאך דער גרעסערער אדער קלענערער לענג פון דעם ארבייטס־טאג. ווען אבער דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט און די ראטע פון דעם מעהרווערטה זיינען בעשטימט; מיט אנדערע ווערטער, ווען דער דויער פון דעם ארבייטס־טאג און זיין איינטיילונג אין נויט־ווענדיגע ארבייט און מעהר־ארבייט זיינען בעשטימט, דאן וועט די גאנצע סומע פון דעם ווערטה, אריינרעכענענדיג אויך דעם מעהרווערטה, וואס דער קאפיטאליסט רעאליזירט, ווערן בעשטימט אויסשליסליך דורך דער צאהל ארבייטער, וואס ער עקספלואטירט, און אט די סומע הענגט ווידער אב פון דער גרויס פון דעם וואַ־ריאבלען קאפיטאל, וואס ער לעגט אויס.

פאלגליך, ווען די ראטע פון מעהרווערטה און דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט זיינען בעשטימט, פערהאלט זיך די מאסע פון דעם פראדוצירטען מעהרווערטה דירעקט ווי די גרויס פון דעם אויסגעלעגטען ווארייאבלען קאפיטאל. מיר ווייסען שוין אבער, אז דער קאפיטאליסט טיילט איין זיין קאפיטאל אין צוויי טיילען. איין טייל לעגט ער אויס אין פראדוקציאנס־מיטלען. דאס איז דער קאנסטאנטער טייל פון זיין קאפיטאל. דעם אנדער טייל פערבייט ער אויף לעבעדיגער ארבייט־קראפט. אט דער טייל מאכט אויס זיין ווארייאבלען קאפיטאל. אויפ'ן באזיס פון דעמ־זעלביגען פראדוקציאנס־אופן קומט פאר אין פערשיידענע פראָ־

זעהן אין דעם נעקסטען קאפיטעל, אז דאס דאזיגע געזעץ גילט נאר פאר דער פארם פון מעהרווערטה, וואס איז בעהאנדעלט געווארן ביז אהער.

פון דער ביז־איצטיגער בעטראכטונג וועגען דער פראדוקציאן פון מעהרווערטה קומט אויס, אז ניט יעדע געלד־ אדער ווערטה־סומע קאן פערוואנדעלט ווערן אין קאפיטאל, נאר פערקעהרט, אז א בעשטימטער מינימום פון געלד־ אדער טויש־ווערטה אין די הענד פון דעם איינצעלנעם געלד־ אדער סחורה־בעזיצער ווערט אנגענומען ווי א תנאי קודם. דער מינימום פון וואריאבלען קאפיטאל איז דער קאסט־פרייז פון אן איינצעלנער ארבייט־קראפט, וועלכע ווערט פערנוצט טאג־איין, טאג־אויס דעם גאנצען יאהר אויף צו געווינען מעהרווערטה. ווען אט דער ארבייטער וואלט פערמאגט זיינע אייגענע פראדוקציאנס־מיטלען און וואלט זיך בעגנוגענט צו לעבען ווי אן ארבייטער, וואלט פאר איהם גענוג געווען די ארבייט־צייט, וואס איז נויטיג צו רעפראדוצירן זיינע לעבענס־מיטלען, לאמיר זאגען 8 שטונדען טעגליך. ער וואלט אויך געדארפט האבען פראדוקציאנס־מיטלען נאר פאר 8 ארבייט־שטונדען. פערקעהרט, דער קאפיטאליסט, וועלכער צווינגט איהם אויסצוארבייטען, א חוץ די 8 שטונדען, לאמיר זאגען נאך 4 שטונדען מעהר־ארבייט, מוז האבען נאך א צוגעגעבענע געלד־סומע, כדי צו פערשאפען זיך די צוגעגעבענע פראדוקציאנס־מיטלען. לויט אונזער השערה אבער מוז ער שוין בעשעפטיגען צוויי ארבייטער, כדי פון דעם מעהרווערטה, וואס ער נעהמט צו טעגליך, צו קאנען לעבען ווי אן ארבייטער; ד.ה. כדי צו קאנען בעפריעדיגען זיינע נויטווענדיגע בעדערפענישען. אין דעם פאל וואלט דער צוועק פון זיין פראדוקציאן געווען בלויז צו דערהאלטען זיין לעבען, גיט די פערמעהרונג פון רייכטום; בעת אין דער קאפיטאליסטשער פראדוקציאן איז דער צוועק די פערמעהרונג פון רייכטום. כדי ער זאל נאר קאנען לעבען נאכאמאל אזוי גוט ווי אן ארבייטער און

מיליאן ארבייטער—10 מיליאן ארבייט־שטונדען.... דאס קאפיטאל האט זיין גרעניץ פאר דער פערמעהרונג. די דאזיגע גרעניץ קאן אין יעדער געגעבענער פעריאדע געגרייכט ווערן אין דעם פאקטישען פערנעהם פון דער ארבייט־צייט, וואס ווערט פערנוצט אין דער ווירטהשאפט." "4n Essay on the Political Economy of Nations," London 1821, p. 48, 49.

קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל. כדי צו פּערענטפערן אָט דעם אויבנ־ אויפיגען ווידערשפּרוך, פאָדערן זיך נאָך פיעלע צווישענדיגע רינגען, פּונקט ווי אין דער עלעמענטאַרער אַלגעבראַ פאָדערן זיך פיעלע צווישענדע רינגען, כדי צו פערשטעהן, אַז $\frac{0}{0}$ קאָן פאָר־ שטעלען אַ ווירקליכע גרויס. הגם די קלאַסישע עקאָנאָמיע האָט קיינמאָל דאָס געזעץ ניט פאָרמולירט, פונדעסטוועגען האַלט זי זיך פעסט אָן איהם אינסטינקטיוו, ווייל עס איז אַ נויטווענדיגע קאָנ־ זעקווענץ פון דעם ווערטה־געזעץ בכלל. זי זוכט איהם צו ראַטעווען דורך אַ געוואַלטזאַמער אַבסטראַקציע. מיר וועלען שפּעטער זעהן,[203] ווי ריקאַרדאָ'ס שוהלע איז געשטרויכעלט געוואָרן אָן דעם אבן נגף. די וואולגאַר־עקאָנאָמיע, וועלכע האָט „טאַקע באמת גאָר נישט גע־ לערנט", כאַפּט זיך אָן דאָ ווי אומעטום פאַר דעם שיין פון דער זאַך אַנטקעגען דעם געזעץ פון דער ערשיינונג. זי גלויבט, להיפך צו שפּינאָזאַ, אַז „די אונוויסענהייט איז אַ גענוגענדער גרונד."

די אַרבייט, וואָס ווערט טאָג־איין, טאָג־אויס געבראַכט אין בעוועגונג פון דעם קאָלעקטיוו־קאַפּיטאַל פון אַ געזעלשאַפט, קאָן בעטראַכט ווערן ווי איין איינציגער אַרבייטס־טאָג. אויב צ.ב.ש. די צאָהל אַרבייטער איז אַ מיליאָן, און דער דורכשניט־אַרבייטס־ טאָג פון אַן אַרבייטער איז 10 שטונדען, דאַן בעשטעהט דער גע־ זעלשאַפטליכער אַרבייטס־טאָג פון 10 מיליאָן שטונדען. ביי אַ געגעבענער לענג פון דעם אַרבייטס־טאָג—סיי זיינע גרעניצען זיינען פעסטגעשטעלט פיזיש אָדער סאָציאַל—קאָן פערמעהרט ווערן די מאַסע פון דעם מעהרווערטה נאָר דורך אַ פערמעהרונג פון דער צאָהל אַרבייטער, דאָס הייסט פון דער אַרבייטער־בעפעלקערונג. דער וואוקס פון דער בעפעלקערונג פאָרמירט דאָ די מאַטעמאַטישע גרעניץ פאַר דער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה דורך דעם געזעל־ שאַפטליכען קאָלעקטיוו־קאַפּיטאַל. פערקעהרט, ביי אַ געגעבענער גרויס פון דער בעפעלקערונג ווערט אָט די גרעניץ פאָרמירט דורך דער מעגליכער פערלענגערונג פון'ם אַרבייטס־טאָג.[204] מיר וועלען

---

[203] גענויערעס וועגען דעם אין פערטען בוך. [פגל. דעם דריטען באַנד פון מאַרקס' „טעאָריען איבער דען מעהרווערטה". — ק.]

[204] „די אַרבייט, דאָס הייסט די פערנוצטע צייט אין דערווירטהשאַפט פון אַ געזעלשאַפט, איז אַ בעשטימטע גרויס, צ.ב.ש. 10 שטונדען טעגליך פון 1

דער נאַטור־וויסענשאַפט, האַלט אויס די ריכטיגקייט פון דעם געזעץ, וואָס העגעל האָט ענטדעקט (אין זיין „לאָגיק"), אַז ביי אַ געוויסען פּונקט גערען בלויז־קוואַנטיטאַטיווע ענדערונגען אַריבער אין קוואַליטאַטיווע אונטערשיידען.*[205]

דער מינימום פון דער ווערטה־סומע, וואָס אַן איינצעלנער געלד־ אָדער סחורה־בעזיצער מוז האָבען אין זיין רשות, כדי זיך צו פערוואַנדלען אין אַ קאַפּיטאַליסט, בייט זיך אויף פערשיידענע ענטוויקלונג־שטופען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, און איז פערשיידען, אויף אַ געגעבענער ענטוויקלונג־שטופע, אין די פערשיידענע ספערען פון דער פּראָדוקציאָן, לויט זייערע בעזונדערע טעכנישע בעדינגונגען. געוויסע פּראָדוקציאָנס־ספערען פאָדערן שוין אין די אָנפאַנגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן אַ מינימום קאַפּיטאַל, וועלכער געפינט זיך נאָך ניט אין די הענד פון איינצעלנע אינדיווידומען. דאָס רופט טיילווייז אַרויס די שטאַאַטס־אונטערשטיצונגען צו פּריוואַטע פּערזאָנען, ווי אַ שטייגער אין פראַנקרייך, אין קאָלבערט'ס צייט און אין איינינע דייטשע שטאַאַטען ביז אויף היינטיגען טאָג; און טיילווייז די פאָרמירונג פון געזעלשאַפטען מיט אַ געזעצליכען מאָנאָפּאָל צו בעטרייבען געוויסע אינדוסטריע־ און האַנדעלס־צווייגען[206] — די פאָרלויפער פון די מאָדערנע אַקציען־געזעלשאַפטען.

מיר וועלען זיך ניט אָבשטעלען אויף די פּרטים פון יענע פערענדערונגען, וואָס די שייכות צווישען קאַפּיטאַליסט און לוין־אַרבייטער האָט דורכגעמאַכט אין פערלויף פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, און ממילא אויך ניט אויף די ווייטערדיגע ענטוויקעלטע בעשטימונגען פון קאַפּיטאַל גופא. מיר וועלען דאָ נאָר בעטאָנען איינינע הויפּט־פּונקטען.

די אייגענע הענד." (ריטשאַרד דזשאָנס: 'Textbook of Lectures on the Political Economy of Motions," Herlford, 1852, Lecture III, p. 39.

*[205] די מאָלעקולאַרע טעאָריע, וואָס ווערט אַנגעווענדעט אין דער מאָדערנער כעמיע, און איז צוערשט וויסענשאַפטליך ענטוויקעלט געוואָרן פון לאורענט און גערהאַרדט, איז געבוים נאָר אויף אָט דעם געזעץ.

[206] מאַרטין לוטהער רופט אַז די דאָזיגע אינסטיטוציעס „די געזעלשאַפט מאָנאָפּאָליאַ".

א העלפט פון דעם פראדוצירטען מעהרווערטה צוריק אריינלעגען אין קאפיטאל, וואלט ער געמוזט אי די צאהל ארבייטער, אי דעם מינימום פון אויסגעלעגטען קאפיטאל פערגרעסערן 8 מאל אזויפיעל. געוויס קאן ער אליין דירעקט צולעגען א האנד אין דעם פראדוקציאנס־פראצעס, ווי זיין ארבייטער; אבער דאן איז ער נאר א צווישען־זאך צווישען קאפיטאליסט און ארבייטער, א „קליינער מייסטער". א געוויסער הויך־גראד פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן פאדערט, אז דער קאפיטאליסט זאל קאנען פערווענדען די גאנצע צייט, אין וועלכער ער פונקציאנירט אלס קאפיטאליסט, ד.ה. אלס פערזאניפיצירטער קאפיטאל, אויף צוצונעהמען און פאלגליך קאנטראלירן די פרעמדע ארבייט און צו פערקויפען די פראדוקטען פון דער דאזיגער ארבייט.[205] די גילדעם פון מיטעלאלטער האבען דעריבער געזוכט צו שטערן מיט געוואלט די פערוואנדלונג פון דעם האנדווערק־מייסטער אין א קאפיטאליסט, דורכדעם וואס זיי האבען בעשרענקט די צאהל ארבייטער, וואס אן איינצעלנער מייסטער מעג בעשעפטיגען, אויף זעהר א קליינעם מאקסימום. דער געלד־ אדער סחורה־בעזיצער ווערט צוערשט ווירקליך פערוואנדעלט אין א קאפיטאליסט, ווען די מינימום־סומע, וואס ווערט אויסגעלעגט אין דער פראדוקציאן, שטייגט א סך אריבער דעם מאקסימום פון מיטעלאלטער. דא, אזו גוט ווי אין

[205] דער פאכטער טאר זיך ניט פערלאזען אויף זיין אייגענער ארבייט, און אויב ער פערלאזט זיך יא, בעהויפט איך, אז ער וועט נאר פערלירן דערביי. זיין בעשעפטיגונג דארף בעשטעהן אין דער אלגעמיינער אויפזיכט אויף דעם גאנצען בעטריעב: ער דארף אכטונג געבען אויף דעם דרעשער, זיין לוין זאל ניט אויסגעגעבען ווערן אומזיסט, ווען די תבואה איז ניט גענוג אויסגעדראשען; ער מוז אויפפאסען אויף די שניטער, די קאסארעס א.אז.וו. ער מוז נאכאנאנד ארומגעהן איבער אלע פעלדער, זעהן אז קיין זאך זאל ניט פערנאכלעסינט ווערן, וואס עס וואלט פאסירן, ווען ער וואלט געבליבן אויף איין פלאץ." ("An Enquiry into the Connection between the Price of Provisions and the Size of Farms etc." by a Farmer, London 1773, p. 12.) די דאזיגע שריפט איז זעהר אינטערעסאנט. מען קאן פון דעם שטודירן די ענטשטעהונג פון דעם „קאפיטאליסט־פארמער", אדער „סוחר־פארמער", ווי ער ווערט אויסדריקליך אנגערופען, און בעמערקען זיין זעלבסט־פערהערליכונג לגבי דעם „קליינעם פארמער", וועלכער איז פערטאן מיט קוים מאכען א לעבען. „דער קאפיטאליסטישער קלאס ווערט צוערשט בעפרייט טיילווייז און ענדליך גאר אינגאנצען פון דער נויטווענדיגקייט צו ארבייטען מיט

פערוואנדעלט אין מיטלען אויף איינצוזויגען פרעמדע ארבייט. עס איז שוין ניט דער ארבייטער, וואס פערברויכט די פראדוקציאנס־מיטלען, נאר עס זיינען די פראדוקציאנס־מיטלען, וואס פערברויכען דעם ארבייטער. אנשטאט צו ווערן פערצעהרט פון איהם, ווי די מאטעריעלע עלעמענטען פון זיין פראדוקטיווער טהעטיגקייט, פערצעהרן זיי איהם ווי א פערמענט [א מיטעל וואס טרייבט אן טהעטיגקייט] פון זייער אייגענעם לעבענס־פראצעס, און דער לעבענס־פראצעס פון קאפיטאל בעשטעהט נאר אין זיין בעוועגונג אלס ווערטה, וואס פערמעהרט זיך אליין. שמעלץ־אויוועגס און ארבייטס־געביידען וואס רוהען ביינאכט און זויגען ניט איין קיין לעבעדיגע ארבייט, זיינען א „ריינער היזק" פאר דעם קאפיטאליסט. דעריבער זיינען שמעלץ־אויוועגס און ארבייט־געביידען א לעבעדיגע „תביעה אויף דער נאכט־ארבייט" פון די ארבייט־קרעפטען. די איינפאכע פערוואנדלונג פון געלד אין מאטעריעלע פאקטארען פונ'ם פראדוקציאנס־פראצעס, אין פראדוקציאנס־מיטלען, פערוואנדעלט זיי אין געזעצליכע טיטולען און צוואנג־טיטולען אויף פרעמדער ארבייט און מעהר־ארבייט. נאך איין ביישפיעל וועט צום שלוס בעווייזען, ווי אט די אייגענטימליכע פערקעהרטקייט, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן,— ווי אט די צומישונג פון דער שייכות צווישען טויטער און לעבעדיגער ארבייט, צווישען ווערטה און דער קראפט וואס שאפט דעם ווערטה,—שפיגעלט זיך אב אין בעוואוסטזיין פון די קאפיטאליסטישע קעפ. אין דער צייט פון דעם אויפשטאנד פון די ענגלישע פאבריקאנטען, צווישען 1848 און 1850, האט געשריבען „דער הויפט פון דער לייזעגעט און באוועל שפינעריי אין פייזלעי, פון דער פירמע קארלייל, זיהן און קאמפאניע, איינע פון די עלטסטע און רעספעקטאבלסטע פירמען פון וועסט־שאטלאנד, וועלכע עקזיסטירט זינט 1752 און ווערט געפיהרט פון פיער דורות פון דערזעלביגער פאמיליע"—אט דער העכסט „אינטעליגענטער זשענטלמאן" האט אלזא געשריבען אין די „גלאזגאוו דיילי מייל" פון 25טען אפריל 1849 א בריעף[207] אונטער דעם טיטול „דער רעלייסיסטעם", אין וועלכען עס געפינט זיך צווישען אנדערע זאכען

[207] רעפארטס עטצ., אפריל 1849, ז. 59.

אין דעם פראָדוקציאָנס־פּראָצעס האָט קאפּיטאל בעקומען די קאָמאנדע איבער דער ארבייט, ד.ה. איבער דער טהעטיגער אר־ביימס־קראפט אָדער דעם ארבייטער גופא. דער פּערזאָניפיצירטער קאפּיטאל, דער קאפּיטאליסט, פּאסט אויף, דער ארבייטער זאָל טהאָן זיין ארבייט בשלימות און מיט דעם ריכטיגען גראד פון אינטענסיוויטעט.

קאפּיטאל האָט זיך ענטוויקעלט ווייטער אלס א צוואנג־שייכות, וואָס צווינגט דעם ארבייטער־קלאס ארויסצוגעבען מעהר ארבייט ווי־פיעל עס פאָדערט דער ענגער קרייז פון זיינע לעבענס־בעדערפענישען. און אלס אן ארויסברענגער פון פרעמדער אר־בייטזאמקייט, אלס אן אויסזויגער פון מעהר־ארבייט און עקס־פּלואטאטאָר פון ארבייטס־קראפט שטייגט ער אריבער אין ענער־גיע, גרעניצלאָזיגקייט און ווירקזאמקייט אלע פריהערדיגע פּראָ־דוקציאָן־סיסטעמען, וואָס זיינען געוועזען געבויט אויף דירעקטער צוואנג־ארבייט.

קאפּיטאל מאכט פון אָנפאנג די ארבייט אונטערטעניג צו זיך אונטער די טעכנישע בעדינגונגען, אין וועלכע ער געפינט זי היסטאָריש. ער ענדערט דעריבער ניט דירעקט דעם פּראָדוק־ציאָנס־אופן. די פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה, אין דער פאָרם וואָס מיר האָבען זי ביז אהער בעטראכט, דורך אן איינפאכער פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג, האָט זיך דעריבער בע־וויזען אונאָבהענגיק פון יעדער ענדערונג אין דעם פּראָדוקציאָנס־אופן גופא. אין דער אלט־מאָדישער בעקעריי איז זי געוועזען ניט וועניגער ווירקזאם, ווי אין דער מאָדערנער באוועל־שפּינעריי.

ווען מיר האָבען בעטראכט דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס פון דעם שטאנדפּונקט פון דעם ארבייט־פּראָצעס, האָט זיך ארויסגע־וויזען, אז דער ארבייטער פערהאלט זיך צו די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ניט ווי צו קאפּיטאל, נאָר פּשוט ווי צו א מיטעל און מאטעריאל פון זיין צוועקמעסיגער און פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט. אין א גארבעריי, צ.ב.ש., בעהאנדעלט ער די פעל ווי זיינעם א פּשוט'ן ארבייטס־געגענשטאנד. ער גארבערט א פעל, ניט דעם קאפּיטאליסט'ס פעל. עס איז אנדערש ווען מען בעטראכט דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס פון דעם שטאנדפּונקט פונ'ם פּראָצעס פון שאפען מעהרווערטה. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען האָבען זיך תיכף

שפּינגרלען פון רעמזועלבען סאָרט, נאָר אויך פאַר דער מעהר־פּ
וואָס זיי העלפען אַרויספּומפּען יעדען טאָג פון די בראַווע וו
שאָטלאַנדער פון פייזלעי; און דערפאַר מיינט ער טאַקע, אַז
קירצענדיג דעם אַרבייטס־טאָג אויף 2 שטונדען, וועט דער
קויף־פּרייז פון יעדע 12 שפּין־מאַשינען צוזאַמענגעשרומפּט
און אַרונטערפאַלען צו דעם פּרייז פון 10 מאַשינען!

די פאָלגענדע ווילד־נאאיווע שטעלע: „לאָמיר איצט בעטראַכטען די צרות, וואָס וועלען קומען פון אַ פערקירצונג פון דער אַרבייט־צייט פון 12 אויף 10 שטונדען.... דאָס וועט בעטייטען אַ העכסט ערנסטער שאָדען פאַר דעם פאַבריקאַנט׳ס אויסזיכטען און זיין אייגענטום. ווען ער (ד.ה. זיינע „הענד״) האָט פריהער גע־אַרבייט 12 שטונדען און ווערט איצט בעשרענקט אויף 10 שטונ־דען, ווערן יעדע 12 מאַשינען אָדער שפּינדלען פון זיין פאַבריק („then every 12 Machines or spind-צוזאַמענגעשרומפּט אין 10 els in his establishment shrink to 10״) און זאָל ער וועלען פער־קויפען זיין פאַבריק, וועלען זיי געשאַצט ווערן נאָר אין דעם ווערטה פון 10, אַזוי אַז עס ווערט דערמיט אַרונטערגעצויגען אַ זעקסטער טייל פון דעם ווערטה פון יעדער אייציגער פאַבריק אין גאַנצען לאַנד.״[208]

פאַר אָט דעם בירושה־אָבגעשטאַמטען קאַפּיטאַליסטישען מוח פון וועסט־שאָטלאַנד איז אַזוי צונויפגעמישט דער ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון די שפּינדלען א.אז.וו. מיט זייער קאַ־פּיטאַל־אייגענשאַפט צו פערמעהרן דעם אייגענעם ווערטה אָדער איינצושלינגען יעדען טאָג אַ בעשטימטע סומע פרעמדע אומזיס־טיגע אַרבייט, ניט־בעצאָהלטע אַרבייט, אַז דער הויפּט פון דער פירמע קאַרלייל און קאָמפּ. שטעלט זיך ווירקליך פאָר, אַז ווען ער פערקויפט זיין פאַבריק, וועט מען איהם אויסצאָהלען ניט נאָר דעם ווערטה פון די שפּינדלען, נאָר אַ חוץ דעם אויך פאַר זייער כח אַרויסצושלעפּען מעהרווערטה. ער מיינט, אַז מען וועט איהם בעצאָהלען ניט נאָר פאַר דער אַרבייט, וואָס עס שטעקט אין די דאָזיגע שפּינדלען און וועלכע פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן אַנדערע

---

[208] דאָרט גופא, ז. 60. דער פאַבריק־אינספּעקטאָר סטוּאַרט, אַליין אַ שאָט־לענדער, און פערקעהרט ווי די ענגלישע פאַבריק־אינספּעקטאָרען, אַ מענש וואָס איז אינגאַנצען פערכאַפּט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען אַרט דענקען, בעמערקט אויסדריקליך, אַז אַט דער בריעף, וועלכען ער האָט פערקערפּערט אין זיין בעריכט, איז „די ניצליכסטע מיטטיילונג וואָס ווער עס איז פון די פאַבריקאַנטען, וועלכע ווענדען אָן דעם רעליי סיסטעם, האָט ווען עס איז געמאַכט, און מען קאָן גאַנץ בעזונדערס רעכענען, אַז ער וועט דינען אָוועקצונעהמען די פאָראורטיילען און די טענות אַנטקעגען דעם דאָזיגען סיסטעם.״

די קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

געגרינדעט יאַנואַר 1913. אינקאָרפּאָרירט 1915, ניו יאָרק.

די געזעלשאַפט איז ארויסגעוואקסען פון דעם „קראָפּאָטקין יובילעאום קאָמיטעט”, וועלכער האָט זיך אָרגאַניזירט אין יאָהר 1912 ארויסצוגעבען פעטער קראָפּאָטקין׳ס ווערק אין אידיש לכבוד זיין 70 יעהריגען יובילעאום.

רעאָרגאַניזירענדיג זיך א יאָהר שפּעטער אלס אן א ו נ פ א ר ט י י א י ש ע ליטעראַטור־געזעלשאַפט מיט ברייטערע אויפגאַבען, וועלכע בעצוועקט ארויסצוגעבען אַלע אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע קלאַסיקער, ווי אויך אַנדערע ווערטהפולע סאָציאַל־פּאָליטישע ווערק, אין אידיש, איז בעשלאָסען געוואָרן צו פעראייביגען די געזעלשאַפט מיט דעם עהרען־נאָמען פון דעם גרויסען לעהרער און פרייהייטס־קעמפפער אלס די ק ר א פ א ט ק י ן ל י ט ע ר א ט ו ר־ג ע ז ע ל ש א פ ט.

יעדער פריי־דענקענדער מענש קאָן ווערן א מיטגליעד אין דער געזעלשאַפט, ווען ער צאָהלט איין דעם יעהרליכען בייטראג פון ‎$1.25‎. דאָס יאָהר פון דער געזעלשאַפט רעכענט זיך פון דעם 1טען מאי ביז דעם נעקסטען 1טען מאי.

איינמאָל א יאָהר קומט פאָר אן אַלגעמיינע מיטגליעדער־פער־זאמלונג, אויף וועלכער עס ווערט אָבגעגעבען א בעריכט פון דער טהעטיגקייט און דעם פינאנציעלען צושטאנד פון דער געזעלשאַפט; עס ווערט געהאלטען א וויסענשאַפטליכער פּאָרטראג פון א בע־וואוסטען אידישען געלעהרטען, און עס ווערט געוועהלט א דריטעל פון די מיטגליעדער פון פערוואַלטונגס־ראַטה.

ווערט אַ מיטגליעד אין דער קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט!

איהר קריגט פאַר דעם ‎$1.25‎ בייטראג: 1) צוויי ביכער א יאָהר אין ווערטה פון 2 דאָל. אָדער מעהר; 2) די פאָריגע ביכער פון דער געזעלשאַפט אלס פּרעמיום פאַר א העלפט פּרייז. 3) איהר זייט בערעכטיגט צו א שטימע ביי די פערהאנדלונגען אויף דער יעהרליכער גענעראל־פערזאמלונג, א חוץ וואָס איהר ווערט א חבר צו טויזענדער ראַדיקאַלע און פריידענקענדע מענשען איבער׳ן גאַנצען לאַנד און העלפט ארייגברענגען די קלאַסישע סאָ־ציאַליסטישע ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך.

אַדרעסירט אַלע בריעף און געלד־זענדונגען אויף דעם אדרעס פון דעם טרעזשורער פון דער געזעלשאַפט:

Dr. J. A. Maryson, 250 E. Broadway, New York, N. Y.

די קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט

האָט ביז איצט ארויסגעגעבען די פאָלגענדע ווערק:

מעמוארען פון א רעוואָלוציאָנער

פון פעטער קראָפּאָטקין.

איבערזעצט פון ג. דייוויד, מיט א פּאָרטרעט פון געאָרג בראַנדעס. 256 זייטען. פּרייז 1 דאָל.

געגענזייטיגע הילף

ביי חיות און מענשען.

מיט א ספּעציעלער פאָררעדע פון פערפאסער צו דער אידישער אויסגאבע. איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן. 448 זייטען. פּרייז 1 דאָל.

פעלדער, פאַבריקען און ווערקשעפּער

פון פּעטער קראפּאָטקין.

איבערזעצט נאָך דער לעצטער ענגלישער אויסגאבע פון דר. י. א. מעריסאָן. 410 זייטען. פּרייז 1 דאָל.

אלע דריי קראפּאָטקין ביכער זיינען אייניהייטליך געבונדען אין א שעהנעם עקסטרא קלאָטה.

דער איינציגער און זיין אייגענטהום

פון מאַקס שטירנער.

מיט א ביאָגראַפישער סקיצע און איינלייטונג. איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן. 504 זייטען, קלאָטה. פּרייז $1.25

געקליבענע שריפטען

(די וויסענשאַפט און די ארבייטער, קאַפּיטאַל און ארבייט).

פון פערדינאַנד לאַסאַל.

איבערזעצט פון א. א. ראָבאק. 434 זייטען קלאָטה. פּרייז 1 דאָל.

וואָס איז אייגענטהום

פון פּ. זש. פּרודאָן.

איבערזעצט און איינגעלייטעט פון דר. א. קאַראַלניק. 341 זייטען, קלאָטה. פּרייז 1 דאָל.

דאָס קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס.

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן. ערשטער טייל, 477 זייטען, קלאָטה. פּרייז $1.25.

מיטגליעדער, וועלכע האָבען איינגעצאָהלט זייער ביי־טראג (1.25) פאַר דעם לויפענדען יאָהר, קאָנען בעקומען אלס פּ ר ע מ י ו ם יעדען פון די פריהער־ערשיענענע ביכער פאַר העלפט פּרייז. פּאָרטא פאַר יעדען בוך, 15 סענט עקסטרא; פאַר אלע 7 ביכער צוזאַמען, 75 סענט.

פֿ
ר בריטענער
ב